STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03855

OYSGEVEYLTE VERK

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום עליכם

אויסגעוויילטע ווערק

שלום עליכם

אויסגעוויילטע ווערק

זעקסטער באנד

בלאָנדזשענדיקע שטערן

צווייטער טייל

נע=ונד

פאַרלאַג „יידיש בוך" וואַרשע 1955

SZOLEM ALEJCHEM

DZIEŁA WYBRANE

VI tom

Redaktor: D. SFARD

רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

Słownik hebrajski wykonał: F. FRID

פֿאַרטייטשונגען פֿון העברעישע ווערטער: פ. פ ר י ד

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 4659. Nakład 5.500 egz. Druk ukończono w październiku 1955 r. Ark. druk. 20,75. Ark. wydawn. 17. Papier druk sat. V kl. 61 x 86 cm. 80 g.
Druk. RSW „Prasa“, Warszawa, Tarczyńska 8. B-6-52079

קאַפּיטל איינס

מיסטער קלאַמער

דער לאָנדאָנער ווייטשעפּל — דאָס איז אַ מין בערדיטשעוו, אָדער ווילנע, אָדער בראָד, אָדער אַלע דריי צוזאַמען, און אפשר גאָר ירושלים. אין ערגעץ שלאָגט נישט אַזוי דער יידישער דופק, ווי דאָרט, אין ערגעץ פילט זיך נישט א ייד אַזוי היימיש, ווי דאָרט. דאָס אויסזען איז אונדזער אויסזען, דאָס לשון איז אונדזער לשון. דאָס לויפן, דאָס יאָגן, דאָס שרייען, דאָס מאַכן מיט די הענט, —אַלצדינג, ווי ביי אונדז. אפילו דער האנדל, די פּרנסות — די זעלבע. דאָס הייסט, איך וויל זאָגן, אַז די יידן האָבן דאָרט קיין שום נייעס נישט אויפגעטאָן. זיי לעבן דאָרט איינער פונעם אַנדערן, רייסן איינער ביים אנדערן פון די הענט, — וואָס זאָג איך, פון די הענט? — טאַקע דעם ביסן פונעם מויל. מיט איין וואָרט, זענט איר געקומען אַ ה י ן, הייסט עס, אַז איר זענט געקומען א ה יי ם. איר האָט קיין דאַגה נישט מיט קיין יידיש גאַכטלעגער, מיט קיין יידישער שול, מיט קיין יידישן מאָלצייט.

רעדנדיק פון מאָלצייטן, דאַרף מען אייך רעקאָמענדירן אַ יידישן רעסטאָראַן סאַמע אין רעכטן מיטן ווייטשעפּל מיטן נאָמען „קאַפּע נאַציאָנאַל“. דאָס איז נישט נאָר אַ יידישער רעסטאָראַן, דאָס איז אַ יידישער קלוב, וואָרעם צו יעדער צייט, ווען איר זאָלט נישט אריינקומען אהין, טרעפט איר אַן ערב־רב פון אַלערליי יידן, פון כל המינים טיפּן, וועלכע נאָר אייער הארץ גלוסט: בערזעמעקלערס, דאָקטוירים פון פילאָזאָפיע, קאָמיוואָיאזשאָרן, מיסיאָנערן, הויזירערס, אַרטיסטן פון יידישן טעאטער, דימענט־הענדלער, קאָנטאָריסטן, צייטונגס־שרייבער, שאַך־שפּילער, פּריקאזטשיקעס, ציוניסטן, טעריטאָריאליסטן און גלאַט יונגעלייט, וואָס מע ווייסט נישט, ווער זיי זענען און וואָס זיי טוען, נאָר זיי שרייען און פילדערן, לאַכן און רויכערן, און ס'איז פול מיט זיי דער קלוב. נאָר מער פון אַלעמען רויבערט און שרייט און פילדערט דער באַלעבאָס אַליין, מיסטער קלאַמער, וועלכן מיר האָבן די ערע אייך פאָרצושטעלן.

מיסטער קלאמער איז אַ ייד אַ גאַליציאַנער, אַ מענטש אַ בר־דעת, מיט אַ הדרת־פּנים און מיט אַ הערצל־באָרד, האַלט זיך דעריבער פאר א שיינעם מענטשן און פאר אַ ציוניסט. אליין איז מיסטער קלאמער געשטימט מער טערי־טאָריאַליסטיש, דאָס הייסט, ער איז קיין טעריטאָריאַליסט אויך נישט. און בכלל האַלט ער נישט פון קיין חברות און פון פּאַרטייען, מחמת דעם, פאַרשטייט איר מיך, וואָס מיסטער קלאמער איז בטבע אַן אַפּיקורס. ער גלייבט נישט קיינעם, אויסער זיך. נאָר אז מע קומט צו גיין און מע זאָגט אים אין די אויגן, אַז ער האָט פונקט אַזאַ באָרד, ווי דער דאָקטאָר הערצל, ס'זאָל דאָס פעלן א האָר, האָט ער זיך שוין איינגעשריבן צווישן ציוניסטן, נאָר מיט א תנאי, אַז באם טאָמער מאכט זיך, עס גערעט מיסטער זאַנגווילן, ער קריגט אַ פּאַסנדיקע טעריטאָריע פאר יידן, האָט ער, מיסטער קלאמער, קעגן דעם גאָרנישט וואָס אויסצוזעצן. דאָקטאָר הערצל איז אַוודאי אַ גרויסער מענטש, אַ דזשענטלמען. מיסטער זענגוויל איז אָבער אויך נישט קיין ייִנגעלע. „לעבען און לעבן לאססען" — דאָס איז מיסטער קלאמערס פּרינציפּ. מיסטער קלאַמער איז איבערהויפּט א מענטש פון פּרינציפּן, און רעדט ענגליש, און מיינט, אַז ער רעדט, ווי אן עכטער ענגלענדער. און דערצו האַלט ער זיך פאר א שטיק למדן, אַ יודע־ספר, און ס'איז גאָר נישטאָ אַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל דערפון נישט ווייסן. דאָס געשעפט, דעם רעסטאָראַן, הייסט עס, האָט ער פיינט, ווי אַ כשרער ייד האָט פיינט חזיר, קוקט נישט אַפילו אין ווינקל אריין, נאָר אַז עס קומט צום חשבון, טוט ער אַ טובה און נעמט געלט — אַבי מע גיט אים. וואָרעם אז מע גיט אים נישט, איז אויך פאַרפאַלן. ביי אים איז אַ פּרינציפּ: כל דכפין ייתי וייכול — יידן קומען, עסן זיך אָן, טרינקען זיך אָן און פאָרן אַוועק קיין אַמעריקע — גיי זוך זיי. דער חסרון איז נאָר, וואָס ער אליין, מיסטער קלאַמער, הייסט עס, טייטשט אויס אַזוי דעם פּסוק. צופיל רעדט מיסטער קלאמער פון זיך און פון זיין קענען די וועלט און פון זיין גוטהאַרציקייט. ובכלל רעדט מיסטער קלאמער א ביסל צופיל. נאָר פאַרוואָס זאָל ער נישט רעדן, אַז קיין אנדער אַרבעט האָט ער נישט? אַרבעטן אין געשעפט — אַרבעט זיין ווייב, די מיסעס קלאמער, אַ יידענע אַן אויסגעהאָרעוועטע ביים אויוון, אַ פאַרוויכטע און אַ פאַר־פּינצטערטע, קוקט נישט אָן דעם פאַררויכערטן פאַרוויינטן לאָנדאָנער הימל, אחוץ שבת. קומט שבת, טוט זי אָן די „העט" מיט א שיינעם „דרעסס" און ווערט אַ „לעדי". דערפאַר אָבער זעט זי, אַז איר מאַן, מיסטער קלאמער, זאָל האָבן זיין „ברעקפעסט" מיט זיין „דינער" צו דער צייט. נאָכן עסן מוז ער זיך צושפּאַרן, כאַפּן אַ דרימל, און נאָכדעם שוין קאָנט איר אים זען אָדער ארומשפּאַצירן איבער זיין קלוב און גלעטן זיך זיין הערצל־באָרד, אָדער — זיצנדיק מיט עמעצן ביי אַ טישל, ווי אַ גאַסט, ביי אַ גלעזל ביר, מיט אַ ציגאַר, און באַקלאָגן זיך אויף זיין פינצטער מזל: „אָך און וויי די יאָר, אַז עך, מיסטער קלאמער, באַדאַרף פאַרקויפן

לאָקשן! נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז מע דאַרף לעבן? אָדער ווי זאָגט דער ענגלענ־דער: „יו מאָסט וואָרק פֿאָר יור ליווינג“...

גיין. מיסטער קלאַמער האָט פֿיינט דעם רעכטאָראַ, קאָן נישט אָנקוקן די דאָזיקע פּרנסה. ער האָט בעסער ליב קהלשע געשעפֿטן, מישן זיך אין די לאָנדאָנער צדקה־חברות, זאָגן דעות אויף די רוסישע עמיגראַנטן, וואָס הייסן ביי אים נישט מיט קיין אַנדער נאָמען, אויסער: „די קאַצאַפּעס“ אָדער „די שנאָרערס“. נאָך זיין מיינונג, האָט מען אַלע רוסישע יידן באַדאַרפֿט נעמען און אויפֿהענגען אויף איין שטריקל. אפֿשר מיינט איר, אַז מיסטער קלאַמער איז, חלילה, אַזאַ שלעכטער מענטש? אָדער אפֿשר מיינט איר, אַז די ענגלישע יידן האָבן ביי אים מער חן? האָט איר א טעות. מיסטער קלאַמער, אז עס קומט אים אָן, קאָן ער אייך אָפּזידלען (געוויינלעך, הינטער די אויגן) אַלע לאָנדאָנער גבירים, די יידישע לאָרדן, מאַכן זיי מיט דער בלאָטע. מיסטער קלאַמער איז אַ מענטש מיט אַמביציע: פּרוווט אים זאַטשעפּען מיט אַ וואָרט, וועט איר זיך נישט אויסבאָדן וויל איר וועט לעבן. די, וואָס קענען אים, היטן זיך. אַנישט, זאָל ער אייך אַליין אריינמישן זיך צווישן די געסט, אריינשפּרינגען פּלוצעם, בעת יענע האַלטן אין מיטן אַ שמועס, מעלדן זיך צום וואָרט: „יידן, לאָזט מעך! עך וועל אייך זאָגן אויפֿריכטיק, אַז איר אַלע ווייסט נישט מה דקאמרי רביצין. רעדן קאָסט קיין געלט נישט, אָדער ווי זאָגט דער ענגלענדער: „טוק איז טשיפּ“... — אַזוי לאָזט אוים מיסטער קלאַמער און נעמט זיך אָן ביי זיין הערצל־באָרד: „ווענן וואָס, אייגנטלעך ,האנדלט זיך דאָ ביי אייך, למשל?“...

איינמאָל האָט זיך געטראָפֿן א מעשה. צום מיסטער קלאַמער האָט זיך צוגע־לאָנטשעט אַ מאָדנער פֿאַרשוין און האָט פֿאַרגעסן ביי אים אַ פּעקל מיט כתבים, אַ גאַנצן אוצר... נאָר מיר גיבן איבער מיט די ווערטער פֿון מיסטער קלאַמער, ווי ער אַליין דערציילט פֿונעם דאָזיקן פֿאַרשוין, ווי ער האָט זיך מיט אים באַגעגנט און וואָס פֿאר אַן אוצר עס איז אריינגעפֿאלן צו אים אין די הענט גאָר אומגעריכט.

— אָט דאָס פּעקל, וואָס איר זעט, איז פֿאַרבליבן ביי מיר א ירושה פֿון איינעם עפּעס אַ שנאָרער, אַן ארטיסט פֿון די יידישע ארטיסטן, אַ קליינינטשקער, אַ הייזעריקער, מיט ממזרישע אויגן, עך זאָל אַזוי וויסן פֿון אים, ווי עך ווייס, ווער ער איז און וואָס ער איז און פֿון וואַנען ער איז! ביי מיר איז אַ פּרינציפּ, אַז יענער זאָגט מיר נישט, דאַרף מען נישט — איטלעכער האָט זיך זיין פּעקל, אָדער ווי זאָגט דער ענגלענדער: „סטוק טו יורגינס“... הקיצור, צוויי וואָכן דורכאנאנד האָט ער ביי מיר געפּרעסן און געזויפֿן, געזאָגט, אַז ער האָט דאָ אַ באַקאַנטע שפּילערין, וואָס פֿאַרדינט מיליאָנען. איז ער מיט איר, זאָגט ער, אַ נאָענטער שמעלקע. עס איז שווער, זאָגט ער, איידער מע דערשלאָגט זיך צו איר. נאָר קוים, זאָגט ער, וועט ער זיך נאָר דערשלאָגן, אַזוי ווערט ער אָפּגעשאָטן מיט געלט, ווי א חתן מיט גערשטן. אָלל־רייט! ביי מיר איז אַ פּרינציפּ: אַ מענטש זאָגט — מסתמא איז

ער באַגלויבט, אָדער ווי זאָגט דער ענגלענדער: „זיהינג איז בעליווינג“... איינמאָל קומט ער צו מיר צו גיין, אָט דער שלימזל, ער זאָל אים אויסלייען אַ פּאָר שילינג. ער דאַרף, זאָגט ער, געבן אַ פּאָר אַראָפּ אויף איין טאָג אָט דאָ נישט ווייט קיין ברייטען — אַן ערטל אַזעלכעס, נישט ווייט פון לאָנדאָן, ווו עס פּאָרן אַרוים אַלע לאָרדן און רייכסטע מאגנאַטן. דאָרט, זאָגט ער, געפינט זיך איצט די באַרימטע זינגערין, אָדער די שפּילערין. און בעת־מעשה נעמט ער און גיט מיר איבער עפּעס אַ פּעקל, אָדער, ווי מע רופט דאָס אין ענגליש, אַ „האַנד־בעג“ — ער זאָל עס אים באַהאַלטן, פֿאַרשליסן, זאָגט ער, אונטערן שלאָס, וואָרעם דאָרט ליגן, זאָגט ער, נויטיקע פּאַפּירן, וואָס האָבן די ווערט, זאָגט ער, מי יודע וויפל. אָלל־רייט! ביי מיר איז א פּרינציפּ: אַ מענטש זאָגט — מסתמא איז ער באַגלויבט, ווי זאָגט דער ענגלענדער: „זיהינג איז בעליווינג“... גיי ער און גיב אים עטלעכע שילינג און נעם ביי אים צו אָט דאָס פּעקל, דעם האַנד־בעג, און פֿאַרשליס עס אויבן ביי מיר אין שרייבטיש. און ער וואַרט אויף דעם שנאָרער אַ טאָג און צוויי און דריי און אַ וואָך און א חודש און א יאָר — אַזוי ווי איר האָט אים געזען, אַזוי האָב ער אים געזען, ביז היינטיקן טאָג, גיי זוך מעד, אָדער ווי זאָגט דער ענגלענדער: „קעטש מי איף יו קען“... איינמאָל דערמאַן איך מעך אינעם סעטשעל, אָדער אינעם האַנד־בעג פונעם שלימזל. ער טו מיך א נעם צום סעטשעל, ס'איז כדאי צו וויסן, וואָס פֿאַר אַ דאָברע־מזל דאָרט קאָן ליגן. ער טו אַ קוק — כתבים אויף יידיש געשריבן! אָלל־רייט, — טראַכט ער מיר, — אלע בייזע חלומות אויף זיין קאָפּ! אויף וואָס דאַרף ער זיי? וואָס וועל ער מיט זיי מאַכן?... וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן זיי? ווי זאָגט דער ענגלענדער: „טראַש מיט אָלט“!...

אָט אזוי דערציילט מיסטער קלאמער פונעם אוצר, וואָס גאָט האָט אים צוגע־שיקט און וואָס באַשטייט פון אַ פּעקל כתבים, אין יידיש געשריבן. און ווייל די דאָזיקע כתבים האָבן אַ גאָענטע שייכות צו אונדזער ראָמאַן, גיבן מיר דאָ אַ ריכ־טיקע קאָפּיע פון זיי, אין דער האָפֿענונג, אז דער לעזער וועט שוין אַליין טרעפֿן פון וועמען און צו וועמען זיי זענען געשריבן.

קאַפּיטל צוויי

אַ פּעקל בריוו

ערשטער בריוו

איך שרייב צו דיר אַ בריוו, מיין טייערער, און פרעג מיך, צו וואָס טו איך עס? ווייס איך דען, ווו דו ביסט און וואָס דו ביסט און וואָס מיט דיר טוט זיך? איך האָב אָבער אַ האָפֿענונג, אַז נישט היינט, איז מאָרגן — אַלע טאָג, אַלע שעה, אַלע מינוט האָף איך, טאָמער ווער איך פֿאָרט אַ מאָל געוווירו, ווו דו ביסט,

לאָמיך דיר כאָטש אַרויסשרייבן אַלצדינג, וואָס מיט מיר האָט זיך אָפּגעטאָן פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך בין אַוועק פון האָלענעשטי, ביז צו היינטיקן טאָג. בעת איך שרייב צו דיר, מאָלט זיך מיר אויס, אז דו זיצסט געבן מיר און איך דערצייל דיר און דערצייל דיר. געוויינטלעך, וועל איך נישט קאָנען אַלצדינג אַזוי גוט און אזוי דייטלעך אַרויסשרייבן, ווי איך וואָלט דאָס דיר געקאָנט איבערגעבן פערזענלעך, וואָרעם ווי קומט צו מיר קענען שרייבן? דאָס ביסל יידיש, וואָס איך קען, האָב איך אויך צו פאַרדאַנקען מיין טאַטן דעם חזן. ער פלעגט מיר אָבער שטענדיק זאָגן: „אלע יינגלעך זיצן און שרייבן — שרייב אויך. וואָס וועט דיך ארן, אַז דו וועסט קענען? געדענק, טאָכטער, עס וועט דיר אַמאָל צוניץ קומען!“... היינט זע איך, ווי ווייט ער איז געווען גערעכט...

פון וואַנען ווילסטו, טייערער, זאָל איך דיר אָנהייבן דערציילן? פון יענעם שבתצונאכטס — געדענקסטו? אוי, יענעם שבתצונאכטס, אַז איך בין נישט געשטאָרבן פאר שרעק אליין, איז א סימן, אַז איך וועל לאנג לעבן. איידער איך האָב דערלעבט הערן דעם זייגער אויסשלאָגן צוועלף, איז מיר שיער דאָס הארץ ארויסגעשפרונגען. איטלעכע מינוט איז מיר געווען א שעה. וואָס זאָג איך — א שעה? אַ טאָג, אַ יאָר. און אַז דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף, האָב איך מיך פאַוואָלינקע אויפגעהויבן, פאַוואָלינקע אויפגעעפנט דאָס פענצטער און געגעבן אַ קוק אַרויס אין דרויסן — אַ נעכטיקער טאָג, פינצטער־חושך. נישטאָ קיינער!... וואָס האָב איך אין דער מינוט נישט איבערגעטראכט? — ווו נאָר ערגעץ א שלעכטע מחשבה, איז זי מיר געקראָכן אין קאָפּ אריין. מער פון אַלץ האָב איך מורא געהאט פאר דיר, מיין טייערער. טאָמער האָט זיך מיט דיר חלילה עפּעס געטראָפן... נאָר אָט הער איך אַ פייף, און נאָך אַ פייף — אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט מיט דעם הייזעריקן פארשוין (אָט דער, וואָס מע רופט אים שלום־מאיר מוראווטשיק)... דאָס הארץ — ווי אַ זייגערל: טיק־טיק־טיק. הענט און פיס ציטערן. א מאָדנע קעלט אויף מיר. „רייזל, מאַך צו דאָס פענצטער! רייזל, דעק דיך איבער מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און — א גוטע נאַכט!“ — אַזוי טראכט איך מיר אַ מינוט און דערמאָן מיך אָבער באלד אין דעם, וואָס מיר האָבן אָפּגערעדט... און דערמאָן מיך אין דער שבועה, וואָס מיר האָבן געשווירן, און אינעם תקיעת־כף, וואָס מיר האָבן זיך געגעבן אין דער נאַכט פון דער שרפה — געדענקסט נאָך יענע נאַכט פון דער שרפה?... און איך גיב מיך אַ כאַפּ אויף: „זייט געזונט, טאטע־מאַמע! זיי געזונט, האָלענעשטי! עס לאָזט אייך גרוסן דעם לעצטן מאָל דעם חזנס מיידל... אוים רייזל!... ארויסגעפלויגן דאָס פייגעלע פונעם שטייגעלע“... אזוי געזעגן איך מיך מיט די פיר ווענט און צעקוש מיך מיטן קאָפּנקישעלע. און עס טוט מיר ווי דאָס הארץ און האָב רחמנות אויפן טאַטן נעבעך: וואָס וועט ער זאָגן מאָרגן אין דער פרי?... דאָס געדויערט אָבער נישט מער ווי א מינוט, אפשר נאָך ווינציקער ווי אַ מינוט—און איך בין שוין אויף יענער זייט פענצטער, אויף דער גאַס. „גאָטס

גאָס" איז טויט. ווי צוויי שאָטנס גייען מיר ביידע, איך און דער הייזעריקער. איך לויף, ער לויפט מיר נאָך. קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטעם. ערשט אין עק, ביי אַשר דעם בעקערס אָפּגעברענטער שטוב, שטעלן מיר זיך אָפּ ביידע, איך און דער הייזעריקער. ער קוקט אויף מיר, איך — אויף אים. דערנאָך צעלאַכט ער זיך שטיל, מיט זיין הייזעריקן געלעכטער: „מיידעלע, זאָגט ער, דו לויפסט אַזוי, אַז איך האָב דיך קוים געכאַפּט". און ער בינדט אויף עפּעס אַ פּעקל. דאָרט ליגט אַ צעריסענער קעצענער בורנוס מיט אַן אַלטן שאַל. „וואָס איז דאָס?" — „דאָס איז, זאָגט ער, פון דיינעטוועגן, קעצעלע, זאָלסט זיך איבערטון, מע זאָל דיך, זאָגט ער, חלילה נישט פּאַקן. זיי מעגן שוין זיין, זאָגט ער, מיט אַכצן קעפּ, וועלן זיי דיך אַ מכה דערקענען. היט דיך נאָר גוט איין, פּייגעלע, אינעם שאַל. אָט אַזוי. און שטומען זאָלסטו מיר, זאָגט ער, ווי אַ פיש. ביז מיר וועלן נישט קומען צו דער באַן, טאָרסטו נישט אויסרעדן, זאָגט ער, קיין וואָרט. דו הערסט, ליובעניו? קיין פּיפּס!"...

אין דעם פאָרט אַ בויד מיט דריי פערד. דער הייזעריקער שטעלט אָפּ די פור. אויף דער קעלניע זיצט שמעון־דוד באַלעגאָלע — איך האָב אים דערקענט אין דער פינצטער — און פון בויד שפּרינגט אַרויס דער דירעקטאָר (שטשופּאַק) עפּעס זייער צעטראָגן. ער רופט אָפּ דעם הייזעריקן אויף אַ זייט און מע סודעט זיך. וואָס — ווייס איך נישט. איך הער נאָר, ווי דער הייזעריקער צעשרייט זיך, אויפן דירעקטאָר אפנים: „אי־די־אָט!"... איך שטיי אין געהאַקטע ווונדן, איינגעהילט אין בורנוס און אין שאַל, און די צוויי הערן נישט אויף צו סודען זיך. נאָכדעם גייען זיי צו צום באַלעגאָלע, נעמען אים אַראָפּ פון דער קעלניע, פירן אים אַוועק אויך אויף אַ סוד — און איצט סודען זיך שוין אַלע דריי. „רבונו־של־עולם! וואָס איז דאָס פאַר אַ סודות?..." דער באַלעגאָלע, שמעון־דוד, הער איך, טענהט צו זיי אויף זיין מאָלדאַווער לשון. איך כאַפּ ווערטער: „אַ ביסל אַ סמיכת הפרשה!... אַ פּאָלג מיך אַ גאַנג!... ווו איז פּאַטשעשטי, און ווו איז נאָוועסעליץ!"... זאָל איך נישט אַראָפּוואַרפן פון זיך אָט דעם קעצענעם בורנוס, טראַכט איך מיר, און נישט מאַכן אַ ויברח צוריק אַהיים, כל־זמן ס'איז נאָך צייט?... דערווייל הער איך אַ הייזעריק קול: „מאַדאַם קאַץ! מאַדאַם קאַץ!"... וועמען רופט מען עס? דאָס מיינט מען מיך, אפנים? ער האָט מיך געקרוינט מיט אַ נייעם נאָמען: „מאַדאַם קאַץ". — „וואָס זענט איר שטיין געבליבן? — מאַכט ער צו מיר ווייטער. — קריכט, זייט מוחל, מאַדאַם קאַץ, אין בויד אַריין"...

און מיר זעצן זיך אַלע דריי אַריין אין וואָגן אַריין, איך מיטן דירעקטאָר אויבנאָן אין בויד, און דער הייזעריקער — פּאַריטש, אַקעגן. דער דירעקטאָר איז מאָדנע מרה־שחורהדיק. ער זיפצט, און עס לאָזט זיך הערן פון אים ווייַן. דער הייזעריקער טוט אַ קאָמאַנדעווע צום באַלעגאָלע: „יאַזדע!" שמעון־דוד טוט אַ שמייס די פערד, און מיר פאָרן.

וויפל מיר זענען אַזוי אָפּגעפאָרן, ווייס איך נישט. נאָר פּלוצעם, הער איך, טוט דער באַלעגאָלע אַ שטעל אָפּ די פערד מיט אַ ברייטן „טפּררו“ — און מיר בלייבן שטיין אַקוראט ביי נעבע דער אלמנהס שטוב. „פארפינצטערט בין איך געוואָרן! עס גייט מיר מער נישט אָפּ צו מיינע זיידענע קליידער, — טראכט איך מיר, אַז נעבע די אלמנה זאָל מיך דאָ דערזען!“... און כך הוה. איידער איך קוק מיך ארום שטייט שוין נעבע די אלמנה ביי דער טיר מיט אירע צוויי שוועסטערלעך, האלב אויסגעטאָן, און שמעון־דוד לאָזט זיך אַריין מיט נעבע דער אלמנה אין אַ שמועס וועגן די „ים־קאָטערס“ (דאָס מיינט ער, אפּנים, די אקטיאָרן), צי זענען זיי שוין אַוועקגעפאָרן אַלע קיין פּאַטשעשטי, און ווען זענען זיי אַוועקגעפאָרן? אגב, האָט ער זי פירגעהאלטן פאַר א פאָר פאַרשווינדלער, וואָס ער האָט איר אַנומלטן געבראכט צו פירן פון דער באַן. זי האָט אים, זאָגט ער, אפילו אין האנט נישט אָנגעשפּיגן... דערויף ענטפערט אים נעבע די אלמנה, אז אזעלכע צוויי פאַר־שווינדלער, ווי ער האָט איר געבראכט צו פירן אנומלט פון דער באַן, מעג מען געדיכט זייען און שיטער אויפגיין. און בעת מעשה קוקט נעבע אין בויך אריין גלייך אויף מיר... איך וואָלט געמעגט שווערן, אז זי האָט מיך דערקענט... אָט־אָט פּליט מיר ארויס די נשמה... איך היל מיך איין אין דעם בורנוס מיטן שאַל שטאַרקער און שטאַרקער. נאָך אַ מינוט — און איך ווער דערשטיקט. לאַנג לעבן זאָל דער הייזעריקער. ער האָט זיך צעשריגן אויפן באלעגאָלע, גענומען אים טרייבן האַלדז און נאַקן; „יאזדע! יאזדע!“ און אָפּגעזעגנט זיך מיט נעבען: „זייט געזונט — פאָרט געזונט“. שמעון־דוד האָט געגעבן א קנאַק מיט דער בייטש: „היידא“ — און ער צעלאָזט די פערד אזוי שטאַרק, אַז עס מאָלט זיך מיר אויס, אַז אָט־אָט ווערן מיר צעשאָטן. „וואָס פליט איר אזוי? וועלכע שווארצע יאָר יאָגט אונדז נאָך?“ — פרעגט אים דער דירעקטאָר, און מע הערט, ווי די ציין טרייסלען זיך אים אין מויל. שמעון־דוד אָבער ענטפערט נישט. ער שמייסט די פערד שטאַרקער און שטאַרקער. און מיר הייבט אָן איבערגיין אַ געדאנק: אפשר טאקע יאָגט מען זיך נאָך אונדז?... אפשר איז דאָס געווען דער סוד, וואָס די דריי האָבן זיך געסודעט?... און אזוי ווי איך טראכט, דערזע איך פאר אונדזער וואָגן לויפן גלייך מיט די פערד אייער הונט „טערקוש“ — איך האָב אים באלד דערקענט. אַ שלעכטער סימן — ווי קומט אהער „טערקוש“?... מסתמא יאָגט מען זיך פון אייער הויף נאָך דיר, און כאַפּן וועט מען מיך... פאַרפאַלן! מיר זענען ביידע פארפאלן... עס שטעלט זיך מיר שוין פאָר אַפילו, וויאזוי מע האָט אונדז געפּאקט, וויאזוי מע פירט אונדז צוריק מיט כבוד אין שטאָט אריין, און דווקא געבונדענע, און דווקא ביידע איני־נעם... אפשר איז גאָר אַ פּלאַן, — טראכט איך מיר, — איך זאָל מיך געבן אַ וואָרף אראָפּ פונעם וואָגן און געהרגעט ווערן? וואָרעם איידער אַזאַ בזיון... „סטאָפּ! האלט זיך איין!“ — דערהערט זיך אַ געשריי פון שמעון־דודן, וואָס שטעלט זיך ווידעראמאָל אָפּ, שוין אין מיטן פעלד, און שמועסט זיך אויס מיט

צוויטן באַלעגאַלע אויף זיין מאָלדאַווער לשון. איך קוק מיך איין אין דער צווײ־
טער פור — אַ וואָגן אָנגעפּאַקט מיט קאַסטנס, און אויבן, אויף די קאַסטנס, זיצן
צוויי פאַרשווינגען. איינער איז, דאַכט מיר, האַצמאַך, דער אַנדערער — דו!... דיך
האָב איך באַלד דערקענט, טייערער, כאָטש דו ביסט געזעסן איינגעוויקלט, ווי איך,
עפּעס אין אַן אַלט מלבוש. אַ מינוט האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דו קוקסט
אויף מיר. אָט האָסטו דיך געגעבן אַ הייב אויף, אַ מאַך צו מיר מיט דער האַנט
און אָנגערופן מיך ביים נאָמען. שיר־שיר בין איך נישט אַראָפּגעשפּרונגען פון
וואָגן. דאָס האָט אָבער, אפּנים, מער נישט ווי אויסגעדאַכט זיך מיר. און געדויערט
האָט עס, איך ווייס נישט, אויב אַ האַלבע מינוט. וואָרעם שמעון־דוד האָט באַלד
געגעבן אַ קערעווע אוים דעם וואָגן ווי צוריק, אַ קנאַק מיט דער בייטש — און
מיר פאָרן ווייטער.

זענען מיר, דאַנקען גאָט, איבערגעקומען דעם דאָזיקן שרעק אויך. איצט
פרעגט זיך, וווהין פאָרן מיר? וווהין פאָרן די איבעריקע? וואָס איז דער דירעקטאָר
עפּעס אזוי מרה־שחורהדיק? וואָס איז געווען דער סוד? און פאַרוואָס האָט דער
הייזעריקער אָנגערופן דעם דירעקטאָר „אידיאָט“? — דאָס אַלץ וועל איך דיר
אַרויסשרייבן אין מיין צווייטן בריוו. איצט איז שפּעט. צייט שלאָפן. אַ גוטע נאַכט.

צווייטער בריוו

מיין איינציקער פריינד!

די צרות, וואָס איך האָב דיר באַשריבן אין מיין ערשטן בריוו, און די אַלע
שרעק און פּחדים, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען אין יענע נאַכט, זענען גאָלד
אַקעגן דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט דערנאָך. דאָס איז געווען צרות און
אומגליק און חיבוט־הקבר און גיהנום און וואָס דו ווילסט. שטעל דיר פאָר, טייע־
רער, אַז ערשט דעמלט, ווען מיר זענען שוין אַריבערגעפאָרן די גרענעץ, ווער איך
געוווּיר, אַז עס הייבט זיך גאָרנישט אָן — מיר זענען גאָרנישט אין רומעניע, ווי
מיר האָבן געהאַט אָפּגערעדט פריער. וויאַזוי איך האָב מיך געפילט און וואָס איך
האָב מיר געטראַכט — דאַרף איך דען דיר באַשרייבן? איך זאָל געווען זען פאַר
זיך אַ וואַסער, וואָלט איך מיך זיכער אַריינגעוואָרפן. איך האָב גענומען זיך שלאָגן
מיט די הענט אין קאָפּ, רייסן אויף זיך די האָר און וויינען אַזוי, ווי איך האָב נאָך
אויף מיין לעבנסטאָג קיינמאָל נישט געוויינט. אפּנים, אַז זיי ביידע, דער הייזעריקער
מיטן דירעקטאָר, האָבן זיך פאַר מיר גוט דערשראָקן. איינס איבער דאָס אַנדערע
האָבן זיי גענומען מיך איינשטילן מיט גוטע רייד. נאָר וואָס מער זיי האָבן איבער
מיר גערעדט, מער האָב איך געליאַרעמט. איך האָב צעריסן אויף זיך די קליידער,

דאָס העמד, געוואָלט אויסשלאָגן די פענצטער. דער דירעקטאָר האָט זיך רעכט דערשראָקן פאַר מיר און איז אַנטלאָפן געוואָרן. און אפשר האָט אים דער הייזעריקער שטילערהייט משלח געווען... ער האָט פאַרשטאַנען, אפנים, אַז איך האָב מורא פאַר דעם דירעקטאָרס מגושמדיק געקנייטשט פנים מיט זיינע פאַסקודנע רויטע אויגן, וואָס אָן ברעמען...

איבערגעבליבן איינצווייען מיטן הייזעריקן, מיט דעם, וואָס מע רופט אים שלום מאיר מוראַוושיק, האָב איך ערשט דעמלט אָנגעהויבן וויינען. האָט ער מיך געגומען טרייסטן און שווערן ביי זיין לעבן און ביים הימל און ביי גאָט אליין, אַז עס וועט מיר קיין זאַך נישט געשען. בין איך צוגעפאַלן צו אים, גענומען אים קושן די הענט — ער זאָל מיר זאָגן דעם אמת, דעם ריינעם אמת... האָט ער מיר ווידעראַמאָל גענומען שווערן, אַז ער וועט מיר דערציילן אַלצדינג, איטלעכס ברעקעלע, אנישט — זאָל ער אזוי און אזוי. און אָט וואָס ער האָט מיר דערציילט. איך גיב עס דיר דאָ איבער אין דריי ווערטער:

געזאָלט האָבן מיר טאַקע פאָרן קיין רומעניע, נאָר סאמע אין דער לעצטער מינוט איז דער פּלאַן געענדערט געוואָרן איבערן דירעקטאָר טאַקע. אָט דער דירעקטאָר, לאָזט זיך אויס אַ מעשה, האָט זיין אייגנס צוויי ווייבער. ער זאָגט אַפילו, אַז איינע פון זיי האָט ער שוין לאַנג אָפּגעגט. ער קאָן, זאָגט ער, שטעלן עדות. נאָר זי, די געגטע הייסט עס, טענהט, אַז ס'איז שקר וכזב. ווייל די אַנדערע, די נישט געגטע, הייסט עס, ער זאָל זי גטן, ווייל ער איר קיין גט נישט געבן. פאַרוואָס? ער פאַרלאַנגט פון איר, זי זאָל אים אומקערן דאָס גאַנצע געלט מיטן צירונג מיט דער גאַרדעראָבע מיט די הוצאות, וואָס ער האָט אויף איר אויסגעבראַכט — אַ גאַנצן מאַיאָנטעק. טענהט זי פאַרקערט: ס'זאָל זיך אים זעצן די מכות, וואָס זי האָט זיך אויף אים אַ סך מער אויסגעבראַכט. ווער פון זיי איז גערעכט — איז שווער צו וויסן. דער הייזעריקער זאָגט, אַז זיי זענען אַלע דריי גערעכט, און מחמת זיי זענען אַלע דריי גערעכט, טאָר מען זיי נישט, זאָגט ער, צולאָזן איינס צו דאָס אַנדערע, וואָרעם עס קאָן, זאָגט ער, אַרויס דערפון אַן אומגליק — זיי וועלן אַלע, זאָגט ער, בלייבן אָן געזער.

דערווייל טרעפט זיך אַ מעשה, אַז אין די לעצטע טעג פאַרן אַוועקפאָרן פון האָלענעשטי באַקומט דער דירעקטאָר אַ בריוו פון אַ באַקאַנטן, אַז זיין ערשטע ווייב, די געגטע, איז געוואָר געוואָרן, ווו ער איז, קלייבט זי זיך צו אים צוגאַסט קיין האָלענעשטי. איז אים געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, וואָרעם זי מאַכט אים אומעטום אַזעלכע סקאַנדאַלן, אַז ער מוז פון איר לויפן אין דער וועלט אַריין. ער האָט זיך געהאַט שוין לאַנג געריסן קיין רומעניע, קיין בוקאַרעשט. נאָר אַז ער האָט באַקומען די דאָזיקע פריילעכע ידיעה, האָט ער גענומען זיך גרייטן אין וועג אַריין מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע. נעם זשע, קוני-לעמל, און פאָר אַוועק און מאַך אַ שוויג! גיין. גייט ער, דער דירעקטאָר, הייסט עס, און שרייבט אַוועק

פריער אַ בריוו צו זיין צווייטער ווייב, די נישט געגטע: „זאָלסט וויסן, אַזוי און אַזוי, איך האַלט ביי אָפּפאָרן קיין רומעניע. שוין צייט מיר זאָלן מאַכן אַן עק, אַהין אָדער אַהער. ווילסטו מיט מיר זיין, קאָנסטו קומען צו פאָרן צו מיר גלייך קיין בוקאַרעשט". וואָס זשע טוט זי, די נישט געגטע, הייסט עס? גייט זי און שרייבט אים אָפּ אַן ענטפער: „אַזוי און אַזוי, מיין טייערער מאַן! פריער מאַך אַן עק מיט דיין ערשטער ווייב. נאָכדעם וועסטו שמועסן מיט דער צווייטער". און צו יענער, צו דער געגטער, נעמט זי, די נישט געגטע, און שרייבט אַוועק אחוץ אַ בריוו: „זאָלסט וויסן, אַזוי און אַזוי, אויב דו ווילסט מאַכן אַן עק מיט שטשו־פּאַקן, זאָלסטו זען קומען וואָס גיכער קיין בוקאַרעשט"... נעמט יענע, די געגטע, הייסט עס, און לאָזט זיך פאָרן גלייך קיין בוקאַרעשט. ווערט געוואָר פון דעם דער דירעקטאָר דורך עפּעס איינעם אַן אַקטיאָר, וואָס האָט באַקומען אַ בריוול פון זיינעם אַ באַקאַנטן, אויך אַן אַקטיאָר. ווען באַווייזט אים דער אַקטיאָר דאָס בריוול? פונקט אַ האַלבע שעה פאַרן אַוועקפאָר, ביי הענער וויינשענקער אין קעלער. אָט דאָס איז די גאַנצע מעשה. און אָט דאָס איז געווען דער סוד דעמלט, שבתצונאכטס אין דרויסן, און אָט דערפאַר האָט דאָס דער הייזעריקער אָנגערופן דעם דירעקטאָר מיטן נאָמען „אידיאָט".

„די דאָזיקע מעשה, וואָס איר האָט מיר דערציילט, — זאָג איך צום הייזע־ריקן, — איז טאַקע אַפילו זייער אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע. וואָס זשע וועט אָבער זיין ווייטער?" — „ווייטער, זאָגט ער, וועט זיין גוט: די ווייבער וועלן זיך דאָרטן אין בוקאַרעשט, זאָגט ער, אם ירצה השם רייסן ביי די שלייערס, און מיר וועלן דאָ אָפּדינגען אַ טעאַטער, זאָגט ער, און אַוועקשרייבן אַ בריוו צו דער חברה, זיי זענען, זאָגט ער, אין יאַס, אַז ווער עס האָט מיט וואָס, זאָל קומען אַהער, און ווער עס האָט נישט קיין פאָדעם, זאָל זיצן דאָרט, זאָגט ער, אָדער ער זאָל גיין אַהין, ווו דער ליבער שבת־קודש גייט אַוועק". — „נו, און האָצמאַך?" — זאָג איך. מאַכט ער צו מיר: „וואָס עפּעס האָצמאַך? האָסט זיך פאַרבענקט נאָך אים?"... — „ניין, זאָג איך, גלאַט אַזוי. איך האָב מיך דערמאָנט, זאָג איך, וויאַזוי האָצמאַך טאַנצט אַ „חסידל". — „לאָז ער דיר טאַנצן, זאָגט ער, מיטן מלאך־המות, אָט דער האָצמאַך. וואָס דאַרפן מיר אָט דעם דראָנג מיט די לאַנגע פּיס? מיר וועלן קריגן, זאָגט ער, אומעטום אַזאַ קאָמיקער, ווי האָצמאַך"...

דו פאַרשטייסט דאָך שוין, טייערער, אַז פון דער בשורה איז מיר פאַרקילט געוואָרן דער מאַמעס מילך... איך האָב מיך אָבער איינגעהאַלטן ווי ווייט מעגלעך, געמאַכט אַ פריינדלעך פּנים. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז מיט גוטן וועל איך בעסער מאַכן, און אַז מע דאַרף שלאָגן בלאָט מיט אָט דעם הייזעריקן פאַר־שוין. און איך האָב אים אָנגעהויבן בעטן און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז כל־זמן עס וועלן נישט קומען די גאַנצע איבעריקע חברה, וועל איך מיך נישט באַרואיקן. און אויב ער וויל מיר טאָן אַ טובה, זאָל ער זען, אַז אַלע זאָלן קומען צו פאָרן, און

דווקא אָט דער דראָנג האַצמאַך זאָל אויך קומען. „דעמלט, זאָג איך, וועל איך מיך פילן, גלייך ווי איך בין אין דער היים, אין האָלענעשטי“... קוקט ער אויף מיר און לאַכט, און זאָגט צו מיר: גוט. זיי שרייבן אוועק באַלד אַ בריוו, אַז אַלע זאָלן קומען צו פאָרן, און אָט דער דראָנג האַצמאַך זאָל אויך קומען, כאַפּט אים דער רוח! אַזוי זאָגט צו מיר אָט דער הייזעריקער, מוראַוועשיק הייסט עס, און בעט מיך, אַז וואָס איך וועל דאַרפן און ווען איך וועל עפּעס דאַרפן — זאָל איך מיך ווענדן צו אים, און נאָר צו אים, — וועט ער מיר שטיין אין מיינע נויטן.. און ער לויפט אַוועק אין די קלייטן און ברענגט מיר צו טראָגן נייע מלבושים אַ פּאַק, איך זאָל מיר אויסקלייבן, וואָס איך וויל און וואָס מיר פּאַסט. און שוכוואַרג האָט ער מיר געבראַכט צו טראָגן דריי מאָל, ביז איך האָב מיר צוגעקליבן אַ פּאָר שיך צו מיין מאָס. און איך האָב מיך איינגעוואַשן און אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז פיס. און אַז איך האָב אַ קוק געגעבן אויף זיך אין שפּיגל, האָב איך מיך אַליין נישט דערקענט. ווו זענען אהינגעקומען די טרערן? עס האָט זיך מיר אָנגעהויבן וועלן עסן. און נישט נאָר עסן — זינגען האָט זיך מיר גאָר פאַרגלוסט! און איך האָב מיך צעזונגען ווי אַ סאָלאָוויי, גלייך ווי מיר וואָלט געווען גוט ווי די גאַנצע וועלט.

דריטער בריוו

מיט דעם אַלעם, וואָס איך האָב דיר באַשריבן אין מיינע ערשטע בריוו, קערסטו זיכער מיינען, אַז עס האָבן זיך שוין געענדיקט מיינע גרויסע צרות? ניין, טייערער, אָט דאָ הייבט זיך ערשט אָן פאַר מיר אַ סדרה פון נייע טרערן, בענקעניש, בזיונות, פאַרדראָס און הארצווייטיק אויפן פוד! אַ יאָר האָט דרייהונדערט זעכציק טעג. אַ טאָג האָט פיר און צוואַנציק שעה. אַ שעה האָט זעכציק מינוט. און יעדע מינוט ברענגט נייע יסורים מיט נייע ווייטיקן מיט נייע אָפּקומענישן... אַז סך־הכל האָב איך גאָר געלעבט אין טעות. איך האָב געמיינט, אַז ווערן אַן אַקטריסע איז אַ שפּילעכל. מע טוט זיך איבער און מע גייט ארויף אויף דער בינע — און פאַרטיק. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז נאָך ווייט צום געלעכטער. מע דאַרף דורכמאַכן פריער אַ גאַנצע שקאָלע, דורכגיין אַלע שבעה מדורי גיהנום. אַרטיסטן, זאָגן זיי, ווערן נישט געבוירן. פּאַטשי. די באַרימטע פּאַטשי, זאָגן זיי, איז מיידלווייז ארומגעגאַנגען מיט אַ שאַרמאַנקע און געזונגען אונטער די פענצטער... אַזוי האָבן מיר אויפגעקלערט דער דירעקטאָר (שטשופּאַק) און מיין באַשיצער (מוראַוועשיק). און כדי מע זאָל מיך צוגעוויינען צו דער בינע, האָט מען מיר געגעבן קודם זינגען קופּלעטלעך און לידער און אויסגעלערנט טאַנצן.

דעם ערשטן אויפטריט מיינעם אויף דער בינע וועל איך נישט פאַרגעסן ווייל איך וועל לעבן. און אויפגעטראָטן האָב איך אינגאַנצן מיט איין לידל. דער דירעקטאָר (שטשופּאַק) באַרימט זיך, אַז ס'איז זיין לידל. ער אַליין, זאָגט ער, האָט

עס פאַרפאַסט. דער הייזעריקער זאָגט: שפּיי אים אין פּנים... ווער דאָס האָט פאַרפאַסט — וויים איך גישט. נאָר הייבן הייבט זיך עס אָן מיט די ווערטער:

„פּראַטיק אויף דער נאַכט—
איז איעדער ייד אַ מלך...
אין יעדן ווינקעלע לאַכט,
אויפן האַרצן איז לעבעדיק־פריילעך..."

דער עיקר איז אָבער נישט דאָס לידל, ווי דאָס זינגען. און נישט אַזוי דאָס זינגען, ווי דער גרים, דאָס אָנטאָן. מע האָט מיך אָנגעטאָן פאַר אַ יונגעמאַן אַ חסידל. מע האָט מיר אָנגעקלעפּט פּאהלעך. אריינגעשטעלט אין אַ פאָר מאַנצבי־לישע אַטלעסענע הויזן, אַ זיידענע קאַפּאָטע, מיט אַ קאַפּעלישל אויפן קאָפּ. די מוזיק האָט געשפּילט, און איך האָב דורכגעזונגען דעם „פּראַטיק אויף דער נאַכט" און נאָך צוגעטאַנצט דערצו אַ „פריילעכס", — איז געוואָרן, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — אַן איינלייגעניש מיט א פּאַטשעריי בראַוואָ, זאָל גאָט היטן! איך האָב געמיינט — אָט־אָט פאַלט איין אויף מיר די סטעליע. ביזן הימל זענען געגאַנגען די געשרייען: „ספּיוואַק! ראָזע ספּיוואַק!" (אַזוי האָב איך שוין געהייסן דעמלט אויף דער אַפישע). עס האָט זיך געשפּאָלטן אונטער מיר די ערד. עס האָבן זיך מיר געוויגט די ווענט מיט די לאָמפּן. איך האָב נישט געוווסט, וואָס איך זאָל טאָן. האָט מיך דער דירעקטאָר, פון איין זייט, און דער הייזעריקער, פון דער אַנדערער זייט, גענומען שטויסן פון הינטער די קוליסן, אַז איך מוז אויפטרעטן פאַרן פּובליקום נאָכאַמאָל. האָב איך אויפגעטראָטן נאָכאַמאָל. איז דער געפּילדער גע־וואָרן נאָך גרעסער. האָב איך געמוזט אויפטרעטן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. איבער־אַניים זינגען דעם „פּראַטיק אויף דער נאַכט" און ווידער איבערטאַנצן דאָס „פריי־לעכס". איך האָב געטאַנצט, און אַלץ האָט מיט מיר מיטגעטאַנצט: די סטעליע, די ווענט, די לאָמפּן, דאָס פּובליקום. און אַז איך האָב געענדיקט, בין איך ביי זיך הינטער די קוליסן אַנידערגעפאַלן ווי אַ סנאָפּ און האָב מיך צעוויינט. „קעצעלע, דו וויינסט? פרייען דארפסטו זיך! דו ווייסט דען, פייגעלע, וואָס פאַר אַן ערפאָלג, וואָס פאַר אַ פוראָר, וואָס פאַר א טריומף? פּאַטשי איז אַ הונט, גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה!"... אַזוי האָט מיך געטרייסט מיין באַשיצער, דער הייזעריקער. און דער דירעקטאָר איז געשטאַנען פונדערווייטנס (אים האָב איך קיינמאָל נישט צוגעלאָזט נענטער ווי אַ האַלבן קלאַפטער פון זיך). ער איז גע־שטאַנען און אָנגעקוואָלן, געוואָרן ברייטער ווי לענגער. דאָס האָט מען געקאָנט אַרויסזען נאָך די באַנעצטע אייגעלעך זיינע און נאָכן געלעכטער זיינעם, וואָס זעט אוים מער געוויינט, ווי געלאַכט. „אוי, קופּלעטן, הערט זשע, צוקער־זים, זאָל מיין נאָמען נישט הייסן אַלבערט"... — האָט ער געבעלעבעטשעט מיט דער צונג און געבלישטשעט מיט זיינע בריליאַנטן.

פֿון דעמלט אָן איז אַוועקגעגאַנגען א גאַנג „ראָזאַ ספּיוואַק“. נאַכט און נאַכט, נאָך דעם טעאַטער־שפּילן, ווי אַ מין קאָמפּאָט, האָט מען באַדאַרפֿט אונטערטראָגן דעם פּובליקום ראָזאַ ספּיוואַקס „פּראַטיק אויף דער נאַכט“ און אויסלאָזן מיט אַ טענצל. ס'איז דאָ אַ סברה, אַז דעם קאָמפּאָט האָט דאָס יידישע פּובליקום מער פֿאַליובעט פֿון אַלע מאכלים מיט די פּאַטראַוועס פֿונעם גאַנצן טעאַטער. איך האָב אליין געהערט מיט מיינע אויערן, ווי צוויי יידן באַלעבאַטים שמועסן זיך דורך אין טעאַטער הויך איבערן גאַנצן זאַל: „ווען וועט שוין האָבן אַן עק מיטן פּורים־שפּיל און ווען וועט מען אונדז שוין דערלאַנגען א ביסל ראָזאַ ספּיוואַק?“... די ערשטע צייט האָב איך געמיינט, איך וועל אין דער ערד אריין פֿון אַזעלכע קאָמפּלימענטן. ניין, דאָס דאַרף מען פֿאַרשטיין. דאָס דאַרף מען פֿילן!... דאָס פֿאַרקוקן פֿון די מאַנצבילן צו מיר אונטער דער זשילעט... דאָס באַטראַכטן מיך פֿון אַלע זייטן אין די מאַנצבילשע הויזן... זייערע אויגן בעת־מעשה מיט די ווערטלעך, וואָס זיי וואַרפֿן איינס דאָס אַנדערע... היינט די בייזע אויגן פֿון די ווייבער — רבונו של עולם! וו ס'איז דאָ ערגעץ אַ קרענק אויף דער וועלט, האָב איך זיי געווינטשעוועט, און וו ס'איז דאָ ערגעץ אַ קללה — האָב איך אין זיי אַלעמען אריינגעוואָרפֿן. איך האָב פֿאַרשאָלטן די מאַנצבילן און די ווייבער און דאָס יידישע טעאַטער און זיך אליין און דעם טאָג, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט! איך האָב עס אָבער אַלצדינג, ווי דו זעסט, איבערגעלעבט, און דאַנקען גאָט, וואָס איך קאָן עס איצט דערציילן דיר אין פֿריידן. און ווייסטו, וועמען איך האָב צו פֿאַרדאַנקען? נאָר דיר, מיין טייערער, מיין איינציקער פֿריינד! וואָרעם איך האָב די גאַנצע צייט אויף קיין מינוט נישט פֿאַרלוירן די האָפֿענונג, אַז אָט קומסטו צו פֿאָרן, אָט דערזע איך דיין ליכטיק פּנים, און אָט נעמען מיר זיך ביידע פֿאַר די הענט און לאָזן זיך אַוועק אין דער וועלט אַריין, אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, זיך תקיעת־כף געגעבן... מיין באַשיצער (דער הייזעריקער) האָט מיך געפֿירט פֿון טאָג צו טאָג, אַז אָט קומען צו פֿאָרן די איבעריקע חברה און מיט זיי וועט קומען „מיין האָצמאַך“... (אַזוי פֿלעגט ער זיך מיט מיר' רייצן). עס זענען אָבער אַוועקגעגאַנגען טעג און וואָכן — ווער? וואָס? מע הערט נישט און מע זעט נישט!

די איינציקע, וואָס האָט זיך יאָ באַוויזן פֿון דעם פֿריערדיקן חדר, איז געווען די מאַדאַם טשערניאַק, אַן אַקטריסע אַ פֿאַרזעעניש, אַ קאָמישע פֿיגור, וואָס מע רופֿט זי „ברייַנדעלע קאָזאַק“. דו דאַרפֿסט זי געדענקען פֿון האָלענעשטי. א קורצינקע, אַ גראָבינקע, מיט גרויסע ווייסע ציין. פֿון איר בין איך דאָס געוואָרע געוואָרן, אַז מיין באַשיצער (מוראַווטשיק) האָט מיך גענאַרט, מיאוס אָפּגענאַרט. ער האָט קיין שום בריוו נישט געשריבן צו דער חברה קיין יאַס, אַז זיי זאָלן צוריק־קומען. ס'איז געווען ליגן פֿון אָנהייב ביזן סוף!... אָט די דאָזיקע ברייַנדעלע קאָזאַק האָט מיר אָנדערציילט אַזעלכע זאַכן, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויר. די דעקאָ־ראַציעס, זאָגט זי, האָט מען אויסגעשריבן, נאָר די קאָמפּאַניע אַקטיאָרן און

אַקטריסעס האָט מען איבערגעלאָזט ווי אויפֿן וואַסער, אין א פֿרעמד לאנד, זאָגט זי, אָן אַ שפּראַך און אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה. ווען נישט זי, וואָלטן זיי דאָרטן אויסגעגאנגען פֿון הונגער. ווי ווייט נאָר מעגלעך, האָט זי זיי, זאָגט זי, אונטערגעהאַלטן. נאָכדעם האָבן זיי אויסגעפּארקויפֿט, זאָגט זי, פֿון זיך, וואָס זיי האָבן געהאַט, און האָבן זיך צעקראָכן, צעגאנגען, זאָגט זי, אַזוי ווי זאלץ אויפֿן וואסער. „נו, און האָצמאַך?“ — פֿרעג איך זי. — „האָצמאַך, זאָגט זי, איז ווי אין דער ערד אריין“... און אזוי אַלעמאָל פֿלעגט זי מיר דערציילן שרעקלעכע מעשיות פֿון די אָרעמע אַקטיאָרן, וויאזוי מע האָט זיי נעבעך אָפּגעכומלט, און אַלע מאָל האָב איך אַריינגעוואָרפֿן: „נו, און האָצמאך?“ און אלע מאָל איז געווען די אייגענע ווערטער: „האָצמאך איז אין דער ערד אריין“.

נאָר איינמאָל האָט זיך די ברײנדעלע קאָזאַק אַרויסגעכאַפּט מיט א וואָרט, אַז זי האָט געהערט פֿון איינעם אַ יידישן אַקטיאָר, אַז ער האָט געהערט פֿון נאָך איינעם, אויך אַ יידישן אַקטיאָר, אַז יענער האָט געזען האָצמאכן מיט עפּעס זייער א יונגיטשקן בחורל זענען אומגעפֿאָרן איבער בוקארעשט... דו קאָנסט פֿארשטיין, ווי מיר האָט געקלאַפּט דאָס הארץ, אַז איך האָב דערהערט אָט די דאָזיקע ווערטער!... צוליב דעם אליין האָב איך זי געוואָלט ארומכאַפּן קושן, און מיר זענען געוואָרן פֿון דעמלט אָן מיט אָט דער ברײנדעלע קאָזאַק ווי צוויי שוועסטער. און ווער שמועסט, זי צו מיר — איז געווען טאַקע ווי אַן אייגענע שוועסטער.

אָט דער ברײנדעלע קאָזאַק האָב איך צו פֿאַרדאַנקען מיט אַ סך — אַ סך זאַכן. זי האָט מיר געעפֿנט די אויגן, ווער דער דירעקטאָר (שטשופּאַק) איז, און וואָס דער הייזעריקער (מוראַווטשיק) איז, און האָט מיר קלאָר געמאכט און אויסגעלערנט, וואָס איך האָב צו טאָן אויף דער וועלט. זי האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט אַזעלכע זאַכן, וואָס וואָלט געווען אפֿשר אָן אַן אומגליק, איך זאָל עס וויכן אַ ביסל שפּעטער... איך האָב איר אָבער צו פֿאַרדאַנקען דערמיט, וואָס איך האָב מיך אַרויסגעראַטעוועט פֿון דער בלאָטע נאָך באַצייטנס. זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט מיר אָנגעוויזן, אַז מיין אָרט איז נישט דאָ, צווישן די קאָמעדיאנטן... ווען נישט זי, וואָלט איך מיך נאָך אפֿשר עד-היום ארומגעשלעפּט מיט שטשופּאַקס טרופּע ווו ערגעץ אַ העק. ווען נישט זי, וואָלט איך נאָך איצט אויך אפֿשר אויפֿגעטראָטן אין אַלע שענקלעך, אָנגעטאָן אין מאנצבילשע הויזן, און געזונגען „פּראַטיק אויף דער גאַכט“ און געטאַנצט א „פּריילעכס“ — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

טייערער! טייערער! אז איך דערמאָן מיך אין יענער צייט, פֿלאַמט מיר מיין פּנים פֿאר חרפּה נאָך איצט אויך און עס ברענט אין מיר אַ פֿייער. נישט אזוי אויף מיין דירעקטאָר און נישט אזוי אויף מיין באַשיצער, וואָס האָבן געוואָלט פֿון מיר ארויסציען וואָס מער געלט, — דאָס טוט יעדער אונטערנעמער היינט אויך. גיין. מיך האָט געברענט אויף יענע זאַטע באַלעבאַטים מיט די פֿעטע

בייכלעך, וואָס פלעגן גיין מיד הערן זינגען מיין „פראַטיק אויף דער נאַכט", אָדער קוקן, ווי איך טאַנץ אַ „פרייליכס", און פלעגן קוועלן, זיך באַלעקן, ווי אַ קאַץ אויף סמעטענע, איינלייגן די וועלט, צעטראָגן דאָס טעאַטער: „ספּיוואַק! ראָזאַ ספּי־וואַק!"... ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער — אַזוי האָבן זיי זיך גערופן, און געגאַנגען נאַכט און נאַכט צו שטשופּאַקן אין טעאַטער, פאַרקוקט הינטער די קוליסן: „ווען וועט זיך שוין באַווייזן אָט דאָס מיידל אין מאַנצבילישע הויזן?... אוי, אָט די „ליבהאַבער פון יידישן טעאַטער!" מיט איינעם אַ „ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער" מוז איך דיך באַקאַנט מאַכן. און ווייל פון אים איז זייער אַ סך צו דערציילן און ס'איז שוין רעכט שפּעט, לייגן מיר אים אָפּ אויף אַ צווייטן מאָל. אַ גוטע נאַכט, טייערער מיינער, שלאָף געזונט!

פערטער בריוו

איינמאָל — דאָס איז געווען אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג — זענען מיר געווען אַלע אויף פּראָבע. איך האָב שוין געהאַט דעמלט אָנגעהויבן שטודירן „ערשטע ראָלן". קומט מען צו גיין און מע זאָגט אָן דעם דירעקטאָר, אַז עפּעס אַ מענטש פרעגט זיך נאָך צו אים. איטלעכס מאָל, אַז דער דירעקטאָר (שטשו־פּאַק) דערהערט, אַז עמעצער פרעגט זיך נאָך צו אים, אַזוי ווערט ער טויט ווי די וואַנט. אַפּנים, אַלץ איבער די ווייבער... די מאַדאַם טשערניאַק, אָט די, וואָס מע רופט „ברייענדעלע קאָזאַק", זאָגט, אַז שטשופּאַק האָט, דאַנקען גאָט, נישט קיין צוויי, נאָר דריי ווייבער... הכלל, האָט מען אים געגעבן צו וויסן, אַז עמעצער, אַ מענטש, פרעגט זיך נאָך צו אים, איז ער באַלד געוואָרן ווי צעמישט און אָנגעהויבן זוכן זיין בעל־יועץ: „שלום־מאיר! וווּ איז ער ערגעץ, שלום־מאיר, אַ כאָליערע!"... דער „מענטש" אָבער האָט זיך, אַפּנים, נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז עפּעס וואָס, איז ער אויסגעוואַקסן הינטער די קוליסן, און ביידע האָבן זיי זיך געגעבן אַ וואַרף איינס דאָס אנדערע אויפן האַלדז: „סטעלמאַך!"... „שטשופּאַק!"... אין דעם איז אָנגעלאָפן דער „הייזעריקער", און ס'איז געוואָרן צווישן אַלע דריי אַ קושעריי, אַ גדולה, אַ יום־טוב! לייבלעכע ברידער, וואָס האָבן זיך נישט געזען אַ יאָר צוואַנ־ציק, דאַרפן נישט אַזוי דערפרייען זיך, ווי די דריי האָבן זיך דערפרייט. און ווער שמועסט, אָט דער „מענטש", וואָס מע רופט אים „סטעלמאַך" — דער איז שיר נישט צעשמאָלצן געוואָרן, ווי שניי אויף דער זון. אַפּנים, פאַר גרויס תענוג, וואָס ער האָט זוכה געווען נאָכאַמאָל צו זען זיך מיט שטשופּאַקן און מיט זיין רעכטער האַנט דעם הייזעריקן שלום־מאיר מוראַווטשיק.

אַ יידל אַ נידעריקס, א שוואַרצינקס, אַ האָריקס, שוין אין די יאָרן, נאָר גוט געפּאַקט, גוט אויסגעפּאַשעט, מיט אַ קיילעכיק בייכל, מיט אַ געלייטערט פּנים, מיט טרערנדיקע אייגלעך און מיט זייער־זייער אַ זיס־צוקערדיק שמייכעלע, וואָס ליגט שטענדיק צעגאָסן איבערן גאַנצן פּנים (עס זעט אויס, אַז דער מענטש איז

צופֿרידן מיט זיך, מיט גאָט, מיט אַלע מענטשן און מיט דער גאַנצער וועלט) — אָט דאָס איז דער פּאָרטרעט פֿון דעם פּאַרשוין, וואָס מע רופֿט אים סטעלמאַך. אַ מעלה האָט ער — ער איז נישט גרויס ביי זיך. און כאָטש ער אַליין זאָגט אויף זיך, אַז ס'איז אים קיין עין־הרע גוט ווי די וועלט, און אַז ער איז קיין עין־הרע זייער רייך, פֿונדעסטוועגן איז ער ביי זיך פּראָסט און קליין און פּשוט. ער האָט פֿיינט, ווי אַנדערע, זאָגט ער, בלאָזן פֿון זיך. ער האָט פֿיינט אַרויסבאַווייזן, זאָגט ער, גרויסקייט. אדרבא, ער אַליין האָט ליב צו דערציילן פֿאַר איטלעכן באַזונדער, און צו יעדער צייט, ווען איר ווילט, זיין גאַנצע ביאָגראַפֿיע. דערציילן זיין ביאָגראַ־פֿיע וועט אים קיינמאָל נישט נמאס ווערן. רעדן רעדט ער שטיל, קוים וואָס מע הערט, מיט אַ גרינגן זיפֿץ און מיט אַ שמייכעלע, גלעט דיך בעת־מעשה איבער דער האַנט, אָדער ער האַלט דיך צו ביים קנעפּל, זאָלסט נישט אַוועקגיין — און עס גיסט זיך, גיסט זיך ביי אים אַזוי גלאַט, ווי בוימל פֿון אַ פֿאַס, און עס קניפּט זיך און עס קייקלט זיך ביי אים איינס אינעם אַנדערן, טאַקע נאָר עפּעס חידושים ונפֿלאות, מעשיות פֿון טויזנט־איין־נאַכט. איך ווייס נישט, אויב עס וועט אויס־קומען גוט, נאָר איך וועל מיך פּרובירן איבערגעבן דיר זיין ביאָגראַפֿיע טאַקע מיט זיין לשון.

„געווען איז ער, נישט היינט געדאַכט, נישט פֿאַר אייך געדאַכט, נישט פֿאַר קיין שום מענטשן געדאַכט, — אַזוי הייבט ער אָן צו דערציילן זיין ביאָגראַפֿיע מיט אַ זיפֿץ און מיט אַ שמייכעלע, און דאָס פּנים שיינט, — געווען, נישט היינט געדאַכט, נישט פֿאַר אייך געדאַכט, נישט פֿאַר קיין שום מענטשן געדאַכט, אַ ייד אַן אָרעמאַן, אַ קבצן, אַ דלפֿן, אַן עני ואביון און אַ מטופּל מיט קינדער דערצו, טאַקע ממש קיין שטיקל ברויט נישט געווען. געזעסן ערגעץ ווייס איך ווו, אין אַ קליין שטעטל, אַ מדבר, אַ העק, נישט ווייט פֿון בערדיטשעוו, מיטן נאָמען מאַכנעווקע אָדער יאַכנעווקע (איך האָב שוין פֿאַרגעסן דעם נאָמען), און געלעבט פֿון דעם, וואָס ער האָט געגייט היטלען, שמויסענע היטלען, פֿאַר די גויים, געגאַנ־גען דריי מאָל צופֿוס מיט דער סחורה אויף די יארידים, טאָמער וועט מען עפּעס פֿאַרדינען. די שטיוול, נישט היינט געדאַכט, נישט פֿאַר אייך געדאַכט, נישט פֿאַר קיין שום מענטשן געדאַכט, אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך — די פּאָדעשוועס זאָלן חלילה נישט אָפּפֿאַלן, און אַ פּעקל האָט ער געטראָגן, ווי אַ רעשעטע, פֿון סאַמע לעכער. דער פּראָסט ברענט, דער שניי סקריפּעט, דער ווינט שמייסט אין פּנים אַריין און דאָס האַרץ חלשט. און אין דער היים, נישט היינט געדאַכט, נישט פֿאַר אייך געדאַכט, נישט פֿאַר קיין שום מענטשן געדאַכט, ליגט אַ קראַנק ווייב מיט קליינע קינדער. דאָס עלטערע איז נאָכנישט אַלט געווען דעמאָלט קיין זעקס יאָר. הערשעלע האָט מען אים דעמאָלט גערופֿן. געווען פֿון קליינווייז אויף אַ געראָטן קינד, אַ גאָלד. טאָג ווי נאַכט פֿלעגט עס אַרומגיין מיט צוויי שטעקעלעך און שפּי־לן, און שפּילן, און שפּילן, „הערשעלע, וואָס טוסטו דאָס?" — „איך שפּיל, זאָגט

ער, אויפֿן פֿידל". גייט דער פֿאָטער אויף טשעקאַוועסט אײַנמאָל און ברענגט אים צו טראָגן א פֿראָסטע גוייִשע פֿידל, וואָס האָט די ווערט דרײַ גילדן. דאָס קינד האָט דערזען אַ פֿידל — האָט עס זיך אזש צעווייגט. ווו האָט ער געזען אַ פֿידל? ווער האָט אים באַוויזן, וויאַזוי מע דאַרף שפּילן? זאָל אים אַזוי וויכן, זאָגט ער, אַ בייזע וועטשערע מיט אײַך אינאיינעם. דאָס קינד האָט, זאָגט ער, אַליין, אַליין פֿון זיך, גענומען רימפּלען, און גערימפּלט, אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אָנגעהויבן שפּילן ניגונים. דאַרף גאָט פֿירן אַזוי, אַז אין יענעם שטעטל וווינט אַ פּריץ, אַ גראַף צי אַ קניאז (איך געדענק שוין נישט אַקוראַט). דאָס שטעטל איז טאַקע זײַן שטעטל. ווערט געוואָר דער פּריץ, אַז בײַ אים אין שטעטל געפֿינט זיך דווקא בײַ אַן אָרעם ייִדל אַ קירזשנער אַ ייִנגעלע אַן אַנטיקל — שפּילט ער אויפֿן פֿידל, אַז עס לאָזט זיך אויס די וועלט. הייסט דאָך דער פּריץ מסתּמא, מע זאָל אים ברענגען דאָס ייִדל מיטן ייִנגעלע מיטן פֿידל. און אַז דער פּריץ הייסט, קאָן מען קיין חזיר נישט זײַן און מע מוז גיין. געקומען צום פּריץ מיטן ייִנגעלע און מיטן פֿידל. דאָס ייִנגעלע האָט מען אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן טיש און עס האָט געגעבן אַ שפּיל איינס און צוויי און דרײַ — דער פּריץ איז באַלד געוואָרן די כּפּרה, און די פּריצה האָט אַרומגעכאַפּט דאָס קינד קושן און האַלדזן. און עס איז באַשאַפֿן געוואָרן אויפֿן טיש טיי און קאַווע און פּאַרבײַסן: בולקעס, אייער, אײַנגעמאַכטס — אַלצדינג, וואָס א ייִד מעג עסן. „זיץ, מאַכט צו אים דער פּריץ, זיץ, וואָס שטייסטו? דו ווייסט דען, זאָגט ער, וואָס דו פֿאַרמאָגסט? הו פֿאַרמאָגסט, זאָגט ער, אַ טײַערן שטיין. דו ביסט, זאָגט ער, אַ מיליאָנער. נאָר וואָס דען, זאָגט ער, דו ביסט אַ פּראָסטער מענטש, אַ בלינדער. דו וועסט, זאָגט ער, זײַן ערגער פֿון ערגער, אויב דו וועסט דאָס קינד לאָזן וואַקסן אַזוי, נישט אָפּגעבן אים אין שטאָט אַרײַן לערנען, שטודירן מוזיק!"... רופֿט זיך אָן צו אים דער פֿאָטער: „אַדוני פּריץ, דיר איז, אַפּנים, גרינג צו זאָגן — „שטודירן מוזיק!" איך בין, נישט דאָ געדאַכט, נישט פֿאַר קיין מענטשן געדאַכט, אַ ייִד אַן אָרעמאַן, אַ קבצן, אַ דלפֿון, אַן עני ואביון און א מטופּל מיט קינדער דערצו!"... מאַכט צו אים דער פּריץ: „לאָז דיך נישט אַרן. דו גיב אים נאָר איבער אויף מײַנע הענט, מאַך איך דיר אים פֿאַר אַ לייט"... אַזוי זאָגט צו אים דער פּריץ, און די פּריצה שאָקלט צו מיטן קאָפּ. איז אָבער דער סטעלמאַך אויך נישט פֿון די, וואָס צען אַ גראָשן, טראַכט ער זיך: דערווײַל, ביז עפּעס וואָס, ביז דער פּריץ וועט מאַכן זײַן קינד פֿאַר אַ לייט, קאָן אים, דעם פֿאָטער, בלײַבן ווינציקער מיט אַ קינד, און דעם כּלל־ישׂראל — ווינציקער מיט אַ ייִדן... „ניין, פּריץ־לעבן, דאָס איז נישט קיין פּלאַן, זאָגט ער. דו הייס מיך בעסער שפּאַנען פֿערד און לײַ מיר אויס עטלעכע קערבלעך אויף הוצאות, כאַפּ איך מיך אַראָפּ מיטן קינד קיין בערדיטשעוו. אַ גרויסע שטאָט. קיין עין־הרע, אַ סך ייִדן. רײַכע מענטשן"...

„כך הוה. געקומען למזל מיטן קינד קיין בערדיטשעוו. ער דרייט זיך אַרום

מיטן קינד איבער דער שטאָט. אַ כרך גדול. עס קאַכט ווי אין אַ קעסל. יידן לויפֿן אַרום, דער אַהער, דער אַהין, פֿאַרטראָגן, פֿאַרטאַרעראַמט. קיינער קוקט זיך נישט אַרום. דאָס קינד וויל נעבעך עסן. און ווי אויף צולהכעיס, זומערצייט, עפּל און באַרן און פֿלוימען בזיל־הזול. דאָס קינד גייט אויס נאָך פֿלוימען — און איר זאָלט זאָגן, אַ פּרוטה ביי דער נשמה. הייבט ער אָן אָפּשטעלן איינעם, דעם אַנדערן, בעטן אַן עצה, מער גישט אַז אַן עצה: „וואָס טוט מען, יידישע קינדער, אַזוי און אַזוי: איך פֿאַרמאָג אַ טייערן שטיין, זעט איר, אַ מיליאָן"... קוקן זיי אים אָן ווי אַ משוגענעם: אַ ייִד גייט אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, שלעפּט זיך אַרום מיט עפּעס אַ ייִנגעלע, נאַקעט און באָרוועס, און זאָגט, אַז ער פֿאַרמאָגט אַ מיליאָן. הייבט ער אָן זיי געבן צו פֿאַרשטיין, דערציילט זיי, וואָס דער פּריץ האָט געזאָגט, און וויל זיי באַווייזן, וואָס דאָס ייִנגעלע קאָן. צעלאַכט מען זיך און מע בטלט אויס צו אים אַלע חלומות! פֿאַרדריסט דאָס אים. גייט ער אַוועק צו די יונגעלייט, צו איינעם, צום אַנדערן, דערציילט זיי, וואָס דער פּריץ האָט געזאָגט, און בעט זיך, מע זאָל לאָזן דאָס ייִנגעלע אַ שפּיל טאָן, באַווייזן זיי, וואָס דאָס ייִנגעלע קאָן... אויסגעהערט, רופֿן זיי זיך אָן צו אים: „באשר בכן, וואָס זשע ווילט איר, רב ייִד?" — וואָס זאָל ער וועלן? ער וויל נעבעך עטלעכע קערבלעך, כאָטש קאָנען אַוועקפֿאָרן צוריק אַהיים... רופֿט זיך אָפּ צו אים איינער: „שאַט, ווייסט איר וואָס? מיר וועלן אייך מאַכן אַ קאָנצערט!" קלערט זיך דער פֿאָטער: ער זאָל אַזוי וויסן אַ בייזע וועטשערע! פֿרעגט אים בחרם, וואָס הייסט דאָס אַ קאָנצערט? נאָר זיי זאָגן אַ קאָנצערט, לאָז זיין אַ קאָנצערט...

„הכלל, ער האָט ביי זיי נושא־חן געווען. חברה האָבן געדונגען אַ זאַל. מע האָט אָפּגעדרוקט אַפֿישן און מע האָט אָנגעהויבן אַרומגיין פֿאַרקויפֿן בילעטן — קיינער קויפֿט נישט. שלעכט, וואָס וועט זיין? „לאָז אייך נישט אַרן, זאָגן זיי, ביזן קאָנצערט איז נאָך ווייט". געקומען דער אויפֿדערנאַכט פֿונעם קאָנצערט. שוין זייגער אַכט. זייגער ניין. זייגער האַלב־צען — נישטאָ קיינער. ערשט אַרום עלף האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט עטלעכע יונגעלייט, קוים אַ מנין. מע טוט זיך אַ כאַפּ: ווו איז דאָס ייִנגעלע? דאָס ייִנגעלע שלאָפֿט. קוים אויפֿגעוועקט. אַוועקגעשטעלט אויף אַ בענקל. דאָס ייִנגעלע האָט זיך צעשפּילט — נו־נו! דאָס איז שוין געווען אַ קאָנצערט! מע האָט דאָס קינד אַרומגערינגלט, געקוועטשט, געקושט, שיר נישט דערשטיקט. נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז ס'איז נישטאָ אַפֿילו מיט וואָס פֿאָרן זאָל צו באַצאָלן? געקומען אַהיים, אויף דער אכסניה הייסט עס, מיד, צע־בראָכן, הונגעריק. עסן, זאָגט די באַלעבאָסטע, איז שוין שפּעט... אַ בעטל אויף צו לייגן זיך שלאָפֿן — הייסט זיך דער באַלעבאָס באַצאָלן פֿריער געלט. ביטער! בעט מען אויס דאָס פּעלצל אויף דער ערד און מע לייגט אַוועק אַ קולאַק צוקאָפּנס. דאָס קינד ווערט אַנטשלאָפֿן — אַ קינד בלייבט אַ קינד — און ער, דער פֿאָטער הייסט עס, ליגט און טראַכט, דער מוח ווערט אים שיר נישט צעפּאַלן: וויאַזוי

רייסט מען זיך אַרויס פון דעם דאָזיקן מקום? ער פילט, דאָס האַרץ זאָגט אים, אַז נעבן אים, אָט דאָ אויפן צעריסענעם פעלצל, וואַלגערט זיך נעבעך אַ פאַרמעגן. אַ מיליאָן. נאָר גיי שריי — אני שלמה! — מיט די געדאַנקען ווערט ער אַנטשלאָפן, דער פאָטער הייסט עס, און עס חלומט זיך אים א חלום, אַ מאָדנער חלום: אין מיטן שטאָט אַ בוים מיט פלוימען. גאַנץ אויבן, אויפן שפּיץ בוים, שטייט זיין זון און טרייסלט, טרייסלט דעם בוים, און פונעם בוים גלייך אַראָפּ צו אים, צום פאָטער, פאַלן... נישט קיין פלוימען, נאָר — מיליאָנען! איין מיליאָן נאָכן אַנדערן. איין מיליאָן נאָכן אַנדערן. ער, דער פאָטער הייסט עס, בייגט זיך אָן צו דער ערד, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, הייבט אויף די מיליאָנען און שטופּט אין די קעשענעס אַריין. דער זון פון אויבן פרעגט אים: „טאַטע, נאָך?" — „נאָך־נאָך"! ענטפערט אים דער פאָטער און ווערט גאָר נישט מיד, קלייבנדיק די מיליאָנען. פּלוצעם דערהערט ער פונדערווייטן אַ טומל, אַ געפילדער. „געוואַלד, שוין טרייסלען!" — זאָגט ער צום זון, און כאַפּט זיך אויף — דערזעט ער, אַז ער ליגט מיטן קינד אויף דער ערד, דאָס פעלצל צוקאָפּנס. די שטוב איז פול מיט מענטשן. דער באַלעבאָס איז טויט ווי די וואַנט. די באַלעבאָסטע ברעכט די הענט און וויינט: „אירע פערל! אירע פערל!"... ער שטייט אויף פון דער ערד, וויל גיין צו דער טיר, זאָגט מען אים: „זייט זשע מוחל, רב ייד, מיר וועלן אייך פריער באַזוכן"... — „וואָס הייסט — איר וועט מיך באַזוכן?" — „מיר וועלן אייך אויסטאָן, זאָגן זיי, נאַקעט, אייך און אייער קינד, און באַזוכן, אפשר, זאָגן זיי, זענען על־פּי־טעות צו אייך פאַרקראָכן בייגאַכט דער באַלעבאָסטעס פערל?" — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

(עס ווייזט אויס, אַז דאָ פעלן עטלעכע בלעטלעך, וואָרעם אין דער ווייטערדיקער געשיכטע איז צו זען, אַז דער סטעלמאַך מיט זיין וווּנדערקינד זענען שוין אין פעטערבורג, און אַז דאָס קינד הייסט שוין נישט הערשעלע, נאָר גרישא, און אַז ער באַקומט שוין גאָר פּענסיע).

„געקומען קיין פעטערבורג — עס קאָכט די שטאָט. פון איינעם צום אַנדערן. פון איינעם צום אַנדערן. דאָ אַן אָנבייסן, דאָ אַ וואַרעמעס, דאָרט א וועטשערע. און דאָס קינד — אויף די הענט טראָגט מען אים אַרום. אומעטום, ווו ערגעץ א באַל, אַ קאָנצערט, אַן אָוונט, — הערט מען נאָר „גרישא סטעלמאַך" און „גרישא סטעלמאַך". סטודענטן, פּראָפעסאָרן, קריסטן, דאַמען — אַלע אין איין קול: „גרישא סטעלמאַך!" עס קאָכט! עס זידט! פון געלט שמועסט מען נישט. וויבאַלד פענסיע — איז דאָך אַנדערע ווערטער. אמת, די פענסיע איז אים פאַרלאָפן מיט בלוט און מיט בזיונות און מיט לויפעניש פון איינעם צום אַנדערן. קוים מיט צרות זיך דערשלאָגן, אי דאָס — צוליב אַ קריסט, אַ רשע, אַ צורר־היהודים — אַ סך צו דערציילן. און אַזוי גייט אַוועק אַ יאָר און א יאָר. דאָס קינד וואַקסט און דער נאָמען וואַקסט נאָך גרעסער. נישטאָ שוין, דאַנקען גאָט, פאַר אים קיין לערער.

אַן עק. אויסגעגאַנגען פּראָפּעסאָרן אין פּעטערבורג. ער האָט זיי אַלעמען אַריבערגעיאָגט. וואָס וועט זיין ווייטער? ציים אַ קלער טאָן מכוח תכלית. אייביק קיין פּענסיע וועט מען נישט געבן. צייט אַליין אָנהייבן פאַרדינען. מע דארף געבן א פּאָר ארויס מיטן קינד אויף דער וועלט. און טאַקע וואָס גיכער. וואָרעם כל=זמן דאָס „וואונדערקינד" איז א קינד, איז דאָס אַ וואונדער, וואָס אַלע ווילן דאָס זען. קוים אָבער טוט עס אַ וואַקס ארויס פון די קורצע הייזלעך, אַזוי ווערט דאָס קינד אויס קינד און דער וואונדער — אויס וואונדער. גאָט ווייסט, וואָס פון אַ קינד קאָן נאָך אויסוואַקסן און אין וועמענס הענט ער קאָן נאָך אַריינפאַלן... על=כן דארף מען זען אַריינכאַפּן באַצייטנס... אַזוי האָט זיך דער פאָטער באַרעכנט, און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. דאָס הייסט, נישט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך. ארויספאָרן אויף דער וועלט — קאָסט געלט, און קיין געלט איז נישטאָ. וואָס זשע טוט מען? דארף מען געפינען עפּעס אַן עצה, זוכן א שותף: דיין געלט, מיין סחורה... און גאָט האָט אים געהאָלפן, ער האָט געפונען א בעלן, א דייטש, מיטן נאָמען שולץ, וואָס נעמט זיך אויף זיינע הוצאות, און וויפל עס וועט מאַכן — איז חצי שלי חצי שלך. נאָר וואָס דען? אַ קלייניקייט: ער וויל אַ קאָנטראַקט אויף צען יאָר. „דייטש! ביסט משוגע, צי חסר דעה? וואָס פאַר צענדליקער יאָרן? גענוג אַ יאָר, גענוג צוויי יאָר, דריי יאָר — אַן עק!" כאָטש האַק אים, כאָטש בראָק אים. אַן איינגעשפּאַרטער דייטש! דערווייל די צייט שטייט נישט. קאָסטן קאָסט. פון דער היים שרייבט מען, מע זאָל שיקן געלט. אַהין=אַהער, מע האָט זיך מיטן דייטש קוים אויסגעגלייכט אויף פינף יאָר. זיך צושריבן מיט אַ קאָנטראַקט, ווי עס געהער צו זיין, און מע האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין א גוטער שעה איבער דער וועלט. מע האָט אָנגעהויבן קלאַפּן קאָנצערטן, איינס נאָך דאָס אַנדערע, איינס נאָך דאָס אַנדערע, און דאַנקען גאָט, ס'איז אַוועק מיט הצלחה. וווהין מע קומט — איז חושך! הערן גרישאַ סטעלמאַך — לויפט מען ווי אויף אַ שׂרפה. מענטשן — אַזוי ווי זאַמד, אַזוי ווי שטערן אין הימל. גבירים, אדירים, קריסטן, שׂררות — אַזוי ווי פליגן, אַזוי ווי פליגן פאַלן זיי, און געלט — געלט שיט זיך פון אַלע זייטן, ס'איז נאָר אַ פאַרדראָס, וואָס מע דאַרף זיך טיילן מיט אָט דעם דייטש! פאַרוואָס קומט אים אַזוי פיל געלט? וואָס האָט ער אַריינגעלייגט? דעם טאַטנס ירושה? צי די גרויסע תורה, וואָס דאָ איז? ער קאָן שוין, ברוך השם, אַליין די מלאכה פון קאָנצערטן, אַ טייערע מציאה! מע קומט צו פאָרן אין אַ שטאָט, גיט מען צו וויסן קודם אין אַלע צייטונגען, מע באַצאָלט, הייסט עס, פאַר אַנאָנסן, און זיי הייבן אָן קלאַפּן און טרומייטערן: „גרישאַ סטעלמאַך קומט צו פאָרן!" „גרישאַ סטעלמאַך פאָרט!" „גרישאַ סטעלמאַך איז געקומען!"... מע דינגט אָפּ אַ זאַל אָדער א טעאַטער, מע קלעפּט אויס אַפישן, מע דרוקט אָפּ בילעטן — און אַ גוטן טאָג. ס'איז נאָר אַ ווייטיק: דער דייטש! אַן עבירה פאַר גאָט. נאָר אַז מע ליגט אין פּאַס — איז עפּעס אַ תירוץ? פאַרפאַלן! איין שטיקל טרייסט, וואָס אָט=אָט ענדיקן זיך די פינף יאָר,

גייט אויס דער קאָנטראַקט, וועט ער שלאָגן כּפּרות מיטן דייטש — דערמלט וועט איז צו אים גליך? „זיין סחורה, זיין געלט“... — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

האָט אַזוי לאָזט אויס אָט דער סטעלמאַך זיין ביאָגראַפיע מיט אַ שיינענדיק פּנים, גלעט זיך דאָס בייכל און צעפּרעגט זיך ביי שטשופּאַקן, וואָס הערט זיך עפּעס ביי אים און וואָס הערט זיך גלאַט אין יידישן טעאַטער? וואָרעם דאָס יידישע טעאַטער איז ביי אים, זאָגט ער, דאָס איינציקע שטיקל פאַרגעניגן. דעם זונס קאָנצערטן — דאָס איז ביי אים געשעפט. און אַז ער וויל זיך אונטערהאַלטן, גייט ער אין טעאַטער. אין יידיש טעאַטער. ער האַלט זייער פון יידיש טעאַטער און קען זיך דעריבער מיט אַלע יידישע אַרטיסטן. און דערפון נעמט זיך זיין גוטפריינדשאַפט מיט שטשופּאַקן. ער, אַז ער קומט צו פאָרן, זאָגט ער, אין אַ שטאָט, איז דאָס ערשטע — צעפּרעגט ער זיך קודם, וווּ קאָן מען עסן כשר און צי ס'איז דאָ אַ יידיש טעאַטער? יידישע פיש און יידיש טעאַטער — וואָס קאָן זיין בעסער דערפון? נאָך איידער ער איז אַהער געקומען צו פאָרן, האָט ער שוין געהערט, זאָגט ער, אַז ביי זיין פריינד שטשופּאַקן איז דאָ אַ נייעס, עפּעס איינע אַ ראָזאַ ספּיוואַק, מע לויבט זי זייער... „אָט דאָס איז זי“, — מאַכט צו אים שטשופּאַק און ווייזט אָן אויף מיר מיט זיינע רויטע אָנברעמענדיקע אויגן, און דער סטעלמאַך ציט מיר אויס אַ האַנט, אַ וואַרע־מע, אַ ווייכע האַנט, ווי אַ קישן, און אַ האָריקע, מיט קורצע גראָבע האָריקע פינגער, און דאָס גאַנצע פּנים ביי אים ווערט אָקאָרשט ניט צעשמאָלצן פאַר תענוג. „טאַקע באמת, — זאָגט ער. — ווער איז זי און פון וואַנען?“ — „זי איז טאַקע מיינע אַ פּלימעניטשקע פון וואַרשע, אַ יתומהלע, אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען“. — טאָקט אים אָפּ שטשופּאַק אַ קיילעכיקן ליגן און שנורעוועט צונויף די געקנייטשטע ליפּן, ער זאָל זיך עס אפילו פאַרקרימען. „נעבעך!“ — זאָגט סטעלמאַך מיט אַ שמייכעלע און מיט אַ רחמנות־פּנים, קוועטשט מיר די האַנט, געזעגנט זיך אָפּ און זאָגט צו, אַז ער וועט קומען אויפדערנאַכט, ער וועט קומען, זאָגט ער, גאָר אָן אַ שום תירוץ, מיך הערן זינגען. „מיטן יאַט?“ — פרעגט אים שלום־מאיר מוראַוואַטשיק. „זאָל גאָט היטן!“ — ענטפערט אים סטעלמאַך און טוט זיך אַזש אַ וואָרף, גלייך ווי מע האָט אים אָפּגעבריט. — וואָס הייסט, מיין גרישאַ וועט גיין אין יידיש טעאַטער, כאַ־כאַ־כאַ? לאָמיך מיך נאָר באַווייזן מיט אים איין מאָל צווישן יידן — איז אַן עק, פאַרפאַלן די קו מיטן שטריקל... ניט מחמת ער איז ביי מיר חלילה קיין ייד ניט. אַדרבא. נאָר וואָס דען? מע דאַרף עס פאַרשטיין. ס'איז אַן איידעלע מאַטעריע“... (דאָ באַווייזט סטעלמאַך מיט די קורצע גראָבע פינגער, וואָס פאַר אַן איידעלע מאַטעריע דאָס איז). „איר שפּילט זיך, זאָגט ער, מיט מיין גרישאַ? מיין גרישאַ, אַז ער פאָרט, איז נאָר ערשטער קלאַס, דאָרט וווּ קיין יידן פאָרן ניט. און שטיין שטייען מיר, זאָגט ער, נאָר אין בעסטן און שענסטן האָטעל. און אַז מע דאַרף גיין צום קאָנצערט — עס מעג זיין דריי טריט —

איז נאָר געפאָרן, און דווקא אין א געדעקטער קארעטע. אים קאָן מען, זאָגט ער, נישט זען גלאַט אַזוי, אָן געלט, כאַ=כאַ. אים, אַז מע וויל זען, דארף מען פריער אָנקומען צום דייטש. און פאר א דייטש, זאָגט ער, האָט מען דרך=ארץ, כאָטש אַפילו דער דייטש — צווישן אונדז זאָל עס בלייבן — איז סך=הכל אליין אויך אַ ייד, כאָטש ער הייסט שולץ, נאָר ער וויל נישט, זאָגט ער, מע זאָל וויסן... עס פאסט נישט... צו מיר, זאָגט ער, אַז עמעצער קומט און וויל זיך זען מיט מיין גרישען, עפעס א טובה, אָדער גלאַט זיך באַקענען, — שיק איך אים אָפּ צום דייטש, כאַ=כאַ=כאַ, צום דייטש“...

אָט דאָס איז דער סטעלמאַך. און אָט דעם מענטשן האָב איך צו פארדאנקען מיט מיין גאַנצער קאַריערע און מיט מיין גאַנצן לעבן אפשר. נאָר וויל דער בריוו איז שוין אַזוי אַ ביסל צו לאַנג, איבערגעכאפט די מאָס, לייג איך אָפּ דאָס ווייטערע אויף אַ צווייטן מאָל. זיי געזונט, מיין טייערער!

פינפטער בריוו

מיין טייערסטער פריינד!

דער „ליבהאָבער פון יידיש טעאַטער“, מאיר סטעלמאַך, איז כמעט נישט אַרויסגעקראָכן פון אונדזער טעאַטער. נאַכט און נאַכט האָט ער געוויילט ביי אונדז, געהערט דריי מאָל איין שטיק, ס'איז אים גאָרנישט נמאס געוואָרן. געזעסן איז ער ביי אונדז תמיד אויבנאָן, צעלייגט אין דער ערשטער ריי, געוויינטלעך אומזיסט, וואָרעם אַ „ליבהאָבער פון טעאַטער“ צאָלט קיין געלט נישט. דערפאַר האָט ער אָבער אַפּלאָדירט אַלעמאָל פריער פון אַלעמען און שטאַרקער פון אַלעמען און מער פון אַלעמען. ער איז געווען אַנטציקט כמעט פון יעדן איינציקן אַקטיאָר. און ווער שמועסט פון מיר און פון מיינע לידער — איז ער געווען, ווי זאָגט שלום=מאיר מוראַוויטשיק, די כפרה! דאָס ערשטע מאָל איז ער פון מיין „פּראַטיק אויף דער נאַכט“ אַזוי אַרויס פון די כלים, אַז ער איז אַריינגעלאָפן הינטער די קוליסן און מיט טרערן אויף די אויגן האָט ער אַרומגעכאַפּט מיין דירעקטאָר (שטשופּאַקן) און האָט זיך מיט אים אַזש צעקושט.

מיין דירעקטאָר האָט אַ פּאָר מאָל געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער וואָלט אַ בעלן געווען הערן זיין גרישען שפּילן, האָט ער זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און פאַררעדט די ציין. שטשופּאַקס אָנצוהערענישן זענען אָבער געווען אַזוי גראָב, אַז ער האָט שוין געמוזט יוצא זיין און האָט איינמאָל אין אַ זונטיק געבראַכט צו טראָגן דריי בילעטן: דעם דירעקטאָר, דעם הייזעריקן און מיר — אויף אַ מאַטינע, אַ פּרימאָרגנדיקן קאָנצערט. בעת=מעשה האָט ער גענומען אויסמאָלן, וואָס פאַר אַ גרויסאַרטיקער קאָנצערט דאָס וועט זיין. „דאָס וועט שוין זיין, זאָגט ער, איינמאָל אַ קאָנצערט: זיין גרישאַ וועט שפּילן, דער דייטש וועט אַקאָמפּאַנירן

און מאַרטשעלאַ עמבריך וועט זינגען. ווילט איר אפֿשר וויסן, זאָגט ער, ווער אָט די מאַרטשעלאַ עמבריך איז? דאָס איז, זאָגט ער, די צווייטע פּאַטי. וואָס זאָגט ער — פּאַטי? צען מאָל, הונדערט מאָל, טויזנט מאָל גרעסער פֿון פּאַטין! דאָס ערשטע מאָל, זאָגט ער, אַז פּאַטי האָט זי דערהערט זינגען, איז זי איר געפֿאַלן אויפֿן האַלדז און געזאָגט צו איר מיט די ווערטער: „מיר זענען צוויי שטערן — איך בין דער שטערן, וואָס גייט אונטער, דו ביסט דער שטערן, וואָס גייט אויף“ — און האָט זיך צעוויינט... פֿאַרשטייט זיך, אַז מיט קיין אַנדערן וועט אָט די עמבריך אין אַ קאָנצערט נישט אויפֿטרעטן פֿאַר קיין געלט, נאָר מיט זיין גרישען — איז עפּעס אַנדערש... און ס'איז אַוועק אַ גאַנג: „גרישאַ־גרישאַ, גרישאַ־גרישאַ...“ איך וואָלט שוין געוואָלט דערלעבן זען אָט דעם גרישאַן, זען און הערן, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין גרישאַ אויף דער וועלט?

גאָט האָט געהאָלפֿן, איך האָב דערלעבט אים זען און הערן. און איך מוז דיר זאָגן, מיין טייערער פֿריינד, אַז איך האָב געזען פֿאַר זיך צוויי גרישאַס. דאָס הייסט, איך וויל זאָגן, אַז געזען האָב איך איין גרישאַן און געהערט האָב איך אַן אַנדערן. דער גרישאַ, וואָס איך האָב אים געזען די ערשטע מינוט אויפֿטרעטן אויף דער עסטראַדע, איז געווען אַ בחורל, שוין אַ היפּש בחורל, כאָטש אַפֿילו אין קורצע הייזלעך, אַ פּוכלאַק, מיט פּעצקע בעקלעך, מיט קליינע אויפֿן פּנים, און אויגן — נאָר אַ סימן פֿון אויגן. קורץ — אַ גאַנץ געוויינלעך בחורל, וואָס ווען מע באַגעגנט דאָס אין גאַס, לאָזט מען אים דורך פֿאַרביי, ווי טויזנט אַנדערע. דאָס איינציקע, וואָס האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן — די לאַקירטע שיך מיט גרויסע בענדער, וואָס האָבן אויסגעוויזן אַביסל צו גרויס פֿאַר אים — צו אַ גרויסער פֿוס פֿאַר אַ „וווּנדערקינד“ — און דער ברייטער ווייסער קיילעכיקער קאָלנער, אונטערגעבונדן מיט אַ צו גרויסן פּאַווער, אַראָפּגעהאָנגען מיט צוויי שפּיצן. ווייטער איז נישט געווען גאָרנישט אויף אים צו באַמערקן. דערפֿאַר אָבער, אַז ער האָט זיך געגעבן אַ נעם צום פֿידל, דעם ערשטן פֿיר געטאָן מיטן בויגן איבער די סטרונעס אַראָפּ און אַרויף, — איז דער פֿריערדיקער בחור מיט די פּעצקע באַקן און מיטן קליינעדיקן פּנים באַלד פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, און אויף זיין אָרט איז אויסגעוואַקסן אַ נייער מענטש. גאָר אַן אַנדער אויסזען. אַן אַנדער געשטאַלט. אַנדערע אויגן — גרויסע, בלויע, הימלישע אויגן. אַ מאָדנע זאַך — ווו זענען זיי געווען פֿריער, די דאָזיקע אויגן?... און אפֿשר האָט זיך עס מיר נאָר אויסגעוויזן? וואָרעם אַז ער האָט אויפֿגעהערט צו שפּילן, און דאָס פּובליקום האָט אָנגעהויבן צידונערן משוגענערווייז, איז פֿאַר מיינע אויגן געשטאַנען ווידער דערזעלבער פּוכלאַק מיטן ברייטן קאָלנער און מיט די לאַנגע שפּיצן פֿונעם פּאַווער. רואיק איז ער געשטאַנען פֿאַרן פּובליקום, וואָס האָט איינגעלייגט די וועלט, רואיק און קאַלט, אַזוי ווי אייז. קוים־קוים, וואָס ער האָט זיך פֿאַרנייגט. אפֿשר אַ מאָל צען האָט מען אים אַרויסגערופֿן. און איטלעכס מאָל, וואָס ער איז אַרויסגעגאַנגען, איז ער

געגאַנגען פּעסט, האַרט ביי דער ערד, נאָר קאַלט און רואיק, ווי אַ מענטש, וואָס
איז זיכער, אַז דאָס קומט אים...
באַלד נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגעשפּילט, איז אויפגעטראָטן די באַ=
רימטע זינגערין מאַרטשעלאַ עמבריך. איר זינגען, זאָג איך מיך אָפּ צו באַשרייבן.
מאַרטשעלאַ עמבריך, אַז זי שטעלט אַ טאָן, גיסט ער זיך אַריין גלייך אין האַרצן,
ווי אַ בוימל, און צעגייט זיך אין יעדן אבר. דו הערסט און ווערסט פאַרכישופט
און וווּנדערסט זיך: פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ גלאַטקייט, אַזאַ זיסקייט און אַזאַ
שטאַרקייט? קיין שום כוח לייגט זי נישט צו צום זינגען. עס זינגט זיך אַליין.
דו זיצסט און הערסט און מיינסט, אַז דאָס זינגט נישט קיין האַלדז, נאָר אַ פידל
שפּילט. מאַרטשעלאַ עמבריך, אַז זי זינגט, זינגט מיט אַלץ, וואָס אַרום איר,
זינגט מיט די גאַנצע וועלט. דו פאַרגעסט דעמלט, ווו דו ביסט אין דער וועלט,
און צי ס׳איז גאָר פאַראַן ערגעץ אַ וועלט אויסער די שיינע, גלאַטע, זיסע, הימלישע
געזאַנגען. אָט אַזוי זינגט מאַרטשעלאַ עמבריך! איך קאָן זאָגן, אַז איך בין יענעם
פרימאָרגן געווען, ווי אין אַ משאַד, ווי אין אַ חלום, ווי אויף יענער וועלט. וואָרעם
באַלד נאָך איר איז אויפגעטראָטן ווידער דאָס בחורל מיט די פּעקע בעקלעך
און מיטן קלייענדיקן פּנים. אָט האָט ער שוין ווידער געגעבן אַ פיר מיטן בויגן
אַראָפּ און אַרויף. אָט האָט שוין ווידער זיין פידל אָנגעהויבן רעדן ווערטער, זינגען,
וויינען, וויינען ווי אַ מענטש — און אָט האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז שוין
ווידער פאַרשוווּנדן געוואָרן. און אויף זיין אָרט איז שוין געשטאַנען ווידער אַן
אַנדער גרישאַ סטעלמאַך. אַ מכשף איז געשטאַנען אויף דער עסטראַדע, וואָס
האָט פאַרכישופט און צוגעצויגן צו זיך דאָס גאַנצע טעאַטער. גיין. איך בין
נישט אימשטאַנד דיר איבערצוגעבן קיין צענטן חלק פון דעם, וואָס איך האָב אי=
בערגעלעבט יענעם פרימאָרגן, און וואָס פאַר אַ קאָנצערט דאָס איז געווען! עס
איז שווער צו זאָגן, ווער פון די צוויי האָט מער אויסגענומען: גרישאַ סטעלמאַך
אָדער מאַרטשעלאַ עמבריך? מאָל דיר, דאָס פּובליקום האָט זיי ביידן נישט גע=
זשאַלעוועט קיין אַפּלאָדיסמענטן. נאָר מיר דאַכט, אַז אים האָט מען וואַרעמער
אויפגענומען און אים האָט מען מער אַוועקגעגעבן ווי איר. ער האָט אָפּגעשפּילט
דאָס לעצטע שטיק פון פּראָגראַם — און דאָס גאַנצע פּובליקום, ווי איין מענטש,
איז פּשוט משוגע געוואָרן. ווי קאָן מען אַזוי שטאַרק פאַרגעטערן אַ מענטשן?
אמת, דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעשפּילט נאָכדעם אויף בים, איז געווען אַ געטלעכע
זאַך. מער ווי געטלעך.

זעקסטער בריוו

ליבסטער, טייערסטער פריינד.
איך האָב דיר אין מיין פריערדיקן בריוו אָנגעהויבן דערציילן פון מיין באַ=
קאַנטשאַפט מיט דער באַרימטער מאַרטשעלא עמבריך און האָב מיך א ביסל

צופיל פאַרדערט וועגן דעם קאָנצערט. דאָס איז געווען מיין ערשטער ערנסטער קאָנצערט, וואָס איך האָב ווען געהערט אין מיין לעבן. איך האָב שוין נאָכדעם געהערט אַ סך גרויסע ערנסטע קאָנצערטן. דעם וועל איך אָבער אייביק־אייביק נישט פאַרגעסן. אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט איינגאַנצן מיך איבערגעמאַכט, איבערגעשטעלט מיין לעבן, ווי דו וועסט ווייטער זען...

אַ נייגעבאָרענע, פול מיט נייע געדאַנקען און נייע האָפענונגען, בין איך אַרויסגעגאַנגען מיטן גאַנצן פובליקום פון טעאַטער. אין מיינע אויערן האָבן נאָך אַלץ געקלונגען די זיסע טענער, די הייליקע אַקאָרדן, די הימלישע געזאַנגען. איך האָב פאַר מיינע אויגן נישט געזען קיינעם, אויסער די צוויי: מאַרטשעלאָ עמבריך און גרישאַ סטעלמאַך. איך האָב קיין זאַך נישט געהערט, אויסער איר זינגען און זיין שפילן. אַ סך פונעם פובליקום איז געבליבן שטיין אין דרויסן, ביים טעאַטער, וואַרטן אפנים אויף די צוויי, ביז זיי וועלן אַרויסקומען. איך בין אויך געבליבן וואַרטן. איז צוגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל און עס האָבן זיך אַריינגעזעצט דריי מענטשן: מאַרטשעלאָ עמבריך, גרישאַ סטעלמאַך און דער דייטש. גרישאַס פאָטער, מאיר סטעלמאַך, איז געשטאַנען נעבן זיי, געבויגן זיך אין דרייען און געשמייכלט מיטן גאַנצן פנים. דאָס פובליקום האָט זיי אַרויסבאַגלייט פון טעאַטער מיט הילכיקע אַפלאָדיסמענטן און נישט אויפגעהערט, אין דרויסן שוין, נאָך שטאַרקער צו אַפלאָדירן. די דריי זענען אַוועק מיטן אויטאָמאָביל, ווי אַ חלום, און איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרכישופטע און געקוקט אַהין, וווּ די צוויי גליקלעכע זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן... איך בין זיך מודה, אַז אין דער מינוט האָט זיך פאַרגנבעט צו מיר אַ נאַרישער געדאַנק: „וועל איך אויך אַמאָל זיין אַ מאַרטשעלאָ עמבריך? וועט מען מיך אויך אַמאָל אַרויסבאַגלייטן מיט אַפלאָדיסמענטן?... איך מוז מיך דערשלאָגן צו אָט דער עמבריך, ס'זאָל זיך קערן די וועלט! איך וויל, זי זאָל מיך הערן זינגען — אפשר וועט זי מיר זאָגן, וואָס דאַרף איך טאָן, איך זאָל ווערן אַ מאַרטשעלאָ עמבריך?“...

אין דעם גייט אָן מיין הינטער און מיין באַשיצער — שלום־מאיר מוראַווטשיק. „מיר גייען, זאָג ער, אַלע אינײַנעם עסן אָנבייסן“. „ווער זענען די אַלע?“ — איך און ער און דער דירעקטאָר (שטשופאַק), און דער אַלטער סטעלמאַך גייט אויך מיט אונדז. שטשופאַק האָט אים איינגעלאַדן אין אַ יידישן רעסטאָראַן אויף געפילטע פיש מיט כריין. דער „ליבהאָבער פון יידיש טעאַטער“ האָט אַזוי ליב יידישע פיש, ובפרט נאָך — אַז יענער צאָלט!... „אַ כשרער טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל, — טראַכט איך מיר. — מע דאַרף בעטן דעם „ליבהאָבער פון יידיש טעאַטער“, ער זאָל מיך באַקאַנט מאַכן מיט דער עמבריך. נאָר וויאַזוי מאַכט מען דאָס, אַז מיין דירעקטאָר זאָל דערפון נישט וויסן?“...

פאַרשטייט זיך, אַז כאָטש דער „ליבהאָבער פון יידיש טעאַטער און פון יידישע מאכלים“ איז געווען אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט מיט די יידישע פיש און

מיטן יידישן כריין, אז ער האָט אַזש אָנגעהויבן צו שוויצן, פונדעסטוועגן האָט ער נישט אויפגעהערט צו דערציילן נסים ונפלאות פון זיין גרישען און פון מאַרטשעלאַ עמבריך. א קלייניקייט — מאַרטשעלאַ עמבריך! זי איז די איינציקע זינגערין, וואָס זינגט פאַרן קייסער פראַנץ-יאָזעף. מיט קיין אַנדערן וועט זי אָבער נישט געבן קיין קאָנצערט פאַר קיין מיליאָן אפילו, נאָר צוליב זיין גרישען האָט זי זיך אַליין אָנגעשלאָגן. און ס'איז אַוועק ווידער א לידל: „גרישאַ-גרישאַ! גרישאַ-גרישאַ!"... מע קאָן זאָגן — דער מענטש איז פאַרשיכורט אָדער געווירט, און זיין משוגעת איז — גרישאַ!

אויסגעהיט די מינוט, ווען דער דירעקטאָר מיטן הייזעריקן זענען געווען פאַרנומען מיטן צעצאָלן זיך פאַרן עסן, האָב איך מיך מיט סטעלמאַכן אויפגעהויבן פון טיש אויף אַרויסצוגיין. גייענדיק, הערט ער נישט אויף צו זינגען: „גרישאַ-עמבריך, עמבריך-גרישאַ". פלוצעם שלאָג איך אים איבער אין מיטן און טו אים א זאָג: „פאַניע סטעלמאַך, איך האָב צו אייך אַ בקשה". דערהערט דאָס וואָרט „בקשה", איז דער סטעלמאַך געוואָרן אויס מענטש. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן געל און גרין, אראָפּ דאָס שמייכעלע פונעם פנים און די אויגן האָבן אויסגעטריקנט, געוואָרן קאַלט און גלעזעריק. אַ רחמנות געווען אויף אים צו קוקן. „אַ קליינע בקשה, — פאַרכאַפּ איך מיך, — גאָר אַ קליינע בקשה: איך וויל, איר זאָלט מיך באַקאַנט מאַכן מיט אָט דער עמבריך, זי זאָל מיך הערן זינגען". דערהערט פון מיר אָט די ווערטער, איז אים געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה. דאָס פנים האָט זיך אים ווידער איבערגעאַנדערשט. עס האָט זיך באַוויזן צוריק דאָס שמייכעלע. די געלקייט מיט דער גרינקייט זענען אַוועק, און די בעקלעך זענען געוואָרן צוריק רויט. „אָך, — מאַכט ער צו מיר, אָפּזיפּצנדיק, — פאַרוואָס דען נישט? מיטן גרעסטן כבוד!"... „נאָר איין זאַך, — זאָג איך צו אים שטיל. עס דאַרף זיין בסוד. פון מיינע לייט טאָר קיינער נישט וויסן. איר פאַרשטייט?"...
— „איך פאַרשטיי, ליובעניו, וואָס דען, איך פאַרשטיי נישט? איך פאַרשטיי זייער גוט... נאָר, זאָגט ער, ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?" און ער טראַכט א ווײַלע און טוט זיך א פאַטש אין שטערן: „שאַ! ער האָט שוין צוגעטראַכט: מאָרגן, אם-ירצה-השם, אין דער פרי, ארום זייגער עלף, זאָל איך קומען צו גיין צו אים אויף דער סטאַנציע, וועט, זאָגט ער, זיין רעכט. קיין פויגל וועט נישט וויסן"...

זיין ביי סטעלמאַכן אויף דער סטאַנציע און מיין דירעקטאָר זאָל דערפון נישט געוואָר ווערן — דאָס איז אַ ביסל אַ שווערע זאַך. שטשופּאַקן לאָזט דען אָפּ אַן אויג פון מיר? און זיין רעכטע האַנט, דער הייזעריקער — דער היט דאָך מיך, ווי א געטרייער הונט... בין איך געפאַלן אויף אן עצה: אז מע דאַרף דעם גנב, נעמט מען אים פון דער תליה. ער אליין, שלום-מאיר מוראַוויטשיק, האָט דאָך מיך אַמאָל געבעטן, אז וואָס איך וועל דאַרפן און

װען איך װעל עפּעס דאַרפֿן, זאָל איך מיך װענדן צו אים, און נאָה צו אים, װעט ער מיר שטײן אין מײַנע גוײטן... האָב איך מיך מישב געװען און האָב מיך פֿאַר אים פֿאַרטרױט, געזאָגט, איך װיל מער נישט אײן זאַך — הערן, װאָס װעט זאָגן אַ באַרימטע זינגערין װעגן מײַן שטימע? און עס איז מיר אָפּגעראָטן: „קעצעלע! — זאָגט ער צו מיר אויף זײַן לשון. — ס'איז דען פֿאַראַן, זאָגט ער, אַ זאַך אויף דער װעלט, װאָס זאָל אים זײַן שװער פֿון מײַנעטװעגן צו טאָן? אין פֿײַער און אין װאַסער! גאָט זאָל אים, זאָגט ער, אַזױ געבן גליק און הצלחה“.

אַ מאָדנער מענטש, אָט דער הײזעריקער! דעם באַלעבאָס איז ער געטרײַ, װי אַ געטרײַער הונט. ער װעט זיך לאָזן פֿאַר אים שנײַדן די פֿינגער, און פֿון מײַנעטװעגן, זע איך, איז ער גרײט אים קױפֿן און פֿאַרקױפֿן דרײַ מאָל אַ טאָג. אַ מאָדנער מענטש!

אויף מאָרגן אין דער פֿרי נאָכן קאָנצערט, אַרום זײגער עלף, װי מיר האָבן אָפּגערעדט מיטן ליבהאָבער פֿון יידישן טעאַטער, רופֿט זיך אָן מײַן באַשיצער (מוראַװטשיק) צום דירעקטאָר (שטשופּאַק), אַז ער דאַרף גײן מיט מיר אײַנקױפֿן קלײניקײטן. „װאָס פֿאַר אַ קלײניקײטן אין מיטן דרינען?“ — פֿרעגט אים שטשופּאַק און קוקט אויף מיר מיט זײַנע קלײנע רױטע אָנגברעמעגדיקע אויגן... „װײס איך װאָס! — ענטפֿערט אים דער הײזעריקער: — שמאַכטעליאַקעס, נאַרישקײטן, נעבעכדיקע טעג“. פֿילט זיך נישט שטשופּאַק און פֿרעגט אים איבער נאָכאַמאָל: „װאָס פֿאַר שמאַכטעליאַקעס, נאַרישקײטן, נעבעכדיקע טעג אין מיטן דרינען?“ — „קלעק! — רופֿט זיך אָן צו אים מוראַװטשיק שױן מיט אַ טאָן העכער. — מע זאָגט דיר, אַז מע דאַרף, װאָס גײט עס דיך אָן?“...

אַ מאָדנע זאַך מיט די צװײ! דאַכט זיך, אַזױ שעלט אים דער דירעקטאָר און טרײַבט אים און שאַפֿט זיך מיט אים, װי מיט אַ משרת. נאָר לאָז אָט דער הײזעריקער אַ ביסעלע העכערן דאָס קול, אַזױ פֿאַרשנורעװעט ער די מגושמדיקע ליפּן און מאַכט אַ שװײַג. װאָרעם אַז נישט, קאָן אים אָט דער מוראַװטשיק אָפּשפּילן אַ פֿרימאָרגן, אים געבן אַ געשרײ „אי-די-אָט!“, אַז די פֿענצטער זאָלן קלינגען. הכלל, מיר האָבן זיך אױפֿגעהױבן, איך און דער הײזעריקער, און זענען אַװעק צו אונדזער „ליבהאָבער פֿון יידישן טעאַטער“.

אַ ברוך-הבא האָט אונדז דער ליבער סטעלמאַך געמאַכט זײער אַ ברײטן, געבעטן זיצן און גענומען דערצײלן אונדז, געװײנטלעך, פֿריער פֿון זײַן גרישען און דערנאָך פֿון זיך אַלײן, זײַן גאַנצע ביאָגראַפֿיע, נאָכאַמאָל פֿון אָנהײב, אַ מעשה פֿון טױזנט-אײן-נאַכט, און װידער אויף דרײַ זײגער-שעה. דאָ איז מיר שױן דער הײזעריקער געקומען צוהילף, איבערגעשלאָגן אים אין מיטן, געזאָגט, אַז מיר האָבן זײער װײניק צײַט. מיר װילן זיך זען מיט דער עמבריך... האָט זיך אָט דער סטעלמאַך געגעבן אַ כאַפּ אויף און גענומען עפּעס מאָדנע דרײען זיך אויף

אן אָרט און בעלעבעטשען מיט דער צונג: „וויאַזוי טוט מען דאָס? וויאַזוי מאַכט מען דאָס? איצט זיצט דאָרט ביי איר סאַמע דער דייטש, און זיין גרישאַ איז אויך דאָרטן... ער קאָן איצט נישט אַריינגיין אהין... ער וויל, נאָר ער קאָן נישט“... בעת־מעשה האָט דער „ליבהאָבער פון יידיש טעאַטער“ אויסגעוויזן אַזוי קליין, אַז דער הייזעריקער האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אים אַ זאָג געגעבן: „ווייסט איר נישט, וואָס מע טוט?“ — „אדרבא, וואָס טוט מען?“ — „מע נעמט איין אַ מיתה־משונה אָט דאָ אויפן אָרט“... די דאָזיקע ווערטער האָט, אַפּנים, סטעלמאַך אָנגענומען פאַר אַ וויץ. וואָרעם אַז ער האָט זיך געכאַפּט ביי די זייטן און האָט אָנגעהויבן לאַכן, לאַכט ער נאָך. האָט אים אָבער מיין באַשיצער נישט געלאָזט לאַנג לאַכן. „פאַניע סטעלמאַך! — מאַכט ער צו אים, — הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן: אָט די פוילע שטיק וואַרפט אוועק. איר, זאָגט אונדז בעסער — יאָ אָדער ניין. פאַר אייער גרישען האָט קיין מורא נישט. מיר וועלן אים חס־וחלילה נישט אָפּבייסן. און אייער כלומרשטיקער דייטש פון בערדיטשעוו לאָז גיין כף־הקלע. מיר האָבן אים אין דער ערד. ווילט איר אריינגיין מיט אונדז, איז גוט, אלא נישט — גייען מיר אַליין אַריין צו אָט דער יפיפיה, און טאַקע שוין אָט די רגע, גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה“...

דערהערט אַזעלכע קלאָרע דיבורים, האָט זיך אונדזער „ליבהאָבער פון יידיש טעאַטער“ איבערגעביטן און געשטאַלט. ס'איז אים אַזש פאַרטריקנט געוואָרן די ליפּן. ער האָט זיך צוגעזעצט, אויפגעשטאַנען, פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך, געוואָלט געבן אַ שמייכל — איז דאָס נישט געגאַנגען, און מיר זענען אַלע דריי אַריין אין אַ שיין מעבלירטן סאַלאָן, אויסגעבעט מיט אַ סך ווייכע דיוואַנעס אויף דער ערד. דאָרט האָט אונדז דער זיסער סטעלמאַך געבעטן זיצן, און אַליין איז ער צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער צו דער טיר פון צווייטן צימער, צוגעלייגט פריער אַן אויער און נאָכדעם מיט די קורצע גראָבע פינגערלעך אָנגעקלאַפּט: „ס'איז איך, איך, סטעלמאַך“... — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָ ווערט ווידער איבערגעריסן אין מיטן, און מיט דעם נישט געענדיקטן בריוו לאָזט זיך אויס ליידער דאָס גאַנצע פּעקל כתבים, וואָס איז אריינגעפאַלן אין די הענט אַריין צו דעם מיסטער קלאַמער פון לאָנדאָן, און מיר ווייסן טאַקע נישט, וויאַזוי די באַרימטע זינגערין מאַרטשעלאַ עמבריך האָט אויפגענומען אונדזער העלדין.

מיר ווייסן איבערהויפּט זייער ווינציק פון דעם, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען אין דער גאַנצער צייט. דעם נאָמען „ר אָ ז אַ ס פּ י וואַ ק“ באַגעגענען מיר ערשט אין אַ צייט אַרום אין דעם גרויסן טומלדיקן לאָנדאָן אויף אַלע גאַסן אָפּגעדרוקט מיט גרויסע אותיות אויף אומגעלומפּערט־גרויסע אַפישן איינעם מיטן נאָמען „גרישאַ סטעלמאַך“...

דאָס איז געווען אינעם אייבערשטן אַריסטאָקראַטישן טייל פון לאָנדאָן, וואָס ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען: „וועסט־ענד“. אינעם אונטערשטן טייל פון דער שטאָט, אויף דער „איסט־ענד“, אינעם „ווייטשעפּל“ — דאָרט זענען אויך געווען אין דער זעלבער צייט אויסגעהאָנגען אומגעלומפּערטע גרויסע פּאָסטערס, מיט מוראדיקע גרויסע אותיות אָפּגעדרוקט, אַז „אינעם יידישן פּאַוויליאָן־טעאַטער וועלן צום ערשטן מאָל אין לאָנדאָן אויפטרעטן די איינגעלאַדענע גרויסע געסט פונעם קאָנטינענט — דער באַרימטער לעאָ ראַפּאַלעסקאָ פון בוקאַ־רעשט און די באַליבטע פּרימאַדאָנע, העניעטאַ שוואַלב פון בוענאָס־איירעס“.

דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגן, דאָס ערשטע מאָל, וואָס אונדזערע יונגע נע־ונדניקעס, דעם נגידס ייִנגל מיטן חזנס מיידל, האָבן זיך אויפגעטראָפן ביידע אין איין שטאָט. דאָס ערשטע מאָל זינט זיי האָבן פאַרלאָזן זייער געבורטשטאָט האָלענעשטי און בלאָנקען זיך אַרום, ווי די בלאָנדזשענדע שטערן, איבער דער גרויסער וועלט אין ריכטן אָפּ גלות־טעאַטער.

קאַפּיטל דריי

נישט אין אַ גוטער שעה

נישט אין אַ גוטער שעה איז אונדזער נע־ונדנע טרופּע, האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ. אַריינגעפאָרן קיין לאָנדאָן. דער דירעקטאָר פון דעם דאָזיקן טעאַטער, בערנאַרד האָלצמאַן, האָט זיך געפילט, גלייך ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן עפּעס אין אַ פינצטערן גרוב, אָדער אין אַ זודיקן קעסל, פון וואַנען ס'איז נישט אַזוי גרינג אַרויסצוקריכן. אַלץ האָט זיך אים אויסגעוויזן טונקל, וויסט און פינצטער. אַלץ האָט אים אויסגעזען ווילד, משונה אומגעלומפּערט. די מענטשן מיט זייער לשון האָבן ביי אים אַ פּנים געהאַט פון ריין משוגע. דער רעש מיטן טומל מיטן הו־האַ האָבן אים איינגאַנצן פאַרטשמיעליעט דעם קאָפּ, און ער האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף דער טומלדיקער שטאָט מיטן כמורנעם פאַרוויינטן הימל מיט דער גאַנצער ענגלישער מדינה, וואָס איז אים נמאס געוואָרן, מע קאָן זאָגן, פון דער ערשטער מינוט, וואָס ער האָט אוועקגעשטעלט א פוס אויף דער ענגלישער טעריטאָריע, ביז ער האָט אָנגעשמעקט מיט זיין נאָז דעם ריח־ניחוח פונעם ברוד־נעם ווייטשעפּל.

אַריינגעפאָרן אין לאָנדאָן אין מיטן בייטאָג, האָבן זיי געטראָפן אַ מוראדיקע פינצטערניש, ווי אין מצרים. ממש מיט די הענט איז געווען אָנצוטאַפּן דאָס חשכות. די דאָזיקע שטאָט, לאַ־די וואָס גאָט האָט זי פאַרשאָלטן, צוגענומען ביי איר די

זון, האָט זי האָלצמאַן, פון זיין זייט, אָנגעשאָלטן — ס׳זאָל גאָר פאַלן אין וואַסער אַריין. ער האָט איר געווינטשעוועט, ווי אַמאָל היינריך היינע: דער ים זאָל זי איינשלינגען און צוריק אַרויסשפּייען — און האָט נאָך צוגעלייגט אַ קנייטל: ס׳זאָל ווערן פון איר אַ שטיק זאַלץ, ווי פון לוטס ווייב איז אַמאָל געוואָרן.

ניין. אונדזער האָלצמאַן האָט זיך געפילט אין לאָנדאָן זייער־זייער פּאַסקודנע. אַ סך ערגער ווי אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, אין האָלענעשטי. נישט אומזיסט איז ער געווען אַזוי צעטראָגן און נישט אויפגעלייגט, בעת ער האָט נאָך געקליבן זיך מיט דער קאָמפּאַניע אַריבערצופאָרן אַהער פון טשערנאָוויץ.

דאָס ערשטע באַגעגעניש איז שוין געווען אויף צרות. אַרויסגעפאָרן אַקעגן דער טרופּע איז שוואַלבס ברודער מיט נאָך עפּעס אַ פּאַרשוין, וואָס ניסל שוואַלב האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר די געסט, אָנגערופן ביים נאָמען „מיסטער העטשקינס“ און א זאָג געגעבן צו זיי אויף יידיש, אז דאָס איז א קריסט. און כאָטש ער איז א קריסט, דאָך איז ער דער באַלעבאָס און דער מענעדזשער פון דעם גרויסן יידישן לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאַטער. דער דאָזיקער באַלעבאָס און טעאַטער־מענעדזשער האָט אויסגעזען אין האָלצמאַנס אויגן גיכער, ווי א מענטש, וואָס מעג אים אָנשטיין אַרומטראָגן מאַראַנצן אָדער אייז־וואַסער צו פאַרקויפן אין טעאַטער צווישן די אַנטראַקטן. „עפּעס א בולאַנער שייגעץ — האָט זיך האָלצמאַן געטראַכט, — מיט אן אונטערגעשוירענע היטשקע מיט אן אָפּגעשיילט סטרופּעוואַטע פּנים“..

אָנגעטאָן איז ער געווען, דער דאָזיקער מענעדזשער, אין אַ מאָדנע רעקל אין דער טאַליע, נישט אויף זיין מאָס גענייט, קעסטלדיקע אונטערגעבויגענע הויזן, אויבן ברייט, אונטן שמאָל, אויף גלאַנצנדיקע שיך מיט הויכע אָפּצאַסן. פונעם רויטן שמאָלן האַלדז האָט אים אַרויסגעשטעקט אַ שאַרפער קנאָפּ, וואָס נישט דער גרויסאַרטיקער שניפּס, נישט די בריליאַנטענע נאָדל האָבן דאָס געקאָנט פאַרמאַסקירן. אויפן פאָרשטעלן אים די אָנגעקומענע געסט, האָט דער דאָזיקער מיסטער העטשקינס אויסגעצויגן צוויי פינגער, באַוויזן דריי גאָלדענע ציין און שלעפּעריק א זאָג געגעבן מער נישט אז איין וואָרט: „אָלל־רייט“. נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעדרייט צו די געסט מחילה מיטן חלק, וואָס איז אייגנעפּירט, מע זאָל אים האַלטן פון הינטן, עמעצן אַ וווּנק געגעבן מיט איין פינגער, און — צום גרויסן באַוווּנדערן פון אונדזער גאַנצער טרופּע — איז גרויסאַרטיק צוגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל. דער פּאַרשוין, וואָס רופט זיך „מענעדזשער“ און הייסט מיסטער העטשקינס, איז אַריינגעשפּרונגען אין אויטאָמאָביל און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אינעם געדיכטן גרויען, שווערן לאָנדאָנער נעפּל.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען דער ברודער פון האָלצמאַנס שותף — ניסל שוואַלב. ער האָט זיך געהאַלטן אַ סך ברייטער פונעם פאַרשוווּנדענעם באַלעבאָס, מיסטער העטשקינס. ער האָט יאָ אויסגעזען, ווי א שטאָט באַלעבאָס, וואָס נישט

נאָר דאָס לאָנדאָנער טעאַטער, נאָר גאַנץ לאָנדאָן מיט דער סביבה אַרום און אַרום געהערט צו אים.

ברייט און דיק, אַזויווי אַ פּאַס, איז ער צוויי מאָל אַזוי הויך, ווי זיין ברודער. אַ געגאָלטער, שטענדיק מיט אַ ציגאַר אין די ציין, מיט אַ קליין קאַפּעליושל אויף דער זייט, אַ צופרידענער מיט זיך און מיט אייך און מיט דער גאַנצער וועלט, האָט ער, לאַכנדיק הויך אויף אַ קול, געקאָמאַנדעוועט מיט די געסט, גלייך ווי זיי וואָלטן געקומען צו אים, נישט אין טעאַטער אַריין.

קודם כל האָט ער זיך אַרומגעכאַפּט מיט יעדן איינציקן קושן, נישט דורכגעלאָזט קיינעם, פּונקט ווי ער וואָלט מיט זיי אַלעמען געווען באַקאַנט און באַפריינדעט מי=יורדע פון ווען אָן. נאָכדעם האָט ער מיט די אייגענע ידים אַראָפּגעכאַפּט מחילה אַלע פּעקלעך פון וואַגאָן און אַליין געדונגען אַ „קערידזש“ און גענומען קאָמאַנדעווען מיט די געסט:

— דו, איזאַק, זעץ דיך אַוועק מיט ראַפּאַלעסקאָן אָט דאָ, אויבנאָן. די העגריעטען קוועטש אַריין אין דער מיט, אָט אַזוי=אָ. און איך מיט דיין שותּף וועלן מיר זיך אַריינהאַקן אַקעגן.

בעת=מעשה האָט ער פריינדלעך אַרויפגעלייגט אויף האָלצמאַנס דאַרער שפּיציקער פּלייצע אַ גראָבע, אַ קיילעכדיקע, אַ פּעכקע האַנט. אונדזער דירעקטאָר האָט געכאַפּט אַ קוק מיט איין אויג אויף זיין שותּפס ברודער און מיטן אַנדערן אויג — אויף זיין שותּפס ברודערס האַנט: „אַ ביסל אַ יד! זי וואָלט אים געמעגט אָפּדאַרן היינטיקן דאָנערשטיק פּאַרנאַכט... — וואָס איז ער מיר דאָ פּאַר אַ קאָמאַנדיר? דעם הייסט ער זיך זעצן אהער, דעם — אהין, און העגריעטען אַריינקוועטשן אין מיטן? און ווו בין איך?... איך וועל זאָגן דעם שותּף מיינעם, אַז איך האָב פיינט אַזעלכע זאַכן... מע דאַרף אים, אָט דעם ווילטיר, לכתּחילה, נאָך איידער עפּעס וואָס, אָפּהאַקן די פליגל, ער זאָל וויסן דרך=ארץ... אַ דבר=אחר באַדאַרף מען געבן גלייך איבערן פּיסק!“...

אַזוי האָט זיך געטראַכט אונדזער האָלצמאַן אים צו זאָגן. נאָר אָנשטאָט דעם, רופט ער זיך אָן צו זיין שותּף:

— הערסטו, איציקל? דער „אחי“ דיינער, קיין עין=הרע, איז אויסגעוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט.

דערויף ענטפערט אים דער שותּף, קוקט אויפן ברודער מיט ליבשאַפט און מיט גדלות און דאָס פּנים גלאַנצט אים, ווי אַ פעטער קוגל, און שוויצט:

— אויסגעוואַקסן — זאָגסטו? פּכע, ביי אונדז אַלעמען אַזאַ „גאָדלע“...

— דאָס זעט מען שוין! — מאַכט האָלצמאַן און טראַכט זיך: „ווו זענט איר געווען אַלע בשעת דער גרויסער כאָליערע?“...

ווי דער רוח דעם מלמד, האָט אונטערגעכאַפּט דער „קערידזש“ אונדזערע אָנגעקומענע געסט און געטראָגן פייל אויסן בויגן איבער די רוישנדיקע גאַסן פון

דער רוישנדיקער שטאָט. אונדזער דירעקטאָר האַלצמאַן האָט זיך געפילט די גאַנצע צייט, אַז ס'איז אים ענג. נישטאָ מיט וואָס צו כאַפּן דעם אָטעם נעבן דעם דאָזיקן „וואַסער־אָקס" — אַזוי האָט ביי אים געהייסן זיין שותּף ברודער, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו קאָמאַנדעווען אויך שפּעטער, ווען זיי זענען שוין געקומען אויפן רעכטן פּלאַץ, אין ווייטשעפּל. דאָרט האָט זיי ניסל שוואַלב אָרונטערגענומען אַלעמען, איינציקווייז, כּמעט אויף די הענט אַראָפּגעטראָגן, און יעדן איינציקן מיט אַ „האָפּליאַ" און מיט אַ געלעכטערל, וואָס האָט האַלצמאַנען געפּיליעט ביים האַרצן.

נייִן. נישט אין אַ גוטער שעה איז געווען האַלצמאַנס ערשטער אַריינפאָר אין לאָנדאָן. עפּעס האָט אים געזאָגט דאָס האַרץ, אַז דאָ, אויפן ענגן האָריזאָנט פון עם לאָנדאָנער גרויען הימל, דאַרף אונטערגיין זיין שטערן, וואָס אים האָט ביז אַהער אַזוי העל געלייכט און געשיינט... זיין גאַנץ בּיטער האַרץ האָט ער אויסגעלאָזט, ווי אַלעמאָל, אויפן קאָפּ פון דער אַלטער מאַמע, שרה־ברכה, נעבעך, און אויף דער אומשולדיקער שוועסטער זלאַטקע, אָדער גאָר אויף די אַקטיאָרן און אַקטרי־סעס, געשמיצט און געוואָרפן זיך, געקריגט, געבייזערט זיך און געשאָלטן מיט אַזעלכע קללות, וואָס האַלצמאַן וואָלט געקאָנט צונויפשטעלן פון זיי, ווען ער זאָל האָבן צייט און קאָנען שרייבן, אַ גאַנצן בוך נאָכן אלף־בית.

קאַפּיטל פיר

אַ גוטער ברודער — ניסל שוואַלב

אַ מאכל און, להבדיל, אַ מענטש האָבן כּמעט איין גליק: איינעם געפעלט, דעם אַנדערן — נישט. אויף וויפל ניסל שוואַלב האָט נישט געהאַט קיין חן ביים דירעקטאָר האַלצמאַן אין די אויגן, אויף אַזויפיל, אויב נישט מער נאָך, האָט ער ביי ראַפּאַלעסקאָן דווקא אויסגענומען. און אויסגענומען האָט ער ביי אים שוין דערמיט אַליין, וואָס ער איז אַ פריילעכע, אַ לעבעדיקע נשמה, און האַלט אין איין רעדן און אין איין לאַכן, און דווקא הויך אויף אַ קול, מיט אַ פּאַטש אין פּלייצע און איז מיט אַלעמען אויף דו. מיט איינעם וואָרט — אַ גוטער ברודער, און אַ סוף.

אונדזער יונגער העלד האָט פון תּמיד אָן ליב פריילעכע לעבעדיקע נשמות. האַלצמאַן אַליין, בעת ער איז נאָך געווען אין האָלענעשטי, געדינט ביי שטשופּאַקן און געהייסן „האָצמאַך", איז אויך געווען, ווי מיר געדענקען אים, אַ פריילעכע, אַ לעבעדיקע בּריאה. דאָס איז ער נאָך איצטער, זינט ער איז אַ דירעקטאָר פון אַן איינענער טרופּע, מיטאַמאָל געוואָרן אַ בעל־יסורים און אַ בעל־מרה־שחורה און

איז רק חושד יעדן איינציקן, אַז מע שאַרפט די ציין אויף זיין „יאַט“ (אויף ראַפּאַלעסקאָן), מע וויל אים אומגליקלעך מאַכן.

דאָ, אין דעם טומלדיקן לאָנדאָן, זענען זיינע יסורים מיט זיין מרה־שחורה מיט זיין חושד זיין געוואָרן נאָך גרעסער. און ער האָט געהאַט דערצו געוויסע סיבות, ווי מיר וועלן דאָס אינגיכן אַרויסזען. ביי ראַפּאַלעסקאָן אין די אויגן האָט האָלצמאַן דערמיט א סך מער אָנגעוואָרן, ווי געוווּנען. וואָס מער האָלצמאַן האָט אָפּגעלאַכט און געשאָלטן זיין שותפס ברודער, אַלץ מער האָט ראַפּאַלעסקאָ צו אים געצויגן און, אויף צו להכעיס האָלצמאַנען, געוואָרן מיט ניסל שוואַלב דווקא אַ גוטער ברודער.

ראַפּאַלעסקאָן איז אָט דער נפש געפעלן געוואָרן פון דער ערשטער מינוט מיט אַלע זיינע תנועות און פּאָסטעמקעס און אַפילו מיט דער שפּראַך. ניסל שוואַלב, אַז ער רעדט, כאַפּט ער איין וואָרט פאַרן אַנדערן, קוים וואָס מע פאַרשטייט אים, און מחמת בטבע איז ער נישט קיין קלייגער ליגנער (ער איז אַן אַגענט פון אַ געזעלשאַפט, און דאָס רוב אַגענטן זענען, זאָלן מיר הונדערט מאָל מוחל זיין, גרויסע ליגנערס), על־כן האַלט ער אין איין שווערן זיך מיט מאָדנע שווערעניש: „ווי איר זעט מיך אַ שווימענדיקן!“ אָדער: „איך זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס!“ אָדער: „אויב איך זאָג אַ ליגן, זאָלט איר זיך דערוואַרגן מיטן טיש!“ וכדומה אַזעלכע שבועות, וואָס ער זאָגט זיי אַרויס אַזוי גיך, אין איין אָטעם, אַז איר האָט קיין צייט נישט כאַפּן מיטן שכל דאָס, וואָס איר דערהערט נישט מיטן אויער.

די ערשטע צייט האָט זיך ניסל שוואַלב אונטערגענומען באַוויזן אונדזער יונגן העלד, וואָס הייסט לאָנדאָן. ער האָט צוגעזאָגט אים אויספירן די גאַנצע שטאָט אין איין טאָג.

אמת, אויסקוקן גאַנץ לאָנדאָן אין איין טאָג איז אַ ביסל אַ גוזמא. נו, איז וואָס? מאָרגן איז דען קיין טאָג נישט? און איבערמאָרגן? דער עיקר איז, וואָס ניסל שוואַלב קען די שטאָט לאָנדאָן אויף אויסווייניק, און מיט אים אַז מע גייט, אָדער מע פאָרט, איז נישט אומעטיק. דאָס מויל מאַכט זיך אים נישט צו. אומעטום, אויף יעדער גאַס, כמעט אויף יעדן הויז, האָט ער אייך צו דערציילן אַ היסטאָריע, א געשיכטע אָדער א סקאַנדאַל. און נישט נאָר סתם א היסטאָריע, א געשיכטע אָדער אַ סקאַנדאַל, נאָר טאַקע אַן אמתע מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן דווקא פאַר אים אין די אויגן און אָפּטמאָל טאַקע מיט אים אַליין. „ווי איר זעט אים אַ שווימענדיקן, און ער זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס“.

ניסל שוואַלב, אַז ער דערציילט אייך עפּעס, הייבט ער אָן צו רעדן: ער האַלט אייך ביי אַ האַנט, אָדער ער נעמט אייך אָן ביי אַ לאַץ, קוקט אייך אַריין טיף אין די אויגן אַריין און זעצט אייך אַריין מט די פינגער גלייך אין האַרצן אַריין זיינע אַ געשיכטע מיט אַלע ברעקלעך, מיט אַלע פּיטשעווקעס.

אָט, למשל, הערט אַ שײנס: ער האָט זיך אַנומלטן באַגעגנט אין „הײַד=פּאַרק“ מיט אײנעם זײער אַ גרױסן מאַן, שיִר נישט אַ לאָרד, עפּעס צעװערטלט. יענער אים אַזױ. ער יענעם אַזױ און אַזױ. אַ װאָרט פֿאַר אַ װאָרט... און כאָטש איר זענט זיכער, אַז די גאַנצע מעשה איז נישט געשטױגן, נישט געפֿלױגן, נאָר ניסל שװאַלב היצט זיך אַזױ שטאַרק און לאַכט בעת=מעשה אַזױ געשמאַק, אַז נישט װילנדיק הײבט איר אָן צו טראַכטן בײַ זיך אין האַרצן: „װײסט אים דער שװאַרצער יאָר — אפֿשר איז דאָס אַן אמת?“...

מיט דעם פֿױגל האָט זיך עס אונדזער יונגער העלד באַפֿרײַנדעט, געװאָרן נפֿש=אחת, אױסגעװעזן מיט אים אַלע מײזנלעכער און, איבערהױפּט, אין אַלע טעאַטערן, אָפּערע=הײַזער און קאָנצערטן. צײַט האָבן זײ געהאַט איבערגענוג, װײַל די גאַסטראָלירנדע טרופּע „האָלצמאַן, שװאַלב עט קאָמפּאַניע“ איז געװען באַשעפֿטיקט אײנעם פּאַװיליאָן=טעאַטער מער נישט אַז צװײ מאָל אין דער װאָך.

ראַפֿאַלעסקאָ האָט זיך געפֿילט מיט זײַן נײַעם גוטן פֿרײַנד אין לאָנדאָן, װי אַ פֿיש אין װאַסער. ער װאָלט זיך געפֿילט נאָך בעסער, װען ניסל שװאַלב זאָל נישט אַרײַנפֿאַלן קײן אידעע מיטצונעמען אױך די שװעסטער זײַנע, די פּרימאַדאָנע הענריעטאַ שװאַלב. ניסל האָט געװאָלט, אַז זײַן שװעסטערל זאָל אױך אָנקוקן אַ װעלט, זאָל אױך הערן מוזיק. „נישקשה, עס װעט איר צונױף קומען“ — האָט ער געזאָגט, און געמײנט האָט ער עפּעס אַנדערש. אים האָט דער ברודער איזאַק דעם ערשטן טאָג נאָך איבערגעגעבן, אַז מע באַדאַרף דעם „יאַט“ פֿאַרשלײערן פֿאַר זײער שװעסטער, פֿאַר הענריעטען. אַנישט, װעט אים דער יאַדישליװער האָן (דאָס מײנט ער — דעם שותּף האָלצמאַן) פֿאַרכאַפּן פֿאַר זײַן שװעסטערל...

— פֿאַר װעמען? פֿאַר אָט דעם גרינעם אַגרעס? — האָט זיך ניסל שװאַלב אױפֿגעכאַפּט און גענומען שטעלן ברײטע פּיס איבערן צימער.

— אַ גרינער אַגרעס — זאָגסטו? אַן עפּעלע! — מאַכט צו אים איזאַק שװאַלב און שטעלט אַװעק אױף אים דאָס רױטע פּנים.

— קײ און שפּײַ! — ענטפֿערט אים דער ברודער ניסל און הערט נישט אױף אַרומצושפּאַנען הין און צוריק מיט זײַנע ברײטע טריט.

אין ניסלס קאָפּ — האָט מען געקאָנט זען — אַרבעט זיך עפּעס אַ װיכטיקער פּלאַן, אַ קאָמבינאַציע.

קאַפּיטל פינף

א מענטש מיט קאָמבינאַציעס

ניסל שוואַלב איז אַ מענטש מיט קאָמבינאַציעס. אין זיין הויפּט־פּראָפעסיע רעכנט ער זיך אַפילו אַלס אַגענט, נאָר פון דעם אַליין קאָן מען אין לאָנדאָן קיין לעבן נישט מאַכן. מוז מען קאָמבינירן. און קאָמבינירט ניסל שוואַלב אַלצדינג, וואָס עס לאָזט זיך. און דער אמת פאָדערט, מע זאָל דעם דאָזיקן קאָמבינאַטאָר געבן אַ שבח הינטער די אויגן, אַז זיינע קאָמבינאַציעס ווייזן אוים תחילת, דאַכט זיך, משונה ווילד, קרום פאַרדרייט, ריין משוגע, נאָר נאָכדעם קומט דאָס אויס גלייך און גלאַט, וואָס גלאַטער קאָן שוין גאָר נישט זיין. און טאָמער מאַכט זיך אַמאָל, ס׳איז נישט אַזוי גלייך — איז ער דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, און אַ מענטש האָט אַמאָל אַ טעות.

ניסל אליין דערציילט, אז מיט זיינע קאָמבינאציעס האָט ער שוין נישט איין פּירמע פארדרייט דעם מוח, געבראָכן ריק און לענד. שולדיק איז אָבער נישט ער. א סימן — מע זאָל אים געווען פאָלגן ביזן סוף, וואָלט אלצדינג געווען אנדערש. דער גאנצער חסרון איז, זאָגט ער, וואָס מע פאָלגט אים נישט, ווייל מע פאַר־שטייט אים נישט. פּשוט, מענטשן זענען בהמות, זאָגט ער, אָקסן, פערד, אייזלען. קיינער פאַרשטייט נישט קיין געשעפט, אַזוי ווי ער, אין קיינער, זאָגט ער, ווייסט נישט, וואָס הייסט א קאָמבינאַציע...

דאָס יידישע פּאַוויליאָן־טעאטער זאָל אריינפאלן צו א קריסט אין די הענט אריין — דאָס איז אויך געווען ניסל שוואלבס א קאָמבינאַציע, אזוי ווי ס׳איז געווען זיין קאָמבינאַציע אמאָל, אז די איינציקע יידישע צייטונג אין לאָנדאָן, „דער יידישער קוריער“, זאָל ארויסגעגעבן ווערן דווקא דורך א קריסט, נישט דורך אַ יידן. וואָס איז דער שכל? אָט אזוי האָט געוואָלט ניסל שוואלב און אָט אזוי איז דאָס טאקע געווען.

אמת, „דער יידישער קוריער“ האָט געהאט א פּנים פון א האנטשטשירקע, וואָס מע ווישט מיט איר די טעלער אין קיך, און דער ארויסגעבער דער קריסט איז נעבעך ניזוק ונהרג געוואָרן. ער האָט דערלייגט צום געשעפט פונקט אזויפיל פונט שטערלינג, וויפל ער האָט פארמאָגט. ער זאָל געווען האָבן מער, וואָלט ער דערלייגט מער. נאָר ווער איז אים שולדיק? א גוישער קאָפּ. נישט געוואָלט פאָלגן ניסל שוואלבס פּלאן — דרוקן דעם „יידישן קוריער“ צוויי מאָל א טאָג, ווי די ענגלישע צייטונגען טוען. אין דער פרי און אויפדערנאכט. איי, די קשיא איז מיט אַ קל־וחומר: מה דאָך די לאָנדאָנער יידן ווילן נישט קויפן דאָס יידישע בלאט איין מאָל אין טאָג, וועלן זיי דאָך צוויי מאָל אין טאָג אַוודאי נישט קויפן? איז דער

תירוץ: אדרבא, אַט ווייל צוויי מאָל אין טאָג, וועט מען ערשט קויפֿן, וואָרעם מע וועט וועלן זען, וואָס קאָן, אַשטייגער, אַ יידיש בלאַט דרוקן צוויי מאָל אין טאָג?

די געשיכטע, וויאזוי דאָס פּאוויליאָן־טעאַטער איז אריינגעפֿאלן צו א קריסט אין די הענט אריין, איז אזוי אינטערעסאנט, אז מיר גיבן זי דאָ איבער פאר אונדזערע לעזער אין קורצן.

ניסל שוואלב איז, ווי זיין ברודער איזאק שוואלב, א גרויסער ליבהאָבער פון טעאַטער. דאָס ליגט שוין ביי זיי, אפנים, אין דער משפחה. דערצו האָט ער טאקע אליין אויך אמאָל געהאט א שטיקל שייכות צו יידיש טעאַטער, ווי מיר וועלן זען ווייטער. דעריבער איז ער פון תמיד אָן געווען אן אָפטער גאסט, מע קאָן זאָגן, אַ שטענדיקער באזוכער, כמעט א תושב אין יידישן פּאוויליאָן־טעאַטער. נאָר אין דער צייט, וואָס דאָס יידישע לאָנדאָנער פּובליקום איז זיך געזעסן אין טעאַטער, ווי די שאָף, און צוגעהערט אלע נארישקייטן, וואָס שלאָגן צו דער גאל, און אויס־געהערט אלע זינגערייען, וואָס מע קאָן פון זיי חלשן, איז ניסלס קאָפּ געווען פאר־נומען מיט אלערליי קאָמבינאציעס. „פארוואָס, למשל, — האָט ער זיך געטראכט, — זאָל דאָס לאָנדאָנער יידישע פּובליקום נישט האָבן א רעכט יידיש טעאַטער, און נישט איין טעאַטער, נאָר טאַקע גאַנצע דריי טעאַטערס: פאר דראַמע באַזונדער, פאר אָפּערעטן באזונדער און פאר ערנסטער אָפּערע באזונדער? מיט אזעלכע דריי טעאטערס קאָן מען דאָך איינגעמען די וועלט! אין אזאַ טעאטער וועט שוין אָנשטיין צו קומען דער יידישער אריסטאָקראַטיע אויך, און ראָטשילד אליין אויך. דער עיקר — א שיין הויז און רעכטע ארטיסטן. איז א הויז דארף מען נישט קיין שענערס, ווי דאָס פּאוויליאָן־טעאַטער. א ביסל אונטערפרישן — ווערט דאָס א גן־עדן. און ארטיסטן? א דאגה מיט ארטיסטן! און וווּ איז אמעריקע? ווינציק „סטארס“ פאראן אין אמעריקע? פאר געלט קאָן מען אראָפּברענגען נישט נאָר אדלערן פון ניו־יאָרק, נאָר אפילו סארא בערנארד פון פאריז. און פאר נייט וועט מען זיך דערווייל באגיין מיט די קלאפּערס, וואָס זענען דאָ אין לאָנדאָן, צושמעלצן צו זיי זיין שוועסטערל, די פּרימאַדאָנע פון זיין ברודערס טרופּע „האַלצמאַן, שוואלב עט קאָמפּ“, מיט דעם יונגן אַרטיסט לעאָ ראַפּאַלעסקאָ פון בוקארעשט, וואָס עס קלינגט מיט אים איצט די וועלט.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען די צוויי ברידער האָבן געהאלטן סאמע אין רעכטן איבערשרייבן זיך וועגן קומען קיין לאָנדאָן אויף גאַסטראָלן. אין יענער צייט האָט ניסל שוואלב אויפגעגעבן כמעט אלע זיינע געשעפטן און האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאנצן נאָר מיט זיינע דריי טעאטערס. עס זענען געפלויגן בריוו קיין עסטרייך צו זיין ברודער, בריוו קיין אמעריקע, בריוו קיין רוסלאנד, און אפילו יאָהאַנעסבורג און בוענאָס־איירעס האָט ער אויך נישט פארגעסן. ער האָט נישט דורכגעלאָזט ווו ערגעץ א יידיש טעאטער אָדער א יידישע באַרימטהייט. און פון

אומעטום זענען געקומען ידיעות, וואָס מע קאָן מיט זיי זיין צופרידן. עס האָט זיך געשניטן אויף א דרך. איין זאך נאָר איז אים געבליבן דורכצוזוכן, נאָר אַ קליי־קייט: ווו געמט מען געלט?...

איז אָבער אונדזער קאָמבינאַטאָר נישט אזעלכער, וואָס שטעלט זיך אָפּ אין האלבן וועג. ניסל שוואלב איז א מענטש, וואָס גייט גלייך און האָט פיינט איבער־קלייבן און דערצו איז ער נאָך א גרויסער מוצלח אויך. אָט וועט איר האָרכן א שיינס.

קאַפּיטל זעקס

מע באַדאַרף האָבן גליק

איינמאָל, אין א כמורנעם נעפּל־טאָג, ווי עס גיט זיך אויס אין לאָנדאָן, ווען די גאנצע שטאָט זעט אויס, ווי מצרים אין די דריי פינצטערע טעג, אזוי אז אפילו די אָנגעצונדענע לאמטערנעס אין מיטן העלן טאָג זענען נישט אימשטאַנד צו פארהיטן, אז פוסגייער זאָלן זיך נישט צעבוצקן מיט די שטערנס, איז אונדזער געניאלער קאָמבינאטאָר ניסל שוואלב אוועק אין קאנטאָר „העטשקינס בראָס, לימיטער“, וואָס אין סיטי לאָנדאָן. דאָרט האָט ניסל שוואַלב זיין הויפּט־אַגענטור פון ניי־מאשינען, וועליסאָפּעדן, אויטאָמאָבילן עט צעטערא.

האָס הויז „העטשקינס בראָס, לימיטער“ געהערט צו צוויי רייכע ענגלענדער, געברידער העטשקינס, פון וועלכע איינער, דער עלטערער, פארברענגט כמעט זיין גאנץ לעבן אין דער שווייץ, קלעטערט אויף די סאמע הויכע אלפּן־בערג און איז נאָך נישט געהרגעט געוואָרן, און דער יינגערער, דער, וואָס מיר האָבן אים באַ־געגנט ביים באנהויף, דער פירט די געשעפטן.

געטראָפן האָט אים ניסל שוואלב שטיין ביי אַ היכן דעסק, ביים איבערקוקן די קאָרעספּאָנדענציע פון דער פּאָסט. באלד נאָכן ערשטן „גוד מאָרנינג“, האָט אים שוואַלב געבעטן, ער זאָל אַוועקלייגן אַלע געשעפטן און זאָל אים אויסהערן: ער האָט אים געבראכט צוטראָגן א „ביזנעס“, וואָס נאָר איין מאָל אין זיבן הונדערט יאָר טרעפט זיך אזא גליק.

דער יונגער העטשקינס האָט אוועקגעלייגט די פּאָסט, אוועקגעזעצט זיך מיט זיין אגענט א טשער קעגן א טשער, פארקאטשעט די ברייטע קעסטלדיקע הויזן ארויף איבער די דארע קנעכלעך, און קאלט, אָן ווערטער, ארויסבאוויזן אים, אז ער איז אָנגעברייט אויסצוהערן, וואָס פאר א מין „ביזנעס“ דאָס איז, וואָס נאָר איין מאָל אין זיבן הונדערט יאָר טרעפט זיך אזא גליק.

אין א לאנגער רעדע, מיט זייער א שיינער שפּראך, מיט א סך פארבן, האָט אים ניסל שוואלב אויסגעמאָלט די לאגע פונעם יידישן טעאטער בכלל און פונעם

לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאַטער בפּרט. נאָכדעם האָט ער אים צעלייגט אַ גאַנצן פּלאַן פון דריי טעאַטערס: פאַר ערנסטע אָפּערעס, פאַר אָפּערעטן און פאַר דראַמאַטן. דערביי האָט ניסל שוואַלב אַרויסבאַוויזן אַ זעלטענע געניטקייט אין די זאַכן, וואָס זענען שייך צו טעאַטער, קונסט און מוזיק. נאָכדעם האָט ער אים אַרויסגעלייגט אַ גאַנצן פּאַק מיט בריוו און דעפּעשן פון פאַרשידענע אַרטיסטן פון דער גאָרער וועלט און אויסשניטלעך פון גאַזעטן. דאָס אַלצדינג האָט ער איבערגעזעצט אים פון יידיש אויף דער ענגלישער שפּראַך, און צום סוף האָט ער געבראַכט אַן אויספירלעכע קאַלקולאַציע: וויפל פונט שטערלינג מע באַדאַרף אַריינלייגן, און וויפל פונט שטערלינג מע וועט אַרויסנעמען.

לויט דעם דאָזיקן קלאָרן חשבון איז אויסגעקומען, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום קאָן מען אוועקקויפן פאַר אן אייגנטום נישט נאָר דאָס פּאַוויליאָן־טעאַטער, נאָר אָט דאָס הויז, מיט נאָך אַ הויז, מיט נאָך דריי הייזער אין סיטי לאָנדאָן.

אין דער גאַנצער צייט, וואָס ניסל שוואַלב האָט גערעדט, איז מיסטער העטשקינס געזעסן און אַלץ געטראַכט, וואָס פאַר אַ שייכות, למשל, קאָן האָבן צו „העטשקינס בראָס, לימיטער“ אָט דער גאַנצער געשפּרעך? קיין גיימאַשינען באַדאַרף מען צו אַ טעאַטער, דאַכט זיך, נישט האָבן. בייסיקלעך (וועלאָסיפּעדן) — אויך נישט. סיידן אפשר אַן אויטאָמאָביל. איז איבער איין אויטאָמאָביל אַזויפיל רייד?!....

מיסטער העטשקינס האָט די גאַנצע צייט געקוקט דורכן פענצטער אויף דער גאַס, כאָטש מע האָט דאָרט נישט געזען גאָרנישט, און געקלאַפּט זיך מיט אַ פינגער איבער די דריי גאָלדענע ציין. ער האָט אַלץ געוואַרט, ביז דער אַגענט וועט אַמאָל ענדיקן. און אַז יענער האָט זיך גוט אָנגערעדט, האָט זיך מיסטער העטשקינס אויסגעדרייט מיטן פּנים צום אַגענט און אַ קוק געגעבן אים אין די אויגן אַריין, ווי איינער רעדט: „וואָס זשע איז דער היוצא לנו מזה?“...

ניסל שוואַלב האָט דעם קוק, אַפּנים, פאַרשטאַנען, האָט ער אים קורץ און שאַרף דערקלערט, וואָס ער וויל. ער וויל, פאַרשטייט איר מיך, אַז ער, העטשקינס, זאָל איינגיין אויף דער קאָמבינאַציע. בעת־מעשה האָט אים ניסל שוואַלב אַריינגעקוקט אין פּנים, — וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט געמאַכט אויף אים די דאָזיקע קאָמבינאַציע?

אויף דעם דאָזיקן קאַלטן פּנים איז אָבער נישט געווען איבערצולייענען — איר זאָלט זאָגן — איין אות אַפילו. קאַלט איז דאָרטן געווען, ווי אויפן שפּיץ פון מאָנטבלאַן, און רואיק, ווי אויפן פאַרגליווערטן ים. מיסטער העטשקינס האָט מער נישט אַז אַ זיפּץ געטאָן, אויפגעשטאַנען, זיך אַ קראַץ געגעבן מיט אַ פינגער איבערן קנאָפּ, וואָס אויף זיין רויטן האַלדז, שלעפּעריק אַ זאָג געגעבן: „אָלל־רייט“, אויסגעצויגן

דעם אגענט צוויי פינגער פון דער רעכטער האנט, געהייסן קומען נאָך אַן ענטפער אויף דער קאָמבינאַציע מאָרגן דריי פערטל אויף צוועלף.

וואָס פאר אַן ענטפער מיסטער העטשקינס האָט געגעבן — דארפן מיר שוין נישט זאָגן. טאקע נאָר אזא מוצלח, ווי ניסל שוואלב, האָט געקאָנט געראָטן דורכ־צוזעצן אזא ווילדע קאָמבינאציע.

מע באדארף נישט קיין שכל, פריינד לעזער, מע באדארף נישט קיין קענטעניש — מע באדארף נאָר האָבן גליק.

קאַפּיטל זיבן

די מוזיקאַלישע משפחה

— היינט אויפדערנאכט גייען מיר צום חזן, — האָט זיך אָנגערופן איינמאָל ניסל ישוואלב צו זיין נייעם יונגן פריינד, צו ראפאלעסקאָן.

דערהערט דאָס וואָרט „חזן“, האָט דאָס ראפאלעסקאָן געגעבן א שטויס אין הארצן און א הייב אויף פונעם אָרט. זיין אמאָליקער רבי, ישראלי דער חזן פון האָלענעשטי, איז אים פלוצים געקומען פאר די אויגן, און מיט א קלאפּעדיק הארץ האָט ער א פרעג געגעבן ביי זיין נייעם גוטן ברודער:

— וואָסער חזן?

— דער לאָמזשער חזן, אָט דער, וואָס איז געווען מיט דער כאַליאסטרע אין טעאטער. האָסט שוין פארגעסן? (ניסל שוואלב איז מיט זיין נייעם יונגן פריינד שוין לאנג אויף „דו“).

— אאא? — ציט אויס ראפאלעסקאָ, און ער דערמאנט זיך, אז אנומלטן אין פאַוויליאָן־טעאטער, צווישן די אקטן, האָט אים ניסל שוואלב צוגעפירט הינטער די קוליסן עפּעס א געלן יידן מיט וואס אין די אויערן. נאָכן יידן איז נאָכגעגאנגען אַ גאַנצע כאליאסטרע קינדער, יינגלעך און מיידלעך. וויפל קינדער דאָרטן איז געווען — געדענקט ער נישט. נאָר דאָס געדענקט ער, אז געווען זענען דאָרט מער רויטע איידער שווארצע, און אלע מיט לאכנדיקע פנימלעך און שעלמישע אייגעלעך.

פאָרשטעלנדיק אים די דאָזיקע כאליאסטרע, האָט אים ניסל שוואלב — טאַקע זיי אין די אויגן — אָפּגעלויבט דאָס דאָזיקע געזינדל אין טאָג אריין, דער־ציילט גוזמאות, מיט געשיכטעס, מיט סקאנדאלן, און גיך, איין וואָרט איבערן אנדערן, מיט פייער און מיט שווערעניש, ווי זיין שטייגער איז. נאָר די אלע מעשיות זענען ראפאלעסקאָן דעמלט, אינעם טעאטער־טארעראם, אין איין אויער אריין, פונעם אנדערן ארויס. ראפאלעסקאָ איז שוין געווינט געוואָרן, אז אויף

יעדן מענטשן האָט ניסל שוואַלב א מעשה, און א מעשה מוז זיך ענדיקן ביי אים מיט א סקאַנדאַל.

איצט, גייענדיק אהין מיט א וויזיט, האָט אים ניסל שוואַלב נאָכאַמאָל איבער־געחזרט, וואָס פאַר א זעלטענע מוזיקאַלישע משפחה דאָס איז: א געזינדל פון לויטער זינגער און מוזיקער. פון דעם טאַטן דעם חזן ביזן קלענסטן קינד, וואָס איז נאָך נישט אַלט קיין פיר יאָר, זינגען זיי און שפּילן אויף אַלע אינסטרומענטן.

— מיינסט אפשר, אז עמעצער האָט זיי געלערנט? כאַ־כאַ! ביי דעם דאָזיקן חזן ווערן געבוירן קינדער פאַרטיקע מוזיקער פון דער מאַמעס בויך — איך זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס!

אזוי לאָזט אויס ניסל שוואַלב און כאַפּט זיך אַריין מיט ראַפּאַלעסקאָן אין א יידיש געוועלבל, און הייסט זיך געבן ברויט און וואַרשעווער וורשטלעך און געזאַלצנס „און עפּעס נאָך“. ניסל שוואַלב קוקט אַריין אין די געזאַלצענע זאַכן און באַלעקט זיך.

— צו וואָס איז דאָס פּלוצים? — פרעגט אים ראַפּאַלעסקאָ פאַרוואונדערט.

— „כיבוד“, — מאַכט צו אים גאַנץ ערנסט ניסל שוואַלב. — זיי מוזן דאָך עפּעס האָבן מיט וואָס אונדז מכבד צו זיין. און אַגב וועלן זיי טאַקע אַליין אויך עפּעס איבערבייסן. אָרעמעלייט, קבצנים, כאַ־כאַ, סטייטש קבצנים! מע זאָל זיי נישט אונטערהאַלטן, וואָלטן זיי דאָ, אינעם דאָזיקן לאָנדאָן, אָם־ירצה־שם, אויס־געגאַנגען פון הונגער. א קלייניקייט? קיין עין־הרע, אזא געזינדל! פּיקערס א סך, און פאַרדינערס, ברוך־השם, נישט איינער. ס'איז אָבער גאָר דערווייל, כּל־זמן די קינדער זענען קינדער. לאָזן זיי זיך נאָר געבן א כאַפּ אויף די פיס, וועלן זיי אָנשיטן אָט די שטוב מיט גאָלד, ווי דו זעסט מיך א שווימענדיקן... פּאַוואָליע, ווי דו גייסט. ס'איז דאָ פינצטער און גליטשיק און וחלקלקות. קאָנסט נאָך חלילה בלייבן אָן א טאַטן.

אזוי מאַכט ניסל שוואַלב צו ראַפּאַלעסקאָן, און רייבט א שוועבעלע נאָך א שוועבעלע, און ביידע לאָזן זיך פאַרזיכטיק אַראָפּ ערגעץ אין א קעלער אַריין, אָדער גלאַט אין א גרוב, און טרעטן אַריין אין א מין אַפּאַרטאַמענט, וואָס ס'איז שווער צו טרעפן, ווו איר געפינט זיך. א קיך נישט קיין קיך, א קאַמער נישט קיין קאַמער. נאָר ברייט און לאַנג, און בעטלעך — ווי אין א ביקור־חולים. די ווענט באַהאָנגען מיט אַלערליי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. אין מיטן שטוב שטייט א גרויסער אויסגעדינטער פּאָרטעפּיאַן אָפן, און א קליין מיידעלע פון א יאָר זעקס־זיבן און אפשר אכט (ניסל שוואַלב זאָגט, אז זי איז נאָך נישט אַלט קיין פיר — טאַ! לאָמיר אים צוליב טאָן) מיט רויטע הערלעך זיצט און ציט פונעם אינסטרומענט מוראַדיקע קולות. יעדנפאַלס, נישט די קולות, וואָס דאָס קינד וויל. מע דאַרף אים אָבער מוחל זיין, דעם דאָזיקן זקן. ער האָט שוין זיינס אָפּגעשפּילט.

אן אנדערער אין זיינע יאָרן וואָלט שוין לאנג אָנגעשפּארט העט־ווייט, ערגעץ אויף א בוידעם...

דערזען די אַריינגעקומענע געסט, וואַרפט אַוועק דאָס זעקס־זיבן־אָדער אַכט־יעריקע מיידעלע, וואָס איז נאָך נישט אַלט קיין פיר יאָר, דעם זקן דעם פּאָרטעפיאַן און טוט זיך א לאָז צו ניסל שוואלב אויף די הענט מיט א געשריי אוים:

— דער פעטער ניסל איז געקומען! דער פעטער ניסל!!

ווי אין טעאטער אויף דער סצענע, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אייגס נאָך דאָס אנדערע עפּעס פון אן אונטערטיר פאַרשוינען: יינגלעך און מיידלעך. וויפל — ווייסט מען נישט. נאָר מער רויטע ווי שווארצע. טאקע די זעלבע, וואָס ראפּאַ־לעסקאַ האָט זיי געזען ביי זיך, הינטער די קוליסן, אלע מיט לאכנדיקע פּנימליך און מיט שעלמישע אייגעלעך. נאָך זיי טרעט ארויס אויך דער פאָטער, דער לאָמ־זשער חזן אליין, אַ ייד א רויטער, וואָס האלט שוין ביי ווערן גרוי. נאָך א יאָר צוויי־דריי — און פון זיינע רויטע האָר וועט נישט בלייבן קיין סימן אפילו, אז זיי זענען אמאָל געווען רויט. פונדעסטוועגן האלט ער זיך נאָך גאנץ פעסט און גלייך און ציכטיק־זויבער. די אויגן גלאנצן און די הענט ציטערן, ווי ביי אלע הונגעריקע. נאָר א מכה — דאָס פּנים דארף נישט זאָגן, וואָס אין בויך טוט זיך...

— קודם לאָמיר זיך נעמען עפּעס צובייסן, — זאָגט ניסל שוואלב, רייבט אַ האַנט אין א האנט און באַלעקט זיך. — איך בין טויט־הונגעריק, ווי איר זעט מיך א שווימענדיקן.

און רעדנדיק, בינדט ער אויף די פּעקלעך מיטן איינגעקויפטן עסנוואַרג און נעמט זיך דער ערשטער צו דער ארבעט מיט אזא מין אַפּעטיט, גלייך ווי עס וואָלט באמת געווען ביי אים נאָך תענית.

— וואָס זיצט איר, ווי די מחותנים אויף א פרעמדער חתונה? — צעשרייט ער זיך אויפן מוזיקאַלישן געזינדל. הייבט זיך אויף פריער דער לאָמזשער חזן מיט די הונגעריקע אויגן און מיט די ציטעריקע הענט, גייט צו בלומרשט אזוי זיך, פון יוצא וועגן. יענער בעט, קאָן מען נישט זיין אזוי גראָב... און נאָך אים — די גאַנצע כאַליאסטרע קינדער, וועלכע ס'איז גלייך צו דערקענען, אז דער אַפּעטיט איז ביי זיי, דאנקען גאָט, נישט צו פאַרזינדיקן. ביסלעכווייז ווערט לעבעדיקער־לעבעדיקער, און די ארבעט גייט אַוועק אזוי געשמאַק, אז אונדזער ראפּאַלעסקאָ נעמט אויך אָן א יצר־הרע צום עסן.

— זיץ, נעם, ברעך, שנייד, קיי, שעם דיך נישט! ביסט דאָ צווישן היימישע, צווישן אייגענע, — גיט אים אונטער ניסל שוואלב חשק, און די כאַליאַסטרע קוקט אויפן יונגן ארטיסט מיט אזעלכע פריינדלעך־נייגעריקע אויגן, אז ער הייבט אָן פילן זיך דאָ גאַנץ היימיש, טאקע ווי צווישן אייגענע. פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אים פלוצים אזא אַפּעטיט צום עסן? פאַרוואָס פילט ער זיך האָ אזוי וואַרעם, אזוי פריי, אזוי לעבעדיק? — א מאָדנע־מאָדנע געזינדל!

די גאַנצע צייט פֿונעם עסן הערט ניסל שוואַלב נישט אויף צו שיטן מיט רייד און מיט ווערטלעך. פֿאַר יעדן האָט ער אַ באַזונדער ווערטל מיט אַן אַנדער צונג־מעניש. ניסל שוואַלב רעדט, און די כאַליאַסטרע, עסנדיק, קאַטשעט זיך פֿאַר געלעכטער. נאָר דער פֿאָטער, דער לאָמזשער חזן, טוט זיין זאַך ערנסט, ווישט זיך אַלע מינוט די ליפּן און עסט ווייטער. ניין, אונדזער יונגער העלד, זינגט ער איז גע־ווען, האָט ער זיך אַזוי גוט נישט געפֿילט, ווי איינעם דאָזיקן געזינדל. אַזוי גוט, און באַקוועם, און היימלעך, און פֿריי, און לעבעדיק.

אָפּגעגעסן, טוט ניסל שוואַלב אַ ווונק צום לאָמזשער חזן, און דער לאָמזשער חזן, גוט אויסגעווישט די ליפּן שוין אויף דעם רעכטן אמת און איבערגעלייגט די וואַטע אין די אויערן, טוט ער אַ קאָמאַנדעווע צו דער כאַליאַסטרע, מע זאָל זיך נעמען צו די כּלים, געבן לכּבוד די געסט אַ שטיקל קאָנצערט.

קאַפּיטל אַכט

שפּילט דעם חתן ווײַנענדיקס

דאָס „שטיקל קאָנצערט“, וואָס דאָס מוזיקאַלישע געזינדל האָט געגעבן, איז געווען נישט קיין שטיקל, נאָר אַ גאַנצער, אַ זעלטענער קאָנצערט. איינער פֿון די קאָנצערטן, וואָס מע קאָן זיי נישט פֿאַרגעסן קיינמאָל. אחוץ דעם, וואָס דאָ זענען געווען אַלע מינים מוזיקאַלישע אינסטרומענטן: פֿידל, פֿלייט, טשעלאָ, פּיאַנאָ, באַס, צימבל, אַרפֿע און קעסלפּויק, און אויסער דעם, וואָס דאָס שפּילן גופֿא איז געווען מייסטעריש־גרויסאַרטיק, מיטן בעסטן אַנסאַמבל, האָט דער דאָזיקער פֿאַמיליען־אָרקעסטער, וואָס איז באַשטאַנען פֿון האַלב־נאַקעטע און גאַנץ־באָרוועסע קינדער, אונדזער יינגן העלד גלאַט געריררט ביז טרערן. קוקנדיק אויף דער דאָזיקער, פֿון גאָט געבענטשטער, נאָר אָרעמער קאַפּעליע, קומען אים אויפֿן קאָפּ אַלערליי מחשבות. אין דער גאַנצער צייט פֿון זיין נע־ונד זיין אויף דער וועלט האָט ער זיך שוין אָנגעזען גענוג טאַלאַנטן, וואָס וואַלגערן זיך ביי אונדז אויפֿן מיסט. קיינער אינטערעסירט זיך נישט דערמיט. קיינער קוקט זיך נישט אַרום. „נישטאָ, נישטאָ ביי אונדז קיין מעצענאַטן“, — טראַכט ער זיך, און ער דערמאָנט זיך איינעם לעמבערגער מעצענאַט, איינעם דאָקטאָר לעוויוס־לויתן, וואָס פֿאַרמאָגט אפֿשר אַ האַלבן מיליאָן. דער דאָזיקער דאָקטאָר האָט זיך תּחילת אַרויסגעשטעלט פֿאַר אַ ליבהאָבער פֿון קונסט, פֿאַר אַ מעצענאַט, און אַז ס'איז געקומען צו עפּעס, האָלצמאַן האָט אים נאָר געגעבן אָנצוהערעניש וועגן שטיצע, אַזוי האָט זיך ביים האָקטאָר איבערגעביטן דאָס פּנים, צוגעזאָגט, אַז ער וועט קומען צו זיי אין טעאַטער אַריין — און אַ גוטן טאָג, מער האָט מען אים נישט געזען... „איך, —

טראַכט זיך ראַפּאַלעסקאָ, — לאָמיך נאָר ווערן זעלבשטענדיק און אַליין אָנהייבן פֿאַרדינען געלט, נעם איך אָט אַזאַ מין געזינדל אַרויס פֿון דער דאָזיקער בלאָטע און גיב זיי די וועלט צו זען"...

ראַפּאַלעסקאָ פֿאַנטאַזירט, ווי אַלעמאָל, גאָלדענע חלומות, און דער באָרוועסער אָרקעסטער הערט נישט אויף צו באַווייזן זיינע וווּנדער. אין דער צייט, וואָס די קאַפּעליע שפּילט און ראַפּאַלעסקאָ באַוווּנדערט און פֿאַנטאַזירט, זיצט ניסל שוואַלב אין אַ ווינקעלע מיט דער מוטער פֿון די דאָזיקע געבענטשטע קינדער, אַ ייִדענע מיט אַ רויטן פֿאַלשן פּאַריק אויפֿן קאָפּ, וואָס וועט דערפֿאַר קיינמאָל נישט ווערן גרוי, און רעדט און דערציילט און שווערט, „ווי איר זעט אים אַ שווימענדיקן" און „ער זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס"...

עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, אַז ניסל שוואַלב איז געגאַנגען מיט זיין יונגן פֿריינד אַהיים צוריק פֿון דער מוזיקאַלישער משפּחה. דאָס לאָנדאָנער ווייטשעפּל איז נאָך געווען באַלייכט מיט אַלע לאַמטערנעס. נאָר אויסער דעם הויכן פּאָליסמען מיט די לאַנגע פֿיס, האָט מען שוין נישט באַגעגנט קיינעם. אונדזער יונגער העלד, וואָס איז בטבע אַ שווייגער, אַן אָפּגעהווייגענער, אָפּגעמאָסטענער כאַראַקטער, איז שוין לאַנג נישט געווען אַזוי אויפֿגערעגט, ווי אין דעם דאָזיקן אָוונט. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן רעדעוודיק. ער האָט געטענהט צו זיין נייעם גוטן ברודער ניסל שוואַלב און געמאַכט מיט די הענט:

— ס'טייטש, סטייטש! אַזעלכע געבענטשטע קינדער, אַזעלכע געבענטשטע הענט! וואַלגערן זיך אין אַזאַ בלאָטע, ליגן אין אַזאַ גרוב! ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אין אַזאַ שטאָט, ווי לאָנדאָן, זאָל זיך נישט געפֿינען צווישן ייִדן כאָטש איין מעצענאַט, וואָס זאָל שטיצן די דאָזיקע מוזיקאַלישע פֿאַמיליע?

— וואָס רעדסטו, קינדעניו, מעצענאַט? — רופֿט זיך אָן צו אים ניסל שוואַלב, און זיין שטימע הילכט איבערן ווייטשעפּל אין דער דאָזיקער נאַכט. — אָט וועל איך דיר דערציילן אַ שענערע זאַך, וועסטו אַראָפּ פֿון זינען! פֿאַראַן ביי אונדז איינער — דו רופֿסט עס אַ מעצענאַט. ער איז אַ רוסישער ייִד. געווען אַמאָל, קיין עין־הרע, אַן אביון, היינט איז ער אַ ייִד אַ מיליאָנער, אויף אונדז ביידן געזאָגט געוואָרן. סטעלמאַך הייסט ער, דער דאָזיקער מעצענאַט.

— סטעלמאַך?

ראַפּאַלעסקאָ איז שטיין געבליבן. עס דאַכט זיך אים, אַז ער האָט ערגעץ געהערט שוין דעם דאָזיקן נאָמען, וואָס האָט אַ שייכות צו רייזלען. נאָר ער קאָן זיך נישט דערמאָנען, ווו... דערזען, אַז ראַפּאַלעסקאָ איז שטיין געבליבן, רופֿט זיך אָן צו אים ניסל שוואַלב:

— זע נאָר, איך האָב נאָך גאָר נישט אָנגעהויבן צו דערציילן, איז ער שוין אַרויס פֿון די כלים. הער בעסער ווייטער. באַקאַנט האָב איך מיך מיט דעם סטעלמאַכן אָט דאָ נישט לאַנג טאָקע, אין פּאַוויליאָן־טעאַטער. ער איז אַן אָפּטער גייער אין

טעאטער. א שטאַרקער ליבהאָבער פון יידיש טעאטער און א מבין אויף מוזיק. מחמת זיין זונדל, גרישא סטעלמאך, איז אַ באַרימטער פידלער, א וווּנדערקינד. ער האָט שוין געשפּילט וויפל מאָל ביים קעניג אין הויף. און דורך אים, דורכן זונדל הייסט עס, איז ער דאָס אזוי רייך געוואָרן.

ראַפּאַלעסקאָ האָט זיך שוין דערמאנט, ווער דער סטעלמאך איז און וואָס פאר א שייכות זיין זונדל האָט צו רייזלען. און די מעשה מיטן מעצענאט, וואָס ניסל שוואלב דערציילט אים דאָ, באקומט ביי אים א גאנץ באזונדערן אינטערעס, און ער טוט א פרעג ביי זיין נייעם גוטן פריינד:

— אלזאָ, ווו געפינט ער זיך, אָט דער... איך מיין, אָט דער באַרימטער פידל־שפּילער?

— כאַפּ זשע נישט! — מאַכט צו אים ניסל שוואלב. — איך האלט נאָך נישט ביים זון, איך האלט ערשט ביים פאָטער, ביים מעצענאט הייסט עס, וויאזוי מיר האָבן זיך מיט אים באַקאַנט. באַקאַנט האָבן מיר זיך מיטן דאָזיקן שמינדער בגעץ אין בופעט, צווישן די אקטן. איך זע עפּעס א יידל דרייט זיך מיר ארום און קייט און קוקט אויף מיר מיט אויגן. ער אויף מיר, איך אויף אים. א וואָרט פאַר א וואָרט: „פון וואנען איז א ייד? איר זענט מיר, זאָג איך, עפּעס קענטלעך“. „איך בין, זאָגט ער, סטעלמאך“. — „אוי, זאָג איך, זענט איר הייסט עס, טאקע סטעלמאך אליין? זאָגט זשע מיר, זאָג איך, מיסטער סטעלמאך, פון וואָסערע סטעלמאכס זענט איר דאָס, אייגנטלעך גערעדט?“.. קוקט ער מיך אָן מסתמא, ווי א הושימדיקן, און מאכט צו מיר מיט א ברוגזלעכן גלעכטערל: „וואָס הייסט — פון וואָסערע סטעלמאכס? איר האָט נישט געהערט, זאָגט ער, קיינמאָל דעם נאָמען גרישא סטעלמאך? כאַ־כאַ, אַ ייד, זאָגט ער, זיצט אין לאָנדאָן און ווייסט נישט, אז ס'איז דאָ א גרישא סטעלמאך אויף דער וועלט, וואָס האָט שוין גע־שפּילט וויפל מאָל ביים קעניג אין הויף“... „אז ס'איז דאָ אין לאָנדאָן, זאָג איך, א גרישא סטעלמאך, וואָס שפּילט ביים קעניג אין הויף, דאָס, זאָג איך, ווייס איך, כאָטש איך בין אין הויף, זאָג איך, נישט אזא אָפטער אריינגייער. נאָר וואָס גע־הער ער זיך, זאָג איך, אָן מיט אייך?“ צעלאכט ער זיך נאָך שטאַרקער און רופט זיך אָן צו מיר מיט גדלות: „וואָס ער געהער זיך אָן מיט מיר? כאַ־כאַ! איך בין זיינער א טאַטע“. — „מזל־טוב, זאָג איך, אז וויל איז דעם זון, וואָס האָט אזא טאַטן“. און אָט אזוי האָבן מיר זיך צערעדט. דאָס הייסט, רעדן האָט, אייגנטלעך, גערעדט אָט דער ליץ. ער האָט פיינט, אז יענער רעדט. ער האָט בעסער ליב אליין רעדן. ובפרט, אז ער צערעדט זיך פון זיין גרישען, וועסטו אים נישט אָפּשטעלן מיט קיין צען פערד. טראַטאַטאַ! טראַטאַטאַ! גרישאַ־קעניג־קאָנצערט־מוזיק.... אַ מעשה אָן אן עק! שלאָג איך אים איבער אין מיטן: „איך זע, זאָג איך, אז איר זענט א מבין און א ליבהאָבער פון מוזיק. אויב איר ווילט, זאָג איך, האָרכן א ביסל רעכטע מוזיק, וועל איך אייך פירן, זאָג איך, אין אן ערטל, און דווקא אָן געלט,

וועט איר הערן, זאָג איך, וואָס הייסט מוזיק אויף דער וועלט!"... מאַכט ער צו מיר: „אַך, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. ביי מיר, זאָגט ער, איז יידיש טעאַטער, מוזיק און נאָך אַזעלכע זאַכן אַזוי טייער, אַז איך וועל אייך גיין, זאָגט ער, דריי מייל צופוס". — „אויסגעצייכנט! — טראַכט איר מיר. — גאָט אַליין האָט דיך צוגעשיקט, דו גראָבער פּעמפּיק! אפשר איז באַשערט, אַז דורך דיין זכות זאָל די אָרעמע משפּחה געהאָלפן ווערן?"... הקיצור, מיר האָבן אָפּגעשטעלט אַ טאָג, גענומען דעם חברהמאַן און געבראַכט צו פירן צום לאָמזשער חזן איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל — מיין סטעלמאַך איז אויס מענטש. אָט־אָט נעמט ער איין אַ מיתה־משונה! אַלעמאָל, ווען ער קומט אַהין, גלוסט זיך אים גאָר נישט אַוועק. זיצט מיט אַלעמען און עסט מיט אַלעמען און דערציילט גליקן פון זיין זונדל, ניסים ונפלאות, יציאת־מצרים — הימל עפן זיך! בין איך מיך מיישב איינמאָל, אַז דו ביסט יאָ אַזאַ גוטער ברודער, טאָמער וואָלסט געווען אַ סבֿרה, מיסטער סטעלמאַך, איר זאָלט עפּעס אַ קלער טאָן מכּוח דער דאָזיקער משפּחה? „מע באַדאַרף, זאָג איך צו אים פאַרשטעלט, אָט די געבענטשטע קינדער צעשטעקן אין די קאָנסערוואַטאָריעס, מאַכן פאַר שטיקלעך מענטשן". קוקט ער מיך אָן, ווי אַ נעבעטיקער, פינטלט מיט די אויגן, פאַרשטייט נעבעך נישט, וואָס מע מיינט... רוף איך מיך אָן צו אים שוין מיט פּשוטע דיבורים: „מיסטער סטעלמאַך, זאָג איך, מע באַדאַרף, זאָג איך, האָבן געלט!"... דערהערט דאָס וואָרט „געלט", איז מיין סטעלמאַך געוואָרן, וואָס זאָל איך דיר דערציילן, כאַ־כאַ־כאַ? אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד, ווי דו זעסט מיך אַ שווימענדיקן! וואָס טויג דיר, ער האָט זיך אויף דער גיך אָפּגעזעגנט — און פון דעמלט אָן אויס סטעלמאַך! איך וואַרט אים אָפּ אין טעאַטער איין נאַכט, די אַנדערע נאַכט, די דריטע נאַכט — נישטאָ מיין פויגל. טראַכט איך מיר: „בלאָטע! פון ניסל שוואַלבס הענט אַנטלויפט מען נישט!" און איך האָב מיך מסתּמא דערפרעגט, וווּ ער זיצט, דער דאָזיקער פּיפּערנאָטער, און מאַרש צו אים אַהיים. איך קלאַפּ אָן אין דער טיר, דערהער איך אַ קול פון אינעווייניק — טאַקע זיין קול, איך האָב אים דערקענט: „טו נאָר אַ קוק, ווער קלאַפּט דאָס. אויב אַ הויכער, אַ גראָבער — זאָג אים, אַז איך בין נישטאָ אין דער היים". מיט די ווערטער, כאַ־כאַ, ווי דו זעסט מיך אַ שווימענדיקן! דערהערט אַזאַ מעשה, טראַכט איך מיר: „איי! ווילסטו זיך פון מיינע הענט אַרויסדרייען, וועט דיך קאָסטן טייער!"

אַזוי דערציילט ווייטער ניסל שוואַלב און טראַכט שוין אויס פונעם קאָפּ אַ גאַנצע אינטריגע מיט אַ סקאַנדאַל, צוויי סקאַנדאַלן, דריי סקאַנדאַלן, און האַלט צו זיין יונגן פריינד פאַר אַ האַנט, און היצט זיך, און שפּריצט מיט פייער, און לאָזט אויס, ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ ברייטן געלעכטער און מיט אַ שבֿועה: „כאַ־כאַ, איך זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס!"...

פון יוצא וועגן מאַכט ראפאלעסקאָ א פנים, גלייך ווי ער וווּנדערט זיך. יאָ, דער אמתן אָבער האָט ער פון דער גאנצער מעשה געהערט מער נישט ווי דעם סוף: „כאַ־כאַ, איך זאָל אזוי האָבן אלעמענס גוטס“. ראפאלעסקאָ האָט גאָר אין זינען בעת־מעשה עפּעס אנדערש. דער נאָמען „גרישא סטעלמאך“ האָט אים געפּיקט אין מוח. סטייטש, דאָס איז דער גרישא סטעלמאך, רייזלס חתן!... ווייבאַלד אזוי, איז ער דאָך שוין אויפן רעכטן וועג... איצט בלייבט איבער גאָר איין זאך: ז י ך ב אַ ק ע נ ע ן מ י ט אָ ט ד ע ם ג ר י ש א ס ט ע ל מ אַ ך.

קאַפּיטל נײַן

זיי פאָרן קיין אמעריקע

די גלענצנדע קאָמבינאַציע פון דריי יידישע טעאטערס אין לאָנדאָן, וואָס דער געניאלער קאָמבינאַטאָר ניסל שוואלב האָט אויסגעקאָמבינירט, האָט זיך נישט אינגאנצן איינגעגעבן.

נישט נאָר דריי יידישע טעאטערס, ווי ניסל שוואלב האָט געפּלאנעוועט, נאָר אפילו דאָס איינציקע שטיקל פּאווילִיאָן־טעאטער איז אויך געגאנגען נישט אין בעסטן. דער לאָנדאָנער עולם איז טאַקע געלאָפן אויף חידושים זען דעם בארימטן לעאָ ראפאלעסקאָ פון בוקארעשט און די בארימטע פּרימאדאָנע שוואלב פון בוענאָס־איירעס. דאָס טעאטער איז טאקע געווען געפּאקט פון אויבן ביז אראָפּ, אז ס׳איז נישט געווען אן עפּל דורכצוּוואַרפן. דער גאנצער חסרון איז אָבער, וואָס דאָס פּובליקום איז געווען דאָס זעלבע פּובליקום, וואָס תמיד. דאָס זעלבע ווייטשעפּל מיט זיינע איינוווינער. דיזעלבע מעוברתע ווייבער מיט די זעלבע זייגעדיקע קינדער, וואָס פארהילכן דאָס טעאטער מיט זייער געוויין. די זעלבע בחורים און די זעלבע מיידן, וואָס ווארפן זיך מיט מאראנצן־שאָלעכץ און רעדן אזוי הויך און לאַכן אזוי געשמאק און האלטן זיך אזוי היימיש־פאמיליאר, אז דאָס פּאווילִיאָן־טעאטער זעט אויס גיכער ווי, להבדיל, א שול־הויף אין א קליין שטעטל אין אַ וואַרעמען יום־טובדיקן טאָג צו אויסנעמעניש, ווי אײדער א טעאטער. די יידן פון דער וועסט, די לאָנדאָנער יידישע אריסטאָקראטיע מיטן לאָרד רויטשילד בראש, אויף וועלכן ניסל שוואלב האָט, אייגנטלעך, געשלאָגן, ווי אויף פּיר טייז, האָבן אפילו נישט אריינגעשמעקט אין ווייטשעפּל־טעאטער, ווי זיי האָבן נישט אריינגעשמעקט ביז אהער און וועלן נישט אריינשמעקן אהין ביז משיח וועט קומען. גיכער וועט זיך אן ענגלישער אָרטאָדאָקסישער רב אוועקשמדן און א מאָדערנער רעווערענד וועט זיך אויסלערנען דאוונען, איידער א לאָנדאָנער ייד פון דער וועסט וועט

זיך אַראָפּלאָזן אויפן ווייטשעפּל צו די שנאָרערס אין אַ יידיש טעאַטער, ווו יידן רעדן אויף יידיש, שפּילן אויף יידיש, זינגען אויף יידיש און טאַנצן אויף יידיש.

מיט איינעם וואָרט, דאָס געשעפט איז געגאַנגען נישט אין בעסטן. דאָס גאַנצע דאָברע-מזל האָט אויפגעגעסן די נע-ונדנע טרופּע „האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ.“. און ס'איז נישט געווען, מיט וואָס אויסצוהאַלטן די אייגענע אַקטיאָרן. דער קאַפּיטאַליסט, דער קריסט מיסטער העטשקינס, האָט שוין געהאַלטן כמעט-כמעט ביי דער לעצטער שורה פון דער סומע פונטן-שטערלינג, וואָס ער האָט דערויף מפקיר געווען און איז גרייט געווען זיך אָוועקצושטעלן אין מיטן סעזאָן.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אונדזער קאָמבינאַטאָר ניסל שוואַלב שטאַרק געערגערט. אַ גוי בלייבט אַ גוי. ער וויל נישט פאַרשטיין שוואַלבס טעאָריע, אַז וואָס גרעסער דער קאָפּ — גרעסער דאָס היטל, און וואָס גרעסער דער טאָפּ — גרעסער דאָס פייער.

שוואַלב האָט געטענהט, אַז מע באַדאַרף נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך און מע טאָר זיך נישט אָפּשטעלן. אדרבא, מע באַדאַרף פאַרגרעסערן דאָס טעאַטער. פאַרגרעסערן, פאַרברייטערן און פאַרשענערן. מע באַדאַרף אויסשרייבן אַקטערן פון אמעריקע. מע באַדאַרף מאַכן אַ טורנע איבער גאַנץ ענגלאַנד. מע באַדאַרף נישט שפּאָרן קיין געלט. ער האָט באַוויזן מיט אַ רעכענונג, ווי צוויי מאָל צוויי, אַז יעדן פונט שטערלינג, וואָס מיסטער העטשקינס לייגט אַריין אין טעאַטער אַצינד, וועט אים אַריינברענגען מיט דער צייט דריי פונט, צען פונט, צוואַנציק פונט, אָן אַ שיעור פונטן!

מיסטער העטשקינס אָבער האָט נישט געוואָלט הערן די אַלע גליקן. מיסטער העטשקינס איז געגאַנגען, פאַרקערט, מיט זיין גוישן גאַנג: לעס קראַיי — מאָר וואָל“, אָדער אויף יידיש גערעדט: ווינציקער עולם, גרעסער די סעודה.

קיין ספק ווערטער האָט ער נישט אויסגענוצט. און איבערשפּאָרן דעם דאָזיקן היציקן אַגענט האָט ער נישט געפונען פאַר נייטיק. מיסטער העטשקינס האָט אים דווקא אויסגעהערט ביזן סוף, זיך געקלאַפּט מיטן נאָגל איבער די דריי גאָלדענע ציין און געקוקט דורכן פענצטער אין דרויסן אַרויס. און אַז יענער האָט געענדיקט, איז ער אויפגעשטאַנען מיט אַ זיפץ, אויסגעצויגן אים צוויי קאַלטע פינגער און אַ זאָג געגעבן קאַלט און שלעפעריק: „אָלל-רייט. מער נישט אַ שילינג“.

וואָס האָט ניסל שוואַלב געקאָנט טאָן? זיין יידישן קאָפּ וועט ער אויף דעם טרוקענעם ענגלענדער נישט אַרויפשטעלן, און נעמען זיך דאָס לעבן איבער אַזעלכע זאַכן איז אויך נישט כדאי. „עט! דער הימל איז צו דער ערד נישט געפאַלן. גאָט איז גאָט און לאָנדאָן איז לאָנדאָן. אַז נישט דאָס, וועט זיין אַן אַנדער שוואַרץ-יאָר“... אַזוי האָט זיך געזאָגט ניסל שוואַלב, און זיין געניאַלער קאָפּ האָט נישט גערוט, ביז ער האָט נישט צוגעקלערט אַ נייע קאָמבינאַציע.

די דאָזיקע קאָמבינאַציע איז באַשטאַנען מער נישט אַז פון איין וואָרט, איין און איינציק וואָרט. נאָר דאָס וואָרט האָט אין זיך אַזאַ מין צוציונגס־קראַפט, אַזאַ מין מאַגנעט, אַזאַ מין כישוף, וואָס מע באַדאַרף מער נישט נאָר אַרויסלאָזן דאָס פונעם מויל, ווערט ביי אונדז א שלעפעריקער וואכנדיק, א פוילער — ארבעטספעיק און דער גרעסטער אפיקורס און דער פארצווייפלטסטער סקעפטיקער ווערט פול מיט גלויבן און מיט האָפענונגען.

„אַ מ ע ר י ק ע" איז דאָס וואָרט.

איך זאָל האַלטן ביי פאַרגלייכן, מאַכן פאַראַלעלן, וואָלט איך געזאָגט, אַז אַמעריקע — דאָס איז אַ גרויסער ים, וואָס ציט אין זיך אַלע טייכן. אַ גוטער חלום, וואָס נישט אַלעמאָל ווערט ער מקוים. אַ ווייטסטער פונקט, וואָס ווייטער קאָן מען שוין נישט פאָרן. אַ לעצטע רפואה, וואָס אויב דאָס וועט אייך נישט העלפן, וועט אייך שוין קיין דאָקטאָר און קיין טאַטער אויך נישט העלפן...

אונדזער היציקן קאָמבינאַטאָר גיסל שוואַלב האָט דאָס שוין לאַנג געצויגן אַהין, אינעם „גאָלדענעם לאַנד". ער האָט געחלומט פון קינדווייז אָן, אַז ער מוז ווערן רייך, און רייך קאָן מען ווערן נאָר דאָרטן, אינעם לאַנד פון דאָלאַר. עס זענען געווען צייטן, וואָס ער האָט שוין אַפילו „געסייווט" געלט אויף אַ שיפסקאַרטע. נאָר אַלערליי קאָמבינאַציעס האָבן אים אַלעמאָל אָפּגעהאַלטן, און יעדן מאָל, ווען די אָדער יענע קאָמבינאַציע האָט ביי אים געפּלאַצט, אַזוי איז ער גלאָפן גלייך אין אַ קאַנטאָר אַריין זיך באַשטעלן אַ טיקעט מיטן ערשטן שיף קיין ניו־יאָרק. נאָר לויפנדיק אין קאַנטאָר אַריין, פליט אים אַריין פלוצים אין קאָפּ אַ נייע קאָמבינאַציע, קערט ער זיך אום צוריק און נעמט זיך צו דער אַרבעט, ביז ער פאַלט דורך, לויפט ער אַוועק ווידער נאָך אַ טיקעט, קערט זיך ווידער אום צוריק. און אַזוי שוין עטלעכע מאָל.

איצטיקס מאָל אָבער איז דאָס געווען ביי אים פעסט באַשלאָסן, אויף אַן אייזערנעם באָדן, עס מעגן פאַלן שטיינער פונעם הימל. גאָט אַליין האָט שוין אַזוי געהייסן. אַלע אומשטענדן האָבן זיך די לעצטע צייט צונויפגעלייגט און אויסגעבעט אים אַ וועג קיין ניו־יאָרק.

דער גאָלדענער פלאַן צו פאָרן אין דער גאָלדענער מדינה איז געבוירן געוואָרן אונטן, אין קעלער, ביי דער באַקאַנטער מוזיקאַלישער משפחה. דער לאָמזשער חזן האָט די טעג באַקומען אַ בריוו פון אַמעריקע, ער זאָל למען השם קומען צו פאָרן מיט אַלע זיינע קינדער, וועט מען זיי אָפּגילטן. אים און די קינדער. „געזאַנג און מוזיק, — אַזוי שרייבט אים יענער אין בריוו, — איז דאָרט אַזאַ מין אַרטיקל, וואָס אַמעריקע אַליין פאַרמאָגט דאָס נישט און מוז עס באַציען פון „יוראָפּ". אַ ליאַדע קלעזמערל, שרייבט מען אים ווייטער, וואָס איז כל ימיו אַרומגעגאַנגען אין דער היים מחילה מיט צעריסענע תחתונים און שטיוול, ווערט אין אמעריקע אויף דער צווייטער וואָך פראָפעסאָר"...

אַז דער לאָמזשער חזן האָט אים דורכגעלייענט דעם דאָזיקן בריוו, האָט זיך ניסל שוואַלב אויפגעכאַפּט, ווי אַן אָפּגעבריטער, זיך דערלאַנגט אַ פּאַטש אין שטערן און דעם אַנדערן פּאַטש האָט ער געשענקט דעם לאָמזשער חזן אין פּלייצע.

— מיר פאָרן קיין אַמעריקע! איך זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס, ווי מיר פאָרן קיין אַמעריקע! איך האָב, הערט איר, אַ קאָמבינאַציע, אַ טייערע, אַ זעלטענע קאָמבינאַציע! מאָרגן אָדער איבערמאָרגן זעען מיר זיך. עס וועט זיין רעכט. גוד ביי!

אין אַ מינוט אַרום איז שוין ניסל שוואַלב געווען אויף דער גאַס. אַ לעבעדיקער, אַ פרייליכער, אַ גליקלעכער האָט ער געשפּאַנט מיט ברייטע טריט איבערן ווייטשעפּל. דאָס קאַפּעליושל אויף אַ זייט און אונטערגעפּייפט אַ לידל, האָט ער זיך דורכגעלייגט א וועג מט זיינע ברייטע פּלייצעס צווישן געדיכטן לאָנדאָנער פּובליקום, וואָס טראָגט זיך ווי א כמארע אויף ביידע טראָטואַרן, ווי אן אויסגוס, וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און האָט נישט קיין סוף.

— סאַראַ שטאָט דאָס איז! — האָט זיך ניסל שוואַלב געטראַכט, פייפנדיק.— אַ חיות, אַ תענוג צו לעבן אויף דער וועלט. איך זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס!...

קאַפּיטל צען

א קאַץ קאָן אויך קאַליע מאַכן

דער לעזער דאַרף געדענקען, ווי נישט פיין און אומאַרטיק אונדזער דירעקטאָר בערנאַרד האָלצמאַן האָט זיך אַמאָל באַגאַנגען מיט דער אָרעמער ברײַנדעלע קאָזאַק. זי האָט זיך דאָס וואָרט געגעבן און געשווירן ביי גאָט, אַז זי מוז נאָך אַמאָל דערלעבן אַ נקמה אינעם דאָזיקן „דרעקטאָר“, וואָס האָט צו שטאַרק פאַרריסן די נאָז. ער האָט שוין גאָר פאַרגעסן, אָט דער הונט מיט אויערן, אַז ער האָט אמאָל געהייסן „האָצמאַך“ און געפּוצט ביי שטשופּאַקן עליו השלום די שטיוול. נאָר וואָס האָט זי אים געקאָנט טאָן, משטיינס געזאָגט, אַן אָרעמע, אן עלנדע נעוונדניצע, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מער נישט פון יענעמס וועגן, מע זאָל זי פריער אויסנוצן און דערנאָך באַליידיקן?... זי האָט זיך נעבעך אַזוי לאַנג אַרומגעשלעפּט איבער דער וועלט, געכאַפּט נאָך עטלעכע קלעפּ פון די „פאַלשע שאַלקהאַפטיקע מאַנצבילן“ — ביז זי האָט זיך דערשלעפּט קיין אמעריקע. און דאנקען גאָט, זי האָט קיין חרטה נישט. זי הייסט שוין דאָרט נישט מער „ברײַנדעלע קאָזאַק“. זי הייסט שוין צוריק מיט איר אַלטן נאָמען „מאַדאַם טשערניאַק“. „זי האָט זייער אַ פיינעם „דזשאַב“, — שרייבט זי צו העגריעטען אין אַ בריוו מיט גרויסע האַלבקיילעכיקע אותיות, וואָס זעען אוים, ווי געפּלאָכטענע בייגל. — אמת, זי איז שוין

נישט מער קיין אַקטריסע, ווייל דאָ, אין דער געבענטשטער מדינה פון קאָלומבוסן, שרייבט זי, איז איינגעפירט אויף יעדער מלאכה א „יוניע“. יידישע אקטיאָרן האָבן זיך זייער „יוניע“ און לאָזן נישט צו קיין פרעמדן אקטיאָר אויף דער בינע. דערפאַר האָט זי היינט אַן אַנדער „דזשאַב“, אַן אַנדער שטעלע, אויך אַ בכבודיקע און אויך אין יידישן טעאַטער“..

וואָס פאַר אַ „דזשאַב“ דאָס איז — שטייט נישט אין בריוו. זי שרייבט נאָר, אַז זי האָט, דאַנקען גאָט, שיין פרנסה און איז גאַנץ צופרידן און האָט שוין אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען, ווען ס'נישט איז איבערבייטן איר אַרט לעבן, און לאָזט אוים מיט אַ ברכה: „לאָז אויף זיי קומען אַ טויט, אויף אַלע מאַנצבילן, און פריער פון אלע — אויף דעם יאַדעשליוון דרעקטאָר — נאָך לעבט ער?“...

„איר קאָנט אייך גאָר נישט פאָרשטעלן מיין פרייד, — שרייבט ווייטער די מאַדאַם טשערניאַק, — אַז איך בין געוואָר געוואָרן, אַז איר זענט אין לאָנדאָן, די לעצטע סטאַנציע פון יוראָפּ נאָך אַמעריקע. אַך, ווי גוט דאָס וואָלט געווען, האָב איך מיך געטראַכט, ווען איר קומט אהער קיין אמעריקע! דאָ וואָלט איר געווען פונקט אויף אייער פּלאַץ. איך האָב מיר שוין דערלויבט אפילו א רעד טאָן וועגן אייך מיט א פּאָר מענעדזשערס פון די היגע יידישע טעאַטערס, האָבן זיי זיך שטאַרק צוגעהערט און נאָכגעפרעגט אויף אייער „פּיקטשע“. האָב איך זיי באַוויזן אייער „פּיקטשע“, האָבן זיי שיער איינגענומען א מיתה־משונה. זיי האָבן ביי מיר געבעטן, געהלשט אייער אַדרעס. געווים וועלן זיי אייך שרייבן, אָדער זיי האָבן אייך שוין געשריבן, מסתמא אַנגאַזשירט אַלס פּרימאַדאָנע. מיין עצה: איר זאָלט זיי קיין באַדינגונגען נישט שטעלן און גאָר נישט ענטפערן אפילו, נאָר נעמען און קומען צו פאָרן גאָר אָן אַ שום אָפּלייגעניש. ביז וואַנעט איז דער שיעור צו זיין נע־ונד? פאַר אַנדערע אַקטיאָרן וועל איך אייך נישט זאָגן. שווערלעך איבער דער „יוניע“. נאָר אַזעלכע „סטאַרס“, ווי איר, אָדער, למשל, ווי ראַפּאַלעסקאָ, ווען איר קומט צו פאָרן, איז מער ווי זיכער, אַז מע וועט אייך טראָגן אויף די הענט. נאָר וואָס דען? עס דאַרף זיין בסוד. אויסער אייער ברודער און אויסער ראַפּאַלעסקאָ, טאָר קיין בן־אדם דערפון נישט וויסן... און איבערהויפּט — אָט דער יאַדעשליווער הרעקטאָר, וואָס וועט אייך אַזוי פּאַרדרייען דעם קאָפּ, אַז איר וועט זיך אייביק פון אים נישט אויספּלאָנטן... געדענקט זשע, למען השם, נישט שרייבן קיינעם און נישט רעדן מיט קיינעם און קומען צו פאָרן. איך האָב שוין דאָ געזאָגט אַ פּאָר מענטשן, אַז איר קומט צו פאָרן, האָבן זיי זיך נישט געפוילט און אָפּגעדרוקט די דאָזיקע נאַכריכט אויף די גאַזעטן איינגעם מיט אייער „פּיקטשע“. איך שיק אייך די גאַזעטן, און ווייסט, אַז איר האָט דאָ, אויף דער זייט ים, א געטרייע איבערגעגעבנסטע פריינדין, וואָס איר נאָמען איז

ברײנע טשערניאַק“.

אָט אַזוי האָט זיך בריינדעלע קאָזאַק שטילערהייט אונטערגעגראָבן אונטער איר בלוטיקן שונא האַלצמאַן. מיט דעם אייגעם קלאַפּ האָט זי זיך אָבער נישט באַגנוגנט. צונעמען ביי אים די פּרימאַדאָנע אַליין, האָט זי זיך געטראַכט, איז ווינציק. מע באַדאַרף אַרויסרייסן פון זיינע הענט דאָס סאַמע בעסטע, וואָס ער פאַרמאָגט, דאָס איינציקע, וואָס גיט אים די וועלט צו זען. דאָס טייערע הינדעלע, וואָס טראָגט אים גאָלדענע אייעלעך. מיט אייגעם וואָרט — מע באַדאַרף אַוועקנעמען ביי אים דעם „יאַט“, ראַפּאַלעסקאָן. פון אונטער דער נאָז אַוועקנעמען. אזוי ווי ער האָט אמאָל צוגענומען ביים דרעקטאָר געצל בן געצל פון לעמבערג די פרימאַדאָנע. אַזוי ווי מע האָט אַמאָל צוגענומען ביי איר צווייטן שונא, ביי שטשופּאַקן, דאָס צווייטע גאָלדענע הינדעלע, ראָזאַ ספּיוואַק.

אַזוי האָט זיך געזאָגט בריינדעלע קאָזאַק, און גאָט אַליין איז איר געקומען צי־הילף.

קאַפּיטל עלף

מיט איין שאָס צוויי מיטאמאָל

בריינדעלע קאָזאַק האָט אויף איר גאַנץ לעבן „אין דער היים“ זיכער נישט איבערגעלייענט קיין צענטהלק פון דעם, וואָס זי האָט זיך אָנגעלייענט אין דער קורצער צייט, זינט זי האָט זיך באַזעצט דאָ, אין דער „געבענטשטער מדינה פון קאָלומבוסן“. דאָרט, אין דער אַלטער היים, פלעגט זי אויך ליב האָבן אַ געדרוקט וואָרט. נאָר ווען? איינמאָל אין אַ יובל קריגן אַ ביכל, אַ „העכסט־אינטערעסאַנטן ראָמאַן“, אויסזיצן איבער דעם גאַנצע נעכט און וויינען שטילערהייט, אז קיינער זאָל נישט זען. דאָ, אין דער „געבענטשטער מדינה פון קאָלומבוסן“, פאַרשפּאָרט מען זוכן אַ ביכל. גייסט אַרויס אויף דער „סטריט“, טראָגט מען דיר אַקעגן אַ „פּייפּער“, און נאָך אַ „פּייפּער“, און נאָך אַ „פּייפּער“. יעדער „פּייפּער“ איז גרויס, ווי אַ ליילעך, קאָסט אַ סענט און איז פול פון פויגלמילך. ווײ־ווײ, וואָס איז דאָרט נישט פאַראַן? די סאַמע לעצטע נייעס פון דער היים און פון דער גאַנצער וועלט, און אַלץ מיט אַזעלכע שיינע קעפּלעך, וואָס מע קאָן זיי דערזען פאַר אַ מייל. הייגט וואָס פאַר אַ ראָמאַנען דרוקן זיך דאָרט! אין יעדן „פּייפּער“ גייען שטענדיק, פון יאָר צו יאָר, צוויי ראָמאַנען מיטאַמאָל, איין ראָמאַן איז שענער פאַרן אַנדערן — אַן אמתער גן־עדן!

פון די דאָזיקע „פּייפּערס“ האָט אונדזער בריינדעלע קאָזאַק איינמאָל אין אַ שיינעם אָוונט אויסגעלייענט אונטער דער רובריק פון „דראַמע, קונסט און מוזיק“ אַ נייעס, אַז אין דער וועסט פון ניו־יאָרק, „אַפּטאַון“, אינעם אַריסטאָקראַ־

טישן פּערטל, ווערן דערוואַרטעט פון פּאַריז צוויי געסט — צוויי גרויסע „סטאַרס“: דער באַרימטער וויאָלין=שפּילער פונעם ענגלישן קעניגלעכן הויף גרישאַ סטעלמאַך און די זינגערין פון דער וועלט, וואָס האָט איבערגעטראָפן פּאַטטין, די וועלט=באַרימטע ראָזאַליע ספּיוואַק.

— ראָזאַליע ספּיוואַק? — האָט ברײַנדעלע קאָזאַק אויסגערופן צו זיך אַליין און דערלאַנגט זיך אַ פּאַטש מיט בײדע הענט איבער די קליידלעך. — גוואַלד, דאָס איז דאָך ראָזע, ראָזע ספּיוואַק!

די מאַדאַם טשערניאַק איז געווען אויפן זיבעטן הימל. סטייטש, ראָזע, ראָזע ספּיוואַק קומט צו פאָרן! און עס האָבן זיך געגעבן אַ טראָג אין איר קאָפּ, ווי אַ וויכער, אַלערליי מחשבות און פאַנטאַזיעס. אָד, וואָס פאַר אַ גדולה דאָס וועט זײַן, אַז ראָזע וועט זי דערזען! זיי וועלן פאַלן איינס דאָס אַנדערע אויפן האַלדז און וועלן זיך צעקושן — דאָס איז גומער איינס. נאָכדעם וועט זי זיך אָנהייבן דערפרעגן בײַ איר, וואָס מאַכט זי? שוין לאַנג אין דער דאָזיקער מדינה? אין וואָס פאַר אַ טעאַטער דינט זי? וועלכע ראָלן שפּילט זי? אָך, וועלכע ראָלן!... אין טעאַטער דינט זי, נאָר קיין ראָלן שפּילט זי שוין מער נישט. דאָ, אין דער „געבענטשטער מדינה פון קאָלומבוסן“, איז פאַראַן אויף יעדער מלאכה אַ „יוניע“, און די „יוניע“ דערלאָזט נישט קיין פרעמדע אַקטיאָרן... זי דינט טאַקע אין יידישן טעאַטער, נאָר נישט אויף דער בינע. זי האָט אַן אַנדער דזשאַב. זי פאַרקעמט די „מיסעס“, טוט איר איבער די „דרעססעס“ — נו, וואָס מאַכט דאָס אויס? אַבי פאַרדינען און מאַכן אַ לעבן. וואָס? נישט אַזוי?... געוויס, געוויס! — וועט איר ענטפערן ראָזע און קוקן אויף איר מיט אירע גליענדע ציגיינערישע אויגן... די מאַדאַם טשערניאַק פאַרשטייט דעם קוק. זי קען דאָס מיידל אויסגעבונדן. זי טראַכט זיך אוודאי בעת=מעשה: „פאַרוואָס זאָל די מאַדאַם טשערניאַק נישט זײַן בעסער מיט מיר?“... געוויס אַזוי: דאַרף זי דינען בײַ פרעמדע, אַז זי קאָן בעסער האָבן אַ „דזשאַב“ בײַ אַן אייגענער, בײַ אַ פריינדין, וואָס האָט געלעבט מיט איר אַמאָל, ווי אַן אייגענע שוועסטער?...

אזוי האָט זיך די אָרעמע ברײַנדעלע קאָזאַק פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט אין די גליקלעכע חלומות און האָט אַזש געפּיבערט. זי האָט נישט געקאָנט דערוואַרטן זיך, ביז ס'וועט ווערן טאָג, געכאַפּט אויף זיך דעם שלאָפראָק, אוועקגעזעצט זיך און אָנגעשריבן אַ בריוו צו „לעאָ ראַפּאַלעסקאָ אין פּאַווילאָן=טעאַטער, ווייטשעפּל, לאָנדאָן“ מיט גרויסע האַלב=קײַלעכיקע אותיות, וואָס זעען אויס, ווי געפּלאָכטענע בײגל, בזו הלשון:

„מיין ליבער לעאָ ראַפּאַלעסקאָ!

געוויס האָט איר נאָך נישט פאַרגעסן אייער אַלטע באַקאַנטע און איבערגעגעבענע פריינדין טשערניאַק, וואָס איז געווען אַמאָל איינעם מיט אייך נע=ונד, געדינט מיט אייך אין איין טרופּע, איינעם מיט אייך געטיילט פריידן און ליידן...

אַך, וואָס פאַר אַ גליקלעכע צייט דאָס איז געווען! כאָטש מיר אַלע זענען נישט זשעדנע געווען קיין צרות. איטלעכער מיט זיין פעקל... נאָר לאָמיר נישט רעדן פון דעם, וואָס געווען. לאָמיר בעסער שמועסן פון אַצינד. אויף די היגע „פייפערס“ האָב איך אויסגעלייענט, אַז אייער טרופּע געפינט זיך איצט אין לאָנדאָן און אַז איר האָט דעם גרעסטן „סוקסעס“. איר קאָנט זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ פרייד דאָס האָט מיר געמאַכט, אַז איך האָב מיך באַלד אַוועקגעזעצט אייך שרייבן אַ „לעטטער“ און שיקן אייך אַ וואַרעמען־וואַרעמען גרוס פון דעם ווייטן לאַנד, ווו איך געפין מיך אַצינד און מאַך אַ לעבן. איך האָב קיין חרטה נישט, וואָס איך האָב פאַרלאָזט האַלצמאַנען מיט דער קאָמפּאַניע, און צו גאָט אַ האָפענונג, אַז איך וועל ווייטער אויך קיין חרטה נישט האָבן. אַמעריקע איז דאָס אמתע לאַנד פון יידיש טעאַטער. איך מיין, אַז ווען איר קומט צו פאָרן אַהער, ווייסט מען נישט, ווו מע זאָל אייך אַוועקזעצן. אמת, נישט יעדן אַקטיאָר נעמט מען דאָ גערן אויף. דאָ, אין דער געבענטשטער מדינה פון קאָלומבוסן, איז אויף יעדער מלאכה פאַראַן אַ „יוניע“. אויך אַקטיאָרן האָבן זיך זייער „יוניע“, וואָס לאָזט נישט צו קיין פרעמדע אויף דער בינע, סיידן עס קומט אַ באַרימטער „סטאַר“. צום ביישפּיל, ווען איר קומט אַהער, איז גאָר קיין רעדע פון קיין „יוניע“. איך האָב אַ באַווייז. איך האָב געפּרוווט אַ רעד טאָן מיט די היגע טעאַטער־מענעדזשערס, ווי וואָלט זיין, ווען, למשל, אַזאַ „סטאַר“, ווי ראַפאַלעסקאָ, זאָל קומען אַהער אויף גאַסטראָלן? האָבן זיי מיך אויסגעלאַכט. „הלוואי, זאָגן זיי, וואָלט ער נאָר אַזוי געקומען, ווי מע וואָלט אים דאָ פאַרצוקערט!“ איך גיב אייך איבער זייערע אייגענע ווערטער און געפין, אַז נישט לאָנדאָן איז פאַר אייך דער געוווּנטשטער פּלאַץ. אייער אָרט איז דאָ, אין דעם גאָלדענעם לאַנד, ווו איר וועט זיין נישט נאָר אַ גאַסט אויף אַ ווײַלע, נאָר איינער פון די גרעסטע „סטאַרס“ אויף תמיד און אויף אייביק, מיט טויזנטער־טויזנטער פאַרערער, צווישן וועלכע די ערשטע בין איך —
אייער איבערגעגעבענסטע פריינדין
בריינע טשערניאַק“.

„יאָ. גוט, איך האָב מיך דערמאַנט: אַ סברה, אַז די טעג קומט אַהער צו פאָרן פון פּאַריז מיין אַמאָליקע פריינדין ראָזע ספּיוואַק — איר האָט זי נאָך נישט פאַרגעסן?... אויף די היגע „פּייפּערס“, ווו עס ווערט געבראַכט איר „פּיקטשע“, הייסט זי שוין מער נישט ראָזע ספּיוואַק, נאָר „מיסס ראָזאַליאַ ספּייוואַק“ און איז נאָך שענער, ווי געווען. איך שיק אייך דאָ אָן אויסשניט פונעם „פּייפּער“ מיט דער „פּיקטשע“ פון ראָזע ספּיוואַק, אָדער, ווי מע רופט זי שוין היינט: „מיסס ראָזאַליאַ ספּייוואַק“. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיין בריוו צו אייך דאַרף זיין אַ הייליקער סוד: קיין פויגל טאָר נישט וויסן. נאָר איך און איר און גאָט. אויב איר וועט מיר ענטפערן אויף מיינע בריוו, שיק איך אייך מיין אַדרעס.
בריינע טשערניאַק“.

קאַפּיטל צוועלף

וואָס איז מיטן „יאַט“

בריינדעלע קאָזאַק האָט גוט געצילט און נישט שלעכט געטראָפן. דערצו האָט איר נאָך צוגעשפּילט א ביסל די הצלחה. מיט אירע בריוולעך צו הענריעטא שוואַלב און צו ראַפּאַלעסקאָן האָט זי באַדאַרפט צוטרעפן אַקוראַט אין אַזאַ צייט, ווען דאָס לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאַטער האָט געהאַלטן ביי צושליסן זיך, און די קאָמפּאַניע „האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ“. — ביי צעפּאָלן ווערן. אויסערדעם האָט זי מיט איר בריוו צו ראַפּאַלעסקאָן אים ממש די אויגן געעפנט.

ערשט מיט א פּאָר טעג פריער, איידער ראַפּאַלעסקאָ האָט דערהאַלטן דעם דאָזיקן בריוו, האָט ער, שפּאַצירנדיק מיטן סופלער בעני גאָרגל איבער לאָנדאָן, דערזען אויף איינער פון די פעשענעבעל־גאַסן פונעם אַריסטאָקראַטישן פערטל א גאַנץ גרויסן פּויסטער מיט גאַנץ גרויסע אותיות דעם נאָמען „ראָזאַליא ספּיוואַק“, אָדער „ספּייוואַק“, און צוזאַמען מיט דעם נאָמען — נאָך א נאָמען: „גרישא סטעלמאַך“. און ווי ער האָט דאָס דערזען, אַזוי איז ער שטיין געבליבן און א כאַפּ געגעבן זיך ביים האַרצן.

— וואָס איז, גאָט איז מיט דיר? — האָט אים דער סופלער א פרעג געגעבן.

— וואָס האָסטו דאָ אַזעלכעס דערזען? אַן אַלטע אַפישע פון פאַר כמעלניצקיס צייטן?

— שטיי נאָר א ווײַלע, לאָמיר איבערלייענען, וואָס דאָ שטייט, — מאַכט צו אים ראַפּאַלעסקאָ, און ביידע שטעלן זיך אָפּ און ווערן געוואָר פון דער אַפישע, אַז מיט א חדשים צוויי־דריי צוריק איז געווען אין איינעם פון די גרעסטע האָלן אין לאָנדאָן א קאָנצערט פון צוויי באַרימטקייטן: מיסס ראָזאַליא ספּייוואַק און מיסטער גרישא סטעלמאַך...

א שטורעם האָט זיך אויפגעהויבן ביי אונדזער יונגן העלד אין דער נשמה: סטייטש, אין דער זעלבער צייט איז ער, ראַפּאַלעסקאָ, שוין געווען אין לאָנדאָן, ווי האָט ער דאָס געקאָנט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט? זיין מיט ריוזלען אין איין שטאָט און זי נישט זען?! און ווער ווייסט — אפשר איז זי נאָך איצט אויך אין לאָנדאָן?...

און ער האָט גענומען נאָכפרעגן זיך, נאָכפאָרשן, טאָמער וועט ער עפּעס דערגיין?

דער ערשטער, ביי וועמען ער האָט געפונען צו פרעגן, איז געווען זיין ניי־ער גוטער פריינד און פירער איבער לאָנדאָן, ניסל שוואַלב. פאַרשטייט זיך, אַז נישט גלאַט אָט אַזוי איז ער צוגעקומען צו אים מיט אַזאַ זאַך. ראַפּאַלעסקאָ האָט אים א כאַפּ געגעבן גאָר פון אַן אַנדער זייט: ער זאָל אים איבערעכענען ביי די

נעמען, וועלכע באַרימטע שפּילערס, זינגערס און זינגערינס ער האָט געהערט אויף זײַן לעבן?

ניסל שוואַלב, ווי אַן אמתער טעאַטראַל, האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און באַלד גענומען אויסרעכענען אויף די פֿינגער אַ צעטל פֿון נעמען, אָבער אַזאַ מאַסע נעמען, אַז ס׳איז נאָר געווען צו שווינדלען.

אמת, צווישן די דאָזיקע נעמען זענען געווען אַ סך „פֿון דער הגדה“, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס זענען געבוירן געוואָרן בײַ ניסל שוואַלב אָט דאָ ערשט, טאַקע אין דער דאָזיקער מינוט. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מיט אַ סך באַרימטקייטן איז ניסל שוואַלב געווען באַקאַנט, נאָענט באַקאַנט, טאַקע אויסגעבונדן. למשל, פּאַטטי...

— פּאַטטין לאָז צו רו! — שלאָגט אים איבער ראַפּאַלעסקאָ. — דו זאָג מיר בעסער, צי האָסטו געהערט אַמאָל אַ נאָמען ספּיוואַק?

— וואָסער ספּיוואַק? ס׳איז דאָ צוויי ספּיוואַקס.

— צוויי ספּיוואַקס? אויף אַזאַ שלאַק האָט זיך ראַפּאַלעסקאָ נישט געריכט. און ער רופֿט זיך אָן צו זײַן פֿרײַנד:

— איר גאָמען איז ראָזע, אָדער ראָזאַליאַ ספּיוואַק.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך ניסל שוואַלב צעלאַכט מיט זײַן ברייטן געלעכטער, וואָס האָט געקאָנט באַדייטן, אַז אָדער ער קען זיך מיט דער ראָזע ספּיוואַק, ווי אַנדערע צוויי, אָדער ס׳איז נישטאָ וועמען צו קענען.

נאָך דעם דאָזיקן געלעכטער איז אַוועק בײַ אים אַ לאַנגע געשיכטע ווידעראַמאָל וועגן פּאַטטין: וויאַזוי ער האָט זיך מיט איר באַקאַנט, און וויאַזוי ס׳איז שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען בײַ אים אַ סקאַנדאַל מיט פּאַטטיס אַן אייניקל...

— מיט פּאַטטיס אַן אייניקל?

— אהאַ! יענע האָט שוין אור־אייניקלעך און אור־אור־אייניקלעך!...

יענעם טאָג האָט ראַפּאַלעסקאָ נישט גערוט. אַ מינוט האָט ער נישט געקאָנט אײַנזיצן אין שטוב. עס האָט אים נאָר געריסן אין דרויסן אַרויס. ער האָט כמעט נישט געהערט, וואָס מע רעדט צו אים.

— וואָס איז מיטן „יאַט“? — האָט האָלצמאַן זיך אָנגעפֿרעגט בײַ זײַן שותּף איזאַק שוואַלב.

— ס׳איז דאָך דײַן „יאַט“, וואָס פֿרעגסטו מיך?

האָלצמאַן האָט אים אָפּגעלאָזט און איז אַוועקגעגאַנגען צו דער מאַמען.

— וואָס איז מיטן „יאַט“?

שרה־ברכה האָט זיך געקליבן אין קיך אַרײַן צושטעלן אָנבײַסן, האָט זי אים אָפּגעהאַקט:

— לאָז מיך צורו מיטן „יאַט“. איך באַדאַרף גיין אין „קיטשען“ אָפּפּליקן צוויי „טשיקענס“ און צושטעלן „דינער“, און ער „באַדערט“ מיך מיטן „יאַט“!

(נאָטאַ בענע: די אַלטע שרה־ברכה, ווי זי האָט נישט פּיינט געהאַט דאָס וויסטע פינצטערע לאָנדאָן, האָט זי דאָך געגאַשט אַ ביסל ענגליש).

האַלצמאַן האָט אַ שפּײ געגעבן: „דו רעדסט שוין אויך אויפן לשון פון דער ענגלישער מלכה?" — און האָט אָנגעכאַפּט די שוועסטער:

— וואָס איז מיטן „יאָט"? — האָט ער אַ פרעג געגעבן בײַ דער שוועסטער.

זלאַטקע איז געוואָרן אַזוי טויט, אַז האַלצמאַן האָט שוין פאַרגעסן אינעם „יאָט" און זיך דערשראָקן פאַר דער שוועסטער. „וואָס איז זי עפּעס אַזוי בלייך געוואָרן?"... ער האָט צוגעשלאָסן די טיר, אָנגענומען די שוועסטער פאַר אַ האַנט, אַרײַנגעקוקט איר טיף אין די אויגן אַרײַן:

— זלאַטקע, וואָס איז מיט דיר?

— גאָרנישט, — האָט אים די אָרעמע זלאַטקע געענטפערט, צוגעפאַלן מיטן פּנים צום טיש און צעוויינט זיך, ווי אַ קליין קינד, מיט שטילע, נאָר וואַרעמע־וואַרעמע טרערן.

קאַפּיטל דרײַצן

די נײַע קאָמפּאַניע

דער פאָרשטייער פון דער פירמע „העטשקינס בראָס, לימיטער" אין לאָנדאָן, וואָס איז אײַנגעגאַנגען אויפן אַגענט ניסל שוואַלבס קאָמבינאַציע מיטן יידישן פּאַוויליאָן־טעאַטער, האָט געהאַלטן וואָרט, ווי אַן עכטער ענגלענדער. ער האָט אונטערגעפירט די לעצטע שורה, אויסגערעכנט, וויפל פונט שטערלינג ער האָט דערלייגט צו די „ביזנעס" און מכבד געווען דעם אַגענט מיט אַ קאַלטן און שלעפעריקן „אָלל־רייט". ער האָט אַפילו נישט באַערט איס, ווי אַלעמאָל, מיט צוויי קאַלטע פינגער, נאָר אויסגעדרייט זיך צו איס מחילה מיטן הינטן, אַרײַנגעכאַפּט זיך אין זיין אויטאָמאָביל — און אַוועק.

עס קאָן זיין, אַז אין אַן אַנדער צייט וואָלט אפשר ניסל שוואַלב געהאַט דערפון יסורים און גענומען זיך צ״ם הארצן. איצטיקס מאָל אָבער האָט ער דעם אַפילו קיין איבעריקע מינוט נישט אָוועקגעשענקט. ער איז צופיל געווען באַשעפטיקט מיט זיין נײַער קאָמבינאַציע, ער זאָל זיך נעמען צום הארצן, וואָס אַ קאַלטער ענגלענדער האָט זיך פאַרעקשנט, פאַרזייט אויף יידיש טעאַטער עטלעכע הונדערט פונט שטערלינג, און ווייטער נישט אַ טריט! ניין, אַ גוי איז נישט קיין ייד. אַ ייד, אַז ער וואָלט אַרײַנקריכן, וואָלט ער שוין געקראָכן ווייטער: „ממה־נפשך — אָדער טויט, אָדער רויט"... ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט, אַז אַן ענגלענדער פאַרשטייט אַ געשעפט? ער הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין. איר מיינט אפשר, אַז ניסל שוואַלב האָט דאָס איס נישט געזאָגט אין די אויגן? געזאָגט, ווי איר זעט איס אַ שווימענ־

דיקן! „מיסטער העטשקינס! — האָט ער אים געזאָגט. — איך זאָל האָבן די ברכות, וואָס ביי מיר אין מיין לינקן שטיוול געפינט זיך מער שכל, ווי ביי אייך אונטערן קאפעליוש“... מיט די ווערטער, כא־כא, ער זאָל אזוי האָבן אלעמענס גוטס...

אזוי האָט זיך ניסל שוואָלב באַרימט פאר זיינע פריינד און גענומען פּלאַנעווען זיין נייע קאָמבינאציע, וואָס ער האָט צוגעטראכט, און פאנטאזירן אין דער הויך, וויאזוי ער קומט צו פאָרן קיין אמעריקע מיט א קאָמפּאַניע, וואָס באשטייט פון כל מאמינים שהוא: די בעסטע ארטיסטן (דאָס מיינט ער ראפאלעסקאָ), די בעסטע זינגערינס (דאָס מיינט ער זיין שוועסטער, די פּרימאדאָנע), די בעסטע מוזיקער (דאָס מיינט ער דעם לאָמזשער חזן מיטן געזינדל). און ווו איז ער, טאקע ניסל שוואלב אליין? איר מיינט אפשר, אז ער האָט שוין גאָר קיין שייכות צו יידיש טעאטער? אָהאָ! נאָך אַ מין שייכות! א סברה, אז ניסל שוואלב איז אמאָל, נישט היינט געדאכט, געווען טאקע אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאטער אן „אָשער“. און ניסל שוואלב גיט צו פארשטיין, וואָס הייסט אן „אָשער“:

— ביי אייך הייסט דאָס א „בילעטער“, ביי אונדז הייסט עס אן „אָשער“. זיין ארבעט, פארשטייט איר מיך, איז מער אויסגווייניק, ווי אינעווייניק. מע קאָן זיך אָבער אָן אים נישט באגיין. דער „בילעטער“, אָדער דער „אָשער“, געפינט זיך ביים סאמע ארייננאנג פון טעאטער, נעמט אָפּ די בילעטן, ווייזט אָן אויף די זיצפּלעצער, גיט אכטונג אויף דער אָרדענונג — מיט איינעם וואָרט, אויפן „אָשער“ שטייט, אייגנטלעך, דאָס גאנצע טעאטער, אזוי ווי, למשל, אויפן פּאָליסמען שטייט גאַנץ לאָנדאָן. פּרוווט, נעמט צו פון לאָנדאָן דעם פּאָליסמען — איז א גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע...

אזוי זאָגט ניסל שוואלב אליין מיט א משל און האקט ווייטער:

— און איך בין, דארפט איר וויסן, געווען איין „אָשער“ — צווישן „אָשערס“, איין „אָשער“, איין מענטש אליין אויפן גאנצן פּאוויליאָן־טעאטער, ווי איר זעט מיך א שווימענדיקן! אָהאָ! ביי מיר האָט מען זיך מיט מאַראַנצן־שאָלעכץ פון די לאָזשעס נישט געוואָרפן, און זויגעדיקע עופהלעך אין פארטער האָבן ביי מיר נישט געוויינט. אבי נאָר עפּעס וואָס — איז אָנגענומען פארן קאָלנער, איינס, צוויי, דריי, און מארש אין דרויסן ארויס! איינמאָל האָט זיך געטראָפן אזא מין סקאנדאל...

און ניסל שוואלב פארקאטשעט די ארבל און דערציילט מיט היץ, מיט פייער, ווי זיין שטייגער איז, וואָס פאר א סקאנדאל מיט אים האָט זיך געטראָפן. די מעשה וואָלט געווען זייער א שיינע מעשה. איז אָבער דער חסרון, וואָס דאָרט איז געווען זייער ווינציק אמת. דאָס האָט ניסל שוואלב נאָר וואָס אויסגעטראכט פון אָנהייב ביזן סוף, פארפאסט הייסט עס, און בעת־מעשה צוגעשווירן, „ער זאָל אזוי האָבן אלעמענס גוטס, אנישט — זאָלט איר זיך דערוועגן מיטן דאָזיקן טיש!“...

באלד נאָכן „סקאַנדאַל“ גייט גיסל שוואַלב אַריבער ווייטער צו זיינע גאָלדענע פּלאַנען אינעם גאָלדענעם לאַנד און מאָלט די גליקן אין אַמעריקע מיט די סאַמע ליכטיקסטע פאַרבן. זייער לעבן דאָרטן שטעלט זיך אים פאָר ווי א מין גן־עדן. א קליניקייט, א קאָמפּאַניע פון כל מאמינים שהוא! (ער רעכנט אויס אויף די פינגער נאָכאַמאָל דאָס גאַנצע צעטל).

— וואָס איז ווערט א טעאַטער, זאָגט שוין איר אַליין, וואָס פאַרמאָגט אַן אייגענעם אָרקעסטער, אייגענע אַרטיסטן, אייגענע מוזיקער, אייגענע „אָשערס“, — אַלצדינג, אַלצדינג אייגנס! וויפל מע פאַרדינט, טיילט מען זיך אויף גלייך. נישטאָ אייגענעם מער, דעם אַנדערן ווינציקער — א מין קאָמונע. וואָס? נישט אַזוי?

מחמת דער דאָזיקער שמועס איז פאָרגעקומען אונטן, אין קעלער, ביי דער מוזיקאַלישער משפחה, האָט זיך דער ערשטער אַרויסגעשטעלט דער לאָמזשער חזן, אַז ער איז גרייט אונטערצוחתמענען די רגע מיט ביידע הענט א קאָנטראַקט אויף וויפל יאָר מע וויל, אפילו אויף אייביק. „אין קאָנטראַקט, — האָט ער גע־זאָגט, — מעג שטיין בפירוש געשריבן, אַז זיינע קינדער זענען מחויב צו שפּילן ווען מע וויל און ווו מע וויל און וויפל מע וויל, און מיט די פאַרדינסטן, וויפל ס'וועט זיין, זאָל מען זיך טיילן חלק כחלק“...

דאָ איז אָבער אַרויסגעטראָטן איזאַק שוואַלב מיט א פּראָטעסט. ער האָט געטענהט, — און דאָס רויטע פּנים האָט אים בעת מעשה שטאַרק געשוויצט — אַז דער פּלאַן איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. ווי קאָן מען פאַרגלייכן, למשל, ראַפּאַ־לעסקאָן, אָדער די שוועסטער די פּרימאַדאָנע צו אַבי וועמען?... עס דאַרף זיין אויף אַלצדינג א מאָס און א גרענעץ...

איז אַרויסגעשפּרונגען דער ברודער גיסל און האָט אָוועקגעגעבן דעם ברודער איזאַק א רעכטע פּאַרציע:

— דו ביסט אַן אומגליקלעכער שקלאַף! א קנעכט ביסטו! דו ביסט, ווי איך זע, אינגאַנצן פאַרשקלאַפט געוואָרן פון די שיינע אַנטרעפּרעניאָרן. דו ביסט געוווינט געוואָרן, פאַרשטייסטו מיך, צו עקספּלאָאַטאַטאָרעס, ווי געצל בן געצל, בערנאַרד האָלצמאַן און נאָך אַזעלכע. איך בין אָבער נישט געצל בן געצל און נישט בערנאַרד האָלצמאַן, וואָס זאָל פאָרן רייטנדיק אויף יענעמס פּלייצעס. איך האָב אין זיך קודם־כל יושר, גערעכטלעכקייט און מענטשלעכקייט. ביי מיר איז רעכט, ווי איר וועט מיך דאָ א שווימענדיקן, איך זאָל אַוועקאַרבעטן אין אַמעריקע א יאָר און צוויי יאָר און דריי און פיר און פינף און זעקס גאָר אינגאַנצן פון יענעמס וועגן, איך זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס!...

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויסגעפירט האָט גיסל שוואַלב. די אידעע פון קאָמונע איז אָנגענומען געוואָרן מיט א גרויסער מערהייט, און אָט אַזוי האָט זיך געגרינדעט א נייע קאָמפּאַניע פון קונסט, מוזיק און טעאַטער.

קאַפּיטל פערצן

דער קאַפּיטאַליסט

איצט איז געבליבן נאָר איין זאך: ווו נעמט מען געלט אויף אריבערצופּעקלען די נייע קאָמפּאַניע קיין אמעריקע? די דאָזיקע פראגע איז אָבער אויפגעלעזט געוואָרן א סך לייכטער און א סך גיכער, ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלן.

דער לעזער, וואָס איז שוין א ביסל באקאנט מיט אונדזער געניאלן קאָמבי־נאַטאָר ניסל שוואלב, ווייסט, אז אין געלט איז ביי אים קיינמאָל קיין מניעה. דער עיקר, אבי א רעכטע קאָמבינאציע — „געלט, זאָגט ער, איז די לעצטע דאגה. ער איז קיינמאָל, זאָגט ער, נישט געגאנגען זוכן געלט. געלט, זאָגט ער, זוכט אים". אויך איצטיקס מאָל איז אים געלט אקעגנגעקומען אויף א גאנץ ווונדערלעכן אופן.

דאָס איז געווען אין „קאפע־נאַציאָנאַל", ביי אונדזער גוטן באקאנטן מיסטער קלאַמער.

מיסטער קלאַמער איז, ווי באוווסט, איטלעכן באזונדער א גוטער פריינד און גלאַט אַ מענטשנפריינד, ווי ער אליין זאָגט אויף זיך. נאָר מיט ניסל שוואלב איז ביי זיי א לאנגאָנענדיקע גוטפריינדשאפט. מע קאָן זאָגן, אן אלטע ליבע. ביי ניסל שוואלב איז פאר מיסטער קלאמער נישטאָ קיין סוד. אלע זיינע קאָמבינאציעס פארטרויט שוואלב פריער פון אלעמען זיין פריינד קלאמער, און נאָכדעם שוין דער גאנצער וועלט.

ביי א גלאָז ביר האָט אים ניסל שוואלב איבערגעגעבן זיין גלענצנדיקן פּלאַן וועגן דער נייער קאָמפּאַניע פון כל מאמינים שהוא, וואָס איז גרייט אָפּצופאָרן קיין אמעריקע אפילו מאָרגנדיקן טאָג, בלתי איין זאך האַלט אים נאָך אָפּ — ער האָט נאָך נישט אויף שיפסקארטן, אויף רייזע־קאָסטן און אויף אנדערע הוצאות. א קלייניקייט — קיין עין־הרע א היפּשע כאליאסטרע!

די גאנצע צייט, וואָס ניסל שוואלב האָט גערעדט, איז מיסטער קלאמער גע־זעסן מיט צוגעמאכטע אויגן און געגלעט זיך זיין באָרד, וואָס מאכט אים אזוי ענלעך מיטן דאָקטאָר טעאָדאָר הערצל. דערנאָך, אז יענער האָט געענדיקט, האָט זיך מיסטער קלאמער אָנגערופן צו אים גאנץ געלאסן:

— אָל־רייט. זאָגט זשע מיר, מיסטער שוואלב, האָט איר עפּעס נאָך וואָס צו זאָגן, צי ס'איז שוין אלץ? אויב דאָס איז אלץ, וויל איך אייך שטעלן נאָר איין פראגע: ווען איך גיב אייך, למשל, א קאפּיטאליסט, וועט איר איינגיין דערויף, איר זאָלט זיך טיילן מיט אים אויף דער העלפט מיט אלע פארדינסטן?

בטבע איז ניסל שוואלב אזא מענטש, וואָס האָט פיינט א סך צו טראכטן. ער גייט מיט דעם גאנג, אז מע כאפּט א האָז אין וואלד, זאָל מען זיך נישט

אָפּשטעלן קלערן פון וואָסער זייט אים צו שיסן. פיף=פּאַף — און א סוף. פונדעסטוועגן האָט ער, פון יוצא וועגן, זיך דיפּלאָמאַטיש א רייב געגעבן דעם שטערן, ווי אַ מענטש, וואָס פינאַנסירט א געשעפט. נאָך א צוויי=דריי= סעקונדן באקלערן זיך האָט ער פּעסט ארויסגעזאָגט:

— מיטן גרעסטן פארגעניגן, מיט אַלע כבודן און מיטן בעסטן דאנק.

— אָלל=רייט. גיט זשע מיר אייער יד, און לאָז זיין מיט מזל און מיט ברכה. אייער קאַפּיטאַליסט — דאָס בין ער.

דערביי האָט מיסטער קלאמער א ווייז געגעבן מיט דער האנט אויף זיך און באַערט זיין פריינד מיט אזא זיס=ליבלעך=גרויסארטיק שמייכעלע און צו גלייכער צייט מיט אזויפיל זעלבסטרעספּעקט, אז ווען, למשל, דער לאָרד ראָטשילד אליין זאָל זיין אויף זיין אָרט, וואָלט ער זיסער, ליבלעכער און גרויסארטיקער נישט געקאָנט זיין.

ניסל שוואלב איז געבליבן זיצן אזוי ווייט איבערראשט, אז ער האָט פארגעסן אויסציען די האנט און צושלאָגן דאָס תקיעת=כף. ער קען מיסטער קלאמערן נישט דאָס ערשטע יאָר און ווייסט, אז ער איז א ציוניסט, און א טעריטאָריאליסט, און א קהלס=מאן, און א קאָכלעפל, און א גוטער ברודער, און א בעל אכסניה, און א בעל=עצה, און וואָס איר ווילט. נאָר אז מיסטער קלאמער איז א קאפּיטאליסט — דאָס איז פאר אים אן אומדערוואַרטעטע, כמעט אומגלייבלעכע נייעס. מיסטער קלאמער, פון זיין זייט, האָט, ווייזט אויס, פארשטאנען שוואלבס געדאנקען, האָט ער מיטן זעלבן גרויסארטיקן שמייכעלע אים א זאָג געגעבן:

— עס זאָל אייך נישט איבערראשן, וואָס עך גיי איין אויף אזא געשעפט, ווי זאָגט מען: א בלינדער אתרוג. עך בין אָבער אויך נישט אזוי גרין, ווי איר מיינט. עך גיי נישט מיט מיין גאנצן קאפּיטאל. עך לאָז איבער מיין געשעפט פאר מיין מיסעס. עס האָט זיך מיר שוין לאנג צוגעגעסן פארקויפן לאָקשן. איטלעכער באדארף וויסן זיין פּלאַץ, צו וואָס ער איז פּעיק, ווי זאָגט דער איינגלשמען: „עוורי וואָן אין איטס פּליים“... מיסטער שוואלב, גיט נאָר אהער אייער יד, כל=זמן עך האָב נישט קיין חרטה. ביי מיר איז א פּרינציפּ: מאד איך עפּעס, זאָל זיין געמאַכט, אָדער ווי זאָגט דער איינגלשמען: „איף יו וואָנט טו דו אַטהינג“...

יענעם אויפדערנאַכט איז ביים לאָמזשער חזן אין קעלער געווען אזא שמחה, אַז די שכנים, וואָס זענען שוין געוווינט געוואָרן צו דער שטענדיקער מוזיק און צום שטענדיקן ליארעם מיטן געפּילדער פון דער דאָזיקער מוזיקאַלישער משפּחה, האָבן זיך צונויפגעלאָפן אין דרויסן און אראָפּגעקוקט אַראָפּ אין קעלער אריין דורך די נישט פארהאָנגענע פענצטער און געזען ביים לאָמזשער חזן א מאסע געסט זיצן און טרינקען, און עפּעס איינער א הויכער, א גראָבער שטייט מיט אַ גלאָז אין דער האנט און „ספּיטשט“. נאָכדעם האָט זיך דאָס געזינדל געגעבן

אַ נעם צו די כּלים, און דער הויכער דער גראָבער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם „דזשע־קעט“ און האָט זיך געלאָזט אַ טענצל מיט אַזאַ היץ און מיט אַזאַ פייער, ווי עס קאָן טאַנצן נאָר אַ גליקלעכער פאָטער ביי זיין יינגסטער טאָכטער די מיזינקע אויף דער חתונה.

קאַפּיטל פופצן

דער הונט איז ווערט דעם שטעקן

די ידיעה, אַז דאָס פּאַווילִיאָן־טעאַטער ווערט געשלאָסן, האָט געטראָפן אונדזער האַלצמאַנען ווי מיט אַ פּיסטויל אין האַרצן, און ער איז אָנגעפאַלן אויף זיין שותּף, איזאַק שוואַלב, למאַי ער האָט אים אַריינגעפירט אין אַ בלאָטע, געלאָזט שטיין נישט אַהין, נישט אַהער. ער האָט אַריינגעזעצט אין אים אַזויפיל קללות, וויפל עס האָט נאָר געקאָנט אין אים אַריין.

איזאַק שוואַלב האָט אָבער אַ גוטע טבע, אַ גאָלדענעם כאַראַקטער: אַז מע זידלט אים, שווייגט ער. איר מעגט אים זאָגן, וואָס אין דער קאָרט, וועט ער אייך נישט איבערקערן די צונג. ער קוקט אייך, ווי אַ זינדיקער מענטש, אין די אויגן אַריין און שוויצט. איצטיקס מאָל אָבער האָט ער שוין נישט געקאָנט אָפּשווייגן. מע האָט אים אָנגערירט דעם האָנאָר פון זיין ברודער ניסל: האַלצמאַן האָט אים אָנגערופן מיט אַ מיאוסן נאָמען — און פאַרן ברודער ניסל וועט ער אייך גיין ביזן בלוט.

אַ צעקאָכטער פון די נישט געראָטענע געשעפטן אין לאָנדאָן, אַ צערייצטער פון דער טומלדיקער כמאַרנער שטאָט מיט אירע טומאַנען און „פאָגעס“, מיט אירע גרויע פינצטערע קאַלטע מויערן, מיט אירע גרויע קאַלטע מענטשן און, איבערהויפּט, אַ צעבייזערטער פונעם אַלטן הוסט, וואָס האָט אים דאָ, אין לאָנדאָן, דערגאַנגען מער ווי אומעטום, האָט אונדזער אָרעמער דירעקטאָר נישט אויפגע־הערט צו זעגן און צו פּיילן זיין שותּף. ער האָט זיך געקילט דאָס האַרץ כאָטש מיט קללות:

— איינגעזונקען וואָלט געמעגט ווערן אָט דאָס לאָנדאָן מיט אייך אינאיינעם, איידער איך בין אַהער געקומען! בעסער וואָלט איך צעבראָכן אַ פוס, אָדער דו ביידע פיס מיטן האַלדז און נאַקן! קאַרג געווען איין שותּף, באַדאַרף איך נאָך האָבן אויף זיך צוויי.

— וואָס וואַרפסטו מיר אויס אַלעמאָל צוויי שותּפים? — פרעגט אים שוואַלב.

— וואָס דען? — וויבאַלד אַז דאָס טעאַטער איז אויס טעאַטער, איז אונדזער שותּפות אויס שותּפות. וואָס דאַרף איך אויף זיך אַזעלכע צוויי עסערס, ווי דו מיט דיין אחי?

— טאַקע באמת? איז אינו מיט די קנישעס! — זאָגט שוואלב און שטייט אויף. — מיר פאָרן במילא אוועק קיין אמעריקע.

— קיין אמעריקע פאָרסטו? — האָלצמאַן טוט אים א קוק אריין אין די אויגן אריין. — געזונטערהייט! אפילו אין דער ערד אריין.

שוואלב לאָזט זיך גיין און בלייבט שטיין. ער דרייט אוים דאָס רויטע פּנים צו זיין שותף:

— די שוועסטער פאָרט אָבער אויך מיט אונדז...

האָלצמאַן טוט א פלעסקע מיט די הענט, כאפּט זיך כלומרשט ביי דער באק און מאכט א קרום פּנים.

— אוי=וואַ! האָט צעריים איך מיר דעם סטאַן און זעץ מיך אַוועק אין מיטן ווייטשעפּל וויינען אויף דיינע יאָר און טעג.

שוין פון דער טיר ענטפערט אים שוואלב:

— זאָלסטו טאקע וויסן, אז דו וועסט, אם=ירצה=השם ,וויינען אויףביידע אויגן. וואָרעם מיט אונדז פאָרט נאָך עמעצער...

דאָ ווערט האָלצמאַן שוין אלערליי פארבן. די שפּיציקע אויגן שפּריצן מיט פייער:

— נישט דערלעבן וועט דאָס דיין ברודער, דער „שור=הבר“!...

דאכט זיך, וואָס פאר א באליידיקונג שטעקט אינעם וואָרט „שור=הבר“? רופט אים דען נישט האָלצמאַן אלע טאָג מיטן נאָמען „ווילדשטיר“, אָדער „וואסער=אָקס“? מיט וואָס איז „ווילדשטיר“ אָדער „וואסער=אָקס“ שענער פון „שור=הבר“? — גייט זשע רעדט מיט אזא נפש, ווי איזאק שוואלב. דערהערט דאָס וואָרט „שור=הבר“, האָט זיך אין אים אָנגעצונדן א פייער. דאָס שטענדיק=רויטע פּנים איז אים אזש געוואָרן גרין. מלא רציחה, איז ער צוגעאנגען צו זיין שותף גאַנץ נאָענט און א זאָג געגעבן אים שטיל, נאָר שארף:

— הער נאָר, דו, כאליערע וואָס דו ביסט! לאָזט ארוים נאָכאַמאָל אויף מיין ברודער דאָס דאָזיקע וואָרט, זאָג איך דיר צו, אז דו גייסט ארוים פון מיינע הענט א מת!

— אַ מת?

— אַ טויטער! א בר=מינן!

האָלצמאַן האָט זיך, אפּנים, ווינציק וואָס איבערגעשראָקן פאר זיין שותף שוואלב. ער האָט זיך צעלאכט און פארהוסט בעת=מעשה:

— איך? איך פון דיינע הענט א בר=מינן? כא=כא! פכע=כע=כע! בהמה!... איידער דו וועסט דיך געבן איין ריר מיט דיין בערישן גוף, בין איך דיר מבטיח, אז איך צעפּאטש דיר דיינע רויטע פּיסקעס און מאך פון זיי א פּרעזשעניצע!

עס איז קיין ספק נישט, אז א גרויסער חלק פון דעם, וואָס די צוויי האָבן זיך איינס דאָס אנדערע מבטיח געווען, וואָלט געווים אויסגעפילט געוואָרן, מחמת זיי זענען, אייגנטלעך, ביידע דערויף געווען רעכט באגלייבט. איז אָבער אויסגעוואקסן די אַלטע שרה־ברכה מיט אירע דאַרע, נאָר ברייטביינעריקע פּלייצעס צווישן זיי ביידע און האָט געמאכט א פּשרה: דעם זון האָט זי צוגענומען, דעם שותף האָט זי ארויסגעוואָרפן און די טיר צוגעשלאָסן.

פאר אונדזער האָלצמאַנען האָט זיך דעמלט געעפנט דער אמתער גיהנום. טיף אין הארצן זענען אים אריינגעקראָכן דעם שותפס ווערטער: „זאָלסטו טאקע ווייסן, אז דו וועסט, אם־ירצה־השם, ווייגען אויף ביידע אויגן, וואָרעם מיט אונדז פאָרט נאָך עמעצער"... ריינע ווערטער. קלאָרע דיבורים. באדארף מען נאָך האָבן אַ פּירוש צו זיי?

איצט איז אים שוין קלאָר, וואָס דער „יאט" גייט ארום ווי אויף א פרעמדער וועלט... די ברידער שוואלב האָבן אים אראָפּגעפירט פונעם רעכטן וועג. די שוועסטער האָט אים דעם קאָפּ פארדרייט. ס'איז קלאָר ווי דער טאָג. עס קאָן זיין, אז דער „יאט" איז אפשר אליין נישט גערן. ער קאָן זיך דעריבער קיין אָרט נישט געפינען. מע זעט דאָס דען נישט? אָ! מע זעט דאָס זייער גוט.

— האָצמאַך, פאַרברענט זאָלסטו ווערן! ווו זענען געווען דיינע אויגן?

אזוי זאָגט האָלצמאַן צו זיך אליין און זשאלעוועט זיך נישט קיין קללות. קללות אליין זענען איז נאָך ווייניק. ער זאָל קאָנען זיך אויספּאטשן, אָדער עמעצער אנדערש זאָל אים וועלן דורכברעכן די ביינער.

— האָצמאַך, ביסט דאָס ווערט! — זאָגט ווייטער צו זיך האָלצמאַן, ארומ־שפּאַנענדיק איבערן צימער הין און צוריק, ווי א צערייצטע חיה, און פייערנדיק מיט די שפּיציקע אויגן. — א מצווה אויף דיר, האָצמאַך! דער הונט איז ווערט דעם שטעקן!

פאר הארצווייטיק און פאר כעס אויף זיך אליין טוט ער א שליידער מיטן פוס א בענקל, וואָס שטייט זיך אומשולדיק ביי דער וואנט. אויפן קלאַפּ קומט צו לויפן פון קיך די מאַמע שרה־ברכה, נישט טויט, נישט לעבעדיק:

— וואָס איז שוין ווייטער? וואָס האָט דאָס געגעבן אזא קלאַפּ, אז איך האָב דערהערט אזש אין „קיטשען"?

שרה־ברכה איז נישט אריינגעקומען אליין. אין די הענט האָט זי געהאלטן אַ „טשיקען". שוין כמעט אן אָפּגעפליקט עוף. דאָס עוף האָט פארוואָרפן דאָס בלייכע טויטע קעפּל מיטן איבערגעקוילעטן האלדז אהינטער און געקוקט מיט די בלייכע פארצויגענע פארגליווערטע אייגלעך, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן האָלצמאַ־נען, גלייך אויף אים. אלע אויף אים! אלע אויף אים!

עם נעמט אים אָן אזא כעס, אז ער פילט — אָט ווערט אים דאָס הארץ צע־ריסן אויף צווייען. און ער פאלט אָן אויף דער אלטער מיט אָפענע קולאקעס און צעשרייט זיך נישט מיט זיין קול:

— אין „קיטשען“ אריין! אין „קיטשען“! אין „קיטשען“!

די אלטע שרה־ברכה שטייט א ווײַלע, טוט א שפיי אוים און לאָזט זיך מיטן כמעט אָפגעפליקטן עוף צוריק אין קיך אריין.

— אַ מצווה אויף דיר! — זאָגט נאָכאַמאָל צו זיך האָלצמאַן. — דער הונט איז ווערט דעם שטעקן!

קאַפּיטל זעכצן

א נאָענטע קאַטאַסטראָפע

אז עס רוקט זיך אָן אויף אים אַ כמאַרע אין דער דאָזיקער פארשאָלטענער שטאָט פון אייביקע טומאנען און „פאָגעס“ — דאָס האָט האָלצמאַן שוין פון לאַנג פאָרויסגעפילט, נאָך באַלד ווי ער איז אהער אָנגעקומען. ער האָט נאָר נישט געוווסט, פון וואָסער א זייט די קאטאסטראָפע וועט קומען. אים איז באלד נישט געפעלן די צו נאָענטע מחותנשאפט פון אָט דעם „שור־הבר“ (ניסל שוואלב) צום „יאָט“ (ראפאלעסקאָ). וואָס האָט ער אָבער געקאָנט מאַכן? צו אויסגעוואקסן און צו ערנסט איז געוואָרן דער „יאָט“ — ס'איז אים גאָרנישט צו דערקענען. ווער וואָלט זיך דאָס ריכטן, אשטייגער, אז אָט דאָס נאַיווע שעפעלע, וואָס, דאכט זיך, ערשט נישט לאַנג האָט עס קיין צוויי נישט געקאָנט ציילן, נישט געוווסט קיין צורת מטבע, ווי מע זאָגט, וועט ווערן מיטאמאָל א גאנצער יש, מיט אַן אמביציע, מיט אַן ערנסטער שטעלונג, מיט אַן אייגענעם גאנג און מיט נייע השגות און שטרע־בונגען צו בילדונג, צו קענטעניש, צו לערנען שפּראך און נאָך אזעלכע זאכן?...

און ווער איז שולדיק, אז נישט ער אליין, טאקע האָלצמאַן? דער רוח האָט אים געטראָגן, ער זאָל אַריבערשלעפּן צו זיך דעמלט, אין לעמבעריג, ביים די־רעקטאָר געציל בן געצל, איניינעם מיט דער פּרימאַדאָנע, אויך די צוויי שלימזלען: ברײַנדעלע קאָזאַק און דעם סופלער, בעני גאָרגל, אָדער ווי מע רופט אים אונטער די אקטיאָרן: „א מענטש מיט בילדונג“. מילא, ברײַנדעלע קאָזאַק, וויבאלד האָלצ־מאַן האָט נאָר אָנגעשמעקט, אז זי איז עפּעס קוצעניו־מוצעניו מיטן „יאָט“, האָט מיט אים עפּעס געשעפּטן מיט סודות, אזוי האָט ער איר געגעבן דעם וועג און פּטור געוואָרן פון א שלימזל.

נישט אזוי איז דאָס אָבער געווען מיטן צווייטן שלימזל, מיטן סופלער. „דער מענטש מיט בילדונג“, וואָס איז געווען האָלצמאַנס אײַנציקער בעל־סוד, האָט

אים אָנגעמאַכט נאָך א גרעסערן חורבן, ווי ער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן. „דער מענטש מיט בילדונג“ האָט איבערגעגעבן דעם „יאַט“ אינגאַנצן זיין בילדונג, אינגאַנצן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, — און דאָס האָט אים געקוילעט, געקוילעט אָן א מעסער. וואָס פאַר א פּנים האָט ער, האָלצמאַן, דער דירעקטאָר, אַצינד ביי זיין „יאַט“ אין די אויגן, אז יענער קאָן שוין גאָר שפּראַך, לייענט שוין גאָר ביכער, דעקלאַמירט שעקספּירן אויף אויסנווייניק גאַנצע שטיקער און חלומט שוין גאָר פון א פרייער וועלט, זאָגט ער, מיט נייע הימלען? גיי טרעף, וואָס פאַר אַ וועלט? וואָס פאַר א הימלען? עפּעס רעדט ער מיט אים טערקיש לשון!.. פון „זעלבסטשטענדיקייט“ שמועסט ער מיט אים, און פון א נייעם רעפאָרמירטן טעאַטער מיט א נייעם „רעפּערטואַר“, נייע פּיעסן, אַלצדינג גיי און ניי און גיי! גו, און מיטן אַלטן וואָס זאָל מען טאָן? ארויסוואַרפן פאַר די הינט? און ווער וועט דאָס שאַפן, אָט דאָס נייע?... מאָדנע דיבורים! און דאָס האָט ער אַלץ געגאַשט ביי אָט דעם „מענטשן מיט בילדונג“ — א כאָליערע זאָל אויף אים קומען היינטיקן טאָג, רבונו של עולם, מיטן שור־הבר איניינעם!

אזוי לאָזט אויס האָלצמאַן מיט א ברכה און פאַרטראַכט זיך א ווײַלע, און זיינע טרויעריקע גרוי־טונקעלע מחשבות כאַפּן אים אויף און טראָגן אים אריבער פונעם „יאַט“ אויף דער שוועסטער, אויף זלאַטקען...

די שוועסטער! די שוועסטער! פון איר האָט האָלצמאַן צרות אויפן פּוד. זלאַטקע, נעבעך, זעט ער, צאַנקט שטילערהייט, גייט אויס, ווי א ליכט — און ווער איז שולדיק, אַז ניט ער, טאַקע ווידער ער אליין? ווער האָט זי אויסגעשריבן אַהער מיט דער אַלטער מאַמען, אז נישט ער? ווער האָט זי אָפּגעריסן פון דער היים, פון איר ארבעט, געמאַכט זי פאַר אן אקטריסע, זי זאָל זיין גע־ונד, און געגעבן איר האָפענונגען, פאַלשע, פאַלשע האָפענונגען?... אומזיסט געווען זיין מי, ארויסגעוואָרפן די גאַנצע ארבעט — געזען, אז זיי זאָלן זיין נאָענט... זי און דער „יאַט“.... געמיינט, אז ס'איז א שידוך, צום סוף... וואָס וועט זיין מיט זיין שוועסטערל, טאָמער טאַקע הייבט זיך אויף דער „יאַט“ אין א שיינעם פרימאָרגן און פאָרט אַוועק, ווי שוואַלב זאָגט, קיין אמעריקע?...

האָלצמאַן פּייניקט זיך, טראַכט איבער דאָס ערגסטע, וואָס עס קאָן נאָר זיין... באַלד אָבער פאַרכאַפּט ער זיך: „עט! נאַרישקייטן! ווי איז דאָס מעגלעך?... ווי קאָן עס זיין, אז ראַפאַלעסקאָ זאָל זיי אַוועקוואַרפן און פאָרן אליין אָן אים אַזש קיין אמעריקע? נאַרישקייטן! צו א גוט הארץ, צו א ווייכער כאַראַקטער און צו אן ערלעכע נשמה, ער זאָל אַזעלכעס טאָן... אז פאָרן, וועלן זיי שוין פאָרן א ל ע א י נ י י נ ע ם. ווי דען?“...

אזוי טרייסט זיך האָלצמאַן, און באַלד ווערן זיינע מחשבות צוריק פאַרוואָלקנט: „דער הוסט, א כאָליערע זאָל אויף אים קומען מיטן שור־הבר איניינעם!“...

יאָ. האָלצמאַנס קראַנקהייט האָט זיך דאָ, אין דעם וויסטן לאָנדאָן, די לעצטע צייט אזוי פארשטאַרקט, אז גאָט וויים, ווען ער וועט קאָנען פאָרן אזא ווייטע נסיעה. די דאָקטוירים הייסן אים נאָר פאָרן צוריק, אויב ס'איז מעגלעך, אין דער שווייץ, זאָגן זיי, אין איטאַליע... ריינע לופט, זאָגן זיי, א ווארעמע זון — כאַ־כאַ־כאַ, אָט נאַראָנים! שוטים! אידיאָטן! אמתע אידיאָטן!... צו וואָס נוצט האָלצמאַנען ריינע לופט און א ווארעמע זון, איך בעט אייך זייער, אָן א טעאַטער און אָן א בינע, כאַ־כאַ־כאַ?...

פאר גרויסע צרות, אפנים, צעלאכט זיך עם האָלצמאַן אזוי געשמאַק און פארהוסט זיך דערביי אזוי שטאַרק, אז די אלטע שרה־ברכה קומט ווידעראַמאָל צו לויפן מיט פארקאַטשעטע ארבל פון קיך. איצטיקס מאָל — שוין אָן א „טשי־קען", נאָר מיט א גרויסן פּאָלאָמניק אין די הענט: „שוין ווידעראַמאָל דער גוטער הוסט?"...

פון שרה־ברכהן שמעקט ציבעלע מיט פעפער, און דאָס שטיקט האָלצמאַנען נאָך מער אויף צו הוסטן. נאָר ער שטאַרקט זיך מיט אלע כוחות. ער האלט איין אין זיך דעם הוסט און צעבייזערט זיך אויף דער מאמען, הייסט איר גיין אין „קיטשען" אריין, צוריק צו די ציבעלעס, מאכט זיך, ווי ער לאכט, פארקרימט מאָדנע דאָס מויל, שפּייט אין טיכל אריין און פארשטופּט עס וויים אין קעשענע — די אלטע זאָל נישט זען, אז ער שפּייט מיט רויטן... בלאָטע! נישט שרה־ברכהן נאַרט מען. א מאמע האָט אן אויג. זי זעט גאַנץ גוט איר אומגליק. און זי פאר־ברעכט מיט די הענט: „א ווייטיק איז איר, א שלאַק האָט זי געטראָפן! א מכה זאָל זיין דער מאמען!" — און מיט געוואַלט לייגט זי אריין דעם קראַנקן זון אין בעט אריין און שיקט אוועק זלאַטקען אויף גיך, זי זאָל ברענגען דעם דאָקטאָר.

אַ דערשראָקענע, נאָך מער פארזאָרגט און געל בלאס ווי תמיד, און, ראכט זיך, מיט פארוויינטע אונטערגעשוואָלענע אויגן, כאַפּט זלאַטקע אויף זיך דאָס בורנוסל און לאָזט זיך לויפן צום דאָקטאָר.

גייענדיק איבער די טומלדיקע רווישנדיקע גאסן פון לאָנדאָן, טראכט זיך זלאַטקע ביי זיך אין הארצן: „דאכט זיך, אזא גיהנום. אזויפיל פערד, טראמווייען, אויטאָמאָבילן לויפן אויף און אָפּ — עמיצער זאָל זיך אויף איר דערבארעמען, זי וועלן איבערפאָרן! איבערפאָרן אויף טויט!"...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף די האָלצמאַנס האָט זיך אָנגערוקט א כמארע. א שוואַרצער, א גדיכטער וואָלקן הענגט אויף זייערע קעפּ. א נאָענטע, אן אומפארמיידלעכע קאטאסטראָפע.

קאַפּיטל זיבעצן

גליקלעכע שיפּספּאַסאַזשירן

ווי א ריזיקע חיה האָט אויסגעזען פונדערווייטנס די גרויסע ווייסע שיף „אַטלאַנטיק“ אויפן ים. מיט א מאָדנער עקשנות האָט זיך דאָס דאָזיקע באַשעפעניש געטראָגן אויפן וואסער, זיך געשלאָגן מיט אלע כּוחות, זיך געראַנגלט מיטן ווינט, דורכגעשניטן די בייזע וועלן פונעם אטלאַנטישן מעער און געשווומען אלץ ווייטער און ווייטער אויפן וועג פון סוטהעמפּטאָן קיין ניו-יאָרק.

די פאַרטומלטע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען די ערשטע צייט געווען העכסט אַנטציקט פון דער דאָזיקער גרויסאַרטיקער נסיעה און וואָס האָבן פריער זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּרייסן פון דער שיינקייט, פון דער געטלעכער נאַטור און גאָר נישט געקאָנט אָפּלויבן זיך פון גאָטס וווּנדער, וואָס מע זעט זיך אָן אויפן ים, האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן פילן ווי א טשאַד אין קאָפּ און האָבן אויפגעהערט צו קוקן אין דער טיפער, ברייטער, הויכער אומענדלעכקייט אריין, וואָס באַשטייט פון הימל און וואסער, וואסער און הימל — אָן אַן אָנהייב און אָן א סוף.

אייניציקווייז האָט זיך דער עולם אָנגעהויבן אָפּטראָגן יעדער צו זיך, אין זיין רו אריין, יעדער צו זיך, אין זיין קאבין, און אוועקגעלייגט זיך מיט א שווערן, ווי מיט בליי אָנגעגאָסענעם מוח, יעדער ביי זיך, אויף זיין בעטל, איבערגעבליבן אליין יעדער מיט זיינע אייגענע אומעטיקע מחשבות און געדאנקען.

ווינציק, זייער ווינציק זענען געווען אזעלכע, וואָס האָבן זיך נאָך געשטאַרקט, אַרומגעשפּאַצירט נאָך אַלץ הין און צוריק איבערן אויבערדעק, אָדער צונויפגעקליבן זיך אין אַ געזעלשאַפט, געטרונקען ביר פון גרויסן קופּל און גערייכערט גראָבע ציגארן, גערעדט און געלאכט הויך אויף א קול און דערציילט מעשיות, אנעקדאָטן, נעכטיקע טעג, אויפן הימל א יאריד — גלייך ווי גאָר נישט זיי מיינט מען.

צווישן די געציילטע גליקלעכע פּאַסאַזשירן איז געווען א פּאָר פון אונדזערע באַקאַנטע פריינד: מיסטער קלאַמער פון לאָנדאָן מיט זיין טעאַטער-הערצל-באָרד און זיין שותּף ניסל שוואלב, דער געוועזענער אַגענט, הייַנט באַלעבאָס, מענעדזשער, אַנטרעפּרענער, רעזשיסער און קאַסירער פון דער נייער טעאַטער-טרופּע: „קלאַמער, שוואלב עט קאָמפּ“.

יאָ, פריינד לעזער, אויס „האָלצמאַן, שוואלב עט קאָמפּ.“ מע האָט ארויסגעוואָרפן דעם נאָמען האָלצמאַן און אויף זיין אָרט אוועקגעשטעלט דעם נאָמען קלאַמער, א זאַך, וואָס האָט נישט אָנגערירט קיינעם, אויסער האָלצמאַנען. און עס דאַרף אונדז נישט אָנהייבן צו וווּנדערן: די וועלט באַשטייט פון אַן ארמיע, וואָס

גייט אויף מלחמה. א גאנצע ארמיע וועט זיך נישט אָפּשטעלן צוליב דעם, וואָס טאָמער פאלט א סאָלדאט אין מיטן וועג. דער געפאלענער האָט א ברירה: וועט אים גאָט געבן כוח, וועט ער אויפשטיין, אנישט — וועט מען אויף אים קיין כבוד נישט לייגן. מע וועט שפאנען איבער אים מיט די שטיוול און מיט די קאָלאָשן און מע וועט אים טרעטן און צעטרעטן, אזוי אז קיין האָן אפילו וועט נישט קרייען. אמת, ס'איז געגוג טרויעריק. נאָר ווער איז אים שולדיק, האָלצמאַנען, וואָס האָט פארלאָזט דעם הוסט אזוי ווייט, אז די דאָקטוירים לאָזן אים איצט פון בעט נישט אראָפּ, מעסטן אים די טעמפּעראטור, ציילן אים דעם פּולס און הייסן נישט רעדן? — נישט רעדן?! א שיינע מעשה, נאָר א קורצע! אז נישט רעדן — הייגט וואָס איז דער חילוק פון א מענטשן ביז א בהמה? ניין, עס וועט נישט העלפן קיין חכמות. מיר וועלן מוזן זיך געזעגענען מיט אונדזער האָלצמאַנען אויף א צייט, אים ווינטשן א רפואה שלמה און גיין מיט אונדזער נייער קאָמפּאניע, וואָס פאָרט מיטן שיף פון לאָנדאָן אהין, אין יענעם לאַנד, וואָס ציט צו זיך די אויגן פון דער גאַנצער וועלט, זינט קאָלומבוס האָט עס אנטדעקט ביז צו הייגטיקן טאָג, שוין העכער פיר הונדערט יאָר.

דאָס אויבן דערמאָנטע פּאָרל, מיסטער קלאמער און ניסל שוואלב, זענען זיך געזעסן, ווי די טייבעלעך, אינצווייען ביי איין טישל, געטרונקען ביר, גערייכערט ציגארן און גערעדט און גערעדט. דאָס מויל האָט זיך זיי נישט צוגע־מאַכט. פון וואָס האָט מען דאָס געשמועסט? פון גאָרנישט. אפנים, דיביידע האָבן זיך אונטערגעגעבן, ווער וועמען עס וועט אריבעררעדן און ווער וועמען עס וועט איבערשטייגן אין „בלאָף“.

מיסטער קלאמער האָט דערציילט אלטע מעשיות פון זיין „קאפע־נאַציאָנאַל“, פון די רוסישע שנאָרערס און פון די לאָנדאָנער „טשארעטיעס“, ווו ער, קלאמער, איז פון תמיד און אייביק אן ערנמיטגליד, און גלאט מעשהלעך פון דער וועלט, אַנעקדאָטן, צוגעפעפערט מיט א משל און מיט א וויץ, „ווי זאָגט דער איינגלשמען“.

ביי ניסל שוואלב זענען אָבער די אלע מעשיות מיט די אנעקדאָטן גאָר קיין נייעס נישט. אדרבא. אויף יעדן אנעקדאָט, וואָס מיסטער קלאמער דערציילט אים, זאָגט שוואלב, אז ער ווייסט דאָס שוין פון לאנג. און נישט נאָר ער ווייסט עס — ער איז אליין אפילו דערביי געווען. א סימן — ס'איז דעמלט שיר נישט ארויס דערפון א סקאנדאל. אָט וועט איר הערן...

און ניסל שוואלב דערציילט, וואָס פאר א סקאנדאל, מיט היץ, געוויינלעך, און מיט פייער, און לאָזן לאָזט ער אוים מיט א שבועה: „ווי איר זעט אים א שווימענדיקן, און ער זאָל אזוי האָבן אלעמענס גוטס“.. און די כוואליעס פונעם ים, וואָס האָבן זיך געיאָגט ווי ווילדע חיות פון ביידע זייטן שיף, קלאַפּן צו צום טאַקט, רייסן זיך אלעמאָל העכער און העכער, ווילן אריבערשמייסן אריבערן דעק,

פאַרפלייצן, איבערקערן, איינשלינגען די שיף מיט אַלץ, וואָס אויפן שיף. נאָר אונדזער פּאָרל מאַכט זיך נישט דערפון. זיי טוען זיך זייערס: זיי טרינקען ביר, רייכערן ציגאַרן און רעדן, רעדן, רעדן, אָן אַ שיעור.

גליקלעכע שיפספּאַסאַזשירן!

קאַפּיטל אַכצן

צווישן הימל און וואַסער

נאָך איין פּאַרשוין איז געבליבן זיצן אויפן אויבערדעק פונעם שיף „אַטלאַנטיק". ער האָט אָבער נישט געטרונקען קיין ביר, נישט גערייכערט קיין ציגאַר, נאָר גלאַט אַזוי געזעסן, אָדער — ריכטיקער — געלעגן באַזונדער, איינער אַליין, אויף אַ טשער (שיפסשטול) איינגעהילט אין אַ וואַרעמען פּלעד און איבערגעדעקט מיט אַ רויטער בייענער קאָלדרע. דאָס איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער פּאַסאַזשיר מיט זייער אַ סימפּאַטיש אויסגעבלייכט פּנים. די מוראַדיקע וועלן, וואָס האָבן זיך, ווי ווילדע צערייצטע חיות, געיאָגט פון ביידע זייטן שיף, זענען געוואָרן וואָס ווייטער ווילדער, בייזער און צערייצטער.

עס האָט זיך אויסגעוויזן אַלעמאָל, אַז אויב נישט די כוואַליע — וועט די צווייטע, וואָס טראָגט זיך אָט־אָט פונדערווייטן, געווים בייקומען, אַריבערשמייסן, פּאַרפלייצן, איבערקערן, איינשלינגען די שיף מיט אַלץ, וואָס אויפן שיף געפינט זיך.

נאָכן בלייכקייט פונעם פּנים איז צו דערקענען, אַז אָט דער יונגער פּאַסאַזשיר איז שוין לאַנג אַ פאַרטשאַדעטער. מיט האַלב־אָפענע אויגן ליגט ער אויסגעצויגן, דעם פאַרטשאַדעטן קאָפּ האַלט ער אונטער מיט ביידע הענט און קוקט זיך איין אינעם נאָענטן הימל, וואָס איז ווי צונויפגעגאָסן איניינעם מיטן ים אַזוי, אַז ס'איז שווער צו דערקענען, ווו איז הימל און ווו איז וואַסער. דאַכט זיך, לויטער איז דער הימל. דאַכט זיך, עס לייכט אַזוי די זון. קיין וואָלקן און קיין ווינט. וואָס זשע שטורעמט אַזוי דער ים? וואָס בייזערט זיך אַזוי דער אַלטער? וואָס וואַרפט דאָס אַזוי מיטן שיף אַהער און אַהין, אַרויף און אַראָפּ? צי אפשר ווייזט זיך עס אים נאָר אויס אַזוי? פאַרוואָס זשע קאָן ער דעם קאָפּ נישט אויפהייבן? נישט רירן מיט קיין פינגער? פאַרוואָס פילט ער זיך אַלעמאָל ערגער און ערגער אויף צו חלשן? אויף צו חלשן? — ניין. אויף צו שטאַרבן, שטאַרבן, שטאַרבן!

און ער שטרענגט אָן זיין פאַרטשאַדעטן קאָפּ, ער וויל זיך דערמאָנען — דעם וויפלטן טאָג איז מען שוין אָט אַזוי צווישן הימל און וואַסער — און ער קאָן נישט. ער קאָן זיך נישט דערמאָנען אפילו, פון וואַנען און וווהין ער פאָרט. נאָכמער. ער האָט שוין פאַרגעסן אפילו. וויאַזוי מע רופט אים. אַז מע רופט אים ראַפאַ=

לעסקאָ — דאָס ווייסט ער. נאָר דעם אמתן נאָמען זיינעם — כאָטש נעמט אים אראָפּ דעם קאָפּ. אוי, דער קאָפּ! דער קאָפּ!

— פילסט זיך נישט גוט? אפשר וועסטו גיין זיך צולייגן ביי זיך אין קאבין אריין? קום.

אזוי זאָגט צו אים ניסל שוואלב און בייגט זיך אָן איבער אים און קוקט אים מיט געטריישאפט אין די אויגן אריין. נאָר ראפאלעסקאָ קוקט אויף אים מיט אַזעלכע אויגן, גלייך ווי ער האָט אים נישט דערקענט: ווער רעדט דאָס? ווער שטייט דאָס איבער אים? ער וויל זיך אויפזעצן — קאָן ער נישט. ער שטרענגט אָן אלע כוחות פון זיין זכרון: רבונו־של־עולם! וואָס טוט זיך עס מיט אים? ווו איז ער דאָס ערגעץ אויף דער וועלט? פארוואָס קאָן ער זיך נישט דערמאנען דעם אייגענעם נאָמען זיינעם? מיט דעם נאָמען האָבן דאָך אים גערופן אמאָל די חברים אין חדר, ברידער און שוועסטער אין דער היים, און די טאטע־מאמע... טאטע־מאמע? ווו זענען זיי אצינד?...

— אַ גלעזעלע קאָניאק. פאָלג מיך, נעם אויף די ליפּן, וועט דיר ווערן גרינגער.

ראפאלעסקאָ הייבט נישט אָן צו פארשטיין, ווער שטייט דאָס איבער אים? ווער קוקט דאָס אים אין די אויגן אריין? דאכט זיך א קענטלעכער פּארשוין. קענטלעכע אויגן... ווער זשע איז דער פּארשוין?... פארוואָס איז אים אזוי שווער דער קאָפּ? ווער קרעכצט עס אזוי? — דאָס קרעכצט די שיף. ווער פייפט עס אזוי? — דאָס פייפט דער ווינט. און עס יאָגן זיך די וועלן אייגס איבער דאָס אַנדערע. אָט הייבן זיי זיך אויף העכער הייזער, אָט ווערן זיי צעשאָטן אזוי ווי זאמד אויף קליינע שפּריצלעך. פּלוצים קנאַלט אוים א דונער און א בליץ פליט אים דורך פארביי די אויגן. חלומות! דער דונער איז קיין דונער. דאָס רעדט אזוי דער ים. דאָס רוישן אזוי די כוואליעס, וואָס הייבן זיך אויף און ווערן צעפאלן. דער בליץ איז קיין בליץ. דאָס איז אן אָפּשיין פון דער זון, וואָס האָט געלאָזט אָפּטוכלען זיך א ליכטיקן שטראַל אין די צעפּלעסקעטע וואסערן פונעם צעלאָזטן, צעבייזערטן ים.

— פאָלג זשע מיך, זויג אוים א שטיקל לימענע, וועסטו דערפילן דאָס הארץ....

אהא! ער ווייסט שוין, ווער דאָס איז. דאָס איז האָלצמאַן? בערנארד האָלצ־מאַן? פארוואָס זשע איז אים דאָס פּנים אזוי רויט און פעט און פריש? אין איין האַנט האלט ער א פלעשעלע קאָניאק, אין דער אנדערער א לימענע, און בעט זיך ביי ראפאלעסקאָן, ער זאָל עפּעס נעמען:

— פאָלג זשע מיך, א שטיקל לימענע אין מויל אריין. אָדער גיב אהער אַ האַנט, שפּאר דיך אָן אין מיר, וועל איך דיך אָפּפירן אראָפּ, צו דיר אין קאבין... עה! מיסטער קלאמער!

אזוי רופט אוים ניסל שוואלב און דרייט אוים דעם קאָפּ צו זיין קאָמפּאַניאָן.

— ווער? וואָס? א נעכטיקער טאָג! מיסטער קלאמער איז שוין דאָרט, ווו ניסלס ברודער איזאק. ווו די שוועסטער הענריעטא, און ווו דער לאָזשער חזן מיט זיין

מוזיקאַליש געזינדל. אַלע ליגן זיי, יעדער ביי זיך, אויף זיין בעטל, און קרעכצן, און פּאַכען מיט דער נשמה, און זעען דעם מלאך־המות פּאַר די אויגן. און נאָר ער איינער, ניסל שוואַלב, האַלט זיך אויף די פיס. ניסל שוואַלב איז דער איינציקער פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע, פון דער גייער נע־ונדנער טרופּע, וואָס פּאַרט קיין אַמעריקע, — דער איינציקער לעבעדיקער מענטש, וואָס איז פריש און מונטער.

און עס ברומט דער ים. און עס רוישן זיינע וועלן. און עס שניידט זיך אויף אַ בורע מיט אַ רעגן מיט אַ שניי. און דער ווינט שמייסט אין פּנים אריין און צע־טרייבט דעם איבערגעבליבענעם עולם פונעם אויבערדעק, אויסער די סטיוּאַרטן מיט די מאַטראָסן, וואָס זענען שוין געוווינט געוואָרן צו אַזעלכע זאַכן, און אויסער דעם קאַפּיטאַן, וואָס האָט אריינגעשטעקט אַ ליולקעלע אין מויל אריין און קוקט מיט אַ טרוקן שמייכל אויפן צעבייזערטן ים, ווי אויף אַ פאַרשייטן קונדס. און עס טראָגט זיך דאָס ווייסע ריזיקע באַשעפעניש, וואָס מע רופט דאָס אַ שיף און וואָס הייסט מיטן נאָמען „אַטלאַנטיק“, מיט אַ מאָדנער עקשנות אַלץ ווייטער און ווייטער, אין דער טיפער, ברייטער, הויכער אומענדלעכקייט אריין, וואָס באַשטייט פון הימל און וואַסער, וואַסער און הימל — אָן אַ אָנהייב און אָן אַ סוף.

קאַפּיטל ניינצן

אַ פרויען־האַנט

ער האָט אָנגעהויבן עטוואָס אויפוואַכן פון דער הינערפּלעט, און דער טשאַד האָט אים אָנגעהויבן ביסלעכווייז ארויס פון קאָפּ. האָט ער מער דערפילט ווי דער־זען, אַז ער געפינט זיך אַן אויסגעטאָנענער אויף אַ בעטל, ביי זיך אין שיפסקאַבין, און עמעצנס האַנט האָט ער דערפילט ביי זיך אויפן שטערן, אַן איידעלע, אַ וואַ־רעמע פרויען־האַנט. נאָר וועמענס האַנט דאָס איז, ווער איז די פרוי — דאָס האָט ער נישט געוווּסט.

אַז ער איז אויפן וואַכער — דאָס האָט ער געפילט נאָכן שאַרפן ריח פונעם בייזן ים און נאָכן רוישן פון די וועלן, וואָס, שפּילנדיק זיך ווי די ווילדע חיות אויף דער שיין פון דער ליכטיקער זון, האָבן נאָך אַלץ געבושעוועט, געוואָרפן די שיף העכער הייזער, אָנגעקלאַפּט ראַפּאַלעסקאָן אין פענצטערל אריין — ער זאָל אויפשטיין, ארויסגיין אויפן אויבערדעק, אָנקוקן גאָטס וווּנדער: „גענוג שוין, גענוג שוין צו ליגן“. אַזוי, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, רעדן צו אים די וועלן פונעם ים, און ער נעמט צונויף זיין איבעריק ביסל כוח פון זיין זכרון, זיין גאַנץ ביסל געדאַנ־קען און ער טראַכט: „ווי קומט ער אַהער? דאַכט זיך, גאָר נישט לאַנג איז ער געווען אויפן אויבערדעק, געזעסן אין אַ טשער אַזוי באַקוועם, באַוווּנדערט די

געטלעכע נאטור, זיך געוואָרעמט אויף דער לאַשטשענדיקער זון, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם שוים פון די שפּילנדיקע כוואַליעס, וואָס יאָגן זיך פון ביידע זייטן שיף, און געקוקט אין דער טיפער ברייטער הויכער אומענדלעכקייט אריין, וואָס באַשטייט פון הימל און וואסער, וואסער און הימל — אָן אן אָנהייב און אָן אַ סוף... און ער וויל זיך אויפזעצן — האָט ער מורא, ער זאָל ווידער נישט פאלן צוריק. איינגאנצן עפענען די אויגן — האָט ער מורא, עס זאָל זיך אים ווידער נישט פארדרייען אין קאָפּ די שיף מיטן ים מיטן הימל מיט דער גאנצער וועלט, ווי ביז אהער. און ער לאָזט ארויס א שווערן זיפץ: „אוי, דער קאָפּ! דער קאָפּ!“

— גאָר אַלץ דער קאָפּ?... — הערט ער א קול פון א פרוי, א קענטלעך קול, נאָר ער ווייסט נישט, ווער דאָס איז. און ער פילט אויף זיך א האנט, אן איידעלע, אַ וואַרעמע פרויען־האנט גלעט אים דעם שטערן, פארשארט אים די צעוואָרפענע האָר ארויף — ווער זאָל דאָס זיין?... וועמעס האנט?.. און ער דערמאנט זיך, אז מיט אַ צייט פריער — ער געדענקט נישט ווען — האָט ער פונקט אזוי ווי איצט אויך געפילט א פרויען־האנט, וואָס האָט אים פונקט אזוי ווי איצט געגלעט דעם שטערן און געשארט אים די האָר ארויף.

האָלצמאַנס שוועסטערל איז דאָס דעמלט געווען. זלאטקע...

דאָס איז געשען איינמאָל אין א פארנאכט. ראפאלעסקאָ איז געלעגן ביי זיך אין צימער אויף א קאנאפּע און געחלומט אין דער וואָר זיינע זיסע גאָלדענע חלומות. יענע זיסע גאָלדענע חלומות, אין וועלכע דעם סאמע אויבנאָן פארנעמט ביי אים שטענדיק דעם חזנס טאָכטער — רייזל.

קיינער איז דעמלט נישט געווען אין שטוב, — געדענקט ער — נאָר ער און זלאטקע. עס איז אים קיינמאָל נישט געווען אזוי ביטער אויפן הארצן, ווי יענעם פארנאכט. א מאָדנע בענקשאפט — געדענקט ער — האָט זיך ארייַנגעגנבעט צו אים דעמלט אין דער נשמה און געדריקט אים און געפּרעסט און געצויגן, ווי מיט צוואַנגען. עס האָט זיך אים געגלוסט וויינען.

אויב ער האָט געוויינט — דאָס געדענקט ער נישט. ער געדענקט נאָר, אז זלאַטקע איז אויסגעוואקסן נעבן אים — דאכט זיך, ער אליין האָט זי צוגערופן — און געזעסן נעבן אים און געגלעט אים דעם שטערן, אָט אזוי ווי מע גלעט אים איצט, אין דער מינוט, און געשארט אים די צעוואָרפענע האָר ארויף, אָט אזוי, ווי מע שארט אים איצט, אין דער מינוט. און א מאָדנע וואַרעמקייט האָט זיך אים דעמלט צעגאָסן אין אלע גלידער. ער האָט געפילט — אזוי געדענקט ער — א וואַ־רעמע האנט פון א געטרייער שוועסטער, און ער איז איר געווען דאנקבאר אָן אן עק און אָן א שיעור. ער האָט זי ארומגעאָרעמט — געדענקט ער — מיט זיין האַנט, צוגעצויגן זי צו זיך, באהאלטן זיין קאָפּ ביי איר אויפן שויס, געוויינט, לאַנג געוויינט, אויסגעוויינט פאר איר זיין ביטער הארץ, אריינגעפירט זי צו זיך אין זיין קדשי־קדשים אריין, אנטפלעקט פאר איר זיין הייליקן־הייליקן סוד. ער האָט

איר דערציילט, אז ס'איז פאראן איינע אזעלכע אויף דער וועלט, וואָס ער האָט זי ליב מיט זיין גאנצן לעבן, וואָס ער איז גרייט פאר איר אין פייער און אין וואסער, וואָס ער קאָן נישט פארגעסן נישט אין חלום, נישט אויף דער וואָר... „וויאזוי הייסט זי? און ווו איז זי? — האָט אים זלאטקע דעמלט שטיל א פרעג געגעבן, און דאָס קול — געדענקט ער — האָט ביי איר געציטערט, און אליין האָט זי בעת=מעשה געציטערט. וויאזוי זי הייסט — האָט ער איר נישט געוואָלט זאָגן. נאָר ווו זי איז? — עה=הע! ער זאָל דאָס וויסן, ווו זי איז! ער זאָל דאָס וויסן, וואָלט ער שוין לאַנג נישט געווען אָט אָ דאָ מיט דער וואנדער=טרופע. ער וואָלט שוין אפשר לאנג נישט געווען מער געזונד, ווי ער איז, ער וואָלט שוין אוועקגעפליגן אהין, צו איר, אלצדינג אוועקגעוואָרפן און אוועקגעפאָרן צו איר, וואָרעם זיי האָבן זיך דאָס וואָרט געגעבן שוין לאנג, נאָך קינדווייז, „אז ווו זיי זאָלן נישט זיין און וואָס מיט זיי זאָל זיך נישט טרעפן, זאָלן זיי תמיד זיין איינייגעם, תמיד און אייביק!“...

ניין. ער ווייסט נישט, ווו זי איז. ער ווייסט נאָר, אז זי איז בארימט, אז זי איז גרויס, אז זי איז רייך, איר זינגען שמט אויף דער וועלט. „דעם נאָמען פאטטי האָסטו געהערט? איז זי גרעסער פון פאטטין“. — „נאָך גרעסער פון פאטטין?“ — „גאָר נישט דער ערד!“

אזוי געדענקט ער — האָט ער דעמלט געליבט זיין רייזלען פאר זלאטקען, אָפגעליבט אין טאָג אריין, נישט געזשאלעוועט קיין העלע פארבן. א מין מלאך, אַ מלאך פון גאָט!... און ער האָט זיך מחיה געווען, — געדענקט ער — וואָס ער האָט געפונען פאר וועמען אָפצוליבן, זיך בארימען מיט זיין געליבטער. וואָרעם ווער נאָך וועט אים וועלן אזוי אויסהערן, ווי די דאָזיקע זלאטקע? ער זעט דען נישט, אז איטלעכס וואָרט זיינס איז ביי איר הייליק, תורת=משה? ער פילט דען נישט, ווי עס קלאַפט איר דאָס הערצל? ער פילט דען נישט, ווי זי פלאטערט אין זיינע הענט, ווי א פייגעלע?...

וואָס די אָרעמע זלאטקע האָט בעת=מעשה איבערגעלעבט — ווייסט נישט ראפאלעסקאָ. וואָס גייט עס אים אָן? אבי ער האָט אויסגעגאָסן פאר איר זיין הארץ. אבי ער האָט אנטפלעקט פאר איר זיין סוד. געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה.

אויפגעדעקט דעמלט פאר זלאַטקען זיין הייליקן סוד, האָט ער איר שוין אין איינוועגס פארטרויט אויך דאָס, וואָס ער רעכנט צו טאָן אויף וויטער. ער האָט איר איבערגעגעבן אלע זיינע פארבאָרגענע פלענער, וויאזוי ער וועט זיך מיט זיין בארימטער אמאָל באגעגענען און סוף=כל=סוף צונויפקומען און שוין קיינמאָל זיך נישט צעשיידן. קיינמאָל נישט. קיינמאָל נישט! און בעת=מעשה האָט ער ארומגענומען זלאַטקען — געדענקט ער — מיט ביידע הענט, שטאַרק=שטאַרק צוגעדריקט צום הארצן און גענומען ביי איר דאָס וואָרט, אז ער וועט זיך צונויפגיין מיט זיין רייזלען (ער האָט זיך שוין ארויסגעבאפט מיטן נאָמען אויך — פאר=

פאלן!), וועט ער נעמען צו זיך אויך זי, זלאַטקען הייסט עס, וואָרעם ער פילט, אז זלאַטקע איז אים געטריי און איבערגעגעבן, ווי א שוועסטער, ווי אן אייגענע שוועסטער.

— איאָ, ביסט מיר געטריי ווי א שוועסטער? — זאָגט ער צו איר און נעמט זי ארום ווארעם, א סך ווארעמער, ווי א ברודער נעמט ארום א שוועסטער... נאָר זלאַטקע שווייגט. ראַפאַלעסקאָ פארשטייט נישט, פארוואָס שווייגט זלאַטקע? נעמט ער זי ארום נאָך שטאַרקער און פרעגט זי, פארוואָס זי ענטפערט אים נישט? שוין זשע האָט ער א טעות? שוין זשע האָט זי אים נישט ליב?

— נישט ליב?!... — און זלאַטקע טוט זיך א וואָרף צו אים, כאַפּט אים ארום און קושט אים און האלדזט אים, און טרערן גיסן זיך, גיסן זיך פון אירע אויגן.

— וואָס זשע וויינסטו, נאַרעלע? וואָס זשע וויינסטו? וואָס זשע וויינסטו?...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פון דעמלט אָן — געדענקט ראַפאַלעסקאָ — פלעגט ער וועלן אָפּט בלייבן אליין מיט זלאַטקען, א ביסל רעדן מיט איר וועגן רייזלען. און דאָס איז אים געווען גאָר נישט אזוי שווער. וואָרעם האָלצמאַן — אזוי האָט אים אויסגעוויזן — האָט אָנגעווענדעט אלע מיטלען, אז זיי זאָלן בלייבן וואָס אָפטער אינצווייען מיט זלאַטקען. אזוי האָט זיך אים אויסגעדאכט. און אפשר האָט ער א טעות? ניין. ער האָט נישט קיין טעות. וואָרעם וואָס דען פלעגט עפּעס האָלצמאַן פּלוצים אַוועק־גיין, איבערלאָזן אים אליין מיט דער שוועסטער, זיך אומקערן צוריק, געבן א קוק, אויב זיי זיצן אינאיינעם, און באלד ווידער אוועקגיין?... אך, האָלצמאַן, האָלצמאַן! ווי שווער ס'איז אים געווען דאָס געזעגענען זיך מיט האָלצמאַנען, ווי שווער!...

— שוין צייט אויפצושטיין, טייערער! מע זעט שוין ארום לאנד... מיר זענען שוין באלד אין אמעריקע, טייערער, שיינער, טייערער!...

אַ קענטלעכע שטימע. א פרויען־שטימע... ווער רעדט דאָס איבער אים?... ווער רופט דאָס אים „שיינער“, „טייערער“?... ער האָט נאָך אָבער אלץ מורא אויפצוכאַפּן זיך — ער זאָל צוריק נישט פאַלן. ער האָט נאָך אלץ מורא עפענען די אויגן — עס זאָל זיך אים ווידער נישט פארדרייען אין קאָפּ די שיף, מיטן ים, מיטן הימל, מיט דער גאַנצער וועלט, ווי ביז אַהער. און ער זינקט אין זיינע שווערע בלייענע געדאנקען. און ער לעבט איבער נאָכאמאָל די שווערע מינוטן פון זיין געזעגענען זיך מיט האָלצמאַנען. און ער שלאָגט זיך על־חטא.

קאַפּיטל צוואַנציק

זיי געזונט, בערנאַרד

דאָס איז געווען א פרימאָרגן, א קאַלטער וואָלקנדיקער פרימאָרגן פון רעגן און פון קעלט און פון „פּאַגע", ווי עס גיט זיך אוים א פרימאָרגן אין דעם קאַלטן פאַרוויכערטן פּאַרוויינטן לאָנדאָן.

די זאַכן זענען שוין געווען ביי ראַפאַלעסקאָן איינגעפּאַקט, און אליין איז ער שוין אויך געווען פאַרטיק צו דער נסיעה, פאַרטיק ארום און ארום: אָפּגעגעסן, אָנגעטאָן, פאַררייכערט א האַוואַנעציגאַר, באַשטעלט א קעב און אריינגעלאָפן נאָר אויף אַ ווײַלע — זיך געזעגענען מיט האָלצמאַנען.

— זיי געזונט, בערנאַרד!

— פאָר געזונט, — האָט אים האָלצמאַן געענטפערט מיט די אויגן, דען דאָס רעדן איז אים פאַרבאָטן, שטרענג פאַרבאָטן. אך, וואָלט האָלצמאַן געמעגט רעדן, וואָלט האָלצמאַן אים כאָטש עפּעס קאָנען זאָגן, עפּעס אזעלכעס א שאַרפס — אויסבייזערן זיך, אויסזידלען גוט, ווי אים קומט, אויסשעלטן זיך, ווי ער קאָן — וואָלט ראַפאַלעסקאָן, דאַכט זיך, געווען א סך גרינגער אויפן הארצן. נייִן, האָלצמאַן האָט נאָר אוועקגעשטעלט אויף אים זיינע שאַרפע שפּיציקע אויגן און — אך, וויפל טרויער, וויפל אומענדלעכער טרויער איז געווען אינעם דאָזיקן קוק! האָלצמאַן האָט אים נאָר אויסגעצויגן א דאַרע שפּיציקע האַנט, און ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן ראַפאַלעסקאָן, צו א וואַרעמע האַנט.

קיינמאָל האָט זיך ראַפאַלעסקאָן נישט געוואָלט אזוי גיך אוועקגיין פון האָלצמאַנען, ווי אין דער מינוט. און ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט אוועקצוגיין, זיך אויפצוזעצן אויפן קעב — און זיי געזונט... נאָר אָנשטאָט דעם, ער זאָל זיך נעמען צו דער טיר, האָט ער זיך, נאָכן געזעגענען זיך, אוועקגעזעצט צוריק אויף א שטול, נעבן בעטל, וווּ האָלצמאַן איז געלעגן איבערגעדעקט מיט דער באַרימטער טענדע־ווערענדע און געפיבערט, און א שאַרפער ריח פון רפואות האָט זיך געלאָזט הערן, א ריח פון רפואות, פון אַפּטייק, פון בר־מינן...

פון זינט ראַפאַלעסקאָ קען זיך מיט האָלצמאַנען האָט ער אים נאָך אזוי שלעכט נישט געפונען, ווי איצטיקס מאָל. דער טויט איז אים געלעגן אויף די ליפּן, דורכגעלייכט זיך אין די שפּיציקע אויסגעלאָשענע אויגן, זיך אויסגעצויגן אויף זיינע שפּיציקע אָפּגעשטאָרבענע אויערן און געשוועבט איבערן גאַנצן חדר. אין דער מינוט האָט זיך ראַפאַלעסקאָן פאָרגעשטעלט: וויאזוי זיין פריינד האָלצמאַן וועט ליגן אויף דער ערד מיט די פים צו דער טיר, אינגאַנצן איבערגעדעקט מיט דער טענדעווערענדע. דאָס טויטע פּנים וועט מען נישט זען, נאָר די שפּיצן פים וועלן אַרויסשטעקן. און א ליכטל וועט ברענען ביי אים צוקאָפּנס. און פון ביידע

זייטן אויף דער ערד וועלן זיצן איבער אים די מאַמע שׂרה־ברכה מיט דער שוועס־טער זלאַטקע, וועלן אים באַוויינען, ברעכן די הענט און לייענען מיט אַ ניגון אַ גאַנץ צעטל, ווי פון אַ מענה־לשון: „הארציקער זון! טייערער ברודער, געטרייער! אויף וועמען לאָזטו אונדז אי־אי־אי־בער?!...“

ער געדענקט אים, דעם דאָזיקן טרויעריקן ניגון, פון האַלנעשטי — לאָה די חזנטע האָט אַמאָל באַוויינט איר אַלטע מאַמע, וואָס איז געשטאָרבן צו עטלעכע און זיבעציק יאָר. און עס דאַכט זיך אים אויס, אַז ער פילט דאָ דעם טויט, עס שמעקט מיט רפואות, מיט אַפּטייק, מיט בר־מינן — און עס ווילט זיך אים אין דער מינוט נאָר לויפן, לויפן אין דער וועלט אַריין.

נאָר אָנשטאָט דעם, ער זאָל לויפן, בלייבט ער זיצן, בייגט זיך אָן איבער האַלצמאַנען און רעדט צו אים אַזוי וואַרעם, אַזוי פריינדלעך, און טרייסט אים און זאָגט אים צו, אַז ווי נאָר ער קומט קיין אַמעריקע, אַזוי שרייבט ער אים באַלד אַ בריוו, אַלע טאָג וועט ער אים שרייבן בריוו. און וויבאַלד ער, האַלצמאַן, וועט נאָר אויפשטיין פון בעט, — און אויפשטיין וועט ער דאָך גאָר אָין גיכן — אַזוי זאָל ער זיך אויפזעצן מיט דער שוועסטער און מיט דער מאַמען און פאָרן גלייך צו אים קיין ניו־יאָרק, גלייך צו אים...

ראַפאַלעסקאָ קוקט אַראָפּ צו זיך אויף די שפּיץ שטיוול. ער פילט, אַז עס ברענט אויף אים דאָס פּנים, וואָרעם ער זאָגט אַ ליגן, אַ גרויסן ליגן: האַלצמאַן וועט נישט געזונט ווערן קיינמאָל. ער וועט קיין אַמעריקע נישט פאָרן קיינמאָל. און ווען ער וואָלט אַפילו זיין געזונט און קאָנען פאָרן, וואָלט אים די נייע קאָמפּאַניע סיידווי נישט וועלן מיטנעמען, נישט אים, נישט זיין שוועסטער — ס'איז דורכויס ליגן, שקר וכזב! נאָר ראַפאַלעסקאָ האָט אָנגעהויבן לייגן, לייגט ער ווייטער, אין איין אָטעם. „אַוודאי, — זאָגט ער, — וואָלט גלייכער געווען, ווען די שוועסטער זאָל פאָרן באַלד מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע, קאָן זי אָבער נישט. ווי קאָן זי איבערלאָזן דעם ברודער אַליין אין לאָנדאָן?“...

דאָ כאַפּט אים אָן האַלצמאַן ביי אַ האַנט און עס צינדן זיך אים אָן די שפּי־ציקע אויגן און אין האַרצן כריפּעט אים: „אַ יתומה... נעבעך אַ יתומה....“ מער קאָן האַלצמאַן נישט אַרויסרעדן. עס שטיקן אים די טרערן...

— זיי געזונט, בערנאַרד! — זאָגט אים ראַפאַלעסקאָ נאָכאַמאָל, צום לעצטן מאָל, און איז צופרידן, וואָס ער איז שוין אויף יענער זייט טיר און זעט שוין נישט מער פאַר זיך דעם האַלב־טויטן האַלצמאַנען און הערט שוין נישט מער דעם שאַרפן ריח פון רפואות, פון אַפּטייק, פון בר־מינן... ער קוקט זיך אַרום און דאַנקט גאָט, וואָס ער האָט אין דער מינוט כאָטש נישט באַגעגנט נישט זלאַטקען, נישט די אַלטע שׂרה־ברכה. ווו זענען זיי?... זאָל ער זיי אָפּוואַרטן? ניין. ער וועט בעסער גיין פאָרן. עס גלוסט זיך אים לויפן, שפּרינגען, נאָר ער האַלט זיך איין, מאַכט לאַנגזאַמע טריט, זעצט זיך אַרויף פּאַוואָליענקע אויפן הויכן קעב, וועלכער באַפּט

אים אויף און פֿירט אים געשווינד אַפּ צו דער באַן. דאָרט טרעפֿט ער די גאַנצע קאָמפּאַניע: ביידע ברידער שוואַלב מיט דער שוועסטער די פּרימאַדאָנע און דעם לאַמזשער חזן מיטן מוזיקאַלישן געזינדל... „וואָס אַזוי שפּעט? מיר קאָנען נאָך אָנווערן די שיף“...

ערשט דעמלט אָטעמט ער אָפּ אַ ביסל פֿרייער, אַז ער שטייט שוין אויפֿן איבערדעק פֿונעם „אַטלאַנטיק“, און די שיף גייט אָפּ פֿון סויטהעמפּטאָן רואיק, מיט גדלות, מיט זעלבסטרעספּעקט, גרויסאַרטיק-שיין. אויך דאָס וועטער איז דאָ שיין. נישטאָ די קאַלטע וואָלקנס מיט דער געדיכטער „פֿאָגע“ פֿונעם קאַלטן לאָנדאָן. פֿריינדלעך קוקט אַראָפּ די ליבע זון פֿון ריינעם הימל. שטיל און גלאַט, ווי שפּיגל-גלאָז, איז דער ים. און עס גליטשט זיך די שיף איבערן וואַסער, קוים-קוים וואָס רירט אָן די וועלן, וועלכע הייבן ערשט אָן אַרויסצוטרעטן, בייגן זיך און בוקן זיך, לאָזן זיך זעו, גיבן אָפּ אַ גרוס פֿונעם גרויסן ברייטן ים, וואָס באַוועגט זיך און שטייט אויף אַן אָרט פֿון אייביק ביז אייביק. און אַ ליבע וואַרעמקייט צעגיסט זיך ביי ראַפֿאַלעסקאָן אין אַלע גלידער. ער פֿילט זיך פֿריי. ער פֿאָרט אַהין, אַהין, צו זיין געליבטער, צו זיין איינציקער געליבטער... גאָר פּלוצים וואַקסט אויס האַרט נעבן אים העגריעטאַ שוואַלב, אויסגעפּוצט ווי תמיד און אויסגעצירט אין אַלע עכטע און פֿאַלשע בריליאַנטן, ווי תמיד. זי גיט אים איר האַנט, און זיי לאָזן זיך ביידע שפּאַצירן איבערן אויבערדעק. העגריעטאַ האָט זיך אויפֿגעהאָנגען אויף זיין האַנט; זי פֿאַרקוקט אים אין די אויגן און לאַכט מיט איר הילכיקן קאָקעטישן געלעכטער און באַווייזט פֿאַר דער גאַנצער וועלט אירע שיינע פּערלדיקע ציינדלעך. און די גאַנצע וועלט קוקט נאָך מיט אויגן דעם דאָזיקן פּאָרל און וויל טרעפֿן, ווער איז דאָס: שוועסטער און ברודער? חתן-כּלה? אָדער אפֿשר גאָר מאַן און ווייב?...

אָט אַזוי האָט אונדזער העלד געזעגנט זיך מיט זיינע פֿריינד, מיט זיינע בעסטע נאָענטע פֿריינד, מיט האָלצמאַנען, וואָס איז אים געווען געטריי ווי אַ ברודער, און מיט האָלצמאַנס שוועסטערל, וואָס איז אים געווען איבערגעגעבן ווי אַ שוועסטער, מער ווי אַ שוועסטער... „זיי געזונט, בערנאַרד“ — אָט דאָס איז געווען אינגאַנצן, וואָס ראַפֿאַלעסקאָ האָט געהאַט צו זאָגן צו זיין פֿריינד בערנאַרד האָלצמאַן.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

אַ שלימזלדיקער קוש

אויב ראַפֿאַלעסקאָ האָט זיך געהאַלטן מיט האָלצמאַנס שוועסטערל ווי אַ ברודער, האָט ער זיך מיט דער פּרימאַדאָנע שוואַלב אַליין נישט געוווסט, ווי אַזוי צו האַלטן. פֿון תמיד אָן האָט העגריעטאַ ניטאַנצט אַרום אים, געקאָקעטירט,

געשפּילט מיט אים אָפּט אין ברוגזלער. אַליין ביי זיך אין האַרצן האָט זי גאַנץ גוט געוווסט, אַז ער איז צו איר קאַלט ווי אייז, נאָר פאַר דער וועלט האָט זי אַרויס־באַוויזן, אַז ער איז אין איר פאַרליבט סכנות און אַז זי איז זיינע נאָך נישט אַן אָפיציעלע כלה.

פון דעם האָבן געוווסט אַלע. מע האָט שוין אַפילו געהאַט געשמועסט וועגן ברעכן טעלער און וועגן שטעלן אַ חופּה. נאָר וויאַזוי מאַכט מען דאָס? פאַראַן אַ צרה, וואָס הייסט האַלצמאַן. די ברידער שוואַלב האָבן אַרויסגעזען, אַז כל־זמן ראַפּאַלעסקאָ וועט זיין נאָענט מיט זיין פריינד און אימפּרעסאַריאָ, וועט האַלצ־מאַן נישט דערלאָזן, אַז דער „יאַט" זאָל אַריינפּאַלן צו זייער שוועסטער אין די הענט אַריין. האָבן זיי גענומען זוכן מיטלען, וויאַזוי פּטור צו ווערן פון אָט דעם „יאַרעשליוון שלימזל" (האַלצמאַן). און גאָט האָט זיי געהאָלפן, עס איז זיי גע־ראָטן אַרום און אַרום, נאָך מער ווי זיי האָבן געוואָלט. נישט נאָר האָבן זיי באַ־דאַרפט פועלן ביי ראַפּאַלעסקאָן, ער זאָל מיט זיי מיטפאָרן אינעם גאָלדענעם לאַנד; ראַפּאַלעסקאָ אַליין, דערהערט, אַז זיי קלייבן זיך קיין אַמעריקע, האָט ער כמעט אָנגעשלאָגן זיך צו זיי, אַז ער וויל מיט זיי מיטפאָרן. די ברידער שוואַלב זענען געווען אויפן זיבעטן הימל: „דער יאַט איז טאַקע, אַפּנים, רעכט פאַרקנאַקט אין אונדזער דורבאַטש!" — אַזוי האָבן די דאָזיקע ברידער אָפּגעפּסקנט צווישן זיך. שוטים! זיי האָבן נישט געוווסט, וועמען זיי האָבן דערמיט צו פאַרדאַנקען. זיי האָבן נישט געוווסט, אַז די אייגענע ברײנדעלע קאָזאַק, וואָס האָט גערופן קיין ניו־יאָרק זייער שוועסטער די פּרימאַדאָנע, האָט געצויגן אַהין אויך ראַפּאַלעסקאָן דערמיט, וואָס דאָרט געפינט זיך אַציגער זיין געליבטע, דעם חזנס טאָכטער פון האָלענעשטי. און די ברידער שוואַלב האָבן אָפּגעשמועסט, אַז וויבאַלד מע קומט צו פאָרן קיין אַמעריקע, אַזוי שטעלט מען אַוועק „פיר שטעקנס" — און געפּטרט אַן עסק. דערווייל דאַרף עס נאָך זיין בסוד־סודות, קיין פויגל טאָר דערפון נישט וויסן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער סוד איז נישט פאַר אַלעמען. פאַר וועמען עס דאַרף זיין אַ סוד, און פאַר וועמען נישט. למשל, פאַר מיסטער קלאַמער איז ביי ניסל שוואַלב, ווי מיר ווייסן, בכלל נישטאָ קיין סוד. מיסטער קלאַמער איז געווען דער ערשטער, וואָס אים האָט ניסל שוואַלב פאַרטרויעט דעם דאָזיקן גלענצנדן פּלאַן. מיסטער קלאַמער האָט אים אויסגעהערט, ווי זיין שטייגער איז, מיט צוגעמאַכטע אויגן און גלעטנדיק מיט פיר פינגער זיין הערצל־באָרד. און אַז יענער האָט גע־ענדיקט, האָט אים מיסטער קלאַמער געזאָגט, אַז פאַר אים איז דאָס כלל נישט קיין נייעס, ער ווייסט עס פון לאַנג, און אַז ער האָט קענען דעם שידוך גאָרנישט וואָס אויסצוזעצן, בלתי נאָר איין זאַך, אַז מע טאָר נישט פאַרלאָזן אין דער לאַנגער באַנק, איינס־צוויי־דריי, ווי זאָגט דער ענגלישמען: „סלאָוו אָט סטאַרט פאַסט אָט ענד". מע דאַרף זען וואָס גיכער קודם ברעכן טעלער, און טאַקע באַלד, און

טאַקע שוין שטעלן א חופּה, ווערט זיין אַלל־רייט. וואָרעם אָט די חברה פּייפּערס (דאָס מיינט ער אקטיאָרן) זענען א פֿאָלק וואָס פּי־פּו־פּאַ!

מיסטער קלאַמער האָט אַרויסגענומען די פֿיר פֿינגער פֿון זיין הערצל־באָרד און האָט אַ מאַך געטאָן מיט זיי אין דער לופֿטן דריי מאָל הין און צוריק — צו באַווייזן, וואָס די חברה פּייפּערס זענען.

די זעלבע מיינונג פֿון שטעלן אַ חופּה איז געווען אויך זייער דריטער קאָמ־פּאַניאָן, דער לאָמזשער חזן, מיט וועלכן ניסל שוואַלב האָט זיך פֿאַרשלאָסן אונטן אין קעלער באַזונדער אין אַ חדר און בסוד־סודות איבערגעגעבן אים דעם גאַנ־צענעם פּלאַן. און מחמת דאָס דאָזיקע חדר איז געווען די „קיטשען“, וווּ די לאָמ־זשער חזנטע האָט סאַמע געקאָכט „דינער“, איז דאָס שוין פֿאַר דער חזנטע אויך געווען אויס געהיימניש, אויס סוד, און דעם חזנס קינדער, דאָס גאַנצע מוזיקאַ־לישע געזינדל, אַלע האָבן אַרויסגעקוקט, ווען ווערט מען ברעכן טעלער און ווען ווערט מען שטעלן אַ חופּה?

נאָר איין מענטש האָט פֿון דעם אַלעם נישט אָנגעהויבן צו וויסן. דאָס איז געווען לעאָ ראַפּאַלעסקאָ. אים איז אַפֿילו אויף די געדאַנקען נישט געקומען, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. זיין קאָפּ און זיין האַרץ זענען געווען דאָרטן, וווּ דעם חזנס טאָכטער, די איצט באַרימטע ראָזע אָדער ראָזאַליאַ ספּיוואַק, צו וועלכער ער שטרעבט מיט אַלע כּוחות, וועלכע ער זעט אין חלום בייטאָג און ביינאַכט אויף דער וואָר, צוליב וועלכער ער האָט זיך באַשלאָסן אַוועקוואַרפֿן אויפֿן טויטן־בעט זיין אַלטן גוטן פֿריינד האָלצמאַן, וואָס האָט זיך מפֿקיר געווען צוליב אים, און זיין שוועסטערל, וואָס איז איינגעגאַנגען ווי אַ ליכט, נישט געקאָנט זיך אַפֿילו גע־זעגענען מיט אים... אַך! וואָס פֿאַר אַ מיאוסע מעשים ער האָט אָפּגעטאָן אין דער לעצטער צייט — ער קאָן זיך עס גאָר נישט מוחל זיין.

און ליגנדיק איצט ביי זיך אָט דאָ איינער אַליין אויף זיין וויגבעטל אין שיפֿס־קאַבין, וווּ ער הייבט אָן ביסלעכווייז קומען צו זיך, טראַכט ער צו זיך: „וויאַזוי האָט ער געקאָנט אַזוי נידעריק פֿאַלן, אַזוי מיאוס באַגיין זיך מיט די סאַמע נאָענטע גוטע פֿריינד, פּראָסטע אומשולדיקע מענטשן?“...

ווי אַ טרויעריקער קאַליידעסקאָפּ, ווי אַ פּאַנאָראַמע פֿון אַלערליי בילדער, איינס שוואַרצער פֿון אַנדערן, גייט אים דורך פֿאַרביי דאָס גאַנצע לעבן זיינס ביז אַהער, און ער זעט נישט פֿאַר זיך כמעט קיין איין ליכטיקן פּונקט, נישט איין פֿינקעלע אַ ליכטיקס. דורכויס פֿינצטער, דורכויס נידערטרעכטיק, דורכויס פֿאַר־ברעכן, פֿאַרברעכן: דעם טאַטן באַגנבעט... פֿון דער היים אַנטלאָפֿן... די מאַמע געהרגעט... האָלצמאַנען אָפּגעליגנערט... זלאַטקען אָפּגענאַרט, מיאוס אָפּגענאַרט, זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ ברודער, איר צוגעזאָגט ליבע, צעבראָכן אַ יונג אומשולדיק האַרץ... און איצט פֿאָרט ער אין אַ וויט אומבאַקאַנט לאַנד אויף שטענדיק, אויף אייביק! נײַן. ער איז נידעריקער פֿון נידעריק. ער איז ווערט, מע זאָל אים פּײַנט

האָבן, און ער האָט זיך פֿיינט אין דער מינוט, און ער שלאָגט זיך על־חטא, און ער איז זיך אַליין נמאס, נמאס ומאוס! „אוי, דער קאָפּ, דער קאָפּ!“

— אַלץ דער קאָפּ?...

אַזוי פֿרעגט אים אַ קענטלעכע שטימע, אַ שטימע פֿון אַ פֿרוי, וואָס זיצט איבער זיין בעטל, האַלט די האַנט אויף זיין שטערן, גלעט אים און שאַרט אים די צעוואָרפֿענע האָר פֿונעם קאָפּ אַרויף און קוקט אים אין די אויגן אַריין אַזוי וואַרעם, אַזוי ליב און אַזוי פֿריינדלעך. ווער זאָל דאָס זיין? ער דערפֿילט אַ ריח פֿון פּודער און פּאַרפֿומען, באַקאַנטע פּאַרפֿומען. ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז דאָס איז הענריעטאַ שוואַלב. ער עפֿנט אויף איין אויג, דאָס אַנדערע אויג און דערזעט פֿאַר זיך נאָענט אַ באַקאַנט ווייס אָנגעפּודערט פּנים מיט רויטע אָנגע־פֿאַרבטע ליפּן. יאָ, דאָס איז הענריעטאַ שוואַלב. דאָס ווייסע אָנגעפּודערטע שמעקנ־דיקע פּנים איז נאָענט, גאַנץ נאָענט צו זיין פּנים. אירע אויגן קוקן אים טיף אין די אויגן אַריין. און די רויטע שטאַרק אָנגעפֿאַרבטע ליפּן שעפּטשען אים שטיל פֿון דער נאָענט: „טייערער! שיינער! טייערער!“...

אין דער מינוט ווערט אַלץ פֿאַרגעסן. פֿאַרגעסן, אַז ער האָט זיך נאָר וואָס געשלאָגן על־חטא. פֿאַרגעסן אַפֿילו, וווהין און צוליב וועמען ער פֿאָרט און ווו ער איז. און ווער ער איז. און ער הערט זיך צו, ווי די האַנט גלעט אים, און ווי די אויגן קוקן אויף אים, און ווי די ליפּן שעפּטשען אים: „שיינער! טייערער!“ — נאָך אַ מינוט — און ער נעמט זי אַרום מיט זיינע הענט. נאָך אַ מינוט — און אירע רויטע ליפּן בייגן זיך צו אים נאָך נענטער און גיסן זיך צונויף מיט זיינע ליפּן און ווערן פֿאַרשטאָרבן אין אַ לאַנגן־לאַנגן קוש.

עס איז צו מורא האָבן, אַז דער דאָזיקער קוש וועט אונדזער העלד נישט אָפּלויפֿן גלאַט. דאָס איז געווען אויב נישט קיין אויסבאַרעכנטער קוש, אַ קוש פֿאַר עדות, וואָרעם וואָס דען זענען פֿון יענער זייט טיר גראָד אין דער צייט אויס־געוואַקסן דריי פּאַרשוינען: ניסל שוואַלב, מיסטער קלאָמער און דער לאָמזשער חזן?...

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

אַמעריקע! אַמעריקע!

פֿון אַלע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען אָנגעקומען דעם דאָזיקן טאָג קיין ניו־יאָרק מיטן שיף „אַטלאַנטיק“, האָט זיך קיינער אַזוי נישט געשטופּט באַצייטנס צום אַרויסגאַנג, קיינער האָט זיך נישט אַזוי געערגערט, קיינער איז נישט געווען אַזוי אויפגערעגט נערוועז, אַזוי אומגליקלעך משוגע, ווי אונדזערע אחינו בני ישראל.

און דאָס איז גאַנץ גרינג צו פאַרשטיין: דער גרעסטער טייל פון די יידישע פּאַסאַזשירן זענען דאָך פון דעם מין, וואָס מע רופט עס „עמיגראַנטן“. דאָס זענען דאָך מענטשן, וואָס קומען קיין אַמעריקע צו געפינען דאָ אַ נייע היים, אָנשטאָט יענע אַלטע היים, וואָס האָט זיי אַזוי מיאוס באַהאַנדלט און אַזוי אומדערבאַרעמלעך אַרויסגעוואָרפן... און זיי קוקן אַרויס אויפן לאַנד, ווי אויף משיחן. און זיי שלאָגן זיך צונויף אַלע ווי די שאָף. דאָס האַרץ קלאַפּט. דער פּולס שלאָגט הונדערט צוואַנציק. „רבונו של עולם, ליבער גאָט! וואָס דערוואַרטעט זיי דאָ, אינעם דאָזיקן געבענטשן לאַנד???“...

זעלטן-זעלטן ווער פון זיי עס האָט נישט אין ניו-יאָרק אַ זון אָדער אַ טאָכטער, אַ מאַן אָדער אַ ווייב, אַ קרוב, אַ גואל, אַ פריינד, אַ באַקאַנטן, וואָס וואַרט אויף זיי ביים ברעג און איז גרייט „אַראָפּצונעמען“ זיי פון שיף, אום צו פאַרגרינגערן זיי די פּיין, וואָס מע האָט אויסצושטיין אויף דער ערשטער סטאַנציע, וואָס מע רופט עס דאָרט מיט אַ שיינעם נאָמען: „טרערן-אינדזל“.

פאַר יידישע עמיגראַנטן איז דאָס אַ מין אָפּקומעניש, אַ חיבוט-הקבר, אַ שטיקל פאַר-גיהנום, וווּ זינדיקע מענטשן מוזן דורכלייטערן זייערע נשמות, בכדי זיי זאָלן קאָנען נאָכדעם אַריינקומען אין גן-עדן. אַמאָל האָט דאָס דאָזיקע פאַר-גיהנום געהייסן „קעסל-גאַרדען“. היינט הייסט עס „עליס-איילאַנד“. דער נאָמען האָט זיך געביטן, אָבער די צרות מיט די ליידן, די זיפצן מיט די טרערן, די בזיונות מיט די שפיכות-דמים זענען געבליבן די זעלבע און וועלן מסתמא בלייבן מיטן אייבערשטנס הילף אויף ווייטער אויך די זעלבע. כּל-זמן מענטשן געוועלטיקן אויף מענטשן, כּל-זמן מענטשן וועלן אַרויסבאַווייזן פון צייט צו צייט, אַז אין זיי געפינען זיך נאָך סימנים פון חיות...

* * *

צווישן אַלע איבעריקע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען אַרויס אויפן אויבערדעק אָנקוקן דאָס גאָלדענע לאַנד דערווייל פונדערווייטנס, זענען געווען אויך די בלאָנדזשענדע אַרטיסטן פון אונדזער נע-ונדנער טרופּע „קלאַמער, שוואַלב עט קאָמפּ.“. אַ פאַרגעניגן געווען אָנצוקוקן די דאָזיקע טרופּע פריילעכע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך אויסגעפּוצט, יעדער נאָך זיין גוסט און נאָך זיין שטאַנד, צוגעגרייט זיך מקבל פּנים זיין „די גאָלדענע מדינה פון קאָלומבוסן“, ווי עס געהער צו זיין, פייערלעך, יום-טובדיק.

די ברידער שוואַלב האָבן זיך אָנגעטאָן אין זייערע שענסטע יום-טובדיקע קליידער, פריער זיך גוט „אַרומגעשייווט“, נישט איבערלאָזנדיק קיין סימן פון געוווקס אויפן פּנים — ווער מיר באָרד? וואָס מיר וואָנצעס? גלאַט און ריין, ווי אַ טעלער. און דאָך האָבן ביידע ברידער געהאַט פאַרשידענע פּנימער. איינער

(ניסל) האָט אויסגעזען, ווי אַ דייטש אַ קאָלבאַסניק אינעם היילקן זונטיק, און דער אַנדערער (איזאַק) איז מער געווען ענלעך צו אַ רוסישן קאַפּראַל, וואָס איז נאָר וואָס ארויס פון דער דינסט און געגעבן זיך דאָס וואָרט נישט טרינקען מער קיין בראָנפן, נאָר ביר.

דערפאַר האָט אָבער מיסטער קלאַמער אַריבערגעשטייגט זיי ביידע. ער האָט דאָס אַ ביסל צעקעמט זיין הערצל־באָרד רעכט און לינקס, עפּעס גאָר מעשה סקאָ־בעליעוו. דאָס שניי־ווייסע העמד מיטן ווייסן שניפּס אונטערן שטאַרק אויסגע־שניטענעם סמאָקינג האָבן אים באַדאַרפט צוגעבן חן פון אַן אמתן דזשענטעלמען, ווען ער זאָל נאָר נישט געווען כאַפּן דעם אָנבליק פון אַן אָבערקעלנער אין אַ גרויס־אַרטיקן האָטעל. דורכגייענדיק אין שפּיגלדיקן „רייניגנרום", האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל, געבליבן שטיין אַ ווײַלע, וויזט אויס, גאַנץ צופרידן. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אויפן גאַנצן שיף איז ער אויב נישט דער שענס־טער מאַנצפּאַרשוין. און פּאַרקערט, לאָמיר זען, וואָס וועט זאָגן ניו־יאָרק? אפשר איז אין אַמעריקע דאָ שענערע פון אים, און אפשר ניין?... מיסטער קלאַמער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, ער זאָל נישט אַ זאָג טאָן צו זיך אַליין מיט זייער אַ באַשיידן שמייכעלע:

— מיסטער קלאַמער! איר זענט אָלל־רייט...

גאַנץ אַנדערש איז דאָס געווען מיטן פּערטן שותף פון דער דאָזיקער קאָמ־פּאַניע. מיר רעדן פונעם לאָמזשער חזן. דער לאָמזשער חזן, כאָטש ער איז שוין לאַנג פון פּוילן און כאָטש ס'איז נישטאָ ביי אים קיין זכר פון קיין פּיאות, און אויב איר וועט מיר צוזאָגן, אַז צווישן אונדז וועט עס בלייבן, וועל איך אייך דער־ציילן אַ סוד, אַז ס'איז אַ סברה, אַז אַפילו דאָרט, ווו עס הייבט זיך אָן ביי אים באָרד... נאָר למאי זאָלן מיר רעדן לשון־הרע? קורץ, ער האָט ארויסבאַקומען זיין אַלטע חזנישע שבתדיקע קאַפּאָטע מיטן זיידענעם בייגאַרטל. די וועסטע האָט ער פאַרשפּיליעט ביז אַרויף און אַ פּנים האָט ער אָנגעצויגן אויף זיך אזא פרומס, אַז ביידע שוואָלבס מיטן מיסטער קלאַמער האָבן זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָבן אַלע דריי אויסגעשאָסן:

— וואָס איז דאָס?

— אַמעריקע! — האָט זיי אָפּגעענטפערט דער לאָמזשער חזן מער נישט אַז מיט איין וואָרט און געגעבן זיי צו פאַרשטיין דעם שכל: — אמעריקע, פּאַר־שטייט איר מיך, איז נישט יוראָפּ, און ניו־יאָרק איז נישט לאָנדאָן. אַמעריקע איז אַ לאַנד מיט אַ ממה־נפשך: ביסטו אַן אַרטיסט — ביסטו אַן אַרטיסט. ביסטו אַ חזן — ביסטו אַ חזן. האָט איר עס צעקייעט?

אויב זיי האָבן עס צעקייעט אָדער נישט — דאָס ווייסט מען נישט. נאָר דער לאָמזשער חזן איז געגאַנגען מיט אַ פּראַקטישן דרך: ביז וואַנען זיינע קינדער וועלן אַמאָל אָנהייבן פאַרדינען געלט אין אַמעריקע, ביז וואַנען די חברה אַרטיסטן

װעלן אַמאָל אָנהײבן שאַרן גאָלד אין דער גאָלדענער מדינה, װעט ער דערװײל כאַפּן אַ דאַװן בײם עמוד (עס גײט צו ימים־נוראים) טאַקע פֿאַר זײנע לאַנדסלײט, די לאָמזשער ייִדן, װאָס האָבן אים אַרױסגערופֿן אַהער מיט זײן מוזיקאַליש געזינדל. דאַנקען גאָט, ער פֿילט זיך נאָך אין כּוח. ער האָט אױפֿן ים נישט פֿאַרלױרן גאָר נישט פֿון זײנע כּלים. פֿאַרקערט, די נסיעה אױפֿן שיף, פֿילט ער, האָט אים, אדרבא, נאָך דורכגעלײטערט אַ ביסל די שטימע, און עס קיצלט אים שױן אין האַלדז, און עס גאַרגלט זיך אים, און עס זינגט זיך אים דעם גאַנצן פֿרימאָרגן, פֿון זינט מע האָט אָנגעהױבן אַרױסצוזען פֿונדערװײטן דאָס לאַנד. מיט אײנעם װאָרט, דער לאָמזשער חזן האָט דערפֿילט דעם חזן, האָט ער זיך אָנגעטאָן װי אַ חזן, און אַרױפֿגעצױגן אױף זיך דאָס חזנישע פּנים, װי עס פּאַסט פֿאַר אַ חזן צו די ימים־נוראים.

אױך די חזנטע האָט זיך אָנגעטאָן יום־טובדיק. אױבן, אױפֿן גולן פֿאַריק, אַ זײדענע פֿאַטשײלע, פֿאַרבונדן מיט צװײ שפּיצן, נאָר בײדע אױערן אַרױסגעשטעלט, מע זאָל זען, ערשטנס, די זילבערנע פֿאַרגאָלדעטע אױרינגלעך, װאָס באַמבלען זיך בײ איר פֿון נאָך דער חתונה אָן, און, צװײטנס, פֿאַרװאָס זאָלן נישט אַרױסשטעקן כאָטש אַ ביסל אירע אײגענע בלאָנדע האָר? זי װײסט דען, װאָס פֿאַר אַ לאַנד אַמעריקע איז? װער װײסט, װאָס גײט דאָרטן מער אָן: צי צניעות, צי חצופֿות? אפֿשר דאַרף מען דאָרט בײדע זאַכן? אַ קשיא אױף אַמעריקע?...

דערפֿאַר זענען אָבער זײערע קינדער, דאָס מוזיקאַלישע געזינדל, געװען אױסגעקלײדט גאַנץ אײראָפּעיִש. אַלע, פֿונעם גרעסטן ביזן קלענסטן, זענען זײ געגאַנגען אָנגעטאָן קינדעריש: האַלבע הײזלעך, גראָבע פּאָלקעס, קורצע װײטיקלעך און קלײנע קאַפּעליושלעך אױף די לאַנגע האָר. קורצע הײזלעך און לאַנגע האָר האָבן געטראָגן אַלע באַרימטע „װוּנדער־קינדער": הובערמאַן און פֿידעלמאַן, און גרישע סמעלמאַן. אַזױ לאַנג ביז ס'איז נאָר געװען מעגלעך צו באַהאַלטן די באָרד און װאָנצעס, װאָס צו אַ געװיסער צײט הײבן זײ אָן, װי ס'איז באַװוּסט, צו שפּראָצן און צו װאַקסן מיט רוחות, כאָטש גאָלט זײ, כאָטש שנײדט זײ, כאָטש טוט זײ װאָס איר װילט!

װער־װער — נאָר דאָס מוזיקאַלישע געזינדל איז געװען צופֿרידן מיט דער דאָזיקער נסיעה מער פֿון אַלעמען. זײ האָט דערװאַרטעט אין דער גאָלדענער מדינה דאָס, װאָס קײנעם נישט. אַז מע האָט זײ אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז מע זעט שױן אַרױס דאָס לאַנד, זענען זײ אַרױס אַלע אױפֿן אױבערדעק, זיך אַרומגענומען אַלע, פֿאַרלײגט אַ האַנט אױף אַ האַנט, און אַלע אײנײנעם האָבן זײ, גלײך װי ס'איז בײ זײ געװען אָפּגעשמועסט פֿון פֿריער, אױסגעצױגן אַן אַמעריקאַניש לידל צום טאַקט פֿון די װעלן, װאָס האָבן שױן איצט געקלאַפּט מיט װיניקער צאָרן, נאָר מיט מער ריטם:

אַמע־רי־קאַ! אַמע־רי־קאַ!...

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

רואיק איז דער ים

רואיק איז געווען דער ים ביי די ברעגעס פון אַמעריקע, בעת די שיף איז שוין געווען נישט ווייט פון ניו־יאָרק. נישט שטיל, נאָר רואיק.

דער צעבייזערטער ים, אַז ער באַרואיקט זיך, אָטעמט ער אָפּ, ווי אַן איינגעמאַטערטע ריזיקע חיה. גרויס איז דער ים, ווען ער צעשפּילט זיך און צעפּליעסקעט זיך מיט אַלע זיינע כוואַליעס. שיין איז דער ים, ווען ער באַרואיקט זיך. מאַיעסטעטיש שיין, נאַטירלעך שיין.

אַ שלל פון פאַרבן, אַלערליי פאַרבן, וועלכע עס פאַרמאָגט נאָר די מילדע נאַטור, האָבן זיך אין אים איצט אָפּגעשפּיגלט צו דערפרייען דאָס אויג פון די אויסגעלעבטע פּאַסאַזשירן, צו באַלוינען זיי פאַר זייערע אַנגסטן, וואָס ער האָט זיי פאַרשאַפט אין די עטלעכע שווערע טעג פון דער שווערער נסיעה. און פול זענען געוואָרן אַלעמענס הערצער מיט דאַנקבאַרקייט צו דער געטלעכער נאַטור און מיט באַגייסטערונג צו דער אייביקער מעכטיקייט, וואָס האָט באַשאַפן אַזאַ גרויסע, אַזאַ שיינע, אַזאַ ליבע, זיסע וועלט. זיי האָבן מוחל געווען דעם ים, מוחל געווען מיטן גאַנצן האַרצן, און האָבן אויסגעשאָטן אַלע ווידעראַמאָל אויפן אויבערדעק פון שיף, ווידעראַמאָל גענומען באַטראַכטן און באַוווּנדערן גאָטס ווערק, ווידעראַמאָל געווען קאָנטענט, אויפגעלייגט און צופרידן, גלייך ווי גאָרנישט געווען.

נאָר אויב די אַלע פאַרשוינען, וואָס אויפן שיף, זענען מיט זייער צוקומען נאָענט צו די ברעגעס פון ניו־יאָרק געווען צופרידן, דאַרפן מיר זאָגן אויף דעם יונגן פּאָרל, וואָס איז געשטאַנען אויפן אויבערדעק געאָרעמט, האַרט איינס נעבן דאָס אַנדערע, אַז דאָס איז געווען אַ גליקלעכער פּאָרפאָלק, אויב נישט דאָס גליקלעכסטע פּאָרפאָלק אויפן שיף. יעדנפאַלס אַזוי האָט דאָס אויסגעזען. און שיין איז געווען דאָס פּאָרל, שיין און יונג און פריש און געזונט און גליקלעך. אַ סך אויגן האָבן געקוקט אויף זיי און מקנא געווען. אַ גליקלעך, גליקלעך פּאָרל!

ווער איז געווען דאָס יונגע פּאָר? פאַרשטייט זיך, אַז נישט קיין אַנדערע, נאָר די פּרימאַדאָנע שוואַלב מיט איר געליבטן לעאָ ראַפּאַלעסקאָ. צי איז ראַפּאַלעסקאָ געווען גליקלעך — ווייסן מיר נישט, נאָר אַז הענריעטאַ איז געווען אויפן זיבעטן הימל — דאָס איז געוויס.

גליקלעכע, גליקלעכע הענריעטאַ — זי האָט זיך עס דערלעבט! אַזאַ צייט געווען אויפן וועג, זיך נאָכגעיאָגט נאָך דעם האָזיקן שיינעם בחור פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס זי האָט אים דערקענט אין לעמבערג, ביז דער סאַמע לעצטער צייט אין לאָנדאָן. און ערשט דאָ, אויפן שיף, איז איר געראָטן, זי האָט אים געפּאַקט — ער איז אירער, ער איז אירער!...

וואָס פאַר אַ נצחון דאָס איז — דאָס ווייסט נאָר זי אַליין, און ווייטער קיינער נישט. אין אירע אויגן האָט אָפּגעשטראַלט דער דאָזיקן נצחון. איר פּנים האָט געשיינט פון גליק, פון העכסטן גרעסטן גליק. אַלע אירע גלידער האָבן געשריגן אין איין קול: „זעט איר אָט דעם שיינעם בחור מיט די גוטע מילדע אויגן, מיט די בלאָנדע שיינע לאָקן — גיט אים נאָר נישט קיין עין־הרע — ער איז מיינער! מיינער! מיינער!“...

און זי לעגט זיך אָן אויף זיין האַנט נאָך שטאַרקער, און טוליעט זיך צו אים נאָך נענטער, און פאַרקוקט אים פון אונטן אַרויף טיף־טיף אין די אויגן אַריין, וויל אויסטייטשן דאָס פייערל, וואָס ברענט אין זיי, וויל וויסן, פון וועמען ער טראַכט אַצינד. פון וועמען? כאַ־כאַ — פון איר מסתמא, פון וועמען דען? אַנו, זייט זיך אָקאָרשט מטריח, שפּאַצירט זיך דורך פון איין עק שיף ביזן אַנדערן, גייט דורך אַלע קלאַסן און געפינט נאָך אַזאַ שיין מיידל. ווי העגריעטאַ שוואַלב, מיט אַזאַ וויים פּנים, מיט אַזעלכע קאַרשן־ליפּן, מיט אַזוינע שיסנדיקע אויגן, וואָס קוקן כלומרשט קורצזיכטיק, מיט אַזוינע פּערלדיקע ציינדלעך, וואָס אַז זי לאַכט, זענען דאָך אַלע מאַנצבילן נאָך איר די כּפּרה! אַנו, געפינט נאָך איינע דאָ, אויפן שיף, וואָס ס'זאָל ליגן אַזוי עלעגאַנט אויף איר דאָס קלייד, וואָס אירע האָר זאָלן זיין אַזוי גרויסאַרטיק פאַרקעמט, וואָס דאָס היטעלע זאָל זיין אַזוי צוגעפּאַסט צו די האָר, וואָס דאָס קעלנערל זאָל אַזוי אַרומנעמען דאָס העלדזל, וואָס דאָס הענטשקעלע זאָל אַזוי אַרומנעמען דאָס הענטל? הייבט ווער פאַרמאָגט איר שמוק? אירע שטיינער?

אַך, עס קאָן זיין, אַז דאָ פאָרן אויפן שיף דאַמען, וואָס פאַרמאָגן אפשר בעסערע שטיינער. למשל, אָט־אָ יענע הויכע דאַרע טרוקענע ענגלענדערין מיט די גאָלדענע ציין טראָגט אויף זיך שמוק — העגריעטאַ מעג זיך עס ווינטשן פאַרמאָגן באָטש האַלב: אויבן האַלדז — פּערל, אין די אויערן — שמאַראַגדן, א מעדאַליאָן — פון שמאַראַגדן, אויף אַלע פינגער — בריליאַנטן, סאַפּירן, רובינען און שמאַראַגדן, שמאַראַגדן, שמאַראַגדן! נאָר וואָס פאַר אַ פּנים האָט די דאַמע אַליין? משטיינס געזאָגט! ווי זעט עס אויס אויף איר? וואָס פאַר אַ חן דאָס האָט? ווען זי, העגריעטאַ, אַ שטייגער, טוט אָן אויף זיך אָט די שמאַראַגדן. אָ! זי וועט שוין אָבער האָבן שמאַראַגדן. זי וועט שוין האָבן. לאָזן זיי שוין נאָר קומען אין דעם אַמעריקע. לאָזן זיי זיך נאָר אַרומקוקן, ווו זיי זענען אין דער וועלט. לאָז נאָר ראַפּאַלעסקאָ זיך באַווייזן אויף דער סצענע... לאָז ער אָקאָרשט אָפּשפּילן עטלעכע פיינע גאַסטראָלן, לאָז נאָר דאָס פובליקום דערזען, וואָס פאַר אַן אוצר דאָס איז, — וועט שוין דעמלט זיין בריליאַנטן מיט סאַפּירן, מיט רובינען, מיט שמאַראַגדן...

— געפעלט דיר אַ ביסל שמאַראַגדן?

העגריעטאַ טוליעט זיך צו ראַפּאַלעסקאָן און לאָזט נישט אַראָפּ פון דער ענגלענדערין אירע כלומרשט־קורצזיכטיקע אויגן.

— וואָסערע שמאַראַגדן? — פרעגט ראַפּאַלעסקאַ.

— בלינדער יאָץ! כאַ־כאַ, דו זעסט נישט?

ניין. ער זעט נישט. נישט קיין ענגלענדערין, נישט קיין שמאַראַגדן. ער קוקט גאָר נישט אפילו אהין, וו זי ווייזט אים אָן. א פּאַרטראָגענער מלאך דאָס איז, כאַ־כאַ!

העגריעטאַ צעלאַכט זיך, נישט ווייל ס'איז דאָ וואָס צו לאַכן, נאָר צוליב דעם, זי זאָל באַווייזן אָן איבעריקן מאָל אירע פּערלדיקע ציינדלעך. און זי קוקט אויף ראַפּאַלעסקאָן מיט איר נייעם קוק, וואָס זי האָט נישט לאַנג איינגעשטודירט אַקעגן שפּיגל.

דעם דאָזיקן קוק האָט זי גענאַשט אין לאָנדאָן גאָר אין דער לעצטער צייט פון אַ קורצזיכטיקער דאַמע מיט אַ לאָרנעט. יענע דאַמע האָט איר אויסגעזען רייצנד, בעת זי האָט שטאַרק קורצזיכטיק געקוקט דורכן לאָרנעט, האַלב צוגעמאַכט די אויגן און אינגאַנצן צונויפגעצויגן די ברעמען. העגריעטאַ האָט באַלד איבערגענומען די דאָזיקע פּאָזע. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגן שפּיגל, האַלב צונויפגעמאַכט די אויגן און אינגאַנצן צונויפגעצויגן די ברעמען — און פון דעמלט אָן איז אַוועק אַ גאַנג.

— יענטל, וואָס איז מיט דיר? — האָט זי דער ברודער איזאַק איינמאָל אַ כאַפּ געגעבן אויג אויף אויג.

— וואָס איז דען, איציק?

— וואָס קאָטשעבורעסטו עס עפּעס פּלוצים מיט די אויגן, אַז דו קוקסט?

העגריעטאַ איז רויט געוואָרן, אָפּגעשיקט דעם ברודער אין דער ערד אַריין און האָט שוין אָבער אַנדערש נישט געקאָנט קוקן, נאָר ווי יענע קורצזיכטיקע דאַמע מיטן לאָרנעט.

עס איז געווען אַ צייט — און גאָר נישט לאַנג איז דאָס געווען — וואָס ראַפּאַלעסקאָ איז נאָך נישט געווען אירער, ווייט נישט אירער. עס איז איר געשטאַנען אויפן וועג זלאַטקע. אָט דאָס קיי־ און שפּייענדיקע מיידל מיטן שפּיצעכיקן נזול. העגריעטאַ אליין האָט נישט אַרויסגעזען גאָרנישט, נאָר דער ברודער איזאַק און דער ברודער ניסל האָבן איר געעפנט די אויגן... צו שטאַרק ברענען ביי איר די אויגן, אַז זי דערזעט אים. צו רויט ווערן ביי איר די בעקלעך, אַז ראַפּאַלעסקאָ קוקט אויף איר, און צו אָפּט בלייבן זיי איבער אַליין אינצווייען... דערויף האָט זי איינמעריקזאַם געמאַכט איר ברודער איזאַק. איינמאָל האָט ער איר געזאָגט: „קום, דורבאַטש, וועל איך דיר עפּעס ווייזן"... און ער האָט אָנגענומען העגריעטאַן פאַר אַ האַנט און האָט זי צוגעפירט צו דער טיר און געהייסן איר אַריינקוקן דורכן לעכל פונעם שליסל. נאָר דאָס, וואָס העגריעטאַ האָט דערזען, איז געווען פּונקט דער היפּך פון דעם, וואָס איר ברודער האָט געמיינט. זי האָט דערזען ראַפּאַלעסקאָן אַרומגיין מיט אַן אָפּגעבויגענעם קאָפּ הין און צוריק, מיט גרויסע שפּאַנען

איבערן צימער, די הענט פֿאַרשטעקט אין די קעשענעס, און דאָס קוי און שפּייעדיקע מיידל מיטן שפּיצעכיקן נעזל איז געזעסן אויף אַ שטול און האָט געשוויגן...

„איר ברודער — האָט ער נאָכדעם געזאָגט פֿאַר זיי — איז מסוכן קראַנק. דער דאָקטער זאָגט, אַז האַלצמאַן איז געפֿערלעך"... „אַ תּירוץ פֿאַר די בענטשליכט,— האָט געדרונגען איזאַק שוואַלב, וואָס האָט נאָכגעקוקט נאָך זיי, ווי אַ רעכטער שפּיאָן. — אַז דער ברודער איז געפֿערלעך, דעריבער דאַרף די שוועסטער זיצן ביי אַ פֿרעמדן בחור אויפֿן שויס און וויגן מיט טרערן?"... „דו ליגסט, ווי אַ הונט!" — האָט אים העניעטאַ אַ וואָרף געטאָן אין פּנים אריין און אַ קלאַפּ געגעבן מיט דער טיר. און פֿונדעסטוועגן איז איר דער וואָרעם אַריין טיף אין האַרצן און געטאָטשעט-געטאָטשעט שטילערהייט. און אַ פֿייערל האָט געברענט אין האַרצן, אוי, געברענט-געברענט!... דאַנקען גאָט, אַרויס פֿון דעם גיהנום. איצט איז זי מיט אים אַליין. איצט איז נישטאָ מער קיינער אויפֿן וועג. קיינער, קיינער!...

דאָס ערשטע, וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן קומען קיין ניו-יאָרק, — אַזוי האָט אָפּגעפּסקנט ביי זיך העניעטאַ — איז אָפּפֿאָטאָגראַפֿירן זיך מיט אים אינצווייען אין פֿאַרשידענע פּאָזעס. פּאָזע נומער איינס: זיי גייען ביידע אויפֿן שפּאַציר. פֿעסט געאָרעמט. ער — אין זיין עלעגאַנטן גרויען אויבערראָק. זי — מיט אַ באָאַ אויפֿן האַלדז, דאָס היטעלע אויף אַ זייט... פּאָזע נומער צוויי: זיי זיצן איינס אַקעגן דאָס אַנדערע ביי אַ קיילעכיק טישל. ער האַלט איר הענטל אין זיין האַנט און קוקט אויף איר אַנפּאַס, ווערנד זי האַלט האַלבצוגעמאַכט די אויגן, אינגאַנצן צוגעצויגן די ברעמען, פּונקט ווי יענע קורצזיכטיקע דאַמע מיטן לאָרנעט. פּאָזע נומער דריי: אויף אַ ליכטיקן פֿאָן צוויי קעפּלעך, — זיין קאָפּ און איר קאָפּ.— צוגעטוליעט פֿעסט איינס צום אַנדערן. דאָ דאַרפֿן שוין אירע אויגן זיין אינגאַנצן אָפֿן און קוקן אַרויף, ווי די הייליקע מאַדאָנאַ... פּאָזע נומער פֿיר... נאָר ווי דערלעבט מען שוין, ווי דערלעבט מען שוין קומען קיין אַמעריקע!

— נאָך עפּעס וויים צו אַמעריקע?

ער הערט נישט. ראַפּאַלעסקאָ הערט נישט, וואָס העניעטאַ שוואַלב רעדט צו אים, און זי קערט זיך אום צוריק צו אירע מחשבות וועגן פֿאָטאָגראַפֿירן זיך, באַלד ווי זיי וועלן קומען קיין ניו-יאָרק. איר ברודער ניסל זאָגט אפֿילו, אַז דאָס ערשטע, וואָס וועט זיין אין ניו-יאָרק, איז — שטעלן אַ חופּה. ער זאָל זיך, זאָגט ער, נישט שעמען, וואָלט ער נאָך דאָ, אויפֿן שיף, געשטעלט אַ חופּה — „ער זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס"... העניעטאַ אָבער מיינט נישט אַזוי. העניעטען ווילט זיך זיין פֿריער אַ כּלה, כאָטש עטלעכע וואָכן אַ כּלה. וואָס האָט זי קיין צייט נישט? זי האָט אַזוי לאַנג דערויף אַרויסגעקוקט. פֿאַרוואָס זאָל זי זיך נישט צוטיילן אָט דעם פֿאַרגעניגן?...

— נאָך עפּעס ווייט צו אמעריקע? — פרעגט זי ביי אים נאָכאַמאָל. נאָר ער הערט זי נישט. ער איז, אפנים, גאָר אויף אן אנדער וועלט? יאָ, אויף אן אנדער וועלט. אָט באַלד, אָקאָרשט ווי מע זעט נישט, איז ער דאָרטן, וווהין ער שטרעבט אזוי לאנג, כמעט דאָס גאנצע לעבן זיינס. אָט באַלד, אָקאָרשט ווי מע זעט נישט, וועט ער זען די, וועלכע ער האָט נאָך נישט פארגעסן אויף קיין מינוט אפילו. וויאזוי וועט זיין זייער ערשטע באגעגעניש אינעם דאָזיקן לאנד נאָך אזויפיל יאָרן? וועט זי אים דערקענען? ער זי וועט שוין יאָ דערקענען. ער האָט איר בילד, וואָס די מאדאם טשערניאק האָט אים דאָ נישט לאנג צוגעשיקט. עס ליגט ביי אים אָט דאָ אין בוזעמקעשענע... און ער דריקט מיט דער האנט אויף דער בוזעמקעשענע, און הענריעטא איז איבערציינגט, אז דאָס מיינט מען זי. וועמען דען, אז נישט זי?... און זי לייגט זיך אָן אויף אים נאָך נענטער, גאָר נאָענט, און פארקוקט אים אין די אויגן, און לאשטשעט זיך צו אים, ווי א קעצעלע:

— באלד וועלן מיר זיין אין אמעריקע, ווי מיינסטו? — פרעגט זי ביי אים א דריט מאָל און דערלאנגט אים מיטן פינגער איבער דער נאָז און צעלאכט זיך: כא-כא-כא!

ראפאלעסקאָ שטעלט אוועק אויף איר די אויגן. ער ווייסט נישט, וואָס זי לאכט. מע האָט אים איבערגעשלאָגן סאמע די בעסטע געדאנקען... אין דער מינוט האָט ער שוין גאָר געהאט פארגעסן אין דער, וואָס שטייט אָנגעלענט אויף זיין האנט. האָט זי אים דערמאָנט, און ער באטראכט זי פון אויבן אראָפּ און קלערט בעת-מעשה: „צו וואָס אָט דער פלירט?... וואָס עפּעס אזוי שפּעט פארליבט זיך אין דער דאָזיקער?... *פון איין צרה ארויס, אין דער אנדערער אריין*"...

און גאָר נישט ווילנדיק קומט אים אויפן זינען ווידעראמאָל זלאטקע מיט איר שטענדיק מעלאנכאָליש אויסזען, מיט אירע פארשוואָלענע אויגן פאר געוויין. און נישט ווילנדיק דערמאנט ער זיך אין האָלצמאנס לעצטע, קוים אויסגעבריפּעטע און פארשטיקטע ווערטער ביים געזעגענען זיך: „א יתומה... נעבעך א יתומה"... ער וואָלט וועלן פארגעסן, קאָן ער נישט. ער וואָלט א בעלן געווען, אז זיין גאנצע פארגאנגענהייט, אז דאָס גאנצע ביסל יאָרן פון זינט ער איז נע-ונד אויף דער וועלט זאָל בלייבן אויף יענער זייט ים, אין דער אלטער וועלט, אזוי אז ער זאָל קומען אין דעם דאָזיקן נייעם לאנד אריין א פריש-געבוירענער, א לויטערער, א ריינער, אן אומשולדיקער, ווי ער איז געווען אמאָל, אמאָל, אין זיינע ערשטע לויטערע ריינע קינדער-יאָרן... נאָר ווי אויף צולהכעיס פארגעסט זיך נישט, און עס קריכן אין קאָפּ אריין דווקא די ערגסטע געדאנקען, דווקא די טרויעריקסטע.

און כדי אָפּצוטרייבן פון זיך די דאָזיקע געדאנקען און בילדער, קוקט ער אין ים אריין. שוין ווידער קאָן ער פון אים די אויגן נישט אָפּרייסן. אלע פּאסאזשירן זענען ווידער אויפן אויבערדעק. ווידער שפּיגלען זיי זיך שוין אין ים. זיי קאָנען

זיך שוין ווידער זאַט נישט אָנקוקן אין זיין פּראַכט און גלאַנץ. נישטאָ קיין ערד צו זיין גרויסקייט, ווען ער בייזערט זיך. נישטאָ קיין פאַרגלייכן צו זיין שיינקייט, ווען ער באַרואיקט זיך.

רואיק איז געווען דער ים ביי די ברעגעס פון ניו־יאָרק. נישט שטיל, נאָר ר ו א י ק.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

דער לאַמזשער חזן אין טראַבעל

ווי באַוווּסט, איז דער אַריינטריט אין גן־עדן אַריין נישט אַזוי גרינג: מע מוז פריער געלייטערט ווערן, דורכגיין אַלע שבעה מדורי גיהנום.

ווי, להבדיל, דאָרט, אין גן־עדן העליון, אויף יענער וועלט, אַזוי איז אויך דאָ, אינעם גן־עדן התחתון, וואָס מע רופט עס אַמעריקע. נישט פאַר יעדן זענען אָפן די טויערן און נישט אַלעמען קומט אָן דאָס אַריינגיין גלייך.

די, וואָס ווייסן פון דעם סוד, — און זעלטן ווער עס ווייסט דאָס נישט — נעמען אָן אַלע מיטלען באַצייטנס, נאָך איידער זיי פאָרן אַרויס פון דער היים, און באַוואָרענען זיך און באַשירעמען זיך מיט אַלעם, וואָס נייטיק איז. און דאָך קלאַפּט זיי דאָס האַרץ נאָך מיט וויפל מייל פאַר ניו־יאָרק. און עס וואַרפט זיי אין היץ און אין קעלט. און עס קלאַפּט זיי אַ צאָן אויף אַ צאָן. און מע גענעצט פיבעריש, און מע ציט זיך, און מע פוצט זיך, און מע באַקוקט זיך איינס דאָס אַנדערע, און מע בעט גאָט, מע זאָל חלילה נישט געשטרויכלט ווערן און נישט האָבן קיין טראַבעל ביים פאַרהער, מע זאָל גיך און געשווינד געלייטערט ווערן, דורכגיין די שבעה מדורי גיהנום פון „טרערן־אינזל“ און אַריינטרעטן בשלום אין די טויערן פון גן־עדן, דאָס מיינט מען — אינעם גאָלדענעם לאַנד.

אונדזערע בלאָנדזשענדע אַרטיסטן פון דער גע־ונדנער טרופּע „קלאַמער, שוואַלב עט קאָמפּ.“ האָבן זיך אויסגעלאַכט פון דער גאַנצער צערעמאָניע. אַ טייערע מציאה אַמעריקע! זיי וואָלטן אייך געקאָנט — זאָגן זיי — דריי מאָל אַריין און אַרויס און ווידעראַמאָל אַריין. „גאַראָנים, — זאָגן זיי, — האָבן אויסגעטראַכט שוועריקייטן; קיין שום שוועריקייטן. אַבי מען איז געזונט און יונג און פריש און פריילעך און מע גייט אָנגעטאָן ווי אַ מענטש, און מע האָט צו באַווייזן אַ פּאָר מאָלער, און מע קאָן אָנרופן ביים נאָמען אַ פּאָר באַקאַנטע — בלאָטע שבבלאָטע!“

וואָס הערט, למשל, אַמעריקע אַזאַ דזשענטעלמען, ווי מיסטער קלאַמער, וואָס טראָגט אַזאַ עלעגאַנטן סמאָקינג און וואָס ענגליש איז זיין מוטער־שפּראַך? אָדער אַזאַ ריז, ווי ניסל שוואַלב, וואָס האָט ער מורא צו האָבן? אָדער איזאַק שוואַלב? אויף אַלע עמיגראַנטן געזאָגט געוואָרן.

פון דעם ארטיסטישן פּאַרפּאַלק, ראַפּאַלעסקאַ און הענריעטאַ, שמועסט מען נישט. פּאַר אַזעלכע יונגע שיינע געזונטע עלעגאַנט־געקליידעטע פּאַרשוינען זענען דאָך אָפן אַלע טירן מיט אַלע טויערן. נישט מער דער לאָמזשער חזן מיט זיין מוזיקאַליש געזינדל.

באַשערט אַ מענטשן יסורים! דאָס הייסט, עס וואָלט דאָ אויך אָפּגעגאַנגען גלאַט. זיי זענען, דאַנקען גאָט, אַלע געזונט און שטאַרק אויף אַלע אברים און האָבן, ברוך־השם, אַן אַפּעטיט צום עסן — הלוואי וואָלטן זיי נאָר אַזוי געהאַט אַלעמאָל וואָס צו עסן. האָט זיך אָבער געטראָפן מיטן חזן אַן אומגליק — און ער איז אַליין שולדיק אינעם אומגליק: ער האָט באַדאַרפט צו וויסן פריער, אַז אַזאַ מטופּל מיט קינדער, קיין עין־הרע, ווי ער איז, האָט באַדאַרפט זיך אויפפירעדן מיט זיינע קאָמפּאַניאָנען באַצייטנס, זיי זאָלן אים באַוואָרענען מיט די עטלעכע טאָלערס, ער זאָל האָבן, וואָס צו וויזן, טאָמער טוט מען אים אַ פרעג...

ער פאַרענטפערט זיך, באַשר ער האָט נישט געוווסט. ער האָט געמיינט, זאָגט ער, אַז אַמעריקע איז אַמעריקע. צום סוף איז דאָס גאָר, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד, ערגער ווי לאָמזשע. וויפל אָרעמעלייט, למשל, קומען אָן קיין לאָמזשע — מע זאָל זיי דאָס עמעצער פרעגן, צי זיי האָבן געלט, צי זיי האָבן נישט קיין געלט? אַ שיינע זאַך!

דער לאָמזשער חזן האָט נעבעך גוט געשוויצט, אַ סך מער ווי, להבדיל, ביים עמוד. שטעלט אייך פאָר, מע נעמט אַ יידן און מע טוט אים פּלוצים אין מיטן דרינען, פון דער העלער הויט, אַ כאַפּ, ער זאָל וויזן „מאָני“. וואָס פאַר אַ „מאָני“? טאָלערס מיינען זיי, אַמעריקאַנער דאָלאַרס. ענגלישע פונטן מאַכן אויך נישט אויס. און אַפילו רוסישע רובלס, זאָגן זיי, איז אויך אַ מטבע. אַבי די מטבע זאָל זיין. אַזוי האָט מען אים אויפגעקלערט שוין נאָכדעם, שוין שפּעטלעך. ער באַדאַרף באַוויזן — האָט מען אים געגעבן צו פאַרשטיין — מזומנע גראָשנס, אַז ער האָט, הייסט עס, מיט וואָס אויסצוקומען די ערשטע צייט און נישט פאַלן צו לאַסט אויף פרעמדע... „אויף פרעמדע? חלילה!“ — האָט זיך נעבעך דער חזן גענומען פאַרענטפערן, ווי ווייט ער האָט געקאָנט, האַלב ענגליש, האַלב דייטש. ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין מיט ביידע הענט, אַז ער איז חלילה נישט איינער, אַז ער איז דאָ, קיין עין־הרע, מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע... אויב אַזוי, האָט מען אים געגעבן צו וויסן, זאָל ער מוחל זיין באַווייזן, מיט וואָס ער וועט אויסהאַלטן די דאָזיקע כאַליאַסטרע?

הקיצור, וואָס ווייטער איז אונדזער חזן געקראָכן אַלץ טיפער. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז מע זאָל אים אָפּפירן צו יענע, וואָס האַלטן ביים פּסוק „השיבנו נאזאר“...

אומזיסט איז געווען נעבעך זיין שטאַמלען, האַלב ענגליש, האַלב דייטש. אומ־

זיכט איז געווען זיין מאַכן מיט די הענט, זיין ווינקען מיט די ברעמען און זיין אַפּעלירן צו זיין שותף מיסטער קלאַמער, וועלכער קען רעדן ענגליש.

מיסטער קלאַמער האָט זיך געמאכט, ווי ער זעט נישט, מיסטער קלאַמער איז אַ בריה אויף געבן עצות דאָרט, אין וויטשעפּל, ביי זיך אין „קאַפע־נאַציאָנאַל“, אָבער נישט דאָ, ביים אראָפּגיין פון שיף, אויפן אמעריקאנישן באָדן, ווו ס׳איז אזא טומל מיט אזא געפּילדער פון די „פאַרשאָלטענע רוסישע שנאָרערס“, אז מע קאָן משוגע ווערן! אונדזער מיסטער קלאַמער האָט זיך פּאַוואָליע אויסגעדרייט, איינגעבעלעט דעם סמאָקינג, צענומען זיין הערצל־באָרד אויף צוויי, אהער און אהין, מעשה סקאָבעליעוו, און האָט זיך אָפּגעטראָגן — ווי זאָגט דער איינגלישמען: „אַי דיסאַוואַו איט בעג ענד בעגעדזש“. אויף אונדזער גוייש לשון וועט עס הייסן אזוי גרויס, ווי: „מאָיאַ כאַטאַ ס׳קראַיו“...

אַ גליק, וואָס אויפן שיף האָט זיך נאָך געפונען אַ צווייטער שותף, ניסל שוואלב, אַ מענטש מיט קאָמבינאַציעס. דערשמעקט פונדערווייטן, אז דער חזן איז טראָבעל, האָט אונדזער געניאַלער קאָמבינאַטאָר באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך. האָט ער אָפּגערופן די חזנטע אויף א זייט, זיך געסודעט מיט איר אַ ווײַלע, שאַרף געווונקען מיט די אויגן און עפּעס געפּאָרעט זיך ביי איר אין בוזעם. דערנאָך האָט ער א ווונק געגעבן צו איר און צו אירע קינדער: „קומט!“

אין אַן אנדער צייט און ביי אנדערע אומשטענדן, מאָלט אייך, וואָלט אונדזער קאָמבינאַטאָר געכאַפּט פון דער חזנטע גאָר א מיאוסן פּסק. די האַלב־צנועהדיקע און האַלב־חצופּהדיקע לאָמזשער חזנטע פאָרט טאקע, וועלן מיר זאָגן, מיט א קאָמפּאַניע אַרטיסטן אין אַ לאַנד, וואָס הייסט אַמעריקע. ס׳איז אמת. מע דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אז דערווייל איז זי אים חלילה נישט קיין כאַריסטקע, נישט קיין טענצערין און נישט קיין זינגערין און אפילו נישט קיין פּרימאַדאָנע (דאָס מיינט זי זיין שוועסטער הענריעטא), וואָס קושט זיך מיט א פּרעמיר בחיר (דאָס מיינט זי ראַפּאַלעסקאָן), וואָס מע ווייסט נאָך נישט, צי איז ער איר א חתן, צי א נעבעשיקער טאָג?... דערווייל איז זי נאָך דעם לאָמזשער חזנס א ווייב מיט חופּה וקידושין, און אזא חברהמאַן, ווי ניסל שוואלב, דאַרף וויסן דרך־ארץ... גאָר איצט, בשעת בהלה, און דערצו נאָך דערהערט, אז איר מאַן איז אין טראָבעל, האָט זי גאָר קיין צייט נישט געהאַט זיך אַרומצוקוקן אַפילו. און דאָ האָט זי אָט דער חברהמאַן שוואלב געגעבן צו נעם ביי דער האַנט, זי צוגעפירט גלייך צום טישל און, ווי א מענטש, וואָס רעדט גוט ענגליש, איז ער ארויסגעטראָטן אלס מליץ־יושר פאַרן חזן מיט דער חזנטע מיט זייער גאַנצן מוזיקאַלישן געזינדל, אזוי צו זאָגן (מיר זעצן איבער זיין רעדע אויף אונדזער יידיש לשון):

— מיינע הערן! איך בין באַפּולמעכטיקט אייך פאָרצושטעלן די פרוי פונעם דאָזיקן הער, זיי קאָנען קיינס נישט רעדן קיין ענגליש א וואָרט אפילו. זעט איר די באַליאַסטרע (ער האָט א וויז געגעבן מיט איין האַנט אויפן גאַנצן געזינדל)?

דאָס איז מיט גאָטס הילף א משפּחה פון לויטער מוזיקאנטן, באגאבטע טאלאנטן. זיי אלע, ווי איר קוקט זיי אָן, פונעם פאָטער ביזן קלענסטן קינד, פארדינען זיך זייער שטיקל ברויט, מע קאָן זאָגן, שטיקער גאָלד. נאָר איינע, אָט די דאָזיקע (ער האָט אָנגעוויזן אויף דער הזנטע), זי איז די איינציקע, וואָס פארדינט גאָר־נישט. זי איז נאָר א געטרייע פרוי צום מאן, א מוטער צו די קינדער, א באלע־באָסטע אין שטוב און א קאסירערין פון געלט. די גאנצע קאסע געפינט זיך שטענ־דיק ביי איר אין א גוטן אָרט... ביי דער פרוי ארויסבאקומען א סענט, הערט איר, איז כקריעת ים־סוף!...

דאָס זענען געווען די ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט צו די ארוגים אויף ענגליש. און צו דער חזנטע האָט ער א זאָג געגעבן שוין אויף פּשוט יידיש:

— יידענע! שפּיליעט אויף, זייט מוחל, דעם בוזעם און ארויס מיט די פארעס!...

* * *

שוין אז מע האָט געשטעלט א פוס אויף דער טרוקעניש, אויפן אמעריקאנישן באָדן, האָט ערשט דעמלט דער לאָמזשער חזן ארויסגעזען, אין וואָס פאר א סכנה ער איז געשטאַנען און פון וואָסער א צרה ער איז אויסגעלייזט געוואָרן. האָט ער ארומגעכאפּט זיין באשיצער און זיין אויסלייזער, אויף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך געווען ארומצוכאַפּן אזא פארשוין, ווי ניסל שוואלב, גענומען אים קושן און האלדזן און שטיקן און דאנקען אים מיט טרערן:

— טאַטעניו! הארצעניו! פאָטערל! איר זענט דאָך עפּעס א ייד א חכם! א שלמה המלך! א מלאך פון גאָט! א... א... איך ווייס אליין נישט וואָס! — און ער האָט ווידעראמאָל געוואָלט כאפּן קושן.

— אָבער גענוג! גענוג! — האָט זיך ניסל שוואלב געריסן פונעם חזנס הענט.

— וואָס וויל פון מיר דער ייד? ער וועט מיך באלד דערשטיקן, אָט דער ייד, אויפן אַמעריקאנישן באָדן, איך זאָל אזוי האָבן אלעמענס גוטס!

קאַפּיטל פינף און צוואנציק

געבענטשט זאָל זיין דאָס לאַנד

אין דעם רירנדן מאָמענט, ווען דער לאָמזשער חזן האָט אַרומגעכאַפּט זיין באַשיצער און זיין אויסלייזער צו האַלדזן און צו קושן, און יענער האָט זיך אָפּ־געשלאָגן פון אים מיט ביידע הענט, האָט ניסל שוואַלב דערזען עפּעס אַ באַשע־פעניש אין געשטאַלט פון אַ נקבה, מיט אַ רויטער ראָטאָנדע, מיט אַ ברייט

פּנים, ווי די לבנה אין אָנהייב חודש, מיט אַ פּעטן שמייכל און מיט אַ סך ווייסע ציין.

דאָס באַשעפעניש — האָט ער געזען — האָט זיך פריער אַרויסגעוואָרפן אויף זיין שוועסטער העגריעטאַ. דערנאָך האָט זי זיך געשמאַק צעקושט אויך מיט זיין ברודער איזאַק. און צום סוף איז זי אַרויסגעפאַלן אויף ראַפּאַלעסקאָן, האָט אים אַרומגעכאַפּט מיט אירע גראָבע קורצע הענט און גענומען אים קושן און האַלדזן, ווי אַ שוועסטער, ווי אַ מאַמע, ווי אַ געטרייע מאַמע.

— ווער איז די חיה? — האָט זיך גיסל שוואַלב געווענדט פריער צום חזן, דערנאָך צו דער חזנטע. נאָר דער חזן מיט דער חזנטע זענען אַליין אויך געווען אין די הענט פון אַ בינטל פאַרשיינען, לאָמזשער יידן און ווייבער. זיי האָבן זיך אַרויסגעוואָרפן פריער אויפן חזן, דערנאָך אויף דער חזנטע, דערנאָך אויף דער כאַליאַסטרע, געהאַלדזט און געקושט און צוגעקוועטשט שטאַרק־שטאַרק צום האַרצן.

צווישן די דאָזיקע יידן זענען געווען אַלערליי מינים טיפּן: אַזעלכע, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעגרינט אין אַמעריקע, און אַזעלכע, וואָס זענען נאָך געווען גאַנץ גרין, נישט אָנגעווירן קיין טראָפּן פונעם צלם אלקים, אַפילו די רויטע פּאַטשיילע פונעם האַלדז נאָך נישט אַראָפּגענומען.

אויך די ווייבער זענען געווען פון אַלערליי מינים: גאַנצע און האַלבע יענקי־כעס, וואָס רופן זיך שוין „מיסעס“ און „ליידי“, טראָגן גרויסע „העטס“ אויפן קאָפּ און גאָלדענע ציין אין מויל; און אַזוינע, וואָס קאָנען זיך נישט צעשיידן מיטן שייטל, וועלכעס גייט מיט אַ ווייסן שרונט אין מיטן קאָפּ, פּונקט אַזוי ווי מע טראָגט ביי זיי אין לאָמזשע — אמתע „יענטע־מירלס“...

אַלע די דאָזיקע אויסגערעכנטע טיפּן, סיי די גרינע, סיי די אויסגעגרינטע, סיי די מיסעסן, סיי די „יענטע־מירלס“, — אַלע האָבן זיך מחיה געווען מיט זייערע לאַנדסלייט — מיט דעם לאָמזשער חזן און זיין משפּחה. און אַלע האָבן געשריגן, געליאַרעמט און געפּילדערט, געוואָרפן זיך און געמאַכט מיט די הענט — פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען נישט אין ניו־יאָרק, נאָר טאַקע אין מיטן לאָמ־זשע אויף דער יידישער גאַס.

די לאָמזשער יידן און ווייבער האָבן פּשוט באַפאַלן זייערע לאַנדסלייט, דעם לאָמזשער חזן מיט דער מוזיקאַלישער משפּחה, געמאַכט אויף זיי אַ מין פּאָגראָם, געשלעפּט יעדער צו זיך, דער אויף „ברעקפעסט“, דער אויף „דינער“, דער אויף „סאַפּער“. למען השם, צו מיר! גיין, צו מיר! גאָר אָן אַ שום תירוץ!

דער לאָמזשער חזן מיט זיין געזינדל זענען געווען ווי פאַרכישופט. ווי אַ חלום איז זיי פאָרגעקומען דאָס אַלץ, וואָרעם פון זינט זיי זענען אַוועק פון לאָמ־זשע, פון זינט זיי זענען נע־ונד אויף דער וועלט, אין וויפל צייט זיי האָבן זיך

געוואַלגערט אין לאַנדאָנער ווייטשעפּל, האָבן זיי נאָך אין ערגעץ אַזאַ מין קבלת־פּנים מיט אַזאַ מין ברוך־הבא מיט אַזאַ מין אויפנאַמע נישט געהאַט, ווי דאָ, אויף דעם אַמעריקאַנישן באָדן, און אַפילו נישט געזען אין חלום. נאָכמער: אין לאָמזשע אַליין זענען זיי קיינמאָל ביי קיינעם נישט געווען אַזעלכע אָנגעלייגטע געסט, ווי אָט דאָ, אין דעם גליקלעכן פרייען לאַנד, אין דער גאָלדענער מדינה פון קאָלומבוסן. אַדרבא, דאָרט אין דער היים, צווישן אייגענע, צווישן יידן, זע־נען זיי געווען גרוים ביי איטלעכן אין די אויגן. אויך אין וועג האָט מען זיי אָפּט געגעבן אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש, אַז זיי זענען צו אַ גרויסע משפּחה. אַפילו מיסטער קלאַמער, וואָס איז שוין כלומרשט אַן אייגענער מענטש, אַ שותּף קאָן מען זאָגן, האָט זיי אויך אַ פּאָר מאָל אויפן שיף אַ זאָג געגעבן, אַפילו מיט אַ זים שמייכעלע, למאי זיי האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן „סקאַרב“ פון דער היים, נישט איבערגעלאָזט אַ ביסל קינדער אין לאָמזשע לזכרון?... און דאָ — נאָט אייך פלוצים אַזעלכע געהויבענע געסט, אַזוי טייער, אַז מע צערייסט זיך שיר, מע שלאָגט זיך אַזש פאַר זיי! — געבענטשט זאָל זיין דאָס לאַנד! געבענטשט זאָל זיין דאָס לאַנד!

און דער חזן מיט דער חזנטע קוקן איינס אויפס אַנדערע און לאָזן אַ טרער. און דאָס מוזיקאַלישע געזינדל ווערט ברייטער ווי לענגער. עס טראָגט זיי אין דער לופטן. זיי ווייסן נישט, ווען זיי זאָלן ענטפערן פריער. זיי וועלן, אם ירצה השם, זיין אומעטום, וואָס דען? אַ שאלה אַ ביסל! זיי וועלן, אם־ירצה־השם, זיין ביי אַלעמען. ביי דעם אויף „ברעקפעסט“, ביי דעם אויף „דינער“, ביי יענעם אויף „סאַפּער“. איין מענטש אַליין קאָן זיך טאַקע נישט צעריימען. ס'איז אמת. אָבער אַזאַ געזינדל, קיין עין־הרע, כאַ־כאַ, נישקשה, עס וועט, אם־ירצה־השם, זיין רעכט! עס וועט זיין רעכט!

ניסל שוואַלב שטייט און באַטראַכט די דאָזיקע סצענע, און עס פרייט זיך אים דאָס האַרץ. ווער נאָך ווייסט, אַזוי ווי ער, ווי אָרעם און עלנט אָט דאָס גע־זינדל איז געווען אין לאָנדאָן? פלוצים האָבן זיך באַוויזן ביי זיי אַזויפיל פריינד, און גוטע פריינד! וואָס זשע? ער האָט דען נישט געוווסט פריער, אַז עס וועט אַזוי זיין? געוווסט, ער זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס, ווי ער האָט געוווסט. דערויף איז דאָס אַמעריקע. געבענטשט זאָל זיין דאָס לאַנד! שאדע נאָר, וואָס ער האָט קיין צייט נישט צו גיין צו די דאָזיקע גאַסטפריינדלעכע לייט, זיי אָפּ־דאַנקען פאַרן לאָמזשער חזן און אין איינוועגס טאַקע זיך מיט זיי אַ ביסל בענ־טער באַקענען און מאַכן מיט זיי אַ שמועס וועגן אַמעריטשקע, יאַנקי דאָדל קאָלומבוסעס מדינה... אַן עבירה! ניסל שוואַלבס קאָפּ איז פאַרנומען אין דער מינוט דער שוואַרציאָר ווייסט מיט וואָס, מיט עפּעס אַ שלאַק, אַ רויטע ראָטאָנ־דע, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פריער אויף זיין שוועסטער, דערנאָך אויף זיין ברו־דער און איצט אויף ראַפאַלעסקאָן — און קושט אים, און קושט אים, און קושט

אים, פריער אין איין באַק, דערנאָך אין דער אַנדערער באַק, דערנאָך אין די ליפּן. און ווידעראַמאָל אין איין באַק, אין דער אַנדערער באַק, דערנאָך אין די ליפּן. אַ מעשה אָן אַן עק!

ניין. ניסל שוואַלב׳קאָן דאָס שוין מער נישט איבערטראָגן. גייט ער צו צו דער רויטער ראָטאָנדע, נעמט זי אַוועק פון ראַפּאַלעסקאָן:

—ווער איז די חיה?

עס ווייזט אויס, אַז ראַפּאַלעסקאָ אַליין האָט זיך מחיה געווען, וואָס מען האָט אים אויסגעלייזט פון אַן אָנשיקעניש. ער האָט זיך צערעכט געמאַכט די צעוואָרפענע האָר מיטן צעקניטשטן הינטעלע און שטעלט זיי פאָר איינס פאַר דאָס אַנדערע:

— מיין פריינד שוואַלב... מיין אַלטע באַקאַנטע ברייַ... מאַדאַם טשערניאַק.

שיר־שיר האָט זיך ראַפּאַלעסקאָ נישט אַרויסגעכאַפּט מיט איר אמתן נאָמען: „בריינדעלע קאָזאַק“.

דאָס איז געווען זי.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

בחצוצרות וקול שופר

די צייט, וואָס איינדזער נע־ונדנע אַרטיסטיש־מוזיקאַלישע קאָמונע „קלאַמער, שוואַלב עט קאָמפּ.“ האָט אויסגעקליבן צו קומען קיין אַמעריקע, איז געווען די סאַמע בעסטע, די סאַמע הייסטע צייט, איך וואָלט געזאָגט — די אמתע שניט־צייט אינעם יידישן קוואַרטאַל פונעם פּאַרטומלטן, פּאַרטאַראַמטן, פאַרהאַוועטן, פאַרביזיטן און פאַרבייזנעסטן ניו־יאָרק.

דאָס איז געווען אין דעם חודש, ווען דאָס יידישע לעבן אין די יונייטעד סטייטס פון אַמעריקע הייבט אָן נאָך די לאַנגע שלעפעריקע וואָכן פון זומער־וואַקיישאָן אויפצוואַכן פונעם שלאָף. ווען דער יידישער דופק אין די גרויסע שטעט הייבט אָן צו קלאַפּן שטאַרקער, ווי אַלעמאָל. ווען די יידישע גאַס ווערט נאָך מער יידישלעך, ווי אַלעמאָל. ווען די אַרויסגעבער פון די יידישע בלעטער ווערן שיר נישט צעזעצט פון די שרייענדיקע אַנאָנסן און מוראַדיקע רעקלאַמעס. דאָס זענען מערסטנטייל, אַנאָנסן, וואָס רופן אייך אין שול אַריין, וואָס רעדן וועגן חזנים, מנינים, שופרות, לולבים, אתרוגים, לשנה־טובה־קאַרטן און נאָך אַזעלכע הייליקע זאַכן, וואָס זענען שייך צו גאָט. מיט איינעם וואָרט — דאָס איז געווען יום־טוב־צייט, ערב ראש־השנה, אַ צייט, וואָס מע קאָן זי באַטיטלען מיט דריי ווערטער: בחצוצרות וקול שופר.

פונקט ווי ביי אונדז אין דער אַלטער וועלט, אַזוי אויך דאָ, פון דער זייט ים, אין דער נייער וועלט, זענען די דאָזיקע טעג, די איבערגאַנגס־צייט פונעם אַלטן יידישן יאָר צום נייעם יאָר, פונעם זומער צום ווינטער, אַ צייט פון ליק־ווידירן אַלץ וואָס אַלט און אָפּגענוצט. פון אויפפוצן אַלץ וואָס אָפּגעריבן און אָפּגעוועלקט. פון איבערבייטן מענטשן און דינערשאַפט. פון איבערניצעווען מל־בושים און ישוכוואַרג. פון באַשטעלן מלמדים און חדרים. פון איבערציען זיך און איבערקלייבן זיך, אָדער, ווי מע רופט עס דאָרט, „מופען" פון איין דירה אין דער אַנדערער. מיט איינעם וואָרט — די וועלט איז אומעטום איין וועלט.

„סעזאָן" ווערט אָנגערופן דאָרטן די דאָזיקע טעג.

„סעזאָן" איז אַ גוט וואָרט, אַ טייער וואָרט, דאָס סאַמע ליבע זיסע וואָרט אין דעם דאָזיקן לאַנד פון אַרבעט פאַר יעדן איינציקן גלייך: פאַר דעם, וואָס גיט הענט, ווי פאַר דעם, וואָס זוכט הענט. פאַר דעם, וואָס שוויצט, ווי פאַר דעם, וואָס מאַכט שוויצן. פאַר דעם, וואָס אַ „ניקל" אין אַ מטבע, ווי פאַר דעם, וואָס אַ דאָלאַר איז אַ ממזר. פאַר דעם, וואָס זוכט אַ שטיקל ברויט, ווי פאַר דעם, וואָס זוכט פאַרגעניגן. פאַר דעם, וואָס שמאַכט מיט אַ ווייב און קינדער ערגעץ אויבן גאַנץ הויך, אויפן „טאָפּ־פלאָר", אָדער אונטן, אין „בייסמענט", אָן לופט און אָן ליכט, ווי פאַר דעם, וואָס האָט פאַרבראַכט דעם גאַנצן זומער אויף דאַ־טשעס, דאָרט הייסט דאָס — אין די „קעטסקילס", געשפּילט גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט אין „פּאָוקער", אָדער אין „פּינאָקל", וואָס איז כמעט אַזוי שכלדיק, ווי אונדזער „אָקע" מיט אונדזער „סטוקעלקע", אָדער גאָר אין אַזאַ שפּיל, וואָס מע רופט עס ביי אונדז „פלירט", ביי זיי „פלוירט", און וואָס באַשטייט פון אָפּ־רעדן יענעמס ווייב בשתיקה, אָדער געבן זיך מיט די ווייבער בפרהסיה, מיינס און דיינס און שותפותדיקס, הפקר פּעטרישקע...

„סעזאָן" איז אויך די איבערגאַנגסצייט, די צייט פון באַנייונג, פון אָפּפרי־שונג און אויפלעבונג פון טעאַטער בכלל און אויך פונעם יידישן טעאַטער, וואָס פאַרנעמט נאָך דער פּרעסע אַ בכבודן פּלאַץ אינעם יידישן קוואַרטאַל פון ניו־יאָרק. די יידישע „פּרעסס" ווערט דעמלט ביזי. די יידישע צייטונגען האָבן דעמלט וואָס צו טאָן.

קודם באַווייזן זיך פאַרביילויפנדיקע אַרטיקלען מיטן נאָמען: „נייעס פון דער יידישער טעאַטער־וועלט". דאָס זענען, מערסטנטייל, פליענדיקע נאַכריכטן, אונטערגעכאַפּטע ידיעות, אומשולדיקע ליגנס פון דער קוליסע און אויסגעטראַכטע פּליאָטקעס, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. למשל: אַז דער און דער טעאַטער־מענעדזשער קומט נעכסטע וואָך פון „יוראָפּ" מיט די גרעסטע זינגערינס פון דער פּאַריזער אָפּערע. אַז דער און דער מענעדזשער האָט אויסגעדונגען יענעמס און יענעמס טעאַטער. אַז יענער און יענער מענעדזשער האָט געמאַכט אַריבערמופן צו זיך, אָפּגעהערט הייסט עס, יענעם און יענעם

„סטאַר“. אַז די און די באַרימטע פּרימאַדאָנע פאַרלאָזט די יידישע בינע און גייט אַריבער צו דער אַמעריקאַנער. אַז יענער און יענער באַרימטער אויטאָר, וואָס האָט זיך געמאַכט אומשטערבלעך מיט זיינע מוזיקאַליש=רעאַליסטיש=דראַמאַטישע ווערק, האָט אָנגעשריבן צום סעזאָן דריי רעאַליסטיש=מוזיקאַליש=פּאַטריאָטיש=מעלאָדראַמאַטישע פּיעסן, וואָס האָבן איבערטראָפן אַלץ, וואָס מען האָט ווען געזען אין דיזן לאַנד. דערביי ווערט געגעבן אַ קיצל אין זייט אַריין דעם און דעם „סטאַר“. אַ קניפּ אין בעקל דער און דער פּרימאַדאָנע, אַ שמיר איבער די ליפּן דעם און דעם טעאַטער=מענעדזשער און אַ שמייכל יענעם און יענעם אויטאָר. מיט איינעם וואָרט — דאָס זענען דערוויל נישט מער אַז פּלאַפּלערייען, וואָס די „פּרעסס“ דערלויבט זיך ערב סעזאָן, בעת דער זומער האַלט ערשט ביים אונטערגיין.

גאַנץ אַנדערש זעט עס אויס מיט דער פּרעסע, בעת דער טעאַטער=סעזאָן איז שוין אַריינגעטראָטן און האַלט שוין אין פולן גאַנג. דעמלט, אַז איר עפנט אויף אַ יידיש בלאַט, טוט אייך אַ בליאַסק אין די אויגן אַ גאַנצע ריי פון שרייענדיקע אַרטיקלען מיט מוראדיקע קעפּלעך און פאַרשידענע נעמען. עס שעמערירן פאַר אייך גאַנצע זייטן, דאָרט הייסט עס „פּיידזשעס“, פון אויבן ביז אַראָפּ מיט קידוש=לבנה=אותיות, שיינע גלאַטע ווערטער, הויכע קלינגענדיקע פראַזן, וואָס גיסן זיך ווי בוימל און לייענען זיך גרינג, ווי אַ וואַסער, און רעדן צו אייך וועגן הימלשן פאַרגעניגן, וואָס דער און דער מענעדזשער האָט אָנגעגרייט פון אייערטוועגן, און פון אַן אמתן גן=עדן=גענוס, וואָס איר וועט האָבן אין יענעם טעאַטער. די דאָזיקע שיינע גלאַטע בוימלדיקע אַרטיקלען זענען אַזוי בריהש צונויפגעשטעלט, אַזוי ממזריש אויסגעשטאַטעט, אַז דער פּשוטער נאַיווער לעזער עפנט אויף מויל און אויגן. ער ווייסט נישט, צי איז דאָס אַ לייטאַרטיקל, אָדער, ווי מע רופט עס דאָרט, אַן „עדיטאָריעל“, פונעם רעדאַקטאָר אַליין? צי איז דאָס אַזאַ מין קריטיק, אַ הללויה, אַ לויבגעזאַנג פונעם צופרידענעם אַנטציקטן טעאַטער=רעצענזענט? קיינמאָל אין דער וועלט וועט אים נישט איינפאַלן אין קאָפּ אַ מחשבה, אַז דאָס איז חלילה אַ גוט באַצאָלטער אַנאָנס, דאָרט הייסט עס „אַדווערטייזמענט“, פאַר געלט, אַן אָפּגעדונגענער „פּיידזש“, וואָס דער טעאַטער=מענעדזשער קאָן דאָרט אָנשרייבן, וואָס זיין האַרץ גלוסט. און ער קלאַפּט דאָרט וועגן זיין טעאַטער, קלינגט און פייפט און טרומייטערט בחצוצרות וקול שופר.

„ווילט איר זען עטוואָס ערהאַבענעס, עטוואָס אַזעלכעס, וואָס איר האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען? — צעגיסט זיך איינער אין אַ ציַיטונג און זינגט ווי אַ סאָלאָוויי: — ווילט איר פאַרברענגען כאָטש איין שטונדע אַ גוטע, אַ רואיקע, אין פּאַראַדיז? ווילט איר וויסן, וואָס הייסט אַ הימל=גענוס? ווילט איר הערן דעם ווידערקול פון עכט=יידישן געזאַנג? ווילט איר יאָמערלעך וויינען מיט עכט=יידישע טרערן, ווי אין די „געבראָכענע הערצער“? ווילט איר הערצלעך לאַכן

פון נאַטירלעכן הומאָר אין ריינעם יידישן וויץ, ווי אין די „אָלרייטניקעס“? ווילט איר זעטיקן אייער אויג מיט מאָדערנע רייכע סינערים און פּאַטריאָטישע דעקאָראַציאָנען און אויסשטאַטונג, ווי אין „פּינטעלע ייד“? ווילט איר זען וואונדערבאַרע טענצערינס, ווי נאָך נימאָלס דאָ געוועזן? — קומט זען יעדן אָוונט און מאַטינע דעם גאַנצן יום־טוב די „פּיה שטעקנס“ — די שענסטע און רייכסטע יידישע טראַגי־קאָמישע מעלאָדראַמאַטיש־פּאַטריאָטישע אָפּערעטע, וואָס איז אַמאָל געזען געוואָרן אויף אַ יידישער בינע“.

* * *

„צווישן אַלע פּיעסן אין אַלע יידישע טעאַטערע אויף דיזן יום־טוב שיינט אַרויס די „מנורה“ מיט אַזאַ העלן ליכט, אַז אַלע אַנדערע פּיעסן, וואָס זענען וועו אויפגעפירט געוואָרן, ווערן פאַרטונקלט און גייען גענצלעך פאַרלוירן“. — אַזוי זינגט גאַנץ באַשיידן אַ צווייטער מענעדזשער פון אַ צווייטן טעאַטער. „די „מנורה“, — זאָגט ער ווייטער מיט זעלטענעם אַפּלאָמב, — שטייט צווישן זיי, ווי אַ ריז צווישן קאַרליקעס. מע האָט שוין געזען טרערן אין דיזן לאַנד. טרערן פון פאַרלאָזענע „אַלמנות“ און פון אומגליקלעכע „יתומות“. טרערן פון פאַרלוירענע קינדער און פון אומגעבראַכטע עופהלעד אויף דער בינע. מע האָט שוין געזען בלוט פון פאַראומגליקטע יידישע טעכטער און געשענדעטע פרויען אין די בעסטיאַלישע פּאָגראָמען. מע האָט שוין געהערט געלעכטערן אויפן סטיידזש פון אונדזערע טעאַטערע, נאַטירלעכע געלעכטערן פון האַרצלעכן הומאָר און יידישן וויץ. מע האָט שוין געהערט געזאַנגען און זיסע מעלאָדיען פון באַרימטע פּרימאַדאָנעס. מע האָט שוין געזען טענץ פון די שענסטע טענצערינס פון דער וועלט — זאָ עטוואָס איבעררעשנד־ערהאַבענעם און הימל־הייליקעס האָט מען נאָך אין ניו־יאָרק ני געהערט און ני געזען!“

* * *

אַ דריטער מענעדזשער פון אַ דריטן טעאַטער צעלייגט זיך ווי אַ שטאָטבאַלעבאָס אין זיין „פּייפּער“ און דערציילט זיך גלאַט אַ מעשה: וויאַזוי ער האָט דיזן זומער גלענצנד פאַרבראַכט זיין וואַקיישן אין „יוראָפּ“, אויסגעפאָרן אַלע גרויסע שטעט, באַזוכט אַלע טעאַטערס, זיך צוגעקוקט און צוגעהערט, ווי אַ בין געגאַשט פון אומעטום צו ביסלעך האָניק, און דאָס האָט אים געבראַכט אויף דער אידעע, ער זאָל צונויפשטעלן פאַרן ניו־יאָרקער יידישן פּובליקום אַזאַ יום־טוב־פּיעסע, וואָס זאָל צו גלייכער צייט באַצויבערן דעם צוהערער מיט נאָך ני דאָ געוועזענע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען און אָנפילן דאָס האַרץ מיט עכט־יידישן שטאָלץ און פּאַטריאָטיזמוס. אַ פּיעסע, וואָס זאָל דאַרשטעלן די פיינסטע הערלעכסטע יידישע טיפּן פונעם אַלטן פאַרגאַנגענעם יידנטום מיט די מאָדערנסטע

באַנדיטן פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אַ פּיעסע, וואָס זאָל אַנטהאַלטן עכט-ביבלישע מאָטיוון, העכסט יידישע נאַציאָנאַל-מעלאָדיעס און פּאַטריאָטישע לידער מיט די סאַמע נייסטע טענץ פֿון פּאַריזער באַלעט. דאָס אַלץ צונויפֿשטעלן — שרייבט דער דאָזיקער מענעדזשער-דראַמאַטורג — האָט אים געקאָסט גענוג מי און גענוג געלט. און אַז ער איז נאָך פֿילער מי און אומדערמידלעכער אַרבעט מיט אומגעהייערע גרויסע קאָסטן פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער פּיעסע, איז ער ערשט דעמלט געווען אין דער גרעסטער פֿאַרלעגנהייט — איבערן נאָמען. ער האָט נישט געהאַט דעם פּאַסנדן נאָמען. שטעלט אייך פֿאָר, אַז דאָס סאַמע שווערסטע אין אַ מוזיקאַליש-דראַמאַטישן ווערק איז נישט די מוזיק, נישט די דראַמאַטישע האַנדלונג, נישט די טיפּן, נישט די בילדער און נישט די אויסשטאַטונג, נאָר דער נאָמען. אַ מוזיקאַלישע דראַמע דאַרף האָבן אַ נאָמען, וואָס זאָל קלינגען ווי אַ גלאָק, וואָס זאָל שפּילן ווי אַ פֿידל, וואָס זאָל זינגען ווי אַ פּרימאַדאָנע. און — דאַנקען גאָט — ער האָט געפֿונען, אַז דער ריכטיקסטער נאָמען פֿון אַזאַ ריזיקער מוזיקאַליש-דראַמאַטישער און נאַציאָנאַל-פּאַטריאָטישער טראַגי-קאָמעדיע דאַרף זיין נישט קיין אַנדערער, נאָר „משה“.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

„משה“

דער נאָמען „משה“ איז זייער פּאָפּולער אין דער יידישער טעאַטער-וועלט אין אַמעריקע.

„משה“ אין געגנזגפּיסלעך ווערט דאָרט אָנגערופֿן כעמט דאָס גאַנצע יידישע טעאַטער-פּובליקום.

„משה“ — דאָס איז אַ סימבאָל פֿון נאַיוויטעט, פּראָסטקייט און גראָבקייט.

„משה“ דאָס איז אַ טיפּ פֿון אַ פּשוטן חי-וקים, וואָס מע דאַרף זיך מיט אים נישט צערעמאָניען. מע מעג אים געבן קייען היי און שטרוי. נישקשה, „משה“ האָט אַ גוטן מאָגן, וואָס קאָן אַלצדינג פֿאַרטראָגן.

מע רעכנט, און דאָס איז אַזוי גוט ווי זיכער — אַז דער פֿאַרפֿאַסער פֿונעם וואָרט „משה“ זאָל זיין, לאָז ער מיר מוחל זיין, דער אַזוי גערופֿענער פֿאָטער פֿון דעם יידישן טעאַטער, דער גאָטזעליקער גאָלדפֿאַדען.

איך זאָג: „לאָז ער מיר מוחל זיין“ — דערפֿאַר, ווייל דאָס וואָרט „משה“ ווערט באַגלייט מיט נאָך אַ וואָרט, וואָס דרוקן לאָזט זיך עס נישט און וואָס דער גרעסטער יידיש-אַמעריקאַנישער פּאָעט זשעגירט זיך נישט צו גראַמען עס מיטן וואָרט „קדחת“...

אמת, עס האָבן זיך געפֿונען דאָרט אַזעלכע, וואָס זענען מיטן וואָרט נישט

צופרידן. איינער האָט זיך זאָגאַר אָפּגעריסן און האָט פּלוצים אין אַ שיינעם טאָג אַרויסגעטראָטן מיט אַ פייערדיקן פּראָטעסט אין דער „פּרעסס“ קעגן אַזאַ מגושמדיקער גאָט=לעסטערונג און פאַרשוועכונג פון דעם סאַמע הייליקסטן היסטאָרישן נאָמען, וועלכן מיר פאַרמאָגן. עס האָט אָבער דאָס אויך נישט געהאָלפן. דעם פּראָטעסט האָט מען דורכגעלייענט, זיך גוט אָנגעלאַכט דערביי, און דער נאָמען „משה“ איז פאַרבליבן עד היום הזה נישט נאָר דאָרט, אין קאָלומבוסעס מדינה, ער האָט זיך אַריבערגעקייקלט אויך אַהער צו אונדז, אין דער אַלטער היים, איניינעם מיט זיין באַגלייטונגס=וואָרט, אַזוי אַז ווען עמעצער פון אונדזערע יידישע אַקטיאָרן זאָגט „משה“, ווייסט מען שוין, וואָס ווייטער גייט...

מיט איינעם וואָרט — דער פאַרפאַסער פון דער נאַציאָנאַל=יום=טובדיקער מוזיקאַליש=דראַמאַטישער און פּאַטריאָטישער פּיעסע האָט מיטן נאָמען „משה“ גוט געצילט און נאָך בעסער געטראָפן. פאַר דער פּרימאַדאָנע געפינט זיך דאָרט אַ פּאַטריאָטיש ליד, וואָס עקט זיך מיט דעם די וועלט. די פּרימאַדאָנע זינגט דאָס ליד אַזוי הנעוודיק=זיס, מיט אַזאַ מחיהדיק=זיסער מעלאָדיע, אַז עס צעגייט זיך פּשוט אין יעדן אבר און רופט אַרויס דעם גרעסטן אַפּלויז. דאָס ליד ווערט געזונגען נישט נאָר פון דער פּרימאַדאָנע אַליין. דאָס גאַנצע טעאַטער מיט אַלע אַרטיסטן מיטן כאָר מיטן ווערטן פּובליקום העלפן איר מיט.

„משה“ הייסט דאָס לידל, און געזונגען ווערט דאָס אָט וויאַזוי:

עס דערשיינט די פּרימאַדאָנע, דווקא אַ בילד=שיינע נקבה, און דווקא אין אָפיצערסקער אוניפאָרם, און צעגיסט זיך אין אַ זייער אָנגענעמער מעצאָ=סאָפּראַנע שטימע:

„צי האָט איר נישט געזען מיין משהן?
משה? משה? משה?
ער טוט אויף זאַכן גרויסע!
גרויסע! גרויסע! גרויסע!
געוואַלד, יידישע קינדער, משה!
צי האָט איר נישט געזען משהן?“

דאָ ווערן געוואָרפן אויגן פון דער פּרימאַדאָנע צום ווערטן פּובליקום אויף אַלע זייטן — אין פּאַרטער, אין די באָקסעס, אויף דער גאַלעריע.

רופט זיך אָפּ אַ קול פון ווערטן פּובליקום, פון פּאַרטער, פון די באָקסעס אָדער פון דער גאַלעריע:

— איך הייס משה!

ענטפערט אים די פּרימאַדאָנע מיט זעלטענעם חן:

„ניין! ביסט נישט מיין משה!“

רופט זיך אָן נאָך עמעצער פון פּאַרטער, פון די באָקסעס אָדער פון דער גאַלעריע:

— איך הייס משה.

דעמלט ענדיקט די פרימאַדאָנע, און דער כאָר מיטן ווערטן פובליקום העלפן איר אונטער:

„משה דאָ און משה דאָרט —

משה איז אויף יעדן אָרט".

נאָך די ערשטע צוויי־דריי פאָרשטעלונגען איז דאָס ליד „משה" אָנגענו־מען געוואָרן און צעטראָגן געוואָרן איבער דעם גאַנצן דיסטריקט פון ניו־יאָרק און געזונגען געוואָרן אין שטוב און אין גאַס, אין קיטשען און אין שאָפּ, אין אַלע יידישע רעסטאָראַנס, אין די סטאָרס און אין די פעקטאָריס — אומעטום האָט מען געהערט זינגען נאָר „משה", „משה" און „משה". קיין גרעסערן סוקסעס האָט מען נישט געקאָנט דערוואַרטן. וואָרעם פון אַ נאַציאָנאַל־מוזיקאַליש־דראַמאַטיש־פּאַטריאָטישער פּיעסע, אַז עס בלייבט איבער אַ לידל ביים ווערטן פובליקום, איז דאָס דער בעסטער סימן פון דערפאָלג פאַר דער גאַנצער פּיעסע, אַז זי וועט, אם־ירצה־השם, מאַריך ימים זיין. דער מענעדזשער פון יענעם טעאַטער האָט שוין געקאָנט זיין זיכער, אַז זיין „משה" וועט נישט אַראָפּגענומען ווערן פון רעפּערטואַר אַזוי לאַנג, ווי „משהן" וועט נישט נמאס ווערן זינגען „משה"... לאָזן זיך די קריטיקער קריטיקירן, וויפל זייער האַרץ גלוסט. לאָזן פּעליעטאָניסטן זיך וויצלען איבער די יום־טוב־פּיעסן, זיי אָנרופן מיטן שענדלעכן נאָמען „די נאַרישע וואָך". די מענעדזשערס פון די יידישע טעאַטערס זאָגן, אַז זיי ווייסן בעסער, וואָס „משה" האָט ליב און וואָס מע דאַרף „משהן" געבן. און אויב, זאָגן זיי, עס גייט אין דעם, ווער פאַרדאַרבט אַממערסטן דעם געשמאַק פון ווער־טן פובליקום, צי דאָס טעאַטער, צי די „פּרעסס" — לאָז מען אָקאָרשט אַ בלע־טער טאָן, זאָגן זיי, די יידישע צייטונגען פון אַמעריקע און זען, וואָס פאַר אַ שונד־ראָמאַנען זיי דרוקן דאָרט לכבוד „משהן"... און עס גייט אַוועק אַ הייסע פּאָלעמיק אויף די בלעטער. און עס פאַרפירט זיך אַ בלוטיקער קאַמף צווישן די פאָרשטייער פון די צוויי גרויסע מעכטע אין דער גרעסטער יידישער קהילה פון דער וועלט, צווישן דער יידישער „פּרעסס" און צווישן יידישן טעאַטער — און אַלץ צוליב „משהן". און „משה" לייענט דאָס, וואָס מע שרייבט וועגן אים אויף די בלעטער — און מאַכט זיך דערפון. ווו האָט ער צייט איבעם לאַנד פון „האַהריאָפּ" און פון „העלפּ יור סעלף" זיך אָפּשטעלן און פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, מיט פילאָזאָפיע? דאָס פאַרהאַוועטע, פאַרטאַרעראַמטע און פאַרטומלטע, פאַרביזיטע און פאַרביזנעסטע פובליקום, אויסגעהאָרעוועט און אויסגעמאַטערט פונעם טאָג, קוים דערלעבט דעם אויפדערנאַכט, לאָזט זיך אַוועק אויף דער יידישער גאַס און מע פאַרזאָרגט זיך מיט טיקעטס, און מע פּילט אָן די גאַלעריע מיטן פאַרטער מיט די באָקסעס, און מע שלינגט דאָס זיסע

פּאַטריאָטיש־הנעוודיקע ליד „משה“, וואָס די באַרימטע פּרימאַדאָנע זינגט מיט אַזויפיל חן און זובט מיט די אויגן אין פּובליקום:

„געוואַלד, יידישע קינדער, משה!
זאָגט מיר, ווו איז משה?“

און דאָס ווערטע פּובליקום העלפט איר מיט:

„משה דאָ און משה דאָרט —
משהן טרעפט איר אויף יעדן אָרט“.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

די קאָמונע ברעקלט זיך

דער יום־טוב האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן זיך. „די נאַרישע וואָך“ מיט אירע ווילדע אומגעלומפּערטע יום־טוב־פּיעסן האָט שוין געהאַלטן ביים אונ־טערגיין. די יידישע טעאַטערס פון ניו־יאָרק האָבן שוין געהאַלטן ביי נעמען זיך צום ערנסטן רעפּערטואַר פון לויטער ליטעראַרישע פּיעסן. אויף די גרויסע אַפּישן אין סטריט און אויף דער צווייטער פּיידזש פון די יידישע צייטונגען האָבן זיך באַוויזן די גוט באַקאַנטע נעמען פון דער יידיש־אַמעריקאַנישער טעאַ־טער־וועלט. די „פּרעסס“ האָט געשמועסט פון נייע דראַמען, אָנגערופן נייע נעמען פון אַלטע זאַכן, וואָס זענען פאַרטראָגן געוואָרן איבערן ים פון דער אַל־טער וועלט, קונציק איבערגעניצעוועט אויף דער לינקער זייט און בריהש איבער־געאַרבעט אויפן אַמעריקאַנישן שטייגער, צוגעפּיקסט און אויסגעיידישט אַזוי, אַז מע זאָל מכות דערקענען, פון וואַנען דאָס שטאַמט. מיט איינעם וואָרט — ס'איז געווען „אָלל־רייט“.

גאַנץ ערנסט האָבן די קריטיקער גערעדט פון די האָזיקע נייע פּליים, גע־ווידמעט זיי גאַנצע פּיידזשעס און באַשענקט די אויטאָרן מיט די שענסטע גלענ־צנדיסטע נעמען. איינעם האָבן זיי אָנגערופן זודערמאַן. דעם אַנדערן — הויפּט־מאַן. דעם דריטן האָט מען געבענטשט מיטן נאָמען איבסען. דעם פערטן גע־קרוינט מיטן נאָמען שעקספּיר — דער יידישער שעקספּיר, נאָך גרעסער פון שעקספּיר!...

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז נישט אַלע רעצענזענטן זענען געווען איינפאַר־שטאַנדן און נישט אַלע רעצענזיעס זענען געווען גלייך. ווי עס פירט זיך דאָרט פון קדמונים, האָבן זיך די מיינונגען צעטיילט. שאַרף צעטיילט. דאָס שטיק, וואָס איין קריטיקער האָט אין איין צייטונג אָפּגעלויבט אין טאָג אַריין, אויפגע־

הויבן ביזן הימל, און דעם אויטאָר פאַרגעטערט, האָט דער אַנדערער קריטיקער אין אַ צווייטער צייטונג אומברחמנות אַרונטערגעריסן, די פּיעסע געטראָטן מיט די פיס, פונעם אויטאָר געמאַכט אַש, באַוויזן מיט אותות ומופתים, אַז זינט קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע, איז נאָך גאָר אַזאַ שונד שבשונד נישט באַשאַפן געוואָרן. מיט איינעם וואָרט — דער „סעזאָן“ איז געווען אין רעכטן גלאַנץ, און „משה“ האָט נאָך אַלץ געוועלטיקט אויף דער יידישער גאַס. דער מענעדזשער פון יענעם טעאַטער, וו ס'איז געשפּילט געוואָרן „משה“, האָט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס און זיך באַקלאָגט, אַז ס'איז נישט גוט, זייער נישט גוט: זיין טעאַטער איז צו קליין אויף אַריינצונעמען דאָס גאַנצע פּובליקום, וואָס וויל קומען אַלע נאַכט זען און הערן זיין „משהן“. דערביי האָט ער געמאַכט אַ קרום פּנים פון אַן אומגליקלעכן ראָקפעלער, וואָס ווייסט נישט, וואָס צו טאָן מיט די שווערע מיליאַרדן, וואָס פאַלן אויף אים ווי שטיינער פונעם הימל.

מע קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי די מענעדזשערס פון די איבעריקע טעאַטערס האָבן אים מקנא געווען. אומזיסט געווען זייער וואַרפן זיך אויף אַלע זייטן. אומזיסט געווען זייער אַרויסציען פון קאַסטן די בעסטע סחורה פון די בעסטע דראַמאַטורגן פון דער וועלט. אומזיסט געווען זייער שרייבן אויף זיך, אַז נאָר ביי זיי איז „די אמתע היים פון דער יידישער דראַמע“. „משה“ האָט זיי אַלעמען פאַרטומלט, דעם קאָפּ פאַרשמעליעט, באַזיגט. די אָרעמע טעאַטער־באַלעבאַטים זענען נעבעך געווען אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג, ווען ס'האָט זיך באַוויזן פאַר זיי פלוצים אין אַ שיינעם טאָג אַ קוואַל פון נייע האָפענונגען אויף אויפלעבונג. אַ קוואַל, וואָס האָט זיי געעפנט די אויגן, ממש דערקוויקט, כמעט פון טויט לעבעדיק געמאַכט.

דער דאָזיקער קוואַל איז געווען אונדזער געוויסע קאָמוניע „קלאַמער, שוואַלב עט קאָמפּ.“.

די בלאָנדזשענדע קאָמפּאַניע האָט די ערשטע צייט נאָך איר פאַרבלאָנדזשען קיין ניו־יאָרק נאָך נישט געטאָן גאָרנישט, נאָך געשטאַנען פונדערווייטן און נאָר צוגעקוקט און נאָר באַוואונדערט, וואָס קומט פאָר אין יידישן טעאַטער פון קאָלומבוסעס מדינה. אַ נייער מענטש, אַז ער שטעלט אַוועק אַ פוס אין אַ ניי אָרט אין אַ פרעמד לאַנד, איז ווי אַ שווימער אין אַן אומבאַקאַנטן וואַסער. מע באַדאַרף קודם זיך אַרומקוקן, וו מען איז אין דער וועלט, זיך צוקוקן צו די זייטן, זיך צוהערן צו דער שפּראַך, אַקלימאַטיזירן זיך.

לאַנג זיצן אַזוי איז אָבער אויך נישט קיין פּלאַן. אונדזערע אַרטיסטן פון דער נע־וונדנער טרופּע „קלאַמער, שוואַלב עט קאָמפּ.“ האָבן געקאָנט אַזוי אויפעסן דאָס גאַנצע ביסל מזומנים, וואָס מיסטער קלאַמער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון לאָנדאָן. ביי יעדן פונט שטערלינג, וואָס מיסטער קלאַמער האָט

באַדאַרפט אויסבייטן אויף אַמעריקאַנער דאָלאַרס, האָט ער נעבעך גוט געקרעכצט, אונטערגעטריבן זיינע שותפים, פאַרוואָס זיי נעמען זיך נישט צו דער אַרבעט אַ ביסל געשמאַקער, געגעבן אָנצוהערעניש, געוויינטשלעך מיט גוטן, אַז עס טאָגט שוין ביי אים אין פאַקעט, און אַז אָט־אָט, אָקאָרשט ווי מע זעט נישט, וועט זיין — ווי זאָגט דער איינגלישמען: „גאָ פיי — גאָ שאָו". אויף אונדזער לשון וועט עס הייסן אַזוי גוט ווי: „ניעמאַ פאַפאַ, גיי ליולי"...

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די איבעריקע קאָמפאַניאָנען זענען אַזעלכע קאַפּוליער אָנצוהערענישן געווען נישט אַזוי זיס צו הערן, און מער פון אַלעמען איז דאָס געווען נישט אָנגענעם פאַרן קאָפּ און פירער פון דער קאָמפאַניע, פאַר ניסל שוואַלב. אַלע אויגן זענען געווען געווענדט צום געניאַלן קאָמבינאַטאָר, וואָס וועט ער אויפטאָן, וואָס פאַר אַ קאָמבינאַציע וועט ביי אים געבוירן ווערן? און ניסל שוואַלב איז פאַר זיינע שותפים נישט פאַרשעמט געוואָרן און האָט זיין רעפוטאַציע חלילה נישט פאַרשוועכט. ער האָט ביי זיי געבעטן מער נישט אַז געדולד און באַוויזן זיי, ווי צוויי מאָל צוויי, אַז זיי וועלן דאָ אָנשאַרן געלד, מאַכן אַ פאַרמעגן, איבערשטייגן דזשייקאָב שיף, פאַרשטעקן אין גאַרטל דריי ראָקפעלערס, ער זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס. נישט מער, ניסל שוואַלב האָט מיט זיין געניטן אויג אַרויסגעזען, אַז אינעם דאָזיקן לאַנד, וואָס הייסט אַמעריקע, זענען די געזעצן פון דער אַלטער וועלט נישט געשריבן געוואָרן. אַז דאָס, וואָס פאַר „יוראָפ" איז גוט, איז עס פאַר אַמעריקע אַ שחיטה. ער האָט מיט זיין קאָמבינאַטאָרישן מוח אויסגערעכנט, אַז מיט דער גאַנצער פאַראייניקטער טרופע אַרויסצוטרעטן, ווי ער האָט גערעכנט פריער, קאָן ער דאָ האָבן אַ געוואַלדיקן דורכפאַל און ברעכן ריק און לענד. אַ סך געזונטער וועט זיין פאַר דער קאָמפאַניע, אַז זי וועט זיך דאָ אַרויסווייזן ביסלעכוויז, איינציקוויז. דאָס הייסט, די קאָמפאַניע מעג זיך טאַקע בלייבן אַ קאָמונע, ווי געווען, נאָר זי דאַרף געטיילט ווערן, די קרעפטן דאַרפן געברעקלט ווערן אויף שטיקלעך, אַזוי אַז יעדער איינציקער פון זיי זאָל זיך לאָזן הערן, אַרויסרופן באַוווּנדערונג און מאַכן אַ „סענסיישאָן". דערביי האָט ניסל שוואַלב אַרויסבאַוויזן, אַז נישט נאָר ער איז אַ געניאַלער קאָמבינאַטאָר — ער איז אויך אַ פראַקטישער סוחר, אָדער, ווי עס הייסט אין אַמעריקע, אַ גוטער ביזנעסמאַן. ער איז געגאַנגען, ווי רש"י מאַכט, „כדרך התגרים" — דאָס הייסט, אויפן סוחרישן וועג. אַ פראַקטישער סוחר, אַז ער באַווייזט זיין סחורה, באַווייזט ער פריער דאָס ערגסטע, וואָס ער פאַרמאָגט, און נאָכדעם שוין — דאָס בעסטע. קודם האָט ניסל שוואַלב געזען צו באַשטאַטן די שוועסטער הענריעטאַ די פרימאַדאָנע מיטן ברודער איזאַק דעם טראַגיק.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם ברודער איזאַק, דאַרף מען זאָגן, אַז דאָס איז אים געגאַנגען נישט אַזוי גוט. אַחוץ דעם, וואָס איזאַק שוואַלב איז נישט אָנערקענט געוואָרן אין דער ניו־יאָרקער טעאַטער־וועלט אַלס טראַגיקער, אַחוץ דעם, וואָס

מבינים האָבן אויף אים געזאָגט, אַז אים וואָלט בעסער געפּאַסט צו זיין אַ בּוטשער, אייִדער אַ שוישפּילער, אַז אים וואָלט בעסער געפּאַסט צו זיין אַ מילכמאַן, אָדער אַרומטראָגן אַ „באַררעל אייז־קרעם" אויפן קאָפּ, אייִדער צו זיין אַן „עקטער" און שפּילן טראַגישע ראָלן אין טעאַטער, — אַחוץ די אַלע מעלות איז גלאַט אַן אומגליק מיט די „יוניאָנס" אין דער „יענקישער מדינה". קיין פרעמדן אַקטיאָר לאָזט מען נישט צו צום פּסוק, כאָטש שריי חי־וקים. איזאַק שוואַלב האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי אָננעמען דערווייל אַן אַנדער שטעלע, אַן אַנדער דזשאַב. און וואָס איז באַשטאַנען דער דאָזיקער „דזשאַב", וועלן מיר זען ווייטער. דערווייל האַלטן מיר ביי זיין שוועסטער הענריעטאַ, ביי דער באַרימטער פּרימאַדאָנע פון בוענאָס־איירעס.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

דער שטערן פון בוענאָס־איירעס

ברײַנדעלע קאָזאַק האָט נישט מגזם געווען אין אירע בריוו צו הענריעטאַ דערמיט, וואָס זי האָט געשריבן צו איר, אַז מע וועט זי אין אַמעריקע נישט נאָר פאַרצוקערן, נאָר אַז די מענעדזשערס פון די יידישע טעאַטערס וועלן זיך אַלע שלאָגן פאַר איר, ווי פאַר אַן אבן־טוב. עס איז געווען גענוג, אַז ניסל שוואַלב זאָל זיך באַווייזן מיט זיין שוועסטער הענריעטאַ פריער אין איין טעאַטער, דערנאָך אין אַנדערן, זיי זאָלן ציען אויף זיך די אויגן פונעם גאַנצן פאַרטער־פּובליקום. הענריעטאַ איז אין יענער צייט געווען, קאָן מען זאָגן, אין רעכטן בליען און אין רעכטן גלאַנץ פון איר שיינקייט. דערצו איז זי געווען אַזוי עלעגאַנט געקליידעט, און איר הוט איז געווען אַזוי שרייענד־מאָדערן, און אירע שטיינער, צווישן וועלכע עס זענען געווען מער פאַלשע אַלס עכטע, האָבן איר צוגעגעבן אַזויפיל חן, אַז ווען דער ברודער האָט זי אַריינגעפירט הינטער די קוליסן און פאָרגעשטעלט פאַר די אַקטיאָרן און אַקטריסעס, האָט מען שוין אין פאָרויס געוווּסט, אַז דאָס איז אַ באַרימטע פּרימאַדאָנע, אַ נייער אויפגייענדער שטערן אויפן הימל פון דער יידישער בינע. ווער זי איז און פון וואַנען זי איז — האָט נאָך דערווייל נישט געוווּסט קיינער. דאָס איז מען געוואָר געוואָרן ערשט שפּעטער, אַז אין די צייטונגען האָבן זיך באַוויזן פריער אַרטיקלען, דערנאָך — בחצוצרות־וקול־שופרדיקע אַנאָנסן מיט קידוש־לבנה־אותיות, אַז אין דעם און דעם טעאַטער טרעט אויף אַ נייער ש ט ע ר ן פ ו ן ב ו ע נ אָ ס ־ א י י ר ע ס מיטן נאָמען ה ע נ ר י ע ט אַ ש וו אַ ל ב, וואָס מיט איר סימפּאַטיש אויסזען און שלאַנקער פיגור וועט זי פאַרשעמען אַלע שיינהייטן, וועלכע האָבן ווען עס איז באַ־

טראָטן נישט נאָר די יידישע בינע, נאָר אַלע בינעס פון דיזן לאַנד און פון דער גאַנצער וועלט. און ווייל דער מענעדזשער האָט געהאַלטן ביי רעדן פון שיינ־הייטן, האָט ער זיך שוין דערלויבט צולייגן נאָך עטלעכע ווערטער, אַז אויף דער אויסשטעלונג פון שיינהייטן אין פּאַריז האָט העגריעטאַ שוואַלב באַקומען דעם ערשטן פּרייז.

גענוג. אַנדערע מעלות האָט מען שוין פאַרשפּאַרט אויסרעכענען. דאָס טעאַטער האָט זיך שוין סייווי געבראָכן פונעם פּובליקום, וואָס איז געקומען מקבל פּנים זיין דעם שטערן פון בוענאָס־איירעס, די באַרימטע שיינהייט, וועלכע האָט באַקומען דעם ערשטן פּריז. און ס'איז נייטיק צוצוגעבן, אַז דאָס ווערטע פּובליקום, וואָס איז אַ ביסל געוווינט געוואָרן, מע זאָל עס אַמאָל אָפּבלאָפן, דאָס הייסט, דערציילן, אַז אויפן הימל אי'ז אַ יאַריד, איז איצטיקס מאָל געווען באַ־פרידיקט אויפן בעסטן אַרט און האָט אויפגענומען דעם שטערן פון בוענאָס־איירעס מיט אַזאַ מין דונערנדיקן אַפּלויז, וואָס נאָר אין אַ יידיש טעאַטער אין ניו־יאָרק קאָן אַזעלכעס געמאָלט זיין.

עס איז גרינג זיך פאָרצושטעלן, מיט וואָס פאַר אַ טאָן ניסל שוואַלב האָט גערעדט מיטן מענעדזשער פון טעאַטער, אַז ער איז געקומען צו דער צווייטער פאָרשטעלונג שמועסן וועגן באַדינגונגען און דערזעען אַז אַנשלאַג ביי דער קאַסע: „קיינע טיקעטס מער". ניסל שוואַלב האָט גאָר פאַרגעסן, אַז די מעשה מיטן ערשטן פּריז אין פּאַריז האָט אויסגעטראַכט דער מענעדזשער פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע, און ער האָט גענומען דערציילן מיט היץ, מיט פייער, ווי זיין שטיי־גער איז, ניסים ונפלאות, וויאַזוי זיין שוועסטער האָט באַקומען דעם דאָזיקן פּרייז. וויאַזוי די אַלע איבעריקע ביילד־שיינע פרויען האָבן איר מקנא געווען, נישט פאַרגונען. וויאַזוי די דירעקציע אַליין איז געווען אויפגערעגט, אַז מען איז געוואָר געוואָרן, אַז זי איז אַ יידישע טאָכטער. וויאַזוי מע האָט שיר־שיר נישט צוגענומען ביי איר דעם ערשטן פּריז. אַ גליק, וואָס ער, ניסל שוואַלב, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, געוואָלט מאַכן זיי אַלעמען אַ סקאַנדאַל. און נישט נאָר גע־וואָלט, נאָר טאַקע געמאַכט זיי אַ סקאַנדאַל. ער האָט זיי געזאָגט דאָס און דאָס, אַזוי און אַזוי...

ניסל שוואַלב האָט געמוזט איבערהאַקן אינמיטן, ווייל סאַמע דאָ האָט ער דערפילט, ווי עמעצער האָט אים אָנגעטראָטן אויפן פוס, נאָר אַזוי שטאַרק, ווי דאָס וואָלט געווען אַ פוס פון אַ סאָלדאַט פון דער גוואַרדיע. צום סוף איז דאָס גאָר געווען ברייטנדעלע קאָזאַקס פוס. דאָס האָט זי אים אָנגעטראָטן, ער זאָל זיך אַ ביסל איינהאַלטן. ווי קומט אהער ברייטנדעלע קאָזאַק? — סטייטש, דאָס איז זי דאָך געווען די רעכטע מעקלערין פון דער פּרימאַדאָנע שוואַלב. דאָס האָט זי דאָך אַראָפּגעבראַכט פון לאָנדאָן דעם „שטערן פון בוענאָס־איירעס". היינט ווי איז דאָס מעגלעך, מע זאָל רעדן פון באַדינגונגען — און זי זאָל נישט זיין

דערביי? ביסל שוואַלב האָט זיך גאָכדעם נישט געוווּנדערט דערויף, וואָס ער איז מיט זיינע מעשׂיות פאַרקראָכן אַ ביסל צו ווייט. ער האָט זיך נאָר געוווּנדערט, ווי קומט צו אַ נקבה אַזאַ שווערער פּוס?

גליקלעכע העגריעטאַ! זינט זי איז אויף דער בינע, זינט זי איז אַ פּרימאַ־דאָנע, האָט זי נאָך אַזאַ אויפנאַמע נישט געהאַט אין ערגעץ, ווי דאָ אין ניו־יאָרק. אַזעלכע דונערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן האָט זי נאָך נישט געהערט, זינט זי לעבט אויף דער וועלט. ניין, דאָס זענען נישט געווען אַפּלאָדיסמענטן פון מענטש־לעכע הענט. אַ מענטשלעכע האַנט איז דען אימשטאַנד אַרויסצולאָזן אַזעלכע הייליקע קולות? אַזוי הילכיק דונערט עס נאָר, ווען מע פּאַטשט קישנס, ווען מע שלאָגט אויס בעטגעוואַנט, ווען מע רייניקט דורך דויכוואַרג זומער אויף דער זון מיט גוטע שטעקנס, אָדער, ווייניקסטנס, ווען מע גיט אייגעם אין די הענט אַריין צוויי ברעטלעך און מע זאָגט אים: „קלאַפּ! שנייד! בראָק אויף וואָס די וועלט שטייט!“...

מיר מוזן זיך מודה זיין צום סוף און אויסזאָגן פונעם סוד, אַז גאַנץ אויבן אויף דער גאַלעריע זענען געווען אַזעלכע מענטשן מיט אַזעלכע „כּלים“ אין די הענט, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם האַזיקן שטורעם אַלע מאָל, ווען דער שטערן פון בוענאָס־איירעס האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, אָדער באַדאַרפט פאַרלאָזן די בינע. דאָס טעאַטער איז שיר נישט צעפאַלן געוואָרן פון אַזאַ דונערן מיט אַזאַ שטורעמען. דאָס אונטערשטע פּובליקום האָט מיט שרעק געקוקט אַרויף, געוואָלט זען, פון וואַנען גייט דער קראַך, און האָט אַליין אויך געהאָלפן דונערן און שטורעמען. דאָס ליגט שוין אין דער טבע פון אַ פּובליקום, וואָס דאַרף נאָר האָבן דעם ערשטן סיגנאַל. ווער איז דאָס מחויב צו וויסן, פון וואַנען עס גייט דער סיגנאַל? ווען וועט דאָס, אַשטייגער, איינפאַלן אין קאָפּ, אַז דאָרט ערגעץ זיצן מענטשן מיט „כּלים“ אין די הענט, אָנגעגרייט אויף צו מאַכן אַ דערפאָלג דער פּרימאַדאָנע, און אַז צווישן די דאָזיקע „קלאַפּערס“ געפינט זיך טאַקע איר אייגענער ברודער?

יאָ. דער ערשטער צווישן די „קלאַפּערס“ איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי אונדזער באַקאַנטער טראַגיקער איזאַק שוואַלב — און דאָס איז טאַקע גע־ווען זיין „דזשאָב“, וואָס זיין ברודער ביסל האָט אים אָוועקגעגעבן דערווייל אויף דער ערשטער צייט אין אַמעריקע.

סיק טראַנזיט גלאָריאַ מונדי — זאָגט אַ לאַטייניש שפּריכוואָרט. אויף אונדזער יידיש, אַז מיר זאָלן עס וועלן איבערזעצן אַ ביסל פרייער, וועט דאָס הייסן: אָט אַזוי ווערט אַמאָל פון אַ טראַגיק אַ קלאַפּער.

קאַפּיטל דרייסיק

דער לאַמזשער סאָלאָוויי

אונדזער קאָמונע „קלאַמער, שוואַלב עט קאָמפּ.“ איז געגאַנגען אין אַמעריקע, קאָן מען זאָגן, דורך טיר און טויער. אין דער זעלבער צייט, וואָס דער „שטערן פון בוענאָס־איירעס“ איז אויפגעגאַנגען אויפן הימל פון דער יידישער בינע, האָט זיך געלאָזט הערן אין דער יידישער „פּרעסס“ אַ קול־נגינה פון אַ „לאָמזשער סאָלאָוויי“, וואָס די בלעטער האָבן אויפגעכאַפּט און צעפּויקט איבער גאַנץ אַמעריקע.

הכל תלוי במזל — ס'איז נאָר אַ גליק־זאַך. אין לאָנדאָן איז דער דאָזיקער חזן געלעגן פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, זיך געוואַלגערט אין אַ קעלער, געשטאַרבן, נישט היינט געדאַכט, מיט דער גאַנצער משפּחה דריי מאָל אַ טאָג פון הונגער, געמוזט אָנקומען צו די טובות פון די לאָנדאָנער „משאַרעטיעס“ און צו די עצות פון אַזעלכע גוטע מענטשן, ווי מיסטער קלאַמער. און דאָ, אין ניו־יאָרק, איז ער מיט אַמאָל מפורסם געוואָרן, אויסגעוואַקסן מיט דריי קעפּ העכער און באַקומען אַ נאָמען, וואָס קלינגט פון איין עק שטאָט ביזן אַנדערן.

אין אַלע בלעטער און אויף אַלע בלאָקס אויף די אַפישן האָט איר געקאָנט יענעם סעזאָן לייענען יעדן טאָג די דאָזיקע שרייענדיקע בחצוצרות־וקול־שופרדיקע אַנאָנסן:

„קומט היינט אין אונדזער טעאַטער הערן דעם לאָמזשער סאָלאָוויי זינגען כל־נדרי מיט זיין קאַפּעליע, וואָס דער קעניג געאָרג האָט באַוואונדערט!“

ווי אַרום איז דאָס אויסגעוואַקסן דער לאָמזשער חזן אין טעאַטער? און פון וואַנען האָט זיך עס גענומען אַהער דער גאָט די נשמה שולדיקער קעניג געאָרג?

— אונדזער פריינד לעזער דאַרף אַזעלכע קשיות נישט פרעגן. ער דאַרף זיך נאָר דערמאָנען, אַז מיר זענען מיט אונדזער קאָמונע נישט אין יעהופּעץ, נאָר אין דער גאָלדענער מדינה פון קאָלומבוס, אינעם פרייען גוטן גליקלעכן לאַנד, וואָס הייסט אַמעריקע.

* * *

וואָס מע וויל, קאָן מען זאָגן אויף אונדזערע ברידער אין דער גאָלדענער מדינה: למשל, אַז זיי זענען אַ ביסל צו להוט נאָך די ביזנעס, אַז זיי וואַרפן זיך אַרויף אויפן אַמעריקאַנער לעבן מיט אַן אומגעהייערער זשעדנעקייט, ווערן גיך אַמעריקאַניזירט, ווילן אויסזען מער אַמעריקאַניש, ווי די אַמעריקאַנער אַליין,

און נאָר אַזעלכע זאַכן, וואָס ביי אײַנעם איז עס אַ חסרון, ביים אַנדערן — אַ מעלה, — איין שבח מוז מען אויף זיי נאָכדערציילן, אַז דעם אַלטן פּסוק פֿון אונדזער אַלטן חומש: „ואהבתם את הגר“ — איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן, ווייל איר זענט אַליין געווען פרעמדע — דעם דאָזיקן פּסוק פֿאַרגעסן זיי קיינמאָל נישט און ווען נישט פֿאַרגעסן, אַפּילו ווען זיי זאָלן ווערן אויסגעגריגט אויפֿן גרעסטן אופֿן. איך זאָל וויסן, אַז מע וועט מיך נישט באַשולדיקן, אַז איך בין מגזם, וואָלט איך זאָגן, אַז אין דער מצווה פֿון הכנסת־אורחים איז האָרט יעדער ייד כמעט אַן אַברהם־אָבינו. אַן אורח, נישט נאָר אַ קרוב, נאָר גלאַט אַ לאַנדסמאַן, איז ביי זיי אַ גאַנצער אַנטיק. יעדער אַמעריקאַנער ייד, וואָס איז אַליין אַמאָל געווען אַ געפּלאָגטער און פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון עמיגראַנט, קוים האָט ער זיך ארויסגעאַרבעט אויף אַ שטיקל מעמד, וועט ער זיך נישט באַרואיקן, ביז ער וועט נישט אַראָפּברענגען אייניציקווייז די איבעריקע משפּחה פֿון דער אַלטער היים. ער זאָל נאָר קאָנען, וואָלט ער, דאַכט זיך, אַ בעלן געווען, אַז דאָס גאַנצע שטעטל זיינס מיטן רב און מיטן שוחט און מיטן חזן זאָל זיך אַריבערפּעקלען צו אים אין זיין נייער געבענטשטער היים. לאָזן אַלע זען, וואָס פֿאַר אַ לעבן ער מאַכט אין דער גאָלדענער מדינה פֿון קאָלומבוסן, און לאָזן זיי אויך מאַכן אַ לעבן.

מע דאַרף נישט מיינען, פֿונדעסטוועגן, אַז מיר זענען גענייגט צו זינגען אַ דיטיראַמב, אַ לויב־ליד צו אונדזערע אַמעריקאַנער ברידער און אַרויסשטעלן זיי אַלע פֿאַר צדיקים גמורים. מענטשן זענען אַלעמאָל און אומעטום נאָר מענטשן. קומט אַראָפּ אַ לאַנדסמאַן, נעמט מען אים אויף מיט דער גרעסטער גאַסטפֿריינד־לעכקייט. מע ווייסט נישט די ערשטע צייט, וווּ מע זאָל אים אַוועקזעצן. מע איז זיך מיט אים משמח. מע שטאָלצירט מיט אים. מע גיט אים די בעסטע עצות. מע ווייזט אים דעם ריכטיקסטן וועג. מע שטיצט אים אָפּטמאָל אונטער מיט אַ מזומנעם דאָלאַר, אַזוי ווייט ווי מע קאָן. דאָס אַלצדינג איז אָבער נאָר אויף דער הייסער שעה. די צייט שטייט נישט. פֿאַראַן אַ פּסוק ביי זיי, אַ האַרטער פּסוק: „טיים איז מאָני — צייט איז געלט“. אַוועק די הייסע שעה, זאָגט מען צו אים: „אַצינד, מיסטער, צו דער אַרבעט! דאָס לאַנד איז פֿאַר דיר אָפֿן, גיי, ברודערל, מאַך אַ לעבן“...

אין דער פֿרישער אורח, אויסגערוט און אַרומגעקוקט זיך, גייט אַרויס אויף דער קאָכנדיקער גאַס און בלייבט אַ פֿאַרטומלטער.

וואָס איז די מעשה?

אינעם דאָזיקן פֿאַרהאַוועטן, פֿאַרטאַראַמטן לאַנד פֿון „האַרריאָפּ“, ווו קיינער האָט קיין צייט נישט און אַלע זענען פֿאַרביזיט פֿון גאַנץ פֿרי אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַז עס קומט צו פֿאָרן אַן אורח, דאַרף ער נישט וואַרטן, ביז עמעצער וועט אים אָפּשטעלן אין גאַס, אַריינרוקן אַ שלום־עליכם, מכבד

זיין מיט אַ שמעק־טאַבאַק און פרעגן: „מה שמכם?" — ער וועט דאַרפן דערויף לאַנג וואַרטן. ניין. דאָס איז אַ לאַנד פון זעלבשטענדיקייט. אַ לאַנד, ווו יעדער איז אַ באַלעבאָס אויף זיך אַליין. אַ לאַנד, וואָס האָט אויסגעאַרבעט אַן אייזערנעם פּרינציפּ: „העלפּ יור סעלף" — העלף זיך אַליין. אויף אונדזער לשון וועט דאָס הייסן אַזויפיל, ווי: „פּעטער, שטייט מיר נישט אויפן וועג!" „פּעטער, אַקערט מיט דער נאָז, אַרבעט מיט די זייטן!" אָדער: „פּעטער, איר קאָנט גיין שטאַרבן, אויב איר האָט נישט וואָס צו עסן". ניין. אין אַזאַ לאַנד דאַרפט איר נישט וואַרטן אויף כיבוד און אַרויסקוקן אויף ניסים. איר באַדאַרפט אַליין זיך מטריח זיין אָפּשטעלן יעדן איינציקן און אַרויס מיטן לשון: „סער, איך בין דער און דער און קאָן דאָס און דאָס — אפשר דאַרפט איר הענט?"... הענט — דאָס איז דער עיקר. נישטאָ קיין מענטשן, נאַר הענט. הענט, וואָס ליגן פּאַר. הענט, וואָס רעדן. הענט, וואָס שרייען: „הענט! הענט!" — און וואָס העכער איר וועט שרייען „הענט" — איז אַלץ בעסער פאַר אייך.

נאָר איר דאַרפט נישט זיין נאַיוו און מיינען, אַז ס'איז גענוג, אַז איר אַליין דאַרפט אַרומגיין איבער דער סטריט און צו שרייען: „הענט! הענט!" ניין. דערויף איז געגעבן געוואָרן אַ „פּרעסס". דערויף זענען באַשאַפן געוואָרן צייטונגען, וואָס באַדינען דאָס ברייטע פּובליקום און וואָס זענען באַזעצט און פאַרזייעט, דורכגעשפּיקעוועט און אָנגעניזשעט מיט לעבעדיקע אַדווערטייזמענטס און שרייענדיקע אַנאָנסן פון אויבן ביז אַראָפּ, וואָס רעדן וועגן זיך, קלינגען, פּייפן און טרומייטערן בחצוצרות וקול שופר! און ווער נאָר עס וויל אין דעם לאַנד מאַכן אַ לעבן, און ווער נאָר עס וויל זיין באַוואָרנט, אַז ער זאָל אין דעם פרייען גאָלדענעם אַמעריקע נישט אויסגיין שטילערהייט פון הונגער, — דער מוז אָנקומען צו דער הילף פון דער „פּרעסס". דער מוז — צי ער וויל, צי ער וויל נישט — אַדווערטייזן זיך אין אַלע בלעטער, אָפּלויבן זיך אַליין און זיין סחורה אין טאָג אַריין, קלינגען אין אַלע גלעקער, פּייערן און טרומייטערן ב ח צ ו צ ר ו ת ו ק ו ל ש ו פ ר!

די דאָזיקע לאַגע האָט באַלד פאַרשטאַנען אונדזער פירער פון דער קאָמונע. ער האָט אָנגעשמעקט מיט זיין נאָז און געכאַפּט מיט זיין אויג, אַז מע טאָר נישט מאַכן לאַנגע שהיות, אַז מע באַדאַרף נעמען די לייצעס אין איין האַנט, די בייטש אין דער אַנדערער האַנט — און מאַרש! ודערצו האָט אים מיטן לאָמזשער חזן צוגעשפּילט אַ ביסל די צייט און אַ ביסל די הצלחה. די צייט איז געווען, ווי מיר ווייסן שוין, ימים־טובים־צייט, ווען חזנים זענען אין אַמעריקע אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל. און די הצלחה איז געווען, וואָס אַקוראַט צו זייער אָנקומען קיין ניו־יאָרק איז אַ געוויסע „סאָסייעטי" געבליבן אָן אַ חזן. און כאָטש די סחורה איז אין אַמעריקע דאָ איבערגענוג, אַזוי, אַז אויף דעם ערשטן אַנאָנס: „עס ווערט געזוכט אַ חזן אויף ימים־נוראים" — האָבן זיך אַ שאָט געגעבן חזנים

פון דער וועלט, און אונדזער לאָמזשער חזן איז אויסגעקומען אויסצושטיין אַ געוואַלדיקן קאָנקורס, האָבן זיך אָבער אַריינגעמישט זיינע לאָמזשער לאַנדסלייט, און אונדזער לאָמזשער חזן איז געוואָרן „אָלל־רייט“.

דאָס איז אָבער געווען נישט מער ווי אַ אינטערמעצאָ, אַן הקדמה צו דער קאַריערע פונעם לאָמזשער סאָלאָוויי. אַן אַמעריקאַנער סאָסייעטי דאַרף אַ חזן נאָר אויף ימים־נוראים, און פון ימים־נוראים אַליין קאָן מען קיין לעבן נישט מאַכן. דאָ האָט זיך אַרויסבאַוויזן אונדזער קאָמבינאַטאָר ניסל שוואַלב מיט זיין אונטערנעמונגס־טאַלאַנט. ער האָט אָפּגעדונגען אַ האָל און געלאָזט אָפּדרוקן אין אַלע בלעטער אַזאַ מין אַנאָנס:

„אַ מענטש אַ סאָלאָוויי. אַ האַלדז אַ קלאַרנעט. אַ קול אַ פידל“. דאָס איז דער וועלט־באַרימטער לאָמזשער חזן מיט זיין אייגענעם כאָר. ער וועט זינגען כל־נדרי אין דעם און דעם מוזיק־האָל מיט באַגלייטונג פון זיין אייגענער קאַפּעליע אויף אַלערליי אינסטרומענטן, וואָס האָבן געשפּילט פאַרן קעניג געאָרג“.

דער ערשטער קאָנצערט איז געווען אויך דער לעצטער קאָנצערט, ווייל אויף מאָרגן אין דער פרי איז אונדזער ניסל שוואַלב און זיין געלט־שותף מיסטער קלאַמער געזעסן ביי אַ גלאָז ביר און אַ האַוואַנאַ־סיגאַר מיט אַ מענעדזשער פון א יידיש טעאַטער און אונטערגעשריבן אַן אַגרימענט אויף דרייסיק ספּעקטאַק־לען, אין וועלכע דער „לאָמזשער סאָלאָוויי“ מיט זיין קאַפּעליע דאַרף זינגען אַלע נאַכט כל־נדרי אין דער באַרימטער אָפּערעטע, וואָס הייסט טאַקע מיטן נאָמען „כל־נדרי“.

נאָכדעם ווי דער אַגרימענט איז געווען אונטערגעשריבן, און דער מענע־דזשער האָט אים אַריינגעלייגט אין זייט־קעשענע, אַזוי האָט מיסטער קלאַמער באַלד חרטה געקריגן אויפן געשעפט און געוואָלט עסן דעם קאָמפּאַניאָן, ניסל שוואַלב, למאי ער האָט זיך אַזוי געאיילט פאַרהאַנדלען אַזאַ סחורה בחצי חינם. א סימן — נאָך די ערשטע עטלעכע ספּעקטאַקלען האָט דער זעלבער טעאַטער־מענעדזשער אונטערגעשריבן מיט זיי אַ נייעם אַגרימענט אויף נאָך דרייסיק ספּעקטאַקלען פאַר אַ פּרייז פונקט דריי מאָל אַזויפיל. דאָס האָט געבראַכט דער־צו, אַז די צוויי שותפים, מיסטער קלאַמער און ניסל שוואַלב, זאָלן זיך דעם ער־שטן מאָל אויפן אַמעריקאַנישן באָדן צעקאַמפּערן, צעווערטלען זיך, אָנרופן איינס דאָס אַנדערע מיט פאַרשידענע נעמען, וואָס מיר קאָנען בשום אופן זיי נישט ברענגען, ווייל זיי פּאַסן זיך נישט פאַר אַזעלכע דזשענטללייט, ווי די דאָזיקע צוויי. אַזאַ ווערטלען זיך האָט געקאָנט געשלאָסן ווערן מיט אַ מיאוסן סקאַנדאַל, וואָרעם איינער פון זיי (ניסל שוואַלב) האָט שוין געהאַט אָנגעבאָטן מזומנע פעטש פאַר זיין קאָמפּאַניאָן (מיסטער קלאַמער). אַ גליק, וואָס דער חזן מיט דער חזנטע האָבן זיך אַריינגעמישט און באַצייטנס צעגומען די צעקאַמפּערטע קאָמפּאַ־

ניאָנען, זיי דערמאָנט, אַז זיי שטייט פאָר זייער אַ וויכטיקע אַרבעט, אויב נישט די וויכטיקסטע: באַשטאַטן ראַפאַלעסקאָן. דערווייל האָט די חזנטע געמאַכט זייער אַ שיינעם סאַפּער פאַר דער גאַנצער קאָמונע, איינגעלאַדן די מאַדאַם טשערניאַק (בריינדעלע קאָזאַק) און אַ פאָר לאָמזשער לאַנדסלייט, וואָס האָבן צוגעזאָגט קומען מיט זייערע „מיסעסן” פאַרברענגען מיט זייער לאַנדסמאַן, דעם לאָמזשער סאָלאָוויי, אַן אָוונט, באַקענען זיך מיט זיינע קאָמפּאַניאָנען און געבן אַ לעב אונטער, ווי גאָט האָט געבאָטן.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

א מאָדנע ביאָגראַפיע

„באַשטאַטן” ראַפאַלעסקאָן איז געווען נישט אַזוי לייכט, ווי אונדזערע שותפים די קאָמוניסטן האָבן זיך געקאָנט פאָרשטעלן. ערשטנס, האָט מען ראַפאַלעסקאָן כמעט נישט אָנגעקוקט אין די אויגן, פון זינט מען איז געקומען קיין אַמעריקע. גאַנצע טעג פירט ער זיך אַרום מיט דער מאַדאַם טשערניאַק — „טאָמער ווייסט איר, וואָס פאַר עסקים ביי אים מיט אָט דער חיה?” — און קומט אויפדערנאַכט, זעט מען אים נישט. ער איז אויסן אומעטום, אויף אַלע קאָנצערטן, אין אַלע טעאַטערס אינעם אַריסטאָקראַטישן גויישן ניו־יאָרק, וואָס מע רופט עס „אַפּטאַון”, גלייך ווי ער וואָלט געקומען אַהער צו די גויים, נישט צו די יידן. גלייך ווי נישט דאָס יידישע טעאַטער האָט פאַר אים אַן אינטערעס. גלייך ווי ער וואָלט נישט זיין קיין יידישער אַרטיסט, קיין בלאָנדזשענדער שטערן פון דעם יידישן נע־ונדנעם טעאַטער, קיין קינד פונעם יידישן געטאָ.

די ערשטע צייט האָבן אונדזערע קאָמוניסטן דערויף זיך נישט אַזוי שטאַרק אַרומגעקוקט. אַ יונגערמאַן — האָבן זיי זיך געטראַכט — דאָס ערשטע מאָל אין אַ פרעמד לאַנד, לאָז ער זיך אַ ביסל אַרומזען. ווייטער־ווייטער אָבער האָבן זיי אָנגעהויבן קוקן אויף אים קרום, נאָכפרעגן זיך, וווהין ער גייט און וואָס ער טוט, און גענומען אים זאָגן מוסר, למאי ער קוקט זיך נישט צו צו דעם, וואָס ער באַדאַרף? למאי ער שטודירט בעסער נישט די י י ד י ש ע בינע אינעם יידישן ניו־יאָרק, וואָס הייסט „דאַון־טאַון”, און למאי ער זעט נישט עפּעס נאַשן פון די באַרימטע אַמעריקאַנער יידישע „סטאַרס”?

דערויף האָט זיי ראַפאַלעסקאָ אָפּגעענטפערט, אַז די יידישע בינע פאַרשפּאָרט ער צו שטודירן, ער קען זי שוין דורך און דורך, און אויב עס קאָן זיין אַ רעדע פון „נאַשן”, קאָן עס נאָר מעגלעך זיין ביי די אומות העולם, אין די אַמעריקאַנער גרויסע טעאַטערס.

דאָס איז אָבער געווען מער נישט אַזאַ תירוץ פאַר די בענטשליכט. ראַפּאַלעסקאָ איז געווען פאַרנומען אין ניו־יאָרק מיט זיינע אייגענע ביזנעס, ווי מיר וועלן אין גיכן געוואָר ווערן. די קאָמוניסטן האָבן אָבער דערמיט נישט געקאָנט זיין צופרידן. זיי האָבן געוואָלט דורכויס, אַז זייער שפיגל ראַפּאַלעסקאָ זאָל וואָס גיכער אויפטרעטן פאַרן ניו־יאָרקער יידישן פובליקום, באַווייזן ווער ער איז און וואָס ער איז.

נאַטירלעך, האָט ניסל שוואַלב געטאָן, וואָס ער האָט געקאָנט. ער האָט קודם באַקאַנט געמאַכט אַלע רעפּאָרטערס פון די יידישע צייטונגען מיט דער ביאָגראַפיע פון לעאָ ראַפּאַלעסקאָ אין קורצן. ער האָט זיי איבערגעגעבן, יעדן באַזונדער בסוד, אַז ראַפּאַלעסקאָ שטאַמט פון דער אָנגעזעענסטער יידישער פאַמיליע אין בוקאַרעשט. אַז זיין פאָטער — סעמיואיל ראַפּאַלעסקאָ — איז איינער פון די רייכסטע באַנקירן אין רומעניע, וואָס האָט באַקומען בירגער־רעכט פונעם קעניג אַליין. נאָר עס האָט אים אָפּגעקאָסט אַ מעגנגע! נאָך קינדוויז האָט דער קליינער לעאָ אַרויסבאַוויזן געוואַלדיקע אַרטיסטישע פעיקייטן און געחלומט שטודירן „קונסט“, האָבן די פאַנאַטישע עלטערן נישט געוואָלט נישט הערן, נישט זען. איז זיך מיישב דער יונגער לעאָ און שטעלט זיך פאָר איינמאָל פאַר דער רומענישער קעניגין, די באַוווסטע דראַמאַטישע שריפטשטעלערין קאַרמען סילוואַ...

— קאַרמען סילוואַ איז אַ שריפטשטעלערין פון נאָוועלן, — רייסט אים איבער דער רעפּאָרטער. נאָר ניסל שוואַלב פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך. ער דערציילט ווייטער:

—אָבער אַ מבינטע אויף דראַמע איז זי שוין? נו, אַלזאָ, האָט זיך אונדזער לעאָ פאָרגעשטעלט פאַר איר און פאָרגעלעזן אַ פאָר מאָנאָלאָגן, איז די קעניגין אַזוי אַרויס פון די כלים, אַז זי האָט אים אויף איר רעכענונג געגעבן שטודירן אין גרעסטן רומענישן טעאַטער. דער יונגער ראַפּאַלעסקאָ אָבער האָט תמיד געשטרעבט צו דער יידישער בינע. „איך בין, זאָגט ער, אַ קינד פון יידישן פאָלק, און איך דאַרף, זאָגט ער, דינען מיין פאָלק, מיין שפּראַך, נישט קיין פרעמדע“. און איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ יידישער וואַנדער־טרופע, וואָס האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אין יענער צייט איבער רומעניע פון שטאָט צו שטאָט. דער דירעקטאָר פון יענער טרופע איז געווען איינער אַ געוויסער אַרטיסט און אַ הויכגעלערנטער דראַמאַטורג האָלצמאַן, בערנאַרד האָלצמאַן, דער באַרימטער פּראָפעסאָר פון דעם באַרימטן ווערק „אוריאל אַקאָסטאַ“...

דאָ האָט אים דער רעפּאָרטער געמוזט איבערברעכן:

— עקסקיוז מי, מיסטער שוואַלב, דער פּראָפעסאָר פון „אוריאל אַקאָסטאַ“ איז נישט האָלצמאַן, נאָר קאַרל גוצקאָוו.

ניסל שוואַלב איז אָבער נישט פון די, וואָס פאַרלירן זיך. ער פאַרענטפערט זיך:

— איך ווייס, אַז דער פּראָפעסאָר איז קאַרל גוצקאָוו. איך מיין דעם איבערזעצער אויף יידיש.

— אי בעג יור פּאַרדען! — שלאָגט אים איבער נאָכאַמאָל דער פאַרקעשנטער רעפּאָרטער. — דער איבערזעצער פון „אוריאל אַקאָסטאַ" איז נישט האַלצמאַן, נאָר יוסף לערנער.

ניסל שוואַלב האַקט ווייטער:

— איך ווייס, אַז לערנער. לערנער איז געווען דער ערשטער איבערזעצער. איז אָבער האָלצמאַן נישט געווען צופרידן מיט דיזער איבערזעצונג, האָט ער איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ גאַנצער נאַכט און האָט איבערזעצט דאָס גאַנצע ווערק איבעראַניים, ספּעציעל פון ראַפאַלעסקאַס וועגן, און ס'איז אים זייער געלונגען. קיינער האָט נאָך אַזוי נישט איבערזעצט „אוריאל אַקאָסטאַ", ווי האָלצמאַן, און קיינער האָט נאָך אַזוי נישט געשפּילט דיזע ראָל, ווי ראַפאַלעסקאָ. איר קאָנט פאַרשטיין פון דעם פאַקט אַליין, אַז אין ווין האָט איינמאָל זאָנענטאַל, דער גרויסער זאָנענטאַל, געזען ראַפאַלעסקאָן אין דער ראָל פון אוריאל אַקאָסטאַ, האָט ער זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד, און געזאָגט איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַן עק — מער שפּילט ער שוין נישט דיזע ראָל! און וואָס מיינט איר? ער האָט געהאַלטן וואָרט: ער האָט זי טאַקע נישט געשפּילט ביזן טויט אַריין — איך זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס...

די אַמעריקאַנער רעפּאָרטערס זענען נישט קיין שרעקעדיקע קינדער. זיי ווייסן, וואָס הייסט בלאָף. האָבן זיי מער נישט אַז צוגעפּיקסט אַ ביסל דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהערט פון ניסל שוואַלב. דאָס הייסט, אַ ביסל האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן, אַ ביסל צוגעלייגט — און עס איז אַרויס אַ וווּנדערלעכע ביאָגראַפיע.

אויפן אַנדערן טאָג, אַז ראַפאַלעסקאָ האָט געעפנט דאָס בלאַט, האָט ער איבערגעלייענט זיין אייגענע ביאָגראַפיע, באַטיטלט מיט אַ כּפּל־שמונה־דיק קעפּל פון גרויסע אותיות:

„אַ נייער שטערן אויף דער יידישער בינע!
קאַרמען סילוואַ אויסער זיך!
קעניגין קרוינט יונגן סטאַר.
זאָנענטאַל גיסט מיט טרערן".

אויף אונדזער יונגן העלד איז אָנגעפאַלן אַזאַ געלעכטער, אַז מע האָט אים קוים אָפּגעראַטעוועט.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

אין דער „קיבעצאַרניע“

„קיבעץ“ — דאָס איז אַ יידיש־אַמעריקאַניש וואָרט, געבוירן געוואָרן אויפֿן אַמעריקאַנישן באָדן, אין די ספֿערן פֿון דער יידישער פּרעסע און יידישן טעאַטער.

איבערזעצן דאָס וואָרט אויף אונדזער לשון — מוז איך אָנקומען צו אַ גאַנצער ריי פֿון ווערטער און באַגריפֿן און פּרווון זאָגן אַזוי:

זיך קיבעצן הייסט: איבערוואַרפֿן זיך מיט שטעכווערטער, פֿירן רכילות אויפֿן אָרט, רעדן לשון־הרע אין די אויגן, איינעסן זיך אין די ביינער, אַריינקריכן יענעם אין די גרגרת, דערלאַנגען ביז דער זיבעטער ריפּ, דרעליווען אין אויער, טרעפֿן אין שוואַרצאַפּל, זאַלצן אויף די וווּנדן, טרייבערן די קישקעס, רייסן די הויט, טרענען די אָדערן, דערגיין די יאָרן, מאַכן די עקטיקע, באַגראָבן ניין איילן, מיט גוטן שלאָגן כּפּרות, קושנדיק אַרויסנעמען די נשמה — אָ! אונדזער יידיש לשון איז, ברוך־השם, גענוג רייך. איז אָבער דער חסרון, וואָס די אַלע באַגריפֿן, צוזאַמען גענומען, קומען נישט צו דעם איינאונאיינציקן וואָרט „קיבעץ“, וואָס נאָר אויפֿן שטאַרקן אייגנאַרטיקן אַמעריקאַנישן באָדן האָט געקאָנט אַזעלכעס אויפֿבליען און אויסוואַקסן. און וויבאַלד אַזוי, האָב איך מורא, אַז עס וועט מיר זיין שווער איבערצוגעבן אייך, וואָס איז דאָס אַזעלכעס „קיבעצאַרניע“.

די קיבעצאַרניע — דאָס איז אַ מין קלוב, אָדער אַ קאַפֿע אַזעלכע אינעם ניינטן דיסטריקט פֿון ניו־יאָרק, וווּ עס קומען זיך צונויף אַ געוויסער קלאַס אינטעליגענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו ליטעראַטור, טעאַטער און פּאָליטיק.

דאָס זענען דאָס רוב מענטשן פֿון פֿאַרשידענע לאַגערן און אַלערליי פּאַרטייען, מערסטנטייל — קעגנערס, אָפּטמאָל — קאָנקורענטן, און כּמעט אָן אויסנאם — פֿאַרביטערטע שונאים. נישט נאָר שונאים אויפֿן לעבן, וואָס האָבן זיך פֿיינט, קאָנען זיך נישט אָנקוקן דעם פּרצוף, נישט הערן איינס דעם אַנדערנס נאָמען. ניין, דאָס זענען אַזעלכע פֿאַרברענטע שונאים, וואָס אַז איינער פֿון זיי, למשל, זאָל חלילה צומאַכן אַן אויג, וואָלט דער אַנדערער געגאַנגען טאַנצן אַ פֿריילעכס ביי אים אויפֿן קבֿר.

אין אַ געוויסער צייט קומען זיך צונויף אין דער קיבעצאַרניע די דאָזיקע פֿאַרשוינען, באַזעצן זיך אויף זייערע געוויסע ערטער, יעדער ביי זיין טישל, אַרומגערינגלט מיט זיינע פּאַרטיי־מענטשן און מיט זיינע פּאַטריאָטן. מע הייסט זיך דערלאַנגען עפּעס געמען אין מויל אַריין, מע פֿאַררויכערט ציגאַרן — און עס הייבט זיך אָן אַ קיבעצעריי, דאָס הייסט, כּלומרשט גאָר אין גוטן

מוט הייבט מען אָן איבערוואַרפן זיך איין טישל איבערן אַנדערן מיט קאָמפּלי־מענטן, שטעכווערטער און לצנות, וויצן און פּליאָטקעס, חכמות און פּלוידערייען, איבערוואַשן איינס דאָס אַנדערע דאָס קוויטיקע גרעט דורך אַ ביסל צו שאַרפע און צו איבערטריבענע קריטיק און הומאָריסטישע גוזמאות, אָנטרעטן פאַרביי־גייענדיק יענעם סאַמע דאָרט, וו עס טוט וויי, זען מיט פאַרגעניגן, ווי יענער מי־נעט זיך, צאַפּלט, באַקומט שיר די אַפּאָפּלעקציע — און דאָס אַלץ דווקא אין בעסטן לוין, אויף קאַטאָוועסלער, מיט אַ ליבלעך שמייכעלע, אָדער מיט אַ הויל־כיקן געלעכטער.

די קיבעצאַרניע — דאָס איז אַ מין פרייער גיהנום, וו מענטשן בראָטן און פּרעגלען זיך אויפן פייער, אַ מין שוויץ־באָד, וו מע בעזעמט זיך איינס דאָס אַנדערע. דאָ, אין דער קיבעצאַרניע, ווערן באַשאַפן עקסטרעמען, פאַבריצירט מיינונגען און רעפּוטאַציעס, באַשטימט קאַריערעס פון שרייבערס, אַרטיסטן און קינסטלער. די קיבעצאַרניע זאָגט אַרויס איר ערשטע מיינונג קורץ און שאַרף צו גוטן אָדער צו בייזן. די קיבעצאַרניע טראָגט אַרויס איר ווערדיקט — טויט אָדער רויט. די קיבעצאַרניע לייגט איר שטעמפּל: „אָלל־רייט“ אָדער „לעזאָזל“.

אַצינד, אַז איר ווייסט שוין, וואָס עס איז אַזעלכעס „קיבעצאַרניע“, וועלן מיר אייך בעטן אויף אַ ווײַלע אַהין מיט אונדז אַרייַנצוטרעטן.

* * *

דאָס איז געווען אין אַן אָסיענדיקן נעפּל־טאָג, איינער פון די טעג, ווען די אומזיכטיקע הימלען פון ניו־יאָרק, פאַרשטעלט מיט די הויכע אומגעלומפּערטע מויערן, וואָס מע רופט זיי דאָרטן „וואָלקן־קראַצערס“, און מיט די אייזערנע הימל־באַנען, וואָס הייסט דאָרט „עלעוויימער“, זענען פאַרוויינט און פאַררוי־כערט און כאַפּן דעם אָפּבליק פון לאָנדאָנער הימל.

און געווען איז עס פאַרמיטאָג־צייט, די שעה, ווען די צווייטע שטאָט פון דער וועלט האַלט סאַמע אין דעם רעכטן טאַראַראַם: אַלץ איז ביזי — דאָס הייסט, אַלץ רוישט, אַלץ אַרבעט, אַלץ לויפט, אַלץ קויפט, אַלץ האַנדלט, אַלץ וואַנדלט. מיט איינעם וואָרט — ס'איז אַ קעסל און עס קאָכט.

נישט קוקנדיק, וואָס דאָס איז געווען די סאַמע ביזי־צייט, איז די „קיבע־צאַרניע“ געווען פול געפּאַקט. אַלע טישלעך זענען געווען באַזעצט. אַ שפּילקע נישט דורכצווואַרפן. אַ בלויער רויך איז געשטאַנען — באַטש מיט אַ מעסער דורכצעשניידן. אַלץ האָט גערעדט, געפּלוידערט און געגראַגערט. הכלל, דער עולם האָט געהאַלטן אין רעכטן קיבעצן.

ביי איינעם פון די טישלעך זענען געזעסן דריי פאַרשוינען, געטרונקען ביר און געווען אַזוי פאַרטיפט אין אַ שמועס, אַז זיי האָבן גאָרנישט געהערט, אַז

פּונקט אין דער מינוט זענען זיי ביי אַלעמען אין די מיילער, ווערן געקיבעצט פּונעם עולם אויפן שאַרפסטן אַרט. די דריי פאַרשוינען האָבן געהאַלטן אין איין רעדן איינס איבערן אַנדערן, אין איין דערציילן גרויסקייט, באַרימען זיך און האַקן שקרים אויף וואָס די וועלט שטייט. פון די דאָזיקע דריי פאַרשוינען, וואָס האָבן זיך פאַרהערט אין ליגן, זענען צוויי פון זיי אונדז גאַנץ גוט באַקאַנט נאָך פון דער אַלטער וועלט, פון לאָנדאָן.

דאָס זענען געווען זיי, אונדזערע בעסטע פריינד, מיסטער קלאַמער און ניסל שוואַלב. איצט בלייבט אונדז נאָך צו באַקענען זיך מיטן דריטן פאַרשוין, וואָס איז שוין נישט קיין לאָנדאָנער, נאָר אַן עכטער אַמעריקאַנער. אַן אַמעריקאַנער וועט איר דערקענען פאַר אַ מייל. אַן אַנדער אויסזען, מיט אַן אַנדער שפּראַך, מיט אַן אַנדער האַלטן זיך, מיט אַן אַנדער באַנעמען זיך. ווערנד דער ענגלענדער איז אַ פאַרזאָרגטער, פאַרשפּינטער מעלאַנכאָליקער, איז דער אַמעריקאַנער אַ לעבעדיקער, אַ פריילעכער יענקי מיט קלוגע שאַרפע אויגן, מיט פרייע אָנגענעמע מאַניערן, מיט פרעמדע, נאָר גאָלדענע ציין.

דער פאַרשוין, וואָס מיר גייען באַשרייבן, איז אַ יידיש=אַמעריקאַנער טעאַטער=מענעדזשער, און זיין נאָמען איז נ י ק ע ל.

ניקעל איז איינער פון די פּאָפּולערסטע פערזענלעכקייטן אינעם יידישן ניו=יאָרק. איינער פון יענע גוטע ליבע מענטשלעך, וואָס אין אַמעריקע רופט מען עס אָן „אַ גוד באָי“. אויף אונדזער לשון וועט עס הייסן אַזוי גרויס ווי „אַ גוט ברודערל“, אָדער אַ גוטער ברודער ביז גאָר! אַ מזג טוב! דאָס העמד פונעם לייב. שטענדיק וועט איר טרעפן ביי אים אַ פריינדלעך שמייכעלע אויפן תמיד יונגן אָפענעם פריילעכן פּנים. אַלעמאָל האָט ער פאַר אייך אַ גוט וואָרט. אָפטמאָל אויך אַ גמילת חסד — אַבי ער האָט נאָר. נישט אַלעמאָל אָבער האָט ער. גאַנץ אָפט טרעפט עס, אַז ניקעל אַליין זוכט אַ גמילת=חסד. תמיד איז ער אַ נצרך. ווייל זיין „מיסעס“ גייט ביי אים אין ספּאָדיק. זי איז דער מאַנצביל. אַלע ווייסן עס. זיינע שונאים די קאָנקורענטן נוצן עס אויס אין דער קיבעצאַרניע ווי ווייט מעגלעך. מאָלט אייך, זיי ליגן צו נאָך דריי מאָל אַזויפיל. נאָר ער לאַכט פון זייער באָבע. ניקעל זאָל וועלן פון אַלצדינג זיך נעמען צום האַרצן — ווו וואָלט ער שוין איצט אָנגעשפּאַרט!

ניקעל ווייסט, אַז מע האַלט אים פאַרן גרעסטן בלאָפער אין גרייטער ניו=יאָרק.

ניקעל ווייסט, אַז איינער דערציילט אין דער קיבעצאַרניע אַ גוזמא, טוט אים דער אַנדערער אַ פרעג: „ווער זאָגט עס — ניקעל?“.

ניקעל ווייסט, אַז די קיבעצאַרניע טראַכט אויס אויף אים זאַכן, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

למשל, מע דערציילט, אַז ער, ניקעל יאַקבי, האָט זיך באַרימט, וויאַזוי ער

איז אַמאָל איבערגעפאָרן מיט אַן אויטאָמאָביל דעם ניאַגאַראַ־פאַל איבערן אייז אין מיטן תמוז אין אַ ברענענדיקן פראָסט.

נאָר מילא, וואָס די קיבעצאַרניע קאָן אויסטראַכטן! פלאָפּלערס! לײדיקגײ־ערס! שונאים! קאָנקורענטן! וואָס איז דער חידוש? אַנו, לאָז פּרוּוון נאָך עמעצער פון די טעאַטער־מענעדזשערס זיך באַרימען מיט אַזאַ סוקצעס, ווי ער, ניקעל? אַנו, לאָז נאָך עמעצער פּרוּוון, אַזוי ווי ער, ניקעל, אַ פאָר טאָן מיט דער טרופּע איבער דער קאָנטרי, אין איין וואָך געבן צוועלף פאָרשטעלונגען אין אַכט שטעט צוויי מאָל אין פילאַדעלפיע ביז שיקאַגאָ און צוריק!

אַזוי האָט זיך באַרימט אונדזער גײער באַקאַנטער, מיסטער ניקעל, פאַר אונדזערע צוויי אַלטע באַקאַנטע, ניסל שוואַלב און מיסטער קלאַמער, וואָס האָבן אים אָפּגעענטפערט יעדער מיט זיין אייגענער געשיכטע, נישט פאַרשעמט גע־וואָרן חלילה פאַר ניקעלס פאָר איבער דער קאָנטרי אין איין וואָך איבער אַכט שטעט צוויי מאָל פון פילאַדעלפיע ביז שיקאַגאָ און צוריק.

מע קאָן זאָגן, אַז די דריי האָבן זיך פאַרהערט אין בלאָף און אין הומבוג, ווער וועמען עס וועט איבערבלאָפן.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

„בלאָף" און „הומבוג"

„בלאָף" און „הומבוג". — דאָס זענען אויך עכט־אַמעריקאַנישע ווערטער און באַגריפן, וואָס לאָזן זיך נישט אַזוי לייכט איבערזעצן אין קיין אַנדער שפּראַך. בלאָפן הייסט — נישט גלאַט אָפּזאָגן אַ גראָבן ליגן, האַקן שקרים אין דער וועלט אַריין, אויסטראַכטן אויפן הימל אַ יאַריד, דערציילן אַ זאַך, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, אָן אַ שום צוועק, גלאַט לשם ליגן, — פע, דאָס האָט אַמעריקע פיינט. דאָרט ווערט דאָס אָנגערופן אויף זייער לשון: „האַקן אַ טשייניק" — אַ מיאוס, אַ נאַריש פאַרברעכן.

ביין. דער אַמעריקאַנער איז דערויף צו קלוג, צופיל אַ פיינשמעקער און צו־פיל ביזנעסמאַן. דער אַמעריקאַנער, אַז ער פאַררוקט דאָס קאַפּעליוּשל אויף אַ זייט, פאַרלייגט ביידע גראָבע פינגער אונטער דער וועסטע און טאַקט אייך אָפּ אַ ליגן, איז עס קיילעכיק־גלאַט און קונציק־אומשולדיק, און דער עיקר — עס געהער זיך אָן צום עסק, צו די „ביזנעס".

אָט די אַלע אויבנדערמאָנטע פאַרשוינען, וואָס זיצן אין „קיבעצאַרניע" און קיבעצן זיך, זענען דאָס חלילה נישט קיין לײדיקגייערס, ווי ביי אונדז, למשל, די געוויסע „חכמי הלעזשאַנקע" אין בית־המדרש, וואָס האָבן נישט וואָס צו טאָן,

דעריבער זיצט מען און מע שמועסט. גיין, קיבעצן — דאָס אַליין איז אַן עובֿדא, אַ באַשעפטיקונג, אָדער, ווי מע רופט עס דאָרטן, אַ „ביזנעס“.

ניסל שוואַלב, מיסטער קלאַמער און ניקעל, וואָס זענען געזעסן יענעם פֿרימאָרגן אין דער קיבעצאַרניע, האָבן געשמועסט פֿון נייטיקע ביזנעס, און טאַקע צוליב די ביזנעס האָבן זיי געבלאָפֿט. אונדזערע צוויי אַלט־באַקאַנטע בלאָפֿערס פֿון דער אַלטער וועלט האָבן אָבער געמוזט יעדער ביי זיך אין האַרצן צוגעבן, אַז אין דעם ענין פֿון בלאָף מעגן זיי הייצן די הרובע ביי זייער נייעם באַקאַנטן. ניקעל האָט זיי מיט זיינע מעשיות און באַרימערייען אַזוי פֿאַרדרעט די ציין, אַזוי פֿאַרקלאַפּט דעם קאָפּ און פֿאַרטומלט דעם מוח, אַז זיי זענען געבליבן כמעט אָפּהענטיק און געמוזט סוף־כל־סוף צושווייגן. עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן אַ וויכטיקן ענין: ניקעל האָט נאָר וואָס אַנגאַזשירט צו זיך אין טעאַטער דעם באַרימטן יונגן סטאַר פֿון בוקאַרעשט, וואָס די קעניגין פֿון רומעניע האָט אים געקרוינט אַלס גרעסטן טראַגיקער פֿון דער וועלט.

ניסל שוואַלב און מיסטער קלאַמער האָבן ביידע, איינער איבערן אַנדערן, געהאַלטן אין איין דערציילן גרויסקייט און ניסים ונפֿלאות פֿונעם יונגן קינסטלער. אין דער צייט, וואָס מיסטער קלאַמער האָט דערציילט, וויאַזוי ראַפֿאַלעסקאָ האָט איבערראַשט דאָס לאָנדאָנער פּובליקום, באַצויבערט אַפֿילו אַזאַ מאַן, ווי ער, מיסטער קלאַמער, וואָס איז קיינמאָל נישט געגאַנגען הערן די ציגיינערישע אַקטיאָרשטשיקעס פֿון לאָנדאָנער פּאַווילאָן־טעאַטער, האָט אים ניסל שוואַלב איבערגעשלאָגן אַלע מאָל: „וואָס דאַרפֿט איר מער? אמתע ענגלענדער, קריסטן, האָבן נישט געקאָנט זיך געגוג אָפּלויבן. איהווינג, האָבן זיי געזאָגט, איז אַ הונט אַקעגן אים, איך זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס!“

ניקעל האָט זיי אָבער ביידע נישט געהערט. אין דער זעלבער צייט, ווען יענע צוויי האָבן געבלאָפֿט, האָט ער געשמייכלט, באַוויזן די גאָלדענע ציין און בעת־מעשה צוגעטראַכט נייע מעשיות און נייע גרויסקייטן פֿון זיך און פֿון זיין טרופּע, וואָס האָט פֿאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ אין די „יונייטעד סטייטס אָוו אַמעריקאַ“. אַנו, — האָט ער געזאָגט, — לאָז אַ יידיש טעאַטער אין אַמעריקע אָקאָרשט פּרוּוון באַרימען זיך, אַז מע האָט געזען ביי זיך דעם פּרעזידענט פֿון די יונייטעד סטייטס זיצן אין באָקס און קלאַפּשען בראַוואָ! אַזאַ זאַך קאָן זיך טרעפֿן נאָר ביי אים. נאָר ער, ניקעל, האָט זוכה געווען זיך פֿאָרשטעלן פֿאַר רוזוועלטן, וואָס האָט אים געדריקט די האַנט פֿאַרן גאַנצן טעאַטער אין די אויגן און געפּאַטשט אין פּלייצע: „ניקעל, דו ביסט אָלל־רייט!“ און פֿאַר אַלעמען אין די אויגן האָט טעדי אָפּגעטשעפּעט פֿון זיך דעם גאָלדענעם וואַטש ענד טשיין און האָט אים אונטערגעטראָגן אַ פּרעזענט צום אָנדענקען... ביי די ווערטער כאַפּט ניקעל אַרויס אַן אָפּגעבאַרעטן שטאָלענעם זייגער און פֿאַרענטפֿערט זיך, — אַז דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט, וואָס דער פּרעזידענט האָט אים גע=

שענקט, טראָגט ער נישט מיט זיך אין דער וואָכן. געוועו!

אַזוי לאָזט אוים ניקעל און זעט נישט, וואָס הינטן טוט זיך. הינטן זיצן חברה לֵצים און מע קיבעצט דעם דירעקטאָר ניקעל מיט זיין קאָמפּאַניע. מע מאַכט חוזק פון זייער בוקאַרעשטער פויגל און מע זאָגט מבינות אויף אים, נאָך איידער מע האָט אים געזען שפּילן. דאָ, אין דער קיבעצאַרניע, האָט מען אונדזער לעאָ ראַפּאַלעסקאָ שוין געקרוינט מיט אַלערליי נעמען, ווי למשל: „גרינהאָרן", „פּעכ־פויגל", „חיים־יאַנקל", „רומעניש פּאַסטעכל", „משעקאָווע בחורל" און נאָך אַזעלכע צונעמעניש, וואָס האָבן אַרויסבאַוויזן, אַז נישט אַנדערש ווי די לייט דאַרפן האָבן אַן אייגענעם אינטערעס דערביי.

דאָס זענען געווען אָדער פּאַטריאָטן פון אַנדערע טעאַטערס, וואָס זיי איז נישט געראָטן איבערצוכאַפּן צו זיך דעם יונגן „סטאַר" פון בוקאַרעשט, אָדער פאַרשטייער פון דער „פּרעסס" פונעם צווייטן לאַגער, וואָס האָבן נישט געקאָנט ליידן, למאי דער „צד שכנגדו" האָט פאַרכאַפּט פריער און אָפּגעלויבט דעם אויפגייענדיקן שטערן אין טאָג אַריין. און אפשר זענען דאָס געווען יונגע אַקטיאָרן־קאָנקורענטן, וואָס זיצן יאָרנלאַנג אין ניו־יאָרק און וואַרטן, ביז די „יוניאָן" וועט זיך אַמאָל דערבאַרעמען און זיי אַריינגעמען אין דער קאָמפּאַניע — און דאָ קומט אַ שנעק, אַ יינגל, עפּעס איינער אַ ראַפּאַלעסקאָ, און ווערט אויפגעכאַפּט, ווי אַן אבֿן־טוב, באַקומט דעם בעסטן אַנגאַזשמענט, ווערט אויפגעהויבן פון דער „פּרעסס" ביזן הימל אַריין, — נו, קאָן נישט צעפּיקט ווערן די גאַל? זאָל מען אים נישט קיבעצן אויף וואָס די וועלט שטייט?

גיין, קיבעצן אַליין איז ווינציק, מע דאַרף זען מאַכן אַ קאָמפּלאָט קעגן אַזאַ אומרעכט. מע באַראַטן זען, אַז דער „גרינהאָרן" זאָל האָבן אַ בכבֿודן דורכפאַל, ער זאָל ביים ערשטן אויפטריט ווערן אויסגעפייפט אויפן שענסטן אָרט. מיט איינעם וואָרט — ער זאָל האָבן המנס מפּלה און זאָל באַקומען חשק אַוועקצופאָרן פון קאָלומבוסעס מדינה צוריק קיין בוקאַרעשט און וואָס פריער.

אָ! אַמעריקע איז אַ געבענטשט לאַנד, וואָס קאָן אַלצדינג. דאָ קאָן מען אַ מענטשן אויפהייבן אויף שטעקנס און אַרויפזעצן גלייך אין הימל אַריין, אָדער אַז נישט — איז גלייך אין דער שאול־תחתיה אַריין. אַ מיטלפּונקט, אַ גאָלדענער וועג — דאָס איז נישטאָ.

אָרעמער ראַפּאַלעסקאָ! ער האָט גאָרנישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ סוּרפּריז עס דערוואַרטעט אים אינעם גאָלדענעם לאַנד. נאָר וואָס האָט זיי געהערט ראַפּאַלעסקאָ, אַז זיין קאָפּ איז גאָר געווען ווייס איך ווו, דאָרט אין דעם סאַמע אַריסטאָקראַטישן טייל פון ניו־יאָרק, אין דער פינפטער עוועניו?

דאָרט האָט געוווינט און געקלונגען איבער גאַנץ אַמעריקע די באַרימטע זינגערין פון דער פּאַריזער גראַנד־אָפּערע מיטן נאָמען מיסס ראָזאַליאַ ספּיוואַק.

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

אַ ביסל וועגן דער העלדין פונעם ראָמאַן

אונדזער העלדין, וואָס האָט אין די יונגע יאָרן, נאָך כמעט קינדווייז, אַרומגעבלאָנדזשעט מיט דער גע=ונדנער טרופּע פון אַלבערט שטשופּאַק און משמח געווען דאָס יידישע פּובליקום מיט „שבת=מאַכן“, מיט „אוי=אוי=אוי, חוה“, מיט „פּראַטיק אויף דער נאַכט“ און מיט נאָך אַזעלכע שיינע לידלעך, האָט זיך געוויס נישט געריכט, אַז איר נאָמען וועט אַמאָל פאַרנעמען דעם אויבנאָן צווישן די ערשטע באַרימטהייטן אין דער וועלט. עס האָט זיך איר, מיינען מיר, אַפילו נישט געחלומט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען זי וועט פאַרנעמען אַ גאַנצן אַפּאַרטאַמענט אין איינעם פון די רייכסטע האָטעלס אויף איינער פון די רייכסטע גאַסן — די פינפטע עוועניו — פון דער גרויסער רייכסטער וועלט=שטאָט ניו=יאָרק. אָדער אַז זי וועט אַרויספאָרן אין אַן אייגענעם אויטאָמאָביל מיט אַ בלעק דרייווער אין פראָנט. אָדער אַז רעפּאָרטערס פון די גרעסטע וועלט=צייטונגען וועלן זי טוצנווייז באַלאַגערן און שטענדלאַנג זי אָפּוואַרטן מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, האָבן אַ זכיה מיט איר צו רעדן כאָטש צוויי=דריי מינוט.

ווי ווערט מען דאָס אַזוי דערהויכט? — אַזאַ מין פאַרענדערונג קומט נישט פאַר צווישן יאָ און ניין. אַ באַרימטהייט ווערט נישט געבוירן אין איין נאַכט. דאָס לעבן פון יעדן איינציקן, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט אין דער וועלט, זאָל עס זיין אַ שפּילער, אַ זינגער, אַ קינסטלער, אַ מאָלער, אַ שריפטשטעלער, אָדער אַ פילפאַכער מיליאָנער, שטעלט זיך אונדז פאָר, ווי אַ מין אַרט שטייגן באַרג אַרויף שטופנווייז. דער וועג איז אַ לאַנגער, אַ ווייטער און אַ שווערער, און נישט אַלע מאָל איז ער אויסגעלייגט מיט בלומען, — מערסטנטייל מיט דערנער. מע זאָל קאָנען איבערוועגן די צרות מיט די עגמת=נפש, וואָס אונדזער יונגע העלדין, למשל, איז אויסגעשטאַנען, מיט די שטילע טרערן, וואָס זי האָט פאַרגאָסן ביי זיך אויפן געלעגער בסוד=סודות, אַז קיינער זאָל נישט וויסן, קאָן זיין, אַז זיי וואָלטן אַ סך מאָל איבערגעוויגן דעם גלאַנץ פון איר איצטיקן דערפאָלג מיט די הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס דאָס גרויסאַרטיקע פּובליקום שענקט איר אַצינד אַזוי גערן, מיט די שמעקנדיקע בלומען, וואָס מע באַוואַרפט זי אומעטום פון קאָפּ ביז פיס, מיט די פילע רייכע מתנות, וואָס מע טראָגט איר איצט אונטער אין דער גרויסער אַריסטאָקראַטישער וועלט...

דאָס, וואָס מיר גייען געבן דאָ, איז אַרויסגענומען געוואָרן פון עטלעכע אַמעריקאַנער צייטונגען, ענגלישע און יידישע. דער לעזער וועט אַליין דערקענען, וועלכעס איז אמת און וועלכעס איז אַ ביסל צוגעבלאָזט לכבוד רעקלאַמע:

„געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטעלע אין בעסאַראַביע ביי אָרעמע פּאַנאַטישע עלטערן (דער פאָטער איז אַ רב און אַ חזן), איז מיסס ראָזאַליאַ ספּייוואַק קינדווייז געווען געקידנעפּט דורך אַ טרופּע וואַנדער-אַקטיאָרן, יידישע ציגיינערס, וואָס בלאָנדזשען אַרום אין יענעם לאַנד פון שטאָט צו שטאָט און באַשעפטיקן זיך דערמיט, וואָס זיי גנבענען יונגע מיידלעך און מאַכן זיי פאַר אַקטריסעס. מע זאָל זיי נישט כאַפּן, זענען זיי מיט איר אַריבערגעגאַנגען די גרענעץ און געצוואונגען, זי זאָל זינגען גאַסן-לידלעך, פריער אויף דער שטראַסע, נאָכדעם אין אַלע קאַבאַרעס, קאַפעשאַנטאַנען און מיוזיק-האָלס. מעגלעך, אַז איר קאַריערע וואָלט מיסס ספּייוואַק געענדיקט מיט אַ טרויעריקן עפּילאָג, ווי אַלע שטראַסנזינגערינס, ווען נישט אַ גליקלעכער צופאַל וואָלט זי געבראַכט פאַר דער וועלט-באַרימטער זינגערין מאַרטשעלאַ עמבריך, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אירע רייצנדע ציגיינער-לידער, ווי אויך מיט אירע ברענענדע ציגיינער-אויגן. די דאָזיקע זעלטענע זינגערין האָט נאָכדעם אַרויסגערופן מיט איר רייצנדער שטימע גרויס ענטוזיאַזם אין עסטרייכישן הויף, אַזוי אַז זי איז פון פראַנץ-יאָזעפן אַליין באַערט געוואָרן מיט אַ סטיפּענדיום אויף צו שטודירן מוזיק. גלענצנד דורכגעמאַכט אין אַ קורצער צייט דאָס ווינער קאָנסערוואַטאָריום, איז זי אויף דער רעכענונג פון אַן אונגאַרישן מאַגנאַט אָפּגעשיקט געוואָרן קיין בערלין און פון דאָרטן — קיין פּאַריז אויף צוויי יאָר, וווּ זי האָט זיך באַקענט מיט אַ געוויסן פראַנצויזישן מעצענאַט, זשאַק רעשקאָ, וועלכער האָט זי אַריינגעפירט אין דער פּאַריזער גראַנד-אָפּערע, וווּ זי איז צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן אין דער נייער אָפּערע „עלעקטראַ“, אונטער דער אויפפירונג פון ריכאַרד שטרויס, מיט אַזאַ גרויסן סוקסעס, אַז זי איז באַלד אַנגאַזשירט געוואָרן אין דער אָפּערע אויף דריי מאָנאַט מיט אַ פּרייז פון אַ האַלבן מיליאָן פראַנק. שפּעטער מיט אַ קורצער צייט זעען מיר זי אין ווין און אין בודאַפּעשט, וווּ זי קריגט שוין צען טויזנט קראָן אַ נאַכט. אַ ביסל שפּעטער ווערט זי אַנגאַזשירט אין לאָנדאָן מיט צוויי הונדערט פונט אַ נאַכט און איצט אין ניו-יאָרק מיט צוויי טויזנט דאָלאַר פאַר יעדן אַרויסטריט — אַ פּרייז, צו וועלכן עס האָט דערגרייכט נאָר די גרעסטע זינגערין פון דער וועלט, די באַרימטע מ ע ל ב אַ“.

אַצינד וועלן מיר ברענגען אַ פּאָר בריוולעך פון פאַרשידענע פאַרשוינען, געשריבן אין פאַרשידענע צייטן. מיר האָפן, אַז די דאָזיקע בריוולעך, וואָס האָבן אַ נאָענטע שייכות צום אינערלעכן לעבן פון אונדזער העלדין, וועלן אונדז זאָגן אַ סך מער פון אַלע ביאָגראַפיעס און צייטונגס-אַרטיקלען.

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

פון ראָזאַ ספּיוואַק צו מאַרטשעלאַ עמבריך

טייערע מוטערכע מאַרטשעלאַ!

איך בין שוין די דריטע וואָך אין מיין געבורטשטאָט און האָב אייך נאָך קיין איינציקן בריוו געשריבן. עס איז פון מיר אַן אומרעכט און פאַרדין באַשטראָפט צו ווערן. מיין שטראָף וועט זיין: אַ גרויסער בריוו. איך וועל אייך אויסשרייבן, ליבע מוטערכע, אַלצדינג. און דעם ריינעם, דעם הייליקן אמת. מיין מוטערכע ווייסט, אַז פאַר איר איז נישטאָ ביי מיר קיין סוד, ווי ס'איז נישטאָ קיין סוד פאַר זיך אַליין. איך הייב אָן פון סאַמע אָנהייב — פון מיין היים.

איך האָב מיין היים געטראָפן, ווי איך האָב זי איבערגעלאָזט. דאָס אייגענע קליינינקע אָרעמענקע שטעטעלע. און דאָך האָט מיר דאָס האַרץ געקלאַפּט, שטאַרק געקלאַפּט, בעת די אויגן האָבן דערזען דאָס אַלטע באַקאַנטע ליבע שטעטעלע. דער פּולס האָט געשלאָגן גוטע הונדערט צוואָנציק, בעת דאָס אויער האָט דערהערט דעם ליבן זיסן נאָמען „האָלענעשטי“.

האָ—לע—נעש—טי!... איר וועט מיר גלייבן, מוטערכען? איך בין גרייט געווען צופאַלן קושן די שוואַרצע ערד, דעם גרויען שטויב פון די נישט געפלאַסטערטע, נישט געריייניקטע גאַסן. און איך וואָלט דאָס געווים געטאָן, ווען איך בין אַליין, אָן דער כאַליאַסטרע, אָן מיין מאַעסטראָ סאַלפּאַגיני און אָן מיינע חברטעס. אַך, צו וואָס האָב איך זיי מיטגענומען? צו וואָס האָט מיר גענוצט דער טאַרעראַם? למאַי בין איך בעסער נישט געפאָרן אַליין? איך בין מיך מודה פאַר אייך, מוטערכען, ווי העסלעך דאָס זאָל נישט זיין, אַז עס האָט מיר געפלאַמט דאָס פּנים פאַר זיי, בעת מיין פאָטער און מוטער האָבן מיך אַרומגעכאַפּט קושן און האַלדזן. מיין מאַמע האָט געוויינט און געלאַכט און געשאָטן מיט רייד — זי האָט ליב רעדן — און מיין טאַטע איז געווען בלאַס, ווי דער טויט, און די הענט האָבן אים געציטערט. איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז געווען, נאָר איך האָב מיר קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. צי ווייל זיי גייען אָנגעטאָן אַלטפרענקיש, ווי אַלע אין אונדזערע קליינע שטעטלעך? צי ווייל זיי פאַרשטייען נישט קיין אַנדער שפּראַך, אויסער יידיש? נאָר דאָס איז אַ פאַקט, ליבע מוטערכען! איך ווייס, ווי ווייט געמיין דאָס איז, נאָר אַזוי איז דאָס געווען: איך האָב מיך געשעמט. געשעמט מיט מיינע ליבע געטרייע עלטערן, וואָס האָבן פון מיר איבערגעטראָגן אַזוי פיל חרפּות־ובושות, אַזוי־פיל צרות, בזיונות, יסורים און האַרצווייטיק. אמת, איך בין איצט אַ בעל־תשובהטע. מיט אַלע כוחות וויל איך יוצא זיין קעגן זיי. נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס? דער נחת מיט דעם ביסעלע פאַרגעניגן, וואָס איך קאָן זיי איצט צוטיילן, איז נישט אימשטאַנד צו

דעקן אַפּילו אַ צענטהלק פֿון דעם גרויסן שמערץ, וואָס איך האָב זיי פֿאַרשאַפֿן מיט מיין אַנטרינען ווערן דעמלט מיט דער יידישער נע־ונדנער טרופּע. דעם דאָזיקן פֿאַרברעכן וועל איך קיינמאָל פֿאַרגלעטן, ווען איך זאָל אַפּילו זיין צו זיי צען מאָל אַזוי גוט און ליב און מילד, ווי איך בין צו זיי. יעדער הונדערטער, יעדער טויזנטער, וואָס איך גיב אויס אויף זיי, הער איך, שרייט צו מיר: „צו שפּעט! צו שפּעט!“... און איך קוק אויף מיין אָרעמען קראַנקן פֿאָטער, וועלכן איך האָב אַמאָל אַזוי ליב געהאַט, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן פֿרעגן מיך: „ווו ביסטו געווען, טאָכטער, דעמלט, אין די לאַנגע פֿינצטערע נעכט, ווען איך האָב קיין אויג נישט געקאָנט צומאַכן און גאָט געבעטן אויפֿן טויט?... איין בריוועלע פֿון דיר, איין שורה דיינע, איין וואָרט אַ גוטס וואָלט דאָך מיר דעמלט געגעבן די וועלט צו זען!“... און איך דערמאָן מיך, ליבע מוטערכען, ווי איך האָב אַמאָל געוואָלט פֿאַרלייקענען פֿאַר אייך, אַז איך האָב עלטערן, און ווי איר האָט מיך נאָכדעם דערפֿאַר מכבד געווען, — פֿלאַמט מיר נאָך איצט דאָס פּנים פֿאַר זיך אַליין, און איך גלייב, אַז ס'איז נישטאָ די צווייטע אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין אַזאַ שווערע זינדערין, ווי איך. עס מאָלט זיך מיר אויס, אַז ס'איז נישטאָ דער קרבן אויף דער וועלט, וואָס איך בין נישט גרייט אויף אים צוליב מיינע אָרעמע באַליידיקטע עלטערן. איך האָב געוואָלט זיי אריבערנעמען צו זיך — איז נישט מעגלעך. דער טאַטע איז קראַנק, און די מאַמע וועט אים נישט איבערלאָזן אַליין אויף אַ טאָג אַפּילו, ווען מע זאָל איר אָנשיטן, זאָגט זי, „אָט די שטוב מיט גאָלד און געבן איר, זאָגט זי, די קרוין פֿון דער איינגלישער מלכה אַ צוגאָב“. נו — האָב איך מיר געזאָגט — וועל איך זיי באַוואָרענען אויף דער עלטער. איך וועל זיי קויפֿן אַ הויז, פֿאַרזאָרגן מיט אַ „נחלה“. דאָ שטרעבט יעדער באַלעבאָס, ווי אָרעם ער זאָל נישט זיין, צו האָבן אַן אייגנטום, אַ „נחלה“. און אויך דאָ בין איך מיך באַגאַנגען מיט מיינע עלטערן נישט אינגאַנצן, ווי עס געהער צו זיין. איך האָב עס געטאָן מער צוליב זיך, ווי צוליב זיי — פּונקט ווי דער גאַנצער אויפֿטו פֿון מיין קומען צו פֿאָרן אַהיים איז געווען מער צוליב זיך, ווי צוליב זיי, וואָרעם מיך האָט געצויגן אַהער נאָך איין זאַך, נאָך איין מענטש...

מיין מוטערכען מאַרטשעלאַ ווייסט, וועמען איך מיין... נישט נאָר האָב איך אים דאָ נישט געפֿינען, איך האָב נישט געקאָנט געוואָרע ווערן אַפּילו, וווהין זיין געביין איז אַהינגעקומען. קיין זכר פֿון אים איז דאָ נישטאָ און קיין סימן נישט. פֿון דער גאַנצער משפּחה איז געוואָרן אַ תל. די מוטער געשטאָרבן. דער פֿאָטער פֿון זינען אַראָפּ. ברידער־שוועסטער זענען זיך צעקראָכן. געבליבן נאָר דער הויף. דער הויף, וועלכער האָט אויסגעוויזן אַמאָל ביי מיר אין די אויגן אַזוי גרויס און אַזוי שיין, און דאָס הויז, וואָס האָט אַמאָל אויסגעזען ביי מיר אַזוי רייך און אַזוי ליכטיק און אַזוי יום־טובדיק. דאָס הויז, וווהין איך בין

אַמאָל אַריינגעטראָטן, ווי אין אַ נישט דערגרייכלעכן גן=עדן. דאָס הויז, וואָס האָט אַמאָל אַזוי געלעבט, געקאָכט, געלאַכט און געפרייט זיך. קליין און נידעריק און אָרעם און וואָכעדיק און אומעטיק האָט דאָס איצט אויסגעזען ביי מיר אין די אויגן. פונעם גאַנצן טאַרעראַם, וואָס דאָרט איז אַמאָל געווען, איז פאַרבליבן מער נישט אַז אַן אַלטע באָבע, וואָס איז שוין עובר=בטל, אַ שוואָגער אַן אידיאָט און אַ הונט אַ זקן אויף איין אויג, וואָס מע רופט אים „טערקוש“.

דעם דאָזיקן הויף, האָב איך געזאָגט, מוז איך אַוועקקויפן פאַר מיינע עלטערן, און געמיינט האָב איך זיך אַליין. נישט וויל מיר איז אַזוי געפעלן דער הויף — אויף וועלכע גוטע יאָר דאַרף איך אים? ווען וועל איך דאָ זיין? ניין. דאָס איז געווען נאָר אַ קאַפּריז. אַ קאַפּריז פון אַזאַ ציגיינערין, ווי איך בין...

נאָך דעמלט, ווען איך בין דעם ערשטן מאָל מיט צעריסענע שיך אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָב איך זיי מקנא געווען מיט סכנת=נפשות און נישט פאַרגינען זיי די ליכטיקייט מיט דער פרייליכקייט מיט דער רייכקייט. פאַר וואָס קומט זיי, די נגידים, אַזויפיל, און אונדז, אָרעמעלייט, גאָרנישט? — אַזוי האָב איך מיר דעמלט געטראַכט טיף אין האַרצן און זיך דאָס וואָרט געגעבן, אַז גאָט וועט מיר אַמאָל העלפן, מוז אָט די שטוב מיט דעם הויף זיין מיינע, מיינע, מיינע!... און אפשר איז מיר אָט דאָס הויז טייער, ווייל דאָ איז געבוירן געוואָרן, אויפגעצויגן און אויסגעוואַקסן דער, וועלכער האָט צום ערשטן מאָל אָנגעצונדן דאָס הייליקע פייערל אין מיין האַרצן?... דער, וועלכן איך קאָן נישט, בין נישט אימשטאַנד צו פאַרגעסן?...

ווי די מעשה איז — איך האָב מיך לאַנג נישט געדונגען און אַוועקגעקויפט דעם הויף, נישט געקוקט דערויף, וואָס מיין מאַמע האָט שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דעם. „צו וואָס טויג מיר אַזאַ ספּאָדיק? — האָט זי געטענהט. — צו וואָס דאַרף זי אַזאַ גרויסן האַרמידער?“ פאַרשטייט זיך, אַז אויסגעפירט האָב איך. דער הויף איז מיינער. מיינער! אַזוי האָב איך מיר געזאָגט און האָב שוין כמעט גאָר פאַרגעסן, אַז איך האָב אים געקויפט צוליב די עלטערן, אַ „נחלה“, אַ באַוואָרעניש אויף דער עלטער. און איך האָב אַוועקגעשטעלט באַלמעלאָכעס רעמאָנטירן דאָס הויז, רייניקן דעם הויף, איבערפלאַנצן דעם גאָרטן, מאַכן „פּיתום מיט רעמסס“. איצט האָב איך שוין כמעט ווי חרטה אויפן גאַנצן עסק. מיין מאַמע איז דען נישט גערעכט געווען: „צו וואָס אַזאַ האַרמידער?“ איך ווייס אַליין נישט, צו וואָס אַזאַ האַרמידער. נישט אומזיסט רופט מיך די מוטערכען מאַרשעלאַ מיטן נאָמען ציגיינערין. איך האָב דעם נאָמען כשר פאַרדינט. איך לעב, ווי אַ ציגיינערין. איך ברענג אויס געלט, ווי אַ ציגיינערין. איך האָב ליב שמאַכעס, ווי אַ ציגיינערין. איך זיץ נישט איין אויף אָן אָרט, ווי אַ ציגיינערין. און בין פול מיט ציגיינערישע פאַנטאַזיעס. אויך די צייט פאַרברענג איך דאָ, ווי אַ

ציגיינערין. דאָס גאַנצע שטעטל (און מיין פאָטער און מוטער בתוכם) קוקן אויף מיר, ווי אויף אַ משוגענער. גאַנצע טעג פליען מיר אַרום, איך און מיינע חברטעס און מיין מאַעסטראָ, אויף אַן אויטאָמאָביל. מיר מאַכן אָפטע פיקניקן אין נאָענטן וועלדל. מיר זינגען ציגיינערישע לידער. מיר טאַנצן ציגיינערישע טענץ. מיר טוען אויף אַזעלכע זאַכן, אַז די היגע פאָליציע האָט שוין אויף אונדז אַן אויג. נאָר ווער האָרכט פאָליציע? בייטאָג מיטן אויטאָמאָביל, ביינאַכט מיט אַ שיפל. אך, אונדזערע זומערדיקע נעכט אין בעסאַראַביע — וואָס איז צו זיי גלייך? איינציקוויין, ווי ליכטלעך, צינדן זיך אָן די שטערן אין ברייטן הימל־דעק. פון יענער זייט וואַלד קוקט אַרויס די לבנה און באַזילבערט דאָס טייכל מיטן אָטשערעט מיטן גאַנצן שטעטל, וואָס שלאָפט אַזוי רואיק, אַזוי אומשולדיק, ווי עס קאָנען שלאָפן נאָר אַזעלכע אָרעמע, עלנטע נפשות, וואָס דאַרפן נישט קיין סך, וואָס זענען צופרידן מיט אַ ווילדן מאכל, וואָס מע רופט דאָס „מאַמעליגע“... און נאָר מיר, באַשיבוזוקן פון דער גרויסער וועלט, ציגיינער פון יענער זייט גרענעץ, אָנגעגעסענע, אָנגעטרונקענע און איבערגעזעטיקטע מיט אַלערליי פאַר־געניגנס און לוקסוס, שטערן די הייליקע שטילקייט פון דער כישופדיקער נאַכט דורך דעם פליעסקען פון די וועסלעס, וואָס זייער ווידערקול לאָזט זיך הערן פון נאָענטן וועלדל אַרויס. דעמלט איז אַ צייט פון שטילשווייגן. דעמלט איז אַ צייט פון קוקן אין הימל אַריין און זוכן באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע שטערנדלעך, וואָס בלאָנדזשען אַרום אָן אַ סדר און אָן אַ וועג... דעמלט איז אַ צייט פון בענקען נאָך דעם, וואָס באַווייזט זיך נאָר איין מאָל אין לעבן... דעמלט איז אַ צייט פאַר מיין מאַעסטראָ, סעניאָר סאַלפּאַניני, ער זאָל זיך דערקלערן מיר אין ליבע, וויפל זיין האַרץ גלוסט. אך! דאָס איז, איך האָב מורא, אויב נישט דער איינאונ־צוואָנציקסטער ליבע־קרבן! איך וויל אָבער האָפן, אַז אויך אים, ווי מיינע ערשטע צוואַנציק קרבנות, וועט מען חלילה אַ דערטרונקענעם אין טייך נישט געפינען, און אַז מיין צווייאונצוואַנציקסטער וועט נישט זיין מיט מער מזל.

אָט אַזוי לעבט מען זיך אין דער שטילער, צנועהדיקער, אָרעמער היים, ווייט פון דער גרויסער, רייכער, פאַרשייטער וועלט.

איך קוש מיין טייערע מוטערכען מאַרטשעלאַ שטאַרק־שטאַרק!

אייער איבערגעגעבענסטע פריינדין

ציגיינערין ראָזאַ“.

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

פון מאיר סטעלמאַך צו זיינעם אַ גוטן פריינד

מיין טייערער פריינד!

איר קאָנט אייך דען פאָרשטעלן דעם פאַרגעניגן און די פרייד, וואָס איך האָב געהאַט, אַז איך האָב באַקומען אייער ליבן בריוו? ערשטנס, וואָס איך זע, אַז איר לעבט, דאַנקען גאָט, און איך האָב דאָך פון אייך אַזאַ צייט נישט געהערט. זינט איך בין אין לאָנדאָן, האָב איך פון אייך קיין איינגעטונקטע פען. והשנית, איז ביי מיר לייענען אייער בריוו גלאַט אַ תענוג. עס מאָלט זיך מיר אויס, אַז קיינער שרייבט נישט אַזוי זיס, אַזוי קיילעכיק, אַזוי קלוג און אַזוי האַרציק, ווי איר. עס גלוסט זיך אויסקושן איטלעכס וואָרט. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין פון תמיד אָן א ליובימעל פון זשאַרגאָן, ובפרט נאָך פון אַ גוטן פריינד, ווי איר, וואָס מיר האָבן אינייִנעם, זאָגט ער, געבידעוועט, אינייִנעם פאַרשוואַרצט געוואָרן אין עושר און אין כבוד, אינייִנעם געגעסן אַ הערינג מיט ברויט, פון איין גלאָז געטרונקען, אין איין בעט געשלאָפן. אוי, יאָרן! יאָרן! געדענקט איר כאָטש? איך געדענק זייער גוט און דערמאָן עס צו יעדער צייט און ביי יעדער געלעגנהייט. איך האָב פיינט, ווי אַנדערע, פאַרלייקענען, ווער איך בין און וואָס איך בין — אָט אַזוי בין איך און אַן עק. אַ פּראָסטער חי-וקים. קיין חכמות ווייס איך נישט און שקרים האָב איך פיינט. איך דערצייל מיין יחוס אַלעמען. אַז מע קומט צו מיר קאָרעספּאָנדענטן פון די גאַזעטן, מיך אויספרעגן, אויסטאַפּן, ווער איז גרישאַ און וואָס איז גרישאַ און וויאַזוי איז גרישאַ, זאָג איך זיי: ברידערלעך, גרישאַ איז נישט גרישאַ, גרישאַ — דאָס בין איך. ווען נישט איך, וואָלט נישט געווען קיין גרישאַ אויף דער וועלט. דאָס הייסט, ס׳וואָלט געווען אַ הערשל, אָדער אַ יאַנקל, אָדער אַ יאָסל, אָדער אַ מאָטל, נאָר נישט קיין גרישאַ סטעלמאַך, וואָס זאָל אַזוי קלינגען, אַזוי מרעיש עולם זיין, אַז די קווין אַליין (אַזוי הייסט דאָ די קעניגין) זאָל אים איינלאַדן צו זיך אויף קאָנצערט, אים דריקן די האַנט און אויספרעגן ביי אים איטלעכס ברעקעלע: צי האָט ער טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, און נאָך אַזעלכע זאַכן. יאָ, איך מעג מיך באַרימען, אַז טאַקע נאָר איך מיט מיין פּראָסטן פאַרשטאַנד און מיט דעם כח, וואָס גאָט האָט מיר איינגעגעבן, און מיט דעם שטיקעלע הצלחה, וואָס ער האָט מיר געשענקט, האָב געקאָנט ברענגען אַזוי ווייט, אַז שטעט און לענדער זאָלן זיך שלאָגן פאַר מיין זון, אַלע אין איין קול: גרישאַ סטעלמאַך און גרישאַ סטעלמאַך! ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אין איין וואָך זאָל מע קריגן איינלאַדונגען פון אַכט שטעט פון אַלע אַרבע כנפות הארץ: פון פּאַריז און פון מאַנטשעסטער, פון ווין און פון פּעטערבורג, פון אַנטווערפּן און פון ניו־יאָרק, פון לייפּציק און פון

טשיקאַגאָ — מע ווייסט נישט, ווען מע זאָל פריער ענטפערן, כאָטש צערייס זיך אויף צען שטיקער! און ווי אויף צו להכעיס, בין איך איצט געבליבן איין מענטש אַליין. איך האָב מיין שותף, דעם פריערדיקן מענעדזשער, וואָס כ'האָב אייך אַמאָל געשריבן, דאַנקען גאָט, שוין געגעבן דעם וועג. עס זענען אים אויסגעגאַנגען די יאָרן. ער האָט אַפילו זייער חשק געהאַט מאַכן אַ קאָנטראַקט נאָך אויף פינף יאָר. האָב איך געזאָגט: אַזאַ! גענוג אָנגעזוויגט זיך מיט מיין בלוט. עס וועט זיך אים, מאָלט אייך, מער שוין אַזאַ חלום נישט חלומען ווייל ער וועט לעבן, וואָרעם ס'איז דאָ נאָר איין גרישאַ סטעלמאַך אויף דער וועלט. איצטער בין איך מיר אַליין באַלעבאָס. מיין חתונה, מיינע קלעזמער. וואָס איך טו איז געטאָן, און וואָס איך זאָג איז געזאָגט. אַזוי האָב איך עס אַוועקגעשטעלט, פאַרשטייט איר מיך, פון דער לכתחילה, אַז אַ מאַמע איז אַ טאַטע און אַ קינד איז אַ קינד. וואָרעם וואָס איך האָב איבערגעטראָגן אויף מיינע פלייצעס און וואָס איך האָב זיך אָנגעסטראַדאַיעט, ביז גרישאַ איז געוואָרן אָט דער גרישאַ סטעלמאַך, וואָס ער איז היינט, ווייס איך נישט, צי ס'איז פאַראַן גאָר דער צווייטער אויף דער וועלט. אַן אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט שוין לאַנג אָנגעשפּאַרט העט-העט. אַ באַרג וואָלט פון אים געוואָרן. גראָז וואָלט אויף אים געוואַקסן. נאָר דאָס אַלצדינג ווייסט קיינער נישט און וויל נישט וויסן. די וועלט מיינט, אַז אָט אַזוי גרינג וואַקסט אויס אַזאַ שטערן, ווי גרישאַ סטעלמאַך, און מען איז דאָס מיר אַ ביסל מקנא. פשוט, מע פאַרגינט מיר נישט. מע טייט אויף מיר מיט די פינגער: „זעט נאָר, ווי דער סטעלמאַך שאַרט גאָלד מיט לאָפּעטעס!" פאַראַן אַזעלכע, בלומרשט גוטע פריינד, וואָס קומען צו גיין מיט עצות, מיט גוטע רייד, זאָרגן זיך פאַר מיין זון, למאי איך גיב אים נישט שטודירן, און נאָך אַזעלכע זאַכן. גוטע פריינד, וווּ זענט איר געווען פריער, אַז מיין סעמייסטווע איז, נישט היינט געדאַכט, געשוואָלן דריי מאָל אַ טאָג פון הונגער און אַליין בין איך פאַרלאָפן מיט בלוט, וואָס מיין גרישאַ האָט נישט קיין פאָר גאַנצע שטיוועלעך? פאַרוואָס האָט איר דעמלט נישט געזאָרגט פאַר מיין קינד, אַז איך האָב מיך אַרומגעטראָגן אַ הונגעריקער, אַ דערשלאָגענער אויף דער יידישער גאַס מיט אַ בריליאַנט, געשריגן: „אַני שלמה! יידן, איך פאַרמאָג אַ מיליאָן!" — ווער האָט מיך דעמלט געהערט? אוי, איך קען אַ יידן! איך מעג מיך באַרימען, אַז איך בין שוין אויסגעפאָרן אַ וועלט — נישטאָ, הערט איר, נישטאָ די צווייטע אומה אויף דער וועלט, ווי אונדזערע יידן, זאָלן געזונט זיין! גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד — אַזויפיל נגידים ביי אונדז, גבירים אַדירים, וואָס וואַרפן געלט אין דער בלאָטע, ברענגען אויס טויזנטער, הונדערטער טויזנטער, אויף דער רוח ווייסט וואָס, אויף נאָכשטופּן די קאַרעטע, אויף נאָכטאַנצן די גויים — און קיין איינציקער נישטאָ ביי אונדז, ווער ס'זאָל זיך אָפּרופן, אַז סע שלאָגט אָן צו אים אַ טאַלאַנט. ער מעג זיין משה רבינו, נאָר אויב צעריסענע

שטיוול — איז ער אויף צרות. פֿאַרשטייט זיך, אַז היינט זענען שוין פּאָר אונדז אָפּן אַלע טירן, שוין אַ גאַנצער כּבֿוד ביי זיי און אַ פֿרייד, אַז מיין זון באַערט זיי מיט אַ קוק. דער גרעסטער מאַגנאַט וואָלט זיך איצט געשעצט גליקלעך, ווען מיין זון זאָל זאָגן, אַז ער וויל נעמען זיין טאָכטער. אָפּגעגילט וואָלט מען אים פֿון קאָפּ ביז פֿיס, און אויך מיר וואָלט מען אָנגעשאָטן אַ פֿולע היטל מיט גאָלד, איך זאָל נאָר געבן אַ ווונק. איז אָבער דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וועט איר הערן אַ שיינס. איך וועל עס אייך טאַקע דערציילן, אויסגיסן אַ ביסל דאָס האַרץ פֿאַר אַ גוטן פֿריינד. ס'איז אַ גאַנצע געשיכטע.

געדענקט איר, איך האָב אייך אַמאָל געהאַט דערציילט פֿון אַ מיידל אַ קראַסאַוויצע, אַן אַקטריסע פֿון יידישן טעאַטער, מיטן נאָמען ראָזע ספּיוואַק? ביי שטשופּאַקן האָב איך מיך מיט איר באַקאַנט. ער האָט זיך באַרימט, אַז זי איז זיינע אַ פּלימעניטשקע פֿון וואַרשע. איך ווייס? ער זאָגט, אַ פּלימעניטשקע פֿון וואַרשע — לאָז זיין אַ פּלימעניטשקע פֿון וואַרשע. ס'איז מיר אַ נפֿקא־מינה! איז מיר אָבער דאָס דאָזיקע מיידל געפֿעלן געוואָרן פֿון דער ערשטער מינוט. וואָס זאָל איך אייך זאָגן — שטאַרק געפֿעלן געוואָרן! ערשטנס, טאַקע אַ שיין מיידל, אַ קראַסאַוויצע, מיט ברענענדיקע אויגן. אַ שוואַרצע אַפּילו, שוואַרץ, ווי אַ ציגיינערין. נאָר מלא חן! און נישט קיין נאַריש מיידל, מע קאָן זאָגן — אַ בר דעת, אַ לעבעדיקע, אַ ברען — פֿלאַם־פֿייער. היינט איר שטימע, איר זינגען! איר קענט דאָך מיך, אַז איך בין אַ ליוביטעל פֿון נגינה און פֿון יידיש טעאַטער, און זינט איך בין אין דעם ברויט, האָב איך מיך שוין אָנגעהערט מכּל־טומאה אויף מיין לעבן זינגערס מיט זינגערינס גענוג, עס קריכט שוין פֿונעם האַלדז. נאָר אַזוי זינגען, ווי די ראָזע ספּיוואַק, האָב איך נישט געהערט און וועל נישט הערן. זי זינגט צו אייך גלייך אין דער נשמה אַריין! וואָס זאָל איך אייך זאָגן, דאָס מיידל האָט מיך גענומען. נאָך איר רעדן האָב איך באַלד אַרויסגעזען, אַז דאָס דאַרף זיין נישט קיין געבוירענע אַקטריסע, נישט שטשופּאַקס אַ פּלימעניטשקע, נאָר אַ טאַטנס אַ קינד. כּך הווה, עס לאָזט זיך אויס, אַז די גאַנצע מעשה איז שקר וכזב. דאָס מיידל איז נישט שטשופּאַקס אַ פּלימעניטשקע, נאָר אַ וויילד־פֿרעמדע. און נישט פֿון וואַרשע, נאָר פֿון אַ קליין שטעטל ערגעץ פֿון בעסאַראַביע, אַ חזנס אַ טאָכטער. אַזוי בין איך געוואָר געוואָרן שפּעטער שוין. אַז שטשופּאַק איז געווען דאָרט מיט זיין טרופּע און זי געהערט זינגען, איז אים געפֿעלן געוואָרן איר שטימע, האָט ער זי אַרויסגענאַרט פֿון דער היים, איר צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, אַז אין אויסלאַנד וועט ער זי געבן שטודירן מוזיק און נאָך אַזעלכע זאַכן. לסוף, אַז ער איז נאָר אַריבער מיט איר די גרענעץ, האָט ער אַליין גענומען מיט איר שטודירן מוזיק, אויסגעלערנט זי זינגען פֿאַר אַ פּובליקום „חווה“, „שבת־מאַכן“, „פּראַטיק אויף דער נאַכט“ און נאָך אַזעלכע שיינע לידלעך. און דערצו נאָך כאַפּן אַ טענצל אויך... גאָט ווייסט, וואָס פֿון איר וואָלט געוואָרן, ווען איך צערעד

מיך נישט מיט איר און איך באַקען זי נישט מיט דער באַרימטער זינגערין מאַרטשעלאַ עמבריך, וואָס האָט געגעבן קאָנצערט איינעם טאַקע מיט מיין גרישען. באַשערט אַ מיידל אַ גליק, דאַרף זי זיך מיט מיר צערעדן און בעטן, איך זאָל זי באַקאַנט מאַכן מיט דער עמבריך. און די עמבריך, אַז זי האָט נאָר דערהערט דאָס דאָזיקע מיידל זינגען, איז זי צוגעזאָטן געוואָרן צו איר און גאָר נישט געוואָלט אָפּלאָזן שוין. דאָס ערשטע האָט זי די עמבריך אַרויסגעריסן פֿון שטשופּאַקס הענט און צוגענומען צו זיך, געגעבן שטודירן אין דער ווינער קאָנסערוואַטאָריע, איר געדונגען די בעסטע פּראָפֿעסאָרן און געמאַכט פֿון איר איינע פֿון די ערשטע זינגערינס אויף דער וועלט. אַ סברה, אַז זי וועט שוין היינט פֿאַרשטעקן אין גאַרטל די עמבריך מיט נאָך דריי עמבריכס. וואָס דאַרף איך אייך דערציילן אַ סך מעשיות — איר קאָנט פֿאַרשטיין, אַז זי טרעט שוין אַרויס מיט מיין גרישען אויף קאָנצערטן און באַקומט שוין כמעט אַזויפֿיל, וויפֿל מיין גרישאַ. און מע שלאָגט זיך שוין פֿאַר איר, ווי מע שלאָגט זיך פֿאַר מיין גרישען — און דאָס האָט זי אַלץ צו פֿאַרדאַנקען מיר. און אפֿשר מיינט איר, אַז זי דאַנקט מיר נישט אָפּ? נאָך אַ מין אָפּדאַנקען! אָט וועט איר הערן. ס'איז אַ מעשה מיט אַ „ליובאָוו“, אַ שיינע מעשה. נאָר איידער איך וועל אייך דערציילן די מעשה מיט אַ „ליובאָוו“, דאַרף איך אייך זאָגן קודם אַ פּאָר ווערטער וועגן מיין זון.

איך האָב פֿון מיין גרישען, דאַכט מיר, נאָך גאָרנישט געשריבן, וואָס פֿאַר אַ פֿויגל דאָס איז? שוין איינמאָל אַ פֿויגל. ווי גרויס ער איז, אַזוי קליין און פּראָסט איז ער ביי זיך. קליין און פּראָסט און שטיל. ער ווייסט נאָר פֿידל און קאָנצערט, קאָנצערט און פֿידל. ווייטער געהער זיך מיט אים נישט אָן קיין זאַך. פֿרעגט אים בחרם — וויפֿל האָט אַריינגעטראָגן זיין קאָנצערט? וויפֿל איז געפֿאַלן הוצאות? וויפֿל איז געבליבן ריווח? ס'איז נישט זיין עסק. ער ווייסט נאָר פֿידל — און ווייטער גאָרנישט. אפֿשר מיינט איר, חלילה, אַ פּלאַטשיק קינד? לאָמיך האָבן אַזאַ יאָר, וואָס פֿאַר אַ חכם ער איז. נאָר גאָרנישט. צו די זאַכן איז ער נישט שייך. און וואָאָבשטשע איז ער מיט דער וועלט, ווי זאָגט דער ליטוואַק, אַ „קנאַפּער מחותן“. וואָס דאַרף ער? פֿאַר די געשעפֿטן, אָדער פֿאַר די „ביזנעס“, ווי מע רופֿט עס דאָ, איז פֿאַראַן, ווער ס'זאָל זאָרגן. דערויף איז דאָ אַ טאַטע. און אויף די איבעריקע זאַכן איז דאָ אַ מאַמע ביי דער זייט. און דער עיקר איז דאָך די פֿידל, היינט וואָס איז שייך? גיי זיי אַ נביא, אַז ס'וועט זיך אַריינמישן אַ חזנס אַ מיידל, אַ ראָזע ספּיוואַק, אַ שלאַק, אַ ליובאָוו!...

איך, אַז איך בין געוואָרע געוואָרן פֿון דער מעשה — און געוואָרע געוואָרן בין איך דאָס טאַקע פֿון איר אַ בריוו, וואָס איז אַריינגעפֿאַלן על־פּי־נס צו מיר אין די הענט אַריין, דאָס הייסט, איך האָב עס איבערגענומען ביים בריוווטרעגער, — האָט דאָס מיך פֿאַרברענט אויף איר און פֿאַרבראָטן, טאַקע ממש אָנגעצונדן.

סטייטש! איך פיר דיך אַריין צו דער עמבריך, איך שלאָג דיר דורך, ווי זאָגט מען, אַ טיר אין דער גרויסער וועלט אַריין, און אין מיין זכות ווערסטו אַזוי געהויכט און געקרוינט, געמסטו און טוסט מיר אָפּ אַזאַ שפּיצל און פאַרפירסט מיט מיין זון עסקים, נעכטיקע טעג, ליובאָוו?!... און איך פויל מיך נישט און איך זעץ מיך אַוועק און שרייב איר אַוועקעט אַ בריוו, און דווקא פראָסט, אויף זשאַרגאָן, כד וכד, אַזוי און אַזוי, און סטייטש, און נאָכאַמאָל סטייטש, און צען מאָל סטייטש, ווו איז יושר און ווו איז גאָט! — אַזוי גוט-גוט! אויסגעלומרט, וואָס אויפן האַרצן! איך בין נישט קיין שרייבער, נאָר אַ טאַטע, אַז עס טוט אים וויי, איז אַ כפּרה אַכצן שרייבערס. טרעפט זשע, וואָס ענטפערט מיר אזא בהורטע? אַז איר וועט זיין מיט אכצן קעפּ, וועט איר אויך נישט טרעפן! קודם גיט זי מיר אַוועק אַ פאָרציע פאר איר בריוו, וואָס איז אריינגעפאלן צו מיר על-פּי-נס. דער בריוו, זאָגט זי, איז אדרעסירט געווען צו אן אנדערן. זי זאָל געווען וועלן, זאָגט זי, שרייבן צו מיר, ווייסט זי מיין אדרעס. והשנית, זאָגט זי, ווער האָט מיך געמאַכט צו דענקען — איר הערט אַ שפּראַך? — „ווער האָט אייך געמאכט צו דענקען, זאָגט זי, אַז איך האָב אויסזיכטן אויף אייער זון? אלע אייערע געדאנקען, זאָגט זי, דרייען זיך שטענדיק ארום איין פינטעלע, וואָס הייסט מיטן נאָמען גרישא סטעלמאַך, און איר האָט א גרויסן טעות, זאָגט זי, אויב איר מיינט, אז דאָס פינטעלע, וואָס הייסט גרישא סטעלמאַך, איז דער מיטלפּונקט פון דער גאַנצער וועלט, ארום וועלכן עס דרייט זיך ארום אלץ, וואָס לעבט און וואָס דענקט. פאַראַן, זאָגט זי, אזעלכע מענטשן — און זייער צאָל איז אַ מענגע — וואָס האָבן אים פאר די אויגן אזוי לאנג, ווי ער שטייט אויף דער עסטראַדע און די פידל רעדט ביי אים אין זיינע הענט אויף אזא לשון, וואָס נישט פיל קאָנען רעדן אַזוי, ווי ער. פון דער מינוט, זאָגט זי, וואָס ער לייגט אַוועק די פידל און גייט אראָפּ פון דער בינע, איז ער פאר דער וועלט נישט מער און אפשר נאָך ווינציקער, ווי א גוטער חלום“... געפעלט אייך אביסל א לשון? און ווייטער שרייבט זי מיר: פון וואנען ווייס איך, אז איר בריוו צו מיין זון איז נישט קיין ענטפער אויף זיין בריוו צו איר? און אפשר איז דאָס נישט דער ערשטער און נישט דער אייגציקער בריוו? דער אונטערשיד איז נאָר דער, זאָגט זי, וואָס אַלע בריוו פון מיין זון צו איר קומען אָן גלייך צו איר אין די הענט אריין, ווערנדן אירע בריוו צו אים מוזן, אפּנים, דורכגיין דורך א געוויסע צענזור... אויב אזוי, זאָגט זי, קאָן זי מיר פארזיכערן, אז זי וועט אָנווענדן אַלע אירע קרעפטן און וועט טאָן אלץ מעגלעכעס, אז פון היינט אָן און ווייטער זאָלן אירע בריוו דערגרייכן זייער צוועק און קיין ניסים זאָלן זיך מער נישט טרעפן...

„איך וועל עס טאָן, זאָגט זי, נישט אזוי צוליב דעם, וואָס עס גייט מיר אין לעבן, איך זאָל מיך איבערשרייבן מיט אייער זון, ווי צוליב דעם, איך זאָל אייך באווייזן, אז כאָטש איך בין, ווי איר זאָגט, א בעסאראבער מיידל, דאָך וועל איך אייך ציייגן, אַז אייער פאַטערלעכער דעספּאָטיזם, וואָס שטאַמט פון אייער צופיל געטריישאפט,

איז נישט אזוי געפערלעך, ווי איר מיינט, און אז אלצדינג אויף דער וועלט האָט אַ גרענעץ". נו, וואָס זאָגט איר אויף אזא עזותפּנימניצע? ניין, הערט, וואָס זי שרייבט מיר ווייטער! „איך פאַרזיכער אייך, זאָגט זי, אַז ווען איך זאָל פילן צו אייער זון דאָס, וואָס ער פילט צו מיר, אין דער זעלבער מאָס, וואָלטן מיר אייך שוין באַוויזן, אז מיר ביידע וואָלטן נישט געהאַט מער קיין דאגות און וואָלטן ביידע געווען אָלל=רייט". וואָס זאָגט איר דערויף? רעדט זי שוין מיט מיר גאָר אויף איינגעלש!

איך וויל אייך נישט מאריך זיין, ליבער פריינד. איך האָב איר אָפּגעענטפערט אויף איר בריוו, און זי האָט מיר אָפּגעענטפערט אויף מיין בריוו, און אזוי איז אַוועק צווישן אונדז אַן איבערשרייבעניש, איך איר און זי מיר, אין דער שפּיץ איז געווען, אז מיר זענען מיט איר געוואָרן חבר. אָבער וואָס חבר הייסט. דהיינו, וויאזוי מיינט איר? אז זי איז געקומען קיין לאָנדאָן אויף אַ קאָנצערט — און דער קאָנצערט איז געווען טאַקע איניינעם מיט מיין זון — האָבן מיר אויסגעשלאָגן פּאַר איר א קניה ערד, איך און מיין ווייב זאָל לעבן, איידער מיר האָבן ביי איר געפועלט, אז זי זאָל אונדז באערן מיט א וויזיט. וואָס טוען נישט טאַטע=מאַמע צוליב א קינד? און אז מיר וועלן זיך שטעלן אקעגן צען מאָל — וועט זיין בעסער? אז מע שמועסט ליובאָוו — איז דאָך נישט שייך... פון דעמלט אָן, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איז דאָס מיידל געוואָרן ביי אונדז אזוי היימיש, אזוי ליב און איינגע=באַקן אַלעמען אין הארצן! אַז מיר וואָלטן שוין געווען גליקלעך, דער שידוך זאָל זיין א שידוך — אַן עק זאָל דאָס האָבן. איז אָבער ניין. נישט זי, נישט ער. היינ=טיקע קינדער! אז רעדן מיט זיי פּראָסטע דיבורים קאָן מען נישט. עס איז דאָך עפּעס נישט גלאַט א בחור מיט אַ בתולה. דאָס זענען דאָך טאַקע צוויי שטערן אויף דער וועלט. קיין סך אזעלכע זענען נישט פאַראַן. א שמועס טאָן מיט זיי וועגן חתונה — זאָל גאָט היטן! וואָס דאַרפט איר מער — אז דער נאָמען „חתן=כלה" טאָר גאָרנישט דערמאַנט ווערן — האָט איר עפּעס צו זיי? דאַרף מען א ביסל צוּוואַרטן — וואָס זאָל מען טאָן? טענהט אָבער מיין ווייב זאָל געזונט זיין: זי וואָלט שוין געוואָלט, זאָגט זי, דערלעבן א שטיקל נחת... זאָג איך איר: „האָב צייט, וועסט נישט פאַרשפּעטיקן"... און אליין פיל איך, אז דאָס חיות גייט מיר אויס. איך וואָלט שוין אליין אויך געוואָלט, נישט אזוי דעם נחת, איך בין דאָך נישט קיין יידענע, דאָס הייסט, א נחת — מהכתיתי, פאַרוואָס נישט? מיך פּיקט אַן אַנדער זאַך. איך ווייס נישט, צי איך וועל עס אייך קאָנען ארויסגעבן: מיין זון, פאַרשטייט איר מיך, איז אַן ארטיסט, און א גרויסער ארטיסט, און דערצו איז ער נאָך גאָר א קינד, א כשר לעמעלע, און זיין ליובאָוו איז מיט סכנת=נפשות! און זי איז א מיידל שוין צו א שיינע און צו א קלוגע און צו א ספּריטנע — וואָס „צו", זאָגט מען, איז איבעריק... איצטערט פליען זיי ארום ביידע איבער לאָנדאָן. חלילה נישט צופוס, נאָר אין א מאָטאָרקאַר, אַן אויטאָמאָביל הייסט עס, און מע

קויפט און מע קויפט! — וואָס פאר א ווערט האָט ביי זיי געלט, אשטייגער? א שטיקל גליק כאָטש, וואָס איך בין דאָ ביי דער זייט און לאָז נישט. ווייטער וואָלט מען פאַרברענט טויזנטער! דאָס גרייט מען זיך אין וועג אַריין. עס קאָן זיין, אַז מיר פאָרן, אם־ירצה השם, אַלע אינגיכן קיין אַמעריקע. זיי זענען דאָרט ביידע אַנגאַזשירט אויף אַ גאַנצן סעזאָן, און דאַנקען גאָט, אויף אַזעלכע קאָנדיציעס, אַז מע מעג עס ווינטשן אַלע אונדזערע ליבע, גאָט זאָל זיי נאָר געבן געזונט און הצלחה, ווי ביז אַהער, און יאָרן אַ סך ביידן, און מיר זאָלן עס זען און קלייבן נחת, וואָרעם היינט זענען זיי ביידע פאַררעכנט ביי אונדז גלייך, גאָר קיין חילוק נישט. זי איז ביי אונדז, מעגט איר מיר גלייבן, טייער, ווי מיין אייגן קינד. נאָך אפשר טייערער. כאָטש דעם אמת זאָגנדיק, איז זי מיט מיר נאָך איצט אויך נישט ישוה בשוה. אפנים, פון מיין ערשטן בריוו נאָך... איך בין, ווי זאָגט ער, מיט איר ואדרבא ואדרבא, און זי איז מיט מיר קידער־ווידער. זי קאָן נישט ליידן, למאי איך רעד פון געלט. זי האַלט מיך פאַר אַ קמצן. קינדער זענען נאַראָנים. זיי פאַרשטייען נישט, אַז אַלצדינג איז פון זייערטוועגן. למשל, איר מאָלט זיך אויס, אַז טייערער פון געלט איז ביי מיר גאָרנישט פאַראַן. זי אַליין זאָגט דאָס מיר. גע־ווינטלעך, פאַרשטעלט. זי מיינט, אַז זי קען מיך שוין... ווערטלען מיר זיך אָפּט. איך לאַך, נאָר מיין זון סטראַדאַיעט דערפון. איז דאָס מיר נישט אָנגענעם... נאָר מסתמא וועט זיך עס מיט דער צייט אויסגלעטן. אַלע קינדער זענען אַזוי. זיי מיי־נען, אַז ערגער פון עלטערן איז שוין נישטאָ אויף דער וועלט. וואָס קאָן נאָך זיין ערגערס פון עלטערן?... נאָר מיר דאַכט, אַז איך האָב מיך שוין אַ ביסל צופיל צעשריבן. שוין באַלד נישטאָ קיין פּאַפּיר. אַ ביסל אויסגערעדט זיך, געוואָרן גרינ־גער אויף דער נשמה. קיין אַנדערן, פאַרשטייט זיך, וואָלט איך אַזויפיל נישט פאַרטרויעט. נאָר אייך איז אַנדערש. איר זענט אַ בעל־סוד. צווישן אונדז וועט דאָס בלייבן.

זייט מיר רעכט וואָל, און מאַכט גוטע ביזנעס, און שרייבט מיר אָפטע גוטע בריוו, אַזוי ווי נאָר איר אַליין קאָנט.

פון מיר אייער אַלטער פריינד
מאיר סטעלמאַך.

עיקר שכחתי. מיין ווייב בעט מיך, איך זאָל אייך לאָזן גרוסן. און מיין זון פרעגט זיך נאָך, אויב איר האַלט נאָך אַמאָל אַ פידל אין האַנט?

מאיר סטעלמאַך.

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

פון שלום־מאיר מוראַווטשיק צו ראָזע ספּיוואַק

צו מיין ליבע און געערטע פריינדין ראָזע ספּיוואַק לעבט וואָהל וואָס איז די מאַנסע וואָס איר זענט צו מיר געוואָרן אַזוי פרעמד אַז איר ווילט מיר אַפילו נישט ענטפערן אויף אַלע מיינע בריוו מיט וואָס האָב עך כייטע בייגל געווען מיר דאַכט אַז אַדעראַבע וואָס עך בין פאַר אייך אויסגעשטאַנען קומט מיר נישט איר זאָלט מיר אַזוי אָפּדאַנקען וואָרעם ווען נישט עך וואָלט איר נאָך איצטערט אויך געווען ביי שטשופּאַקן דער קאַדיק זאָל אים נעמען עך האָט דאָך מיר נישט געוואָלט באַצאָלן וואָס מיר קומט איבער אייך וואָרעם ער זאָגט אַז אין גאַנצן דער כאַיעוו בין עך וואָרעם ווען נישט עך זאָגט ער וואָלט איר נישט געוווסט פון קיין עמבריך און ער וואָלט נישט געבליבן זאָגט ער אָן אַ סמיטשיק ער שווערט אַז ער איז דורך אייך בעדילאַדאַל געוואָרן אַזוי שרייבט ער מיר און ווייגט אויף ביידע אויגן איר ווייסט דאָך אַז ער גלויב אים ווי דעם הונט נאָר אַז יענער כאַפּט די ערד ווייסט אים דער ריך אפשר איז ער גערעכט עך וויים נאָר אַז ער האָט שוין איצט קאַדאָכעס נישט קיין מענדעליאָן און אַ פּאָר באַרעליאַנטענע פינגערלאַד האָבן שוין אויך געפעלט און דעם גאָלדענעם זייגער האָט ער שיינט מיר אויך ערגעץ פאַרטאַכטאָרעט און אַלץ צוליב אייך וואָרעם דער ייד האָט זעך געגייט אַ בייטל גאָר אַ גרויסן אַכיץ וואָס ער האָט זיך איינגעבראָמבלט אַ מאַכשאָווע אָט דער אידעיאָט אַז גאָט וועט אים אויפרעכטן ער וועט לויז ווערן מירטשעם פון זיינע ווייבער וועט ער אייך מיט זיינע באַרעליאַנטן פאַרשאַלאַמאָנעווען דעם קאָפּ און סוועט זיין גימל צום סאָף גאָט אייך אַזאַ מאַפּאָלע און נאָר עך זאָגט ער בין שולדיק נישט קיינער דערווייל בין עך געבליבן ווי אויפן וואַסער דאָס ביסל פּאָדעם וואָס עך האָב פון אייך די ערשטע צייט באַקומען האָט מיר געקלעקט אויף איין צאָן און האָב געהאַט אויף זעך אַ צאָרע אַנאָרעמע שוועסטער איבערגעפּעקלט קיין אַמעריקע און אַליין בין עך אויך געווען קראַנק אַ שטיק צייט זעך שיר נישט געזען מיטן מאַלכאַמאָוועס ווען נישט איר מיט אייער קליינע שטיצע וואָלט עך שוין איצטערט אָנגעשפּאַרט דאָרט ווו עס וואַקסט נישט קיין כריין דאַנק עך אייך זייער אָבער פאַר וואָס זאָלט איר מיר נישט טאָן די טייווע און אָפּענטפערן מיר אַמאָל כאָטש מיט עטלעכע ווערטער דאַכט מיר עך האָב עס ביי אייך נישט פאַרדינט עך זאָל אייך נאָכלויפן ווי אַ הונט פון פאַריז קיין לאָנדאָן און פון לאָנדאָן קיין פאַריז און פון דאָרטן קיין אַנטווערפּן און איר זאָלט אַפילו נישט וועלן מעך אויפנעמען איין גאָט ווייסט דעם אמת אַז עך בין אייך טאָמער געשטאַנען אין אייערע נייטן און איר האָט מיר געזאָגט מוראַווטשיק גיי בין עך געגאַנגען מוראַווטשיק לויף בין עך געלאָפן פון דער ערשטער צייט רעד עך שוין נישט נאָר אַפילו

דערמאָנט ווען איר זענט אַרויס פֿון שטשופּאַקס רעשוס און געקליבן זעך קיין נאַטאַליע געדענקט איר האָב עך נישט געזשאַלעוועט מיין טערכע קיין מאָל און אַז מע האָט באַדאַרפֿט דערמאָנט אַרויסצוואַרפֿן דעם שלעמאַזל וואָס האָט זעך געוואָלט שיסן ווער האָט זעך מאַפּקער געווען אַז נישט מוראַווטשיק און היינט האָט איר שוין גאָר פֿאַרגעסן ווער איז דער מוראַווטשיק. וויפֿל מאָל עך האָב מעך געקויבערט צו אייך קאָן עך מער נישט דערקויבערן מע לאָזט נישט צו עך בין איין מאָל אָפּגעזעסן ביי אייך אין סאַלאָן דריי וויגער שאָ געהערט אייך רעדן מיט עמעם אַ פּראַגעוויז צום סאָף קומט מען אַרויס און מע זאָגט מיר אַז איר זענט נישטאָ אין דער היים איז מיר פֿונצטער געוואָרן אין מיינע אויגן און האָב קוים געטראָפֿן צו דער קליאַמקע אַז אָך און ווי איז שאָלעם מייער צו דיין קאַפּעליש אויף וואָס דו ביסט איבערגעקומען האָב עך געזאָגט צו מיר אַליין און אַז סע מאַכט זעך אַ מענטש ווערט באַגליקט דאַרף ער זעך שוין אַזוי איבערגעמען ווי זענען אייערע ווערטער וואָס איר האָט מיר צוגעזאָגט אַז איר וועט מעך קיין מאָל נישט פֿאַרלאָזן און צום סאָף אַז עך בין אייך גאָכגעלאָפֿן אין לאָנדאָן אויף דער דאַמשע האָב עך אייך געזען דורכפֿליען אין אַנאַווטעמעביל מיט סטעלמאַכס באָכעריל האָב עך אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל האָט איר זעך געמאַכט אַז איר זעט מעך נישט האָב עך אייך געשריבן איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל ענטפֿערט איר מיר נישט פֿאַר וואָס ווייס עך נישט אַצינדערט אָבער האָף עך אַז איר וועט מיר שוין יאָ ענטפֿערן ווייל עך האָב צו אייך אַ שטיקל געשעפֿט דעהיינגע עס געפֿינט זעך ביי אייגעם אַ מענטשן אייערס אַ פּעקל מיט בריוו וואָס דער מענטש האָט דאָס מיר געבערענגט צו טראָגן אָנגעמאָסטן זעך אַ היטל געהייסן זעך גוט באַצאָלן אָבער טאַקע אַ גראָבס ער ווייס זאָגט ער אַז איר זענט היינט אין די פֿעדערן און אַזוי ווי דאָרט געפֿינען זיך זאָגט ער אַלערליי בריוו וועט איר מינעסטאַמע נישט דערלאָזן זאָגט ער מע זאָל זעך מיט אייערע בריוו אַרומטראָגן האָב עך אים געזאָגט ווייסט איר וואָס פֿעטער אָט שרייב עך אַוועק צו איר אַ בריוול זאָגט ער הערסטע וואָס דען דול עך אייך אַ באַקדייזשע עך מיין נישט זאָג עך די אַגאַדע עך מיין די קגיידלעך אַל קיין בייט עך אייך מיין ליבע געשעצטע פֿריינדין ראָזע איר זאָלט מיר באַלד שרייבן אַ בריוו אויב איר ווילט צוריק אייערע פּאַפּירן און אויב איר דאַרפֿט זיי שרייבט מיר וועל עך מעך זייען מיטן דאָזיקן מענטשן עך האָף אַז עך וועל אים מיט גאָטס הילף איינבייסן און שרייבט מיר אויף מיין נאָמען צום דרעקטער פֿון פּאַריזער יידישן טיאַטער וואַקסמאַן וויפֿל זאָל עך אים אָנבאָטן ווייל דער מענטש ווייס אַליין נישט וויפֿל ער זאָל זעך הייסן געבן זאָל אים גאָט אַ קרענק פֿון מיר אייער איבערגעגעבנסטער דינער וואָס ווינטשט אייך פֿיל גליק און אַצלאָכע מיט אַכטענקספּאָל שאָלעם מייער מוראַווטשיק.

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

פון ראַזע ספּיוואַק צו מאַרטשעלאַ עמבריך

טייערע געטרייע מוטערכען מאַרטשעלאַ!

איצטיקס מאָל וועל איך ביי אייך צונעמען אַ ביסל מער צייט ווי אַלעמאָל, ווייל איך האָב אייך שוין לאַנג נישט געשריבן, און ביי מיר האָט זיך צונויפגעקליבן אַזויפיל נייעס, אַז איך ווייס נישט פון וואַנען אָנצוהייבן. ערשטנס, בין איך שוין, ווי איר זעט, נישט אין פּאַריז. אויס גראַנד־אָפּערע. ווידער אַ פרייע פייגעלע. ווידער אַ ציגיינערין. ווידער נע־ונד איבער דער גרויסער פרייער וועלט. און, ווי איר זעט פון די בייגעלייגטע צייטונגס־אויסשניטלעך, גאַסטראָליר איך מיטן גרעסטן דערפאָלג, און נישט אַליין, נאָר אינצווייען, מיט אונדזער אַמאָל זייער באַרימטן „ווונדערקינד“, איצט נאָך מער באַרימטן ווירטואָז גרישאַ סטעלמאַך, מיט וועלכן איך האָב זיך צום ערשטן מאָל באַקענט טאַקע אויף אייער קאָנצערט. אויף יענעם אומפאַרגעסלעכן קאָנצערט, וואָס האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין מיין גאַנצן לעבן. אַך! דאָס איז אַ גאַנצער ראָמאַן! איך וועל אייך אים באַשרייבן ווי וויט מעגלעך אין קורצן, ווייל, ערשטנס, וויל איך ביי אייך נישט צונעמען קיין סך צייט, און, צווייטנס, שרייב איך דעם בריוו אויפן שיף, וואָס טראָגט מיך קיין אַמעריקע. איבערמאָרגן זענען מיר שוין אין ניו־יאָרק.

„מיר“ — דאָס מיינט, אַז איך פאָר נישט אַליין, נאָר אינצווייען... אַזוי ווי איך האָב געוואָלט, אַזוי ווי איך האָב געשטרעבט דערצו שוין פון לאַנג. אין דעם באַשטייט מיין נצחון, מיין טריומף. אַך! ווי וואָלט איך וועלן אייך אַציגנד אַרומנעמען, צודריקן צום האַרצן און אויסקושן אייך, טייערע, טייערע מוטערכען! נאָר איר רעכנט געוויס, אַז איך בין פאַרשיכורט? יאָ, איך בין פאַרשיכורט, מוטערכען, פאַרשיכורט, נאָר נישט פון ליבע, ניין. רופט מיך אָן ציגיינערין, רופט מיך פאַנטאַזירערין, רופט מיך אַוואַנטוריסטין, רופט מיך אָן ווי איר ווילט, נאָר הערט מיך אויס, אפשר וועט איר מיך פאַרשטיין. איר, נאָר איר וועט מיך פאַרשטיין. דאָס, וואָס איך גיי אייך דערציילן אַצינד, איז אַן עפּיזאָד פון מיין לעבן, מיט וועלכן איך האָב אייך נאָך ביז אַהער נישט באַקאַנט געמאַכט, ווייל אין דעם עפּיזאָד שפּילט איר די הויפּט־ראָל. און געטראָפן האָט זיך עס אין יענעם זעלטענעם פרימאָרגן פון אייער מאַטינע־קאָנצערט, וואָס איך וועל אים אייביק און אייביק נישט פאַרגעסן. דאָס איז געווען דער גליקלעכסטער פרימאָרגן פון מיין לעבן, דער אָנהייב פון מיין קאַריערע.

אַ צעטומלטע, אַ צעהיצטע, אַ פאַרלוירענע, אַ פאַרכישופטע פון אייער זינגען און פון זיין שפּילן, בין איך דעמלט מיטן שטראָם פון מענטשנקעפּ כמעט ארויסגעטראָגן געוואָרן פון זאַל און מיט אַ גרויסן טייל פון פובליקום געבליבן שטיין ביי

דער טיר, אָפּוואַרטן די צוויי העלדן פון יענער שעה, די באַרימטע מאַרטשעלאָ עמבריך מיטן באַרימטן גרישאַ סטעלמאַך.

וויפל דאָס אָפּוואַרטן האָט גענומען, — אַ מינוט, אַ שעה, אַ טאָג, — דאָס געדענק איך נישט, ווייל מיין נשמה איז געווען דעמלט אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט פון הימלישן געזאַנג און נישט-ערדישע טענער. פּלוצים האָבן זיך געלאָזט הערן הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, און דער שטראָם פון מענטשנקעפּ האָט זיך אַ וויג געגעבן. איך האָב אויפגעהויבן די אויגן און דערזען צופאָרן אַ גלענצנדן פּרעכטיקן אויטאָמאָביל. ווי אַ בליץ האָט איר ביידע דורכגעגלאַנצט פאַר מיינע אויגן, פריער איר, דערנאָך ער, אַריינגעזעצט זיך מיט נאָך איינעם אַ דריטן — און ווי אַ שיינער חלום זענט איר אונטערן רוישן פון אַפּלאָדיסמענטן מיט טריומף פאַרשוווּנדן געוואָרן.

אָבער אין מיין געדעכעניש איז דער מאָמענט געבליבן פעסט. איך האָב נאָר באַדאַרפט צומאַכן די אויגן אויף איין אויגנבליק, איז שוין אויסגעוואַקסן פאַר מיר דער דאָזיקער זעלטענער חלום, אין וועלכן איר זענט די קעניגן און ער איז דער פּרינץ, און איך און אַלע איבעריקע מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום אויף דער ערד, זענען אייערע אונטערטעניקע, אייערע קנעכט, און איר ביידע געוועלטיקט איבער אונדז.

דאָס פּובליקום האָט זיך שוין לאַנג צעגאַנגען ווי אַ רויך נאָכן אָפּגעלאָפענעם אויטאָמאָביל. געבליבן זענען נאָר געציילטע היימישע מענטשן. און איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פאַרכישופטע, אַ פאַרחלומטע, פול מיט פאַנטאַזיעס, וואָס האָבן מיך אויפגעכאַפּט אויף זייערע פליגלען און האָבן מיך אַוועקגעזעצט אויף אייער אָרט, מיין פּרעכטיקע קעניגן, אינאיינעם מיטן דאָזיקן יונגן שיינעם פּרינץ, און איך, די קליינע, עלנטע, אָרעמע ראָזע, האָב דערזען פּלוצים מיין אייגענעם טריומף און דערהערט מיין אייגענעם נאָמען אינאיינעם מיטן נאָמען גרישאַ סטעלמאַך, און איך בין פאַרציטערט געוואָרן. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם אין מיין קאָפּ און אַ פייער אין מיין האַרצן, און איך האָב מיר געזאָגט: „דער חלום מוז מקוים ווערן!“... — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער חלום, ווי איר זעט, איז מקוים געוואָרן. ער האָט זיך פאַרווירקלעכט אויפן בעסטן אופן. נישט נאָר האָב איך זוכה געווען צו אַזאַ נישט פאַרדינטן טריומף, איך האָב דערלעבט נאָך עטוואָס מערערעס: דער יונגער פּרינץ איז אויסגעוואַקסן. פון אַ „וווּנדער-קינד“ איז ער געוואָרן אַ גרויסער קינסטלער, און דער דאָזיקער גרויסער קינסטלער איז איצט מיינער, אינגאַנצן מיינער! — — —

איצט ווילט איר וויסן, אויב איך בין גליקלעך? אויב איך בין צופרידן? אַך, טייערע, טייערע, פרעגט מיך נישט! איך בין נישט ווערט די ליבע, וואָס מענטשן שענקען מיר אַוועק. איך בין נישט ווערט קיין הונדערט חלק פון דעם, וואָס איר,

מוטערכען, האָט מיר אָוועקגעגעבן. איך טראָג אין זיך אַ בייז האַרץ. איך באַזיץ אַ שלעכטן גייסט. איך האָב קיינעם, קיינעם נישט ליב! איך טו נאָר דאָס, וואָס עס געפעלט מיר אין דער מינוט, נאָר דאָס, וואָס עס דיקטירט מיר מיין קאַפּריז. פרעמדע צרות זענען ביי מיר אַ שפּאַס. יענעמס טראַגעדיע איז ביי מיר אַ שפּיל. אַ רוח האָט זיך פאַרקליבן צו מיר אין הארצן. אַ שד, אַ נישט-גוטער האָט זיך באַזעצט ביי מיר אין דער נשמה. קיין זאַך שטעלט מיך נישט צופרידן. וואָס מער דאָס לעבן גיט מיר, מער פאָדער איך. וואָס מער עס גליקט מיר, מער ווער איך קאַפּריזנע. מינוטן, מער נישט אַז מינוטן, זענען פאַראַן אין מיין לעבן. הויכע, געהויבענע מינוטן. דאָס זענען די מינוטן, ווען מיין פּרינץ און מיין כישופמאַכער געפינט זיך אויף דער עסטראַדע. אַך, ווי גרויס, ווי הויך, ווי שיין ער איז דעמלט! הימל-שיין. געטלעך-שיין. נישטאָ צו אים קיין גלייכן, סיידן... אַך! פאַרוואָס איז ער נישט יענער, דער וואָס איך ווייסט?!...

זאָגט מיר, מוטערכען, וואָס זאָל איך טאָן, איך זאָל זיין צופרידן? לערנט מיך אויס, ווו זאָל איך זוכן מיין גליק? און צי וועל איך געפינען מיין גליק אין דער נייער וועלט, וווהין איך פאָר אַצינד? און צי ס'איז בכלל דאָ גליק אויף דער וועלט? און צי בין איך נישט גערעכט, אַז איך זאָג אייך אויף מיר אַליין, אַז איך בין אַ בייזעס וועזן, אַ פאַרדאָרבענע נשמה? איך בין געווען און איך וועל בלייבן

אייער פאַרדאָרבענע, צעלאָזענע, קאַפּריזנע

ציגיינערין

ראָזאַ.

קאַפּיטל ניין און דרייסיק

פון מאיר סטעלמאַך צו זיין גוטן פריינד

טייערער בעסטער פריינד!

איך האָב מיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף אייער ענטפער און איך שרייב אייך שוין ווידער. איר וועט מיר גלייבן צי ניין, איך פיל עפּעס אַ מין באַדערפעניש אין דעם, עפּעס אַ מין מאַגנעט ציט מיך, איך זאָל פאַר אייך אויסגיסן מיין האַרץ. ווייל, ערשטנס, זענט איר כמעט דער איינציקער אויף דער וועלט, וואָס פאַרשטייט מיך, ווי עס געהער צו זיין. איר האָט מיר אַנומלטן געהאַט געזאָגט, אַז ווייבאַלד איך האָב געקאָנט מגדל זיין אַזאַ זון, איז אַ סימן, אַז איך בין אַליין אויך נישט קיין פּראָסטער מענטש, ווי די וועלט מיינט. די דאָזיקע ווערטער זענען

מיר גוט אריין אין נאָז אַריין. הערן אַזעלכע ווערטער פֿון אַזאַ קענער, ווי איר, איז זייער איינגענומען. דאָס פֿאַרשטייט איר אַליין. והשגית, האָב איך גלאַט ליב מיט אייך צו שמועסן, ווייל מיט אייך קאָן איך רעדן אָפֿן און אַרויסשרייבן אייך אַלצדינג, וואָס ביי מיר טוט זיך, ווי פֿאַר אַן אייגענעם ברודער. איך האַלט אייך, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, פֿאַרן גרעסטן בעל־סוד אין דער וועלט. איך ווייס, אַז איר זענט אַן אייזערנער קאַסטן, און איך בין באַוואָרנט, אַז מיינע בריוו, וואָס איך שרייב צו אייך, וועט, אחוץ אייך, קיין בן־אדם נישט זען און קיין פֿויגל נישט וויסן...

אַצינד טרעפֿט, פֿון וואַנען איך שרייב אייך דעם דאָזיקן בריוו? פֿון שיף, מיין ליבער פֿריינד, פֿון שיף שרייב איך אייך. מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע. מיר — הייסט דאָס: איך און גרישא און ראָזע און דער מענעדזשער, אַן אַמעריקאַנער פֿויגל, וואָס האָט זיך אונטערגענומען פֿאַר אַ געוויסן מינימום און אויף זיינע הוצאות, געוויינטלעך ערשטע קלאַס, מאַכן מיט אונדז אַ טורנע איבער גאַנץ אַמעריקע. דער מינימום — דאָס איז גאַראַנטירט. ווינציקער פֿון דער סומע, הייסט עס, טאָר שוין נישט זיין, און וואָס ס'וועט זיין מער — איז יהדיו. האָט איר עס צעקייעט? אויף פּשוט יידיש גערעדט, וועלן מיר זאָגן, אַז ער האָט אונדז אָפּגעדונגען, אָדער לאָמיר שוין זאָגן דעם גאַנצן אמת — אָפּגעקויפֿט אויף אַ געוויסע צייט און אַן עק... געהערן צו יענעם, ליבער פֿריינד, זיין פֿאַרקויפֿט איז אַפֿילו נישט אַזאַ געשמאַקער ביסן, ובפֿרט — איך בין שוין אַ געשלאָגענער הונט, אָנגעלערנט פֿון מיין דייטש, ימח שמו זאָל ער ווערן! נאָר וואָס זאָל מען טאָן? דער מינימום איז אַזאַ שיינער מינימום און דער יצר־הרע פֿון געלט איז אַזוי גרויס, צו אַלדי שוואַרצע יאָר! תּחילת האָב איך גאָר נישט געוואָלט האָרכן פֿון קיין מינימום־שמינימום. וואָס הייסט — יענער וועט מיך אַרומפֿירן? און ווו בין איך? איך קאָן אַליין נישט די מלאכה? האָט זיך אָבער אָט דער אַמעריקאַנער פֿויגל נאַסיאַדעט אויף מיר, ווי אַ קלעק, איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל, וויפֿל וויל איך מאַכן ריינעם פּראָפֿיט, פֿאַרדינסט הייסט עס, און וויפֿל איז מיין מינימום, דאָס סאַמע מינדעסטע, לויט מיין השגה נאָך? וואָס זאָגט מען אים, אַזאַ פֿויגל? דער־זען, אַז איך קווענקל מיך, מאַכט ער צו מיר: ס'איז נישט גייטיק צו זאָגן באַלד. איך האָב, זאָגט ער, צייט 24 שעה צו געבן אים תשובה. געפֿעלט אייך אַזאַ מעשה? ער האָט מיר פֿאַרגעבן, הייסט עס, אַ לייענען, ווי זאָגט איר, אויף פֿיר און צוואַנציק שעה! געוויינטלעך, בין איך שוין יענע נאַכט נישט געשלאָפֿן. געערעכנט אַהער, גערעכנט אַהין, זיך געעצהט מיטן ווייב, איבערגערעדט מיט די קינדער. נאָר וואָס ווייסן קינדער? אַז מיינער איז, ווי איך האָב אייך שוין געשריבן, צו די זאַכן גאָר נישט שייך. דאָס הייסט, איר מיינט, אַז ער ווייסט נישט חלילה קיין צורת מטבע? ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז וואָס מער איז בעסער, נאָר ער מישט זיך נישט. ער פֿאַרלאָזט זיך שוין אויפֿן טאַטן. ער ווייסט, פֿאַרשטייט איר מיך, אַז דער טאַטע

וועט זיך נישט לאָזן שפּייען אין דער קאשע. דערפאַר איז זי שוין, ראָזע מיין איך, אַ סך פּראַקטישער פון מיין זון. דאָס הייסט, געלט איז אפילו ביי איר אויך שמעלט, און אויף אויסברענגען, טרענצלען, פלעכטן קערבלעך וועט זי זיך אויס־גלייכן מיט מיין זון, און נאָך פאַרשטעקן אים אין גאַרטל. נאָר זי פאַרשטייט אַן עסק. האָט אַן אַפּעטיט, קיין עין־הרע, צו געלט און קאָן זאָגן אַ פּרייז, אַז יענעם זאָל פינצטער ווערן אין די אויגן! און פאַרקערט, איך האַלט מיט איר. יעדער מענטש דאַרף וויסן זיין ווערדע. איך וווּנדער מיך נאָר, פון וואַנען האָט זיך עס צו איר גענומען? און רעדט מיט איר, זאָגט זי, אַז איך האָב ליב געלט!...

הכלל, ס'איז אויסגעגאַנגען די 24 שעה — מיין אַמעריקאַנער פויגל איז דאָ. אַן אָפּגעגאָלטער, אַן אַקוראַטנער, אַ פאַרשפּיליעטער אויף אַלע קנעפּ, וואַרט ער, איך זאָל אים זאָגן תשובה. האָב איך אים געגעבן אַ זאָג אַ מינימום־פּרייז, אַז ווען איך רוף אייך אָן די סומע, וועט איר זיכער מיינען, אַז איך זאָג אייך אַ ליגן. מיינט איר זשע, אַז ער האָט זיך איבערגעשראָקן? איך ווייס נישט, אויב עס האָט געדויערט אַ האַלבע מינוט, מיין חברהמאַן ציט מיר אויס אַ יד און מאַכט צו מיר „אָלל־רייט“. אויף אונדזער לשון וועט דאָס הייסן: „מיט מזל־ברכה“. וואָס זאָלט איר קלערן — ס'איז מיר געוואָרן גוט קאַלעמוטנע. דער נפש האָט מיר דעם קאָפּ אַראָפּגענומען. נעכייבי וואָלט ער ווייניקסטנס באַוויזן אַ מינע, אַז ער וויל אָפּרייסן כאָטש וויפל ס'נישט איז. גאָר נישט געדונגען זיך און שוין צושלאָגן? פאַל איך מסתמא אויף אַ שכל און טו אים אַ זאָג, אַז איך וויל, אַז דער מינימום זאָל זיין גאַראַנטירט, דאָס הייסט, אַז ער דאַרף משלשל זיין טאַקע מעות מזומנים אין באַנק, הייסט עס, אויף מיין נאָמען. מיינט איר דאָך, אַז ער ווערט נתפּעל? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. „אָלל־רייט!“ — זאָגט ער ווידעראַמאָל און שטייט שוין אויף און גייט „קייבלען“, טעלעגראַפירן, הייסט עס, קיין ניו־יאָרק, מע זאָל אים אַרויסשיקן געלט — און אָט אַזוי איז געשלאָסן געוואָרן אַ געשעפט.

אוודאי האָט זיך ראָזע מיט מיר נאָכדעם געריצט, למאַי איך האָב אים אַזוי ווינציק געזאָגט. איר הערט ווערטער? איך האָב, זאָגט זי, קליינע השגות. מ י ר פ ע ל ט, זאָגט זי, ד ע ר ק נ א ק. וואָס זאָגט איר אויף אַזאַ עזות־פּנים? גענוג עס ברענט מיך אויפן אַמעריקאַנער בחור פאַרן מינימום, זאָלצט זי מיר נאָך אויף די ווונדן! האָב איך איר אפילו געוואָלט אָפּענטפערן, פון וואַנען זאָל זיך נעמען צו מיר דער ק נ אַ ק? איך בין דען דורכגעגאַנגען אַלבערט שטשופּאַקס שקאָלע?... נאָר איך האָב מיך מיישב געווען — לאָז מיינס איבערגיין. איך וויל נישט, אַז מיין זון זאָל וויסן פון אַ שטשופּאַק און פון נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס אַמאָל איז געווען. און באמת, וואָס איז זי שולדיק, אַז שטשופּאַק האָט זי אַמאָל אַרומגעפירט, ווי אַ ציגיינער פירט אַרום אַ בער, געמאַכט פון איר געלט? און אַז מע וויל צוריק — וואָס איז דאָ דער בזיון? אָרעם, ווי זאָגט איר, איז קיין שאַנד נישט. און אַז איך אַליין, נישט היינט געדאַכט, בין געווען נע־ונד, אַרומגעבלאָנקעט

אָן שטיוול מיט מיין גרישען איבער שטעט און שטעטלעך צווישן יידן, פאַר איין דרייערל געשפּילט זיי זעקס ניגונים און איינעם א צוגאָב און אויסגעהערט נאָך אַ מבינות, אַז ביי זיי איז דאָ אַ קלעזמער, הייסט ער משה־נח, שפּילט ער א וואַלאַך — לאָזט זיך אוים די וועלט! ניין, מיין ליבער פריינד, איך שעם מיך נישט מיט דעם, וואָס איז געווען אמאָל. אדרבא, אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן, איך קאָן עס דערציילן אין פריידן, איז דאָס ביי מיר א כבוד. איך האָב ליב, אַז מיר נעמען זיך צונויף אלע די גאַנצע סעמייסטווע און איך דערצייל זיי מעשיות פון אמאָל, נישט היינט געדאַכט, וויאַזוי מע האָט געשמייכלט צו אַ פּראַנזעל, אין אַ גלעזל טיי מיט צוקער איז געווען א יום־טוב, און א פערטל עוף האָט מען געזען אין חלום, און פאר אן עפּל אָדער צוויי פלאָמען האָט אייך גרישא געקאָנט אָפּשפּילן דעם שענסטן ניגון!

מער פון אלע האָט ליב הערכן די דאָזיקע מעשיות ראָזע. עס צינדן זיך איר אָן דעמלט די אויגן און זי ווערט נאָך שענער, ווי זי איז, און זי הייבט אליין אויך אָן צו דערציילן מעשיות פון אמאָל. און זי האָט ליב צו דערציילן מיט אלע פּיטשעווקעס. פון איר שטעטל, פון האָלענעשטי, דערציילט זי אייך אַזעלכע זאכן, אַז מע קאָן שטאַרבן. זי מאכט נאָך די יידענעס פון מארק, אָדער פארשטעלט זיך פאר אַ הייזעריקן חזן און זינגט שטיקלעך, זאָג איך אייך, ליבער פריינד, אַז מע דארף נישט קיין טעאטער. די געלעכטערן קאָן מען הערן אין דער דריטער גאַס. דער חסרון איז נאָר, וואָס נישט אַלעמאָל איז זי אויפגעלייגט דערצו. איך האָב אייך שוין, דאכט מיר, געשריבן, אַז זי איז א קאַפּריזנע מיידל. ווי עס קומט איר אוים. אמאָל זאָל זי אייך ווערן לעבעדיק און פריילעך, זינגען און טאנצן, אָבער אַזוי, אַז די גאַנצע שטוב זאָל מיט איר מיטטאַנצן. און אמאָל זאָל זיך אָנרוקן אויף איר אַ כמאַרע, פארשפּארט זי זיך ביי זיך אין חדר איינע אליין אויף אַ גאַנצן טאָג. אָדער זי קאָן אַוועקזעצן זיך שרייבן בריוו, זאָל זי אייך שרייבן — פרעגט זי, וועמען האָט זי אַזויפיל צו שרייבן? אָדער אַז נישט זאָל זי גאָר צופאַלן צו גרישען פלוצים, ער זאָל איר שפּילן אויפן פידל, כאָטש יענער איז גאָרנישט דערביי. נאָר אַז ראָזע וויל, איז עפּעס אַ תירוץ? און אַז זי זאָל אויפשטיין, למשל, אין מיטן נאכט און אים בעטן שפּילן? אַז מע שמועסט „ליובאָוו" — איז דאָך נישט שייך! נעמט ער די פידל, און זי זעצט זיך אוועק אקעגן, שפּארט זיך אָן אויףביידע הענט, לאָזט נישט אראָפּ קיין אויג פון אים. זי אָנקוקן בעת מעשה, זאָג איך אייך, — אַ מלאך! אַ קאַרטינע! און פּרוווט, אַשטייגער, בעט זי זינגען, וועט זי אייך קיינמאָל נישט טאָן צוליב. אדרבא, וואָס מער איר וועט זי בעטן, וועט זי אייך אַלץ מער נישט זינגען. נאָר אַז עס קומט איר אָן — זאָל זי זיך אייך צעזינגען טאקע נאָר ווי א סאָלאָוויי. איר מיינט אַוודאי — אריעס? קאָנצערטן? חלילה! דווקא ציגיינער־לידער, דווקא א וואָלאַך, אָדער גאָר יידישע לידלעך. איר זאָלט זי הערן זינגען א חסידיש לידעלע, וואָלט איר, זאָג איך אייך,

געקומען אהער צופוס. איך ווייס, אז איר זענט א ליוביטעל פון יידישע לידלעך, גיב איך אייך דאָ איבער איינס, א חסידיש, וואָס זי זינגט עם מיט א פריילעכן ניגון. און עבֿירה, וואָס איך קאָן נישט קיין נאָטן, מוז איך אייך איבערגעבן נאָר די ווערטער אליין. אָט דאָס זענען די ווערטער:

פון כאסלאוויטש ביז ליבאוויטש —
אַי, וואָס הער איך אייך?
פון ליבאוויטש ביז כאסלאוויטש —
אַי, איך לאַך פון אייך!
כ'נעם דאָס פעקל מיטן שטעקל —
אַי, וואָס הער איך אייך?
און דעם טלית־תפילין־זעקל —
אַי, וואָס דארף איך אייך?
פון כאסלאוויטש ביז ליבאוויטש אאוו.

איך פאָר צום רבין קיין ליבאוויטש —
אַי, וואָס הער איך אייך?
איך פאָר צום רבין פון כאסלאוויטש —
אַי, איך לאַך פון אייך!
פון כאסלאוויטש ביז ליבאוויטש אאוו.

כ'האָב אַ ווייב מיט זיבן קינדער —
אַי, וואָס הער איך אייך?
כ'האָב א ציג פאַר זיבן גילדן —
אַי, וואָס דארף איך אייך?
פון כאסלאוויטש ביז ליבאוויטש אאוו.
כ'האָב אַ שטיבל אָן אַ דאך —
אַי, וואָס הער איך אייך?
כ'האָב א סוכה מיט גרינעם סכך —
אַי, וואָס דארף איך אייך?
פון כאסלאוויטש ביז ליבאוויטש אאוו.

און אין פענצטער שמייסט דער רעגן —
אַי, וואָס הער איך אייך?
און אין קומען פייפט דער דלות —
אַי, איך לאַך פון אייך!
פון כאסלאוויטש ביז ליבאוויטש אאוו.
אויפן הארצן איז קאַלעמוטנע —
אַי, וואָס הער איך אייך?

כ'פּאָר צום רבין, אוי, צום רבין —
אוי, וואָס דאַרף איך אייך?
פון כאסלאַוויטש ביז ליבאַוויטש —
אַי, וואָס הער איך אייך?
פון ליבאַוויטש ביז כאסלאַוויטש —
אַי, איך לאַך פון אייך!

אז איך זאָג אייך, ליבער פריינד, א כפּרה זיבעצן קאָנצערטן מיט אכצן סימפּאַניעם פאר איר איין יידיש לידל! אָדער, למשל, זי הערן זאָגן שטיקלעך פון אלע באַרימטע חזנים פון דער וועלט, פון גיסי בעלזער, פון ירוחם הקטן, פון פיניע מינקאָווסקי, פון ראַזומנע, פון קווארטין, פון קארמיאָל, פון סיראָטא — און פון וועמען נישט? זי קאָן זיך אוועקשטעלן און געבן א לייג אַוועק א „ומפּני חטאינולע“, אָדער אן „אתה זוכרל“ מיט אלע דריידלעך און אלע אָפּשניצלעך און מיט אַלע „ונאמרס“, און אַזוי זיס, אַז מע קאָן, זאָג איך אייך, אויסגיין אונטער אירע הענט. א רעכטער לץ! און צו דעם אלעם זאָלט איר הערן, ווי דאָס רעדט דייטש, ווי דאָס רעדט פראַנצויזיש! און אפשר ווילט איר אייגגעלש, רעדט דאָס אויך אייגגעלש. אַז מע שמועסט אַ געראָטענע — איז דאָך נישט שייך. נו, גיי האָב פיינט אַזעלכעס. איין חסרון נאָר — זי איז אַ ביסל אַ שלאַק. אוי, אַ שלאַק! מע דאַרף זיך היטן פאר איר מיט א וואָרט, מיט א קוק, וואָרעם טאָמער עפּעס נישט אַזוי — איז חיות נישט זיכער. אַ שוועבעלע!... היטן מיר זיך. מיר גיבן איר נאָך. און אַלץ צוליב אים, צוליבן זון הייסט עס... דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט אונדז באַשערט זיין גלייכן. כאָטש אַז מע זאָל וועלן שמועסן צוריק, וואָלט ער געקאָנט דאָסטיגאַיען איך ווייס אַליין נישט וואָס. מאַגנאַטן וואָלטן זיך געשעצט גליקלעך. מיט גאָלד וואָלט מען מיך אָפּגעשאָטן! נאָר פאַרפאַלן. מסתמא איז דאָס אַ באַשערטע זאַך, ווי זאָגט איר, א זיווג. לאָז גאָט געבן, ס'זאָל שוין זיין וואָס צו זען, וואָס צו הערן. דערווייל איז נאָך גאָרנישט. גאָלע גאָרנישט. מער נישט אַז ליובאָוו... אַן עבירה, ליבער פריינד, וואָס איר זענט נישט דאָ. איך זאָל אייך האָבן דאָ ביי דער זייט, וואָלטן מיר געהאַט וואָס צו רעדן. טעג מיט נעכט וואָלטן מיר אַוועקגעזעסן, און איך וואָלט אייך דערציילט און דערציילט און דערציילט פונעם דאָזיקן פּאָרל. ס'איז אַ וועלט, זאָג איך אייך, מיט וועלטעלעך! איך מוז אייך אָבער ענדיקן דעם בריוו, וואָרעם מע קלינגט שוין אין די טאַצן. מע רופט דעם עולם עסן און עסט זיך שוין אויפן שיף, דאַרפט איר וויסן, ייער געשמאַק. און אַז אַפּעטיטל איז ביים עולם, קיין עין=הרע, אזא, אז ביז מע דערלעבט הערן דעם גוטן קלונג, מוז מען פריער צוויי מאָל עפּעס נעמען אין מויל אַריין. אַן עבירה, אַן עבירה, וואָס איר זענט דאָ נישט מיט אונדז אויפן שיף! איך זאָג אייך צו, אם=ירצה=השם, פון ניו=יאָרק שרייבן נאָך אַ גרעסערן בריוו.

לאָז גאָט געבן, מע זאָל נאָר קומען בשלום. דערווייל זייט מיר געזונט און שרייבט. שרייבט מיר אויף מיין ניו־יאָרקער אַדרעס, וואָס איך גיב אייך אויף, אָפּטע און גוטע בריוו.

פון מיר אייער בעסטער פריינד
מאיר סטעלמאַך.

עיקר שכחתי: אַ פּונקט האָט דער אַמעריקאַנער פויגל אַריינגעשטעלט אין קאָנטראַקט, וואָס איבער אים איז שיר נישט בטל געוואָרן דער גאַנצער עסק. דהיינו — אַז ווען איר האָרכן, וואָס אַן אַמעריקאַנער קאָן! — אַז סיי מיין זון, סיי ראָזע טאָרן אינעם לאַנד קיין מגע־משא נישט האָבן מיט קיינעם נישט אָן זיין ווסן. דאָס הייסט, טאָמער ווילן זיי עמעצן אויפנעמען — דאַרף ער וויסן ווער. טאָמער ווילן זיי ערגעץ גיין — דאַרף ער וויסן וואו. און אַפילו בריוו טאָמער וועט מען צו זיי שרייבן — דאַרף ער וויסן פון וואַנען די בריוו גייען. געפעלט אייך אַ השגה? פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מיך אַ ביסל געקנייטשט און סוף־כל־סוף אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט מיט אַלע פונקטן. נאָר דעם דאָזיקן פונקט האָב איך פאַר די קינדער פאַרלייקנט, וואָרעם ראָזע זאָל חלילה וויסן אַזאַ מעשה, וואָלט געווען גו־נו!... איך בעט אייך, דאָס זאָל זיין בסוד. קיין אַנדערן וואָלט איך עס נישט פאַרטרויעט, נאָר אייך — וואָס איז שייך?
מאיר סטעלמאַך.

קאַפּיטל פערציק

פון שלום-מאיר מוראַוויטשיק צו זיין פריינד אַלבערט שטשופּאַק

ליבער פריינד אַלבערט ער שרייב דיר אַ בריוו און קום דיר צו מעלדן אַז ער בין אין לאָנדאָן באָרכאַשעם שוין דאָס צווייטע מאָל און דו ביסט אין אדעס שרייב ער דיר קיין אדעס אַ בריוו אַז דו זאָלסט וויסן אַלבערט אַז ס'איז נישט גוט שלים שלים מאַזל ווי זאָגט ער מיט דער פּוטער אַראָפּ עס גייט נישט כאָטש צערייס זער ער האָב כאַראָטע ווי הינט עסן מער אַלעמיי ער בין נישט געפאָרן דעמלט מיט דיר צוריק אַהיים איצט איז שוין פאַרפאַלן שולדיק געווען דעם ריד אַ גאַנג און באַשערט געווען צאָרעס בין ער געבליבן שטעקן פריער אין ווין דערנאָך אין פּאַריז איצטערט אין לאָנדאָן אַלץ צוליב אונדזער יעפּייפּיע געמיינט ער וועל כאַפּן דעם טאָטער צום סאָף האָב ער געכאַפּט אַ פאַרקילעכץ און אַ פּייג אונטער דער נאָז אַז יענע זינט זי איז געקומען פון איטאַליע איז זי געוואָרן אַזוי גרוים גאָר נע פריסטופי א ווערטעלע ראָזע ספּיוואַק דו מיינסט עפּשער אונדזערע אידעלאַך פּע

קריסטן סראָרעס עד זאָל אַזוי האָבן גליק און אַצלאָכע עד האָב שיר שיר די אַפּאָ=
פּלעקציע באַקומען אַז עד האָב זי דערהערט זינגען און זינגען זינגט זי אַלבערט
אַז נישט דו נישט דיין באָבע און נישט דיין באָבעס באָבע האָבן אַזעלכעס נישט
געהאָרכט אין כאָלעם אַפּילע הײנט דער קאָוועד וואָס זי האָט הײנט די באַרע=
ליאַנטן וואָס זי טראָגט הײנט איר אַרויספּאָרן זאָלסט זען וואָלסטו זעד דריי מאָל
באַגראָבן ווער איז דיר שולדיק אַז דו ביסט זעד באַגאַנגען מיט איר ווי אַ אידעיאָט
און איבער דיר בין עד געבליבן ווי אויפּן וואַסער שיר געפּײגערט פון הונגער אַ
גליק וואָס אין פּאַריז איז דאָ אַ יידיש טיאַטער וואַקסמאַן איז דער דירעקטער
אַ ביטערער יונג און אַ טרופּע האָט עד אויף אים אַזאַ מאַזל קוים צונויפגעשלאָגן
אַ ביסל קליין געלט און האָלאַד מיישע מאָרדכע נאָך אַמאָל קיין לאָנדאָן לאָזט זעד
אוים אויף מאָרגן מיט אַן איי זי איז שוין גאָר אין אַנטוועדפּן און אין בריסל מוז
מען פאָרן קיין אַנטווערפּן און קיין בריסל און קיין פּאָדעם איז נישטאָ וואָס טוט
מען גיי עד און פּאַרזעץ מיין רענצל אין לאָנדאָן ביי איינעם אַ כאַיע מיטן נאָמען
קלאַמער עד האַלט אַ קאַפּע איצט קום עד גאָכן רענצל לאָזט זיך אוים אַז דער
קלאַמער איז נישטאָ דער ריך האָט אים שוין אַוועקגעטראָגן קיין אַמעריקע און
זי ראָזע הייסט עס איז נאָך פריער אַוועק קיין אַמעריקע ווייסטו מיט וועמען טאַקע
מיט אונדזער סטעלמאַכס באָכערל גרישאַ סטעלמאַך זי זינגט און עד שפּילט
און געלט נעמען זיי זאָגט מען אַזויפיל אַז מיר ביידע מעגן זעד עס ווינשן פאַר=
דינען אין דריי כאַדאָשים וואָס זיי פאַלט אַריין אין איין נאַכט און פאַר מיר איז
דאָס אַ גרויסער עזעק וואָרעם אין רענצל געפינען זעד ביי מיר פּאַפּירן טאַקע אירע
פּאַפּירן זייער גייטיקע געלייענט האָב עד זיי נישט נאָר עד פאַרשטיי אַז עס דאַרף
זיין גייטיקע פּאַפּירן וואָרעם זי שרייבט מיר אין אַ בריוו ראָזע הייסט עס עד זאָל
איר צושטעלן די פּאַפּירן אין געלט איז קיין מעניע נישט דאַרף זעד טרעפן אויף
מיין מאַזל אַז איר בריוו וואַלגערט זעד אָפּעט פריער דריי כאַדאָשים ביי וואַקס=
מאַנען קומען זאָל אויף אים אַ גוטע כאָליערע עד האָב אים געוואָלט צעפּאַטשן די
פּיסקעס האָב עד מיירע געהאַט טאָמער וועט עד מיר נישט באַצאָלן וואָס מיר
קומט גו וואָס זאָגסטע אויף מיין אַצלאָכע דאַרף עד קומען קיין לאָנדאָן אַקוראַט
ווען זיי אַלע האָבן זיך צעגאַנגען אַזוי ווי זאַלץ אין וואַסער איצט פרעגט זעד אַ קאַ=
שע וואָס טוט מען און ווהין זאָל עד מעד קערן און וועגדן אַז נישט צו דיר מיין
ליבער אַלבערט זאָלסט מעד דערהאַלטן ביי מיין קאָוועד און אַרויסשיקן מיר לע=
מאַן אַשעם באַלד אַ אינדערטער טאַקע אַהער קיין לאָנדאָן דאָ האָסטע מיין אַדרעס
ביכדיי עד זאָל האָבן מיט וואָס צו דערשלעפּן זעד ביז אַמעריקע דאָרט האָב עד
שוין קיין דאגע נישט לאָם עד מעד נאָר דערקייבערן צו אָט דעם שמונדער בגעץ
און אָפּנעמען מיין רענצל מיט די פּאַפּירן דו ווייסט אַז עד האָב ביי דיר קאָשער
פאַרדינט מער ווי איין אינדערטער גערענק זשע אַלבערט זאָלסט נישט זיין דאָס
וואָס סע קוויטשעט און מיר זען אַרויסשיקן לעמאַן אַשעם וואָס פריער די עטלעכע

גראָשנס. עך האָב דיר ביז אַהער נישט דאקוטשעט ווייל כאָב נישט באַדאַרפט איצט שטיי עך אין אַ נויט און האַלט ביי אָפּפאָרן קיין אַמעריקע מיין שוועסטער איז שוין לאַנג דאָרטן עך האָב פון איר אַ בריוו שרייבט זי מיר אַז אַלע זענען היינט אין אַמעריקע אַפילע בריינדעלע קאָזאַק איז אויך דאָרטן און קאָנסט מיר זיכער גלייבן אַז עך וועל דיר דיין געלט מירטשעם אָפּשיקן און נאָך מיט גרויס דאַנק גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און אַצלאָכע עך דאַרף כאָלילע דיינם נישט האָבן און אַז דו וועסט מיר שרייבן אַ בריוו זאָלסטע מיר שוין אַרויסשרייבן אַלצדינג פּאָדראָבנע וויאַזוי עס גייט דיר דאָרט אין פּאַרנאָסע און צי האָסטע עפּעס אַ רעכטע טרופּע און וואָס פאַר אַ שטיק שפּילט מען ביי אייך אין אַדעס און ווי אַזוי איז ביי אייך היינט מיט ראַזרעשעניעס און וואָס מאַכן עפּעס אונדזערע איבערקע בעווערלייט האָצמאַכן געדעגקסטע איז אַ סוואָרע אַז ער איז דאָ און לאָנדאָן מיט אַן אייגענער טרופּע וואָס זאָגסטע אויף זיין טאַטן ער ליגט זאָגט מען קראַנק עך האָב פיינט אָט דעם אידן אַזוי ווי כאַזער נאָר כאַפּט אים דער וואַטנמאַכער מע דאַרף אים מעוואַקערכוילע זיין און זיי געזונט מיט אַכטענקספאָל שאָלעם מייער מוראַווטשיק.

קאַפּיטל איין און פערציק

פון אַלבערט שטשופּאַק צו שלום-מאיר מוראַווטשיק

אָכגישעצטער פריינד שאָלעם מייער וואָס סהאָט זעך מיר געכאָלעמט יענע נאַכט און די נאַכט ביסט מעשיגע צי כאָסערדייע וואָס אייסט איך וועל לייגן דאָס לעבעדיקע אויפן טויטן דיר שיקן אינדערטערם איך אָב דיך קוים דערלעפּט צי דו ב סט ביי מיר אַ בעניאָכעט צי עס וואַקסט ביי מיר אויפן גאָרטן איך זאָל דיך אַזוי אָבן פאַר אַ טאַטן ווי איך אָב אינדערטערם וואָרעם ווער נאָר עס אָט גאָט אין אַרצן דער שלעפּט ביי מיר געלט מע רייסט מע בייסט מע ציפּעט מע סיפּעט פון אַלע זייטן מע צעטראָקט מיר די ביינער נאָך נישט פאָטער געוואָרן פון די פריערדיקע שלעק אַלע מאָל אַ נייע צאָרע נאָר. אויף קיינעם ברענט מעד נישט אַזוי ווי אויף דיין כאַזנס מיידל וואָס דו אָסט מיך אַריינגעשלעפּט אין אַ בלאָטע וואָרעם אַכיץ דעם וואָס זי אָט מיך בעדילאַדאַל געשטעלט מיך אָפּגעקאָסט אַזאַ פאַרמעגן אָט זי מיך נאָך באַליידיקט דעמלט פאַר מיין פריינד סטעלמאַך אין די אויגן מיך אָנגערופן בעלפער זי זאָל מיר געוועזן זאָגן גאַנעף און גאַזלען באַנדיט און רעצייעך און וואָס אין דער קאָרט וואָלט מיך נישט אַזוי געאַרט ווי בעלפער איך וועל דאָס איר קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַפילע דעמלט ווען איך וועל ליגן מיט די פיס צו דער טיר און וואָס דו ווילסט פאָרן צו איר קיין אַמעריקע איז מיר דער פלאַן גע-

פּעלן און איך קען דיר געבן צושטייער אויף עצאָוועס נאָר נישט קיין גאַנצן אײַנ=
דערטער וואָרעם איך אָב נישט נאָר מיט אַ טנײַ איך שיק דיר אירע קוויטלעך
וואָס זענען בײַ מיר פּאַרבליבן עפּשער וועסטע קענען אויסטרײַבערן בײַ איר וואָס
מיר קומט וואָרעם אויב זי פּאַרדינט יאָ אַזויפיל געלט ווי דו זאָקסט פאַר וואָס זשע
זאָל זי מיר נישט אומקערן דעם עזעק וואָס איך אָב געאַט דורך איר פּליצליכן
אַוועקגײַן פון מיר אַנעק איך בין איר שוין מייכל דאָס פּראָצענט און בין איר שוין
מייכל דאָס וואָס זי אָט מיר געזאָגט בעלפער אויך איך בין נישט אַזאַ מענטש
כאַסעשאָלעם וואָס איך זאָל טראָגן סינע אין אַרצן און דיר לאָז גאָט העלפן זאָלסט
דאָרט מאַצליאַך זײַן דו ווייסט דאָך אַז איך בין דיר כאַסעשאָלעם נישט קיין סיינע
דאָרט איז אַ לאַנד זאָקט מען פון גאָלד זע נאָר זאָלסט אַרײַנשרײַבן אַמאָל אַ בריוול
נישט ווי ביז אַהער געשוויגן ווי אַ יורקע און פּלוצים טיץ טאָבי דורין וואיווע
אָמאָן מאַכט ראַשע טשאָרט יעוואָ פּריניאָס לעמאַי אָסטע נישט געשריבן פריער
מאַמזער געוואַרט ביזן סאָף עס קאָן זײַן אַז פריער אַביסל וואָלט איך דיר עפּשער
געקאָנט אַרויסשיקן אַ גאַנצן אינדערטער איצט קאָן איך נישט גאָט איז מײַן אײַ=
דעס מער ווי א פּיפּציקער קאָן איך דיר נישט שיקן וואָרעם די קאָנקורענץ איז גרויס
און די עצאָוועס זענען נאָך גרעסער און אַלע מאָל זוכט זעך אָפּ אַן אַנדער צאָרע
מיט אַנאַנדער שוואַרץ יאָר און אַז גאָט וועט דיר עלפן וועסטע מיר מינאַסטאַמע
אָפּגעבן סיז בײַ מיר נישט קיין גרינגע קערבלעך גאָט ווייס דעם עמעס ווי מע
האָריוועט ביז מע פאַרדינט אַ פּיפּציקער און אַז דו וועסט זעך זען מיט דער דאָ=
סיקער זאָלסטע איר דערמאָנען די יאַיכלעך מיט די קאָנפּעקטן מיט די טשאָקאָ=
לאַדן מיט די באַזונדערע קופּעס אין וואַגאָן צווייטע קלאַס און מיט די קליידלאַך
אַלע מאָל נײַע זי האָט דאָך מיך ביזן עמד אויס געטין אַ גליק וואָס איך אָב מיך
דערשלאָגן אַהער קיין האַדעס דאָ איז מײַן אַלטע איים איך אָב דאָ אַמאָל געמאַכט
גוטע געשעפטן דאָס אייסט איך קען מיך נישט באַקלאָגן אײַנט אויך ווען נישט די
קאָנקורענץ דרײַ טיאַטערע אין איין שטאָט נאָר מײַן טיאַטער איז דאָס בעסטע
וואָרעם איך אָב מיר מײַן כיידער מיט מײַנע קלאָפּעדס אַלע אויף זשאַלאָוואַניע
איין כעסאָרן נאָר וואָס מיר זענען דאָ דרײַ טרופּעס און די צײַט איז שלעכט ביזן
העק און די כאָליערע איז שטאַרק און די טזשומאַ איז אַ פאַרבייסעכץ און אַ פרײַ
אָבן מיר דאָ אין האַדעס אַ אָמען ערגער פון דער כאָליערע מיט דער טזשומאַ
איגייגעס פון דעסטוועגן מאַך איך דאָ די בעסטע סבאָרן דאָס פינטעלע באָר=
כאַשעם גייט נישט אַראָפּ פון דער בינע און כינקע פינקע איז אַ סביירע
און וועלוול עסט קאָמפּאָט איז אַ מייכל און ראַזרעשעניעס וויפל איך
וויל און אָב דאַנק גאָט אַ שיינעם נאָמען אין האַדעס פאַרעכנט פאַר אַ באַלעבאָס
אויסגעקויפט צוריק דאָס ביסל באַרעליאַנטן און אָב אַן אייגענע סייפערטיירע סאָל
אַ ריך אין דער וועלטס טאַטן אַרײַן און וואָלט שוין געקאָנט אָבן אַן אייגן אייזל
אויך ווען נישט די שלעק וואָס איך אָב אַלע מאָל אַז קיין מאָל איז מען נישט זיכער

מיטן לעבן און סאָנעם זענען דאָ אַ סאַך קומט מען צו מיין ווייב צו דער איצטיקער און מע דערציילט איר אַ כימינע קורע אַז איך אָב אין אויסלאַנד אַ ליובאָווניצע אַ כאַזנס אַ מיידל וואָס קאָסט מיך אָפּ אַ פּאַרמעגן און גיי פּאַרענטפער זעך אַ כאַליערע אויף זיי נאַדיר אַ ליובאָווניצע טאָמער איז קאַרג מער נישטאָ קיין נייס דיר צו שרייבן זיי געזונט און שרייב מיר באַלד פון די פּיפּציק ראך וואָס איך שיק דיר און ענטפּער מיר ווי אַרימער קומען צו דיר די פּאַפּירן זי אָט זיי טאַקע פּאַרלוירן ראָזע צי דו אָסט זיי געפינען ביי איר אין טישקעסטל אונטערן שלאָס וואָרעם דו ביסט דאָך געווען ביי איר אַ גאַנצער מונדערפּעצער אַ מין סעקריטאַר דו מיינסט איך געדיינק נישט ווי דו פּלעקסט זעך מיט איר שושקען אונטער מיינע פּלייצעס פון דעסטוועגן זאָלסטע איר לאָזן גריסן און ברייינדעלע קאָזאַק פּאַרכאַפּט זאָל זי ווערן געב אויך איבער אַ געריס און טאָמער וועסטע זען אָצמאַכן זאָג אים סאָל אַ ריך אין זיין טאַטן מיט אָכאַכטיגג דירעקטאָר אַלבערט שטשופּאַק.

קאַפּיטל צוויי און פּערציק

פון לאה די חזנטע צו איר טאָכטער ראָזע ספּיוואַק

לבתי היקרה החשובה החכמה מרת רייזל שתחי׳.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז איך בין ברוך־השם געזונט, גיט גאָט דאָס נעמלעכע אין גוטן מיט פּיל נחת און פריידן פון דיר, צו הערן, אמן.

והשנית זיי וויסן, מיין ליבע טייערע טאָכטער, אז איך האָב דיך נישט געוואָלט מצער זיין מיט דער שלעכטער בשורה פונעם אומגליק, וואָס מיך האָט געטראָפן, ווי אַ קויל פון אַ ביקס, אָדער ווי אַ דונער פונעם הימל, גאָט איז מיין עדות, אַז איך וואָלט דיר איצט אויך נישט געשריבן, וואָרעם כל־זמן דו ביסט אין דעם ברויט, דאַרף מען דיר נישט שטערן. איך וויים אַליין גאַנץ גוט, אַז ווי ביטער און פינצטער מיר איז, וואָס איך בין געבליבן אַן עלנטע אלמנה ביי די יאָרן, וועט דיר נאָך זיין טויזנט מאָל ערגער, אַז דו וועסט געוואָר ווערן, אַז דו ביסט נעבעך געבליבן אַ יתומה, פּאַרלוירן אַזאַ טאַטן, וואָס דו האָסט אים אַזוי ליב געהאַט, און ער דיך, וואָס ביז דער לעצטער מינוט האָט ער נישט אַרויסגעלאָזט דעם נאָמען דיינעם פונעם מויל, רייזעלע און רייזעלע. וואָס זאָל מען טאָן, גאָט האָט נישט געהייסן, ס׳איז אים אַזוי אָנגעצייכנט געווען, פון יענעם טאָג אָן, וואָס דו האָסט אונדז פּאַר־לאָזן, האָט ער זיך אַזוי געגומען צום האַרצן, אַז די גאַנצע וועלט איז אויף אים געפאַלן. עס איז פּאַר אים געווען אַלץ איינס, יאָ עסן נישט עסן, יאָ שלאָפן נישט שלאָפן, וויפל מע האָט אים נישט אויסגערעדט דאָס האַרץ, עס מאַכט זיך אַ קינד חלילה שטאַרבט אַוועק, די שעה זאָל גאָר נישט זיין, איז דאָך טויזנט מאָל ערגער,

וואָרעם אַ קינד אַז עס פאָרט אָפּ, קאָן נאָך גאָט העלפן, ס'זאָל אַמאָל צוריק קומען, און אַז אַ קינד שטאַרבט חס־ושלום אַוועק, וועט דאָס שוין צוריק נישט קומען קיינמאָל, וואָרעם וואָס די ערד דעקט צו איז פאַרפאַלן, און למאי אָט נעם אונדזער נגיד ראַפּאַלאָוויטש וויל אַפילו נישט מע זאָל רעדן פון זיין ליכטיקן זון, דער שיינער נאָמען לייבל טאָר גאָר נישט דערמאָנט ווערן אין שטוב, אַ ברכה אויף זיין קאָפּ, וואָרעם מיט וואָס האָט די מאַמע זיינע בעסער געמאַכט, אַז אָך און ווי צו איר, אַז זי האָט אַזוי לאַנג געוויינט און געקלאָגט אויף זיין קאָפּ ביז זי איז לאָז זי מיר מוחל זיין אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט, אָט אַזוי פלעג איך אַלץ טענהן איבער אים, איז דאָס אָבער געווען אַרויסגעוואָרפן, וואָרעם אַלע מיינע ווערטער און נחמות האָט דער טאַטע דיינער ס'זאָל אים אַקעגן נישט קומען נישט געוואָלט הערן נישט זען, ער עליו השלום האָט אַלץ געטענהט און געבראַכט אַ משל פון דעם אָרעמאַן מיטן שעפעלע, וואָס סע שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים, דער נגיד ראַפּאַלאָוויטש האָט ער געזאָגט פאַרמאָגט אַ סך שאָף און רינדער, קאָן ער זיך פאַרגינען איין קינד אויסמעקן, אָבער נישט דער אָרעמאַן וואָס פאַרמאָגט מער נישט אַז איין שעפעלע, איין אויג אין קאָפּ, קומט מען און מע נעמט צו ביי אים זיין איינציקע טרייסט, דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג, ווי קאָן ער דאָס איבערטראָגן, אַזוי האָט ער געטענהט און איז אפשר געווען גערעכט, וואָרעם איך וועל נישט פאַרגעסן די נעכט ווייל איך וועל לעבן, ווי ער עליו השלום פלעגט אויפשטיין זיך פאַרקלייבן הינטערן פאָרהאַנג און קושן און קושן איך זאָל נישט זען דאָס בעטגעוואַנט וואָס דו ביסט אויף דעם געלעגן און ווייגען שטילערהייט שלינגען די טרערן, און אַז איך האָב אים געזאָגט, ישראלי דו זינדיקסט פאַר גאָט אַ מענטש טאָר זיך אַזוי נישט פייניקן זאָג איך, אָט וועסטו זען זאָג איך, עס וועט אם־ירצה־השם אָנקומען פון איר אַ גוטע בשורה, פלעגט ער עליו השלום מאַכן אַ פרייליך פּנים כלומרשט און וועלן מיר איינרעדן, אַז ער הייבט שוין אָן כמעט פאַרגעסן פונעם ווייטיק, איך האָב דען נישט געזען אַז דער מענטש עקט זיך ווערט איינגעטריקנט פון טאָג צו טאָג, נאָר איך מאַך דיך חלילה נישט שולדיק טאָכטער מיינע טייערע, איך ווייס אַז דיין האַרץ האָט דיך געצויגן צו אים נישט ווייניקער ווי ער צו דיר, אַ סימן האָב איך דיינע ערשטע בריוו, וואָס זענען געווען פאַר אים בעסער פון אַלע רפואות און אַלע קרייטעכצער וואָס דער דאָקטאָר האָט אים פאַרשריבן ער זאָל טרינקען, און נאָכדעם אַז מיר האָבן דערלעבט דיך זען מיט די אויגן דו ביסט געקומען צו אונדז צו גאַסט איז דאָך אים נישט געווען צו דערקענען ממש פון טויט לעבעדיק געוואָרן, איך האָב שוין געמיינט, אַז דאָס איז אויפגעגאַנגען די זון, מלאכים שפּילן זיך מיט מיר, אַן עק צו מיינע צרות, צום סוף האָט דאָס מיך אָפּגענאַרט ווי איז מיר. עס האָט אים אפּנים גענאָיעט און געוואָיעוועט אינעווייניק געגעסן אים און געטאָטשעט משטיינס געזאָגט אַזוי, אַז ס'איז געקומען צום לעבן האָבן נישט געסטייעט קיין יאָרן, אַ שטיקל גליק וואָס ער האָט זיך

אַ ביסל אָנגעטיעשעט כאָטש פאַרן טויט געהאַט פון דיר אַזויפיל כיבוד=אב, וואָס קיינער האָט זיך גאָר נישט גערעכט אַפילו, איצטערט אָ דאַרפט איר שוין רב ישראלי לעבן און לעבן, האָבן אים געזאָגט אַלע באַלעבאַטים אין שטאָט און מקנא געווען אויף דער שטוב, וואָס דו האָסט אונדז געקויפט מיט דעם באַלעבאַטישקייט, וואָס דו האָסט אונדז איינגעריכט, כאָטש אַפילו ס'איז פאַר אונדז געווען אַ צו גרויסע יאַרמעלקע, און איצט אויך, אַז איך באַטראַכט זיך, וואָס וועל איך טאָן אַ שטייגער איין מענטש אַליין איבער אַזויפיל חדרים, איך וועל דאָך שונאי=ציון אַראָפּ פון זינען, ווי די אַלטע ראַפּאַלאָוויטשקע דעם נגידים מוטער, וואָס זיצט נאָך עד=היום ביי מיר אין הויף. משטיינס געזאָגט, איידער דערלעבן איר עלטער, איז שוין גלייכער ווי דער טאַטע דיינער עליו השלום האָט געטאָן, אַקוראַט צוויי און צוואַנציק טעג אין אָב איז ער געשטאָרבן און היינט איז איין און צוואַנציק טאָג אין אלול שוין איבערגעגאַנגען שלושים, וועסטו נישט דאַרפן אָפּזיצן מער אַז איין שעה, וואָרעם אַז דו ביסט שוין אין דעם ברויט, קאָנסטו דאָך נישט אַנדערש, האָסט געגוג יוצא געווען דערמיט, וואָס דו האָסט געטאָן און מיט דיין קומען אַהיים האָסטו אים עליו=השלום פאַרלענגערט די טעג כאָטש אויף אַ ביסל, און זיי ווייסן טאָכטער מיינע טייערע אַז צוויי שעה פאַרן טויט האָט דיך דער טאַטע דערמאָנט צו גוטן אַ גוטער מליץ זאָל ער זיין פאַר דיר און פאַר מיר און פאַר כל=ישראל, אַז ער עליו=השלום האָט נישט זוכה געווען ביי גאָט אַפילו איבערצולאָזן אַ קדיש, האָב איך באַשטעלט חיים=שעיה דעם שמש, אָט דער וואָס דו האָסט אים געשענקט אויף אַ בהמה, בעת דו ביסט געווען צו גאַסט, דאָס שרייבט מיר זיין זונדל נחום טאַקע דעם דאָזיקן בריוו, איך זאָג אים און ער שרייבט, באַשערט אַז זיין טאַטע זאָל זאָגן קדיש נאָך דיין טאַטן אַלע טאָג אין דער פרי און אויפדערנאַכט, און אַ לויה האָט ער געהאַט, ווייס איך נישט, אויב דער גרעסטער נגיד ביי אונדז האָט אַמאָל געזען אַזאַ לוויה, און אַן אָרט האָט מען אים געגעבן אויפן בית=עלמין, זייער אַ בכבודן, דער דרייצנטער פונעם אַלטן רב, פון איין זייט ליגט ברוך=בער דער שוחט, פון דער אַנדערער זייט רב שליאַמקע פון טעלענעשט, און ווייטער גייען סאַמע נגידים און באַלעבאַטים, נישקשה ער האָט דאָס נעבעד כשר פאַרדינט, גאָט זאָל מיר העלפן, איך זאָל דערלעבן צום יאָרצייט וועל איך אים אם=ירצה=השם צאָמען אַזוי ווי ער איז ווערט, און איך בעט דיך מיין טייער קינד זאָלסט מיר ראַזורעשען פאַרדינגען כאָטש אַ האַלבע דירה, וואָרעם איך באַטראַכט זיך, וואָס וועל איך טאָן למשל איין מענטש אַליין מיט אַזוי פיל חדרים, און זאָלסט מיר שרייבן אָפטע בריוו און גוטע ווי ביז אַהער, וואָרעם דיין ליבן בריוו, וואָס דו געזעגנסט זיך דאָרט אָפּ מיט אונדז פאַר דיין אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע און וואָס דו שרייבסט דאָרטן דעם טאַטן, ער זאָל למען השם היטן זיין געזונט ביז דיין צוריקקומען נאָך אַמאָל קיין האָלענעשטי, איז אים עליו=השלום נישט באַשערט געווען צו לייענען, וואָרעם עס זענען אים דעמלט שוין געלעגן שערבלעך

אויף די אויגן, מע האָט מיר דיין בריוו איבערגעלייענט שוין נאָכדעם אין שבעה, און דאָס געלט האָט מען מיר אָפּגעבראַכט אין שטוב אַריין, דאַרפסט מיר שוין טאָכטער־לעבן קיין געלט נישט שיקן, עס וועט שוין זיין גענוג אויפן גאַנצן ווינטער ביז פסח, ווארעם אַז איך באַטראַכט זיך, וואָס דאַרף איך משטיינס געזאָגט איין מענטש אַליין אַן אלמנה, איך בעט מער נישט ביי גאָט, איך זאָל נאָר דערלעבן דיך זען כאָטש נאָך איין מאָל אַז דו וועסט קומען אם־ירצה־השם צוריק געזונטער־הייט און ווייטער דאַרף איך גאָרנישט. און איך בעט מער נישט ביי גאָט נאָר דער־לעבן דיך זען אונטער דער חופה, און זיי מיר געזונט און שטאַרק און זאָלסט נישט וויינען מיין קינד קיין סך אויף דיין טאַטן כל־זמן דו ביסט אין דעם ברויט און זאָלסט אָפּהיטן דיין געזונט, און הלוואי זאָל דיר דער אייבערשטער צושיקן דיין גוטן זיווג אין גיכן און איך זאָל עס דערלעבן דו זאָלסט דערפרייען אין גיכע צייטן דאָס האַרץ פון דיין מאַמע ווי איך בעט גאָט פאַר דיר בייטאָג און ביינאַכט.

פון מיר דיין געטרייע מאַמע וואָס קושט דיך טויזנט מאָל

לאה ספּיוואַק.

קאַפּיטל דריי און פערציק

פון מאיר סטעלמאַך צו זיין גוטן פריינד

מיין ליבער טייערער פריינד!

איך האָב אייער ליבן פריינדלעכן בריוו ערהאַלטן. איר פרעגט זיך נאָך אויף אַמעריקע, וואָס פאַר אַ לאַנד דאָס איז, און איך האָב סיי ווי סיי געקליבן אַוועקזעצן זיך און באַשרייבן אייך קאָלומבוסעס מדינה מיט אַלע פּיטשעווקעס. נאָר איר ווילט דאָך קודם וויסן, אַזוי שרייבט איר אַליין, וואָס איך מאַך, און וואָס מאַכט מיין גרישאַ, און וואָס מיר אַלע מאַכן? וואָס זאָל איך אייך שרייבן, ליבער פריינד, אַחוץ אונדזער שאָדן אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן. דער כבוד, וואָס די צוויי, גרישאַ און ראָזע, האָבן דאָ, לאָזט זיך דען באַשרייבן? די גאַנצע מדינה פון איין עק ביזן אַנדערן, אַלע בלעטער — די גרעסטע, די גוישע — זענען פול מיט זיי. איר עפנט אויף אַ פּייפּער, איז באַלד גרישאַ סטעלמאַך און ראָזאַליאַ ספּיוואַק, ראָזאַליאַ ספּיוואַק און גרישאַ סטעלמאַך! זיי האָרכן — דאַרף מען האָבן אַ זכיה. ווער סע פאַרשרייבט זיך נישט מיט אַכט טאָג פריער — דער קושט אַ בער. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — איך וויים נישט, ווער פון די ביידע האָט דאָ מער אויסגענומען. מע צערייסט אונדז אויף שטיקער. מיר האָבן פריגלאַשעניעס פון וואַשינגטאָן און פון פילאַדעלפיע און פון שיקאַגאָ און פון קאַנאַדע און פון עק

וועלט. מע רעדט שוין גאָרנישט פֿון קיין געלט. אַז עק. נעמט וויפֿל איר ווילט, טוט אונדז אויס ביזן העמד, אַבי קומט! איין חסרון נאָר, וואָס די סמעטענע נעמט אַראָפּ דער מענעדזשער, אָט דער אַמעריקאַנער פֿויגל, ימח שמו: נאָר איך פֿאַרגין אים מיטן גאַנצן האַרצן, וואָרעם ער האָט זיך נעבעך גוט אויסגעבייטלט, ביז ער האָט אונדז אַראָפּגעבראַכט. קיין עין־הרע, אַזאַ כאַליאַסטרע. נאָר גאָרנישט. דעם טאַטנס ירושה, ווי זאָגט איר, וועט ער נישט דערלייגן. איר האָט אים שוין פֿאַרזאָרגט מיט פּרנסה. איין שטיקל איבערשלאָג האָבן מיר דאָ געהאַט: יום־טובים־צייט. איר מיינט אַוודאי, צוליב פֿרומקייט? זאָלט איר זיך פֿאַר אַמעריקע נישט זאָרגן. אַמעריקע איז, ברוך השם, אַ פֿריי לאַנד, נאָך פֿרייער ווי לאָנדאָן. יעדער טוט זיך דאָ, וואָס ער וויל. קומט ימים־נוראים, לויפֿט אײנער אין שול אַריין דאַווענען, און דער אַנדערער גייט אַרבעטן אין שאָפּ. יום־כּיפּור, למשל, צו כּל־נדרי, בעת איינעם ווילט זיך וויינען אויף די יעלות, פֿאַרגלוסט זיך דעם צווייטן דווקא גיין אויף אַ באַל, „יום־כּיפּור־באַל“ הייסט עס דאָ. מע קלייבט זיך צונויף פֿיינע יונגען, אייניקלעך און אייניקלעך, און מע רופֿט אַרויס דעם בית־דין־של־מעלה אויף אַ וויכּוח און ביי אַ גלאָז ביר מיט גוישן קאָלבאַס רעכנט מען זיך אָפּ מיט אַלטן ייִדישן גאָט פֿאַר זיינע פֿאַראַדקעס, פֿאַר זיינע גזירות און פֿאַר זיינע פֿאַגראָמען און מע גיט אים אַוועק אַ פֿאָרציע, ער זאָל האָבן צו געדענקען ביז איבער אַ יאָר כּל־נדרי!... אַז מע שמועסט אַ פֿרייע מדינה — איז דאָך נישט שייך!

הכּלל, דער איבערשלאָג, וואָס מיר האָבן דאָ געהאַט הײַנטיקן יום־טוב, איז געווען גאָר איבער אַן אַנדער זאַך. אונדזער ראָזע זאָל לעבן איז געבליבן אַ יתומה נעבעך, געשטאָרבן דער טאַטע, אַ חזן געווען אין אַ קליין שטעטל. מילא, געשטאָרבן — ברוך דיין אמת. עס טרעפֿט זיך, נישט דאָ געדאַכט, עס שטאַרבט אַ טאַטע. זאָלט איר אָבער געווען זען, וואָס דאָס מיידל האָט צעאַרבעט! קודם האָט זי זיך אָפּגעזאָגט פֿון זינגען עטלעכע נעכט דורכאַנאַנד! ווייסט איר, למשל, וויפֿל דער היזק טרעפֿט אַן? נישקשה, איר מעגט זיך עס ווינטשן פֿאַרדינען, איך בין אייך אַ גוטער פֿרײַנד. וואָרעם על־פּי קאָנטראַקט דאַרפֿן מיר צאָלן דאָפּלט פֿאַר יעדן אַרויסטריט, וואָס מיר פֿאַרפֿעלן. וואָס מע האָט איבער איר נישט צערעדט. איך און מיין זון און דער אַמעריקאַנער פֿויגל. זי וויל נישט הערן, נישט זען. זי האָט זיך נאָך גוט אויסגעבייזערט אויך. אַז מע וועט איר זאָגן, זאָגט זי, נאָך אַמאָל, וועט זי גאָר, זאָגט זי, ברעכן דעם קאָנטראַקט — און רופֿט מיך קנאַקניסל! קוים אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען ביי איר געפּועלט, זי זאָל אויפֿטרעטן. אַנישט, וואָלט אונדז אויסגעקומען נאָך אַנטלויפֿן פֿון אַמעריקע. דערפֿאַר האָט זי אָבער ביי איר לעצטן אויפֿטריט געזונגען אַזוי, אַז די ווענט האָבן געוויינט און די ערד האָט זיך געשפּאָלטן. איך אַליין, אַלטער נאַר, האָב געווישט די אויגן, און מיין גרישאַ — פֿון אים שמועסט מען נישט! האָט איר אייך איינמאָל אַ מעשה. והשנית, איז זי זיך מיישב און זעצט זיך אַוועק שבעה. אָבער וויאַזוי מיינט איר

שבעה? פּשוט, אַראָפּגעוואָרפֿן די שיך און אַוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד. „אין גאָטעס ווילן, זאָג איך, ראָזע־לעבן, וואָס טוסטו? מיר זענען, זאָג איך, צווישן גויים, צווישן קריסטן, אַריסטאָקראַטן, סאַמע מאַגנאַטן, מיליאַרדערן!"... ווער־וואָס? הערט די וואַנט? און קיין סך רעדן טאָר מען דאָך נישט. אַ קאַפּריזנע זאַך, זאָל דער אייבערשטער שומר ומציל זיין! קיין אַנדערן וואָלט איך עס נישט געשריבן. נאָר אייך האַלט איך דאָך פֿאַר אַ בעל־סוד. איר וועט מיינע ברייוו חלילה נישט ווייזן קיינעם. איך זאָג אייך, מיר האָבן פֿון איר קאַלטס און וואַרעמס!... שטעלט אייך פֿאָר אַ סקאַנדאַל, וואָס אַ מיידל קאָן: געקומען יום־טוב, טוט זי זיך אָן און וויל גיין אין שול אַריין. „וואָס איז דאָס?" — „איך וויל, זאָגט זי, מזכיר נשמות זיין!" — „סטייטש, רוצחטע, וואָס טוסטו? ווילסט אונדז איבערקוילן דעם האַלדז? נאַ דיר אַ מעסער און קוילע!"... מאַכט זי צו מיר: „איר גייט דען נישט יום־טוב אין שול אַריין?" — „גזלנטע! וואָס גלייכסטו זיך צו מיר? איך קאָן, זאָג איך, גיין אומעטום. איך קאָן גיין אין שול, איך קאָן, זאָג איך, גיין, להבדיל, אין טעאַטער, אָבער דו. עס וועט דאָך מאָרגן, זאָג איך, זיין אויף אַלע בלעטער!"... — „נו, וואָס איז? — למאי, זאָגט זי, שעמט זיך נישט מעלבאַ, עמבריך קאַרוזאָ און נאָך אַכצן אַנדערע, ווי זיי? גייען זיי דען נישט אין קלויסטער אַריין, אַז סע קומט אונטער אַ חגא?"... געפֿעלט אייך דיבורים? מאָלט אייך, אַז מע וויל צוריק, איז זי געבעך זייער גערעכט. נאָר וואָס קומט אַרויס? מען איז דאָך עפּעס יידן אויף דער וועלט! טענה אַהער, טענה אַהין — מע קאָן נישט. אַ גוי איז אַ גוי, און אַ ייד איז אַ ייד... אַ ייד איז וואָלוול — דאָס איז מיין אַלטע טענה. ביי יידן אַליין איז אַ ייד וואָלוול, איר פֿאַרשטייט דאָך, וואָס איך מיין... איך האָב ליב אַ יידן, גלייבט מיר, דאָס חיות. און האָב ליב יידיש טעאַטער, יידישע בליודעס, ווייסט איר דאָך, און בין אַ ליוביטעל פֿון זשאַרגאָן, און אַ שטוב איז ביי מיר אַ יידישע, און מיין ווייב זאָל לעבן איז אַ כשרע יידענע, און מיינע קינדער זענען, דאַנקען גאָט, יידן, און נאָך דעם אַלעם מוז איך פּריזנאַיען, אַז לאָז מיין גרישאַ איין מאָל פּרוּוון זיך אַראָפּלאָזן דאַון־טאַון, דאָס הייסט — אין דער יידישער גאַס, און אויפֿטרעטן אויף אַ יידישער בינע פֿאַר יידן, אָדער אַריינטרעטן, להבדיל, אין אַ יידישער שול, — איז אַן עק, פֿאַרפֿאַלן די קו מיט שטריקל, אויס קאַפּעליושמאַכער! אויס גרישאַ סטעלמאַך! דאָס אייגענע איז מיט ראָזאַליאַ ספּיוואַק! כל־זמן זי האַלט זיך צווישן גויים, כאָטש אַלע ווייסן, אַז זי איז אַ יידיש קינד, לויפֿן די רייכסטע יידן זי הערן זינגען. קוים אָבער האָט זי זיך באַנאַרישט און אַראָפּגעלאָזט זיך צו די יידן — „ע! ביסטו דאָך אַ נאַשבראַט, הייגט וואָס איז די מציאה?!"...

הקיצור, מע האָט ביי איר קוים געפּועלט, זי זאָל כאָטש אָנטאָן אַ געדיכטן שלייער אויפֿן פּנים — קיין פֿויגל זאָל נישט ווּיסן, אַז זי איז געווען אין שול... וואָס זאָלט איר קלערן, ליבער פֿריינד, מיר האָבן מיט איר געהאַט צו זינגען און

צו זאָגן. איצט האָט זי זיך שוין אַ ביסל באַרויקט. נאָר די ערשטע צייט האָבן מיר געמיינט, מיר וועלן פון איר דעם שלאָק באַקומען! און מע מוז איר נאָכגעבן, וואָרעם וואָס טוט מען נישט צוליב אַ קינד?

איצט ווילט איר, איך זאָל אייך אַ ביסל באַשרייבן דאָס לאַנד? נאָכדעם, וואָס איך האָב אייך געשריבן אויבן, קאָנט איר שוין אַליין פאַרשטיין, אַז לאָמיך האָבן אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ מדינה דאָס איז. איך האָב מורא צו זאָגן, נאָר מיר דאַכט, אַז אַמעריקע איז גאַרנישט אַמעריקע, נאָר ארץ־ישראל. די יידן קאָנען, דאַכט מיר, נישט באַקלאָגן זיך אויף קאָלומבוסן: ווער עס וויל און קאָן אַרבעטן, דער מאַכט אַ לעבן. איבערהויפּט איז דאָ מוזיקע בחשיבות. איך בין זיכער, אַז ווען איר, למשל, קומט אַהער צופאָרן, האָט איר נישט קיין חרטה. איר וועט האָבן פּרנסה בכבוד און וועט זיך פילן, אַז איר זענט צווישן יידן. יידישע גאַזעטן זענען דאָ לרוב. פאַר אַזאַ ליוביטעל, ווי איר, איז דאָ ממש אַ גן־עדן. איך קאָן זאָגן, אַז איך באַד מיך אין זשאַרגאָן, ווי אַ פיש אין וואַסער. און קומט אויפדערנאַכט, ווייס איך נישט, אין וואָס פאַר אַ טעאַטער איך זאָל גיין פריער. נאָך שבתדיקע וואָך טרעט דאָ אויף אַ גאַסט אין יידישן טעאַטער, עפּעס איינער אַ ראַפּאַלעסקאָ פון בוקאַ־רעשט, זאָגט מען, אַזוינס און אַזעלכעס! עס טוט זיך חושך!

הכלל, איך בין, ליבער פריינד, פון אַמעריקע זייער קאָנטעט. הלוואי וואָלט איך שוין דערלעבט עפּעס אַ נחת... וואָרעם ס'איז ביי זיי, ביי די קינדער הייסט עס, נאָך אַלץ אַ מעשה אָן אַן עק. איך וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת — מיט קיין אַנדערן וואָלט איך פון אַזאַ זאַך נישט גערעדט, נאָר איר זענט דאָך מיין בעל־סוד, זאָג איך עס אייך: מיר געפעלט נישט אַזאַ ליובאָוו... ממה־נפשך, אָדער אַהער, אָדער אַהין... ביז וואַנען איז דער שיעור ליובאָוו?... איצט איז דאָ אַ תירוץ: זי איז אין טרויער, אַ יתומה, דער טאַטע איז געשטאָרבן. זי וויל, זאָגט זי, געבן אַ דעפּעש דער מאַמע, זי זאָל קומען אַהערצו קיין אַמעריקע, און זי, אַז זי פאַרקלערט עפּעס אַ זאַך, מעגן שוין פאַלן שטיינער פונעם הימל! וואָס וועט זיין, טאָמער קומט זי טאַקע אַהער צו פאָרן? וווהין וועלן מיר זיך אַהינטאָן מיט דער חזנטע פון האָלענעשטי? — לאָמיך אַזוי וויסן פון בייז מיט אייך איגיינעם! איין שטיקל נחמה, וואָס טאָמער וועט מיר די חזנטע קומען צוהילף, און אין איר זכות־אָבות וועט מען אמאָל ברעכן טעלער און טאַקע אין איינוועגס שטעלן אַ חופּה?...

האָט קיין פאַראיבל נישט, ליבער פריינד, וואָס איך שרייב אייך אַלץ סעמייגע זאַכן: מע גיסט אויס אַ ביסל דאָס האַרץ פאַר אַ גוטן פריינד, ווערט גרינגער. איך ווער גרוי און אַלט פונעם דאָזיקן ראָמאַן. איך קאָן אייך גאָר אַזויפיל נישט אַרויס־שרייבן. אַ סך דרינגען מיר, אַז איך דאַרף עס לאָזן גיין, ווי עס גייט. מע זאָגט מיר, אַז איך בין שוין צו אַ הייסער, צו אַ משוגענער פאָטער! עס קאָן זיין. נאָר וואָס זאָל איך טאָן? אָט אַזוי בין איך. מיך וועט שוין קיינער נישט איבערמאַכן. זייט

זשע מיר געזונט און גליקלעך. און שרייבט מיר, אויב איר מיינט טאַקע באמת קומען קיין אַמעריקע? פאַר מיר וואָלט דאָס געווען, קאָן איך אייך זאָגן, אַ יום־טוב! עס וואָלט זיין כאָטש פאַר וועמען אויסרעדן זיך. וואָרעם נישט יעדער איז אַן אמתער פריינד און נישט יעדן קאָן מען פאַרטרויען דאָס, וואָס איך פאַרטרויע אייך...

פון מיר אייער בעסטער פריינד

מאיר סטעלמאַך.

עיקר שכחתי: באַקאַנטע קאָן מען זען דאָ אָן אַ שיעור. נאָר איך היט מיך פון אַ באַקאַנטן. אַפילו אַז איך קום אין אַ יידיש טעאַטער, מוז איך מיך אויסבאַהאַלטן, רוק אָן דאָס היטל און פאַרקלייב מיך אין אַ ווינקעלע — וואָס זאָל מען טאָן? די וויסטע פרנסה!...

מאיר סטעלמאַך.

קאַפּיטל פיר און פערציק

אַ ביסל דין־וחשבון

כל־זמן אונדזער יונגער העלד ראַפאַלעסקאָ איז געשוווּמען מיטן שטראָם פון לעבן אויף גאָטס געגאַד און געבלאָנדזשעט אין דער פינצטער אַלץ ווייטער און ווייטער, האָט ער זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט און קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן זיך דין־וחשבון, זיך קיינמאָל נישט געפרעגט, פון וואַנעט און וווהין, ביז עס האָט אים נישט צוגעשלאָגן צו אַ ברעג — קיין אַמעריקע. ביז עס האָט אים נישט אַרויסגעוואָרפן אויף דעם אינדזל, וואָס הייסט ניו־יאָרק. דאָ האָט ער כמעט צום ערשטן מאָל אַ קוק געגעבן צוריק און דערזען די מוראדיקע גרויסע שטרעקע, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט פון זיינע ערשטע יינגלישע יאָרן, און דעם פונקט, וואָס ער האָט דערגרייכט צו היינטיקן טאָג — און ער האָט געשטוינט.

און געשטוינט האָט ער נישט דערויף, וואָס ער איז אַ סך דורכגעגאַנגען, וואָס ער האָט אַ סך דורכגעמאַכט, אַ סך דורכגעלעבט, אַ סך אויסגעשטאַנען און אַ סך דערגרייכט. יעדער פון אונדז, אַז ער פירט אונטער אַ חשבון צו זיין פאַרגאַנגענ־הייט, זעט ער, אַז ער האָט אַ היפּש ביסל דורכגעמאַכט, דורכגעלעבט, אויסגע־שטאַנען און מער אָדער ווייניקער דערגרייכט. ניין. זיין איבערראַשונג איז געגאַנ־גען פון אַן אַנדער קוואַל. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען כוח, מוט און ענערגיע דורכצומאַכן אַזאַ לאַנגע נסיעה? ווער האָט אים אָנגעוויזן דעם האָזיקן וועג? ווער איז געווען זיין פירער? וויאַזוי האָט געהייסן זיין רבי? ווו איז געווען זיין חדר? און וויאַזוי האָט אויסגעזען זיין סידור?...

עֶר האָט זיך געפרעגט: ווער האָט אָנגעצונדן אין אים דעם ערשטן פייער פון קונסט? ווער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אים אַרויפגעטריבן אויף דער בינע? און וועמענס ליכט האָט אים געלויכטן אין דער לאַנגער פינצטערער נאַכט פון זיין נע־ונד זיין אויף זיין אַרטיסטישן וועג?

און אַ ריי פון פיגורן, אויף וויפל ער קאָן זיך דערמאָנען, גייען דורך איינע נאָך דער אַנדערער פאַר זיינע אויגן: פריער ייִנגלעך, קונדסים, חדר־חברים, מיט וועלכע ער האָט געשפילט אין „פאַרשטעלעניש“ צווישן מנחה און מעריב, דער רבי זאָל נישט וויסן... דערנאָך אַלבערט שטשופּאַק מיט זיין באַרימטער טרופּע אין האָלענעשטי, און נאָכדעם האָצמאַך, זיין ערשטער אינטימער פריינד... נאָך אים — דער דירעקטאָר פון לעמבערגער חזקה־טעאַטער געצל בן געצל, די ברי־דער שוואַלב, און נאָך און נאָך — אַלץ אַזעלכע פאַרשוינען, וואָס ס'איז, דאַכט זיך, אוממעגלעך געווען ביי זיי עפּעס צו נאַשן. די איינציקע ליכטיקע שטערן, וואָס האָבן זיך יאָ ווען באַוויזן אויף זיין פינצטערן הימל, זענען געווען סיידן דער סופלער בעני — דער „מענטש פון בילדונג“, וואָס האָט אים געעפנט די אויגן ביז צו אַ געוויסן גראַד, דאָקטאָר לעוויום־לויתן — דער לעמבערגער מעצענאַט, וואָס האָט אים אויפגעדעקט נייע וועלטן, נאָר אַז ער האָט דערהערט פון האָצמאַכן דאָס וואָרט „געלט“, איז ער אַנטלאָפן, ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, און דער גרויסער זאָנענטאַל, וואָס האָט זיך, ווי אַ מעטעאָר, באַוויזן פאַר אים נאָר אויף אַ מינוט און באַלד פאַרשוונדן געוואָרן.... און ווייטער קאָן ער זיך נישט דער־מאָנען אין קיינעם נישט, קיינעם נישט.

אַליין, אַליין פון זיך, אָן אַ רבין, אָן אַ סידור, אָן אַן אלף־בית, איז ער געוואָרן דאָס, וואָס ער איז.

אַליין, אַליין פון זיך איז אויסגעוואַקסן אַ לעאָ ראַפּאַלעסקאָ און — אויב ס'איז אמת, וואָס מענטשן שרייבן וועגן אים, — אַן אויפגייענדיקער גלענצנדער לויכטנדיקער שטערן אויף דער יידישער בינע.

אונדזער העלד האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען זיך צוקוקן צו די איבע־ריקע גרויסע שטערן פון דער יידישער בינע אין ניו־יאָרק, זיך נאָכפרעגן אויף זיי: ווער זענען די דאָזיקע „סטאַרס“? פון וואַנען שטאַמען זיי אַרויס? וואָס זענען זיי געווען אַמאָל? און ער האָט ווידער געשטוינט. ער האָט זיך אָנגעהערט אַזויפיל זעלטענע חידושים מיט אַזעלכע מאָדנע ביאָגראַפיעס, וואָס ווען מע גייט דאָס באַשרייבן, וואָלט יעדע פון זיי געקאָנט זיין פאַר זיך אַ בוך פון זייער הויכן אינ־טערעס...

און עס איז אים פאַרענטפערט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון זיין אייגענער לעבנס־געשיכטע, געוואָרן קלאָר אַ סך זאַכן. ער איז געוואָר געוואָרן, אַז ס'איז פאַראַן אויף דער וועלט אַזעלכע חדרים, ווו מע לערנט זיך אויס זיין אַן אַקטיאָר, נאָר ס'איז נישטאָ אַזאַ חדר ביי יידן. אַז ס'איז פאַראַן מעצענאַטן אויף דער וועלט,

וואָס גיבן אַוועק פּאַרמעגנס צוליב קונסט, גאָר ס'איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן אַזעלכער ביי יידן. נישטאָ ביי אונדז קיין חדר פאַר יידישע אַרטיסטן, נישטאָ קיין רבי, נישטאָ קיין סידור, נישטאָ קיין אלף־בית, נישטאָ קיין מעצענאַטן, נישטאָ קיין קונסט. פאַראַן ביי אונדז טעאַטערס, פאַראַן אַקטיאָרן, פאַראַן טאַלאַנטן, פאַראַן גענים־אַלע אַרטיסטן, פאַראַן גרויסע ליכטיקע שטערן, וואָס לייכטן אַרויס וויט־ווייט פון דער יידישער בינע אַרויס, וואָס זייער אָפּשיין דערגרייכט אַזש אַהין, צו די אומות־העולם. און נישט איין מאָל טרעפט זיך, אַז זיי, די אומות־העולם, דער־הערן פון אַזאַ שטערן, פאַראינטערעסירן זיי זיך, לאָזן זיך אַראָפּ אין יידישן טעאַ־טער, שמייכלען זיך צו און דרייען זיך אַרום דעם דאָזיקן שטערן אַזוי לאַנג, ביז זיי נאַרן אים אַריבער צו זיך — און ער ווערט פאַרלאָשן פאַר דער יידישער בינע אויף אייביק. צו גרויס איז דער נסיון פאַר אַ יידישן אַרטיסט אָדער אַרטיסטין, אַז זיי זאָלן קאָנען ביישטיין דעם גויישן יצר־הרע, אויסהערן נישט פון אַ ייד אַזעלכע קאָמפּלימענטן, ווי למשל: „אייער פּלאַץ איז נישט אָט דאָ, צווישן יידן"... „אויף אייך וואַרט אַ ברייט פעלד, אַ גרויסע בינע, אַ קריסטלעך פּובליקום"....

גרויס און מעכטיק איז דער גויישער יצר־הרע אומעטום, ובפרט — אויף דער יידישער בינע. זעלטן־זעלטן ווער פון די יידישע שטערן עם חלומט נישט וועגן פאַרבלאָנדזשען אמאָל אויף דעם נישט־יידישן הימל, און זעלטן־זעלטן ווע־מען פון די יידישע אַקטיאָרן עס שפּילט דאָס גליק, ער זאָל נאָך גרויסער מי האָבן די זכיה אַרויסצורייסן זיך פון זיין אייגן קליינעם יידישן קרייזל און אַריינטרעטן אין דער גרויסער ברייטער פרעמדער וועלט אַריין.

אונדזער העלד ראַפאַלעסקאָ איז געווען יענער גליקלעכער, וואָס האָט געהאַט ביד און דווקא אָן מי אַריינצוטרעטן אין איינעם פון די גרעסטע נישט־יידישע טעאַטערס אין ניו־יאָרק און מאכן א גרויסע גלענצענדע קאַריערע. און אויב ער איז אויסגעשטאַנען דעם נסיון, אויב ער האָט געבראָכן דעם יצר־הרע, דעם דאָזיקן גויישן יצר־הרע, און ער האָט עס נישט געטאָן, איז נאָר דערפאַר, ווייל עס זענען אַריינגעטראָטן אין זיין לעבן געשעענישן, וואָס ווערן באַשריבן אין די נאָענטע קאַפּיטלעך פון אונדזער ראָמאַן.

קאַפּיטל פינף און פערציק

אונדזער העלד גייט אַרום אין עולם־התוהו

די גרויסע נײַ־ונדגע אַרטיסטיש־מוזיקאַלישע קאָמונע „קלאַמער, שוואַלב עט קאָמפּ.", וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט אין אַמעריקע מיט איר „שטערן פון בוענאָס איירעס" און מיטן „לאָמזשער סאָלאָוויי", האָט זיך יום־טובדיק געגרייט

צו איר לעצטן און גרעסטן טריומף — צום ארויסטריט פונעם וועלט־באַרימטן שטערן פון בוקאַרעשט, דעם נייעם יונגן ארטיסט לעאָ ראַפּאַלעסקאָ.

אונדזערע אַלטע גוטע פריינד, ניסל שוואַלב פון איין זייט און מיסטער ניקעל פון דער אַנדערער זייט, האָבן געטאָן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, אַז דער דערפאָלג פון דעם דעביוט זאָל זיין א טויט־קלאַפּ פאר אַלע איבעריקע יידישע טעאַטערס אין ניו־יאָרק. צוויי וואָכן דורכאַנאַנד האָבן די בחוצות־וקול־שופרדיקע אַנאָנסן אין די יידישע צייטונגען געפּויקט, געגראַגערט און געטרומייטערט אויף קולי־קולות וועגן א יונגן סטאַר, וואָס „די קעניגין קארמען סילווא האָט אים אַליין מיט אירע הענט געקרוינט, און דער גרויסער זאַנענטאַל האָט געוויינט, ווי א קליין קינד, אַז ער האָט אים דערזען אין דער ראָל פון אוריאל אַקאָסטא". דאָס איז געווען די ארבעט פון אונדזער קאָמבינאַטאָר ניסל שוואַלב.

און מיסטער ניקעל האָט נישט געטאָן גאָרנישט. ער איז זיך נאָר ארומגע־גאַנגען מיט די הענט אין די קעשענעס און איבערגעגעבן אין דער „קיבעצאַרניע" פאר אַלעמען, אַז ער האָט איינגעלאַדן צו זיך אין טעאַטער אַריין אויף דעם ספּעקטאַקל אַלע פּראָמינענטע „יאַהודים", ווי ד ז ש ײ ק אָ ב ש י ף, ל ו א י ס מ א ר ש א ל, ג ײ ט ע ן ב י ז ש ו ר און פיל אַנדערע. און אויפן אויער האָט ער אַ פּאָר מענטשן איינגערוימט א סוד, אַז ס'איז א סברה, אַז דער „גאָווערנער" פון סטייט ניו־יאָרק און נאָך א פּאָר הויכגעשטעלטע קריסטן וועלן אויך זיין ביי אים היינט אויפדערנאַכט אין טעאַטער. נאָר דאָס וואָלט ער וועלן, מע זאָל נישט פאַנאַנדערפּויקן איבער דער שטאָט, וואָרעם עס זענען שוין אַזוי אויך באַלד נישטאָ קיין טיקעטס אין דער קאַסע. בעת מעשה האָט אים דאָס פּנים געשיינט, די בעקלעך געפלאַמט און די גאָלדענע ציין האָבן געבלישטשעט — א מכה האָט זיך ראָקפעלער, קאַרנעדזשי אָדער וואַנדערבילד געפילט אויף דער וואָל־סטריט ווען ס'נישט איז אַזוי גליקלעך, ווי עס האָט זיך געפילט אין יענער צייט מיסטער ניקעל.

דערפאַר האָט זיך אָבער ניסל שוואַלב אין יענער צייט געפילט נישט אַזוי פויגלדיק. זיין געניאַלע קאָמבינאַציע וועגן געוויסן שידוך צווישן זיין שוועסטער און ראַפּאַלעסקאָ האָט זיך אים נאָכנישט איינגעגעבן. אמעריקע איז א לאַנד פון האַררי־אַפּ, פון ביזנעס, טומל און טאַרעראַם. די גאַנצע צייט נעמט צו די קאָמונע. רעדן וועגן דעם מיט דער שוועסטער איז אַרויסגעוואָרפן: זי זאָגט, ס'זאָל אים נישט אַרן, ס'איז אונדזערע ביזנעס... יענע איז פאַרנומען גאָר מיט טואַלעטן, פּיקטשורס און נאָך אַזעלכע זאַכן. און דער „יאַט" (ווי האָלצמאַן פלעגט אים רופן) איז אים גלאַט נישט געפעלן. זינט מען איז געקומען קיין ניו־יאָרק, איז ער עפּעס „דאָסיק"... עפּעס גייט ער אים ארום, ווי א נעבכטיקער, און פרעגט זיך נאָך צען מאָל א טאָג אויף בריוו. פון וועמען וואַרט ער דאָס אַזוי אויף בריוו? און וואָס פאַר געשעפטן האָט ער מיט אָט דער קאָמישער פיגור אין דער רויטער ראָטאָנדע (בריינדעלע קאָזאַק), וואָס קומט צו פליען אַלעמאָל נאָר אויף אַ ווײַלע און זיצט

אָפּ אָדער בײַ אים, אָדער בײַ דער שװעסטער דרײַ זײגער־שעה? פרעגן בײַ הענ=
ריעטען איז אַלצײַנס, װי פרעגן בײַ דער קליאַמקע פון דער טיר. װאָס פאַרשטײט
זי, אַ געשלײערטע האַנדזי, משטײַנס געזאָגט? און דערצו האָט אָט דאָס ניו־יאָרק
מיט איר דערפאָלג אויף דער בינע, מיטן בלאָף װעגן דער פרעמיע, װאָס זי האָט
באַקומען אין פּאַריז אויף דער אויסשטעלונג פאַר שײנקײט, אַזױ שטאַרק פאַר=
דרײט איר דעם קאָפּ, אַז מע קאָן שױן באַלד מיט איר קײן װאָרט נישט רעדן.
באַלד שיט זי אָפּ מיט פּריסעק. דער ברודער איזאַק זאָגט צו אים: „פאַרטשעפּע
זיך נישט, ניסל, מיט דער דאָזיקער טעלעצע — זי איז שױן באַלד אַ קו, זי װעט
דיך נעמען אויף די הערנער!“...

דער ברודער איזאַק איז גערעכט: טאַקע אַ קו. װאָרעם װען זי זאָל האָבן
אַ קלעפּקע אין קאָפּ, װאָלט זי נישט אין זינען געהאַט אַזעלכע נאַרישקײטן, װי
פאָטאָגראַפירן זיך מיט ראַפאַלעסקאָן אין אַכצנערלײ פּאָזעס. זי װאָלט בעסער
געזען, אַז ס׳זאָל זײַן אײנס־צװײ־דרײַ — און אַ חופּה... ביז װאַנען איז דער שיעור?
מיסטער קלאַמער זאָגט אויך דאָס אײגענע: „באַק בײגל, כּל־זמן עס הײצט זיך,
אָדער װי זאָגט דער אײנגלשמען: איף יו װאָנט טו דו אַ טהינג. נאָר װער איז
אײַך שולדיק, אַז איר זענט אידיאָטן?“...

אַזױ זאָגט מיסטער קלאַמער. אַלע מישן זיך אַרײַן אינעם דאָזיקן שידוך.
יעדער, װער עס האָט גאָט אין האַרצן, שטעקט אַרײַן אַ נאָז. למשל, נעמט די
לאָמזשער חזנטע, קומט זי אַלעמאָל צו גײן אין איר נײַעם אָװערקאָוט, װאָס דער
מאַן האָט איר געקױפט אין ניו־יאָרק, זיך נאָכפרעגן, „װען װעט שױן
געבױרן װערן משיח?“... װאָס מײנט זי דערמיט, די „פּרה־אדומה“
מיטן רויטן פּאַרוק?... און װאָס דאַרף איר דאַרן דער קאָפּ פאַר זײער שװעסטער
מער פאַר אַלעמען? די דאָזיקע חזנטע האָט דאָס אַ ביסל פאַרריסן די נאָז, זינט
איר מאַן, דער „לאָמזשער סאָלאָװײ“, איז אַרײַן אין די פּעדערן! און דער חזן
אַלײן איז שױן אויך נישט דער, װאָס געװען. אַמאָל, אַז ער האָט נאָך געהײסן
„דער לאָמזשער חזן“, געזעסן אין לאָנדאָנער װײַטשעפּל און געבענקט נאָך אַ קװי=
לעטש, איז ער געקראָכן אונטער די נעגל, זיך געהאַלטן קלענער פונעם קלענסטן.
איצט, זינט ער איז אין אַמעריקע און הײסט שױן „דער לאָמזשער סאָלאָװײ“,
איז אים שױן נישט צו דערקענען. קײנמאָל האָט ער קײן צײַט נישט. שטײט מיט
דער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, מיטן שטעקעלע אין האַנט און מאַכט רעפּעטיציעס,
קאָמאַנדעװעט מיט דער כאַליאַסטרע: „סי־בעמאָל, פאַ־מינאָר, עס־דור“ —
אַ גאַנציער מונדערפּערצער!... ער װעט שױן באַלד נישט װעלן רעדן אַ װאָרט מיט
ניסל שװאַלב — כאַ־כאַ, ער זאָל אַזױ האָבן אַלעמענס גוטס!...

אין אַזעלכע טרױעריקע מחשבות האָט פאַרבראַכט אונדזער געניאַלער קאָמ=
בינאַטאָר די ערשטע צײַט אין ניו־יאָרק און האָט זיך געגריזשעט מיטן ברודער
און מיט דער שװעסטער און מיט די שותּפים. נאָר דאָס אַלץ האָט זיך מיט

אונדזער יונגן העלד, ווי אלעמאָל, גאָרנישט אָנגעקערט. ראפּאלעסקאָ האָט זיך, ווי אומעטום, ארומגעטראָגן אין דעם מוראדיק גרויסן ניו־יאָרק מיט זיינע געדאנקען און חלומות, געשפּאצירט, ווי אין אַ געדיכטן וואלד, ארומגעגאנגען אין אַן עולם־התוהו... וואָס געהער זיך אָן מיט אים די קאָמונע מיט אירע רעכענונגען, רייסעניש און בייסעניש, פּערעפּאלקעס, צאנקערייען און דריאזגעס? וואָס גייט אים אָן זיין ערשטער דעביוט אויפן אמעריקאנער באָדן, וואָס וועט געווים, אָן שום ספק, אָפּלויפן מיטן זעלבן טריומף, ווי אומעטום און ווי אלעמאָל ביז אהער? פאר וועמען דארף ער זיך דאָ אויספּיינען, וויבאַלד אַז אויף זיין דעביוט־אָוונט וועט נישט זיין „יענע“, וואָס ער וויל און וואָס ער האָט אויף איר אזוי ארויסגעקוקט?... און אַז „יענע“ וועט נישט זיין — דאָס ווייסט ער פאַר געווים. ס'איז אַ פאַרפאַלענע זאך. פון אלע זיינע גאָלדענע חלומות איז ביז אהער נישט מקוים געוואָרן קיין איינציקער אפילו. פון אלע זיינע האָפענונגען אויף אמעריקע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך... מאַדאַם טשערניאַק האָט אים אומזיסט געדרייט אַ מוח. עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז פון זינט ראָזע ספּיוואַק איז אין אַמעריקע, האָט די מאַדאַם טשערניאַק נישט זוכה געווען אַפילו אָנצוקוקן איר פּנים. אמת, די מאַדאַם טשערניאַק האָט זיך פאַרענטפערט פאַר אים, אַז שולדיק אין דעם איז איר גייער „דזשאַב“, וואָס זי פאַרנעמט אין דעם טומלדיקן ניו־יאָרק. זי זאָל, זאָגט זי, קאָנען זיך אַרויסרייסן אויף אַ טאָג מיט אַ נאַכט צו איר פריינדין ראָזע ספּיוואַק וואָלט שוין געווען אָל־רייט. נאָך שבתדיקע וואָך, זאָגט זי, האָט זי אַן אויסגאַנגס־טאָג, וועט זי זיך אַראָפּכאַפּן „אַפּטאַון“. וועט שוין דעמלט, זאָגט זי, זיין טאַקע אָל־רייט...

און אָט אַזוי קומט זי אַלעמאָל צו גיין מיט אַ נייעם ליגן, לייגט אים אָפּ פון טאָג אויף טאָג, זאָגט אים צו אויף מאָרגן צו קריגן אַ פּלאַץ אין דער אָפּערע, ווו ראָזע ספּיוואַק זינגט, אָדער אין קאָנצערט, ווו ראָזע ספּיוואַק טרעט אַרויס אינאיינעם מיטן באַריִמטן גרישאַ סטעלמאַך — און עס לאָזט זיך אוים אַ בוידעם: ס'איז נישט צו באַקומען קיין פּלאַץ פאַר קיין געלט, ער זאָל געבן אַפילו אַ מיליאָן דאָלאַר!...

די מאַדאַם טשערניאַק האָט זיך אים שוין אַזוי צוגעגעסן, אַז ער קאָן שוין איר פּנים נישט זען. און ער לאָזט זיך אַוועק אַליין אַפּטאַון קויפן אַ פּלאַץ אין יענעם האָל, ווו ראָזע זינגט. לאָט זיך אוים, אַז נעכטן איז זי געווען און היינט איז זי שוין נישטאָ אין ניו־יאָרק. זי איז אַוועקגעפאָרן אויף גאַסטראָלן אין דער קאָונטרי. ווען זי וועט קומען — ווייסט ער נישט. „ביסט געווען אַ שמאַטע און אַ שמאַטע וועסטו בלייבן!“ — זאָגט צו זיך אַליין ראַפּאַלעסקאָ און עסט זיך אויף אַ לעבעדיקן. אַרום אים דרייט זיך אום די קאָמונע, דולט אים אַ קאָפּ וועגן זיין ערשטן אַרויסטריט. רעפּאָרטערס פון צייטונגען שטעלן זיך אים פאָר, ווילן אים אינטערוויואירן. „שטיגוטערעס“ שמייכלען זיך צו אים און מאַכן אים גלענצנדע

„פראַפאָזישאָנס“. און דאָ קומט הענריעטאַ און דרייט אים אַ מוח מיט אירע טואַלעטן און פיקטשורס. ער ווייסט נישט, אויף וואָסער וועלט ער איז. ער גייט אום אין עולם־התוהו.

קאַפּיטל זעקס און פערציק

מעפיסטאָפל אין א קליידל

„זאָלסט וויסן זיין, רייזל, אַז איך, לייבל, בעני ראַפאַלאָוויטשעס זון פון האָלענעשטי, — געדענקסט אים דאָך? — בין איך דאָ איצט אין ניו־יאָרק, דאַון־טאַון, אַן אַרטיסט אין יידישע ניקעל־טעאַטער, און מיין נאָמען איז היינט — ראַפאַלעסקאָ“.

אָט דאָס האָט באַדאַרפט זיין אייגנטלעך דער אינהאַלט פונעם בריוו, וואָס אונדזער יונגער העלד האָט פאַרטראַכט אַוועקצושיקן צו מיס ראָזאַליאַ ספּיוואַק. קורץ און שאַרף. וואָס האָט ער איר צו שרייבן נאָך?...

און אַזוי האָט ראַפאַלעסקאָ טאַקע אָפּגעפּסקנט ביי זיך און אַוועקגעזעצט זיך שרייבן. און ער ווייסט אַליין נישט, פון וואַנען עס האָט זיך צו אים גענומען מאַטע־ריאַל. דאָס איז געווען אויב נישט דער ערשטער ערנסטער בריוו אין זיין לעבן. אַ וועלט מיט געדאַנקען האָט זיך ביי אים געעפנט. עס האָט זיך געגאָסן ביי אים, ווי פון אַ קוואַל. זיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע האָט ער אַוועקגעלייגט פאַר איר, פון זינט זיי האָבן זיך צעשיידט, פון יענער כישופדיקער נאַכט, די נאַכט פון דער שרפה אויף „גאָטס גאַס“ אין האָלענעשטי, ביז צו היינטיקן טאָג. אַלץ האָט ער איר באַשריבן. אַלצדינג, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און אויסגעשטאַנען אויף זיין אַרטיסטישן וועג, אַלע זיינע חלומות און האָפענונגען, מחשבות און געפילן, פריידן און ליידן....

ניין. דאָס איז נישט געווען קיין ליבע־בריוו. דאָס וואָרט „ליבע“ האָט זיך קיין איינציק מאָל נישט אַרויסגעריסן פון זיין פעדער. צו באַנאַל, צו וואָכעדיק וואָלט דאָ אויסגעזען דאָס וואָרט „ליבע“. צו הייליק זענען געווען ביי אים די פעדעם, וואָס האָבן צונויפגעבונדן איר נאָמען מיט זיינעם, זייער ביידנס פאַרגאַנגענע מיטן איצטיקן. און טאָמער האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט ביי אים וואַרעמע ווער־טער, זענען זיי געווען איינגעהילט, אַרומגעוויקלט, פאַרשטעלט.

רעדנדיק פון יענער זומערדיקער אויסגעשטערנטער נאַכט אין האָלענעשטי, ווען דער הימל האָט געגלאַנצט מיט שטערן, האָט ער זי געבעטן, זי זאָל זיך דער־מאָנען, וואָס זי האָט אים דעמאָלט געפרעגט וועגן די פאַלנדיקע שטערן. און זי זאָל זיך דערמאָנען, וואָס ער האָט איר געענטפערט: אַז שטערן פאַלן נישט,

שטערן בלאָנדזשען.... און זי זאָל זיך דערמאָנען שוין אין איין וועג, וואָס ווייטער איז געווען. זי זאָל זיך דערמאָנען, ווי זי איז אַמאָל געגאַנגען צו אַ ציגיי־נערין, — ערגעץ אין אַ קליין שטעטעלע אין גאַליציע אָדער אין דער בוקאָווינע איז דאָס געווען — אַז די ציגיינערין זאָל איר וואָראָזשען, וואַרפן אויף קאָרטן. וואָס האָט איר דעמאָלט געוואָראָזשעט יענע ציגיינערין? צי האָט איר די ציגיינערין נישט דערמאָנט וועגן בלאָנדזשענדע שטערן, וואָס טראָגן זיך איינס אַקעגן דאָס אַנדערע און קאָנען זיך נישט צו־נויפקומען?....

פאַרשטעלט האָט איר ראַפאַלעסקאָ געשריבן זיין בריוו, איינגעוויקלט און אַלעגאָריעס און אָנצוהערענישן, און פינטעלעך אַ סך האָבן זיך געפונען אינעם דאָזיקן בריוו, פינטעלעך, פינטעלעך, אָן אַ שיעור פינטעלעך!...

צום סוף בריוו האָט ער זי געבעטן, עס זאָל זי נישט וווּנדערן, וואָס ער רעדט מיט איר דורך אַ בריוו און איז נישט געקומען צו איר אַליין. ער האָט דאָס נישט געטאָן איבער צוויי זאַכן: ערשטנס, האָט ער געהערט, אַז מע קאָן צו איר גלייך נישט צוטרעטן. מע דאַרף זיך מעלדן פריער צו איינעם עפעס אַ מיסטער באָר־מאַן און מע דאַרף אים זאָגן, ווער מען איז און מכוח וואָס פאַר אַ „ביזנעס“! (דאָס וואָרט „ביזנעס“ האָט ער גענומען אין גענדזנפיסלעך און דריי מאָל אונ־טערגעשטראָכן און נאָך צוגעשטעלט אַ גרויסן אויסרופצייכן). און, צווייטנס, האָט ער איר געגעבן אָנצוהערן, איידל און ווידעראַמאָל מיט פינטעלעך, אַז ער האָט מורא, טאָמער וועט ער שטערן עמעצן פון „יענע לייט“, וואָס געפינען זיך איצט אַרום איר און וואָס טרעטן אַרויס אינאיינעם מיט איר אויף דער בינע מיט אַזויפיל דערפאָלג....

דאָ האָט אונדזער יונגער דיפּלאָמאַט מיט אַ כיוון גענומען דאָס וואָרט „לייט“ אין מערצאָל, כאָטש עס ווייסט אַ מינדסטע קינד אין ניו־יאָרק, אַז מיט מיס ראָזאַ־ליאַ ספּיוואַק טרעט אַרויס נאָר איין גרישאַ סטעלמאַך...

אַך, „גרישאַ סטעלמאַך“! — דער דאָזיקער נאָמען פלאָנטעט זיך אונדזער יונגן העלד פאַר די אויגן שוין פון אַ צייט און לאָזט אים נעבעך נישט שלאָפן. „ווער איז ער? וואָס איז ער? וויאַזוי זעט ער אויס?“... וויפל עס זאָל אים נישט ציִען צו רייזלען, וואָלט ער אַ בעלן געווען זיך זען פריער מיט אָט דעם גרישאַ סטעלמאַך, כאָטש אָנקוקן אים פונדערווייטן, וואָס פאַר אַ פנים ער האָט. אַלעמאָל, ווען ער דערהערט דעם דאָזיקן נאָמען, טוט אים אַ שטאָך אין האַרצן, ווי מיט אַ נאָדל. און דערצו האָט אים די מאַדאַם טשערניאַק פאַרבײַגײענדיק אַרייַנגעלאָזט אַ גריל אין אויער אַריין, אַז זי ווייסט פאַר קלאָר, אַז אָט דער גרישאַ סטעלמאַך און ראָזאַ ספּיוואַק זענען חתן־כלה און אַז היינט־מאָרגן איז ביי זיי חתונה...

ווי קומט דאָס, וואָס ברײַנדעלע קאָזאַק האָט גענומען אויף זיך די ראָל פון מעפיסטאָפל? אָט וויאַזוי דאָס איז געשען: איר גאַנצער מיין איז דאָך געווען מער

נישט אַז נקמה. נוקם זיין זיך אין איר בלוטיקן שונא, אין האָצמאַכן. איר צוועק איז געווען — אַוועקנעמען ביי אים די פּרימאַדאָנע שוואַלב און אַריבערנאַרן אַהער דעם „יאַט“ — און קוים איז דאָס איר אָפּגעראָטן, הייסט וואָס באַדאַרף זי נאָך? איך בעט אייך זייער, זי איז טאַקע מחויב צו פאַרזאָרגן דער וועלטס תכלית? ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז זי באַדאַרף זיך איינרייסן פאַר אַ ראַפּאַלעסקאָ? פאַר אַ רייזל ספּיוואַק? לאָזן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט! אַ סך מענטשן זענען עפּעס פאַראַן אויף דער וועלט, וואָס זאָרגן זיך פאַר דער מאַדאַם טשערניאַק? לאָז זי, אַשטייגער, היינטיקן טאָג, חלילה וחס, פאַרלירן איר „דזשאַב“ — ווער וועט זיך אַרומקוקן אויף איר אין דעם האָזיקן זודיקן קעסל, וואָס הייסט ניו־יאָרק? פון זיי מאַנצבילן איז אָפּגערעדט. אויף זיי וואָלט שוין לאַנג געמעגט קומען אַ כאָליערע, עס זאָל זיי אויסשטיקן איינציקווייז, ס'זאָל נישט בלייבן פון זיי קיין שריד ופליט! גאָר נעמט אַפילו אַזאַ מיידל, ווי אָט די ראָזאַ ספּיוואַק, וואָס זי איז מיט איר געווען ווי צוויי שוועסטער, איניינעם געווען גע=וגד, איניינעם געטראָגן שטשופּאַקס גלות, איניינעם געגעסן, כמעט אין איין בעט געשלאָפן, — קומט זי צו איר איצט אין ניו־יאָרק מיט אַ וויזיט — לאָזט מען זי נישט צו! שרייבט זי איר אַריין עט־לעכע ווערטער: „ראָזעניו, בשמחגיו, די מאַדאַם טשערניאַק וויל זיך מיט דיר זען“ — ענטפערט מען איר נישט! שרייבט זי איר אַריין נאָכאַמאָל — ענטפערט מען איר ווידער נישט! קומט צו פאָרן ראַפּאַלעסקאָ קיין ניו־יאָרק, פאָרט אים אַרויס די מאַדאַם טשערניאַק אַקעגן, כאַפּט אים אַרום קושן, נעמט אים אַריין צו זיך, ווי אַן אייגענעם, קעכלט אים, גיט אים אַוועק די נשמה — איז ער נאָך נישט צופרידן. באַשר וואָס איז? ער וואָלט וועלן, זי זאָל אים אַראָפּברענגען די ראָזאַ ספּיוואַק מיט דעם גרישאַ סטעלמאַך ביידע אויף איין בעזעם... „אָט די מאַנצבילן, הערט איר, ברענען זאָלן זיי אייך אַלע אויף איין פייער, אַז סע שפּאַרט זיי צו, איז ערד ווער צעשפּאָלטן און הימל עפן זיך! האָב צייט אַ ביסעלע, מיין טייערער ראַפּאַלעסקאָ. לאָמיר זיך פריער אַ ביסל אָנרעדן. וואָס מאַכט עפּעס האָצמאַך, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן? און דאָס מכוערדיקע שוועסטערל זיינס, מיטן קאָפּ זאָל זי אָנלייגן? און די אַלטע שקאַפּע, די מאַמע זיינע? נאָך לעבט זי, די מכשפה?“....

אַזוי שמועסט זיך אויס בריינדעלע קאָזאַק מיט איר יונגן פריינד ראַפּאַלעסקאָ און זי פאַרשטייט נישט: „וואָס בלאָזט זיך עפּעס אַזוי אָט דער יאַט? וואָס מאַכט ער אָנשטעלן? וואָס שפּילט ער עפּעס פאַר איר אַ טראַגעדיע און וואָס כאַפּט אים אַזוי אַוועק דער גוטער יאָר פאַר דער ספּיוואַק?“...

און דערמאָנט זיך בריינדעלע קאָזאַק אין דער ספּיוואַק, ברענט אין איר אַ פייער. זי קאָן איר נישט פאַרגעסן דעם בזיון מיטן פאַרדראָס: סטייטש, סטייטש! מע זאָל זי, די מאַדאַם טשערניאַק, נישט וועלן אויפנעמען! נישט צולאָזן, נישט ענטפערן אַפילו איר אויף אירע בריוו — און ווער? אַ חזנס אַ מיידל, וואָס האָט נישט לאַנג פאַרמאָגט איין פאָר פאַרמערזשעטע זאָקן! באַשר דאָס מזל האָט

איר געשפּילט — זי איז גרויס געוואָרן — נו, איז וואָס? מע מעג טאַקע זיין גרויס און באַרימט און רייך און אַלצדינג, נאָר יענער איז אויך נישט קיין הונט. אַז מע פליט צו הויך, פאַלט מען אַראָפּ. מע האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן. אָט איז הענריעטאַ שוואָלב אויך אַ פּרימאַדאָנע, אויך באַרימט, מע פּויקט וועגן איר אויך גענוג אויף די בלעטער, און אַז זי טרעט אַרויס אויף דער בינע, טוט זיך חושך, — פונדעסטוועגן, זאָל זי האָבן אַזאַ יאָר, ווי פּראָסט און לייטיש און צוגעלאָזט זי איז צו איר, ווי אַ שוועסטער, ווי אַן אייגענע שוועסטער. דעריבער איז איר די מאַדאַם משערניאַק אויך געטריי, ווי אַ שוועסטער, ווייסט ביי איר אַלע סודות, קומט אַריין צו הענריעטען אַלע טאָג, ווען זי האָט נאָר צייט, אויף אַ ווײַלע, און מע זיצט און מע שמועסט. תמיד איז ביי זיי פאַראַן, וואָס צו רעדן. אַ חיות! מע רעדט אַזוי לאַנג, ביז עס הייבט אָן ווערן פינצטערלעך. דעמלט טוט זיך די מאַדאַם משערניאַק אַ פּאַטש איבער די פעטע ליטקעס און אַ כאַפּ אויף זיך די רויטע ראָטאָנדע: „אַ שלאַק איז איר! אַ דונער האָט זי דערשלאָגן! שוין שטאָק נאַכט!“ — און ברײַנדעלע קאָזאַק לאָזט זיך גיין טאַנצנדיק איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, כאַפּט אַ קאַר און פליט־פליט צו איר דזשאָב אין טעאַטער אַריין, און אין מוח פּלאָנטעט זיך איר אַ שיינער אַ מעפיסטאָפלשער פּלאַן וועגן אַ גיכער חתונה (צווישן הענריעטען און ראַפאַלעסקאָן). ניין. לאָז איר נאָמען נישט הייסן ברײַנע משערניאַק, אויב ס׳וועט נישט זיין קיין חתונה! עס וועט זיין אַ פרײַלעכע, אַ געהויבענע חתונה. די בלעטער וועלן פּויקן, און דער קיבעצאַרניע וועט מען רעדן, און זי, די מאַדאַם משערניאַק, וועט זיין די הויפּט־מחותנתטע. — פון וואָסער צד? פון כלהס צד? צי פון חתנס צד? ניין, פון ביידע צדדים. און זי וועט כאַפּן אַ טענצל, כי־כי, מיט אָט דעם ווערגעלעך ניסל שוואָלב. און חברה אַקטיאָרן וועלן זיך עס אָנשיכורן, הוליען און טאַנצן ביזן ווייסן טאָג אַריין. נאָכדעם וועט זי קומען אַהיים, וועט זיך באַלד אַוועקזעצן און אָנוועקשרייבן אַ שיין מעפיסטאָפלש בריוול צו דער ראָזע ספּיוואַק און איר אָפּגעבן מזל־טוב... אָדער שאַ, אפשר נישט אַזוי. אין די העכסט אינטערעסאַנטע און שפּאַנענדע ראָמאַנען, וואָס די מאַדאַם משערניאַק לייענט זיך אָן אויף די בלעטער, פירט זיך אַנדערש: מע דאַרף מאַכן אַזוי, אַז ראָזאַ זאָל דווקא באַקומען אַן אײַנלאַדונג באַצייטנס, נאָר אָנקומען זאָל זי פּונקט אין דער מינוט, ווען חתן־כלה שטייען שוין אונטער דער חופּה: ער טוט איר אָן דאָס פינגערל און זאָגט איר דעם געוויסן „הרי את“... פאַלט ראָזע חלשות... ווערט אַ טאַרעראַם... קומט צו לויפן איר חתן (דער יונגער בטלמאַך) און יאָגט זיך אַריין אַ קויל גלייך אין האַרצן אַריין... פאַרוואָס קומט דעם יונגן בטלמאַך אַ קויל אין האַרצן אַריין, זאָלט איר נישט פרעגן. אַ מענטש, אַז ער האַלט ביי נוקם זיין זיך, קוקט ער נישט, ווער ס׳איז שולדיק, ווער ס׳איז אומשולדיק, און עס גיסט זיך בלוט אַזוי ווי וואַסער.

קאַפּיטל זיבן און פערציק

ברײַנדעלע קאָזאַק — אַ שדכנטע

דאָס איז געווען מיט אַ פּאָר טעג פריער, איידער דער נייער שטערן פון בוקאַרעשט, לעאָ ראַפּאַלעסקאָ, האָט באַדאַרפט צום ערשטן מאָל אויפטרעטן פאַרן בײַאָרקער פּובליקום. אַלע הכנות, רעפּעטיציעס און פאָרבאַרייטונגען זענען שוין געמאַכט געוואָרן. פון טעאַטער האָט מיסטער ניקעל געגעבן צו וויסן אַלע צווייטינגס צו דער קאָמונע דורכן טעלעפאָן, אַז ס'איז אָלל־רײַט, אַז ס'איז שוין באַלד נישטאָ קיין טיקעטס אויף ראַפּאַלעסקאָס ספּעקטאַקל, אַז מע רײַסט פון די הענט, אַז ס'איז אַ געשלעג בײַ דער קאַסע. אַז ער האָט מורא, מע זאָל אים נישט צעטראָגן דאָס טעאַטער. אַז מע ברעכט שוין די טירן... די קאָמונע האָט זיך אָבער ווײניציק וואָס איבערגעשראָקן פאַר די דאָזיקע אַלע שרעקלעכע ידיעות. מע האָט געוווּסט גאַנץ גוט, אַז די גרעסטע העלפט פון דעם, וואָס מיסטער ניקעל זאָגט, מעג מען גלײַך אַוועקגעבן דער וואַנט, אַ דריטהלק אַרײַנוואַרפן אין ים אַרײַן און דאָס איבעריקע אַוועקשענקען פאַר אָרעמע לײַט...

פון דער קאָמונע זענען געווען אין דער היים נאָר די ברידער שוואַלב, מיסטער קלאַמער און דער לאָמזשער חזן. (ראַפּאַלעסקאָ און הענריעטאַ זענען געגאַנגען זיך פאָטאָגראַפירן אין אַ נײַער פּאָזע). די שטימונג פון דער קאָמפּאַניע איז געווען אין יענער צײַט דווקא נישט קיין געהויבענע. נישט ווײַל די ביזנעס זענען געגאַנגען שלעכט. אַדרבא, עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן גרויסע גלענצנדיקע אויסזיכטן. די אַקציעס פון דער קאָמונע האָבן זיך געהויבן פון טאָג צו טאָג. נישט מער עס האָט דאָ געפעלט דאָס, וואָס עס פעלט אומעטום און אַלעמאָל אין יעדער מענטשלעכער געזעלשאַפט: אַ ח ד ו ת, א יי נ י ק יי ט, ש ל ו ם ו ש ל ו ה. וואָס איינער האָט געזאָגט, האָט דער אַנדערער געדרונגען קאַפּויר. יעדער האָט פון זיך געהאַלטן אַן עולם ומלואו און יענעם מבטל געווען גאָר אינגאַנצן. למשל, דער עלטערער פון די שוואַלבס (ניסל) האָט זיך באַרימט, אַז דאָס איז אינגאַנצן זײַן קאָמבינאַציע. ווען נישט ער מיט זײַן אידעע, ווו וואָלטן זיי איצטער געווען? און מיסטער קלאַמער האָט געטענהט, אַז ווען נישט ער מיט זײַן קעשענע, וואָלטן זיי איצט אַלע באַדאַרפט נעמען די טאָרבעס און גיין איבער די הײַזער. האָט אים דער לאָמזשער חזן אָפּגעהאַקט די פליגל און אַ זאָג געגעבן, אַז קיינער שטייט שוין נישט איצט אין זײַן קעשענע. מע קאָן זיך שוין באַגיין, ברוך־השם, אָן זײַן הילף. און ווער שמועסט, ער, דער לאָמזשער חזן, קאָן שוין אַוודאי באַשטיין זײַן שטעטל.

דאָס האָט שוין אַלעמען פאַרדראָסן, אַפילו דעם ייִנגערן פון די שוואַלבס (איזאַקן). איז ער אַרויס מיט זײַן פּה־קדוש און אַ פרעג געגעבן בײַם חזן, צי

געדענקט ער נאָך דעם לאַנגדאָגער ווייטשעפּל מיטן גאַסן קעלער און מיטן גרויסן אויוון, וואָס איז אויסגעגאַנגען נאָך אַ שטיקל האָלץ און נישט געזען פאַר זיך קיין פול טעפּל קיינמאָל, אַחוץ שבת און יום־טוב, אי דאָס, אַז דער ברודער האָט אים צונויפגענומען אַ פּאָר שילינג ביי גוטע לייט מיט ווייכע הערצער?...

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש האָט דעם חזן נישט געשמעקט. האָט ער דערמאָנט שוואַלבן גאַנץ אַלעגאָריש, אַז זיין אָרט איז אין טעאַטער אונטערן הימל און זיין עבודה איז קלאַפּן מיט די הענט, נישט מיט דער צונג...

האָט זיך איזאַק שוואַלב נישט געפוילט אָפּצוענטפערן דעם חזן, אויך אַלעגאָריש, אויך פאַרשטעלט: אַז אויב עס וועט קומען די צייט, וואָס זיינע הענט וועלן דאַרפן קלאַפּן — און עס קאָן זייער זיין, אַז איצט איז די רעכטע צייט — וועט שוין דעמלט זיין אַז אָך און וויי דעם לאָמזשער חזנס באָרד און אַ קלאָג צו זיינע פּיסקעס!...

אַוודאי וואָלט געקאָנט דערפון אַרויס אַ שטיקל ספּעקטאַקל, ווען מע קומט נישט אַריין מיט אַ ידיעה, אַז עפּעס אַ ליידי איז געקומען און פרעגט זיך נאָך.

— אַ ליידי? צו וועמען? צו מיר?

אַלע פיר מאַנצפּערשוינען האָבן זיך אויפגעכאַפּט.

— די ליידי פרעגט זיך נאָך אויף מיסטער שוואַלב דעם עלטערן.

האָט זיך אויפגעהויבן ניסל שוואַלב, זיך צורעכט געמאַכט דעם טואַלעט, אויפגעעפנט די טיר און... ער האָט אויסגעבטלט אַלע בייזע ווייסטע חלומות.

דערזען, אַז ניסל שוואַלב איז איבערראַשט, האָט די ליידי, ברײַנדעלע קאָזאַק (דאָס איז געווען זי), געמאַכט אַ גאַנץ פיינעם קניקסן און געלאָזט וויסן, אַז זי האָט אים צו זאָגן זייער אַ וויכטיקע זאַך.

— אַ ביזנעס?

— אַ ביזנעס.

— אַ סוד?

— אַ סוד.

וויבאַלד אַ ביזנעס און אַ סוד, דאַרף מען די ליידי אַריינבעטן אין אַ באַזונדער חדר און אויסהערן איר ביזנעס מיט איר סוד.

פאַרשטייט זיך, אַז ברײַנדעלע קאָזאַק האָט אָנגעהויבן מיט אַ לאַנגער הקדמה פון ווייט, לערך פון דער צייט, ווען זי איז נאָך געווען אַ פרײַלין און האָט זיך נאָך נישט געקענט אַפילו מיט שמשופּאַקן, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן. דעמלט האָט זיך איר נאָך אַפילו נישט געחלומט, אַז זי וועט אַמאָל זיין אין קאָלומבוסעס מדינה און פאַרטרעטן אַזאַ „דזשאַב“... דאָס הייסט, זי באַקלאָגט זיך נישט חלילה אויף איר מזל. זי ווייסט, אַז ס׳איז דאָ אַ סך אַזעלכע, וואָס וואָלטן זיך ווינטשן האָבן איר דזשאַב, וואָרעם וויאַזוי ס׳נישט איז, האָט זי נאָך אַ פּאָר דאָלאַר אָפּגעשפּאָרט

פֿון אַמאָל, נישט קיין סך, נאָר אַבי זי דאַרף נישט אָנקומען צו יענעם און קאָן מאַכן אַ לעבן...

ניסל שוואַלב האָט געזען, אַז די לידי איז אַוועק אַ ביסל צו ווייט, האָט ער זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט איר איבער סאַמע אויגמיטן, עס פֿרייט אים זייער, זאָגט ער, וואָס זי דאַרף נישט אָנקומען צו יענעם און וואָס זי קאָן מאַכן אַ לעבן, ער זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס. נאָר וואָס דען? ער איז היינט זייער ביזי. ס'איז ביי זיי היינט, זאָגט ער, סאַמע יאַריד: עס טרעט אויף אויף דער בינע זייער פּרעמיער, לעאָ ראַפּאַלעסקאָ.

— וועגן אים טאַקע בין איך דאָס געקומען צו אייך, — האָט אים ברײַנדעלע קאָזאַק אַ זאָג געגעבן און ניסל שוואַלב האָט איר אַ קוק געגעבן אין אירע קליינע יאַפּאַנישע אייגעלעך און איר פֿאַרשוויצט רויט קײַלעכיק לבנה-פּנים און האָט זי אַ פֿרעג געגעבן האַלב ערנסט, האַלב כלומרשטדיק:

— צום ביישפּיל?

— וואָסער ביישפּיל?

— איך מיין, צום ביישפּיל, וואָס קאָנט איר מיר זאָגן וועגן לעאָ ראַפּאַלעסקאָ?

— וואָס איך קאָן אייך זאָגן וועגן ראַפּאַלעסקאָן? גיט מיר אָקאָרשט אייער האַנט.

— נאַט אייך מיינע ביידע הענט.

און ברײַנדעלע קאָזאַק האָט זיך פֿריער אויסגעווישט דעם פֿאַרשוויצטן רויטן פּנים און נאָכדעם האָט זי צוגערוקט איר שטול צו זיין שטול אַזוי נאָענט, אַז ניסל שוואַלב האָט דערפֿילט אַ וואַרעמקייט און אַ אַראָמאַט פֿון מיענטע-טראָפּן און פּאַטשולי-זייף, אויסגעמישט מיט אַ שאַרפֿן ריח פֿון שוויים און פֿון יונגע ציבעלעס... זי האָט אים איבערגעגעבן ווי ווייט מעגלעך אין קורצן, אַז זי איז נישט מער ווי אַ שרכנטע, נאָר אַ שרכנטע אָן אַ שום אינטערעס. איר גאַנצער אינטערעס באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז אַ גוטער פֿרייַנד העגריעטען. עס מעג איר אָנגיין באַטש האַלב, וואָס זי ווינטשט איר. און אויב ער, ניסל שוואַלב, וויל, אַז זיין שוועסטער, העגריעטאַ שוואַלב, זאָל טראָגן דעם נאָמען ראַפּאַלעסקאָ, דאַרף ער זען, אַז דאָס זאָל געשען וואָס גיכער, וואָרעם טאָמער נישט, וועט זיין שפּעט...

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך ברײַנדעלע קאָזאַק אָפּגערוקט מיט איר שטול אויף אַ פּאָר מעטער, אויסגעווישט נאָך אַמאָל דאָס פֿאַרשוויצטע לבנה-פּנים, אַוועקגעשטעלט אויף שוואַלבן אירע קליינע יאַפּאַנישע אייגעלעך און געשמייכלט מיט שטאַרק צונויפֿגענומענע ליפּן, ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט עפּעס אַ זייער וויכטיקע זאַך, נאָר ער קאָן דאָס נישט אַרויסגעבן מיט קיין ווערטער...

וויפֿל ניסל שוואַלב האָט זי נישט געמאַטערט, זי זאָל אים זאָגן, ווער און וואָס און ווען; וויפֿל ער האָט זיך איר נישט געשוווירן מיט אַלע זיינע שבועות: „ווי זי זעט אים אַ שוויַמענדיקן", „ער זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס", „ווי

ס'איז אַן אויוון פון גאָט", „אַז נישט, זאָל ער זיך דערוועגן מיטן דאָזיקן טיש",
— ברײַנדעלע קאָזאַק האָט זיך אײַנגעהילט אין איר רויטע דאַטאַנדע — און גוד־ביי!

— פּתח שין — שאַ! — האָט זי אים געזאָגט שוין אויף דער שוועל, אַרויפֿגעלייגט אַ פֿינגער אויפֿן מויל, מיט אַ ברייט שמייכעלע איבער איר ברייטן פּנים, און באַוויזן אים אַלע אירע זעלטן געזונטע ווייסע ציין. — געדענקט זשע, וואָס מע רעדט צו אײַך: וואָס פֿריער, איז געזונטער, און פּתח שין — שאַ, און גודביי!...

קאַפּיטל אַכט און פֿערציק

לאה די חזנטע אין ניו־יאָרק

עס איז מער ווי נאַטירלעך, אַז אַזאַ „ליובימעץ" פֿון יידיש טעאַטער, ווי דער סטעלמאַך איז, זאָל זיין פֿון די ערשטע, וואָס איז געפֿלויגן זען און הערן דעם נייעם „שטערן פֿון בוקאַרעשט". אַ וואונדער איז נאָר, ווי קומט דאָס, ער זאָל זיך איינשטעלן אָראָפּברענגען מיט זיך די „קינדער" (גרישען מיט ראָזען), וואָס ער האַלט זיי, ווי מיר ווייסן, אין אַ פּושקעלע, האָט מורא זיי ווייזן פֿאַר דער וועלט, ובפֿרט נאָך אונטער יידישן ניו־יאָרק, דאַון־טאַון, — דאָרט קאָן זיי אוודאי, לויט זיין מעאָריע, שאַטן אַ גוט אויג... בכדי צו פֿאַרענטפֿערן דאָס דאָזיקע רעטעניש, וועלן מיר זיך מוזן אויף אַ ווײַלע אומקערן ווידעראמאָל צוריק צו אונדזער העלדין פֿונעם ראָמאַן, זען, וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט איר אין דער לעצטער צייט.

פֿון סטעלמאַכס בריוו צו זיין פֿריינד געדענקען מיר, אַז ראָזע האָט געהאַט געזאָגט, אַז זי וויל אויסשרייבן קיין אַמעריקע איר מאמע, וואָס איז נישט לאַנג געבליבן אַן אַלמנה נאָך איר מאַן, ישראלי דעם חזן. געזאָגט און געטאָן. ראָזע ספּיוואַק איז נישט די, וואָס האָט ליב לאַנג טראַכטן. און עס האָבן אָנגעהויבן פֿליען דעפּעשן פֿון ניו־יאָרק קיין האָלענעשטי אַזוי לאַנג, ביז ס'איז נישט געקומען קיין תשובה פֿון לאה דער חזנטע, אַז זי פֿאָרט. פֿאַרשטייט זיך, אַז די חזנטע איז געווען אויסער זיך פֿון די דאָזיקע דעפּעשן. זי האָט גערעכנט, נישט אַנדערש, אַז מיט איר טאָכטער האָט זיך עפּעס געטראָפֿן אָן אומגליק, אָדער זי איז חלילה פֿאַרביי, „וואָרעם וואָס דען טאַרבאַניעט מען מיט דעפּעשן, וואָס קאָסט אַ רענדל אַ וואָרט?" לאה די חזנטע האָט זיך נאָכדעם אַליין מודה געווען פֿאַר איר טאָכטער, אַז ווען נישט דאָס, וואָלט זי בפֿירוש נישט געכאַפּט זיך קומען צו פֿאָרן קיין אַמעריקע. „וואָרעם, ערשטנס, וואָס האָט זי דאָ נישט געזען? והשנית, וואָס וועט זיין מיט דער באָמבע?"

— מיט וואָסער באָמבע?

— מיט דעם נגידים דירה, וואָס דו האָסט מיר אָנגעהאָנגען אין האַלעניעשטי, האָסטו געזען אַ ביסל! ס'זאָל כאָטש זיין משך-צייט, וואָלט מען אפשר געקאָנט קריגן אַ שכן, כאָטש אַפילו ביי אונדז אין האַלעניעשטי זענען דאָ וויניק בעלנים אויף אַזעלכע פּאַלאַצן, סיידן אפשר צווישן קריסטן. זענען זיי הייגט ביי אונדז אין דער בעסאַראַביע, נישט דאָ געדאַכט, אַזעלכע רשעים, אַז עס וואָלט שוין געמעגט אויף זיי קומען אַ מגפה.

אַזוי פאַרענטפערט זיך לאה די חזנטע, שיט און שיט און לאָזט אויס מיט איר געוויינלעכן „האָסטו געזען א ביסל!“

מע קאָן זאָגן פאַר געווים, אַז אונדזער ראָזע ספּיוואַק האָט שוין געדאַרפט הרטה קריגן אויפן גאַנצן עסק, וואָרעם דעם זעלבן טאָג, וואָס די מאַמע האָט געדאַרפט קומען צו פאָרן, איז שוין שיר נישט ארויס א שטיקל קאָנפליקט צווישן איר און גרישע סטעלמאַכס פאָטער. אַלס פּראַקטישער מענטש, האָט זי סטעלמאַך א פרעג געטאָן: „וואָס רעכנטו זי, למשל, צו טאָן מיט איר מאַמען?“ האָט אים ראָזע דערויף נישט געענטפערט גאָרנישט. ניין, זי האָט אים נאָר באַשענקט מיט איין קוק פון אירע שוואַרצע ציגיינערישע אויגן. דאָס איז אָבער געווען אזא קוק, וואָס הלוואי וואָלט זי אים שוין בעסער אָנגעזידלט. מאיר סטעלמאַך האָט נישט ליב, אַז ראָזע שווייגט שטיל. דאָס איז אַ שטילשווייגן פון אַ ים, איידער ער צעבייזערט זיך. דאָס איז אַ שטילשווייגן פאַר אַ בורע... און ער כאַפּט זיך צו פאַרענטפערן, אַז ער איז חלילה דערמיט נישט אויסן קיין זאַך. ער מיינט נאָר, וואָס וועט זיין מיט א סטאַנציע, און דער עיקר — „וואָס וועט די אָרעמע מאַמע אַכלען, עסן הייסט עס?“...

ראָזע האָט אים פאַרשטאַנען.

— אַ? דאָס מיינט א ייד?

און נישט לאַנג געטראַכט, כאַפּט זי זיך אויף, קלינגט אָן, מע זאָל איר צוגרייטן די רגע דעם אויטאָמאָביל, וועט זי זיך אראָפּכאַפּן אויף א ווײַלע דאַן-מאַן — באַשטעלן א יידישע סטאַנציע מיט א כשרער קיך פאַר דער מאַמען.

— דער שומר ישראל איז מיט אונדז! נאָך דאָס פעלט מיר!?...

מאיר סטעלמאַך האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי א מענטש, וואָס מע האָט אָפּגעקאָכט מיט זודיק וואַסער, אָדער אָפּגעגאָסן מיט ברענענדיקן עסיק. ער האָט לאַנג געאַרבעט און געטריבן דעם זון צוהילף, ביז ער האָט קוים געפועלט ביי ראָזען, אַז זי זאָל בעסער זיצן אין דער היים. ער, מאיר סטעלמאַך, וועט זיך שוין אליין מטריח זיין דאַן-מאַן. ער וועט שוין אליין דינגען אן אַנשטענדיקע סטאַנציע פאַר איר מוטער און וועט שוין אליין זען, אַז ס'זאָל זיין, ווי מע זאָגט אין אַמעריקע, אָל-רייט.

און ס׳איז געווען אָלל=רייט. נישקשה, מאיר סטעלמאַך האָט מיט דער חזנטע געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. אַ גליק, וואָס ער האָט אַ גוטן פריינד, פאַר וועמען ער קאָן אויסגיסן דאָס האַרץ כאָטש אויף פאַפיר. האָט אים מאיר סטעלמאַך אָנגעשריבן אַ בריוו אויף דריי גרויסע בויגן פאַפיר, ווי זיין שטייגער איז, פון אַלע פיר זייטן, געדיכט און מיט גאַנץ קליינע אותיותלעך, אויסגעזאָגט פאַר אים אַלע צרות, יסורים און האַרצווייטיק, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון דער האָלעגעשטער חזנטע. שטעלט אייך פאָר, אַז ער האָט איר געמוזט אַליין דינגען אַ סטאַנציע און דווקא ביי אַ בעסאַראַבער יידן, אַ שוחט, און באַקאַנט מאַכן זי מיט אַלע „נעקסטראָריקע“ שכנות, קויפן איר צוויי פאָר „סעקאָנדהענטיקע“ לייכטער אויף ליכט=בענטשן. און לאה האָט דווקא געוואָלט, אַז די לייכטער זאָלן זיין מעשענע, ווייל זינט זי איז אַ באַלעבאָסטע, אַזוי זאָגט לאה און שווערט זיך ביי דער טאָכטער, האָט זי געבענטשט ליכט נאָר אויף מעשענע לייכטער — גיי וואַרף אַוועק אַלע ביזנעס און זוך איר אויס אויף איסט=בראָדוויי צוויי פאָר מעשענע לייכטער! מאיר סטעלמאַך האָט נעבעך גוט געשוויצט, ביז ער האָט זי פאַרזאָרגט מיט אירע בענטשליכט. זענט איר שוין פאַרטיק? דאַרף מען איר גיין זוכן אַ שיל אויף צו דאַווענען. פאַרטיק געוואָרן מיט דער שול, לאָזט זיך אויס, אַז זי האָט איר קרבן=מנחה איבערגעלאָזט אין גרויס אייַלעניש אין האָלעגעשטי ביים איינבינדער — גיי זוך אויף אַ יידישן מוכר=ספרים און קויף איר אַ קרבן=מנחה. היינט מיטן עסן וואָס ער האָט געהאַט, איידער ער האָט איר געקריגן דעם אמתן רעסטאָראַן! וואָרעם אינעם ערשטן רעסטאָראַן, וואָס ער האָט זי אַריינגעפירט, האָט מען איר אויפן אַנדערן טאָג פאָרגעלייגט עפּעס אַ מין מאכל, וואָס ס׳הייסט „ברעקפיש“. האָט זי געזאָגט, אַז פיש וועט זי עסן, נאָר נישט קיין „ברעקפיש“, וואָרעם ווער ווייסט, טאָמער איז דאָס ראַקעס?... טענהט מען מיט איר, אַז ס׳איז נישט קיין ראַקעס און נישט קיין פיש, ס׳איז גאָר פלייש, און עס הייסט נישט „ברעקפיש“, עס הייסט „ברעקפעסט“ — „אָנבייסן“. זאָגט זי, — עס מעג שוין הייסן, ווי עס וויל זיך. זי האָט קיינמאָל נישט געגעסן קיין מיאוסקייט און וועט היינט אויך נישט עסן.

הכלל, מאיר סטעלמאַך האָט זיך מיט איר אָנגעפּרעגט מפטיר. נאָר וואָס טוט נישט אַ טאַטע צוליב אַ קינד? אַז ערשטנס, ווייל ער נישט, אַז ראָזע זאָל זיך אַרומפירן מיט דער מאַמע איבער דער יידישער העסטער=סטריט — נאָך דאָס פעלט אים! און צווייטנס, האָפט ער, אַז אין דער חזנטעס זכות וועט זיך אויספיקן, אם=ירצה=השם, דער שידוך, און אפשר נאָך גאָר אין גיכן...

אמת, ער האָט די ערשטע צייט געהאַט מיט דער חזנטע אַליין גענוג וואָס צו מאַן, שיר געשפּיגן מיט בלוט, ביז ער האָט ביי איר געפועלט, זי זאָל מסכים זיין צום דאָזיקן שידוך. גוטע יאָרן, אַז סטעלמאַך באַדאַרף זיך אָנוואַרפן מיט זיין גרישען, אויסשלאָגן אַ קניהע ערד פאַר אַ האָלעגעשטער חזנטע, זי זאָל איינ=

"שטימען אויפֿן שידוך! נאָר וואָס טוט נישט אַ טאַטע צוליב אַ קינד? די חזנטע, פֿאַרשטייט איר, האָט זיך אָוועקגעשטעלט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל: דער בחור איז טאַקע אַ פֿיינער בחור, מע קען נישט זאָגן. און אַ פֿאַרדינער איז ער אויך. „ווער זאָגט דען, אַז ניין? נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז ער איז נעבעך אַ קלעזמער, האָסטו געזען אַ ביסל!" טענהט נעבעך סטעלמאַך: אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן — זיין זון איז אַזוי אַ קלעזמער, ווי ער איז אַ רב... זאָגט זי: וואָס דען טוט ער? ער שרייבט ספֿרים?... גיט ער איר צו פֿאַרשטיין, אַז זיין זון איז אַן אַרטיסט. ענטפֿערט זי אים: דרייסיק מאָל אַרטיסט, קוים שפּילט ער אויפֿן פֿידל, איז ער אַ קלעזמער. טאַקע אַ פֿיינער בחור און אַ פֿאַרדינער, „ווער זאָגט דען, אַז ניין? לאָז אים גאָט צושיקן זיין זיווג, ווי ער פֿאַרדינט, האָסטו געזען אַ ביסל. און איר טאָכטער זאָל דער אייבערשטער באַשערן עפּעס אַנדערש, וואָרעם איר מאַן עליו=השלום האָט אַליין נישט געשפּילט אויפֿן פֿידל, און זיין טאַטע האָט נישט געשפּילט אויפֿן פֿידל, און זיין טאַטנס טאַטע האָט נישט געשפּילט אויפֿן פֿידל" — אַז מע שמועסט אַ כּלערע פֿון אַ יידענע, איז דאָך נישט שייך!

דערפֿאַר אָבער, אַז סטעלמאַך האָט שוין געפּועלט ביי איר, אַז זי זאָל איינגיין אויפֿן שידוך, האָט ער געפֿונען אין דער חזנטע אַן אמתן אוצר. עס איז נאָר שווער געווען, ביז מען איז מיט איר אַליין פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער זאַך. קוים אָבער האָט זי נאָך אַ קורצער צייט נאָכדענקען און נאָכקוקן אַרויסגעזען, אַז דער בחור איז פֿאַר רייזלען אָנגעמאָסטן, האָט זיך די חזנטע נאַסיאַדעט אויף דער טאָכטער, ווי אַ גוטע זאַקוציע: איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל — ביז וואַנעט איז דער שיעור צו האַלטן? אין זייער משפּחה האָט זיך נאָך נישט געטראָפֿן, אַז אַ מיידל זאָל חלילה פֿאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ... ער, עליו השלום, זאָל איצטער לעבן, וואָלט ער געוואָרן ברייטער ווי לענגער. ער וואָלט זיכער געזאָגט, אַז ס'איז מן השמים... נאָר אַז גאָט האָט אים געשטראָפֿט, ער, עליו השלום, האָט נישט זוכה געווען, זאָל זי, איר צו לענגערע יאָר, כאָטש זוכה זיין, כּל=זמן די פֿיס טראָגן אויף זיך איר זינדיקן גוף, האָסטו געזען אַ ביסל!...

„בקיצור, וואָס זאָל איך אייך לאַנג מאריך זיין, ליבער פֿריינד, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט, אַ שטאַרקן גאָט, און איך דאַנק אים און לויב אים אַלע טאָג, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט אַהער די דאָזיקע יידענע אויף צו פּיקן דער טאָכטער אין קאָפּ אַריין. זי וועט איר אַזוי לאַנג פּיקן און פּיקן, ביז עס וועט זיך אויספּיקן, און איך וועל אייך מסתמא אין גיכן צושיקן אַ מזל=טוב, און אפֿשר בעטן, איר זאָלט קומען צו פֿאָרן צו אונדז אויף חתונה, אָדער קיין לאָנדאָן, אָדער אפֿשר נאָך אַהער, קיין ניו=יאָרק, און איר וועט דאָך אוודאי זיין אַ גוטער ברודער און

וועט אונדז מסתמא נישט אָפּזאָגן. נאָר — אוי! ווי דערלעבט מען עס שוין, רבונו של עולם!?"...

דאָס זענען די ווערטער, מיט וועלכע מאיר סטעלמאַך האָט פאַרענדיקט זיינעם פון זיינע גרעסטע און האַרצעדיקסטע מליצה־בריוו צו זיין אמתן גוטן פריינד.

קאַפּיטל. ניין און פערציק

מזל־טוב!

עס איז אַן אויסגעפּרוווטע זאַך אין דער וועלט, אַז אַ גוטע בשורה קומט קיינמאָל נישט, ווען מע וואַרט אויף איר, נאָר תמיד אומגעריכט.

מאיר סטעלמאַך איז זיך געזעסן ביים שרייבטיש, ביי זיך אין האָטעל, און געשריבן אַ בריוו אַהיים, צו זיין פּלוגית. ער האָט זיך געקלאָגט פאַר איר אויף דעם לאַנד אמעריקע, וואָס שטעקט אַזוי וויט, אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, און אויפן טומל מיטן הו־האַ מיטן טאַרעראַם, וואָס דאָ איז — אַן אמתער יאריד! און איבערהויפּט האָט ער זיך געקלאָגט אויף די קינדער, וואָס סע ציט זיך ביי זיי דאָס עסק אַזוי לאַנג.

„וואָס זאָל איך דיר שרייבן, זוגתי היקרה, עס האַלט נאָך ביי זיי גאָר פון פאָרנט, — האָט מאיר סטעלמאַך זיך מתוודה געווען פאַר זיין ווייב. — עס איז ביי זיי א מעשה אָן אַן עק, אַ לאַנגע קרענק, אַ פאַרצויגענע ליו..."

„ליובאָוו" האָט ער, אפנים, געוואָלט אויסקשטעלן, האָט מען אים איבערגעשלאָגן סאַמע אין מיטן מיט אַ קלאַפּ אין טיר.

— קאָם אין! — האָט אויסגערופן סטעלמאַך אויף ענגליש מיטן יידישן אַקצענט און מיט אַן „אוילאַ־גרש"־טראָפּ, אַזוי אַז פונעם „קאָם אין" איז אויסגעקומען „קאָמען", און פונעם „קאָמען" — „קוימען", ווי דער שטייגער איז פון אונדזערע ברידער אומעטום צו פאַרייִדישן די אָרטיקע שפּראַך. און עס זענען אַריינגעקומען די קינדער (גרישאַ און ראָזע), ביידע אָנגעטאָן אין ספּאָרטקליידער און ביידע מיט שיינענדיקע פּנימער און גלאַנצנדיקע אויגן:

— פּאַפּאַ, אונדז קומט מזל־טוב...

די ערשטע מינוט איז סטעלמאַך געבליבן ווי פאַראַליזירט און בלאַס, ווי דער טויט. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען זיין גרישען אַזוי גליקלעך, און אויך ראָזע האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ שיינענדיק פּנים, ווי אין יענעם פרימאָרגן. ביידע קינדער האָבן געבליט, ווי די שיינע בלומען אין פרילינגסצייט. דער טאַטער איז נישט געווען בכוח צו רירן פונעם אָרט. האָט ער נאָר געביטן

די אויגן פון גרישען אויף ראָזען און פון ראָזען אויף גרישען: „שוין זשע איז דאָס געשען?“... עס האָט אים אויך באַשלאָגן אַ שווייס. ער האָט אָפּגעזיפּצט, זיך אָנגעשפּאַרט אויפן שטול און קוים אַרויסגערעדט:

— אַזוי? עס קומט אייך, זאָגט איר, מזל־טוב? הערט זשע, וואָס זשע שווייגט איר? וואָס זשע בין איך געבליבן זיצן, ווי אַ ליימענער גולם? קומט זשע אַהער, וועל איך אייך אָפּגעבן מזל־טוב.

און מיט די ווערטער כאַפּט ער זיך אויף, נעמט אַרום די קינדער איינציקווייז, האַלדזט זיך מיט זיי און קושט זיך מיט זיי, און באַמערקט גאָר נישט, אַז עס שטייען אים טרערן אין די אויגן.

דער זון, וועלכער איז אַליין אויך געווען נישט ווייניק אויפגערעגט, האָט באַמערקט דעם טאַטנס טרערן:

— וואָס זשע איז דער געוויין, פּאַפּאַ?

— איך וויין דען? — זאָגט דער פֿאָטער, ווישנדיק די נאַסע אויגן. — ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך וויין, נאַרעלע?

— ניין, חס־ושלום. ווער זאָגט דען, אַז איר וויינט? — רופט זיך אָן ראָזע מיט אַ געלעכטער. — איר וויינט נישט, נאָר עס גיסן זיך בײַ אייך טרערן, ווי בײַ מײַן מאַמען, אַז עס קומען אָן די ווייענדיקע טעג... ווײַבאַלד אַזוי, הייַנט וואָס וועט שוין מײַן מאַמע זאָגן, אַז זי וועט געוואָר ווערן פון דער גדולה?... גרישאַ! מיר פֿאָרן צו דער מאַמען...

דעם פֿאָטערס האַרץ ווערט בײַ מאיר סטעלמאַך שיר נישט צעגאַנגען פֿאַר תענוג.

— צו דער מאַמען, צו דער מאַמען! — חזרט איבער מאיר סטעלמאַך ראָזעס ווערטער, און נעמט אַרומלויפן איבערן חדר, זיך טאַפּן אין די קעשענעס און זוכן, ער ווייסט נישט אַליין וואָס. פֿאַר גרויס אימפּעט האָט ער גאָר פֿאַרגעסן, אַז ער דאַרף קיבלען קיין לאָנדאָן, צו זײַן ווײַב, וועגן דער דאָזיקער גליקלעכער בשורה. און ער האָט זיך אויפגעזעצט אײַנײַנעם מיט די קינדער אין זייער אויטאָמאָביל, און מען איז אַוועק אַלע דרײַ אין ייִדישן ניו־יאָרק, דאַון־טאַון, צו לאה דער חזנטע — אָפּגעבן איר מזל־טוב.

לאה די חזנטע איז יענעם פֿרימאָרגן, ווי אַלע אינדערפֿרי, געזעסן איבערן קרבן־מנחה, געהאַלטן אין מיטן דאַווענען, בעת צו איר אַכסניה אין דעם ייִדישן ניו־יאָרק איז צוגעפֿלויגן מיט אַ רעגזון אַ גרויסאַרטיקער מאָטאָרקאַר מיט אַ שוואַרצן מענטשן, אָנגעטאָן אין ווײַסע איבערגעקערטע שטיוול.

דאָס איז אמת, אַז אין ניו־יאָרק אין אַן אויטאָמאָביל און אַ נעגער עפּעס נישט אַזאַ נײַעס, וואָס זאָל אַרויסרופן חידושים. נאָר פֿאַר ייִדישע קינדער, ווײַסע חבֿרהניקעס, אין דער ייִדישער גאַס, איז דאָס אַ שטיקל געשעפֿט. ס'איז האָ, וואָס צו באַטראַכטן, פֿון וואָס צו רעדן, וואָס אַ גלעט צו טאָן. און דעם שוואַרצן

מענטשן מיט די ווייסע איבערגעקערטע שטיוול ארויסשטעלן אַ צונג — דאָס האָט דאָך גאָט אַליין געבאָטן. אַ גליק, וואָס ס'איז פאַראַן אַ שאָפער מיט מוראַדיקע ברילן אויפן דאַשעק, וואָס קאָן געבן האַלדז און נאַקן; אַנישט וואָלטן חברה זיך געוויס ארויפגעכאַפּט אויפן משונהדיקן מוראַדיקן וואָגן, וואָס זעט אויס, ווי אַ לעבעדיקע חיה אויף רעדער, און וואָלטן געוויס זיך געגעבן אַ פאָר דורך איבער דער שטאָט — לאָזן זיי זען, די יידן פון דער העסטער-סטריט, אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אַריין!

צום אַלעם ערשטן איז פון אויטאָמאָביל ארויסגעשפּרונגען סטעלמאַך דער פאָטער. ער האָט געוואָלט די מצווה: אָנזאָגן דער חזנטע די גוטע בשורה און אָפּגעבן איר דעם ערשטן מזל-טוב. ער איז אַריינגעפאַלן צו איר, ווי אַ וויכער:

— גוט מאָרגן אייך, מזל-טוב! איר ווייסט, מיר זענען מחותנים!

סטעלמאַך האָט גערעכנט, אַז די חזנטע, דערהערט אַזאַ בשורה, וועט זי זיכער אַוועקלייגן דעם סידור אויף אַ זייט און וועט ווערן אויסער זיך. צום סוף האָט ער אַ טעות געהאַט. זי האָט אים אַ ווינק געגעבן אויף אַ שטול, ער זאָל זיצן אַ ווײַלע, און אַליין האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט — שמונה-עשרה. סטעלמאַך האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ זייט, און אויך די קינדער, אַז זיי זענען אַריינגעקומען מיטן ברייטן גוט-מאָרגן, דערזען די חזנטע שטיין מיטן פּנים צו דער וואַנט, האָבן זיי זיך אויך געמוזט אַוועקזעצן און אָפּוואַרטן, ביז זי וועט אויסשטיין שמונה-עשרה און אָפּזאָגן תחנון. און ערשט דעמאָלט, אויסגעהערט דעם מזל-טוב, האָט זי פאַרבויגן אַ בלעטל אינעם קרבן-מנחה און זיך אָנגערופן צו די קינדער אַזוי צו זאָגן:

— מזל-טוב אייך און מיט מזל זאָלט איר לעבן. לאָז גאָט געבן, ס'זאָל מאַקע זיין שוין אין אַ גוטער שעה אַ מזלדיקער. וואָרעם וואָס דען איז דער תכלית פונעם מענטשן, האָסטו געזען אַ ביסל? אַז דער אייבערשטער גיט קינדער, דאַרף מען האָבן פון זיי נחת. שלעכט איז נאָר דעם, וואָס ליגט אין דער ערד. ער, עליו-השלום, זאָל איצט זיין אָט-אָ-דאָ...

לאה די חזנטע האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין פאַרטעך.

— די טויטע לאָזט צורו, מחותנתטע! — האָט איר סטעלמאַך איבערגעשלאָגן די רייד, געוואָלט זי אויפמונטערן. — לאָמיר בעסער רעדן אַצינד פון עפּעס פריילעכערס...

די חזנטע האָט אויפגעהויבן אויף אים איר פאַררויטלט פּנים מיט די פאַרוויינטע אויגן:

— פריילעכערס? וועמען ס'איז פריילעך, און וועמען ס'איז אומעטיק, האָסטו געזען אַ ביסל! וועמען עס לאַכט זיך, און וועמען עס וויינט זיך. וועמען עס קלעמט דאָס האַרץ, און וועמען עס גלוסט זיך כאַפּן אַ טענצל. ווי מיר זאָגן אינעם ונתנה תוקף...

די חזנטע האָט זיך ערשט געקליבן אַוועקלייגן אַ מענה־לשון און אָפּשפּילן איר מחותן אַ וויוואַט, ווי עס געהער צו זיין. האָט זיך אָבער אַריינגעמישט די טאָכטער, וואָס איז געווען יענעם פרימאָרגן מאָדנע פריילעך.

— מאַמע! דעם ונתנה־תוקף לאָז איבער אויף ראש־השנה. איצט, אַז דו האָסט זוכה געווען, דיין טאָכטער איז אַ כלה געוואָרן, און דו אַליין האָסט דאָך מיך דערויף צוגערעדט, אויב נישט אַרויסגעפירט, דאַרפן מיר צוקלערן, וויאַזוי מיר זאָלן פאַרברענגען אַמבעסטן דעם דאָזיקן טאָג מיט דעם דאָזיקן אָוונט.

— קינדעניו! וואָס איז דאָ שייך צו קלערן? — האָט זיך די חזנטע אַרויס־געזאָגט איר מיינונג. — מע באַדאַרף צונויפרופן מענטשן, שרייבן תנאים, ברעכן טעלער, מען איז דאָך עפּעס יידן אויף דער וועלט, האָסטו געזען אַ ביסל!

נאָר ווי ביטער איז נעבעך געווען דער חזנטע אויסצוהערן פון איר טאָכ־טער, אַז קיין מענטשן דאַרף מע נישט רופן, קיין תנאים נישט שרייבן און קיין טעלער נישט ברעכן — עס איז שוין ביי זיי אַן אָפּגעמאַכטע זאַך, זיי האָבן זיך דערקלערט אַלס חתן־כלה, און דאָס איז אַלץ.

מיט פאַרוואונדערטע אויגן האָט די פרומע מוטער באַטראַכט דאָס דאָזיקע שיינע גרויסאַרטיקע גליקלעכע פּאָר און איז געווען נישט אינגאַנצן באַפרי־דיקט. טאַקע אַלצדינג גוט, אַלצדינג פיין, אַלצדינג קיין עין־הרע נישט. זיי זענען ביידע יונג און שיין און רייך און באַרימט. דאַנקען דעם לעבעדיקן גאָט. זי האָט צו אים קיין טענות נישט. נאָר וואָס וואָלט גאָט געאַרט, למשל, אַז ס'זאָל צוגיין ביי זיי אַ ביסל מער יידישלעך, אויפן אַלטן יידישן שטייגער? וואָלט דען נישט שענער געווען אַ מנין יידן, טאַקע אמתע יידן, היימישע, מיט בעקד און מיט היטלען, זאָלן זיך אַרומדרייען אין שטוב? עס זאָל זיין אויך אַ רב און אַ חזן און אַ שמש. דער רב זאָל מקבל קנין זיין. דער חזן זאָל לייענען די תנאים. און דער שמש זאָל געבן אַ שליידער אין דער ערד אַריין דעם ערשטן טעלער, און דער גאַנצער עולם זאָל אויסרופן: „מזל־טוב!" וואָס איז די שיינקייט אין דעם, וואָס חתן־כלה העגגען איינס ביים אַנדערן אויף דער האַנט? דער חתן גייט אָן אַ היטל, און אפילו דער טאַטע זיינער, דער מחותן — אים איז אויך שווער דאָס היטל אויפן קאָפּ. אַ וויסטע מדינה אָט דאָס אמעריקע!

אַזוי טראַכט זיך די פרומע חזנטע און לאָזט אים איר פאַרביטערט האַרץ אויף איר מחותנים קאָפּ, למאַי ער גייט אָן אַ היטל. זי רופט זיך אָן צו אים:

— מילאַ יונגוואַרג, אַז זיי פירן זיך אַזוי הפקרדיק, איז גאָרנישט. היינ־טיקע וועלט, ווי רופט איר עס אָן, אַרטיסטן. אָבער איר, אַ ייד מיט אַ באָרד, האָסטו געזען אַ ביסל!...

ביי די ווערטער האָבן זיך אַלע איבערגעקוקט: סטעלמאַכס באָרד האָט די לעצטע צייט געכאַפּט פונעם באַרבער אַ מיאוסן אָפּשניט, אַזוי אַז ס'איז נאָר געבליבן אַ סימן פון אַ באָרד. און אַלע האָבן זיך צעלאַכט, אויסער דער חזנטע.

זי האָט אויך אויפגעהויבן אירע פֿרומע אויגן און דערזען איר מחותנס איבער־געבליבן שטיקל באָרד, האָט זי מער נישט געזאָגט גאָרנישט. זי האָט נאָר אַ זיפֿץ געגעבן, איבערגעמישט אַ בלעטל אין קרבן־מנחה און גענומען זאָגן שטילערהייט און גיך און מיט אַ ניגון:

— שומר ישראל שמור שארית ישראל ואל יאבד ישראל האומרים שמע ישראל...

קאַפּיטל פֿופֿציק

אַ גליקלעכער טאָג

הצלחה און שלימזל — דאָס זענען אַזעלכע געסט, וואָס קומען פֿאַרקלייבן זיי זיך צו עמעצן, באַזעצן זיי זיך פֿעסט און פֿאַרגעסן דעם זײַ־געזונט. אַ מענטשן, אַז עס הייבט אָן גיין, איז קיין קאַטאָוועס נישט!

מאיר סטעלמאַך איז געווען איינער פֿון די גליקלעכע, וואָס די הצלחה האָט זיך צו אים פֿאַרקליבן און געשפּילט אָן אָן אויפֿהער. סײַ געלט, סײַ כבוד האָבן זיך ווי געגאָסן פֿונעם הימל, זיך געריסן און געקראָכן צו אים אין שטוב אַרײַן. אים האָט געפֿעלט איצט נאָר איין זאַך: דערלעבן אַ נחת אין זײַן זון — און ער האָט אים דערלעבט.

אויב עס האָט זיך געפֿונען ווען עס איז אַמאָל אויף דער וועלט אַ גליק־לעכער פֿאָטער, איז דאָס געווען יענעם טאָג געווים נישט קיין אַנדערער, נאָר דער גליקלעכסטער פֿון אַלע פֿאָטערס, מאיר סטעלמאַך. ער האָט נישט געפֿילט די ערד אונטער זיך. עס האָט אים געטראָגן אין דער לופֿטן. פֿאַר גרויס נחת האָט ער גענומען די קינדער און איז אַוועק מיט זיי אין דער גרעסטער ביזשוטעריע, זיך געהייסן באַווײַזן די פֿײַנסטע דיימאַנטס און געבעטן ראָזען, זי זאָל זיך אויס־קלייבן דאָס בעסטע און דאָס טײַערסטע אויף זײַן רעכענונג — „נישט זשאַ־לעווען קיין געלט“. און ראָזע האָט אים צוליב געטאָן. זי האָט אים געשטעלט צום צעטל, ווי עס געהער צו זײַן, „נישט געזשאַלעוועט קיין געלט“.

מאיר סטעלמאַך האָט זיך יענעם טאָג געמוזט מודה זײַן, אַז דאָס איז אים דאָס ערשטע מאָל אויף זײַן לעבן, וואָס ער טראַנזשירט געלט מיט אַזאַ ברייטער האַנט און מיט אַזאַ גרינג האַרץ. ס'איז, דאַכט זיך, גאָרנישט געווען אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל זײַן יענעם טאָג בײַ אים צו טײַער צוליב ראָזען. „דושענקע! עד חצי המלכות!“ — האָט ער איר געזאָגט אויף לשון־קודש פֿאַר גרויס פֿרייד און פֿאַרטײַטשט אויף ייִדיש: „דאָס טעלערל פֿון הימל!“...

נאָכן עסן, אַז ס'איז געווען כטוב לב המלך בײַן, דער פֿאָטער סטעלמאַך איז געזעסן בײַ זײַן זון אין אַ ווייכן פֿאָטעל, האַלב־צעשפּיליעט, מיט אַ האַוואַנאַ־

פּיגאַר אין מויל, און סטעלמאַך דער זון איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער און געפּאַנטאַזירט אויף זיין אַלטער סטראַדיוואַריוס־פידל, האָט זיך מאיר סטעלמאַך צוגעזעצט צו ראָזען און גענומען איר שטילערהייט שעפּטשען זיסע ווערטער בסוד. דער סוד איז געווען: צי ווייסט זי כאָטש, וויפל זיין גרישא האָט גדן?...

ראָזע, וואָס איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף איר האַנט און נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון גרישען און פון זיין פידל, האָט דעם סוד נישט געהערט און נישט געוואָלט הערן. איר נשמה איז געווען איצט איינגאַנצן דאָרט, אין יענער וועלט, וווהין עס האָבן זי פאַרטראָגן די הימלישע מעלאָדיעס, וואָס דער גרויסער כישוף־מאַכער גרישא סטעלמאַך האָט אַזוי גרינג און אַזוי גלאַט אַרויסבאַקומען פון זיין אַלטער טייערער סטראַדיוואַריוס־פידל.

נישט קיין גרויסאַרטיק באַלויכטער זאַל אין דער גרויסער וועלט, נישט קיין גלענצנדעס צוגעקליבן פּובליקום פון לויטער אַריסטאָקראַטן, מאַגנאַטן, מיליאָנערן און דאַמען, נישט קיין קעניגלעכע פּאַלאַצן האָבן אויפגעכאַפּט דעם דאָזיקן מאַעסטראָ און אַוועקגעטראָגן אים אויף זיין סטראַדיוואַריוס־פידל אין אַ וועלט פון הימלישע געזאַנגען, פון געטלעכער מוזיק און פון גן־עדן־מעלאָדיעס. ניין. סך־הכל איין וואָרט, דאָס גוטע זיסע וואָרט „יאָ", וואָס ראָזע האָט אים ערשט היינט געזאָגט, — דאָס דאָזיקע איינע וואָרט האָט באַוויזן דעם דאָזיקן יונגן, נאָר גרויסן כישופמאַכער, ער זאָל באַווייזן וווּנדער אויף זיין פידל.

און זיין פידל האָט נישט געשפּילט, נאָר גערעדט. גערעדט אויף אַ געטלעכער שפּראַך, אַזאַ שפּראַך, וואָס נאָר אַ גרויסער אַרטיסט קאָן אַזוי רעדן און נאָר אַ גרויסער אַרטיסט קאָן זי פאַרשטיין. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מלאכים האָבן זיך געטראָגן אין דער דאָזיקער וועלט פון הימלישע געזאַנגען, אין דעם דאָזיקן ים פון נישט ערדישע קולות. זיי האָבן זיך געטראָגן אויף און אָפּ. זיי האָבן באַגריסט און געזונגען אויף טויזנטער־טויזנטער קולות. זיי האָבן געלויבט און געגעבן אַ שבח צו דעם, וואָס האָט באַשאַפן די דאָזיקע גרויסע שיינע וועלט פון געזאַנג, פון מוזיק, פון שיינהייט, פון כישוף און פון ליבע. ניין. גרישא סטעלמאַך האָט שוין לאַנג אַזוי נישט געשפּילט, ווי אין יענעם פרימאָרגן. אין יענעם פרימאָרגן איז געפייערט געוואָרן אַ יום־טוב אין זיין האַרצן, אַ שמחה, אַ פרייד אין זיין נשמה. הונדערט גערטנער האָבן דאָרטן אויפגעבליט. טויזנטער פייגלען האָבן דאָרט געזונגען. און ער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן אויף זיין געטלעכער שפּראַך, אַלעמאָל זיסער און שטאַרקער. ער האָט נישט אויפגעהערט צו דערציילן ראָזען אויף זיין פידל שיינע מעשיות. ער האָט נישט אויפגעהערט צו טרוימען פאַר איר זיסע מיט גאָלד־געוועבטע חלומות. און ראָזע, וואָס האָט פאַרשטאַנען די דאָזיקע געטלעכע שפּראַך מער פון אַלעמען, האָט זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע שיינע מעשיות, צו די דאָזיקע זיסע מיט גאָלד־געוועבטע

חלומות. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט גייט איר אויס דאָס חיות, אָט־אָט פליט ארויס איר נשמה און באַהעפט זיך מיט אָט דער וועלט פון געזאַנגען און ווערט דערטרונקען אין אָט דעם ים פון הימלישער מוזיק און נישט־ערדישע מעלאָדיען.

גרישא האָט געענדיקט, און ראָזע, פארגעסן אין דעם פאָטער סטעלמאַך, איז אים געפאלן אויפן האַלדז... זי וואָלט אים אויך געפאלן צו די פיס. אזוי ווייט גערירט איז זי געווען פון זיין הייליקן שפּילן. זי האָט זיך אָבער באַלד פאַרכאַפּט, צוגעלאָפן צום פּאָרטעפּיאַן, אויפגעריסן דאָס דעקל, גענומען א פּאָר מעכטיקע אַקאָרדן און אוועקגעשטעלט זיך זינגען — אָן א באַשטימטן פּלאַן, אָן נאָטן, נאָר גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין. זי האָט נישט געזונגען, נאָר עס האָבן זיך געגאָסן קולות. עס האָבן זיך געשאָטן רולאַדן און טרעלן. עס האָבן זיך געטראָגן געזאַנגען און מעלאָדיען אַזעלכע, וואָס קיין אויער האָט דאָס נאָך נישט געהערט, וואָס קיין קאָנצערט־זאַל האָט נאָך נישט זוכה געווען דערצו.

אזוי זינגט א סאָלאָוויי פאַר זיך, איינער אַליין אין וואַלד, און גיסט זיך אויס אויפן האַלדז זיינע פאַרבאָרגענע געפילן, די טיפע בענקעניש פון זיין עלנטער נשמה... דאָס איז געווען א מאָדנער, א זעלטענער קאָנצערט. א קאָנצערט־עקספּראָמט.

— וויפל טויזנטער דאָלאַרס וואָלטן באַצאָלט די אמעריקאַנער יענקים פאַר אָט דעם קאָנצערט? — אזוי האָט זיך געטראַכט דער גליקלעכער פאָטער סטעלמאַך, דער איינציקער צוהערער פונעם דאָזיקן זעלטענעם קאָנצערט־עקספּראָמט, און איז שיער נישט צעגאַנגען פאַר תענוג און פאַר נחת.

— ווייסט איר, קינדער, וואָס איך וועל אייך דערציילן? — האָט זיך אָנגערופן דער גליקלעכער פאָטער נאָך דעם דאָזיקן קאָנצערט. — ווייסט איר, וואָס איך האָב צוגעטראַכט אין דער מינוט?

— וואָס האָט איר צוגעטראַכט אין דער מינוט? — האָבן אים ביידע א פרעג געגעבן, אויסגעדרייט צו אים זייערע יונגע שיינענדיקע פּנימער און אוועקגעשטעלט אויף אים זייערע אין דער מינוט פאַרליבטע און מיט גליק שיינענדיקע אויגן.

דער גליקלעכער פאָטער האָט זיך אָנגענומען מיט דער האַנט ביי דעם אָרט, וווּ ס'איז אַמאָל געווען אַ באָרד, און האָט אויסגעזונגען מיט אַ גמרא־ניגון:

— אז דער צער פון טראָגן איז יאָ אזוי גרויס, אז מיר האָבן יאָ אזא גוטן גאָט, און דער גוטער גאָט האָט אונדז יאָ געשענקט אזא גוטן טאָג, און דער אָוונט איז ביי אונדז היינט במילא א פרייער אָוונט, וואָלט אפשר געווען א סברה, אז מיר זאָלן זיך דורכפאָרן אין אַ יידיש טעאַטער? איך וועל שוין ביי מיין אַמעריקאַנער פויגל ווי עס איז פועלן, אַז היינט זאָלן מיר זיין אינגאַנצן פראַנק און פריי, אינגאַנצן אַליין. וואָס וועט איר זאָגן דערויף, מיינע ליבע טייבעלעך?

די ליבע טייבעלער האָבן זיך איבערגעקוקט און אויסגערופן מיט אַפּענער פרייד:

— אָלל־רייט — אין אַ יידיש טעאַטער. אָלל־רייט!

— און פון טעאַטער, מיינע ליבע קאַנאַריקלער, אין אַ יידישן רעסטאָראַן אויף יידישע פיש מיט יידישע געבראָטנס, מיט יידישע העלדזלער?

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָבן אונטערגעכאַפּט די ליבע קאַנאַריקלער מיט אַ געלעכטער, און עס איז דערגאַך אַוועק אַ סדרה: אין וואָסער טעאַטער זאָל מען פאָרן? אין ניו־יאָרק איז פאַראַן עטלעכע יידישע טעאַטערס. וואָס שפּילט מען היינט?

— וואָס שפּילט מען היינט? אָט וועל איך אייך באַלד זאָגן.

דערויף איז דאָך סטעלמאַך, שייך צו זאָגן, עפּעס אַ „ליוביטעל“ פון זשאַר־גאָן. ער קויפט אַלע טאָג אַלע יידישע צייטונגען. זיין חדר איז פול מיט יידישע צייטונגען זשורנאַלן און ביכלעך. ער ווייסט גאָרנישט, וווהין וועט ער זיך אַהינ־טאָן מיט אַזויפיל פּאַפּיר? אַרויסוואַרפן איז אַן עבירה: אַ יידיש וואָרט איז ביי אים הייליק. פירן מיט זיך דאַרף מען האָבן וואַנדערבילדס פאַרמעגן אויף באַ־זונדערע קאַסטנס מיט באַגאַזש!

און מאיר סטעלמאַך האָט זיך אַ נעם געגעבן צו די בערג יידישע צייטונגען, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן אויף טיש און אויף בענק, דורכגעקוקט אויף איין פוס און אַ פּאַטש געגעבן זיך אין שטערן:

— קינדער, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט! היינט איז יום־טוב אין יידישן טעַ־אַטער. היינט טרעט אויף צום ערשטן מאָל אין ניקעל־טעאַטער אַ באַרימטער אַרטיסט פון בוקאַרעשט, עפּעס איינער אַ ראַפּאַלעסקאָ. מיר דאַכט, איך האָב אייך שוין דערציילט וועגן אים? די בלעטער פּויקן שוין פון אַ צייט וועגן דעם ראָזיקן שטערן. ער מוז זיין אַ גרויסער קנאַקער, אָט דער דאָזיקער ראַפּאַלעסקאָ! וואָרעם מע שרייבט וועגן אים עפּעס גאָר חידושים. זעט איר? אָטאָ: „די קעניגן פון רומעניע קאַרמען סילוואַ“... „דער גרויסער זאָגנטאַל פון ווין“... „פּאַססאַרט, באַרניי, אירווינג, ראָססי“ — עס טוט זיך חושך. קינדער, מיר האָבן אַ שטאַרקן גאָט!

אַזוי האָט אויסגעלאָזט דער גליקלעכער פאָטער, און עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן ביי אַלע דריי טאָקע אָט דאָ אויפן אָרט אַ פּראָגראַם פאַרן גאַנצן אָוונט: פריער אין ניקעל־טעאַטער, דערנאָך אין שלומס רעסטאָראַן. דאָרט קאָכט מען רומעניש פאַפּרעצירטע פיש און מע פּאַרטרינקט מיט אַ בעסאַראַבער פאָמיאַק שלום איז באַרימט. זיין „פיקטשור“ איז פול אין אַלע יידישע בלעטער. איר עפנט אויף אַ בלאַט־צייטונג — שפּרינגט אייך אַקעגן שלום מיט זיין רעסטאָראַן.

אַלזאָ, פריער אין ניקעל־טעאַטער, דערנאָך צו שלומען אין רעסטאָראַן. וואָס וועט איר דערויף זאָגן, ווייסע חברהניקעס?

וואָס זאָלן זאָגן די ווייסע חברהניקעס? פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען אויך אַלצדינג מסכים. די ווייסע־חברהניקעס זענען קיינמאָל אַזוי נישט אויפגעלייגט געווען, ווי דעם פרימאָרגן, און האָבן קיינמאָל דעם פאָטער נישט געזען אַזוי אויפגעלייגט, אַזוי לעבעדיק, אַזוי מילד און אַזוי גליקלעך. איצט בלייבט איבער נאָר איין זאַך: קריגן אַ לאָזשע אין יידישן טעאַטער, אַ לאָזשע פאַר זיי אינדרייען.

— פע! אָבער גאָר לא מיט אַ ספּאָדיק! — האָט זיך אָנגערופן סטעלמאַך דער פאָטער — אַלצדינג יאָ, נאָר דאָס נישט. דאָס וועט נישט גיין! פאַרוואָס? וואָרעם אַזוי. אַ לאָזשע וועל איך אייך נעמען. די בעסטע לאָזשע. נאָר פאַר אייך אינצווייען. איר וועט אייך זיצן ביידע געזונטערהייט אין דער לאָזשע, און איך — אין פּאַרטער. פאַרוואָס? אַ פּשוטער שכל: איך, פאַרשטייט איר מיך, בין מיט אייך אין יידישן טעאַטער קיין מחותן נישט. איך בין פאַר אייך אַ שעמען. מיך קאָן נאָך עמעצער דערקענען, און אייך נישט. אַ מכה דאַרף עמעצער וויסן, ווער סע זיצט אין לאָזשע. חיות נישט זיכער! דו, גרישאַ, וועסט אָנרוקן, פאַרשטייסטו מיך, דיין גרויסע ווייכע שליאַפּע איבער די אויגן, און דו, ראָזע, וועסט זיין אַזוי גוט און פרום און וועסט אָנטאָן דעם גרעסטן הוט, וואָס דו פאַרמאָגסט נאָר, אַזוי אַז מע זאָל זיך דאַרפן גוט אָנבייגן און ערשט דעמלט זען אַ פּייג, נישט קיין אויגן. פאַר אַ יידן דאַרף מען, פאַרשטייט איר מיך, זיין פאָרזיכטיק, כאַ־כאַ. אַ ייד איז קיין קאַטאָוועס נישט. לאָז נאָר איין ייד, למשל, אָנשמעקן, ווער ס'איז געווען אין לאָזשע, אַזוי זענען פול אויף מאָרגן אַלע יידישע בלעטער מיט אָט אַזעלכע גרויסע קעפּלעך: די גרעסטע סטאַרס פון דער וועלט, גרישאַ סטעלמאַך און ראָזאַליאַ ספּיוואַק, אין יידישן טעאַטער — כאַ־כאַ! דער, וואָס ווייסט נישט, וועט זיכער מיינען, אַז גרישאַ סטעלמאַך און ראָזע ספּיוואַק שפּילן שוין אין יידישן טעאַטער. נאָך דאָס פעלט מיר — כאַ־כאַ!

אָט וויאַזוי פריילעך עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדזער גליקלעכן סטעלמאַך דער דאָזיקער גליקלעכער טאָג.

קאַפּיטל איין און פופציק

א קאָנטר־וויזיט

אונדזער פריינד לעזער דאַרף געדענקען דעם וויזיט פון דער מאַדאַם טשערניאַק, אָדער ברייינדעלע קאָזאַק, ביי ניסל שוואַלב, און די אָנצוהערענישן, וואָס זי האָט אים געהאַט געגעבן, אַז אויב ער וויל, אַז זיין שוועסטער, העבריעטאַ שוואַלב, זאָל טראָגן דעם נאָמען ראַפּאַ־

לעסקאָ, דאַרף ער זען, אַז דאָס זאָל געשען וואָס גיכער, אַז נישט — וועט זיין שפּעט...

עס פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע ווערטער זענען אונדזער קאָמבינאַטאָר גוט אַריין, ווי מע זאָגט עס, אין נאָז אַריין. ניסל שוואַלב האָט זיך נישט באַרואיקט מיט די אָנצוהערענישן אַליין. ער האָט געוואָלט וויסן אַ ביסל מער טיף און מער גרינטלעך, אַרום וואָס דאָ האַנדלט זיך. האָט ער זיך נישט געפילט אין האָט זיך איינמאָל אין אַ פרימאָרגן מטריח געווען מיט אַ קאָנטר־וויזיט צו אָט דער חיה מיט דער רויטער ראָטאָנדע און מיטן מאַלפּישן פּנים.

דערפרעגט זיך ביי דער שוועסטער דער מאַדאַם טשערניאַקס אַדרעס און די צייט, וואָס מע קאָן זי טרעפן אין דער היים, האָט זיך אונדזער שוואַלב געשלאָגן דורך גאַסן און געסלעך, אַרויפגעקלעטערט גאַנץ הויך אויף אַ צוועלפטן שטאָק ערגעץ אין ברוקלין, און קוים געטראָפן אין אַ לאָך, זיך געמוזט רעכט איינבייגן, איידער ער איז אַריינגעקראָכן אַהין.

— העללאָ! דאָ וווינט די מיסעס טשערניאַק?

די מיסעס טשערניאַק איז געווען אָנגעטאָן אין איר מאַטינע, אַזאַ מין מאָרגנקלייד מיט ברייטע אַרבל און מיט אַ שטאַרק אויסגעשניטענעם האַלדז, און מיט שטעקשיך אויף באָרוועסע פּיס. די האָר נאָך נישט צוגעקעמט און דאָס הדרל נאָך נישט איינגאַנצן אויפגערוימט. דאָס בעט איז נאָך געווען נישט צוגעבעט, דאָס באַרל מיסט איז נאָך געשטאַנען ביי דער טיר, און אויפן טיש זענען געווען סימנים פון דעם נעכטיקן סאַפּער. דערזען פאַר זיך אַזאַ אומדערוואַרטעטן גאַסט (עס איז נייטיק צו באַמערקן, אַז פון זינט ברײַנדעלע קאָזאַק איז אין אַמעריקע, איז ניסל שוואַלב דער ערשטער מאַנצפּאַרשוין, וואָס האָט אַריבערגעטראָטן איר שוועל), האָט זי זיך תחילת זוי דערשראָקן, נישט געוווסט, וואָס צו טאָן פריער: צי זאָל זי אַרויפוואַרפן אויף זיך אַן אַנדער קלייד, צי זי זאָל צודעקן דאָס בעט, אָדער זי זאָל אַרויסטראָגן דאָס באַרל מיסט, אָדער זי זאָל צונעמען פונעם טיש די סימנים פון נעכטיקן סאַפּער? פאַר גרויס אימפּעט האָט זי פאַרגעסן בעטן דעם גאַסט זיצן, און אַליין איז זי אויך געבליבן שטיין, אַראָפּגעלאָזט די הענט און געוואַרט, וואָס וועט ער איר זאָגן. ניסל שוואַלב האָט געזען, אַז זי איז צעדרייט, האָט ער זיך אַליין אַוועקגעזעצט און אויך דער מאַדאַם טשערניאַק אונטערגעטראָגן אַ שטול, און גענומען זי באַרואיקן מיט זייטיקע געשפּרעכן, אָנגענעמע ווערטער. ער האָט איר גאַנץ אויפריכטיק געזאָגט, אַז ער האָט זיך שוין לאַנג געוואָלט מיט איר באַקענען אַ ביסל נעענטער. ובפרט, נאָך איר וויזיט, פילט ער זיך שולדיק אַ קאָנטר־וויזיט. און אַגב האָט ער געוואָלט מיט איר זיך דורכרעדן אַ ביסל וועגן היימישע זאַכן, פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן... ער פילט, אַז מיט איר מעג ער רעדן פון אַזעלכע זאַכן, וואָס מיט קיין אַנדערן וואָלט ער עס געוויס נישט גערעדט... רעדן אַלצדינג פראַנק און פריי, וואָרעם ער איז אַ דזשענטלמען און

אָן אָפּגעלעבטער מענטש (דאָ האָט זיך שוואַלב צעשפּיליעט, אַרויסגעשטעלט דעם קוילעכיקן בויך, וואָס איז געווען באַלייגט מיט אַ ווייסער וועסט און מיט אַ גרוי־סער גראָבער גאָלדענער, אָדער פאַרגאָלדעטער קייט).

— איר קאָנט זיין זיכער, אַז אַלצדינג, וואָס מיר וועלן דאָ רעדן, וועט דאָס דאָ בלייבן. אָט־אָ־דאָ, אין די פיר ווענט.

ניסל שוואַלב האָט אַ וויז געגעבן מיט ביידע הענט אויף די פיר ווענט פון דער מאַדאַם טשערניאַקס הדרל און האָט איר אין איינוועגס געמאַכט אַ קאָמפּלי־מענט: ווי שיין, ווי ריין, ווי זויבער דאָ איז! ער האָט שוין לאַנג אַזאַ זויבערקייט נישט געזען, ער זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס! נישט שוין זשע זיצט זי דאָ איינע אַליין?

— איינע אַליין, עלנט ווי אַ שטיין, — האָט איר די מאַדאַם טשערניאַק געענטפערט צום גראַם און מיט אַ טיפן זיפץ און איז רויט געוואָרן ווי אַ צוויק, און האָט אַזש אָנגעהויבן צו שוויצן.

— מיר זענען דאָ אַלע עלנטע. איך בין אויך איין מענטש אַליין, עלנט ווי אַ שטיין, — איז איר שוואַלב אַריינגעפאַלן אין טאָן אַריין, מער נישט ווי צו איבערקייען אירע ווערטער. די מאַדאַם טשערניאַק האָט דאָס אָבער אַנדערש פאַר־שטאַנען. זי האָט זיך צוגעזעצט צו איר ליבן גאַסט וויזאַווי, צורעכט געמאַכט זיך די האָר מיט ביידע הענט, צוגעגעבן איר קיילעכיקן לבנה־פּנים מיט די יאַפּאַנישע אייגעלעך האָס שענסטע קאָקעט־נאַיווע שמייכעלע, וואָס זי האָט נאָר פאַרמאָגט, און אַ פרעג געגעבן אים כלומרשט פאַרבייגייענדיק:

— איר זענט דען אַ סינגעלמען?

אויף איר ענגליש וואָרט „סינגעלמען" האָט איר ניסל שוואַלב אויך אָפּגע־ענטפערט מיט אַן ענגליש וואָרט: „שאָור!" וועלכעס זאָל באַדייטן: „אוודאי!" און צוגעלייגט אויף יידיש:

— נאָך אַ מין סינגעלמען! צווישן סינגעלמענס אַ סינגעלמען!

געוואָר געוואָרן אויף אַזאַ אופן פון איר גאַסט, אַז ער איז נאָך נישט קיין באַווייבטער, איז די מאַדאַם טשערניאַק געוואָרן צו אים נאָך מער פריינדלעך און צוגעלאָזט, און ביידע אַרבל פון איר מאַטינע האָבן זיך ביי איר פאַרקאַטשעט ביז אַריבער די עלנבויגנס, און טראָפּנס שווייס האָבן אַרויסגעטראָטן אויף איר אייבערשטער ליפּ, וואָס איז עטוואָס באַוואָקסן מיט שוואַרצע האָר.

— ווי קומט עס? — האָט זי אים אַ פרעג געגעבן מיט זייער אַ ליבלעכער מינע, אויסגעמישט מיט נייגעריקייט און מיטלייד.

— אָט אַזוי אָ. אַז מען איז תמיד ביזי. טאָג ווי נאַכט איז נאָר הו־האַ. קומט דער פרימאָרגן, לויפט מען אַרום אַהין־אַהער. מע האָט קיין צייט נישט אַפילו געמען אַ שייוו, כאַפּן אַ דרינק, פאַרבייסן מיט אַ סענדוויטש. פון שלאָפן שמועסט

מען נישט. נישט איין מאָל מאַכט זיך, אַז מע כאַפּט אַ דרימל גייענדיק, ווי איך זעט מיך אַ שווימענדיקן. איר וועט מיר גלייבן, צי ניין? — עס גייען אַוועק וואָכן, מאָנאַטן, וואָס מען עסט נישט, מע טרינקט נישט און מע שלאָפט נישט, איך זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס!

די מאַדאַם טשערניאַק, וואָס האָט אויסגעהערט איר גאַסט מיט דער גרעסמער אויפמערקזאַמקייט, האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט זיך צוגערוקט צו אים נעענטער, ארויפגעלייגט ביידע האַלב־נאַקעטע הענט אויף איר הויכער ברייטער רייכער ברוסט, וואָס האָט אויסגעזען אונטערן גאָרסעט, אויב נישט אַזוי ווי די צוויי גאַזעלן, וואָס ביי שולמית פון שיר־השירים, נאָר ווי צוויי אומטערגעבעטע קאָפּנקישעלעך אוודאי.

— נישט גוט אַזוי, — האָט זי אים פאָרגעהאַלטן, ווי אַ געטרייע מוטער. — נישט גוט. אַ מענטש טאָר זיך נישט אָפּלאָזן. מע דאַרף אין זינען האָבן זיך אויך...

— ווי קאָן מען אין זינען האָבן זיך, אַז מע האָט אַזאַ האָרב אויף די פּלייצעס? איך מיין דאָס מיין שוועסטער די פּרימאַדאָנע. איר מעלה איז, וואָס זי איז אַ שיינע, און דער חסרון — וואָס זי איז שוין צו אַ שיינע. וואָס צו, איז איבעריק... גאָט זאָל מיר העלפן, מיין שוועסטער זאָל שוין חתונה האָבן, און מיין ברודער איזאַק זאָל קריגן עפּעס אַ רעכטן דזשאַב, וואָלט איך דעמלט אפשר אינזינען געהאַט זיך אויך... שוין צייט, כאָטש איך בין נאָך... ווייפל, רעכנט איר, בין איך אַלט מיין אייגנס? אַנו, טרעפט.

וואָס איז דער חידוש, אַז נאָך אַזעלכע שמועסן איז די מאַדאַם טשערניאַק צעווייקט געוואָרן, און איר פאַרשטיינערט האַרץ איז צעגאַנגען, ווי אַ פּוטער? אַך, וואָס פאַר אַ מאַן דאָס איז! וואָס פאַר אַ דזשענטעלמען! אַן אמתער דזשענטעלמען! היינט גייט שאַצט אָפּ אַ מענטשן נאָך זיין אויסזען. זי וואָלט אין איר לעבנס־לעבן נישט געזאָגט, אַז אָט דער הויכער ריזיקער דזשענטעלמען זאָל פאַרמאָגן אַזאַ צערטלעכע נשמה. און דאָס פּנים זיינס? און דאָס לשון? און דאָס שמייכעלע? און אַלע זיינע פאָסטעמפּקעס? — אַ כפּרה אַ סך — אַ סך מאַנצבילן פאַר זיין מינדסטן נאָגל!...

ברײנדעלע קאָזאַק האָט זיך שוין לאַנג נישט געפילט אַזוי אויפגעלייגט און אַזוי גרינג, ווי זי האָט זיך געפילט מיט אָט דעם גאַסט. זי געדענקט נישט, מיט ווען זי זאָל אַמאָל רעדן אַזוי אָפנטלעך, ווי זי האָט גערעדט מיט אָט דעם דזשענטעלמען. זי האָט אים אַנטפּלעקט, קאָן מען זאָגן, אינגאַנצן איר האַרץ. עס איז נישט געווען אַזאַ זאַך, וואָס זי זאָל פאַר אים פאַרלייקענען.

ניין. ניסל שוואַלב האָט קיין חרטה נישט געהאַט, וואָס ער האָט זיך באַמיט צו אָט דער חיה מיטן מאַלפּישן פּנים. אָט דער קאָנטר־וויזיט האָט אים געעפנט די אויגן. עס איז אים קלאָר געוואָרן אַ סך זאַכן: דער שטינקער ראַפּאַלעסקאָ

מיט זײַן שטילן ראָמאַן, דאָס אַרומגיין זײַנס צעטראָגן, און די שיינע געשיכטע פֿינעם חזנס מיידל, וואָס שפּילט הײַנט אַזאַ גרויסע ראָל אין דער טעאַטער־וועלט, — אַלצדינג איז איצט געווען פֿאַר אים קלאָר, ווי אויף אַ טעלער.

גייענדיק צוריק פֿון זײַן קאָנטאָר־וויזיט און פֿייפֿנדיק אַ פֿריילעכן ניגון, האָט זײַן קאָמבינירטער קאָפּ געאַרבעט אַ קאָמבינאַציע, אַ געניאַלע קאָמבינאַציע.

קאַפּיטל צוויי און פֿופֿציק

ביים לאָמזשער חזן אויף אַ גלעזל טיי

ניסל שוואַלב איז נישט געגאַנגען צו זיך אַהיים. קודם האָט ער פֿאַרבלאָגדזשעט צו זײַן שותף און צו זײַן בעל־עצה — צום מיסטער קלאַמער, און מיט אים איַנייַנעם איז ער אַוועק צום לאָמזשער חזן וועגן זייער־זייער אַ וויכטיקער ביזנעס. וועגן אַ שפּאָגל־נייער קאָמבינאַציע.

וואָס פֿאַר אַ ביזנעס? וואָס פֿאַר אַ קאָמבינאַציע? — דאָס האָט מיסטער קלאַמער פֿון אים נישט געקאָנט דערבײַוועז זיך בשום אופֿן. נישט מיטן גוטן, נישט מיט בייזן. ניסל שוואַלב האָט געבעטן ביי אים איין זאַך — געדולד, און געשלעפּט אים כמעט מיט געוואַלט צום לאָמזשער סאָלאָוויי, נישט אויפֿגעהערט דעם גאַנצן וועג צו רעדן מיט הענט, פֿיס און טאָראַבאַרען, ווי זײַן שטייגער איז.

שוין, אַז מען איז געווען נאָענט, כמעט ביי דער שטוב, וווּ דער חזן וווינט, האָט זיך מיסטער קלאַמער אַוועקגעשטעלט — ער וועט נישט גיין. ביי אים איז אַ פּרינציפּ: ער האָט פֿײַנט אַ בלינדן אתרוג, אָדער ווי זאָגט דער אײַנגלישמען: „איי הו נאָט באַי אַ פּיג אין אַ פּאָק"...

נאָר רעד ענגליש, רעד טערקיש, רעד טאַטעריש — שוואַלב האָט אים גענומען מיט זײַן הנותן יד לפּושעים און האָט אים אַ זאָג געגעבן מיטן האַרבן וואָרט:

— וועלל! איר וועט ביי מיר גיין.

געקומען, האָבן זיי געטראָפֿן דעם לאָמזשער סאָלאָוויי אָן אַ היטל און אָן אַ קאַפּאָטע, און דעריבער האָבן זיך אַרויסגעזען די ציצית פֿונעם טלית־קטן. אַרום אים איז געשטאַנען די כאָליאַסטרע, זײַן אייגענע קאַפּעליע. ער האָט געשטודירט מיט זיי אַ נייעם קאָנצערט.

דערזען די אַרײַנגעקומענע, האָט די כאָליאַסטרע זיך אַ וואָרף געגעבן צו ניסל שוואַלב. די עלטערע האָבן אים געטרייסלט ביי דער האַנט און די קלענערע זענען אים געקראָכן אויף די פּלייצעס און האָבן אויסגעזען, ווי מערעשקעס אויף אַ ווייזלטיר. תחילת האָט דאָס אָט דער עוג מלך הבשן איבערגעטראָגן גאַנץ קאַלט־

בלוטיק און נאָך צוגעשמייכלט דערצו. דערנאָך האָט ער אָפּגעטרייסלט פון זיך דאָס קליינוואַרג און געגעבן אַ הויך אויף דער כאַליאַסטרע:

— שאַראַפּ! ארויס, ממזרים, אַלע אין דרויסן ארויס! קיין שריד ופליט זאָל פון אייך נישט בלייבן! אָבער גיך! מיר האָבן דאָ אַ ביזנעס... סיי, חזן, ווו איז ערגעץ אייער מיסעס? רופט זי נאָר אריין אהער, מיר דאַרפן אָפּהאַלטן אַ קאָנפערענץ.

מאָלט אייך, דאָס זאָל זיך דערלויבן אַן אַנדערער, וואָלט ער זיך נישט גענאַרט פונעם לאַמזשער סאָלאָוויי פאַר אַזאַ באַנעמען זיך. וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון: „סיי, חזן"? און נאָך ערגער וואָלט ער אָפּגעשניטן פונעם חזנס לויפערס. ער וואָלט געהאַט פון זיי אַ „שאַראַפּ"! נאָר דער פעטער ניסל (אַזוי הייסט ביי זיי ניסל שוואַלב) מעג. דעם פעטער ניסל האָט מען ליב אַלע, פון קליין ביז גרויס, דערפאַר, וואָס דער פעטער ניסל איז אַ גוד באָי: דער פעטער ניסל האָט אייך פאַר יעדן איינציקן און צו יעדער צייט אַ גוט וואָרט. דעם דערלאַנגט ער אַ זעץ אין פּלייצע. דעם — אַ קניפּ אין באַק. דעם — אַ רוק אין זייט. אַז נישט — וואַרפט ער אייך גאָר אַראָפּ דעם פּידזשאַק און שטעלט זיך אוועק מיט אייך פייטן, מאַכן באָקס. דער פעטער ניסל וועט אייך קיינמאָל נישט קומען צו גיין מיט ליידיקע הענט. תמיד מוז ער עפּעס מיט זיך ברענגען אויף צו קייען. אויך איצט האָט ער געבראַכט מיט זיך קענדי — דאָס, וואָס דעם חזנס כאַליאַסטרע האָט דווקא נישט פיינט. אין איין כהרף־עין האָט מען די קענדי צעכאַפּט און אָפּגעליידיקט די שטוב, און דער חזן האָט גענומען אויף זיך די קאַפּאָטע, אריינגעכאַפּט זיך צו אַ נעכסטאָריקע שכנה, ארויסגערופן פון דאָרטן די חזנטע, און ביי געשלאָסענע טירן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ.

דעם זעלבן טאָג, אויפדערנאַכט, זענען איינגעלאַדן געוואָרן אַ סך געסט צום לאַמזשער חזן אויף „טי־פּאַרטי". ביי אונדז ווערט דאָס אָנגערופן „אויף אַ גלעזל טיי". און וואָס אַ גלעזל טיי באַדייט — דאָס פאַרשפּאָרט מען אייך שוין צו דערציילן. יעדער ווייסט, אַז דאָס גלעזל טיי איז נישט נאָר אַ גלעזל טיי, נאָר אויך אַ וועטשערע. און אַז נישט דאָס גלעזל טיי און נישט די וועטשערע איז דער עיקר. דער עיקר איז, אייגנטלעך, דאָס, וואָס קומט צווישן טיי און צווישן דער וועטשערע. „קליין תהילים" רופט מען דאָס ביי אונדז, און מיינען מיינט מען, פאַרשטייט זיך, אַ קערטל.

אַ סך מענטשן דענקען, אַז ווען, למשל, ס'זאָל נישט זיין דער מין, וואָס מע רופט עס קאָרטן, אָדער מע זאָל די קאָרטן, חלילה־וחס, פּלוצים אויסראָטן פון דער וועלט, וואָלט נישט געקאָנט עקזיסטירן קיין שום מענטשלעכע געזעלשאַפט, וואָס וואָלט מען געטאָן צווישן טיי און וועטשערע? דער ווירט מיט דער ווירטין וואָלטן געגענעצט. די געסט וואָלטן אַנטשלאָפן געוואָרן. מענטשן וואָלטן אויפגעהערט גיין

איינס צו דאָס אַנדערע, שליסן באַקאַנטשאַפט, פירן געזעלשאַפט, און ביסלעכווייז=ביסלעכווייז וואָלט אונטערגעגאַנגען די וועלט. לאָזן זיך די, וואָס פריידיקן מאָראַל, זאָגן, וואָס זיי ווילן, — קאָרטן איז נישט קיין פוסטער עסק. אין דעם ענין פון קאָרטן איז די גאַנצע וועלט, קאָן מען זאָגן, איין שטאָט. אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט, אַפילו אין די גאָר ווייטע מקומות, קוים וווּ עס געפינען זיך נאָר צוויי מענטשן, אַזוי ווערט געשפילט אין קאָרטן. נישט מער איטלעכס אָרט האָט זיך זיין שפיל, און יעדע שפיל האָט זיך איר נאָמען. למשל, ביי אונדז, אין דער אַלטער וועלט, איז מען זיך נוהג — מע שפילט שוין מער נישט אין קאָרטן. אַן עק, אויס מאָדע געוואָרן שפילן. וואָס זשע דען טוט מען, אַז מע קומט זיך צונויף אויף אַ גלעזל טיי? מע „מאַכט אַ פרעפעראַנסל", מע „כאַפּט אַן אָקעלע", מע „פאַרלייגט אַ בענקל", אָדער מע „מאַכט זיך נאַריש מיט אַ טערטל=מערטל". דאָ, אין דער נייער וועלט, איז דעסגלייכן: אין קיין קאָרטן שפילט מען נישט. פע! דאָס טוען נאָר „געמבלערס", שולערס, פראָפעסיאָנאַליסטן. אָנשטענדיקע לייט, אַז זיי קומען זיך צונויף אויף אַ „טי=פאַרטי", נעמט מען אַרויס טאַקע די אייגענע קאָרטן, וואָס ביי אונדז, נאָר מען „אַמוזירט זיך מיט אַ פּאָוקער", אָדער מע „פייט זיך אין אַ פינאָקל". אַ ביסל ווערט דאָס געטאָן, בכדי די צייט צו פאַרטרייבן, און אַ ביסל טאַקע לשם ביזנעס. יעדער זעצט זיך אַוועק צום טיש מיט די בעסטע האָפענונגען און מיט דער בעסטער איבערצייגונג, אַז ער וועט היינטיקן אָונט געוויס זיין אַ געווינענער. און נאָכדעם — ווי דאָס גליק טראָגט אויס: אָדער ער שפילט אויס, אָדער ער ווערט באַגראָבן. ס'איז אַ גאָט זאַך.

אַצינד, אַז מיר ווייסן שוין, וואָס הייסט אַ „טי=פאַרטי", וועלן מיר גיין זען, ווער איז די געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמלט ביים לאָמזשער חזן אויפן גלעזל טיי.

קאַפיטל דריי און פופציק

א געמישטע געזעלשאַפט

די געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן יענעם אָונט ביים לאָמזשער חזן אויף דער „טי=פאַרטי", איז שווער צו זאָגן, צו וואָסער קלאַס זי געהערט, און דעריבער איז דאָס אויך נישט גרינג צו באַשרייבן, אַזוי ווי ס'איז בכלל שווער צו באַשרייבן דאָס אַמעריקאַנער פובליקום אין דער גרויסער וועלט=שטאָט ניו=יאָרק.

דאָס איז געווען אַ מישמאַש פון טיפן, מיינסטנטייל לאַנדסלייט פון דער חברה „אַנשי לאָמזשע", אַ בינטל יידן פון אַלערליי מינים און פראָפעסיעס.

אויפֿן ערשטן קוק האָט דאָס אויסגעזען אַפּילו, אַז איינער מיטן אַנדערן געהער זיך נישט אָן גאָרנישט. וואָרעם וואָס פֿאַר אַ מחותן איז, למשל, אַ רעווערענד, דאָס הייסט — אַ רב און אַ מוהל אין אַ קאַפּעליושל, מיט אונטערגעבויגענע פֿאַהלער און אַ קאָסטאָמער פֿעדלער, אַ ייד אַ יאַדישלעווער מיט אַ „זאַדישקע"?

אָדער וואָס פֿאַר אַ סמיכת הפּרשה איז אַן איידזשענט (אַן אַגענט) פֿון טייפּרייטערס (שרייבמאַשינעס), אַ ווילער יונג מיט טרערנדיקע אויגן, און אַ היברו־טיטשער (אַ מלמד), אַ קליין יידל מיט אַ געשטופּלט פּנים?

אָדער וואָס פֿאַר אַ שייכות איז אַ דראָגיסט (אַן אַפּטייקער), אַ טשאַכאָמעטשניק מיט בייזע אויגן, און אַ פּראָסטער בוטשער (אַ קצב) פֿון עסעקס־סטריט, וואָס שמעקט מיט אָקסנפֿלייש?

אָדער אַ לענדלאָרד (אַ באַלעבאָס) פֿון אַן אייגענער דירה אויף די בראָנקס, אַ שוואַרצער ייד מיט אַ בולבעוואַטער נאָז, וואָס רעדט מיט אַ גראָב קול אַביסל העזעריקלעך, און אַן אָפּרייטער (אַ שניידער) פֿון דער באָוערי מיט אַריינגעשטעלטע ציין?

און די אַלע אויסגערעכנטע פּאַרשוינען, וואָס געהערן זיי זיך אָן, איך בעט אייך, מיט אַ חזן און מיט אַ חזנטע, מיט אַקטיאָרן, אַקטריסעס, מוזיקאַנטן און אַשערם פֿון יידישן טעאַטער?

און האָך האָבן זיך האָ געפֿילט אַלע היימיש, אַלע גלייך. יעדער שטאָלץ ביי זיך דערמיט, וואָס ער איז אין אַמעריקע, וואָס ער האָט אַ ביזנעס און וואָס ער מאַכט אַ לעבן. קיינער האָט זיך נישט געבלאָזן אויפֿן צווייטן, ווי ביי אונדז איז דער פֿאַל, אַז אַן עולם קומט זיך צונויף אויף אַן אַסיפֿה אָדער אויף אַ שמחה. דער דעמאָקראַטישער גייסט פֿון דער אַמעריקאַנישער רעפּובליק לאָזט זיך פֿילן אויף יעדן טריט און שריט אין דעם דאָזיקן לאַנד. און אונדזערע ברידער, וואָס קומען אַהער טאָגטעגלעך פֿון דער גאַנצער וועלט, אַקלימאַטיזירן זיך אַזוי גרינג, ווי אַנדערע פֿעלקער, אינעם דאָזיקן שמעלץ־טאָפּ און זויגן אַריין אין זיך דעם דאָזיקן גייסט פֿון גלייכהייט אַזוי גיך, ווי מעגלעך.

אַלע דריי פֿאַראַדנע חדרים פֿונעם הזנס וווינונג, דער פּאַרלאָר (זאַל), די דייניגרום (עס־צימער) און די בעדרום (שלאָפֿצימער), זענען געווען פֿול געפּאַקט מיט געסט. ווער עס האָט געטרונקען טיי, ווער עס האָט געררייכערט, ווער עס האָט געשפּילט אין שאָך און ווער אין פּינאָקל, און ווער עס האָט גלאַט אַזוי געהערט, געפּלאַפּלט, געלאַכט און געגראַגערט. איינער האָט דערציילט התנצלות פֿון אַ דזשעניטאָר (הויז־פֿאַרוואַלטער), וואָס גיט אַרויס אַלע וואָך נייע רולס (דינים) און רעגולייששענס (מנהגים) פֿאַר זיינע טענענטס (שכנים). דער אַנדערער האָט דערציילט אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע, וויאַזוי מע האָט אים געוואָלט טוספּענדירן (אויסשליסן) פֿון דער יוניאָן (פֿאַרבאַנד), געבן די סעק (אַרויסוואַרפֿן), האָט ער פֿאַרפֿירט קעגן דער יוניאָן אַ טריעל (אַ פּראָצעס)... דער דרי־

טער האָט דערציילט פון אַ פייער (אַ שׂרפה), וואָס האָט שיר פּאַסירט ביי זיי אין דער פעקטאָרי (פאַבריק). אַ פאָרמער האָט געשמועסט פון ריעלעסטייט (ספּעקולאַציעס), סטאַקס (אַקציעס) און לאָטס (פּלעצער) און אַנדערע ביזנעס פון דער וואָל-סטריט. און חברה אַקטיאָרן און אַקטריסעס האָבן זיך גערעדט פון זייערע אינטערעסן: ראָלן, סטאַרס, פּיעסן, יוניאָן, פולע הייזער, בענעפיטס. און גערעדט האָבן אַלע אינאיינעם, אויפן יידישן שטייגער, און אַלע האָבן זיי זיך דאָ געהאַלטן פריי און היימיש און לעבעדיק אויפן העכסטן אַרט. און ווייל דער ליאַרם מיטן האַרמידער איז געווען אומגעהייער גרויס, אָנגערויכערט איז געווען אַזוי שטאַרק, ווי אין אַ שענק, און הייס, ווי אין אַ באָד, איז כמעט אוממעגלעך געווען צו באַמערקן יעדן איינציקן, ווער דאָס איז און וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט.

פון אונדזערע באַקאַנטע פאַרשוינען, אויסער דעם חזן מיט דער חזנטע מיט זייער כאַליאַסטרע, איז געווען צו באַמערקן: מיסטער קלאַמער, אָנגעטאָן אין זיין ים-טובדיקן סמאָקינג און צעקעמט זיין הערצל-באָרד אויף צוויי. ער איז געזעסן אַ טשער קעגן אַ טשער מיט זיין נייעם פּאַרטנער, מיסטער ניקעל, וואָס האָט געהאַט אויף זיך היינטיקס מאָל זיין גאָלדענעם וואַטש און טשיין (זייגער און קייט) — די מתנה פונעם „פּרעזידענט אָף דהי יונייטעד סטייטס אָוו אַמעריקאַ“. ביידע האָבן זיי גערעדט ענגליש און ביידע האָבן געטריבן גדלות, גרויסקייט פון זיך און דערציילט אויף ערנוואָרט וווּנדערלעכע זאַכן, וואָס אַ זייטיקער מענטש וואָלט זיך געמעגט ווינטשן די אַלפים, וויפל דאָרט איז געפאַלן בלאָף...

עס זענען געווען אויך איזאַק שוואַלב און בריינדעלע קאָזאַק. די צוויי זענען געשטאַנען אַרום אַ טישל און צוגעזען, ווי מע שפּילט אין קאָרטן. צווישן די שפּילערס און שפּילערינס איז געווען די פּרימאַדאָנע, הענריעטאַ שוואַלב, אָנגעטאָן אין אַלע אירע בריליאַנטן. זי האָט געפייערט, גערעדט און געלאַכט און געהיצט זיך מער פון אַלעמען. עס איז איר געגאַנגען דאָס בלאַט. נעבן איר איז געלעגן אַ הויפן מיט געלט. אַלע ליידיעס האָבן איר מקנא געווען, און די מאַנצפּאַרשוינען האָבן זיך איבערגעווונקען, זיך דורכגעוואָרפן מיט ווערטלעך אויף איר רעכענונג און האָבן פאַרצויגן זיך צו איר גאַנץ פריי. אויף אַזויפיל פריי, אַז איינער אַ דזשענטעלמען, אַ גלוח, מיט אַ רויט פּנים, מיט אַ שפּיצעכיקער נאָז און מיט אַ „דיימאַנדרינג“ אויפן פינגער, וואָס איז געזעסן וויזאַווי, האָט איר עטלעכע מאָל שטאַרק אָנגעטראָטן אונטערן טיש אויפן פוס, טראָץ דעם, וואָס דער דזשענטעלמען — מיר ווייסן עס פּאָזיטיוו — איז אַ באַווייבטער.

אין אַ זייט, אויף אַ ראָקינג-טשער (אַ וויגשטול), איז געזעסן לעאָ ראַפאַלעסקאָ, גערייכערט און געוויגט זיך. אַרום אים זענען געשטאַנען חברה אַקטיאָרן מיט געגאָלטע פּנימער און האָבן דערציילט טעאַטער-אַנעקדאָטן, איינס נאָך דאָס אַנדערע, און אויסגעדונערט אַלע מיט אַזאַ געלעכטער, אַז די ווענט האָבן געציטערט. מער פון אַלע האָט זיך אויסגעצייכנט איינער אַ קאָמיקער, אַ פאַרשלעפּטע

קרענק, מיט אַזאַ רירעוודיק פּנים און מיט אַזעלכע לאַכנדיקע אויגן, אַז איידער ער הייבט נאָך אָן צו דערציילן, הייבט מען שוין אָן צו לאַכן. ער אַליין לאַכט אויך, און דווקא געשמאַק, אַזוי, אַז ער כאַפּט זיך מיט ביידע הענט פאַר די זייטן און בייגט זיך אַזש איין אין דרייען.

— ליידיעס ענד דזשענטעלמען! — רופט אויס אויף זיין זיס קול דער לאָמישער חזן, וואָס האָט זיך אין דער קורצער צייט שוין אַזוי ווייט אויסגעריבן, אַז ער רעדט שוין העכער האַלב אויף ענגליש. — ליידיעס ענד דזשענטעלמען! צום טיש, פּליז (מע בעט), שוין פאַרטיק דער סאַפּער.

דער עולם האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. די, וואָס האָבן נישט געטאָן גאָרנישט, זענען גרייט געווען באַלד צו פאַרנעמען זייערע ערטער אַרום טיש, און די, וואָס האָבן זיך אַמוזירט אין „פינאָקל“, האָבן נאָר איבערגעציילט דאָס ביסל מזומנים, איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן מיט צעפלאַקערטע פּנימער אַ ראַפּאָרט (אַ ידיעה), ווער וויפל עס האָט געוווּנען, און ווער וויפל עס האָט פאַרלוירן.

קאַפּיטל פיר און פופציק

ניסל שוואַלב — טאָסטמייסטער

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַרלוירן האָבן כמעט אַלע, און געוווּנען דאָס גאַנצע געלט האָט נאָר אונדזער פּרימאַדאָנע, הענריעטאַ שוואַלב. עס איז איר דעם אָוונט געגאַנגען דורך פייער און דורך וואַסער. זי איז געווען אַזוי פאַרטראָגן אינעם ציילן דאָס געלט, און דאָס פּנים האָט איר אַזוי געפלאַמט, אַז זי האָט נישט געזען אַרום זיך קיינעם, נאָר דאָלאַרס, דאָלאַרס און דאָלאַרס. דער ברודער איזאַק און ברײַנדעלע קאָזאַק, וואָס זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען איבער איר און ציגעזען מיט זשעדנע אויגן, ווי זי זשעברעט דאָס געלט צו זיך אין רידיקול אַריין, האָבן זי געפרעגט, וואָס רעכנט זי צו טאָן מיט די דאָלאַרס? צי וויל זי זיך לאָזן קויפן אַ מאָטאָרקאַר, אָדער דיימאַנדס, אָדער אַ הייזקע (שטיבל) אויף דער פינפטער עוועניו? הענריעטאַ האָט זיי אָבער אויף זייער ווערטלעך נישט געענטפערט גאָרנישט. זי האָט גאָרנישט געהערט אַפילו, וואָס מע רעדט צו איר. זי האָט דורכגעלאָזט אומבאַמערקט די פלאַטשיקע קאָמפּלימענטן פון אירע פּאַרטנערס, אַז זי שפּילט אין קאָרטן נישט ערגער, ווי זי זינגט אין טעאַטער...

— ביוטיפול (אויסגעצייכנט)! — האָט מיט באַזונדערער באַגייסטערונג אויסגערופן דער געגאָלטער דזשענטעלמען מיטן רויטן פּנים און מיט דער שפּיציקער נאָז. דער דאָזיקער דזשענטעלמען האָט זיך די גאַנצע צייט שטאַרק געשאַרט אַרום דער פּרימאַדאָנע. ער האָט געמאַכט איר חנעוודיק־בלומלדיקע אייג־

לער, געשמייכלט און באַלעקט זיך, ווי אַ קאָטער. עס ווייזט אויס, אַז ער האָט זייער חשק געהאַט זיך אַוועקזעצן האַנט ביי האַנט מיט דער פּרימאַדאָנע, וואָס איז אים אָן אַ׳ן עהד געפעלן געוואָרן. האָט אים אָבער געטראָפן אַן אומגליק: אַלס מענעדזשער און טאָסטמייסטער פון דעם אָוונט האָט זיך אַרויסגעגעבן ניסל שוואַלב.

אונדזער באַרימטער קאָמבינאַטאָר האָט זיך גענומען פאַר זיין דזשאַב — אויסצוזעצן די געסט אַרום טיש — מיטן גאַנצן ערנסט פון אַ ביזנעסמאַן און האָט אַרויסבאַוויזן דערביי נישט ווינציקער בריהשאַפט, ווי ביי אַלע אַנדערע זיינע קאָמבינאַציעס. ער האָט דעם עולם אויסגעזעצט אַזוי קונציק, אַז איטלעכע „ליידי" זאָל האָבן ביי יעדער האַנט אַ קאַוואַליער, דאָס הייסט — צו צוויי קאַוואַליערן אויף אַ ליידי. צום ביישפּיל: די לאָמזשער חזנטע האָט געהאַט פון איין זייט דעם אַגענט פון שרייבמאַשינען, דעם ווילן יונג מיט די טרערנדיקע אויגן, און פון דער אַנדערער זייט — דעם קצב, וואָס שמעקט מיט אָקסנפלייש... איינע אַן אַקטריסע מיט אַ גרויסן שיניאָן האָט געהאַט פון דער רעכטער האַנט דעם רב דעם מוהל מיט די אונטערגעבויגענע פאַהלער, און פון דער לינקער האַנט — דעם שניידער פון דער באָוערי, וואָס מע דערקענט, אַז ער טראָגט אַריינגעשטעלטע ציין, וואָרעם, אַז ער עסט, קנאַקן זיי. און אַזוי ווייטער.

מע קאָן נישט זאָגן, אַז די ליידיעס מיט די קאַוואַליערן זאָלן האָבן זיך געפילט איבעריק גוט מיט זייער נאָכבאַרשאַפט. וואָרעם וואָס האָט, למשל, אַ יידענע אַ חזנטע צו זאָגן מיט אַן אַגענט, אָדער מיט אַ קצב? אָדער וואָס געהער זיך אָן אַן אַקטריסע מיט אַ מוהל, אָדער מיט אַ שניידער? דערפאַר אָבער איז אויסגעקומען דער פּרימאַדאָנע שוואַלב צו האָבן פון איין זייט ראַפאַלעסקאָן און פון דער אַנדערער זייט דעם ברודער איזאַק — און דאָס איז געווען זיין גאַנצער מיין: ניסל שוואַלב האָט געוואָלט דורכוים, אַז דאָס פּאָרל, הענריעטאַ און ראַפאַלעסקאָ, זאָלן היינט זיצן איינעם. דאָס האָט מען באַדאַרפט האָבן צום עסק, ווי מיר וועלן דאָס באַלד אויסווייזן...

אינגאַנצן אויסגעשטעלט און אומצופרידן איז געבליבן נאָר דער דזשענטלמען מיטן רויטן פּנים און מיט דער שפּיציקער נאָז, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין דער פּרימאַדאָנע. עפּעס טאַקע נאָר ווי אויף צולהכעיס איז אים אויסגעקומען צו באַדינען די מאַדאַם משערניאַק, אָדער ברײַנדעלע קאָזאַק, וואָס האָט געשוויצט, ווי אַ לאָקאָמאָביל, און שוין צופיל געשמעקט מיט פּאַטשולי-זייף און אַנדערע שאַרפע ריחות. עס מעג שוין פאַלן אין ים אַריין, וואָס דער דאָזיקער קאַוואַליער האָט איר אָנגעווינטשעוועט, כאָטש באַגאַנגען איז ער זיך מיט איר זייער-זייער העפלעך, ווי אַן עכטער דזשענטלמען: ער האָט איר צוגערוקט דעם טעלער, אונטערגעטראָגן דאָס ברויט, אָנגעגאָסן וואַסער אין איר גלאָז, זיך נאָכגעפרעגט, וואָס פאַר אַ ווין זי „גלייכט" (האָט ליב). ברײַנדעלע קאָזאַק איז געווען באַרעכ-

מיקט דעם דאָזיקן אָוונט זיין צופרידן אין אַלע אופנים... נאָר לאָמיר נישט רעדן איצט פון ברײנדעלע קאָזאַק. לאָמיר זיך בעסער אומקערן צו איר קאַוואַליער, דעם געגאָלטן דזשענטעלמען.

דער גאַסט, וואָס פאַרלאָזט נישט קיין באַשעפעניש, האָט אים אויסגעפירט. די מישן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַ ביסל ענגלער, האָט דער מענעדזשער און טאָסט־מייסטער ניסל שוואַלב געגעבן אַ קאָמאַנדעווע דעם עולם, מע זאָל זיך רוקן. און דער עולם האָט גענומען זיך רוקן, און אַזוי לאַנג גערוקט זיך, ביז ס'איז אויסגעקומען אונדזער דזשענטעלמען צו זיצן אַקוראַט אַקעגן דער פרימאַדאָנע — און ס'איז אים געוואָרן אַ ליכט אין די אויגן: ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו אַרבעטן מיט די פיס אונטערן טיש וויפל זיין האַרץ גלוסט. אמת, עס האָט גענומען אַ ביסל צייט, ביז ער האָט געטראָפן אַהין, ווו ער האָט געצילט. ער האָט זיך געהאַט באַגעגנט אַ פּאָר מאָל אָדער מיט ראַפאַלעסקאָס פיס, אָדער מיט די רגלים פון איזאַק שוואַלב. ערשט שפּעטער, אַז ער האָט באַגעגנט אַ שמייכעלע אויף דער פרימאַדאָנעס פנים, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז אָל־רייט.

פונדעסטוועגן האָט אין אים געברענט אַ פייער אויף דעם גרינעם בחור (ראַפאַלעסקאָ), וואָס ער זיצט אַזוי גאָענט נעבן איר דער יפהפיה. און, ווי אויף צו להכעיס, האָט זיך די פרימאַדאָנע אַלעמאָל אָנגעבויגן צום גרינעם בחור אויפן אויער, געסודעט זיך מיט אים און געלאַכט, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַהינטער און באַוויזן צוויי רייען פון אויסגעצייכנטע פערלדיקע ציין. דער דזשענטעלמען, וואָס האָט פאַר די פיש און נאָך די פיש געהאַט גענומען אַ כוסה, איז נישט אויף קאַטאָוועס צעקאָכט געוואָרן פון קנאה און אייפערזוכט (ער האָט, אפנים, גאָר פאַרגעסן, אַז ער איז אַ באַווייבטער) און האָט גענומען וואַרפן אויף ראַפאַלעסקאָן אַזעלכע בייזע גזלנישע אויגן, אַז הענריעטאַ האָט נאָך מער גענומען לאַכן, שיר נישט געפּלאַצט פאַר געלעכטער.

— וואָס לאַכט זי, וואָלט איך וועלן וויסן? און ווער איז אָט דער משעקאַווער בחור, וואָס זי שושקעט זיך מיט אים? אַלבעטשיו (איך האַלט אַ וועט), אַז דאָס דאַרף זיין אַ גרינהאָרן, אַ כניאָק, אַ יאָלד שביאָלרן...

אַזוי האָט זיך געטראַכט דער אייפערזיכטיקער דזשענטעלמען און געבראָכן זיך דעם מוח אויף דעם רעטעניש. עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען, און דאָס רעטעניש איז אים פאַרענטפערט געוואָרן באַלד נאָכן ערשטן ספּיטש.

— ליידיעס ענד דזשענטעלמען! — האָט ניסל שוואַלב, דער טאָסטמייסטער פונעם אָוונט, געגעבן צו וויסן דעם עולם. — איך מאַך אויפמערקזאַם מיינע דאַמען און הערן, אַז דעם ערשטן ספּיטש וועט אָפּהאַלטן אונדזער פריינד מיסטער קלאַמער. איך בעט אונדזער געערטן ווירט און זיין מיסעס, די געערטע ווירטין, זיי זאָלן אָנפילן די באָקאַלן פון די געערטע געסט. מיסטער קלאַמער, איר האָט דאָס וואָרט!

קאַפּיטל פֿינף און פֿופֿציק

מיסטער קלאַמער ספּיטשט

באַקומען דאָס וואָרט, איז מיסטער קלאַמער אויפֿגעשטאַנען, זיך אויסגעהוסט, צורעכט געמאַכט דעם סמאָקינג, דאָס העמד און דעם שניפּס און צעגומען זיין הערצל־באָרד, מיט אַ זייַדענער פּאַטשיילע זיך אויסגעווישט דעם טרוקענעם שטערן, זיך אָנגעשפּאַרט מיט די גראָבע פֿינגער פֿון ביידע הענט אין טיש, אַרומגענומען די גאַנצע געזעלשאַפֿט מיט איין קוק, פֿאַרביסן אַ ליפּ, און נאָך אַ לאַנגער פּויזע האָט ער גענומען ספּיטשן.

אונדזער פֿריינד מיסטער קלאַמער האָט זיך פֿון תּמיד אָן געהאַלטן פֿאַר אַ „ספּיקער“, דאָס הייסט — פֿאַר אַ גוטן רעדנער. נאָר אין דער קורצער צייט פֿון זינט ער איז אין אַמעריקע האָט ער זיך אָנגעהערט אַזוי פֿיל שיינע לעקשורס, דרשות און ספּיטשן, אַז ער וואַרט נאָר אויף דער געלעגנהייט צו באַווייזן די אַמעריקאַנער, וואָס הייסט גערעדט. און — פֿון דעם אמת קאָן מען נישט אַוועקגיין — מע מוז צוגעבן, אַז מיסטער קלאַמער איז טאַקע אַ שיינער רעדנער. דאָס הייסט, דער עצם רעדן אַליין איז ביי אים נישט אַזוי רייך אין אינהאַלט, ווי אין ווערטער. און נישט אַזוי אין ווערטער, ווי אין דער אויסשפּראַך, אָט דאָס, וואָס ווערט אָנגערופֿן אַ „חיתוך־הדיבור“. הייַנט די שטימע? מיסטער קלאַמער, פֿאַרשטייט איר מיך, ווייסט, ווען מע דאַרף, ס'זאָל דונערן, און ווען מע דאַרף, אַדרבא, זיך אַראָפּלאָזן אויף דער נידעריקסטער אָקטאַווע, אַזוי אַז קוים־קוים, וואָס יענער זאָל דערהערן. הייַנט דאָס האַלטן זיך ביים רעדן? הייַנט די הענט? ביים רעדן שפּילן די הענט, ווייסט איר, אַ זייער וויכטיקע ראָל, אפֿשר נישט ווייניקער, ווי דאָס מויל. מע דאַרף וויסן, ווען מיט וואָסער האַנט וווהין צו באַוועגן. ווען מע דאַרף די הענט אויפֿהייבן, און ווען — אַראָפּלאָזן. ווען מע דאַרף זיי צונויפֿלייגן אויף דער ברוסט, און ווען מע דאַרף זיי צענעמען. ווען מע דאַרף זיי האַלטן אין דער וועסט, און ווען — אין די הויזנקעשענעס. און אַמאָל דאַרף מען דווקא נאָכן גרויסן דונער מאַכן אַ בואי בשלום צוויי טריט צוריק, די הענט האַלטן מחילה פֿון הינטן, דעם קאָפּ אַ ביסל אויף אַ זייט, און מאַכן דערביי אַ שיינע באַוועגונג מיט אַ שיינער פּויזע. „פּאָענטען“ ווערט עס אָנגערופֿן אין אַמעריקע, און די דאָזיקע פּאָענטען מיטן האַלטן די הענט אין די קעשענעס און מיט אַלע איבעריקע שיינע אָראַטאָרישע באַוועגונגען האָט אונדזער מיסטער קלאַמער גענאַשט פֿון די אַמעריקאַנער ספּיקערס, איבערגענומען מיט אַלע פּיטשעווקעס.

אַן עבֿירה, וואָס מיר קאָנען נישט ברענגען דאָ די גאַנצע רעדע, וואָס מיסטער קלאַמער האָט אָפּגעהאַלטן, ווייל זי איז צו לאַנג, צופֿיל אויסגעמישט מיט הויכער פּאָעזיע אָדער מליצה־ווערטער און צופֿיל דורכגעוועבט מיט פּוסטע, נאָר קלינ־

גענדיקע פראָזע, פסוקים און אַפאָריזמען פון געלערנטע, וואָס זענען קיינמאָל נישט געזאָגט געוואָרן, און ענגלישע שפּריכווערטער, וואָס זענען אַפילו זייער שאַרף און גוט געפּעפערט, נאָר זיי געהערן זיך לײדער ווינציק וואָס אָן צום עסק.

מיר קאָנען איבערגעבן נאָר דעם אינהאַלט פון דעם ספּיטש ווי ווייט מעגלעך אין קורצן:

„דעם מענטשנס לעבן, — אַזוי אומגעפער האָט מיסטער קלאָמער אָנגעהויבן זיין ספּיטש, — קאָן איינגעטיילט ווערן, ווי אונדזער יאָר, אין פיר עפּאָכן: פ ר י ל י נ ג, ז ו מ ע ר, ה אַ ר ב ס ט און ו ו י נ ט ע ר. דער פרילינג, מיינע לײדיעס ענד דזשענטלמען, דאָס איז די סאַמע בעסטע, די סאַמע ליבסטע, אָדער, ווי משה רבינו רופט עס אָן, די סאַמע פּאָעטישע צייט פונעם יאָר. דער פרילינג — דאָס איז די צייט, ווען אַלץ הייבט אָן אויפבליען, אויפוואַקסן, אויפלעבן, ווען דער סאָלאָווײ, ווי זאָגט היינע, איז אָלל־רייט, ווען דאָס יונגע האַרץ פונעם יונגן מענטשן הייבט אָן צו קלאַפּן מיט אַ געפיל פון ליבע. אָ! ליבע! — זאָגט וואָלטער. — ווער פון אונדז האָט נישט געטרונקען פון דעם באָקאַל דעם זיסן געטראַנק, וואָס זיין נאָמען איז ליבע? ווער פון אונדז — זאָגט טאָלסטאָי — איז נישט געווען יונג און פריש און נאָך לאַנגע מי און זוכעניש נישט געפונען די יעניקע, וואָס זאָל זיין די איינציקע באַגלייטערין פון זיין לעבנסוועג. וואָס קאָן דען זיין שענער, ערהאַבענער און הייליקער פון דעם געפיל, וואָס אונדזער אומשטערבלעכער שעקספּיר האָט געקרוינט מיטן נאָמען סימפּאַטיע? נאָך די אַמאָליקע גרויסע געלערנטע פון דער גאָר אַלטערצייט, ווי, צום ביישפּיל, קאַנט, סאָקראַטעס, דיאָגענעס, מעפיסטאָפילוס, און אויך אונדזערע תלמודיסטן האָבן געזאָגט, אַז אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף ליבע, אויף ליבע און אויף ליבע! אָן געלט — זאָגט איבסען — קאָן אַ מענטש זיין אָלל־רייט, אָבער אָן ליבע איז אונדזער לעבן פּוסט און לער און קלאָגעדיק, ווי אַ שיף אָן אַ רודער, אָדער ווי זאָגט דער איינגעלישמען: „לייק אַ באָדי ווידהאַוט אַ סאָול"...

„לײדיעס ענד דזשענטלמען! פילט איר נישט אָט דאָ, אין דעם אָוונט, ביי אָט דעם טיש, די אָנוועזנהייט פון דעם גליקלעכן פּאָר, וואָס דאָס הייליקע געפיל פון ליבע און סימפּאַטיע האָט צונויפגעבונדן זייערע יונגע הערצער, אמת אין געהיים, נאָר אויף יענער זייט אַטלאַנטיק? יאָ, מיינע הערן און דאַמען. אויף יענער זייט אַטלאַנטיק, נאָך אין דער אַלטער וועלט, האָט זיך ביי זיי די ליבע צעברענט און צעפלאַקערט אין, אַ העלישן פייער. זייער ראָמאַן, מיינע הערן און דאַמען, האָט זיך ווי אַלע ראָמאַנען, געפירט אין געהיים. נאָר הימל און ערד האָבן געשווירן, זאָגט עמיל זאָלאַ, אַז ס'זאָל נישט זיין קיין פאַרבאָרגענע זאַך אויף דער וועלט, אָדער ווי זאָגט איינגעלישמען: „יו קאַנגאָט האַיד אַן איל אין אַ סאַק".

„לײדיעס ענד דזשענטלמען! איר ווייסט מיין פּרינציפּ. עד בין אינדעפּענ־

דעט, אונאַבהענגלעך, דאָס מיינט, ער בין נישט דער מאַן, וואָס זאָל אַריינקוקן יענעם אין טעפּל אַריין, און עס ליגט נישט אין מיין כאַראַקטער יענעמס געהיימנים צו אַנטדעקן. יענעמס ביזנעס זענען נישט מיינע ביזנעס, עס גייט מער נישט אָן, ווי זאָגט דער איינגעלשמען: „ווהען פרענדס קוואָרל — אָל עלס קיפּ א סייד“...

„ליידיעס ענד דזשענטעלמען! דער גרויסער דיכטער מילטאָן האָט אַמאָל זיך אויסגעדריקט: „מיינט נישט, אַז מיר זענען אַזוי דום, אַז מיר זאָלן עס האַלטן פאַר אַן אומרעכט, וואָס א באָי האָט ליב א מיידל און א מיידל האָט ליב א באָי“. ער ווידערהאָל זיינע ווערטער און מיט באַזונדערן שטאָלץ קאָן ער אייך מיטטיילן, מיינע דאַמען און הערן, אַז ער און נאָך אייניקע פון מיינע פריינד, וועלכע געפינען זיך דאָ מיט אונדז, האָבן דאָס גליק געהאַט צו בייוווינען, נאָך ווערנד מיר זענען געווען מיט דעם ראָזיקן פּאָרל אויפן שיף, יענעם הויכן ערהאַבענעם מאָמענט, ווען די הייליקע ליבע זייערע איז פאַרזיגלט געוואָרן, ווי זאָגט בייראָן, מיט דער שבועה פון פרייהייט, איבערגעגעבנהייט און אייביקייט, ווען זייערע זעלן האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן, ווי זאָגט זענגוויל, אינעם שמעלצטאָפּ“...

„ליידיעס ענד דזשענטעלמען! דאָס איז געווען דער ערשטער אַקט פון א הערלעכן ראָמאַן, פון א הערצנס־דראַמע. דאָס איז א ראָמאַן, מיינע דאַמען און הערן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דאָרט, אין דער אַלטער וועלט. דאָס איז א דראַמע, פון וועלכן דעם לעצטן אַקט איז באַשערט צו פאַרענדיקן זיך דאָ, ווי זאָגט טעאָדאָר הערצל, אין דעם גליקלעכן לאַנד פון דאָלאַר. דאָ, איז דעם לאַנד, וועט געזאָגט ווערן דאָס לעצטע וואָרט. דאָ, אין דעם לאַנד, וועט פאַלן דער פאָרהאַנג; דאָ, אין דעם לאַנד, וועלן זיי זיין אָלל־רייט, אָדער ווי זאָגט שילער: „פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ“...

„ליידיעס ענד דזשענטעלמען! עס מאַכט מיר ערע און פאַרגעניגן אייך מיטצוטיילן, אַז אויסער דעם, וואָס די העלדן פון דיזן ראָמאַן זענען ביידע אָלל־רייט, דאָס הייסט — יונג און שיין און פריש, זענען זיי נאָך ביידע גלייך באַרימט און באַוווסט אין דער גאַנצער וועלט, פון איין עק ביזן אַנדערן, אויפן געביט פון קונסט אין יידישן טעאַטער: ער מיט זיין שפּילן, זי מיט איר זינגען“.

„ליידיעס ענד דזשענטעלמען! זאָל ער אייך זיי אָנרופן ביים נאָמען? ער מיין, ס'איז איבעריק, וואָרעם איר קענט זיי. אָט זיצן זיי דאָ האַנט ביי האַנט פאַר אייך, ווי די טייבעלעך. זי האָט איר שוין געוויס אַלע געהערט זינגען, אַלע האָט איר זי באַוווּנדערט און אַלע האָט איר אָנערקענט דעם שטערן פון בוענאָס־איירעס. און ער — איר אויסדערוויילטער — דאָס איז דער יונגער, נאָך איבעראַל שוין באַרימטער סטאַר פון בוקאַרעשט, וועלכע מיר וועלן האָבן דאָס פאַרגעניגן צו הערן און צו באַוווּנדערן נישט שפּעטער, ווי מאָרגן אין דער צייט, ביי זיין אויפטריט צום ערשטן מאָל אינעם באַרימטן ניקעל־טעאַטער. אויב איר האָט זיך באַזאָרגט מיט טיקעטס, זענט איר אָלל־רייט. און אויב איר האָט נאָך

נישט קיין טיקעטס, זאָלט איר זען מאָרגן גאַנץ פרי זער באַוואָרענען, ער בין איך נישט ערב, אַז איר וועט זיי קריגן, סיידן ביי ספעקולייטערס (איבער⸗קויפערס)".

„לײדיעס ענד דזשענטעלמען! ער קוק אויפן דיזן פּאָרל און ער זע זייערע פּנימער האָבן זער אָנגעצונדן אין א העליש פייער, און ער פּאָרשטיי זייערע געפילן אין דעם מאָמענט, ווען אונדזערע אלעמענס אויגן זענען אָנגעווענדט אויף דעם דאָזיקן גליקלעכן זיווג. לאָמיר זיי ווינטשן, זיי זאָלן זיין אָלל⸗רייט אין זייער לעבנס⸗קאַריערע נישט ווינציקער, ווי זיי זענען אָלל⸗רייט אויף דער בינע. עס לעבע די יידישע קונסט! עס לעבן אירע פּריסטער! עס לעבן אונדזערע סטאַרס! עס לעבן די הנאהבים והנעימים — דאָס ליבע⸗פּאָר! ער הויב אויף מיין טאָאַסט און לאָז אויס מיט די ווערטער פון שלמה המלך: קול חתן וקול כלה — הוררײ פיר מיסטער ראַפאַלעסקאָ! הוררײ פיר מיס הענריעטאַ שוואַלב!! הוררײ!!!"

— הוררײ! — האָבן אויסגעדונערט אלע געסט, אויפגעהויבן די באָקאַלן און געגריסט צום גליקלעכן פּאָרל, הענריעטאַ שוואַלב און לעאָ ראַפאַלעסקאָ.

קאַפּיטל זעקס און פופציק

דער צעבראָכענער טעלער

דאָס שרייען „הוררײ" און דאָס קלאַפּן זיך מיט די באָקאַלן נאָכן גלענצנדיקן ספּיטש פון מיסטער קלאַמער — דאָס איז געווען מער נישט אַז אָפיציעל, ווי עס פאָדערט דער מנהג, דער עטיקעט און די מאָדע. די רעכטע שמחה האָט זיך אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט, ווען די לאָמזשער חזנטע, צופרידן און גליקלעך פון דעם, וואָס די גדולה קומט פאָר ביי איר אין שטוב, האָט זיך אַזוי צעהיצט און צעפלאַקערט, אַזוי אריין אין אַזאַרט, אַז זי האָט געכאַפּט א טעלער איןביידע הענט, געגעבן אים א הויב אויף איבערן קאָפּ און א וואָרף אראָפּ, צעבראָכן אויף שטיקלעך, און, ווי אַן אמתע מחותנתטע, וואָס האָט דערלעבט אויסגעבן די מיזינקע, האָט זי אויסגעשריען:

— מזל⸗טוב!

— מזל⸗טוב! מזל⸗טוב! — האָט אונטערגעכאַפּט דער גאַנצער עולם, און די נאָענטע, די משפחה היימישע עס, האָבן זיך אַ לאָז געגעבן קושן מיט חתן⸗כלה. פריער פון אַלע, געוויינלעך, דער הויפט⸗מחותן — ניסל שוואַלב. דערנאָך דער ברודער איזאַק, מיסטער קלאַמער, מיסטער ניקעל, דער חזן, די חזנטע, ברײנדעלע קאָזאַק. און מחמת דאָס קושעניש איז געגאַנגען נישט על⸗פּי סדר, נאָר אלע אי⸗

נײַנעם, אײַנגם איבערן אַנדערן, ווי דער שטײַגער איז בײַ אַזעלכע שׂמחות, האָט זיך דער געגאָלטער רזשעגעטעלמען מיטן רויטן פּנים און מיט דער שפּיציקער נאָז מיישב געווען און האָט זיך פאַר גרויס אימפּעט אויך אַרומגעכאַפּט קושן מיט חתן־כּלה, דאָס הייסט — איינגטלער, נישט אַזוי מיטן חתן, ווי מיט דער כּלה.

די שׂמחה נאָכן צעבראָכענעם טעלער איז בײַם לאָמזשער חזן אין שטוב געוואָרן אַזוי גרויס, אַז עס האָט שוין געהאַלטן כּמעט בײַ גיין אַ טענצל.

— כאַפּט דאָס דער רוח! — האָט אויסגערופן ניסל שוואַלב, געעפנט נאָך עטלעכע פלעשלעך ווײַן, אָנגעגאָסן אַלעמען פולע גלעזער און זיך אויך נישט פאַרגעסן, — כאַפּט דאָס דער רוח! איך האָב נאָך הײַנטיקן אָוונט נישט פאַרזיכט איר זאָלט זאָגן אַ טראָפּן, ווי איר זעט מיך אַ שווימענדיקן! מיסטער קלאַכער און מיסטער ניקעל, לאָמיר טרינקען לחיים פאַר קאָלומבוסן, וואָס האָט אויסגעטראַכט אַזאַ טײַערע מדינה, ווי דאָס אַמעריקע. אַ זיסע מדינה, אַ גאָלדענע, אויף מיר אַזאַ יאָר! סײַ, חזן! וואָס זיצט איר מיר עפּעס, ווי אַ לאָמזשער שטאָט־באַלעבאָס אויף אַ בן־זכר? ווו זענען ערגעץ די קלאַפּערס, ימח שמם וזכרם? פאַרוואָס זינגט מען נישט עפּעס אַ פריילעכס? ברודער איזאַק, נעם אָקאָרשט אַרויס אַהער די מיסעס טשערניאַק פון טיש און כאַפּ מיט איר אַ טענצל, ווייז, וואָס דו קאָנסט. ליידיעס ענד רזשענטעלמען! מײַן ברודער טאַנצט, ווי אַ באַלערינע, כאָטש ער האָט אַ שווערן טראָט, איך זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוט!

בײַ די ווערטער האָט זיך דער מיסעס טשערניאַק (ברײַנדעלע קאָזאַק) אָנגעצונדן דאָס קײַלעכיקע פּנים און געברענט, ווי אַ שׂרפה, און דער ברודער איזאַק, וואָס איז שוין געווען אָנגעטרונקען געזונט, איז אויפגעשטאַנען און איז גרייט געווען צו באַווײַזן, וואָס ער קאָן. מיט איין וואָרט, בײַם לאָמזשער חזן אין שטוב איז געווען ששון ושׂמחה, אַ זעלטענער און פריילעכער קנס־מאָל. און דאָס גליקלעכע פּאָר? דאָס גליקלעכע פּאָר זענען געזעסן אויבנאָן, האַנט בײַ האַנט, מיט שײַנענדיקע און לויכטנדיקע פּנימער, ווי אמתע חתן־כּלה.

ניסל שוואַלב האָט געמעגט זײַן פריילעך. פון אַלע קאָמבינאַציעס, וואָס זײַן געניאַלער קאָפּ האָט ווען עס איז אַמאָל צוגעטראַכט, איז די דאָזיקע קאָמבינאַציע מיטן גלעזל טיי בײַם לאָמזשער חזן און מיטן ספּיטש פון מיסטער קלאַכער געווען אויבן נישט די בעסטע און גראָטנסטע. מע באַדאַרף איבערצוגעבן, אַז דערצו האָט אים נאָך געשפּילט די הצלחה אויך. ער האָט געטראָפן אין אַזאַ צײַט, ווען אונדזער יונגער העלד איז געווען, ווי מיר האָבן אויבן געזען, אין דער הינטער־פּלעט, אַרומגעבלאָנדזשעט אין ניו־יאָרק, ווי אין עולם־התוהו. פון איין זײַט, דער טעראָר פון דער נײַער וועלט מיט די נײַע מענטשן מיט דעם נײַעם אַרט לעבן, צו וועלכן אַ פרישער מענטש קאָן נישט אַזוי גיך געוווינט ווערן.

פון דער אנדערער זייט, דאָס פּויקן פון די בלעטער, דאָס בלאָזן מיטן פייפן, מיטן טרומייטערן, מיטן דערציילן וועגן אים גרויסקייטן, נסים ונפלאות, מיטן אויס־טראַכטן אויף אים זאַכן, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. און על כולם — די „שטיגוטערעס“, וואָס דרייען זיך ארום אים, לייגן אים פאָר גליקן, זאָגן אים צו הרים וגבעות, געווייגלעך, בסוד־סודות: „וויבאַלד נאָר ער פאַרלאָזט די יידישע בינע, זאָגן זיי, און גייט אריבער צו די אומות־העולם, אזוי עפנט זיך פאר אים א נייע וועלט“... דערביי האָט מען אים געבראַכט ביישפּילן פון באַרימטע סטאַרס פון די גרעסטע ענגלישע דראמאט'שע טעאַטערס און אָפּערעס, וואָס זענען פריער געווען אין פאַרגלייך מיט אים גאָרנישט שבגאָרנישט, מע קאָן זאָגן, פליגן קעגן א העלפאַנט — און היינט דארף מען האָבן א זכיה, מען זאָל זיי זען: „אייגענע הייזער, אייגענע ווילעס, אייגענע אויטאָמאָבילן און די שענסטע נקבות — כאַ־כאַ! און דווקא גיך, און דווקא געשווינד, וואָרעם ס'איז נישט יוראָפּ, ס'איז אַמעריקא, א לאנד פון האַררי־אָפּ“...

פאַרשטייט זיך, אז די אלע מעשיות, מימרות און זאָגעכצן האָבן פאַרדרייט דעם קאָפּ אונדזער העלד און צוגעגעבן אים קוראַזש, און ער האָט באַקומען חשק ארויסצוטרעטן וואָס גיכער אויף דער בינע, בכדי ער זאָל באַווייזן, ווער ער איז, וואָס ער פאַרמאָגט און וואָס ער איז בכוח צו געבן.

א סך האָט מיטגעהאָלפן דערצו אויך דאָס, וואָס ער איז געבליבן אָן אַן ענטפער אויף זיין אָפּנהאַרציקן בריוו, זיין ערשטן גרויסן בריוו אין זיין לעבן, וואָס ער האָט אוועקגעשריבן צו דער, וואָס איז אים געווען טייערער פון אַלצדינג אויף דער וועלט, וואָס ער האָט, ווי אַ הייליקטום, אַזאַ צייט אַרומגעטראָגן ביי זיך אין האַרצן...

נאָכגעקוקט די ניו־יאָרקער בלעטער, האָט ער אַלעמאָל באַגעגנט דעם נאָמען ראָזאַ ספּיוואַק אַלעמאָל צוזאַמען מיטן נאָמען פון גרישאַ סטעלמאַך, וואָס האָט זיך תמיד נאָכגעשלעפּט נאָך איר, ווי א פּריטשעפּע, און געשטאָכן אים די אויגן און געשניטן אים דאָס האַרץ. „לאָז זי זיין גליקלעך — האָט ער זיך געטראַכט — מיט איר גרישאַ סטעלמאַך; לאָז זי זיך מיט אים עלטערן אין עושר און אין כבוד; ענטפערן אויף מיין בריוו האָט זי דאָך געמעגט. אָדער זי איז אזוי גרויס געוואָרן און אזוי ווייט אוועק אין איר גרויסקייט, אז זי האָט שוין גאָר פאַר־געסן פון איר אמאָליקער היים? אָדער זי וויל אים נישט געדענקען? זי וויל עס איינגאַנצן פאַרגעסן, פאַרגעסן, ווי אַ בייזן חלום? וויבאַלד אזוי, היינט וואָס לייגט ער איין אזוי די וועלט נאָך איר? איז דען נישט גלייכער, אז ער אויך זאָל זי פאַרגעסן, פאַרגעסן, ווי א בייזן חלום?“...

ראַפאַלעסקאָ איז גרייט געווען סוף־כל־סוף פאַרגעסן, צוליב וועמען ער איז, אייגנטלעך, געקומען אהער און וועלכעס האָט אים, אייגנטלעך, געצויגן אהער, אינעם דאָזיקן לאנד. ער האָט זיך אליין געוואָלט איינרעדן, אז געקומען אהער

איז ער צוליב זיך, צוליב זיין אייגענער קאַריערע. און, ווי אַמאָל, אין די בעסערע ציימן, אַזוי אויך איצט איז אונדזער יונגער בעל־החלומות ארומגעגאַנגען אין אַ וועלט פון טרוימען און פאַנטאַזיעס. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז אָט איז איבערגעגאַנגען זיין ערשטע גאַסטראָל אין אַמעריקע אַזוי ווייט גלענצנד, אַז צום צווייטן ספּעקטאַקל האָט דאָס שוין גאָרנישט דערגרייכט: מע האָט אים אויפגעכאַפּט, אָדער, ווי מע רופט דאָס דאָרט, „געקידנעפּט", דאָס הייסט — צוגענומען פון דער יידישער בינע, באַצאָלט פאַר אים, וויפל מע האָט פאַרלאַנגט, און אָט איז ער שוין אויף דער ענגלישער בינע, אין איינעם פון די גרעסטע ניו־יאָרקער טעאַטערס, און דער נאָמען ראַפאַלעסקאָ קלינגט איבער אַמעריקע און דערגרייכט אַזש צו איר, צו דער באַרימטער ספּיוואַק, וואָס האַלט זיך אַזוי גרויס. אָ! דעמלט וועט ער זיך מיט איר רעכענען, ער וועט איר ווייזן, ווער עלטער איז. ער וועט איר שוין אויסלומירן אַלצדינג, וואָס ביי אים אויף דער נשמה. ער וועט איר אַרויסזאָגן דעם גאַנצן ריינעם אמת — אַז זי איז אים, אייגנטלעך, נישט ווערט; אַז זי האָט נישט פאַרדינט די לאַנגע נעכט, וואָס ער האָט איבער איר אַמאָל פאַרבראַכט אָן שלאָף; אַז ער איז געווען פאַרשיכורט, און איצט האָט ער זיך אויסגעניכטערט; אַז ער איז געווען אַ נאַר, און איצט איז ער קליגער געוואָרן; אַז ער איז געווען קראַנק, איצט האָט ער זיך שוין אויסגעהיילט, אינגאַנצן אויסגעהיילט...

אין אַזעלכע געדאַנקען האָט דער חתן גלייך מיט אַלע גענומען אַ כוסה נאָך אַ כוסה, געלאַכט און געפרייט זיך גלייך מיט אַלע אויף זיין אייגענער שמחה, אַליין נאָך נישט רעכט צעקייעט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען מיט אים אויף דעם אָוונט, אַליין נאָך נישט רעכט אָפּגעשאַצט דעם ווערט און די באַדייטונג פונעם צעבראָכענעם טעלער...

קאַפּיטל זיבן און פופציק

אין ניקעל־טעאַטער

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט זיך אונדזער העלד אויפגעכאַפּט מיט אַ זעלטענעם קאָפּווייטיק. ער האָט נאָך נישט ציים געהאַט זיך אויסניכטערן פונעם משאַד, זיך אַרומקוקן, וווּ ער איז אין דער וועלט נאָכן נעכטיקן אָוונט, האָט מען אים שוין אויפגעכאַפּט און אַוועקגעפירט אין ניקעל־טעאַטער אויף פּראָבע. דאָרט האָט מען אים געזאָגט, וועלן זיין אַ פּאָר „סטאַרס" פון אַנדערע יידישע טעאַטערס, וואָס ווילן אים זען, און אויך אַ פּאָר רעצענזענטן פון ענגלישע צייטונגען.

זינט ראַפאַלעסקאָ איז אַן אַרטיסט, געדענקט ער נישט, ער זאָל ווען אַזוי וועלן אויסנעמען מיט זיין שפּילן, ווי ער האָט עס געוואָלט איצינד, ביי זיין ערשטן

אַרויסטרעטן אין דער שטאָט ניו־יאָרק. קיינמאָל האָט ער נאָך אַזוי נישט געברענט נאָך דערפאָלג, נאָך כבוד, נאָך באַרימט זיין, ווי אין דעם דאָזיקן ערשטן אָוונט, וואָס ער האָט זיך באַדאַרפט באַווייזן פאַרן גרויסן פובליקום אינעם פולגעפּאַקטן ניקעל־טעאַטער. קיינמאָל האָט אים נאָך אַזוי דאָס האַרץ נישט עקלאַפּט אין קיינמאָל איז ער נאָך אַזוי נישט געווען אין דער לאַגע פון א שילער, וואָס גייט צום פאַרהערן זיך און וואָס האָט זיך דאָס וואָרט געגעבן, אז ער מוז אויסהאַלטן דעם עקזאַמען גלענצנד, מיטן גרעסטן נצחון.

וואָס איז דער חידוש, וואָס אלע אנדערע אינטערעסן זענען ביי אים דעם דאָזיקן טאָג אוועק אויף א זייט? וואָס איז דער חידוש, וואָס אלע אנדערע אינטערעסן האָבן אָפּגעטראָטן זייער פּלאַץ נאָר איין אינטערעס: געפעלן וועלן די ניו־יאָרקער יידן, געמען דעם עולם אויף זיכער? יענעם אָוונט האָט זיך אויפגעכאַפּט דער ארטיסט, דער אמתער ארטיסט, מיט דעם גאַנצן פייער און מיטן גאַנצן פיבער פון אַן אַרטיסט, וואָס מאַכט ברענען די אויגן, וואָס מאַכט זידן דאָס בלוט און גיט אים כוח און קראַפט צו שאַפן גרויסקייט, צו באַווייזן וואונדער.

* * *

אז מע לעבט, דערלעבט מען זיך. געקומען דער טאָג פונעם גרויסן עקזאַמען פאַר דעם נייעם „יידישן שטערן פון בוקאַרעשט“, וואָס די פּרעסע האָט אים אַזוי געהויבן, אַוועקגעשטעלט אין איין ריי מיט די סאַמע גדולים, ווי, למשל, זאַנגענטאַל, שילדקרויט, אירווינג, פּאָססאַרט, ראָססי און אנדערע.

דאָס שיינע גרויסע ניקעל־טעאַטער איז געווען פול געפּאַקט און שיין אויפגעפּוצט. פון די דירעקטאָרן ביז די אָשערס זענען אלע געווען יום־טובדיק געשטימט און אויפגעלייגט. אויך דאָס פובליקום איז געווען האָפערדיק. עס האָט זיך געפילט מער בענעפיס, ערן־אָוונט, איידער פּראָבע־נומער פון א דעביוטאַנט, וואָס טרעט אויף צום ערשטן מאָל פאַר א גרויס פובליקום. און דאָס פובליקום איז באמת געווען גרויס. אויסער דעם געוויינלעכן פובליקום, וואָס פילט אָן אלע נאַכט די גאַלעריע פון אלע יידישע טעאַטערס אין ניו־יאָרק, האָט מען אין ניקעל־טעאַטער אין דעם דאָזיקן אָוונט געקאָנט זען אין די באָקסעס, אַזוי ווי אין פּאַרטער, א מאַסע נייע פּאַרשוינען, צווישן זיי פיל אינטעליגענטן, און אויך א פּאָר קריסטן, ארום וועלכע דער דירעקטאָר ניקעל האָט זיך מיט גרויס רעספּעקט און אונטערטעניקייט ארומגעדרייט, אליין אָנגעוויזן זיי זייערע פּלעצער, אליין אונטערגעטראָגן זיי דאָס פּראָגראַם, כאָטש דאָס איז נישט זיין אַרבעט. נאָר מיסטער ניקעל איז דאָך א ייד. און א ייד, ער מעג זיך זיין א פרייער בירגער פונעם פרייען אַמעריקע, האָט ער פאַר אַ גוי דאָך מער דרך־ארץ, ווי

פֿאַר אַ ייִדן, וואָרעם קוים האָט אַ גוי זיך אַראָפּגעלאָזט צו די ייִדן אין אַ ייִדיש טעאַטער, קומט אים, מע זאָל אים אָפּגעבן כּבֿוד...

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיסטער ניקעל האָט אויסגענוצט דעם האָזיקן צופֿאַל, ווי אַ גוטע רעקלאַמע פֿאַר זיין טעאַטער. ער האָט איינגערוימט יעדן איינציקן אַז אַנדערן סוד, ווער די גויים זענען. ער האָט אָנגערופֿן נעמען פֿון דער הגדה און פֿאַרשווינגען פֿון שושן הבירה, גאָר נישט געקוקט דערויף, וואָס אַ סך האָבן געוווּסט, אַז דאָס זענען נישט מער ווי צוויי ברידער, מענעדזשערס פֿון אַ גרויס אַמעריקאַניש דראַמאַטיש טעאַטער.

די ניו-יאָרקער בלעטער האָבן אַזויפֿיל געבומט וועגן דעם נייעם „שטערן פֿון בוקאַרעשט“, אַז די צוויי באַוווּסטע מענעדזשערס פֿונעם דראַמאַטישן טעאַטער האָבן זיך נישט אויף קאַטאָוועס פֿאַראינטערעסירט מיט דעם יונגן ייִדישן סטאַר, טאָמער — אַ קשיא אויף אַ מעשה — אויב ס'איז אַפֿילו האַלב אמת, וואָס מע שרייבט, וועט מען אים אפֿשר קאָנען „קידנעפּן“? צו וואָס באַדאַרפֿן ייִדן האָבן ביי זיך אַ זאָנענטאַל, אַ שילדקרויט, אַן אירווינג, אַ פּאָססאַרט, אָדער אַ ראָססי? דאָס איז דאָך אַ פֿאַקט, וואָס ייִדן אַליין וועלן נישט אָפּלייקענען, אַז זיי זענען אַ פֿאָלק פֿון ליפֿעראַנטן, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען ליפֿערן באַרימטקייטן, צושטעלן דער וועלט דאָס בעסטע און דאָס פֿיינסטע, וואָס זיי פֿאַרמאָגן...

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז עס האָבן נישט געפֿעלט אין יענעם אָוונט קיין רעפּאָרטערס פֿון ציַיטונגען, ענגלישע, אַזוי ווי ייִדישע. דאָס זענען וווילע יונגן, איינס און איינס, געראָוכערטע ליולקעס, געגאָלטע פּנימער, לעבעדיקע אויגן, דורכגעטריבענע פֿאַרשוינען, וואָס שרייבן לויפֿנדיק, עסן גייענדיק, שלאָפֿן זיצנדיק מיט אַ פֿאָנטען-פּען אין האַנט.

צווישן דער מחנה רעפּאָרטערס זענען געווען אין ניקעל-טעאַטער אויך אונדזערע באַקאַנטע „חכמי הקיבעצאַרניע“, די געוויסע רעדלפֿירער, פּאָליטיקער, פּאָעטן, פּובליציסטן און רעדאַקטאָרעס פֿון ציַיטונגען, אָנגעוואָפֿנט מיט כּלי-זיין, אויף מלחמה צו האַלטן און פֿיקירן זיך וועגן דעם נייעם „סטאַר“, וואָרעם וויבאַלד אַז ער איז ביי איינעם אַ גאון, איז ער בײַם אַנדערן אַ יאָלד שביאָלדן; וויבאַלד ער איז ביי דעם אַ זאָנענטאַל, אַן אירווינג, אַ פּאָססאַרט און אַ ראָססי, איז ער ביי יענעם אַ „גרינהאָרן“, אַ „פֿער-פֿויגל“, אַ „חיים-יאַנקל“, אַ „רומעניש פּאָסטיכל“, אַ „טשעקאַווע בחורל“ — נישט מער.

יאָ, עס האָט זיך געגרייט אַ קאָכעניש אין דער ייִדישער טעאַטער-וועלט אין ניו-יאָרק. סיי די „פּאַטריאָטן“ פֿון ניקעל-טעאַטער, סיי דער „צד שכנגדו“ פֿון די אַנדערע טעאַטערס, זענען געקומען מיט פֿאַרטיקע רעצענזיעס פֿאַר די מאָרגנדיקע ציַיטונגען, וועלכע זיי רעפּרעזענטירן.

ביי אזעלכע אומגעוויינלעכע ספעקטאַקלען נעמען געוויינלעך די רעדאַקטאָרן אַליין אויף זיך די ראָל פון רעצענזענטן. ביי איין רעדאַקטאָר פון אַ פּאָרגעשריטענער צייטונג האָט זיך די רעצענזיע באַדאַרפט אָנהייבן מאָרגן אַזוי צו זאָגן:

„שוין לאַנג האָבן די ווענט פון ניקעל־טעאַטער אַזוי נישט געדונערט פון אומגעוויינלעכן אַפּלויז, און דער ענטוזיאַזם פון פּובליקום, וואָס האָט געכטן דערגרייכט ביז צו דער העכסטער שטופע, האָט באַדאַרפט איבערצייגן אונדזערע איבערגעקויפטע בעסטיאַלע קעגנערס, אַז...“

און ביים אַנדערן נאָך מער פּאָרגעשריטענעם רעדאַקטאָר האָט זיך די מאָרגנדיקע רעצענזיע באַדאַרפט אָנהייבן מיט די דאָזיקע ווערטער:

„דער געכטיקער מוראַדיקער דורכפאַל אין ניקעל־טעאַטער וועט זיין אַ גוטער לעסאָן פאַר די צווייפוסיקע אייזלען, וועלכע לייגן זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו מאַכן פון אַ וואָרט אַ קוואָרט און וועלכע וועלן אייך פאַר אַ דאָלאַר...“

מיט איינעם וואָרט, עס איז געווען, מעג מען זאָגן, אַ הויכע שטימונג אין ניקעל־טעאַטער. אַלעמענס נערוון זענען געווען אָנגעשטרענגט, אַלעמענס אויגן האָבן געקערט אַהין, צום פאָרהאַנג, וואָס האָט זיך באַדאַרפט אויפהייבן. און אָט זענען אויסגעלאָשן געוואָרן די פייערן. אָט האָט זיך אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג.

אין דער מינוט זענען מיט שטילע טריט אַריינגעקומען דריי עלעגאַנט געקליידעטע פאַרשוינען, וואָס זענען געהאַט צוגעפאָרן צום טעאַטער אין אַ זייער עלעגאַנטן מאָטאָרקאַר מיט אַ „בלעקדרייווער“ אין פראָנט און געהייסן זיך צופירן גלייך צו דער לאָזשע נומער דריי — די טייערסטע וואָס אין ניקעל־טעאַטער.

די דריי פאַרשוינען זענען באַשטאַנען פון איינעם אַן עלטערן מיט אַ היפשן בייכל, איינעם נאָך גאָר אַ יונגן אין אַ ברייטן קאַפעליוש, שטאַרק אָנגערוקט אויף די אויגן, און מיט דעם יונגנמאַן אונטער די הענט — אַ יונגע דאַמע אונטער אַ געדיכטן שלייער. דאָס יונגע פאָרל האָט דער עלטערער פאַרשוין, וואָס מיטן בייכל, אָפּגעפירט צו דער טיר פון דער לאָזשע נומער דריי. דאָס פאָרל איז אַריין אין דער לאָזשע. דער שוואַרצער מענטש, דער נעגער, איז געבליבן פון דער זייט טיר מיט אַ דאַמענמאַנטל און מיט אַ פלעדער אויף דער האַנט, און דער עלטערער פאַרשוין, וואָס מיטן בייכל, האָט זיך אומגעקערט צוריק און געלאָזט זיך דורכן לאַנגן שמאָלן קאָרידאָר אין פאַרטער אַריין.

דאַרף זיך טרעפן, אַז אַקוראַט אין דער מינוט זאָל דורכלויפן דעם שמאָלן קאָרידאָר איינער פון די דירעקטאָרן, ניסל שוואַלב, און באַגעגענען זיך אַ נאָז קעגן אַ נאָז מיטן עלטערן פאַרשוין, וואָס מיטן בייכל. ביידע, סיי דער פאַרשוין, וואָס מיטן בייכל, סיי ניסל שוואַלב, האָבן זיך אַ וואָרף געגעבן צוריק, געבליבן שטיין אַ ווילע און אַ קוק געגעבן זיך איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן אַריין,

צעגאַנגען זיך, ווידער געבליבן שטיין און ווידער אַ קוק אין די אויגן אריין. דאָס איבערקוקן זיך מיטן שטיין בלייבן האָבן אָבער מער נישט גענומען ביי זיי ווי אַ צוויי דריי סעקונדן, און איידער ביידע האָבן זיך געקאָנט דערמאָנען, ווער מען איז, האָט מען זיך צעשיידט: דער פּאַרשוין, וואָס מיטן בייכל, האָט זיך אַוועקגע־לאָזט אין פּאַרטער אריין, און נים שוואַלב איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין און אַ זאָג געגעבן צו זיך אַליין: „נישט ישוין זשע איז דאָס דער אייגענער לאַמטי־דריידאָם? וואָס זשע האָט ער מיר אָנגעפייפט אין זיין באָרד?" און באַלד איז ער אַוועק צו דער קאַכע, אויפגעזוכט זיין שותּף, דעם באַלעבאָס פון טעאַטער, דעם מיסטער ניקעל אַליין, און עס האָט זיך פאַרבונדן צווישן זיי אַ קורצער, נאָר אַ שאַרפער געשפּרעך, וועלכן מיר גיבן דאָ איבער וואָרט ביי וואָרט:

— ווער איז דאָס פּאָרל, וואָס זיצט אין דער לאָזשע נומער דריי מיט אַ שוואַרצן מענטשן ביי דער טיר?

מיסטער ניקעל איז אַ פּאַרשוין, וואָס האָט פיינט לאַנג טראַכטן.

— אין באַקס נומער דריי? אויב נישט דזשייקאָב שיף, איז דאָס לואי מאַרשאַל.

— אויב איר זענט נישט קיין בלאָפער, זענט איר אַן אידיאָט.

מיסטער ניקעל האָט אַריינגעלייגט ביידע הענט אין די קעשענעס און האָט געשענקט זיין קאָמפּאַניאָן אַזאַ פריינדלעכן קוק, גלייך ווי יענער וואָלט אים נאָר וואָס געמאַכט דעם בעסטן קאָמפּלימענט.

— ווער זשע דען זאָל עס זיין?

— אָט אַזוי זשע רעדט און דרייט נישט קיין יאַרמעלקע! אָט דער לאַמ־טידריידאָם, וואָס האָט אָפּגעפירט דאָס פּאָרל אין דער לאָזשע נומער דריי, זאָל מיר נישט געווען אָנפייפן אין זיין באָרד אריין, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס איז סטעלמאַך.

מיסטער ניקעל איז געבליבן מטושטש, ווי אַ מענטש, וואָס מע האָט אים צעטרייסלט, צעקוליטשעט זיינע מחשבות.

— וואָסער לאַמטידריידאָם? וועמענס באָרד? און ווער איז געווען דער סטעלמאַך?

— מיר פּאַר דיין חכמה, ליכטיקער פּנים! איר מאַכט זיך תּמעוואַטע? צי איר זענט טאַקע אַ בהמה? צי איר זענט נישט קיין היגער? איר האָט קיינמאָל נישט געהערט דעם נאָמען גרישאַ סטעלמאַך?

— גרישאַ סטעלמאַך?!

מיסטער ניקעל איז אונטערגעשפּרונגען, זיך דערלאַנגט צוויי פּעטש אין ביידע באַקן, פריער אין דער רעכטער, דערנאָך אין דער לינקער, און האָט אויף זיך אַליין אַ זאָג געגעבן אונטער דער נאָז אַזאַ וואָרט, וואָס לאָזט זיך נישט

דרוקן אונטער קיין צענזור, נישט דאָ, נישט אין אמעריקע... נאָכדעם האָט ער אויסגעשריען דריי מאָל, שוין גאַנץ הויך, אויף אַ קול:

— איך בין אַן אידיאָט און אַן אידיאָט און אַן אידיאָט!

— הערסטו! דאָס זאָג איך דאָך שוין לאַנג.

מיסטער ניקעל האָט דאָס דורכגעלאָזט פאַרביי און איז געוואָרן מלא שמחה:

— טע־טע־טע! ווייבאַלד דאָס איז גרישאַ סטעלמאַך, ווייס איך שוין, ווער די יפהפיה איז. אַנישט זאָל איך נישט דערלעבן טאָג.

— אָמן. ווער זשע איז זי?

— מיס ראָזאַליאַ ספּייוואַק.

— ראָזאַליאַ ספּייוואַק?

דאָ האָט זיך שוין ניסל שוואַלב דערלאַנגט אַ פּאַטש אין שטערן, איבערגעלאָזט דעם שותף ביי דער קאַסע און אליין איז ער אוועק אין פּאַרטער, נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף זיין אַלטן באַקאַנטן און זיך איבערצייגן, אויב דאָס איז טאַקע דער „לאַמטידריידאָם, וואָס האָט אים אָנגעפּייפּט אין זיין באָרד“.

קאַפּיטל אַכט און פופציק

ראַפּאַלעסקאָ שאַפט

אז דער שווערער פאָרהאַנג פון ניקעל־טעאַטער האָט זיך מיט אַ רעש אויפגעהויבן ארויף, האָט דער ים פון קעפּ אינעם האַלב־פינצטערן גרויסן זאַל זיך ווי אַ ריר געגעבן פאַר זיינע אויגן און אַ קיל ווינטל איז ווי איבערגעגאַנגען איבערן דאָזיקן ים. אַ מינוט צייט האָט נאָך אָפּגעהאַלטן אַ שטילער רעש, ווען דאָס פּובליקום מאַכט זיך גרייט צו זען און צו הערן. נאָר באַלד איז אריינגעטראָטן די געוואונטשענע שטילקייט, יענע אָנגענעמע ווייכע הייליקע שטילקייט, וואָס נעמט ארום דעם ארטיסט פון אלע זייטן, כאַפּט אים אויף אין דער הויך, ווי אויף פליגלען, און טראָגט אים אַוועק פון דער בינע ארויף, איבערן ים פון קעפּ, און מאַכט אים שוועבן איבער דער אוידיטאָריע. יענע הייליקע שטילקייט, וואָס רירט אָן די איידלסטע סטרונעס פון דער נשמה און ציט ארויס די פיינסטע טענער פונעם טאַלאַנט און מאַכט דעם אַרטיסט געוועלטיקן איבערן פּובליקום.

לעאָ ראַפּאַלעסקאָ האָט יענעם אָוונט געוועלטיקט איבערן ניו־יאָרקער פּובליקום פון ניקעל־טעאַטער.

געשטעלט האָט מען, ווי אלעמאָל ביי זיין ערשטן ארויסטריט, „אוריאל אַקאָסטאַ“. פון דער ערשטער מינוט, וואָס אוריאל האָט זיך באַוויזן אויף דער סצענע, איז ער געווען דער מיטלפּונקט, וואָס אויף אים האָבן געקוקט אַלע

אויגן. דער האָזיקער זיידענער יונגערמאַנטשיק, מיטן שיינעם איידעלן בלאַסן געזיכט, מיט די לאַנגע האָר, מיט די גרויסע אויסגעמאַטערטע אויגן, מיטן נאָר וואָס אויסגעשאָטן בלאָנדן בערדל און מיטן אָפענעם האַלדז, האָט זיך געבעטן פאַרגלייכן מיט יעזוס קריסטוס.

מיט א מאָדנעם כוח האָט ער געצויגן צו זיך די סימפאַטיע פונעם גאַנצן פובליקום. עפעס איז געלעגן שוין אין זיין האַלטן זיך און אין זיין שטימע אליין די דאָזיקע קראַפט, וואָס מאַכט זיך באַליבט ביים צוהערער. א באַזונדערער חן איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין יעדן טריט און אויף זיין יעדן ריר טאָן זיך אויף דער בינע. און די איבערגאַנגען פון איין געשטאַלט צו דער אנדערער זענען געווען העכסט נאַטירלעך און זייער רייך אין פאַרבן. אָט איז געשטאַנען פאר אייך א יונגער דענקער, וואָס שמועסט זיך אויס מיטן דאָקטאָר דע־סילוואַ אויף דעם שטייגער, ווי עס רעדט א יונגערמאַן פון בית־מדרש, א יונגערמאַן א פילאָזאָף, פון ענינים הויכע, פון זאכן הימלישע.

„איך וויל נישט זאָגן, אז איך ווייז אָן דעם רעכטן אמת, וואָס אלע מוזן אים מודה זיין. אָ, ניין! איך ווייס נאָר, אז מיין נישט־וויסן הייסט מיר נאָכפאָרשן. מיין בלינדקייט הייסט מיר שאַרפער קוקן. מיין טויבקייט הייסט מיך בעסער זיך צוהערן“... ביי די ווערטער: „מיין בלינדקייט“ באַווייזט ער אויף די אויגן; „מיין טויבקייט“ — באַווייזט ער אויף די אויערן, — אלע פאַסטעמקעס פון א יידישן לערנער, פון א בית־מדרש־משכיל, און מיר זאָגן נאָכאמאָל: פון א זיידענעם יונגנמאַן, וואָס איז פול מיט באַזונדערן חן, מיט סימפאַטיע.

עס מישט זיך אריין אינעם געשפרעך דער חתן פון זיין געליבטער יהודית, און עס בייט זיך איבער ביי אים די פיזיאָנאָמיע, און איר זעט שוין פאר זיך נישט מער קיין פילאָזאָף, נאָר א פאַרליבטן, וואָס רעדט פון זיין געליבטער, וועלכע פאַלט אריין אין פרעמדע הענט, מיט התפעלות, מיט באַגייסטערונג:

„זי איז פונעם הימל אויף דער ערד אַראָפּגעשיקט געוואָרן... זי איז אַן אוצר פון גאָט“, — זאָגט ער מיט התלהבות, און פלוצים טוט ער זיך אַ וואָרף צו איר חתן בן־יוחאי מיט ליבע, מיט געבעט און מיט תחנונים, נעמט אים אָן ביי דער האַנט:

„אָ, ריר זיך נישט צו צו איר מיט דער אייגענער האַנט, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט געלט!... בעטן, דאַווענען, תפילה טאָן דאַרפט איר פאַר איר!“...

און באַלד, ווי נאָר עס קומט אַריין דער יידישער טריבונאַל, דער רב דע־כאַנטאָס מיט די שמשים, איבערצוגעבן אוריאל אַקאָסטאַס בוך אויף צו משפטן אים אַלס אַפיקורס, ווערט שוין ווידער איינגאַנצן איבערגעביטן אַקאָסטאַס פנים

מיט דער געשטאַלט, מיטן קוק. עס שטייט שוין פאַר אייך אַ מאַרטירער, וואָס פרומע מענטשן, פאַרבלענדטע פאַנאַטיקער, אָפּגעריסענע פון דער וועלט, יאָגן אים ער חרמה, ווילן אים אָדער מאַכן דענקען דווקא אַזוי ווי זיי, אָדער נוקם זיין זיך ביזן בלוט.

דאָ האָט מען באַדאַרפט אָנקוקן ראַפּאַלעסקאָס אויגן, ווי זיי שפּילן, און ראַפּאַלעסקאָס פּנים, ווי עס מיניעט זיך און בייט זיך פון מינוט צו מינוט און גיט אַרויס די גאַנצע טראַגעדיע פון זיין לעבן, דאָס גאַנצע ליידן פון זיין האַרצן, דעם גאַנצן פּיין פון זיין נשמה, און דווקא אָן סקאַרבאָווע געגג, אָן משונה־ווילדע העוויות, נישט געכאַפּט זיך מיט די הענט ביים האַרצן, נישט געריסן זיך ביי די לאַנגע האָר פונעם פּאַרוק, נישט געבראָכן די הענט, נישט געשפּאַנט איבער דער סצענע מיט ברייטע טריט, נישט געמאַכט קיין קרום פּנים.

אַלע האָבן געמוזט מודה זיין, אַז דאָס שטייט אַ געבוירענער מייסטער, א גרויסער קינסטלער, אַ פּאָעט פון זיין ליבן נאָמען, אַן אַרטיסט פון גאָטס גענאָד, וואָס נישט נאָר ער שפּילט, נאָר ער לעבט און שאַפט און טוט אויף נייעם אויף דער בינע.

אַלע האָבן געמוזט מודה זיין, אַז דער אקאָסטא, וואָס ראַפּאַלעסקאָ האָט זיי געגעבן, איז זיין אייגענער אקאָסטאַ, נישט קיין אויסגעלייענטער פון אַ ביכל, נאָר אַ טיפּ, וואָס ער האָט אים נאָך לאַנגער מי און שטודירן אליין באַשאַפן.

צום סוף פונעם ערשטן אקט, ווען אקאָסטא בלייבט אליין, האָט זיך ראַפּאַלעסקאָ ווידער איבערגעביטן און אויפן אָרט פון א גערודפטן מאַרטירער איז שוין געשטאַנען א העלד, וואָס איז גרייט צו מלחמה האַלטן, נישט קעגן האַרצן, נאָר קעגן פאַרשטאַנד.

„אָ, בן־יוחאי, האָסט אַ גרויסן טעות! דער, וואָס איז געוווינט צו קעמפן פאַרן אמת, דער וועט נישט לאָזן טרעטן מיט די פיס זיין גאָלדענע קרוין“...

דאָ האָט ראַפּאַלעסקאָ אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט אַרויף, און אַלעמען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מע זעט פאַר זיך אַ געקרוינטן, אויב נישט מיט אַ גאָלדענער קרוין, איז מיט אַ קרוין פון צרות, פון יסורים און פּיין. און אַלעמענס סימפּאַטיעס זענען געווען אויף זיין זייט, און אַלעמענס הערצער האָבן געקלאַפּט פאַר אים. און עס האָט פאַרדראָסן, וואָס דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ אַזוי גיך. אַלעמען האָט זיך געוואָלט אָנקוקן אָט דעם שיינעם ליבן איידעלן אוריאל אַקאָסטאַ נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. און אַלע האָבן נישט אויפגעהערט צו שרייען: „ראַפּאַלעסקאָ! ראַפּאַלעסקאָ!“ און ראַפּאַלעסקאָ האָט נישט אויפגעהערט צו באַווייזן זיך פאַרן פּובליקום נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

ניין, דאָס ניו־יאָרקער ניקעל־טעאַטער האָט שוין לאַנג נישט געהאַט אַזעלכע קולות מיט אַזעלכע געוואַלדן, מיט אַזעלכע אַפּלאָדיסמענטן. די מענעדזשערס פון ניקעל־טעאַטער און די חברים פון דער קאָמונע „קלאַמער, שוואלב עט קאָמפּ.“ זענען געווען אויפן זיבעטן הימל, און די שונאים, די פּאַטריאָטן פון אַנדערע טעאַטערס, וואָס האָבן זיך געקליבן אויספייפן דעם דאָזיקן „גרינהאָרן“, און די זאַיאַדלע קיבעצאַרניע־קריטיקער, וואָס האָבן געשאַרפט די ציין אויפן יידישן „באָסאַרט־באַרגיי־איראווינג־ראָססי“, האָבן זיך געביסן די נעגל. זיי האָבן פונ־דיעסטוועגן נאָך נישט פאַרלוירן זייער גאַנצע האָפענונג:

— עט! די נאַכט איז נאָך גרויס, — האָבן זיי זיך געטרייסט, — און די טראַגעדיע פון קאַרל גוצקאָוו האָט פינף אַקטן...

קאַפּיטל ניין און פופציק

צווישן די אַקטן

נאָכן ערשטן אַקט, בעת אַנטראַקט, איז אין ניקעל־טעאַטער, ווי אין אַלע טעאַטערס בעת בענעפיס, געווען אַ רעש מיט אַ געטומל מיט אַ הו־האַ. איטלעכן האָט זיך געגליסט איבערגעבן איינער דעם אַנדערן, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף אים געמאַכט דער נייער „סטאַר“. דער נאָמען ראַפאַלעסקאָ האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן אומעטום: אונטן, אין פּאַרטער און אין די לאָזשעס, אַזוי ווי גאַנץ אויבן, אויף דער גאַלעריע. יעדער האָט דערציילט די ביאָגראַפיע פונעם דאָזיקן יונגן אַרטיסט, לויט ער האָט דאָס אויסגעלייענט פון זיין „פּיי־פּער“. דאָס האָט באַוויזן, ווי ווייט דאָס טעאַטער און די „פּרעסס“ זענען אין ניו־יאָרק געבונדן אינאיינעם. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אומעטום אין אַלע פּיי־פּערס האָט די דאָזיקע ביאָגראַפיע געשטימט, און נישט אַלע מיינונגען איבערן אַרטיסט זענען געווען גלייך. אייך דאָס דאַרף מען צוגעבן, אַז נישט אַלע האָבן געוווּסט, וואָס אוריאל אַקאָסטאַ איז און ווער איז דער פאַרפאַסער פון דער טראַ־געדיע: לאַטיינער, גאָרדין, ליבין אָדער פּראָפעסאָר יאַקאָבי? עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן דערוואַרט פון די שפּעטערדיקע אַקטן עפּעס אַ מין „משה“ אָדער אַן אַנדער לידל. און דאָס האָט באַוויזן, ווי ווייט דאָס גרויסע פּובּ־ליקום איז אַנטוויקלט אינעם געשמאַק פאַר קונסט... דאָך מוזן מיר זאָגן, אַז כמעט אַלע האָבן זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון אַ נייער קראַפט, פון אַ כוח, וואָס יעדער פאַרשטייט אים אפשר נישט מיטן שכל, נאָר ער פילט אים מיטן האַרצן, מיטן אינעווייניקסטן אינסטינקט. און דעריבער האָט זיך כמעט יעדער איינציקער געאיילט איבערצוגעבן דעם צווייטן, אַזוי ווייט ווי ער קאָן, אַליין, וואָס ער

האָט געפֿילט און וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן פֿונעם דאָזיקן נייעם שטערן ראַפּאַלעסקאָ.

נאָר איינער איז געווען אין טעאַטער אַן עלנטער נעבעך, וואָס האָט נישט געהאַט מיט וועמען צו טיילן זיין תענוג און דעם אמתן פֿאַרגעניגן, וואָס ער האָט געהאַט פֿונעם דאָזיקן אָוונט. דאָס איז געווען אונדזער „ליוביטעל״ פֿון יידישן טעאַטער, מאיר סטעלמאַך.

מאיר סטעלמאַך האָט נישט נאָר געקליבן תענוג, ער האָט נישט נאָר פֿאַר זיין געלט געשעפּט פֿאַרגעניגן מיטן פֿולן מויל — ער האָט זיך פּשוט געשמאָלצן, צעגאַנגען ווי אַ וואַקס און נישט געהאַט, ליידער, מיט וועמען אַ וואָרט אויסצו־רעדן. האָט ער זיך מיישב געווען, ער וועט זיך שטילערהייט אַריינכאַפּן אין דער לאָזשע נומער דריי, ערשטנס, געוויר ווערן צו די קינדער און, צווייטנס, הערן, וואָס וועלן זיי עפּעס זאָגן אויף דעם אַנטיק, אויף דעם דאָזיקן ראַפּאַלעסקאָ?

נישט אָפּגעגאַנגען קיין דריי טריט, איז אונדזער סטעלמאַך געבליבן שטיין אין מיטן דרינען. אַקעגן אים איז אויסגעוואָקסן דער זעלבער ריז, וואָס האָט זיך באַגעגנט מיט אים אין קאָרידאָר. עפּעס זייער אַ קענטלעכער פּאַרשוין. מיט אַ פֿריילעך לאַכנדיק פּנים איז ער געשטאַנען אַקעגן סטעלמאַכן און געקוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין.

דאָס איז געווען ניסל שוואַלב.

— שלום עליכם אייך, לאַמטעדרעדייוודעם! איר האָט מיך נישט דערקענט? ווי קומט עס? אין לאָנדאָן זענען מיר געווען גאָר נאָענטע שמעלקעס. איך בין אַפֿילו געווען ביי אייך צוגאַסט, געדענקט איר? דאָס הייסט, איך בין געשטאַנען אין דרויסן ביי דער טיר, און איר האָט געשיקט זאָגן, אַז איר זענט נישטאָ אין דער היים. איך האָב אייך דערקענט אין קול. האָב איך אייך אַפֿילו באַלד געוואָלט מאַכן אַ סקאַנדאַל, ווי איר זעט מיך אַ שווימענדיקן. נאָר איך האָב מיך מיישב געווען: נעווער מיינד (מילא), לאָז ער איבערגיין אויף אַנדערע הענט. איך בין ביי אייך געווען, אויב איר געדענקט, נישט צוליב זיך, צוליב אַן אַנדערן. צוליבן לאָמזשער חזן מיט זיין געזינדל, געדענקט איר די כאַליאַסטרע? איר זאָלט זיי זען אַצינד — עהע־הע! — זיי דאַרפֿן שוין נישט אייער לאַסקע, זיי זענען אָלל־רייט. נו, און איר וואָס מאַכט איר עפּעס, פֿאַניע פּיפּערנאָטער? איר האָט מיר אַזוי אָנגעפּייפֿט אין אייער באָרד, אַז ווען נישט אייער גרישא זאָל דאָ זיין ביי אונדז מיט דער סקווואַק אין לאָזשע נומער דריי, וואָלט איך אייך אין לעבן נישט דערקענט. איך זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס.

אַז מאיר סטעלמאַך האָט דעם שלאַק נישט באַקומען דאָ אויף דער שטעל, איז דאָס אַ נס מן השמים. ערשטנס, דאָס באַגעגעניש מיט דעם דאָזיקן נפֿש און אויסהערן פֿון אים אַזאַ מענה־לשון — דאָס אַליין איז שוין געווען גאַנץ גענוג, ס'זאָל פֿאַרקילט ווערן דער מאַמעס מילך אין בויך. ובפֿרט נאָך, אַז מע

הערט פון אים אזעלכע דיבורים וועגן זיין גרישען און וועגן דער ספיוואק. פון וואנען ווייסט ער, אז זיי זענען אין לאָזשע נומער דריי? ווען האָט ער עס צייט געהאַט צו געוווּיר ווערן? און גלאַט אָן אלעמען, וואָס איז ער פאר א מחותן מיט אָט דעם „ווערגעלעץ"?

אוודאי מעג עס פאלן אין ים אריין, וואָס סטעלמאַך האָט אים אָנגעוויג־טשעוועט. גאָר איינעם צום אַנדערן געהער זיך נישט אָן. א מענטש שטעלט אָפּ, זאָגט, אז ער איז א באַקאַנטער, קאָן מען נישט זיין אזוי גראָב און מע טאָר ענעם אין פנים אריין נישט אָנשפּייען. אַהין־אַהער, דערווייל האָט מאיר סטעל־מאַך געהאַט א פּאַרשטערטן אָוונט. ער האָט שוין צו די קינדער אין לאָזשע נישט געקאָנט צוגיין און געמוזט אָפּלייגן דאָס אויף נאָכן צווייטן אקט, וועלכן ער איז אויסגעזעסן, ווי אויף שפּילקעס. מאיר סטעלמאַך זאָל געווען זיין ביי די קינדער אין לאָזשע באַלד נאָכן ערשטן אקט, וואָלט מסתמא נישט פּאָרגעקומען אָט דאָס, וואָס מיר גייען באַשרייבן באַלד אין קאַפּיטל זעכציק, און עס וואָלט אפשר אליצדינג געווען גאָר אַנדערש.

קאַפּיטל זעכציק

וואָס איז פּאָרגעקומען אין דער לאָזשע נומער דריי?

אין דער לאָזשע נומער דריי איז, אייגנטלעך, נישט פּאָרגעקומען גאָרנישט. ראָפאַן זענען זיך געזעסן, ווי מיר ווייסן, דאָס באַרימטע פּאָרל, גרישא סטעלמאַך און ראָזאַ ספּיוואַק, אויסגעהערט דעם גאַנצן ערשטן אקט ביזן סוף, נישט אראָפּגעלאָזט קיין אויג פונעם ערנגאַסט, לעאָ ראַפּאַלעסקאָ, וועלכער האָט ביי זיי ביידן אויסגענומען נישט ווינציקער, אויב נישט מער נאָך, ווי ביים איבעריקן עולם אין ניקעל־טעאַטער. עס איז פאר זיי ביידן געווען אָן אָנגענעמער סורפּריז צו הערן אזא באמת טאַלאַנטפולן ארטיסט, צו זען פאר זיך אזא באמת אויפגייענדיקן שטערן אויף דער יידישער בינע.

באַזונדערס אָנגענעם איז האָס געווען פאר ראָזען. פאר איר איז דאָס געווען, קאָן מען זאָגן, א שטיק נצחון, א טריומף. זי האָט דאָך אַמאָל אליין אויך געהאַט עפּעס א שייכות צום יידישן טעאַטער... זי האָט שוין לאַנג נישט געהאַט אזא פילן גייסטיקן פּאַרגעניגן, ווי אין יענעם אָוונט, און זי איז באמת געווען דאַנק־באַר סטעלמאַכן דעם פּאַטער פאר דער אידעע — צו גיין אין יידישן טעאַטער.

וואָס ווייטער איז איר וווּנדערן זיך געוואָרן גרעסער און גרעסער. זי האָט במעט נישט געגלויבט אירע אויגן. זי האָט זיך קיינמאָל נישט געריכט, אז דאָס יידישע טעאַטער, ווי זי האָט דאָס געדענקט, זאָל אין אזא קורצער צייט דער־

גרייכן צו אַזאַ הויכן גראַד פֿון אמתער קונסט. זי האָט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז צווישן די ייִדישע אַקטיאָרן, ווי זי האָט זיי געקענט, זאָל אויסוואַקסן אַזאַ קאָלאָסאַלע פֿיגור, אַזאַ ריז, אַזאַ גיבור אין אַרטיסט, ווי אָט דער גאַסטראָלער ראַפּאַלעסקאָ. מיט דעם העכסטן אינטערעס, מיט דער גרעסטער שפּאַנונג האָט זי נאָכגעקוקט יעדן טריט, יעדע באַוועגונג פֿונעם דאָזיקן גרויסן אַרטיסט, וואָס האָט זי מיט זיין הויכער גאַטירלעכקייט אַריבערגעטראָגן אין דעם ווייטן אַלטן אַמסטערדאַם מיט זיינע אַמאָליקע אַלטע אינטערעסן. דער כוח־הדמיון, די אילוזיע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ראָזאַ האָט זיך געזען אייגיינעם מיט דעם העלד אין דער אַלטער וועלט, אייגיינעם מיט אים געטיילט זיינע פֿריידן און ליידן פֿון דער אַלטער צייט, די צייט פֿון מלחמה צווישן פֿרייען געדאַנק און פֿאַנאַטיזם, די צייט פֿון ברוך שפּינאָזאַ. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס פֿון דער צווייטער לאָזשע, וועלכע געהערט צו דער דירעקציע פֿון טעאַטער, שטערט מען, מע לאָזט נישט הערן, ווי עס געהער צו זיין. דאָרט האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ בינטל ווייבער און מע שמועסט זיך אויס שטילערהייט, ווי, להבדיל, אין שול צום דאַוונען, ווען עס ווילט זיך אי רעדן, אי נישט שטערן דעם חזן.

דאָס בינטל ווייבער האָט, ווי עס שיינט, זיך אָנגעקערט טאַקע מיטן ניקעל־טעאַטער און מיט דער קאָמונע „קלאַמער, שוואַלב עט קאָמפּ.“, ווייל צווישן זיי האָט זיך געפֿונען אונדזערע אַ באַקאַנטע, די לאָמזשער חזנטע, און עטלעכע שוין נישט קיין יונגע, נאָר שטאַרק אויסגעפּוצטע דאַמען, מיט געקנייטשטע, נאָר שטאַרק אָנגעקאַלכטע פּנימער. אויב זיי זענען אַליין נישט קיין אַקטריסעס, זענען דאָס אַקטיאָרסקע פֿרויען. וואָס פֿאַר אַ וויכטיקע אינטערעסן ביי זיי איז געווען, וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט אָפּלייגן זייער שמועס אויף שפּעטער, איז שווער צו וויסן. ס'איז תמיד אַזוי: ווען מען איז גענויט צו שווייגן, דעמלט גלוסט זיך דווקא רעדן. ס'איז אַ יצר־הרע.

נאָר די דאָזיקע ווייבער וואָלט נאָך געווען צו דערטראָגן, ווען עס זאָל זיך נישט עפֿענען די טיר פֿון דער דירעקטאָר־לאָזשע און עס זאָל זיך נישט אַריינרייסן מיט אַ רעש סאַמע אין מיטן ערשטן אַקט עפּעס אַ מאָדנע יפֿהפֿיה מיט אַזאַ גרויסן „העט“, אַז מע האָט פֿריי געקאָנט אַרונטערנעמען אונטער אים דאָס גאַנצע בינטל ווייבער. און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די רעכטע תּתונה.

ראָזע זאָל קאָנען, וואָלט זי צעריסן אָט די דאָזיקע יפֿהפֿיה מיטן מאָראַדיקן העט. אַ מענטש זאָל נישט רוען אַ מינוט! עפּעס טאַקע נאָר ווי אויף צולהכעיס האָט זי דער נישט־גוטער אַהער געבראַכט צו טראָגן. די גאַנצע צייט האָט זיך איר דאָס מויל נישט צוגעמאַכט. זי האָט זיך געסודעט און געשושקעט אָט מיט דער, אָט מיט דער צווייטער פֿון דעם בינטל ווייבער, געלאַכט שטילערהייט, געוואָרפֿן זיך, אויפֿגעדעקט די אַרבל און באַוויזן די בראַסלעטן מיט בריליאַנטן, און מאַכן אין איינוועגס — אירע שיינע גרויסע ווייסע הענט. ראָזע האָט זיך מיט

איר קאַוואַליער איבערגעקוקט עטלעכע מאָל, פרעגנדיק זיך איינס דאָס אַנדערע מיט די אויגן: „וואָס איז דאָס פאַר אַ חיה?“...

אויך דעמלט, ווען דער ערשטער אַקט האָט זיך געענדיקט, דער פאָרהאַנג איז געפאַלן און דאָס גאַנצע טעאַטער האָט געציטערט פון אַפּלאָדיסמענטן און געשרייען: „ראַ־פּאַ־לעס־קאָ!“ — אויך דעמלט האָט די האָזיקע „חיה“ נישט אויפגעהערט צו שמועסן מיט אירע ווייבער, געלאַכט, געוואָרפן זיך און אויפגעפירט זיך אַזוי, אַז עס האָט זיך געגלוסט גאָר הייסן, מע זאָל זי בעטן אַרויספירן פון טעאַטער.

צום דריטן מאָל, אַז מע האָט אַרויסגערופן ראַפּאַלעסקאָן אויף דער בינע און ער האָט זיך גאַנץ העפלעך פאַרנייגט פאַרן דונערנדיקן פּובליקום, האָט ראָזע דערזען, ווי די האָזיקע „חיה“ האָט אים אַרויסגעשטעלט אַ צונג, און דאָס בינטל ווייבער אין דער דירעקטאָר־לאָזשע האָבן אַלע אויסגעשאָסן אַזאַ געלעכטער, אַז עס האָט שוין אונדזער ראָזען פאַרדראָסן נישט אויף קאַטאָוועס און, ווענדנדיק זיך צו דער יפהפיה מיטן העמט, האָט זי איר אַ זאָג געגעבן אויף יידיש:

— נישט שוין זשע האָט בײַ אײַך נישט אויסגענומען אָט דער אַרטיסט?

— וועלכער אַרטיסט? ראַפּאַלעסקאָ? כאַ־כאַ! ער איז דאָך מײַנער אַ חתן, כאַ־כאַ־כאַ!

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אַזוי פּראָסט און מיט אַזאַ אומשולדיקן געלעכטער, אַז ראָזען איז די „חיה“ מיטאַמאָל געפעלן געוואָרן. האָט זי זיך צוגערוקט צו איר:

— אײַער אַ חתן? זענט איר אויך אַן אַקטריסע?

— אויב איך בין אַן אַקטריסע? — זי האָט אויפגעהערט צו לאַכן. — איך בין אַ פּרימאַדאָנע. מײַן נאָמען איז הענריעטאַ שוואַלב.

— עס פרייט מיך זייער.

ראָזע האָט איר נאָמען נישט אָנגערופן, נאָר זי האָט זיך צוגערוקט צו דער פּרימאַדאָנע נאָך נענטער, אַזוי, אַז זיי זענען אויסגעקומען אַ פּנים קעגן אַ פּנים, און נאָר דאָס דינע ווענטל פון בײַדע לאָזשעס האָט זיי אָפּגעטיילט, אַזוי אַז קיין דריטער האָט נישט געקאָנט הערן זייער אינטימען געשפּרעך.

— וואָס איך וואָלט וועלן וויסן פון אײַך, איז אָט וואָס, — האָט זיך ראָזע פרײַנדלעך געווענדעט צו דער פּרימאַדאָנע: — איז דאָס אמת, וואָס מע שרײַבט אויף דעם ראַפּאַלעסקאָ פון בוקאַרעשט, אַז די קעניגין קאַרמען סילוואַ...

— גאָלע ליגן! — האָט איר הענריעטאַ איבערגעשלאָגן מיט אַ געלעכטער.

— ערשטנס, איז ער נישט פון בוקאַרעשט, נאָר פון האָלענעשטי.

— האָלענעשטי?

דאָס וואָרט האָלענעשטי האָט ראָזע נישט אַרויסגערעדט, נאָר עס האָט זיך אַרויסגעריסן בײַ איר פונעם האַרצן, און זי האָט אָנגעכאַפּט הענריעטאַן בײַ איר

גרויסער נאַקעטער קאַלטער האַנט. זי האָט זיך אָבער פאַרכאַפּט, גענומען כלומרשט באַטראַכטן העגריעטאַס בראַסלעט:

— איר טראָגט אַזוי פיל צירונג? אייער בראַסלעט געפעלט מיר...

— דאָס איז ביי מיר אַ מתנה פון מיין חתן.

— וויאַזוי, האָט איר געזאָגט, הייסט די שטאָט?

ראָזאַ האָט נישט אויפגעהערט צו באַטראַכטן העגריעטאַס בראַסלעט מיט די בריליאַנטן.

— אַ שטאָט? כאַ־כאַ־כאַ! אַ שטעטל. האָלענעשטי הייסט עס. אין בעסאַראַביע איז דאָס. דאָרט עסט מען מאַמעליגעס, כאַ־כאַ־כאַ!

דאָס אינטימע געשפּרעך פון ביידע פּרימאַדאָנעס האָט געמוזט איבעררייסן ווערן אין רעכטן אָנהייב, וואָרעם פּלוצעם זענען אויסגעלאָשן געוואָרן די ליכט אין טעאַטער, עס האָט זיך אויפגעצויגן דער פאָרהאַנג, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער אַקט.

קאַפּיטל איין און זעכציק

דאָס טעאַטער איז משוגע געוואָרן

ווו זענען געווען אירע אויגן? וויאַזוי האָט זי אים באַלד נישט דערקענט פון דער ערשטער מינוט נאָכן ערשטן קוק, נאָכן ערשטן וואָרט אַרויסרעדן?

ראָזאַ קוקט אַריין אין פּראָגראַם. זי לייענט: „אוריאל אַקאָסטאַ — לעאָ ראַפאַלעסקאָ“.

— נו יאָ — לעאָ...

— וואָס לעאָ?

דאָס פרעגט ביי איר גרישאַ סטעלמאַך, וואָס זעט, אַז ראָזאַ איז עפּעס מיט־אַמאָל געוואָרן גאָרנישט די, וואָס פריער. פריער, אין דער גאַנצער צייט פונעם ערשטן אַקט, איז זי געזעסן געבן אים נאָענט־נאָענט. איר האַנט איז געווען אין זיין האַנט. איצט, אין צווייטן אַקט, איז ראָזאַ נישט געווען שוין מער דאָ. זי האָט זיך כמעט איינגאַנצן אַרויסגעצויגן פון דער לאָזשע און קוקט דורך איר בינאָקל און זעט פאַר זיך אַ גאָרטן, עטלעכע דעקאָראַטיווע ביימער. צווישן די ביימער זעט זי פיגורן. צווישן די פיגורן איז נישטאָ דער, וואָס אירע אויגן זוכן אים... עס ווייזט זיך איר אויס, אַז די פיגורן זענען פונעם זעלבן מאַטעריאַל, וואָס די ביימער. דעקאָראַטיווע פיגורן. רירעוודיקע מאַנעקענען. רעדנדיקע גולמים. עפּעס איינער אַן אַלטער מאַן, עלעגאַנט געקליידעט, לייענט אַ פּאַפּיר. דער אַלטער רעדט וויינענדיק, מיט אַ פרעמד קול. נעבן אים שטייט אַ דינער אין אַן אַלטמאָדישער

אוניפאָרם, מיט אַ צעפּל פון הינטן. עפּעס שמועסן זיי, די דאָזיקע הילצערנע פיגורן, צווישן זיך. וואָס — ווייסט זי נישט. דערנאָך קומט אָן אַ מיידל, נישט גוט באַרימירט, מיט שלעכט אונטערגעפירטע ברעמען. אירע הענט זענען צו גרויס און רויט. ווער איז דאָס מיידל? וואָס טוט זי דאָ? זי רופט אָן דעם אַלטן אויף דייטש: „פאַטער". עפּעס רעדן זיי, דאַכט זיך, נאַרישע, איבעריקע רייד. פון דער אַמסטערדאַמער בערזע רעדן זיי; פון רובענס און פון וואַן דייק; פון משה רבינו און פון סאָקראַטעס און פון קריסטוס; פון קונסט און פון רעליגיע; און דווקא אויף דייטש: „רעליגיאָן". נאַרישע, איבעריקע רייד... דער דינער גייט אַוועק — דאַנקען גאָט, איינעם געפּטרט. דער אַלטער איז שוין אויך נישטאָ. דאָס מיידל בלייבט אַליין. זי דרייט זיך אַרום איבער דער בינע, ווי אַן איבעריקע. זי פּאַרגלאָצט די שלעכט אונטערגעפירטע אויגן אַרויף, דריקט צו די רויטע הענט צו דער פאַלשער ברוסט און רעדט דייטש (דווקא דייטש): „די קייטען פון קליינמוטיגקייט ליגן אויף מיין האַרץ". נאַרישע, איבעריקע רייד. נאָר אָט איז ער! אוריאל אַקאָסטאַ!... ראָזע פילט, אַז עס האָט איר פאַרכאַפּט דער אָטעם. עס פּולסירט דאָס בלוט. און דאָס האַרץ רייסט זיך ביי איר, וויל אַרויסשפּרינגען, נאָר אַרויסשפּרינגען. טיק־טיק־טאַק! טיק־טיק־טאַק! אַ מינוט האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז אוריאל אַקאָסטאַ קוקט צו איר אין לאָזשע אַריין, גלייך אויף איר. זי פילט, אַז איר פּנים ברענט, ווי אַ העליש פייער. ניין, עס האָט זיך איר נאָר אויסגעדאַכט, אויסגעוויזן.

רואיק, שטיל און געלאַסן רעדט אוריאל מיט זיין געליבטער יהודית. זיין קול איז ווייך, זיינע באַוועגונגען זענען שיין, איידל און פּלאַסטיש. אַלץ מיט אַ וואָג און מיט אַ מאָס. קיין איבעריקער טראָט. קיין אומזיסטער גיוואַנם. דאָס גאַנצע טעאַטער הערט זיך איין אין יעדן וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס. גלייך ווי נאָר ער אַליין וואָלט דאָ געווען, און אויסער אים נישט קיינער. מיטאַמאָל העכערט זיך ביי אים די שטימע. עס הערט זיך אַ באַזונדערע שטאַרקייט אין זיינע ווערטער. צערטלעך ווייך און פול מיט ליבע נעמט ער אָן די געליבטע יהודית ברודערלעך ביי דער האַנט: „מיין טייערע יהודית, צום לעצטן מאָל — זיי געזונט!"

אַך! ווי שיין, ווי גרויסאַרטיק שיין עס זענען זיינע אויגן! וויפל געפיל, וויפל שמערצלעכע ליבע עס פינקלט זיך אָפּ אין זיי! נישט שוין זשע גייט ער דאָס אַוועק פון דער סצענע? ניין. עס קומט אָן דער פריערדיקער אַלטער מיט נאָך עפּעס פאַרשוינען, און אוריאל איז געבליבן — דאַנקען גאָט, וואָס ער איז גע־בליבן. ראָזע שטעלט אָן אויף אים איר בינאָקל. זי זעט, ווי יהודית נעמט אים פאַר אַ האַנט, און זיי גייען פּאַוואָליע אַוועק. פונדערווייטנס הערט זיך מוזיק.

מיט אַ זיפץ לייגט ראָזע אַוועק איר בינאָקל. דער יונגער מאַעסטראָ סטעל־מאַך, וואָס זיצט נעבן איר, פאַרקוקט איר אין די אויגן. ער וויל זען, וואָס איז

מיט איר?... ער וויל זי פרעגן, וואָס זיפצט זי אַזוי? ראָזע זעט אים נישט. ראָזע זעט קיינעם נישט. ראָזע איז איצט בײַ זיך, אויפן אָפּגרונט פון איר אייגענער נשמה: „נישט שוין זשע איז דאָס ע ר ? אָט דער, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג אויף אים אַרויסגעקוקט? אָט דער, וואָס זי האָט אים אויסגעוואָרעמט אין אירע געדאַנקען? אָט דער, וואָס זי האָט אים געזען אַזוי אָפט אין חלום? אָדער אַ חלום איז דאָס, וואָס זי זעט אַציַנד? ניין, ס'איז נישט קיין חלום"... הינטער אירע פּלייצעס הערט זי, ווי מע שושקעט זיך. דאָס איז פון דער צווייטער לאָזשע. אַלץ יענע, וואָס האָט זיך אָנגערופן פּרימאַדאָנע און האָט באַרימט זיך, אַז ראַפּאַלעסקאָ איז איר חתן. איז דאָס מעגליך?... זי וועט אים פרעגן. נאָך הײַנט וועט זי אים פרעגן. וווּ וועט זי אים זען? מאַקע דאָ, אין טעאַטער. הינטער די קוליסן. באַלד ווי עס ענדיקט זיך דער צווייטער אַקט, גייט זי אַרויף און הייסט זיך אַרויסרופן דעם גאַסטראָלער, לעאָ ראַפּאַלעסקאָ. וויאַזוי זאָל מען אים זאָגן? ווער פרעגט אויף אים? אַ ליידי וויל אים זען. אָן אַ נאָמען — אַ ליידי... אַלע קוקן אויף איר: ווער איז די ליידי, וואָס פרעגט זיך נאָך אויף ראַפּאַלעסקאָן? נאָר ווען הערט זי?...

אײן זאַך האָט ראָזע פאַרגעסן: אַז זי איז נישט אַליין אין טעאַטער. אַז מיט איר אין לאָזשע זיצט נאָך עמעצער. אַז דאָ זיצט מיט איר גרישאַ סטעלמאַך. אַך, גרישאַ סטעלמאַך! אין אים האָט זי מאַקע פאַרגעסן. אינגאַנצן פאַרגעסן. פאַרגעסן, וואָס ער געהער זיך אָן מיט איר. פאַרגעסן, וואָס הײַנט איז פאָרגעקומען צווישן זיי. פאַרגעסן גאָר, אַז ס'איז פאַראַן אויף דער וועלט אַזעלכער, וואָס הייסט מיטן נאָמען גרישאַ סטעלמאַך... אָרעמער, אָרעמער גרישאַ סטעלמאַך!

פּלוצים דערהערט זיך פון דער סצענע אַ קול פון אַ שופר. ראָזע טוט זיך אַ וואָרף, גלײַך ווי פון שלאָף. די בינע איז פול מיט מענטשן, אַלע רעדן, ווי עס דאַכט זיך איר, מאָדנע נאַרישע, איבעריקע ווערטער. וווּ איז אוריאל? אָט איז ער! שוין ווידער אַ גאַנץ אַנדער אויסזען. אַ גאַנץ אַנדערער מענטש. מיט אַ נײַער קראַפט קלינגט זײַן שטימע.

ראָזע נעמט נישט צו דעם בינאָקל פון די אויגן, הערט זיך אײַן אין די ווערטער פונעם לאַנגן מאָנאָלאָג פון אוריאל אַקאָסטאַ. דעם זין פון מאָנאָלאָג פאַרשטייט זי נישט אַקוראַט, נאָר איטלעכס וואָרט באַזונדער האָט פאַר איר אַן אַנדער באַדײַטונג, און נישט אַזוי אויך די ווערטער, ווי די שטימע. ז יי ן שטימע. וויאַזוי האָט זי געקאָנט פאַרגעסן ז יי ן שטימע? וויפל מאָל האָט זי מיט צוגעמאַכטע אויגן געהערט אים רעדן?...

„צ ר ו ת ט ר אָ ג ן ג ל ײַ ך מ י ט א ל ע ו ו י ל א י ך ! א יי ע ר ח ר ם ק אָ ן ג י ל ט ן — א י ך ב י ן א יי ד !" — אַזוי לאָזט אויס מיט גדלות אוריאל אַקאָסטאַ זײַן מאָנאָלאָג, און דאָס גאַנצע טעאַטער ברעכט

אויס אין אַ מוראדיקן אפּלויז. דאָס האָט חברה יונגוואַרג זיך אָנגעצונדן אין גע־פיל פון שאַרפן נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט דערגרייכט צו אומזיניקע ברידער אויף יענער זייט אַטלאַנטיק. זיי איז אַמערסטן געפעלן די ווערטער. „צרות טראָגן גלייך מיט אַלע וויל איך". און אויף זיי קוקנדיק, האָט שוין דער איבעריקער עולם, וואָס זענען אין אמעריקע מער אָדער ווייניקער מבינים אויף קונסט, אויך גענומען אַפּלאָדירן, שטאַרק אַפּלאָדירן, ווייל אַלע האָבן געפילט, אַז עס שטייט פאַר זיי אַן אומגעווײנלעכע קראַפט, אַן אמתער אַרטיסט, אַן אַרטיסט, וואָס טראָגט אַרויס די גאַנצע טרופּע אויף זיינע פּלייצעס, וואָס האַלט דאָס גאַנצע פּובליקום ביי זיך אין האַנט, וואָס האָט פאַרכישופט דאָס גאַנצע טעאַטער. יאָ, דאָס איז אַ „סטאַר", — האָבן אַלע ווי איינשטימיק אַרויסגעזאָגט — דאָס איז באמת אַ שטערן, אַן אויפגייענדיקער שטערן אויפן הימל פון דער יידישער בינע.

אויך דעמאָלט, ווען דער צווייטער אַקט האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט, האָבן די אַפּלאָדיסמענטן נישט אויפגעהערט. זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט ווילדע געשרייען: „ראַפאַלעסקאָ! בראַוואָ, ראַפאַלעסקאָ!"

— שאַראַפּ! לאָז זיין שטיל! — האָבן זיך אַנדערע געפּרוווט איינשטילן דעם עולם. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. אָנשטאָט „בראַוואָ, ראַפאַלעסקאָ!" האָט מען אָנגעהויבן שרייען: „הורריי פאַר ראַפאַלעסקאָ!"

— דאָס טעאַטער איז משוגע געוואָרן! — האָט זיך דערהערט אַ קול פון פאַרטער.

דער, וואָס האָט דאָס געזאָגט, איז געווען גערעכט: דאָס טעאַטער איז משוגע געוואָרן.

קאַפּיטל צוויי און זעכציק

מיסטער ניקעל ספּיטשט אויך

אין אַמעריקע ספּיטשן אַלע: קליין און גרויס, יונג און אַלט. און אַלע קענען ספּיטשן. סיידן דער, וואָס איז אַ געבוירענער אַ שטומער.

אין אמעריקע ווערט געספּיטשט אויף יעדער שמחה און ביי יעדער געלעגנ־הייט: אַ קנס־מאָל, אַ חתונה, אַ ברית, אַ פּדיון־הבן, אַ בר־מצווה, אַ חנוכּת־הבית, אַ סיום־התּורה, אַ גט, אַ חליצה, אַ שלאַק, אַ צרה שלא תבא — דאָס אַליין גיט אַ געלעגנהייט צו ספּיטשן. און ווער שמועסט אויף אַן אסיפה, אַ מיטינג, אַ לעק־משור, אַן אָוונט, אַ גאַסט, אַ רעסעפּשאָן (אַ באַנקעט), אַ קאָנצערט אָדער אַ פאַר־שטעלונג — דעמאָלט האָט דאָך גאָט אַליין געהייסן ספּיטשן.

אין טעאַטער, אַז עס קומט אַ גאַסטראָלער, אַ סטאַר, ווערט פון זיין כבוד וועגן געספּיטשט פון דער סטיידזש (בינע) צווישן די אַקטן. דאָס טוט, געוויינלעך, אָדער דער גאַסט אַליין, אָדער איינער פון די אַקטיאָרן, וואָס האָט אַ גוטע געמבע און קאָן געבן אַ טאָן. און אַמאָל גייט אַרויף דער מענעדזשער, דער באַלעבאָס פון טעאַטער הייסט עס, און גיט צו וויסן דעם געערטן פּובליקום דאָס, וואָס ער געפינט, אַז דער עולם דאַרף עס וויסן.

איצטיקס מאָל, נאָכן צווייטן אַקט, אַז דאָס פּובליקום איז שיער משוגע געוואָרן, קלאַפּנדיק בראַוואָ און שרייענדיק: „הורריי פיר ראַפּאַלעסקאָ!“, און ראַפּאַלעסקאָ האָט זיך שוין איינגעמידט אַרויסצוגיין אַלע האַלבע מינוט און פאַרנייגן זיך פאַרן פאַרריקטן ניו־יאָרקער פּובליקום, האָט זיך אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג און אָנשטאָט ראַפּאַלעסקאָן האָט זיך באַוויזן די אַלעמען גוט באַקאַנטע פרייליכע פיגור פון מיסטער ניקעל.

אָנגעטאָן איז ער געווען גאַנץ איינפאַך, ווי אַ באַלעבאָס ביי זיך אין שטוב: אין אַ קורץ ווייטיקל, גאַנץ וואָכעדיק, די הענט אין די קעשענעס, און אויף די ליפּן אַ שמייכעלע. דאָס באַקאַנטע שמענדריקע שמייכעלע, וואָס האָט געמאַכט דעם מיסטער ניקעל פאַר אַ „גוד־באָי“.

— ליידיעס ענד דזשענטעלמען! — האָט מיסטער ניקעל אָנגעהויבן זיין עקספּראָמט. — צום אַלעם ערשטן געפין איך פאַר נויטיק אויסצודריקן מיין טיפסטן דאַנק דעם געערטן פּובליקום פאַר דער ערע, וואָס זיי האָבן מיר מיטגעטיילט מיט זייער קומען צו מיר אין טעאַטער אַריין. עס וואונדערט מיך נישט, וואָס אַלע פאָרשטעלונגען פון מיין טעאַטער קומען פאָר אַלעמאָל ביי פול געפּאַקטע הייזער, אין דער צייט ווען אין אַנדערע טעאַטערס אין ניו־יאָרק איז דאָ אַ פּלאַץ אויף דורכפאָרן זיך מיט אַ מאָטאָרקאַר אין דער ברייט און אין דער לענג. איך מיין נישט, חלילה, דערמיט צו בלאַמירן מיינע קאָנקורענטן, נאָר די וואַרהייט קאָן מען נישט פאַרבאָרגן, אַז דאָס געערטע פּובליקום גלייכט מיין טעאַטער מער אַלס אַלע אַנדערע. מעגלעך, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל איך טריי אַלעם מעגלעכס, אום דאָס פּובליקום צופרידן צו שטעלן. איך קער נישט פאַר קיין געלט און שטעל מיך נישט אָפּ פאַר קיין אויסגאַבן, ווי גרויס זיי זאָלן נישט זיין. אויך איצט איז מיר געלונגען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, מיט אומגעהייערע קאָסטן, אַראָפּצוברענגען פון בוקאַרעשט דעם געערטן גאַסט פון היינטיקן אָוונט אויף געציילטע גאַסטראָלן. דאָס איז דער קעניג פון די שוישפּילערס. דאָס איז דער וועלט־באַרימטער דראַמאַטישער אַרטיסט לעאָ ראַפּאַלעסקאָ פון בוקאַרעשט, וועלכער האָט נישט זיין גלייכן נישט דאָ ביי אונדז, נישט דאָרט אויף יענער זייט אַטלאַנטיק. עס פרייט מיך צו זען, אַז דאָס ווערטע פּובליקום האָט אים אָפּגעשאַצט לויטן ווערט. און איך בין גרייט צו פאַרשפּרעכן אויך אויף ווייטער, אַז

איך וועל נישט קוקן אויף קיין סומע, ווי גרויס זיי זאָלן נישט זיין, בכדי דעם זשעניאַלן גאַסט צו פאַרהאַלטן וואָס לענגער, אום צו געבן די מעגלעכקייט די יעניקע הונדערטער און טויזנטער לייט, וועלכע האָבן נעבעך געמוזט היינט מיט א ווייטיק אין הארצן אוועקגיין אהיים, ווייל ס'איז, ווי איר זעט, נישט אין עפּל דורכצוואַרפן.

לײדיעס ענד דזשענטלמען! אויסשפּרעכנדיק מיין אַנערקענונג דעם געערטן פּובליקום, קאָן איך מיך נישט איינהאַלטן פון אָפּצודאַנקען די יעניקע פּראָמינענטע געסט, וועלכע האָבן באַערט מיין טעאַטער מיט זייער אנוועזנהייט. א גאַנץ באַזונדערע פריידע מאַכט מיר אייך מיטצוטיילן, אַז צווישן די פּראָמינענטע געסט, וואָס האָבן מיט זייער הויכער אָנוועזנהייט באַערט מיין טעאַטער, געפינען זיך דאָ אויך אַזעלכע, וואָס האָבן קיין יידיש טעאַטער ביז היינטיקן טאָג אין ניו־יאָרק, אויסער מיין טעאַטער, נאָך נישט באַזוכט. צווישן זיי האָבן אונדז באַערט צוויי, וואָס זענען אַליין אויך אַרטיסטן און זענען אַליין אויך שטאַרק באַרימט אין ביידע וועלטן, אין יוראָפּ, ווי אין אַמעריקע. זיי געפינען זיך, לײדיעס ענד דזשענטלמען, אָט דאָ, אין דער באָקס (לאָזשע), וואָס אין דער לינקער זייט. איך גלויב, אַז ס'איז נישטאָ אַ מענטש, וואָס זאָל נישט האָבן געהאַט געהערט דעם נאָמען גרישאַ סטעלמאַך און מיסיס ראָזאַליאַ ספּיוואַק, ווי ס'איז נישטאָ אַ מענטש, וואָס זאָל נישט האָבן געהערט דעם נאָמען וואַשינגטאָן, לינקאָלן אָדער עדיסאָן... — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס איבעריקע, וואָס מיסטער ניקעל האָט געספּיטשט, האָט שוין קיינער נישט געקאָנט הערן, און אפילו ער אַליין אויך נישט, ווייל דאָס פּובליקום, וואָס איז געווען רעכט צעהיצט נאָך פון פריער, איז נאָך מער צעהיצט געוואָרן, אַז מע האָט דערהערט, אַז דאָ געפינען זיך גרישאַ סטעלמאַך און ראָזאַ ספּיוואַק. וועלכנס נעמען עס זענען נישט אַראָפּ פון דער פּרעסע אין די לעצטע טעג. דאָס גאַנצע פּאַרטער־פּובליקום האָט זיך ווי איין מענטש אויפגעשטעלט און גענומען מאַכן די דאָזיקע צוויי באַרימטהייטן אַזעלכע הייסע שטורמישע אָוואַציעס, אַז דעם באַרימטן פּאָרל, גרישאַ סטעלמאַך און ראָזאַ ספּיוואַק, איז נישט געבליבן קיין אַנדער אויסגאַנג, ווי אויפהייבן זיך און אַנטלויפן פון ניקעל־טעאַטער, גלייך ווי זיי וואָלטן דאָ געהאַט דעם גרעסטן אומכבוד. דערצו האָט זיי כמעט ווי געצוואונגען סטעלמאַך דער פאָטער, וואָס האָט קוים זיך דערשלאָגן צו זייער לאָזשע. ער האָט זיי ביידן איינגערוימט אַ סוד אויפן אויער, און אינײנעם מיטן שוואַרצן מענטשן, אונטער טריומפירנדיקע אַפּלאָדיסמענטן און קולות, זיי ארויסבאַגלייט ביז צום אויטאָמאָביל. דאָרט האָט ער מיט זיי אינײנעם אריינגעזעצט זיך און

איז אוועק מיט א קללה אויף די ליפּן פונעם יידישן ניו־יאָרק, פונעם פאַרשאָלטענעם דאַון־טאַון, וואָס האָט זיי געמאַכט אַזאַ פּאַראַדנע, כמעט אַ קייזערלעכע לוויה.

דעם געלונגענעם ספּיטש פון מיסטער ניקעל האָט ראַפּאַלעסקאָ געהערט, נאָר נישט ביזן סוף. ווײַבאַלד יענער האָט גענומען דאַנקען די פּראָמינענטע געסט, וואָס האָבן מיט זייער „הויכער אָנוועזנהייט באַערט זיין טעאַטער", האָט ראַפּאַלעסקאָ שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און איז אָפּגעגאַנגען צו זיך אין זיין גאַרדעראָבע, זיך גרימירן צום דריטן אַקט.

— וואָס איז דאָרט פאַר א געפּילדער? — האָט ער א פרעג געטאָן ביים באַרבער (פּאַריקמאַכער), וואָס איז אַריינגעלאָפן אַ פאַרשוויצטער פון פּאַרטער.

— משוגעים! — האָט אים געענטפערט דער באַרבער, א יונגערמאַן א פרייַדענקער און אַ „סאָשעליסט" (סאָציאַליסט), וואָס לאָזט נישט דורך קיין איינציקן סאָציאַליסטישן לעקטשור אין קלינטאָן־האָל, אַבי עס קומט נישט פאָר ביינאַכט, ווען ער איז פאַרנומען מיטן גרים. — ריינע משוגעים! ווילדע מענטשן אָן א טראָפּן ציוויליזאַציע! אונדזער מענעדזשער, מיסטער ניקעל, האָט זיך פאַרגלוסט האַלטן א ספּיטש צוליבן הייַנטיקן אָוונט. האַלט זשע דיר דיין ספּיטש אָנשטענדיק, ווי עס געהער צו זיין. ניין, איז ער דאָך, צווישן אונדז רעדנדיק, א באָס (א באַלעבאָס), א בורזשוי, דאַרף ער חנפענען די קאַפּיטאַליסטן, די פּראָמינענטע געסט און זייערע אַריסטאָקראַטישע אַרטיסטן, וואָס האָבן אונדז באַערט, זיך אַראָפּגעלאָזט אַזש פון דער פינפטער עוועניו צו אונדז דאַון־טאַון. פּס — א קלייניקייט! קאַרל מאַרקס זאָל זיין דאָ, וואָלט ער זיך באַגראָבן א לעבעדיקער!...

— ווער זשע זענען דאָס די אַרטיסטן פון דער פינפטער עוועניו? — פרעגט אים ראַפּאַלעסקאָ, אַריינקוקנדיק אין שפּיגל און נעמענדיק אַ פּאָזע, וואָס זאָל אים אַמבעסטן פּאַסן צום דריטן אַקט, בעת זיין טראַגיש באַגעגעניש מיט זיין פאַמיליע און מיט דער בלינדער מוטער.

— ווער זיי זענען? ער איז אַ וויאָליניסט, שפּילט פידל שפּילט ער, און זי איז א זינגערין, א פּרימאַדאָנע. ער הייסט גרישאַ סטעלמאַך און זי — ראָזאַליאַ ספּיוואַק, אָדער ראָזאַ ספּיוואַק...

דער באַרבער דער סאָשעליסט זאָל אים געוועזן אָפּבריען מיט אַ הייסן אייזן, אָדער איינשניידן אומגערן דעם האַלדז מיט א שאַרפן גאָלמעסער, וואָלט ראַפּאַלעסקאָ נישט באַדאַרפט אויפשפּרינגען מיט מער אימפּעט, ווי ער איז אויפגעשפּרונגען ביי די לעצטע ווערטער פונעם באַרבער. איין רגע איז ער געשטאַ־

נען ווי צעמישט, געוועז בלאַס ווי דער טויט. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעכאַפּט דעם פּאַרוק פונעם קאָפּ און דאָס בערדל פונעם פּנים און האָט זיך געלאָזט לויפן צו דער טיר. דער באַרבער האָט געמיינט, אַז דער יונגער מאַעסטראָ איז פּלוציס געוואָרן געריהרט, אַראָפּ פון זינען... אין דער מינוט האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און, נישט דערוואַרט זיך אויפן געווײַנלעכן „קאָם אין", איז אַרײַנגעקומען צו ראַפּאַלעסקאָ אין גאַרדעראָבע מיט אַ רעש און מיט אַ כאַ־כאַ די פּרימאַדאָנע — הענריעטאַ שוואַלב.

— כאַ־כאַ־כאַ! אַ קאָמעדיע מיט אונדזערע אַפּ־טאַונער אַריסטאָקראַטישע קאָלעגן! ווי פון אַ פּעסט זענען זיי אַנטלאָפן פון אונדז. אַ קאָמעדיע, אַ וואָדעװיל, כאַ־כאַ־כאַ!

קאַפּיטל דרײַ און זעכציק

נאָך אַ באַגעגעניש

אין דער צײַט, ווען דאָס צעהיצטע פּובליקום פון ניקעל־טעאַטער האָט געשטורעמט און געדונערט, געמאַכט אָוואַציעס פריער ראַפּאַלעסקאָ, דערנאָך גרישאַ סטעלמאַך מיט ראָזע ספּיוואַק, האָט זיך אין וועסטיבול פון טעאַטער אָפּגעשפּילט אַזאַ מין סצענע:

אונדזער עלעגאַנטער פרײַנד מיסטער קלאַמער איז געשטאַנען אין וועסטיבול בײַ דער טיר, און פון דאָרטן צוגעהערט, ווי מיסטער ניקעל ספּיטשט. איין אויג האָט ער געהאַלטן צו, אַ טייל פון זײַן הערצל־באָרד האָט ער אַרײַנגענומען אין מויל אַרײַן, און דאָס גאַנצע אויסזען זײַנס האָט געזאָגט, אַז אים איז דער ספּיטש פון מיסטער ניקעל גאָר נישט געפעלן. ער פאַרשטייט נישט, ווי נעמט זיך עס אונטער אַ רויער מענטש, וואָס האָט נישט קיין ברעקל ידיעה נישט פון דער היסטאָריע, נישט פון קונסט, נישט פון שעקספּיר, זיך אַוועקשטעלן פאַר אַזאַ פּובליקום האַלטן אַ רעדע? ווען מע לאָזט אים, מיסטער קלאַמערן, אַרויף אויף דער סטיידזש, וואָלט שוין געווען אָלל־רײַט. עס וואָלט געווען אויף טיש און אויף בענק, אָדער ווי זאָגט דער אײַנגעלשמען: „איי וואָולד בײַר אוויי פאָר אָל איי עם וואָרטה"...

— אאא? שלום עליכם, מײַן ליבער קנאַקער, וואָס מאַכט אַ ייד? אייך זוך איך דאָך טאַקע מיט לעכט. צוליב אייך טאַקע בין איך דאָך אַהער געקומען צו פאָרן, גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה.

מיסטער קלאַמער האָט דערזען פאַר זיך אַ נידעריקן פאַרשוין מיט ממזרישע אויגן, אָנגעטאָן אין אַ נײַעם אַנצוג, נאָר וואָס פון דער נאָדל אַרויס, מיט מאָדנע

גרויסע לאַקירטע שיך און מיט צו ברייטע אַרבל פונעם אויבערשטן העמד, וועלכע האָבן זיך געריסן אַרויס אַריבער די הענט און וועלכע דער פּאַרשוין האָט אַלע מינוט געבעטן מחילה, זיי זאָלן גיין צוריק. צוליב דעם זענען זיינע הענט געווען כסדר אין דער אַרבעט. געריידט האָט דער דאָזיקער נפש אַ ביסל הייזעריקלעך און גיך, אין איין אָטעם, און נישט געוואַרט אויף כבוד, ביז יענער וועט אים ענטפערן.

— זאָגט זשע מיר, מיין טייערער ענגלענדער מיט די קעסטלדיקע הויזן, ווי גייטס אייך דאָ אינעם דאָזיקן לאַנד, וואָס מאַכט איר אין געזונט, וויאַזוי זענען די ביזנעס און וואָס קוקט איר מיך אָן, ווי אַ התן אויפן ניכטערן האַרצן, — איר האָט מיך נישט דערקענט? אַנו, דערמאַנט אייך אָקאָרשט: מיין נאָמען איז מו־ראַוויטשיק. שלום־מאיר מוראַוויטשיק. איך בין ביי אייך געשטאַנען אין לאָנדאָן, נישט פֿאַר אייצטער געדאַכט, געווען אויף גרויסע צרות. געמוזט אָנקומען צו אייך נאָך אַ גמילות־חסד, אויסלייזן עטלעכע שילינג, געוויינטלעך אויף אַ משכון. שלום בבית, משכון בקעשענע. אייצט בין איך געקומען אָפּגעבן אייך אייער חוב און אָפּנעמען דאָס פּעקל. נתן מעות, לקח קמח, איך האָב פיינט טראָגן אַ פּאַרך אויף זיך, פֿאַרשטייט איר מיך. און אַגב דאַרף איך טאַקע די פּאַפּירן.

— וואָסערע פּאַפּירן?

עס ווייזט אויס, אַז מיסטער קלאַמער האָט אים נישט אָנגעהויבן צו דער־קענען. דער פּאַרשוין מיט די ממזרישע אויגן האָט זיך צעלאַכט מיט זיין הייזעריקן געלעכטער, נישט אויפֿגעהערט צו מלחמה האַלטן מיט די מאַנזשעטן פֿונעם העמד.

— געפֿעלט אייך אַ ייד מאַכט זיך געפּגרט? איר האָט פֿאַרגעסן? אַ קליין סעמשעל, אַ רויטלעכס, מיט אַ בייכל, פֿול געפּאַקט מיט פּאַפּירן, נויטיקע פּאַפּירן. פֿאַר אייך האָבן זיי אפשר נישט אַזאַ גרויסן ווערט, נאָר ביי מיר איז דאָס אַ גאַנ־צער מאַיאָנטעק. אַנו פּרוווט גיט מיר פֿאַר מיינע פּאַפּירן טויזנט דאָלאַר, אויב איך וועל ביי אייך נעמען? גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה!

— טאַקע באמת? זעט אָבער, אויב איר האָט אייך נישט טועה געווען און געטראָפֿן אין אַ פֿרעמדער טיר?

יענער האָט נישט אויפֿגעהערט צו לאַכן:

— אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע! הערט איר, איך האָב נאָך קיינמאָל קיין טעות נישט געהאַט און טרעף תמיד, ווו מע דאַרף, און אויב איר ווילט וויסן נאָך מער, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געפּאַטשט דעם, וואָס מע דאַרף נישט. אַ סימן וועל איך אייך זאָגן, אַז אייך רופֿט מען מיסטער קלאַמער, און איר זיצט סאַמע אין מיטל ווייטשעפּל, און אייער אבסניה אָדער אייער האָטעל הייסט מיטן הייליקן נאָמען „קאַפּע־נאַציאָנאַל“. אייצט זעט איר שוין, אַז איך האָב קיין טעות נישט געהאַט? אויב אַזוי, נאַט זשע אייך נאָך אַ סימן: מיין סעטשעל מיט די פּאַפּירן

האָט איר ביי מיר צוגענומען פון דער האַנט און אַרויפגעטראָגן אַרויף און פאַרשלאָסן אין דער קליידערשאַפע. וואָס וועט איר איצטער זאָגן, פאַניע פיפערנאָטער, מיין איך, מיסטער קלאַמער?

אַפּנים, אַז דאָ האָט זיך שוין מיסטער קלאַמער יאָ דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל יאָ געהאַט ביי זיך אָט אַזאַ מין סעטשעל מיט פּאַפּירן. נאָר ווי דאָס איז אַהיינגעקומען — האָט ער פאַרגעסן, כאָטש נעמט אים אַראָפּ דעם קאָפּ. איז ביי אים געבליבן, אַז מע דאַרף זיך מאַכן געפּגרט:

— ער הויב נישט אָן צו וויסן פון קיין סעטשעל און פון קיין פּאַפּירן אין פון קיין נעכטיקן טאָג, און דרייט מיר נישט קיין מוח, וואָרעם אָט גיב ער אַ פייף, וואַרפט מען אייך אַרויס פון טעאַטער גלייך אויף דער סטריט.

— גאָר אַזוי? פייפן וועט איר? נו, פייפט זשע טאַקע, פייפט! פאַרוואָס פייפט איר נישט?

מיט די ווערטער האָט זיך אונדזער אַלטער באַקאַנטער, שלום מאיר מוראַוושיק, צוגערוקט צו מיסטער קלאַמער אַלעמאָל נענטער און נענטער, ביז ער האָט זיך צוגערוקט צו אים שטאַרק נאָענט, אַזוי נאָענט, אַז קלאַמערס גרויסאַרטיקע הערצל־באָרד איז שוין כמעט געווען ביי אים אין די הענט, און ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט דערפון אַרויס, ווען אויף מיסטער קלאַמערס גוואַלד־געשריי קומט נישט אָן ניסל שוואַלב (ווי איז דאָס מעגלעך אַ סקאַנדאַל — און ניסל שוואַלב זאָל נישט זיין דערביי?) און מיט אים די חברה אָשערס און דינערס פון טעאַטער, וואָס האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו שלום־מאיר מוראַוושיקס נייעם אנצוג מיטן קאַפּעליושל — און ס'איז געוואָרן ליהודים.

אויב דער לעזער מיינט, אַז שלום־מאיר מוראַוושיק איז געקומען קיין ניו־יאָרק נאָר צוליב דעם אַליין, ער זאָל אַריינפאָרן דעם מיסטער קלאַמער אין זיין הערצל־באָרד און קריגן דערפאַר געבראָכן די ביינער און צעקנייטשט דאָס קאַפּעליושל, האָט ער אַ גרויסן טעות. געקומען איז ער, אייגנטלעך, קיין אַמעריקע, איבער זיינע פּאַפּירן, איבער זיינע געשעפטן מיט ראָזע ספּיוואַק, צוליב אַ גאַנץ נייטיקער ביזנעס, צום יונגן העלד פון אונדזער ראָמאַן, צום באַרימטן אויפגייענדיקן שטערן לעאָ ראַפּאַלעסקאָ. דאָס איז געווען אַזאַ ביזנעס, וואָס אַז אונדזער העלד האָט דאָס דערהערט, האָט ער... נאָר למאי זאָלן מיר פאַרלויפן אויף צופריער? לאָמיר זיך בעסער אומקערן אויף אַ ווײַלע קיין לאָנדאָן און דערציילן ווי ווייט מעגלעך און קורצן, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אונדזער מוראַוושיקן דאָרטן.

קאַפּיטל פיר און זעכציק

אַ רעשטל צו די צרות

פון שלום מאיר מוראַווטשיקס בריוו פון לאָנדאָן צו זיין פריינד אַלבערט שטשופּאַק אין אָדעס באַדאַרף דער לעזער געדענקען, אַז ער האָט זיך געקליבן מבקר־חולה זיין דעם אַמאָליקן קאָלעגע זיינעם, דעם דירעקטאָר האָלצמאַן.

לאָנדאָן איז אָבער נישט די שטאָט, וואָס מע געפינט אַזוי גיך דעם, וואָס מע זוכט. מע באַדאַרף זיך צו אַזאַ שטיקל אַרבעט גוט אונטערגאַרטלען. אויסערדעם, איז אונדזער שלום־מאיר געווען אין יענער צייט, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, אויף גרויסע צרות. דאָס ביסל מינץ, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון פּאַריז, איז צעקראָכן געוואָרן אונטער די הענט, און זיין פריינד שטשופּאַק האָט זיך נישט אַזוי געכאַפּט אַרויסצושיקן אים די „קערבלעך“, וואָס ער האָט ביי אים געבעטן. אחת לאחת איז אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, ביז מוראַווטשיק האָט איינמאָל אין אַ חושכדיקער פּאָגע, ווי עס גיט זיך אויס אינעם חושכדיקן לאָנדאָן, נאָך גרויסער מי דערשלאָגן זיך ערגעץ אין אַ העק, אין אַ ברוקלין־סטריט, וואָס וואָלט געמעגט שטיין אין ווילנע אָדער אין בערדיטשעוו און וואָלט דאָרטן אויך נישט פאַרשעמט געוואָרן.

אַרייַנגעקומען איז ער אין אַ גרויסן הויף מיט צוויי טירן, רעכטס און לינקס, ביידע מיט פינצטערע גלימישיקע טרעפּ אַראָפּ און אַרויף אין ביידע האָבן אים אויסגעזען, ווי שוואַרצע אָפענע מיילער, וואָס קוקן אַרויס עמעצן איינצושלינגען. אַ געדיכטער אַראָמאַט פון געפּרעגלטע ציבעלע מיט שמאַלץ, אויסגעמישט מיט בשמים פון געפּרייטע (געפּרעגלטע) פיש אויף פּראָסטן אייל, און אַ געזאַנג פון קליינע קינדערלעך, אויסגעמישט מיט ווייבערשע קאָמפּלימענטן און ווינטשעוואַניעס אויף אַלערליי דיאַלעקטן: „מיטן קעפּעלע זאָלסטו אָנלייגן, ליכטיקער פּרצוף! ווער דערוואָרגן, מרפּהנער האַלדז! גיין זאָלסטו אויף קוליעס, געשלייערטע שיקסע!“ — דאָס אַלץ האָט געזאָגט עדות, אַז דאָ זיצן היימישע יידן און ווייבער, „מאַנשי שלומנו“, ווי מע רופט עס אָן.

געלאָזט האָט זיך אונדזער מוראַווטשיק אויף גאָטס באַראָט אַרויף, מהאי טעמא, ווי וועט ער נישט באַגעגענען עפּעס אַ לעבעדיקן מענטשן? און ווייל ער האָט קיין לעבעדיקן מענטשן אויף די טרעפּ דאָך נישט באַגעגנט, איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, כמעט ביזן לעצטן שטאָק. ער וואָלט געשטיגן העכער, האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף עפּעס אַ באַשעפעניש אינעם געשטאַלט פון אַ מכשפה, אַ הויכע טרוקענע אַלטע יידענע מיט ברייטביינערדיקע פּלייצעס און מיט אַזאַ מוראדיק פּנים, וואָס ס׳איז גלייבער, מע זאָל אַקעגן נאַכט מיט אַזעלכעס זיך

נישט באַגעגענען. דאָס באַשעפעניש, אָדער די מכשפה, האָט געטראָגן אין ביידע הענט אַ גאַנץ גרויסן ברעמעק האָלץ פון אונטן אַרויף און געסאַפּעט, ווי אַ בלאָזזאַק.

— מומעניו! — האָט זיך מוראַוויטשיק אָנגערופן צו דער אַלטער, — ווייסט איר נישט, וווּ זיצט דאָ ערגעץ אַ דירעקטאָר פון אַ יידיש טעאַטער, וואָס מע רופט אים מיט זיין הייליקן נאָמען האָצמאַך, מיין איך, האַלצמאַן?

די, וואָס מוראַוויטשיק האָט זי אָנגערופן „מומעניו", האָט זיך אָפּגעשטעלט, איינגעקוקט זיך אין דער פינצטער, געוואָלט זען, ווער עס פרעגט. נאָכדעם האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ און אַ זאָג געגעבן:

— קומט, איך וועל אייך ווייזן.

אַרויפגעשטיגן נאָך עטלעכע טרעפּלעך, האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ מין זיצעכץ פון צוויי שטיבלעך מיט אַ קיך, וואָס האָבן נישט אויסגעזען אַזוי ווייט קאָמפאָרטאַבל, אַז דאָ זאָל זיצן אַ דירעקטאָר פון אַ טעאַטער, כאָטש אַפילו פון אַ יידישן. אין קיך האָט די אַלטע אַראָפּגעוואָרפן דעם ברעמעק האָלץ, אויסגע־גלייכט זיך די ביינער און באַטראַכט מיט אירע אַלטע רויטע פאַרוויינטע אויגן דעם אַריינגעקומענעם.

— צו וועמען, הייסט עס, דאַרפט איר?

— הייסט עס צו אים אַליין טאַקע, צום דירעקטאָר האָצמאַך, מיין איך, האַלצמאַן. זאָגט אים, זייט מוחל, אַז זיינער אַ גוטער פריינד איז געקומען אים מבקר־חולה זיין און וויל זיך זען מיט אים.

— זיך זען מיט אים? — די אַלטע האָט אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט ביידע הענט. — מיט אים זען זיך איז שווער. ער איז שוין ווייט...

— אַוועקגעפאָרן?

די אַלטע האָט ווידער אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט ביידע הענט. נאָכדעם האָט זי זיך אָנגעבויגן צום אַריינגעקומענעם גוטן פריינד, ווייל זי איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער פון אים, און האָט אויסגעשריגן אים אין אויער אַריין, גלייך ווי יענער וואָלט געווען טויב:

— עליו השלום.

שלום מאיר מוראַוויטשיק איז אָפּגעשפּרונגען, פאַרבראָכן די הענט:

— געשטאָרבן? האָצמאַך, מיין איך, האַלצמאַן געשטאָרבן? וואָס רעדט איר?

— וואָס איך רעד? אַז אָך און ווי איז מיר. ס'איז מיינער אַ זון. אַ בן־יחיד. איינאיינציקער...

די אַלטע האָט נישט געקאָנט אויסרעדן דאָס לעצטע וואָרט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פירעקיקער קיכשטול ביי דער טיר, באַהאַלטן דאָס אַלטע

געקנייטשטע פּנים אין איר אַלטן צעריסענעם פאַרטעך, און אירע ברייטע טרוקענע פּלייצעס האָבן געזאָגט, אַז די אַלטע ווייגט יאָמערלעך.

דאָס וואָרט „געשטאָרבן“ איז אַ מיאוס וואָרט און האָט אין זיך, אַפּנים, אַ גוואַלדיקן כוח. שלום מאיר מוראַווטשיק איז געבליבן אָפּהענטיק און האָט גאָר פאַרגעסן, אַז דער, וואָס איז געשטאָרבן, איז, אייגנטלעך, געווען זײַנער אַ בלוטיקער שונא. אַדרבא, עס האָט זיך אים גאָר אויסגעדאַכט, אַז ער האָט פאַרלוירן אַ גוטן פרײַנד. אַ נאָענטן פרײַנד. זייער אַ נאָענטן פרײַנד. מען קאָן זאָגן, אַן אייגענעם. אַ קלייניקייט — ער און האָלצמאַן? ער האָט אָפּגעוואַרט אַ ביסל, נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צו איר נאָענטלעך, אויף אַ צווייטער קיכשטול:

— זענט איר, הייסט עס, זײַנע אַ מאַמע? מײַן פרײַנדס מאַמע? מײַן פרײַנד פלעגט מיר אָבער טאַקע דערציילן אָפט פון זײַן מאַמען. כמעט נישט אַרויסגעלאָזט די מאַמע פונעם מויל. „איך זאָל אַזוי דערלעבן זען מײַן מאַמע“ — דאָס איז געווען בײַ אים די גרעסטע שבועה. וואָס ווייסט איר, וואָס פאַר א געטרײַען זון איר האָט געהאַט! וואָס פאַר א גוטער ברודער האָט איז געווען! א גוטער ברודער? מיטן לעצטן ביסן זיך טיילן! און ווער שמועסט מיט מיר — נישט שייך צו זאָגן, איין גוף, איין נשמה, גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה.

און נאָך אַ סך מעלות און שבחים האָט שלום מאיר מוראַווטשיק געהאַט צו דערציילן אויף זײַן געשטאָרבענעם פרײַנד פאַר דער אַלטער מאַמע, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלצדינג, וואָס ער דערציילט, איז תורת אמת.

פאַר דער אַלטער מאַמען זענען די דאָזיקע ווערטער געווען, פאַרשטייט זיך, אַ זאַלב צו איר פרישן ווייטיק. דאַנקען גאָט, עס האָט זיך געפונען כאָטש איינער אַ גוטער פרײַנד פאַר איר זון, וואָס איז נעבעך אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט, איינער אַליין, עלנט און ווייט פון דער היים, אין דעם דאָזיקן וויסטן פינצטערן לאָנדאָן, וואָס וואָלט געמעגט אײַנגעזונקען ווערן אַזוי ווי סדום, וואָרעם ווען נישט דאָס וויסטע פינצטערע לאָנדאָן, וואָלט דאָך איר זון נאָך געהוסט ווער ווייסט וויפל יאָרן....

און די אָרעמע שרה־ברכה האָט אויסדערציילט איר אומגליק פאַר איר זונס פרײַנד, טאַקע אָט דאָ אין קיך זיצנדיק, וויאַזוי איר הערש־בער האָט געהוסט, וויאַזוי ער האָט געבלוט, וויאַזוי זי האָט אים געראַטעוועט, און וויפל דאָס האָט געקאָסט, וואָרעם אַ קלייניקייט איר זון? אַזאַ זון! און נאָכדעם וויאַזוי ער איז געשטאָרבן, וויאַזוי זי האָט נישט געוואָלט גלויבן, וואָרעם ווי קאָן איר זון שטאַרבן? אַזאַ זון?! און נאָכדעם וויאַזוי מע האָט אים צוגענומען, נישט באַהאַלטן, ווי מע באַהאַלט בײַ אונדז, מיט אַ מטה, מיט כלים, מיט שמשים. ווער? וואָס? געקומען עטלעכע מלאכי־חבלה מיט שוואַרצע ספּאָדיקעס, מיט א הויכן שוואַרצן וואָגן, אויפגעכאַפּט און אַוועקגעפירט, נישט געלאָזט אַפילו זיך אָנוויינען, ווי עס געהער

צו זיין. עפּעס מאַקע נאָר אַז אויסכאַפּעניש איז אויף אים געקומען, קומען זאָל אויף זיי אַלעמען דאָ אַן אויסכאַפּעניש אין איין טאָג, רבונו־של־עולם!

— קוואַ! קוואַ! — האָט זיך געלאָזט הערן פון די אינעווייניקסטע חדרים אַ מאָדנע קווישיק קולכל, וואָס האָט געקאָנט זיין אַ פּישטשען פון אַ קליין הינטל, אָדער אַ מיאַוקען פון אַ קעצל.

מוראַוושיק האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, געכאַפּט אַ קוק אויף דער אַלטער, וואָס איז מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם אָרט, נישט געוואוסט, וואוהין זי זאָל זיך וואַרפן, האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געבליבן שטיין אינגאַנצן אַ פאַרלוירענע.

שלום־מאיר, וואָס איז געווען נישט אַזוי אַלט ווי געניט, האָט נאָכן טאָן, אַפּנים, פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין קוואָקען, און ער האָט זיך אויס־געדרייט מיטן פּנים צו דער אַלטער און אויף זיין הייזעריק קול אַ פרעג געגעבן:

— אַ „יאַטל"?

נישט באַקומען דערויף קיין ענטפער, האָט ער געשטעלט אַן אַנדער פראַגע:

— וועמענס „יאַטל"?

נישט באַקומען קיין ענטפער דערויף אויך און באַטראַכט די אַלטע, ווי זי שטייט נעבעך אַ פאַרלוירענע, האָט ער געפונען פאַר נייטיק מער נישט פרעגן גאָרנישט. ער האָט נאָר אַ זאָג געגעבן פון זיך, גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— אַ רעשטל צו די צרות?

— אַ רעשטל צו די צרות! — האָט אַ זאָג געגעבן אויך די אַלטע און האָט זיך צוגעזעצט צוריק צום אַריינגעקומענעם גאַסט, צו איר זונס פריינד. — איר האָט דאָס געזאָגט, לאָמיך האָבן אַזאַ יאָר, ס'איז טאַקע אַ רעשטל, איי, אַ רעשטל צו די צרות!... — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאַכט זיך, וואָס ליגט אַזעלכעס אין די פינף ווערטער: „אַ רעשטל צו די צרות?" זיי זענען אָבער געזאָגט געוואָרן אַזוי צו דער צייט און מיט אַזאַ ריכטיקן טאָן, אַז זיי זענען געווען אַ שליסל אויף צו עפענען דער אַלטערס מויל און דער אַלטערס האַרץ, און זי האָט פאַר איר זונס פריינד דערציילט אַלצדינג, דעם גאַנצן אמת — דאָס, וואָס האָבן געזאָלט וויסן נאָר זיי אינצווייען: זי און איר טאָכטער זלאַטקע, און גאָט אַ דריטער...

קאַפּיטל פינף און זעכציק

שלום־מאיר מאָראַווטשיק — אַ גוטער פריינד

אַ מענטש קען גאָרנישט וויסן, ווער ס'איז אים אַ גוטער פריינד און ווער אַ שונא. און עבירה, וואָס דער דירעקטאָר האָלצמאַן קען נישט אויפשטיין פון קבר און אַ קוק טאָן אויף זיין בלוטיקן שונא שלום־מאיר מאָראַווטשיק, ווי ער ליגט זיך אוועק פאַר זיין אַלטער מאַמע שרה־ברכה און פאַר זיין שוועסטערל זלאַטקע. ער וואָלט זיכער נישט געגלייבט זיינע אויגן. ער וואָלט געשטוינט, וויאַזוי אָט דער שלום־מאיר, וועמענס פּנים ער האָט נישט געקאָנט זען אָן דעם, ס'זאָלן אים נישט „אויפקאָכן אַלע געבליטן", פאָרט איצט מיט זיין מאַמען און שוועסטער אויפן שיף קיין אַמעריקע, טיילט זיי צו „כל הפּאַרגעניגן", לויפט אַריין אַלע מאָל צו זיי אין דעם קעבין צווייטער קלאַס, געוויר ווערן, וואָס פעלט זיי, וואָס פאַרלאַנגען זיי, טאָמער דאַרפן זיי עפּעס?

דער אַלטער שרה־ברכה און איר טאָכטער זלאַטקען פעלט אָבער גאָרנישט און זיי פאַרלאַנגען נישט קיין זאַך און זיי דאַרפן נישט קיין זאַך. זיי ביידע זיצן איבער אַ קליין באַשעפעניש'ל, אַ נפשל, וואָס איז איינגעהילט אין ווינדעלעך און איינגעוויקלט אין קישעלעך און קוקט אַרויס ווי אַ ליאַלקע אויף גאָטס וועלט מיט אַ פּאָר אייגעלעך, בלויע ווי דער הימל און קלאָר ווי די שיין. און אַ מיילעכל האָט עס, ווי אַ פייגעלע, און דאָס פּנימל ביי דעם איז ווי פאַרטראַכט, גלייך ווי עס האָט שוין אייגענע מחשבות. אך, ווי גוט דאָס איז, וואָס זיי האָבן געטראָפן מיט זייער נסיעה אין אַזאַ צייט, ווען דער ים איז שטיל, „ווי שבת נאָכן טיש". געלויבט דער אויבערשטער! נישט אַזוי פאַר זיך דאַנקען זיי גאָט, ווי פאַר אָט דעם נפשל. נעבעך אַ גאָטס באַשעפעניש'ל — וואָס ווייסט עס? און אַ קליין קינד, האָבן זיי געהערט זאָגן, ליידט נעבעך אויפן וואַסער נישט ווינציקער ווי אַ גרויסער. נישט מער — אַן עופהלע, אַ שטומע צונג...

אַ מאָדנע זאַך מיט די צוויי! מילא פון זלאַטקען שמועסט מען נישט. זלאַטקע, אַז זי איז נאָך געלעגן אין געהאַקטע וווּנדן, געמיינט, אַז ס'איז אַן עק, זי געזעגנט זיך מיטן לעבן, ממש געזען פאַר זיך דעם מלאך־המות, נאָר דערהערט דעם ערשטן פּיסק פונעם געבוירענעם ווערן, האָט זי זיך שוין געבעטן, מע זאָל איר ווייזן דאָס, וואָס ס'איז געבוירן געוואָרן. און פון דער ערשטער מינוט, וואָס זי האָט דאָס דערזען, האָט זיך דערוועקט אין איר אַ געפיל פון רחמנות אָן אַן ערך צום דאָזיקן נפשל, און עס זענען איר אין איין מינוט פאַרגאַנגען אַלע ווייטיקן, פאַרהיילט אַלע וווּנדן. וווּ איז אַהינגעקומען דער בזיון, וואָס זי האָט געמיינט פריער, אַז זי וועט אים זיכער נישט אַריבערטראָגן? וווּ זענען אַהינגעקומען אירע פריערדיקע געדאַנקען וועגן דעם, וואָס מע זאָל זי וועלן עמעצער איבערפאָרן אין

דעם טומלדיקן גיהנום, וואָס הייסט לאָנדאָן, אַבי פּטור צו ווערן איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פֿון דער חרפּה, וואָס האָט זיך, ווי אַ מוראדיקער וואָלקן, געטראָגן אַקעגן איר מיט סכנת־נפשות!? אַלע געדאַנקען און אַלע געפֿילן האָבן אָפּגעטראָטן דעם איינאיינאיינציקן געדאַנק, דעם איינאונאיינציקן געפֿיל, אַז זי איז אַ מאַמע...

אויב דאָ איז פֿאַראַן וועמען צו באַוווּנדערן — איז דאָס די אַלטע שׂרה־ברכה. פֿאַר איר איז דאָס יאָ געווען, ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג, ווי צען מויערן האָלטן איינגעפֿאַלן אויף איר, ווי הונדערט האַרמאַטן וואָלטן איר געטראָפֿן גלייך אין האַרצן אַריין.

דאָס איז געווען סאַמע אין דער צייט, וואָס זיי זענען געזעסן שבעה מיט איר טאָכטער נאָך איר געטרייען זון. זייערע אויגן האָבן שוין לאַנג אויסגעטריקנט. די קוואַלן פֿון טרערן האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעלאָזן. און אַ מאָדנע פּוסטקייט איז איינגעטראָטן אין זייערע הערצער, און אַ מוראדיקע טומגעקייט מיט אַ מרה־שחורה האָבן אַרומגענומען זייערע נשמות.

— היינט איז דער זעקסטער טאָג, — האָט זיך די מאַמע אָנגערופֿן צו דער טאָכטער. — אם־ירצה־השם, איבערמאָרגן שטייען מיר שוין אויף. וואָס וועלן מיר טאָן? וווהין וועלן מיר גיין? צו וועמען וועלן מיר זיך קערן און ווענדן?

די אַלטע איז שוין גרייט געווען ווידעראַמאָל איבעראַנייס זיך צעוויינען, איז איר פּלוצים די טאָכטער געפֿאַלן אויפֿן האַלדז, אַרומגעכאַפּט קושן די אַלטע מאַמע, מוראדיק רויט געוואָרן, זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט ביים בויך און אויסגעלאָזט מיט אַ געשריי:

— מאַמע! ראַטעווע — איך בין פֿאַרביי!...

— גאָט איז מיט דיר, טאָכטער! אַ דונער האָט מיך געטראָפֿן — וואָס איז דיר? וואָס איז דיר?

די טאָכטער האָט גענומען ברעכן די הענט, כאַפּן זיך אַלע מינוט ביים בויך, זיך שלאָגן אין קאָפּ, רייסן פֿון זיך שטיקער פֿלייש און נישט אויפֿגעהערט צו שרייען אין איין קול:

— מאַ — מע! איך בין פֿאַרביי!...

עס איז געשען אַ נס, אָדער אפֿשר איז דאָס געווען דער אינסטינקט פֿון אַ פֿרוי און פֿון אַ מוטער — די אַלטע שׂרה־ברכה האָט געכאַפּט אויף זיך דעם צעריסענעם בורנעס, פֿאַרגעסן דעם בזיון, פֿאַרגעסן אַלצדינג אויף דער וועלט, אַריינגעלאָפֿן צו איין שכנה, צו דער אַנדערער, זיך דערפֿרעגט אויף אַן אַקושערקע — און נאָך אַ שווערער נאַכט, אין וועלכער איר טאָכטער, איר אויג אין קאָפּ, האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך־המות, געשוועבט צווישן לעבן און טויט, האָט זי גאָט באַגליקט — שוין צום טאָג גלייך — מיט אַן אייניקל...

אַן אויסגעמאַטערטע, אַ בלאַסע, אַן אויסגעצערטע, איז זלאַטקע געלעגן אין בעט. די צעוואָרפענע שוואַרצע האָר האָבן זיך צעשפּרייט אויפן ווייסן קישן. איר שפּיציק נעזל האָט זיך נאָך מער פאַרשפּיצט. די אויגן האָבן געבלאַנדזשעט, זיך געצויגן מער אַהין, צופוסנס, וווּ איינגעוויקלט אין אַ ליילעך האָט זיך גערירט און גערודערט אַ לעבעדיקע זאַך. זי האָט זיך צוגעהערט מיט נייגעריקייט, ווי עפּעס שנאָרכט און פאַרשקעט און פּישטשעט און קאַוויטשעט שטיל, ווי אַ קעצעלע.

יונג און שיין איז געווען די דאָזיקע געווינערין. דאָס פּנים קינדיש, בלוט און מילך. די הענטלעך קליין. די ברוסט האַרט און שעמעוודיק. און אַלץ אינאיינעם האָט זיך ווי געבעטן און באַקלאָגט זיך: „יידישע קינדער, אוי-וויי, איך בין נאָך נישט אַלט קיין אַכצן יאָר!“...

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען שרה-ברכה. די אַלטע מאַמע האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל ביז די ברייטביינינקע עלנבויגנס, אַרויסבאַוויזן די אָפּגעשטאַנענע אַנגעדראָלענע אָדערן פון אירע ברייטע טרוקענע הענט, פאַרלייגט די פּאַטשיילע אויף יענער זייט אויערן, אונטערגעשטעקט דעם פאַרטעך, געבראַכט צו טראָגן אַ שווערע הילצערנע באַליע, וואָס מע וואַשט גרעט, צוגעשטעלט אַן אָקראָפּ אויף צו באָדן דאָס קינד און געזידלט, געשימפּט און געטאַדלט די שטאָט לאָנדאָן מיט אירע איינוווינער אויף וואָס די וועלט שטייט.

— אַ שטאָט — איינגעזונקען זאָל זי ווערן! אַ הויף — פאַרברענט זאָל ער ווערן! שכנים — אויף קיין גוטן אָרט זאָלן זיי נישט שטיין! עס זאָל זיך נישט געפינען צווישן יידן אַ מולטער, אַ הילצערנער מולטער!...

הקיצור, די אַלטע איז אַריין אין איר מאַמע-ראָל, גלייך ווי זי וואָלט זיך צו דעם געגרייט שוין פון לאַנג, גלייך ווי זי וואָלט געוווסט, וואָס דאָ וועט פאָרקומען... וואָס זאָלט איר קלערן? אַוודאַי איז איר ווייטיק געווען גרויס און דער בזיון נאָך גרעסער. עס זאָל זיך איר עפּענען אַ גרוב, וואָלט זי זיכער אַריין אַ לעבעדיקע. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? זי וועט דאָך נישט אַוועקזעצן זיך איצטער זאָגן מוסר דער טאָכטער, וואָס איז נאָר וואָס איבערגעקומען אַזאַ סכנה. לאָז נאָר דער אויבערשטער העלפן, זי זאָל שוין אויפשטיין בשלום, וועט זי איר, נישקשה, אויסלומען ווי עס געהער צו זיין. זי וועט זיך שוין צו איר אַ נעם טאָן, איר געבן אַ ווויסטן סוף: „זאָג נאָר, טאָכטער לעבן! וויאַזוי און ווען און וווּ און... פון וועמען? פאַרפיגצטערט און פאַרוויסט זענען זיי ביידע געוואָרן — וואָס וועלן זיי טאָן? וווהין וועלן זיי גיין? צו וועמען וועלן זיי זיך קערן און ווענדן?“...

דאָס וועט אָבער אַלץ זיין נאָכדעם. שפּעטער, נישט איצט. איצט דאַרף מען זי צוזען, צופּילנעווען, צושטעלן צוויי מאָל אין טאָג אַ יאַיכל... אַ קומפּעטאָרין, אַן ערשטלינג—א הונער האָט זי דערשלאָגן!... און דאָס קינד? וואָס איז שולדיק דאָס קינד? גאָט די נשמה. אַ לעבעדיק באַשעפעניש. אַ צער-בעלי-חיים. ס׳זאָל וועלן אַליין זיך אָפּטראָגן, וואָלט עס אַוודאַי געווען אַ חכמה פון דעם. נעמען דאָס

און דערוועגן — האָט נישט. אָדער אָפּקאָכן מיט זודיק וואַסער — דאָס אויך נישט. מען איז דאָך עפּעס יידישע קינדער אויף דער וועלט, צי ניין? אַ שטיקל גליק כאָטש, וואָס ס'איז געבוירן געוואָרן אַ מיידל, נישט קיין יינגל: פאַרשפּאָרט אַ ברית — ווינציקער מיט אַ בזיון... און ווי אויף צולהכעיס, אַ געזונט מיידל, קיין עין־הרע, אַ מזיק! און שיין איז דאָס — טאַקע נאָר אויף שפּשקאַוועס. אַלע שכנות זאָגן, אַז זיי האָבן אַזאַ קינד שוין לאַנג נישט געזען. אין וועמען איז דאָס געראָטן?

— אין וועמען? אינעם טאַטן, — זאָגט זיי שרה־ברכה. — ער איז אַ שיינער יונג, אַ שניידער, אין אַמעריקע איז ער...

שרה־ברכה פילט, אַז עס ברענט אויף איר דאָס אַלטע פּנים פאַר בושה. אָפּגעלעבט אַזויפיל יאָרן, און אויף דער עלטער געוואָרן אַ ליגנערין, אַז אָך און ווי איז צו אירע גרויע האָר און אַ קלאָג אויף אירע שונאימס קעפּ, זיין זאָלן זיי אַלע די כפּרה פאַר איר קינד מיט אים אינאיינעם!...

וועמען די אַלטע האָט געמיינט מיטן נאָמען „אים“ — דאָס איז נישט אַזוי שווער צו טרעפן... שיין איז נאָר דאָס, וואָס זלאַטקע איז שוין אויפגעשטאַנען פון קימפּעט, שוין אַרומגעשלעפּט זיך איבער דער שטוב — און שרה־ברכה האָט איר קיין ווייסטן סוף נאָך אַלץ נישט געגעבן. עס איז געווען לחלוטין איבעריק. ערשטנס, דאָס קינד, אין עופהלע. מע דאַרף עס באָדן — וואָס ווייסט זלאַטקע? מושטיינס געזאָגט, אַליין אַ „פּיסקאַליאַ“. און צווייטנס, אָט דער הייזעריקער שלימזל, איר זינס גוטער פריינד, שלום־מאיר מוראַווטשיק, ער האָט זיך פאַרנאַדיעט צו זיי אין שטוב, אָנגעהויבן גיין צוויי מאָל אַ טאָג און פאַרגעלייגט דער אַלטער שרה־ברכה אַ פּלאַן, וואָס האָט באַדאַרפט אויסלייזן זיי פון אַלע צרות און פון אַלע בזיונות. ער מיינט חלילה נישט דערביי קיין זאַך. אַדרבא. ער טוט עס נאָר אויס ריינע גוטפריינדשאַפט צו איר און צו איר זון, עליו השלום, וואָס איז געווען זיין בעסטער איינציקער פריינד — „גאָט זאָל אים אַזוי געבן גליק און הצלחה“.

קאַפּיטל זעקס און זעכציק

א מענטש אָן א גאַל

תחילת איז אונדזער מוראַווטשיק — עס קאָן זיין — טאַקע נישט אויסן געווען קיין זאַך. אַריינשטעקן אַ נאָז אין יענעמס טעלער, געוויר ווערן, מיט וואָס דאָרט שמעקט, און דינען יענעם מיט אַן עצה, — דאָס איז אַ יידישע זאַך. נישט מער שלום־מאירס נאָז האָט אַ ביסל צו אַ שאַרפן חוש־הריח. דאָס, וואָס אַן אַנדערער באַדאַרף האָבן דערויף וואָכן און אפשר חדשים, וועט דאָס אייך מוראַוו־

טשיק דערגיין אין אַ טאָג. אַט דער דאָזיקער מענטש האָט אין זיך אַ כוח! — באַלד ווערט ער אייך אַ גוטער ברודער, און איר ווערט אים פּאַרטרויען, ווי אַן אייגענעם, אויסדערציילן, וואָס ביי אייך אונטער די נעגל טוט זיך. נישט נאָר די אַלטע שרה־ברכה, נאָר אַפילו די שעמעוודיקע זלאַטקע האָט אים געקוקט אין מויל אַריין און זיך צוגעהערט צו זיין הייזעריקער שטימע און צו זיינע ווערטער, וואָס האָבן זיך, ווי אַ בוימל, געגאָסן צו זיי אין האַרצן אַריין. ער האָט צו זיי געזאָגט:

— וואָס זאָל איך מיט אייך טאָן, אַז איר, מומעניו, זענט אַ ייִדענע פון דער אַלטער וועלט, און אייער טאָכטער איז אַ שעפּעלע? איר פרעגט מיך, וועל איך אייך זאָגן אַקוראַט, וואָס דו טוט זיך, איך וועל עס אייך לייענען ווי פון אַ ביכל. איך קען מיינע לייט, פאַרשטייט איר מיך, אויסגעבונדן. איך בין דאָך עפּעס אַליין אַן אַקטיאָר. דער חברהמאַן, אויף וויפל איך קען אים פון דער היים, נאָך פון האָלענעשטי, — איך געדענק אים ווי דורכן שלאָף — איז אַ בחור, לאָמיר האָבן אַזאַ יאָר. נישט מער, ער איז אַוועק קיין אַמעריקע, איז ער אַרויס פון די האָלאָבליעס און פאַרגעסן דעם זיי־געזונט, ווי זאָגט מען ביי אונדז: „דאַלי אָטשי, דאַלי סערדצע“. איז אָבער אין אַמעריקע פאַראַן אַ זאַקאָן, באַם אַז אַ בחור טוט אָט אַזאַ מעשה, וואָס סע קומט אים דערפאַר אַ קניפּ אין בעקל (ביי די ווערטער כאַפּט ער אַ קוק אויפן „יאַטל“, וואָס ביי זלאַטקען אויפן שויס, און זלאַטקע ווערט רויט ווי אַ ציוויק און לאָזט אַראָפּ די אויגן...), מאַכט מען נישט מיט אים קיין לאַנגע שהיות: איינס־צוויי־דריי — און „הרי את מקודשת לי, בטבעת זו, האַלט מיך צי, איך פלי, איך פלי“... און טאָמער חלילה זאָגט ער לא, איז דערויף פאַראַן אַ חד־גדיא: דאָרט רופט מען עס „קונקעל־מונקעל“, אָדער „סיקסינג“[1]; איך ווייס, כאָטש איך בין דאָרט נאָך נישט געווען. איך גיי ערשט אַהין; איך האָב דאָרט, פאַרשטייט איר מיך, אַ ביזנעס צו איינער אַ באַרימטער זינגערין, אַ פּרימאַדאָנע, וואָס אויב עס וועט מיר געראָטן, וועל איך מאַכן המוציא מיט האָניק און וועל אָנשלאָגן אָט אַזאַ הייטל מיט גאָלד — דאָלאַרס רופט מען עס ביי זיי. דאָלאַרס, דאַרפט איר וויסן, איז אַ גוטע מטבע. פאַר איין דאָלאַר באַקומט מען ביי אונדז אַזוי גרויס ווי צוויי קאַרבווינים... וואָס זשע, הייסט עס, האָב איך אייך געוואָלט זאָגן? יאָ, אַז פאָרן, זאָלן מיר פאָרן איניינעם, וואָרעם איך, אַז איך וועל געבן אַ רעד מיט דעם בחור, וועט דאָס זיין ויאמר — און ער האָט געזאָגט, אל — צו, משה — משהן, לאמר — אַזוי צו זאָגן. איך, פאַרשטייט איר מיך, האָב פיינט ציגעלע־מיגעלע, און אַן אַקטיאָר מיט אַן אַקטיאָר איז גאָר אַנדערע ברבורים. ביי מיר, זייט זיכער, וועט ער שוין גיין אויפן דראָנזשיק! איר מיינט, מחמת וואָס טו איך עס? מער נישט פאַר רחמנות. איך האָב רחמנות

[1] סינג־סינג — טורמע.

אויף אייער מאַכטער און איך וויל, אַז איר „יאַטל״ — אויף מיר אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ „יאַטל״ דאָס איז — זאָל האָבן אַ טאַטן. מער וויל איך גאָרנישט, גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה.

שלום־מאיר מוראַווטשיק האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט ווערטער אַליין. ביי אים איז אַ כּלל: איז ער עמעצן איבערגעגעבן — איז מיטן גוף און מיט דער נשמה און מיטן לייב און לעבן. ער האָט נישט געקאָנט צוזען, ווי די אַלטע שרה־ברכה טראָגט זיך אַליין אַלעמאָל אָדער מיט אַ ברעמעק האָלץ, אָדער מיט אַ באַרעל מיסט. „לאָזט מיך, וועל איך אייך ווייזן, וויאַזוי מע טראָגט האָלץ, אַז ס׳זאָל זיך אייך אויסווייזן, אַז ס׳איז נישט קיין האָלץ, נאָר פעדערן״. אָדער: „נישט אַזוי נעמט מען אַ באַרעל מיסט. אַ באַרעל מיסט נעמט מען אָט אַזוי״.

דעסגלייכן האָט ער נישט געקאָנט ליידן, וואָס זלאַטקע טויטשעט זיך מיטן „יאַטל״ גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט. אמת, ער אַליין האָט קיין „יאַטלעך״ קיינמאָל נישט געהאַט, הלוואַי ווייטער, דערפאַר האָט ער אַ שוועסטער, אַפילו נישקשה פון אַ קבצנטע, נאָר אַ קינדלדיקע איז זי מיט סכּנת נפשות! זי האָט פון דער מאָדע „צוויי־קינדער־סיסטעם״ און האָט אַלע יאָר אַ צווילינגל. דעריבער איז ער אַזוי געניט אין די זאַכן. ער ווייסט אַפילו אַ סגולה, וואָס מע טוט, אַז אַ קינד זאָל אויפהערן שרייען.

און נישט לאַנג געטראַכט, כאַפּט ער אַרויס ביי זלאַטקען פון די הענט דאָס קינד, וואָס האָט אין דער מינוט געהאַלטן סאַמע אין רעכטן שרייען, און האָט דאָס גענומען וואַרפן מיט ביידע הענט רעכטס און לינקס, אַרויף און אַראָפּ, אַזוי אַז דאָס „יאַטל״ איז טאַקע אַנטשוויגן געוואָרן, נאָר דערפאַר איז אָבער ביי זלאַטקען שיר דאָס האַרץ נישט איינגעפאַלן פאַר שרעק.

פאַר איר אייגענעם ברודער האָט זלאַטקע אין איר גאַנצן לעבן נישט אַרויס־געזאָגט קיין הונדערטסטל חלק פון דעם, וואָס זי האָט אַרויסגעזאָגט פאַר אָט דעם מוראַווטשיקן. אים האָט זי פאַרטרויט אָט דאָס, וואָס זי האָט אַפילו פאַר איר איי־געניער מאַמען נישט פאַרטרויט.

דאָס איז געווען אין אַ פרימאָרגן, ווען שרה־ברכה איז געווען אין מאַרק איינקויפן אויף „דינער״ און זלאַטקע איז געבליבן מיט מוראַווטשיקן אַליין, — יענעם פרימאָרגן איז זלאַטקע געווען מאָדנע אויפגערעגט.

— איך האָב צו אייך אַ בקשה, — האָט זי אים אַ זאָג געגעבן מיט אַ גע־בראָכן קול און האָט שוין חרטה געהאַט. נאָר אָנגעהויבן — איז פאַרפאַלן.

— וואָס פאַר אַ בקשה, קעצעלע? אין פייער און אין וואַסער.

מיט ציטערנדיקע הענט האָט זלאַטקע אַרויסגענומען פון בוזעם אין אַ גע־לער פאַטשיילע איינגעוויקלט עפּעס אַ זאַך. די דאָזיקע „זאַך״ איז איר פאַרבליבן פון איר ברודער. ער האָט דאָס איר איבערגעגעבן אַ שעה פאַרן טויט, אָנגעזאָגט

איר, מיט האַלבע ווערטער שוין, „זי זאָל דאָס היטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, אַז קיין פויגל זאָל פון דעם נישט וויסן, אַפילו די מאַמע"... ביי די דאָזיקע ווערטער האָט זיך האַלצמאַן פאַרהוסט, אַנגעהויבן גוססן און מער נישט געקאָנט שוין זאָגן גאָרנישט גישט...

אָפּגעגעבן די „זאַך" צו איר גייעם פריינד, האָט זלאַטקע דערפילט, אַז ס'איז איר אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן. זי האָט צו אים געזאָגט:

— איך גיב אייך אַוועק אָט דאָס קניפּל — אונדזער גאַנצן חיות. איך פאַר־טרוי אייך מיין נשמה. נעמט אָט דאָס אָ און טוט מיט דעם, וואָס איר ווילט, אַבי ברענגט מיך צו א י ם, אַזוי ווי איר האָט דאָס געזאָגט...

מער האָט די אָרעמע זלאַטקע נישט געקאָנט רעדן. אַ גאַנצער שטורעם האָט זיך אויפגעהויבן ביי איר אין האַרצן און עס האָבן זי געשטיקט די טרערן. שלום־מאיר מוראַווטשיק איז געווען אַזוי גערירט, אַז ער האָט גאָר נישט אַריינגעקוקט, וואָס אין קניפּל טוט זיך, און האָט דאָס, ווי אַ קונצנמאַכער, אַראָפּגעלאָזט גלייך אין קעשענע. אַגב איז אָנגעקומען די אַלטע, און ער האָט מער נישט געקאָנט אַז אַ טרייסל טאָן זלאַטקען ביי דער האַנט און אַ זאָג טאָן איר:

— זייט זיכער, ליובעניו, זאָל מיין נאָמען נישט הייסן מוראַווטשיק.

נישט שפּעטער ווי אויף מאָרגן איז מוראַווטשיק געקומען צו גיין אַ גערא־זירטער און אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז פיס אין שפּאָגלנייעם, ווי אַ חתן צו דער חופּה, און אַ זאָג געגעבן בריוולעך:

— הערט זשע אויס, מומעניו, די מעשה דערפון איז אַזוי. מיינע ביזנעס, דאַנקען גאָט, גייען אַ סך בעסער, ווי איך האָב גערעכנט. ס'איז געלע גימל אַרום און אַרום. נישט מער איין זאַך: מע הייפּט מיך קיין ניו־יאָרק. אויב איר ווילט פאַרגעסן אין אַלע צרות און האָבן נחת אויף אייערע עלטערע יאָרן, זאָלט איר נישט מאַכן קיין לאַנגע שהיות און שוין נעמען, ווי זאָגט ער, דאָס פּעקל מיטן זעקל, איך מיין די טאָכטער מיטן „יאַטל", און הלך משה מרדכי מיטן רעכטן פוס. איך טו אַ שפּרונג נאָך טיקעטס, שיפסקאַרטן הייסט עס, און פון קיין געלט זאָלט איר מיט מיר נישט רעדן. גאָט וועט העלפן, וועלן מיר זיך צערעכענען...

שרה־ברכה האָט זיך איבערגעקוקט מיט איר טאָכטער. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין אָנשיקעניש? דאַכט זיך אַ שלימזל — און נעמט אויף זיך אַזוי פיל! און פאַר גרויס התפעלות, אַפּנים, האָבן זיך אַראָפּ־געקייקלט אַראָפּ איבער איר אַלט געקנייטשט פאַרמעט־פּנים צוויי קיילעכדיקע טרערן, ווי באָב. זי האָט נאָר וואָס געקליבן זיך אָפּדאַנקען איר זונס גוטן פריינד, אים בענטשן און ווינטשעווען אים, ווי ער האָט דאָס ביי איר כשר פאַרדינט, האָט ער זיך פאַרשטעלט מיט די הענט ביידע אויערן און איז אַוועק, גאָרנישט געוואָלט הערן אַפילו.

— שיין! שיין! אַ גוטן טאָג. איך לויף נאָך בילעטן, און איר גרייט זיך אין וועג אַריין. מאָרגן פאָרן מיר. אַדיעו.

— ביסט עפּעס אַ מבין? אַ מענטש אָן אַ גאַל! — האָט די מוטער אַ זאָג געגעבן צו דער טאָכטער, אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט ביידע הענט און געבליבן שטיין אין מיטן שטוב.

—אַ מענטש אָן אַ גאַל, — האָט איר די טאָכטער צוגעגעבן, און ביידע האָבן זיי זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין.

קאַפּיטל זיבן און זעכציק

ראַפאַלעסקאָס גרויסער דורכפאַל

מיר האָבן איבערגעלאָזט אונדזער יונגן העלד ראַפאַלעסקאָ צווישן צווייטן און דריטן אַקט מיט דער פּרימאַדאָנע הענריעטאַ שוואַלב, ווי זי האָט זיך אַריינגעריסן צו אים מיט אַ געלעכטער אין גאַרדעראָבנע פּונקט אין דער מינוט, ווען ער איז נאָך וואָס געווויר געוואָרן פונעם בארבער, אַז אין טעאַטער אויף זיין פאַרשטעלונג געפינט זיך ראָזע ספּיוואַק.

— אַ קאָמעדיע מיט אונדזערע אַפּטאַונער אַריסטאָקראַטישע קאָלעגן. אַ קאָמעדיע, אַ וואָדעוויל, כאַ־כאַ־כאַ! דו ווייסט? זיי זענען דאָך אַנטלאָפן געוואָרן, כאַ־כאַ־כאַ!

ראַפאַלעסקאָ, וואָס געהאַלטן ביי אַרויסצולויפן פון דער גאַרדעראָבנע, אַליין נישט צו ווייסן וווהין, באַגעגנט זיך מיט הענריעטען, האָט ער זיך אַ נעם געגעבן צוריק און אויטאָמאַטיש אַ פרעג געגעבן ביי איר: „ווער איז אַנטלאָפן געוואָרן?“ דערויף האָט איר הענריעטאַ דערלאַנגט גאַנץ בלאַזנע אַ שמיר איבער דער נאָז.

— דו גרינער אַגרעס וואָס דו ביסט! דו ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַראַ געהיבענע געסט מיר האָבן דאָ געהאַט? גרישאַ סטעלמאַך און ראָזע ספּיוואַק... אין לאָזשע נומער דריי זענען זיי געזעסן. די צווייטע פון דער דירעקטאָר־לאָזשע. מיר האָבן זיך מיט איר באַקענט... עס זענען איר געפעלן מיינע בראָסלעטן. איך האָב איר געזאָגט, אַז דאָס האָב איך אַ מתנה פון דיר. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט, פון וואַנען דו ביסט...

— וואָס זשע האָסטו איר געזאָגט?

— וואָס זאָל איך איר זאָגן? איך האָב איר געזאָגט, אַז דו ביסט פון בוקאַרעשט, כאַ־כאַ! די רומענישע קעניגן, כאַ־כאַ־כאַ! מע קאָן שטאַרבן פאַר געלעכטער. נאָר דאָס איז נאָך אַלץ גאָרנישט אַקעגן דעם, ווי זיי זענען אַנטלאָפן

פֿון טעאַטער. ווער עס האָט זיי נישט געזען לויפֿן, דער האָט גאָר קיין שענערס נישט געזען, כאַ־כאַ־כאַ!

ראַפֿאַלעסקאָ האָט זיך גענומען ווישן דעם קאַלטן שווייס, וואָס איז אים אַרויסגעטראָטן אויפֿן שטערן, און ער האָט זי קאַלטבלוטיק, אויף וויפֿל ס'איז נאָר מעגלעך געווען, אַ פֿרעג געגעבן:

— וואָס זשע האָבן זיי אייגנטלעך באַדאַרפֿט אַנטלויפֿן?

— אַפּנים, ס'איז זיי ביי אונדז נישט געפֿעלן, כאַ־כאַ, אַזעלכע אַריסטאָקראַטן! אַ קלייניקייט? איך האָב נאָכגעקוקט די גאַנצע צייט, וואָס דו האָסט געשפּילט, איז דאָס פּאָרל געזעסן און געלאַכט, כאַ־כאַ־כאַ!...

אין דעם קלאָגעדיקן ראָמאַן פֿון אונדזער העלד צו דער פּרימאַדאָנע שוואַלב זענען געווען פֿאַרשידענע מאָמענטן. עס זענען געווען צייטן, ווען ער האָט זי פֿיינט געהאַט פֿאַר איר נאַרישקייט, נישט געקאָנט אָנקוקן. עס זענען געווען צייטן, וואָס ער האָט איר מוחל געווען איר טפּשות, איבערגעטראָגן אַלע אירע קאַפּריזן און געווען מיט איר חבר... אין דער מינוט, וואָס מיר באַשרייבן אַציקנד, איז זי אים געווען אַזוי נמאס, אַז נישט נאָר ער האָט זי פֿיינט געהאַט — ער איז גרייט געווען זיך אַרויפֿוואַרפֿן אויף איר, זי אָנגעמען מיט ביידע הענט פֿאַרן גאָרגל און דערוואָרגן זי, אָדער פֿאַרשטופֿן איר דאָס מויל מיט אַ טאַשנטיכל און זי דערשטיקן, ווי ביי שעקספּירן אָטעלאָ דערשטיקט דעזדעמאָנען — אַזוי שטאַרק האָט געקאָכט אין אים דאָס בלוט. און עס האָט אים געקלאַפּט ווי מיט צען האַמערס אין די שלייפֿן, און מאָדנע רינגעלעך פֿון אַלערליי פֿאַרבן האָבן זיך אים געדרייט פֿאַר די אויגן. עס האָט אים געקיצלט אין נאָז, און די ציין האָבן אים שטילערהייט געקריצט אין מויל. אַ חיה, אַ ווילדע, אַ צערייצטע חיה האָט זיך אין אים אויפֿגעוועקט. מע האָט באַדאַרפֿט זיין שטאַרקער פֿון אייזן, מע האָט באַדאַרפֿט זיין אין דער אמתן אַ העלד, מע זאָל אַריבערטראָגן דאָס, וואָס אונדזער העלד ראַפֿאַלעסקאָ האָט איבערגעלעבט אין די דאָזיקע עטלעכע שווערע־שווערע מינוטן.

און הענריעטאַ שוואַלב איז שוין לאַנג נישט געווען אַזוי אויפֿגעלייגט, ווי אין דעם אָוונט. זי האָט זיך אַ וואָרף געגעבן אויף ראַפֿאַלעסקאָס בענקל, וואָס אַקעגן שפּיגל, און פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אַרונטער און, קוקנדיק אין שפּיגל אויף אירע אייגענע ווייסע ציין, האָט זי זיך אַזוי צעלאַכט, אַז דער באַרבער האָט זיך געטראַכט: „טאָמער איז קאַרג, נאָט איך נאָך אַ משוגענע"...

— ניין! — האָט הענריעטאַ איבערגעקייעט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. — מע האָט באַדאַרפֿט אָנקוקן, ווי די צוויי האָבן זיך גענומען אונטער די הענט און — מאַרש־מאַרש פֿון דער לאָזשע איבערן גאַנצן קאָרידאָר, ווי אַ בליץ גלייך אין דרויסן אַרויס, צום אויטאָמאָביל, און דאָס פּובליקום: בראַוואָ, ספּיוואַק! בראַוואָ, סטעלמאַך! — אַ ריינע קאָמעדיע. אַ וואָדעוויל, כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!...

— האַרריאַפּ! עס גייט שוין דער דריטער אַקט, — האָט אויסגערופן אַ הויכער דזשענטעלמען און האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ צו ראַפּאַלעסקאָן אין גאַרדעראָבנע און באַוויזן, אַז ער האָט אַ פויגלש פּנים אָן אַ סימן פון ברעמען אויף די רויטע אויגן. דאָס איז געווען דער רעזשיסער פון ניקעל-טעאַטער, וואָס גיט אַכטונג אויפן אַרויסטריט פון די אַרטיסטן, עס זאָל זיין אין דער צייט.

דערהערט דעם „האַרריאַפּ“, האָט זיך אונדזער פּרימאַדאָנע אויפגעכאַפּט און באַפּרייט דאָס בענקל, און ראַפּאַלעסקאָ האָט זיך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַוועקגעזעצט צוריק צום גרים, און דער באַרבער האָט זיך גענומען צו זיין אַרבעט מיטן גאַנצן ערנסט פון אַן אַרטיסט, וואָס ווייסט, וואָס ער האָט צו טאָן. גיך איז אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף זיין אָרט דער פּאַרוק, עס איז אַרויפגעקעמט געוואָרן צוריק דאָס קליינע בערדל; אַ שמיר אַהער, אַ רייב אַהין — און אוריאל אַקאָסטאַ איז שוין געשטאַנען ווידער גרייט אויפצוטרעטן אויף דער בינע פאַרן פּובליקום, וואָס האָט זיך שוין אַ ביסל באַרואיקט און אַרויסגעקוקט אויפן גאַסטראָלער, אויף דעם יונגן אויפגייענדיקן שטערן לעאָ ראַפּאַלעסקאָ פון בוקאַרעשט.

נאָר אָנשטאָט דעם אויפגייענדיקן שטערן פון בוקאַרעשט, אָנשטאָט דעם סימפּאַטישן אוריאל אַקאָסטאַ, איז אויף דער בינע געזעסן ביי אַ שרייבטיש דער אומסימפּאַטישער מנשה און געגנודיעט דעם עולם מיט זיינע מאָנאָטאָנע רייד פון ביכער, חשבונות, ציפערן. „לאַנג נאָך וועט ער דרייען אַ מוח, אָט דער אַלטער שטורמאַק?“ האָט זיך דאָס פּובליקום געטראַכט און געקוקט צו דער טיר, ווען וועט זיך שוין אַמאָל באַווייזן אוריאל? ענדלעך עפנט זיך די טיר, נאָר אָנשטאָט אוריאלן קומט אָן יהודית — און עס פאַרבינדט זיך צווישן איר און איר פאָטער מנשה אַ לאַנגער געשפּרעך אָן אַ סוף: „עס וועט אַמאָל נעמען אַן עק, צי ניין?“ דאַנקען גאָט, אָט איז דער דינער:

— דאָקטאָר סילוואַ איז געקומען.

— שאַראַפּ! — זאָגט שטילערהייט איינער פון פּובליקום, — אין דער ערד אַריין דעם דאָקטאָר דע סילוואַ, אוריאל אַקאָסטאַן גיט אַהער! אָט נודניקעס. איידער מע דערלאַנגט דאָס ביסל איינגעמאַכטס צום טיש, דאַרף מען זיך פריער אָנזשליאָקען מיט וואַסער... אָ! אָט איז ער דאָ, דער בחור.

עס קומט אָן אוריאל אַקאָסטאַ און בלייבט שטיין ביי דער טיר מיט צונויפגעלייגטע הענט אויף דער ברוסט, און אַ שווידער גייט דורך איבערן גאַנצן טעאַטער, און עס ווערט שטיל — אַ פליג דורכצופליען. אַלע זענען גרייט צו הערן עפּעס נייע דיבורים, הויכע ווערטער, זען נייע אומגעוויינלעכע באַוועגונגען. און ראַפּאַלעסקאָ בלאָנדזשעט מיט די אויגן איבערן גאַנצן טעאַטער, און קוים וואָס מע הערט פון אים אַ וואָרט:

„דאָס בין איך, דע סילוואַ...“

— אַ ליטל לאַודער! העכער! — דערהערט זיך אַ געשריי פֿון דער גאַנץ אויבערשטער גאַלעריע, און דער עולם פֿון דער איבעריקער גאַלעריע כאַפּט אונטער:

— ספּיק אַפּ! — העכער! העכער!

און ראַפּאַלעסקאָ קוים וואָס ער שעפּטשעט אַרויס:

„מעג דער פֿאַרשאָלטענער צוטרעטן צום הייליקן באַשיצער פֿון דיינע נשמות?“

— לאַודער! ספּיק אַפּ! העכער! העכער! — שרייט מען צו אים פֿון דער גאַנצער גאַלעריע.

— שאַראַפּ! שטילער! קוויעט! שטיל זאָל זיין! — ענטפֿערט מען פֿון פּאַרטער, און דער טומל וואַקסט.

ראַפּאַלעסקאָ, וואָס איז נישט געווינט צו אַזאַ אויפֿנעמען, קוקט אַרויף. ער פֿאַרשטייט נישט, וואָס באַדייטן די דאָזיקע קולות. עס דאַכט זיך אים, אַז ער רעדט גאַנץ הויך. ער ווערט מבולבל און פֿאַרגעסט, ווו ער האַלט. נאָך איידער דע סילוואַ ענדיקט זיין דיאַלאָג, ווו ער דאַרף אים דערקלערן, וואָס צו טאָן ביים רב בן-עקיבא, פֿרעגט אים אוריאל: „זיך אָפּזאָגן? דאָס וואָרט קלינגט מיר אַזוי פֿרעמד“... און ער ווערט אַנטשוויגן, וואָרעם דער, וואָס שפּילט די ראָל פֿון דאָקטאָר דע סילוואַ, אַן אַקטיאָר מיט אַ שווערן טריט און מיט גראָבע ליפּן, קוקט אויף אים מיט אַ מוראדיקן קוק און זאָגט צו אים שטילערהייט:

— אין גאָטעס ווילן! וואָס פֿאַרבאַפּט איר די פֿיש פֿאַר דער נעץ?...

און ער לאָזט אים הויך: „איך קום ערשט פֿון בית-דין, אַקאָסטאַ. זיי זענען שוין אַ ביסל ווייכער“...

ענטפֿערט אים דערויף אוריאל: „דאָס ווייס איך גאַנץ גוט. איך זוך מיר שוין לאַנג אַ וועג. נאָר וואָס קער זיך אָן איינס צום אַנדערן?“...

— גוט מאָרגן, געלע, רעטער טראָג איך... — לאָזט זיך הערן אַ קול פֿון דער גאַלעריע, און דאָס גאַנצע טעאַטער ווי איין מענטש ווערט לעבעדיק. עס טראָגט זיך אַ געלעכטער, ווי אין וואַלד אַ ווייטער דונער. דער געלעכטער קאַטשעט זיך, און דער אָרעמער ראַפּאַלעסקאָ, וואָס איז נישט געווינט געוואָרן אָנקומען צום סופֿלער, טוט זיך איצט אַ וואָרף צום סופֿלער-ביידל און דערזעט, ווי יענער מאַכט צו אים עפּעס מאָדנע העוויות, ווייזט אים מיט די הענט, ווינקט מיט די אויגן. נאָר ער פֿאַרשטייט נישט, וואָס יענער מיינט.

ראַפּאַלעסקאָ האָט שוין אַליין דערפֿילט, אַז ער גייט נישט גלייך, אַז עפּעס ווייגט זיך אונטער אים דער באָדן, אָט-אָט פֿאַלט ער אום. ער איז שוין געגאַנגען איף גאָטס באַראָט, ווי אַ מענטש, וואָס האָט צוגענומען די האַנט פֿונעם האַרצן: „כאַפּט דאָס דער רוח — ערגער פֿון ערגער וועט דאָך נישט זיין!...“ און טוט אַ זאָג צו דע סילוואַן גלאַט אין דער וועלט אַריין:

„ווי איך זע, האָב איך מיט אייך גאָרנישט וואָס צו רעדן...“

— האַטס רייט! — האָט זיך געלאָזט הערן דער זעלבער קול פון דער אויבערשטער גאַלעריע, און דאָס גאַנצע טעאַטער האָט געקוקט פאַר געלעכטער. מע האָט שוין נישט געהערט, נישט דעם דאָקטאָר דע סילוואַ, נישט דעם מאָנאָלאָג פון אוריאל אַקאָסטאַ, וואָס רעדט, בעת ער בלייבט אַליין, מיט שטאָלץ, אַז „חרטה האָבן קאָן ער נישט און זיין קאָפּ פאַר די רבנים וועט ער נישט אָנבויגן“. דאָס פּובליקום הערט נישט אויף צו לאַכן אויך דעמאָלט, ווען עס קומט אָן די בלינדע אסתר מיט אירע צוויי זין. עס העלפט נישט יהודית, וואָס האָט ערשט אָט דאָ אָנגעהויבן אַריין אין איר ראָל. עס העלפט נישט דאָס, וואָס ראַפּאַלעסקאָ ענדיקט זיין ראָל אינעם דריטן אַקט מיט היץ. פאַרפאַלן. ער מעג שוין שפּילן ווי גאָט אַליין, וועט אים שוין נישט העלפן. דאָס פּובליקום איז געווען אויפגערעגט, צערייצט און ביז אויפן קומיר, אויפן אָפּגאָט, וואָס עס האָט זיך צו אים נאָר וואָס געבוקט, און מע האָט גענומען הוקען און פייפן, אויספייפן אים גאָר אויפן העכסטן גראַד. די שונאים פון מיסטער ניקעל און דער צד שכנגדו פון דער „קיבעצאַרניע“ זענען געווען גערעכט, וואָס זיי האָבן געזאָגט, אַז די נאַכט איז נאָך גרויס און אַז די טראַגעדיע „אוריאל אַקאָסטאַ“ האָט אין זיך פינף אַקטן. זיי האָבן זיך דערלעבט אַזאַ נקמה, און דער אויפגייענדיקער שטערן ראַפּאַלעסקאָ האָט געהאַט אַזאַ גרויסן מוראדיקן דורכפאַל, וואָס זיי אַליין האָבן זיך אויף אַזויפיל נישט געריכט.

קאַפּיטל אַכט און זעכציק

מוראַווטשיק הינטער די קוליסן

די לעצטע סצענע פון דעם לעצטן אַקט, ווו אוריאל אַקאָסטאַ לאָזט זיך לויפן, האָט ראַפּאַלעסקאָ דורכגעפירט גלענצנדיק. עס האָט זיך אומגעקערט צו אים דער פריערדיקער גרויסער אַרטיסט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי דעם קאָפּ און מיט באַזונדערן פייער און מיט זעלטענער קראַפט האָט ער ווי פון שלאָף אויפגעוואַכט, אויסגערופן מיט אַ לייבנגעשריי:

„גענוג!... לאָזט מיך! איך גיי... איך לויף!...“ און איז אַרויסגעלאָפן הינטער די קוליסן און דאָרט האָט ער דערפילט, אַז עס גליטשט זיך אים דער באָדן אונטער די פיס און עס דרייען זיך אים די דעקאָראַציעס פאַר די אויגן — איז ער געפאַלן אויף די הענט פונעם ערשטן מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט, עפּעס אַן אומבאַקאַנטן פאַרשוין פון נידעריקער וווּקס מיט אַ צעקנייטשט קאַפּעליושל און מיט מזרחישע אויגן. דער דאָזיקער מענטש האָט באַמערקט, אַז

אוריאל אַקאָסטאַ פֿאַלט, איז ער צוגעלאָפֿן און האָט אים אונטערגעכאַפּט און אויסגעשריען אויף אַ הייזעריק קול צו די איבעריקע לייט, וואָס הינטער די קוליסן:

— וואָס שטייט איר, ווי ליימענע גולמס? וואַסער גיט אַהער, וואַסער!

אין עטלעכע מינוט אַרום איז ראַפּאַלעסקאָ געלעגן ביי זיך אין גאַרדעראָבנע, אויסגעצויגן אויף אַ סאָפֿע, שוין אינגאַנצן באַרואיקט, און נעבן אים, אויף אַ פֿירעקיק טאַבורעטל, איז געזעסן שלום-מאיר מוראַוטשיק (דאָס איז געווען ער).

ווי קומט אַהער מוראַוטשיק? — דער לעזער דאַרף געדענקען די סצענע, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין וועסטיבול פֿון ניקעל-טעאַטער צווישן שלום-מאיר מוראַוטשיק און מיסטער קלאַמער. אָפּגערעכנט זיך מיט מיסטער קלאַמערס הערצלבאָרד און באַקומען אַ רעכטע פּאָרציע פֿון גיסל שוואַלבס פֿעטקע ידים, האָט זיך אונדזער מוראַוטשיק ממזריש אַרויסגעדרייט פֿון זייערע הענט און פֿון די הענט פֿון די אַשערס און דיגערס, וואָס זענען געקומען דעם מיסטער קלאַמער צו הילף.

שלום-מאיר מוראַוטשיק מעג זיך רעכענען פֿאַר אַ מוצלח, וואָס ער איז נישט אַרייַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די ניו-יאָרקער פּאָליס-לייט. אַמעריקע האָט טאַקע זייער אַ ליבעראַלע „קאָנסטיטושאָן“, נאָר פֿונדעסטוועגן איז גלייכער, אַז מע קאָן זיך מיט דער „פּאָליס“ פֿינדערווייטן...

— דער רוח האָט מיך געטראָגן, איך זאָל מיך זאַטשעפּען מיט אָט דער וואַנץ... (מיסטער קלאַמער זאָל הערן, מיט וואָס פֿאַר אַ נאָמען מע האָט אים געקרוינט!) ווי אַ כשרער ייִד קאָן נישט זען קיין חזיר, אַזוי קאָן איך נישט אָנקוקן אָט דעם ייִדנס באָרד!

אַזוי האָט זיך איבערגערעדט דאָס האַרץ אונדזער מוראַוטשיק, ווי ווייט מעגלעך זיך צורעכט געמאַכט דאָס צעיושעטע פּנים און האָט זיך גענומען דורכשלאָגן דורך די הינטערשטע טירן אויף יענער זייט קוליסן. דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט צווישן די דעקאָראַציעס אַזוי קונציק, אַז ער האָט געזען אַלעמען און אים האָט נישט געזען קיינער. מיט אַלע אויגן האָט ער גענומען באַטראַכטן די בינע, זוכן צווישן די שפּילערס דעם, וואָס ער באַדאַרף האָבן.

— וועלכער פֿון זיי איז ראַפּאַלעסקאָ? — האָט ער זיך צערעדט שטילערהייט מיט דעם, וואָס גיט אַכטונג אויפֿן פֿאָרהאַנג, אַ פֿאַרזאָרגטער נפֿש, אַ פּעסימיסט מיט בלויזע אויגן, וואָס זעט אויס, ווי די גאַנצע וועלט איז אויף אים געפֿאַלן.

— אָט דער, וואָס מיט די לאַנגע האָר און מיטן ווייסן קאָלנער, וואָס שפּילט די ראָל פֿון אוריאל אַקאָסטאַ.

— חכם! זיי טראָגן אַלע לאַנגע האָר מיט ווייסע קאָלנערס.

דער פֿאַרזאָרגטער נפֿש האָט אַוועקגעשטעלט אויף מוראַוטשיקן זיינע בלויזע אויגן:

— איך בין נישט שולדיק, אַז איר זענט אַ יאָלד און אַלע יונגים האָבן ביי אייך איין פּנים. ביי אייך איז אַלץ איינס. וואָס מנשה און וואָס אוריאל אַקאָסטאַ.

— מיר פאַר דיין חכמה, ליכטיקער פּנים! מיר דאַכט, אַז איר זענט גערעכט. שאַ, איך ווייס שוין, ווער פון זיי איז דער אמתער אוריאל אַקאָסטאַ.

אַזוי האָט זיך מוראַווטשיק אויסגעטענהט שטילערהייט מיט זיין נייעם גוטן פריינד, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן דאָ ביי די דעקאָראַציעס, און האָט אים אַ ווונק געגעבן מיט די ממזרישע אויגן.

— געפינט זיך ביי אייך, ליובעניו, אַ סיגאַרעטל?

דער באַזאָרגטער פּעסימיסט האָט שיר נישט אויפגעגעסן מוראַוויטשיקן מיט זיינע פּעסימיסטישע אויגן:

— גרינהאָרן! וואָס ווילט איר, מע זאָל אייך פּלעטן דעם מוח און אַרונטערלאָזן פון אַלע טרעפּ? דאָ ביי די דעקאָריישנס ווילט איר רויכערן סיגאַרעטלעך?

— שאַ־שאַ! איז אונז מיט די קנישעס. זע נאָר, גלייך מע האָט אים געקוילעט די קאַפּאָטע!

און שלום־מאיר מוראַווטשיק האָט אים דערלאַנגט אַ קיצל אונטער די פּאַכוועס און געבעטן, ער זאָל זיין אַזוי גוט זיך אַ רוק טאָן אַ ביסל, וועט ער זיך קאָנען אַוועקזעצן מיט אים אויף איין בענקל.

— וואָרעם, — האָט ער אים געגעבן צו פאַרשטיין, — אויסשטיין אויף די פיס אַ גאַנצן אַקט בין איך נישט בכוח. איך האָב נאָך היינטיקן טאָג כמעט גאָר נישט געאַכלט, נישט מחמת ס'איז ביי מיר אַ תענית, און נישט מחמת איך האָב נישט חלילה פאַר וואָס; אַחוץ מיין שאָדן אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן, — גאָר פּשוט, איך בין היינט זייער פאַרכאַלעפּורימט.

— ב י ז י זאָגט מען ביי אונדז, — האָט אים דער פאַרזאָרגטער פּעסימיסט פאַרריכט און טאַקע אין איינוועגס אויסגעפרעגט ביי אים, וואָס פאַר ביזנעס ער האָט דאָ אין ניו־יאָרק און ווען קומט ער פון יוראָפּ און מיט וואָסער שיף און וויאַזוי איז אים געגאַנגען די רייזע?

שלום־מאיר האָט אים אויסגעטראַכט אַזעלכע ביזנעס, וואָס נישט געשטויגן נישט געפלויגן, און אַזוי איז אַוועק ביי די צוויי אין שמועסן דער גאַנצער לעצטער אַקט, און עס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער פאַרזאָרגטער נפש, וואָס איז געזעצט געוואָרן אָט דאָ אַכטונג צו געבן אויפן פאָרהאַנג, האָט שיר־שיר נישט דורכגעלאָזט זיין דזשאַב, און דאָס וואָלט פאַראורזאַכט אַ נייעם סקאַנדאַל: דאָס גאַנצע פּובליקום וואָלט געקאָנט זען, ווי אוריאל אַקאָסטאַ איז געפאַלן צו עמעצן אויף די הענט. אָט וויאַזוי אויסטערליש ס'איז פאָרגעקומען זייער באַגעגעניש.

וויבאַלד נאָר ראַפאַלעסקאָ איז געקומען צו זיך, האָט ער אַ זאָג געגעבן צו דעם, וואָס האָט אים אַזוי קונציק אינטערגעכאַפּט אויף די הענט:

— אייער פּנים איז מיר עפּעס זייער קענטלעך.

— אַ חידוש אַ ביסל! וויפֿל מאָל האָבן מיר זיך געזען אין האָלענעשטי?

— אין האָלענעשטי?!

דאָס איז געווען געווען פֿאַר אונדזער יונגן העלד, ער זאָל פֿאַרגעסן אין זיין גרויסן דורכפֿאַל, וואָס ער האָט געהאַט נאָר וואָס אין טעאַטער, און ער זאָל בעטן דעם גאַנצן עולם אַרויסגיין פֿון זיין גאַרדעראָבנע. און אַז זיי זענען געבליבן אין־צווייען, האָט ער זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף מוראַווטשיקן, ער זאָל אים דערציילן, ווער ער איז און וואָס ער איז און פֿון וואַנען ער קומט און וואָס ער טוט דאָ.

— ווער איך בין? אויך אַ באָנדער. אַן אַקטיאָר הייסט עס פֿון ייִדישן טעאַטער. פֿון וואַנען איך קום? פֿון לאָנדאָן. וואָס איך טו דאָ? איך זוך דעם גענעטיקן טאָג. מיינער אַ פֿריינד און אַ חבר, אויך אַ ייִדישער אַקטיאָר, האָט ביי מיר גענומען די האַנט אַ שעה פֿאַרן טויט: באשר בכן אַזוי ווי ער האָט אַ שוועסטערל, אַ מיידל, אַ באָקסער, בלויז אין מילך, וואָס אַ בחור, אויך אַן אַקטיאָר, האָט זיך געליבט מיט איר, און וואָס פֿון דער ליבע האָט זיך נישט דאָ געדאַכט געטראָפֿן — עס זאָל זיך אַזוי נישט טרעפֿן — דאָס מיידל האָט צו ניין חדשים למזל געבוירן אַ „יאַטל“, און אַזוי ווי דער בחור, דער פֿאָטער פֿונעם „יאַטל“ הייסט עס, האָט זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן קיין אַמעריקע, על כן זאָל איך אים געבן מיין האַנט תקיעת־כף און שווערן אים ביי גאָט, וואָס זיצט גאַנץ אויבן און ווייסט פֿון אַלע פֿאָרלעכטן, וואָס ווערן אָפּגעטאָן פֿון אונטן, אַז איך זאָל נעמען זיין שוועסטערל מיטן „יאַטל“ און ברענגען זיי קיין ניו־יאָרק און נישט אָפּטרעטן פֿונעם פֿיינעם בחור, ביז ער וועט נישט שטעלן מיט איר קיין חופּה כּדת משה וישׂראל. און איך האָב אים געמוזט געבן די האַנט און שווערן מיט כּל השבועות פֿון דער תּיכּהה. נו, כאַפּט דאָס נישט דעם אָפּבליק ביי אייך אין די אויגן פֿון אַ ראָמאַן, פֿון די ראָמאַנען, וואָס דרוקן זיך אין די ביכלעך?

מעגלעך, אַז אונדזער העלד האָט געהאַט אַ פֿאָרגעפֿיל, און מעגלעך, אַז ער איז בלאַט געווען נייגעריק צו באַקענען זיך נענטער מיטן דאָזיקן מאָדנעם ראָמאַן. ער האָט אַ פֿרעג געגעבן ביי זיין אומבאַקאַנטן באַקאַנטן:

— קאָן מען וויסן, וויאַזוי האָט געהייסן אייער פֿריינד, וואָס האָט אייך איבערגעגעבן אַזאַ פֿיינעם בּיזנעס?

— פֿאַרוואָס זאָל מען נישט קאָנען וויסן? מיטן גרעסטן כּבוד! גערופֿן האָט מען אים, מיין פֿריינד הייסט עס, האָצמאַך, נאָר דער אמתער נאָמען זיינער איז געווען האָלצמאַן.

ראַפֿאַלעסקאָ האָט זיך אויפֿגעכאַפּט טויט ווי די וואַנט:

— האָלצמאַן? בערנאַרד האָלצמאַן, זאָגט איר, איז...

— געשטאָרבן זאָל לעבן. און זיין שוועסטערל רופֿט מען זלאַטקע. זי איז דאָ מיט מיר אין ניו־יאָרק. זי האָט אַפֿילו זייער חשק געהאַט צו גיין מיט מיר

אין טעאַטער הערן אייך שפּילן. קאָן זי נישט אַוועקוואַרפן דאָס „יאַטל“. אַ יונגע מאַמע און אַזוי געטריי. קאָן מען אָפּשאַצן אַ יידישע נשמה?... וועלט איר אפשר וויסן, ווער איז דער בחור, דאָס הייסט דער פּאָטער פונעם „יאַטל“? — האָט מוראַוויטשיק אים אַ פרעג געגעבן און פאַרקוקט אין די אויגן אַריין. — ער קומט אַרויס אַזש פון בוקאַרעשט. דאָס הייסט, ער איז אַזוי פון בוקאַרעשט, ווי איך בין פון ירושלים... גאָט איז מיט אייך! וואָס זענט איר אַזוי בלאַס געוואָרן? וואָס ציטערט איר אַזוי? עס וועט אייך חלילה קיין שלעכטס נישט געשען... גלויבט מיר בנאמנות, איר קענט מיך נאָך נישט, וואָס פאַר אַ מענטש איך בין. איך בין שלום-מאיר מוראַוויטשיק... איך מיין נישט מער נאָר אייער טובה און די טובה פון מיין פריינד אויף יענער וועלט, גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה!...

קאַפּיטל ניין און זעכציק

געפּלאַצט נאָך אַ קאָמבינאַציע

ווי פאַר וועמען — פאַר ניסל שוואַלב מיט זיינע קאָמבינאַציעס איז דער גרויסער דורכפאַל פון ראַפאַלעסקאָן געווען דווקא די גרעסטע מעלה. ער האָט הורך דעם געקאָנט זיך אַ נעם טאָן דורכפירן זיין פּלאַן מיט אַ סך מער דערפאָלג ווי פריער, וואָרעם אַ געשלאָגענער הונט איז ווינציקער מיוחס, און אַ מענטש, אַז ער איז ביי זיך געפאַלן, קאָן מען מיט אים מאַכן וואָס מע וויל.

אַזוי האָט זיך אונדזער קאָמבינאַטאָר שוואַלב געטראַכט און האָט זיך גענומען צו זיין אַרבעט נישט שפּעטער ווי אויף מאָרגנדיקן טאָג נאָכן געווייסן ספּעקטאַקל, ווען מע האָט געבראַכט צו פירן ראַפאַלעסקאָן אַהיים מיט אַ געבראָכן האַרץ און מיט אַ געשלאָגענעם געמיט.

געקומען צו זיין יונגן פריינד, האָט ער צו זיין גרויס באַוווּנדערונג געטראָפן ביי אים דעם נידעריקן נפש מיט די ממזריישע אויגן, וואָס ער האָט אים געכטן אין וועסטיבל פון טעאַטער קוים אָפּגעריסן פון מיסטער קלאַמערס באָרד.

— איר לעבט נאָך? — האָט אים שוואַלב אַ פרעג געגעבן פריילעך, ווי זיין שטייגער איז, — אפנים, ווו מע זייט אייך נישט, דאָרט וואַקסט איר?

— וואָס רעדן האָט איר געמיינט? — האָט אים יענער אָרגעענטפערט מיטן זעלבן פריילעכן טאָן. — אייער טריפהנער גליק, וואָס איר זענט נעכטן געווען אַ סך און איך בין געווען איינער. אַנישט וואָלט איך אָט דעם שיינעם דזשענטעלמען פון לאָנדאָנער ווייטשעפּל קיין גאַנצן פון מיינע הענט נישט אַרויסגעלאָזט. אָן אַ באַהר וואָלט ער ביי מיר געבליבן, מיט אַ פעדער אונטער דער נאָז וואָלט ער

ביי מיר געלעגן און מיינע פאפירן וואָלט ער מיר אָפּגעגעבן. מאָלט אייך, ער וועט זיי מיר אזוי אויך אָפּגעבן, איר קאָנט שוין זיין זיכער. דאָס זאָגט אייך שלום-מאיר מוראַוושיק

— מוראַוושיק? — א קענטלעכער נאָמען. פון וועלכע מוראַוושיקעס זענט איר?

שוואַלב האָט זיך צוגערוקט צו זיין נייעם באַקאַנטן און אויסגעצויגן אים אַ מוראַדיק גרויסע פעטע ווייכע האַנט, און מוראַוושיק האָט אים אָפּגעענטפערט אויף זיין הייזעריקער שטימע:

— פון וואָסערע מוראַוושיקעס איך בין? פון די אמתע מוראַוושיקעס, וואָס זענען קיינעם אויף זייער לעבן קיין געלט נישט שולדיק געווען, וואָרעם קיינער האָט זיי נישט געליען, און אז זיי האָבן געליען, איז געווען פאַרפאַלן, אזוי ווי די קלעפּ, וואָס מע האָט מיר נעכטן איינגעלייגט; איר מעגט מיר גלויבן אויף נאמנות — איך האָב שוין לאַנג אַזעלכע קלעפּ נישט פאַרזוכט, גאָט זאָל מיר אזוי געבן גליק און הצלחה. פונדעסטוועגן איינס צום אנדערן געהער זיך נישט אָן. אייער בנים געפעלט מיר א סך מער פון אייערע הענט. א פּאָר ידים ביי אייך — זיי מעגן אייך אָפּדאַרן. איך גיב אייך מיין ערנוואָרט, אז איך וועל האָבן צייט, וועל איך מיך מיט אייך באַקענען א ביסל נעענטער. דערווייל בין איך ביזי, ווי מע זאָגט ביי אייך, איך מוז גיין. זייט מיר געזונט און שטאַרק, לאָזט געריסן און שרייבט בריוולעך.

מיט די ווערטער האָט אים שלום-מאיר א טרייסל געגעבן זיין מוראַדיק גרויסע פעטע ווייכע האַנט, און שוואַלב האָט אים געזאָגט מיט זייער א פריינדלעכן טאָן׳

— איר קאָנט אייך גאָר נישט פאָרשטעלן, ווי עס האָט מיך געפרייט אייער באַקאַנטשאַפט. איך זאָל אזוי האָבן אלעמענס גוטס...

— דאָס האָב איך נאָך געזען נעכטן, און נישט אזוי געזען מיט די אויגן, ווי געפילט מיט די ביינער, גאָט זאָל מיר אזוי געבן גליק און הצלחה.

אזוי האָט אים געענטפערט מיט אַ קאָמפּלימענט אויף א קאָמפּלימענט מוראַוושיק שוין ביי דער טיר. ראַפּאַלעסקאָ האָט דעם גאַסט אַרויסבאַגלייט פון חדר, און אויף יענער זייט טיר האָבן זיי זיך אָקעגן א צוויי מינוט געסודעט שטילערהייט, און אז ער איז אריינגעקומען צוריק, האָט אים ניסל שוואַלב א פרעג געגעבן?

— ווער איז ער, אָט דער שלימזל מיט די ממזרישע אויגן? זעט אויס א פיקפּאַקעט, א פערד-גנב, אָדער פון די, וואָס האַנדלען מיט לעבעדיקער סחורה...

נישט דערוואַרט זיך אויף אן ענטפער, מאַכט ניסל שוואַלב נאָכאַמאָל צו ראַפּאַלעסקאָן שוין מיט אן ערנסטן טאָן, ווי אן עלטערער ברודער:

— איך וואָלט אזא שלימזל, ווי אָט דער הייזעריקער נפש, געגעבן דעם וועג, אַז ווו ערגעץ א שלעפער, א שוואַרציאָר זאָל נישט האָבן קיין אריינטריט צו מיר אין שטוב אריין!... הכלל, מיין ליבער ראפאלעסקעלע, לאָז ער גיין אין דער אדמה. מיר וועלן בעסער גיין צו אונדזערע ביזנעס.

אזוי איז ניסל שוואַלב צוגעטראָטן צו זיין קאָמבינאַציע, ארומשפאַנענדיק, ווי זיין שטייגער איז, איבערן חדר.

— איך בין געקומען צו דיר, ערשטנס, אויסרעדן א ביסל דאָס האַרץ. מע דאַרף נישט זיין אַזוי טראָווערדיק, טאָמער מאַכט זיך אַמאָל, מע כאַפּט אַ פּסק, מע האָט א דורכפאַל.

— אַלץ הייסט אַ פּסק! אַלץ הייסט אַ דורכפאַל! — האָט אים ראַפּאַלעסקאָ געענטפערט און אויך אים קוקנדיק אויך גענומען ארומשפאַנען הין און צוריק איבערן חדר. — א דורכפאַל צו א דורכפאַל איז נישט גלייך. זינט איך לעב, זינט איך קען מיך מיט דער בינע, האָט זיך מיר נאָך אזעלכעס נישט געטראָפן, אז איך זאָל דאַרפן אָנקומען צום סופלער! ניין, דאָס איז געווען די אמתע מפּלה.

— מאָל דיר, צו א מפּלה איז דאָס נאָך ווייט. גאָט וועט העלפן איבערמאָרגן, צום צווייטן ספּעקטאַקל, וועלן מיר זיי פארבעסערן. דערווייל דאַרף מען זען אין די פּאָר טעג, וואָס מיר האָבן פריי, אָפּטאָן אונדזער היימיש שטיקל ארבעט, איינס־צוויי־דריי — און אַן עק לאָז האָבן. ווען רעכנסטו, זאָל זיין די חתונה?

— וואָסער חתונה?

— וואָס הייסט — וואָסער חתונה?

ביידע האָבן זיי אויפגעהערט ארומצושפאַנען איבערן חדר, געבליבן שטיין איינס אַקעגן דאָס אַנדערע און אָנגעקוקט זיך איינס דאָס אַנדערע, גלייך ווי זיי זעען זיך דאָס צום ערשטן מאָל אויף זייער לעבן.

— דו טרייבסט קאַטאָוועס? — האָט ניסל שוואַלב א פרעג געגעבן זיין יונגן פריינד און געוואָלט א שמייכל טאָן, איז דאָס אים נישט געראָטן.

— איך טרייב קאַטאָוועס? — האָט אים ראַפּאַלעסקאָ געענטפערט, — דאָס טרייבסטו קאַטאָוועס. איר אלע האָט זיך אָנגערעדט טרייבן מיט מיר קאַטאָוועס.

— מיר אלע האָבן זיך אָנגערעדט טרייבן קאַטאָוועס?

— איר אלע: דו און דיין אָחי און דיין שוועסטער, די פּרימאַדאַנע. וואָס דען איז געווען אָט דער כּפּיטש פון מיסטער קלאַמער ביים לאָמזשער חזן, אז נישט קיין קאַטאָוועס? אז נישט קיין שפּאַס? א מיאוסער שפּאַס. א באַנאַלער שפּאַס! וואָס מיינסטו, שוואַלב, איך האָט דערטאַפּט א יינגעלע א פראַיו נציאַל און וועט אים פירן אויף אַ שטריקל? גאָט האָט אייך באַגליקט מיט אַ שוועסטער, אַ שיינע פּרה אדומה, אַ גאָטס בהמהלע, וואָס איר אַליין רופט זי „שיקסע“

און „דורבאַטש“ און „שייטהאָלץ“ און קאָנט פון איר נישט פּטור ווערן, ווילט איר מיך פאַרשלייערן פאַר איר, איך זאָל קיין תּחית־המתים קיינמאָל נישט אויפשטיין? — איך דאַנק אייך זייער און זייער! זוכט אייך אַן אַנדערן אידיאָט.

מיט די ווערטער האָט זיך ראַפּאַלעסקאָ אָנגעבויגן פאַר זיין פריינד שוואַלב אַזוי העפלעך־שיין, אַזוי אָפּנטלעך־גראַציעז, און האָט דעם דאָזיקן מאָנאָלאָג דורכגעפירט מיט אַזויפיל קונצן און חן, אַז ווען דאָס קומט פאָר אויף דער בינע, וואָלט ער געכאַפּט דערפאַר דעם גרעסטן אַפּלויז. נאָר אַזוי ווי דאָס איז פאָרגעקומען נישט אויף דער בינע, נאָר אינעם לעבן, און נאָר ביי אַזאַ פראַגע, וואָס דאָס איז געגאַנגען אַ גאַנצער פאַמיליע, ווי מע זאָגט, אין נפש אַריין, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, וויאַזוי ניסל שוואַלב האָט אויסגעזען. פריער איז ער געוואָרן בלייך. דערנאָך רויט. דערנאָך בלוי. אויף זיין גראָבן רויטן האַלדז האָט זיך אָנגעבלאָזן אַן אָדער און גענומען פּולסירן אַרויף און אַראָפּ, ווי ביי אַן אָקס אַ מינוט נאָך דער שחיטה. עס האָט אויסגעזען, אַז די אויגן ביי אים האָבן זיך געקליבן אַרויסשפּרינגען פון זייערע ערטער, ווי ביי אַ פיש, ווען מע האַלט אים מיטן בויך אַראָפּ און מע רייניקט אים די ליסקע פון דער פעל. דער פיש טראַכט זיך, אפשר, בעת־מעשה: „רייניקט, רייניקט, מיר וועלן זען, וואָס וועט זיין ווייטער“... פאַר גרויס איבעראַשונג און ערגערניש האָט זיך ניסל שוואַלב שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און שווער אָפּגעאָטעמט. עס איז אים געוואָרן טרוקן אין מויל, און דאָס קול האָט זיך ביי אים איבערגעריסן. ער האָט זיך אָנגערופן צו ראַפּאַלעסקאָן מיט אַ טאָן נידעריקער:

— זאָג מיר נאָר, טייערער, וואָס איך וועל דיך פרעגן: ווייסטו, וואָס באַדייטן די ווערטער „בריטש אָף פּראָמיס“?

ראַפּאַלעסקאָ האָט זיך אים אַוועקגעשטעלט אַקעגן, די הענט פאַרלייגט אַהינטער. ער איז געווען נישט ווינציקער אויפגערעגט, ווי זיין פריינד שוואַלב, נאָר ער האָט זיך געהאַלטן רואיק.

— וואָס באַדייטן די ווערטער „בריטש אָף פּראָמיס“?

— דאָס באַדייט, אַז אַ בחור גיט אַ וואָרט אַ מיידל פאַר עדות, אַז ער וועט זי נעמען, און שטעלט איר אַ פייג, באַקומט ער אַ קנופּ אין בעקל און מוז פאַר איר חתונה האָבן.

ראַפּאַלעסקאָ גייט צו צו ניסל שוואַלב גאַנץ נאָענט:

— ווען האָב איך געגעבן אייער שוועסטער אַ וואָרט? אפשר יענעם אויפדערנאַכט ביים לאָמזשער סאָלאָוויי, ווען איר האָט מיך אָנגעשיכורט מיט זייערן שאַמפּאַניער־וויין און געקראָכן צו מיר אַלע זיך קושן, אַזוי אַז אפילו בריינדעלע קאָזאַק און אפילו די חזנטע האָבן מיך אַרומגעכאַפּט און געסמאָצקעט, כאַ־כאַ־כאַ?

דער געלעכטער איז געווען פאַר ניסל שוואַלב אפשר נאָך פיל ערגער פון די ווערטער, וואָס ער האָט דאָ אויסגעהערט. נישט שוין זשע האָט געפּלאַצט די גאַנצע קאָמבינאַציע? אזא דראָט־אַרבעט, וואָס ער האָט דאָ געהאַט, און פּלוצים — טראַך! ער האָט שוין מער נישט געקאָנט איינזיצן. האָט ער זיך אויפגעהויבן, ארויפגעליגט זיין שווערע האַנט אויף ראַפאַלעסקאָס יונגע פּלייצעס און ארויסגעזאָגט גיך, אין איין אָטעם, ווי זיין שטייגער איז:

— ראַפאַלעסקעלע! מיר וועלן האָבן א מיאוסע דין־תורה דאָ אין אמעריטשקע. אמעריטשקע איז א לאַנד, וואָס האָט פיינט קאַטאָוועסלער. מיר האָבן עדות, נאַרעלע, וואָס וועלן ארויסטרעטן צום משפּט מיט א שבועה, אז זיי האָבן געזען, ווי דער בחור האָט געהאַלטן דאָס מיידל אויף די הענט און געקושט... אויפן שיף איז דאָס געווען — געדענקסט עס נאָך, צי דו האָסט שוין פאַרגעסן?... און נאָך וועלן זיך געפינען עדות, וואָס דו האָסט געקויפט ביי זיי בראַסלעטלעך מיט נאָך אזעלכע זאַכעניש פאַר מיין שוועסטערל און אָנגעטאָן איר אויף דער האַנט פאַר אַלעמען אין די אויגן... נאַרעלע, פאָלג מיך, איך בין דיר א גוטער פריינד, גיי בעסער מיט גוטן, וואָרעם מיט בייזן וועסטו מאַכן ערגער, איך זאָל אַזוי האָבן אַלעמענס גוטס. וועסט מיר זאָגן אַ דאַנק, קינדעניו. אַנישט זאָלסטו דיך דערוואַרגן מיטן דאָזיקן טיש.

מיט די ווערטער איז ניסל שוואַלב אוועק.

— דערוואָרגן וואָלט איר געמעגט ווערן אלע! — האָט ראַפאַלעסקאָ נאָכגעזאָגט אים מיט א ביטער געלעכטער, בעת ניסל שוואַלב איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר.

נאָכדעם ווי ער האָט נאָך א ביסל ארומגעשפּאַנט איבערן חדר, האָט זיך אונדזער יונגער העלד אוועקגעזעצט ביים פענצטער, פאַררויכערט א סיגאַר, פאַרלייגט א פוס אויף א פוס און האָט זיך שטאַרק־שטאַרק פאַרטראַכט.

קאַפּיטל זיבעציק

ראַפאַלעסקאָ — ווידער אַ בעל-תשובה

ראַפאַלעסקאָ האָט געהאַט פון וואָס צו טראַכטן, געדיכטע וואָלקנס האָבן זיך אויף זיין הימל צונויפגעזאַמלט. עס האָט זיך צונויפגעקליבן ביי אים אלץ אויף אמאָל. און איבערהויפּט דער נעכטיקער הורכפאַל, וואָס ער האָט געהאַט אין ניקעל־טעאַטער. נאָר דאָס איז געווען, אייגנטלעך, פון די קלענסטע אומגליקן, וואָרעם נישט קוקנדיק דערויף, האָבן נעכטן צווישן די אַקטן און נאָכן שלום זיה געדרייט ארום אים פאַרשידענע מענטשן, שלוחים פון ענגלישן טעאַטער, אים

איינגערוימט א סוד אויפן אויער, אז ער איז אָלל־רייט. דאָס האָט געהייסן, אַז ער זאָל זיך נישט ביינדן מיטן קיין טעאַטער, ביז עס וועט נישט קומען צו׳ אים מאָרגן א געוויסע פּערזאָן און וועט אים מאַכן אזא פּראָפּאָזישאָן, וואָס קיין יידיש טעאַטער פאַרמאָגט דאָס גאָרנישט אויף זיין אייגנס.

און די געוויסע פּערזאָן האָט זיך דווקא נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן און איז געקומען צו אים היינט גאַנץ פרי.

דאָס איז געווען א פּר שער, אויסגעצוואָגענער און אָפּגעראַזירטער ענגלענדער מיט א נאַקעטן שאַרבן, מיט גאָלדענע ציין און מיט מאָדנע לאַנגע נעגל. צוזאַמען מיטן ענגלענדער איז געקומען נאָך איינער, א רעפּאָרטער פון א גרויסער ענגלישער צייטונג, א דורכגעטריבענער נפש מיט א שמייכלענדיק פּנים, א ביסל רויטלער, וואָס רעדט אלע שפּראַכן, אפילו יידיש. נאָכן נאָמען, וואָס דער שמייכלענדיקער רעפּאָרטער האָט זיך אָנגערופן — א ר ט ש י ב א ל ד ב ו י ע ר ו ו ל ס — און נאָך זיין אויסגעצייכנט איינגליש ספּאָקן, מט דער „טהרזי“ אויף דער שפּיץ צונג און מיטן „עררוו“ אויפן הוילן גומען, וואָלט ער געקאָנט זיין אַן אמתער געבוירענער אמעריקאַנער, אַן עכטער יענקי. נאָר דער אויבערשטער טייל פון דער נאָז, דער גלאַנץ פון די האָר און איבערהויפּט די אויגן (אוי, יידישע אויגן!) האָבן געשריען: „וואָס מיר ארטשיבאַלד? ווער מיר בויערוולס? זאָג, אז מע רופט דיך ארצי בערלס און א סוף!...“

די ביידע דזשענטעלמען, אז זיי זענען אריינגעקומען, האָבן זיי זיך אוועקגעזעצט, פאַרקאַטשעט די הויזן אויף די קניען, ארויסבאַוויזן די ברייטע נעזלעך פון זייערע באַקוועמע אמעריקאַנער שוכוואַרג, און מען איז צוגעטראָטן גלייך צו די ביזנעס. דער, וואָס מיטן נאַקעטן שאַרבן, האָט גערעדט, ווי א מענטש, וואָס מע האָט אים ערשט היינט ארויסגעריסן צוויי באַקציינער און אריינגעלייגט וואַטע; און דער שמייכלענדיקער ארטשיבאַלד בויערוולס האָט אים איבערגעזעצט אויף יידיש. דער אינהאַלט פונעם שמועס איז געווען, אַז מע לייגט אים פאָר, אַז ער זאָל אריבער גלייך אין ענגליש טעאַטער; די ערשטע צייט קאָן ער שפּילן זיינע ראָלן אין יידישן, ביז ער וועט זיך אויסלערנען פלענטי די ענגלישע שפּראַך; און באַדינגונגען גיט מען אים אזעלכע, אַז ראַפאַלעסקאָ האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט. פונדעסטוועגן האָט אונדזער ראַפאַלעסקאָ געהאַט אויף אַזוי ווייט שכל און טאַקט, אַז ער האָט זיי אויסגעהערט גאַנץ קאַלטבלוטיק און געזאָגט, אז ער מוז האָבן פיר און צוואַנציק שעה אויף צו באַטראַכטן זיך.

— אָלל־רייט! — האָט אויסגערופן דער דזשענטעלמען מיטן נאַקעטן שאַרבן און האָט זיך אויפגעכאַפּט גיין, און דער רעפּאָרטער מיטן שמייכלענדיקן פּנים האָט א זאָג געגעבן צו ראַפאַלעסקאָ אויף יידיש:

— יהודי בלא! — לאָזט נישט דורך דעם סלוטציי, ס׳א פעטער פגר... גוד ביי!

דאָס איז געווען נומער איינס. דער צווייטער פּונקט, וואָס האָט געמאַכט אונדזער העלד צו זיין פאַרטראַכט מער, ווי אַלע מאָל, איז געווען ראָזע ספּיוואַק.

וואָס האָט זי געבראַכט אין ניקעל=טעאַטער גראָדע אין דעם ערשטן אָוונט פון זיין אויפטריט? איז דאָס געווען אַ פּראָסטער צופאַל, אָדער זי האָט נאָכגעקוקט די יידישע ניו=יאָרקער צייטונגען און געוווּסט, אַז דאָס איז זיין, ראַפּאַלעסקאָס, בענעפיס? אויב אַזוי, וואָס זשע איז זי אַנטלאָפן צווישן צווייטן און דריטן אַקט? און צי איז אמת דאָס, וואָס הענריעטאַ דערציילט, אַז ראָזע מיט איר אַריסטאָקראַטישן קאַוואַליער, גרישאַ סטעלמאַך, האָבן, זיצנדיק אין דער לאָזשע, זיך איבערגעקוקט און געלאַכט, בעת ער, ראַפּאַלעסקאָ, האָט דורכגעמאַכט זיין ערנסטע, טראַגישע ראָל? אמת, ער איז געבטן יעווען שוואַכלעך אין זיין ראָל. אָבער לאַכן וואָס האָט מען באַדאַרפט? און נאָך אין די ערשטע צוויי אַקטן, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען, דאַכט זיך, מיטן גרעסטן דערפאָלג? אַך, וויפל וואָלט ער אוועקגעגעבן פון זיין לעבן, ער זאָל קאָנען אָט דאָס אַלץ געווירן! וואָלט דאָס געווען אין אַן אַנדער צייט, וואָלט ער נישט גערוט, ביז ער וואָלט נישט אויסגעטראָטן אַ וועג, ביז ער וואָלט זיך נישט דורכגעשלאָגן סוף=כל=סוף צו דער, צו וועלכער ער שלאָגט זיך שוין אַזויפיל יאָרן, צוליב וועלכער עס האָט אים געבראַכט, אייגנטלעך, אהער. איז אָבער איצט!... און דאָ קומט דער פּונקט נומער דריי: דאָס איז אָט דער שלום=מאיר מוראַווטשיק מיט זיין גוטער בשורה און מיט זיין מזל=טוב...

דער טויט פון זיין אַמאָליקן גוטן פריינד און חבר האָלצמאַן, מיט וועלכן ער איז אַנטלאָפן פון זיין ליבער היים און מיט וועלכן ער האָט פאַרבראַכט, מע קאָן זאָגן, זיינע בעסטע יונגע יאָרן, האָט אָן אַלעמען געמאַכט אויף אים אַ מוראדיקן איינדרוק. ער איז געווען כמעט אַזויפיל געבראָכן, ווי אין יענער מינוט, ווען ער האָט דערהערט פונעם קאַסיר ששון=ושמחה, ווי דער לעזער געדענקט, די בייזע בשורה פון זיין מוטערס טויט, מיט דעם אונטערשיד נאָר, וואָס זיין מוטערס טויט האָט אַרויסגערופן ביי אים מער נישט אַז טרערן פון רחמנות און עטוואָס חרטה, ווערנד דער טויט פון זיין אומגליקלעכן פריינד האָט אים געמאַכט צו דענקען, אַז ער האָט זיך באַגאַנגען מיט האָלצמאַנען, ווי אַ מענטש אַ פאַרדאָרבענער, אָן שום געוויסן, אָן אַ טראָפּן יושר און — אויב איר ווילט — טאַקע ווי אַ מערדער. ווי האָט ער געקאָנט אַזוי לייכטזיניק און מיט אַזאַ גרינג האַרץ פאַרלאָזן אַ קראַנקן פריינד, ביי וועמענס בעטל — ער געדענקט דאָס גאַנץ גוט — כ'איז שוין געשטאַנען דער מלאך=המות?...

און נישט ווילנדיק דערמאָנט זיך ראַפּאַלעסקאָ אין יענעם פרימאָרגן, ווען ער איז געקומען זיך געזעגענען מיט זיין פריינד, און דאָס טרויעריקע בילד, וואָס האָט אים נאָכגעיאָגט איבערן שיף, איז אים געקומען אפער אויך איצט...

און נאָך זאַכן דערמאָנט זיך אַצינד אונדזער יונגער העלד, זיצנדיק זיך אַזוי בײַם פֿענצטער, זאַכן, פֿון װעלכע עס גייט אים איבער אַ שוידער איבערן לײַב, זאַכן, פֿון װעלכע ער װאָלט געװאָלט פֿאַרגעסן און קאָן נישט...

נאָר שרעקלעכער פֿון אַלע דערינערונגען איז זלאַטקע... מיט זלאַטקען — געדענקט ער — האָט ער אַפֿילו נישט געזעגנט זיך. ער האָט זיך געשעצט גליקלעך דערמיט, װאָס ער האָט זי נישט געטראָפֿן אין דער היים. פֿון איר איז ער פּשוט אַנטלאָפֿן. אַנטלאָפֿן, װי עס אַנטלויפֿט אַ גנבֿ, װאָס האָט מורא, מע זאָל אים נישט כאַפּן מיט דער גנבֿה... קיין יונגער מענטש האָט זיך נאָך אַזוי אוממענטשלעך נישט באַגאַנגען מיט אַ מיידל, װי ער האָט זיך באַגאַנגען מיט דער אָרעמער אומשולדיקער זלאַטקע... װאָס האָט זי זיך געטראַכט נאָכדעם, אַז זי האָט זיך דערװוּסט פֿון איר קראַנקן ברודער, אַז ער, ראַפֿאַלעסקאַ, איר אידעאַל, איר גאָט, איז אַנטלאָפֿן פֿון זיי קיין אַמעריקע? װאָס האָט זי איבערגעטראָגן און איבערגעליטן אין דער גאַנצער צײַט? װאָס פֿאַר אַ מיינונג איז זי װעגן אים געװען דערמיט און אויך איצט? װוּ איז דאָ אויף דער װעלט אַזאַ שטראָף, װאָס דער לייכטזיניקער מערדער האָט כּשר פֿאַרדינט?... זײַן שטראָף איז אָט װאָס: ער באַדאַרף אַרויסרײַסן פֿונעם האַרצן אַלע זײַנע ייִנגלשע חלומות, נאַרישע פֿאַנטאַזיעס; ער באַדאַרף פֿאַרגעסן, אַז ס'איז געװען אַמאָל אַ ראָזע אויף דער װעלט, און באַדאַרף שוין, גאָר נישט געטראַכט אַפֿילו, אומקערן דער אָרעמער זלאַטקען איר אװעקגערויבטן אידעאַל, קומען צו דער אומגליקלעכער זלאַטקען, פֿאַלן איר צו די פֿיס, קושן איר די הענט און זאָגן איר: „זלאַטקע, איך בין דײַנער, דײַנער אויף אייביק!“

און ער װעט דאָס אַזוי טאָן, זיכער טאָן. ער װאָלט דאָס געטאָן נאָך הײַנט אין דער פֿרי, האָט אים אָבער דער מוראַװטשיק אָפּגעהאַלטן. ער האָט אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז מע דאַרף עס טאָן נישט אַזוי ראַשנע. „זלאַטקע, האָט ער אים געזאָגט, איז אַ פֿראָסט ערלעך מיידל (כאַ־כאַ, כאָטש זי האָט אַ „יאַטל“...), װאָס האָט קיין ראָמאַנען קיינמאָל נישט געלייענט, און אַז עס װעט קומען צו איר אַ בחור און װעט זיך געבן אַ װאַלגער איר צו די פֿיס און אָנהייבן שרײַען: חשקתּי, כּפֿתּי, חליפֿתּי, װעט זי חלשן פֿאַר שרעק, װעט קומען צו לויפֿן די מאַמע — מע האַרף נישט פֿאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אַן אַלטע מאַמע מיטן נאָמען שׂרה־ברכה — קאָן זי אים געבן אַ װוּסטן סוף און אָפּשפּילן אַ װיװאַט, ער זאָל האָבן צו געדענקען“... ניין, בעסער װעט ער, שלום־מאיר מוראַװטשיק, זיך דורכגיין אָקאָרשט אהין, צו זײַנע װײַבער הייסט עס, און װעט זיי ביסלעכװײַז צוגרייטן, און פֿאַרקערט, דװקא נישט דערציילן זיי קיין מעשׂיות, אַז מע שלאָגט זיך איבער זיי על־חטא. װײַבער האָבן פֿיינט צעקװעטשטע מאַנצבילן, װאָס באַלד עפּעס צעיאַמערן זיי זיך און צעגיסן זיך מיט סקאַרבאָװע װערטער, אַנטמאָניע מיט שמעריצע, פּילאָזאָפֿיע מיט קרויט, פּעטרישקע מיט זייף — פֿע! װײַבער האָבן

ליב, אַז אַ מאַנצפּאַרשוין זאָל זיין אַ מאַנצפּאַרשוין... מוראַווטשיק ווייסט שוין די זאַכן גוט, ער האָט נישט אַזויפיל האָר אין קאָפּ, וויפיל ער האָט שוין איבערגעהאַנדלט מיט ווייבער, גאָט זאָל אים אַזוי געבן גליק און הצלחה.

אַזוי האָט איסגעלאָזט, ווי אַלעמאָל, אונדזער שילאָמן־שמש ביי אַלע שווערע זאַכן, און איז אַוועק, ווי מיר האָבן דאָס געזען, אין זיין שליחות. און אונדזער יונגער העלד, וואָס איז שוין ווידער געוואָרן אַ בעל־תשובה, האָט אַרויסבאַגלייט מיט אַ מיאוסער נאָז זיין צווייטן פריינד, ניסל שוואַלב, און איז געבליבן זיצן מיט אַ ציגאַר אין מויל אייגער אַליין מיט זיינע געדאַנקען ביים פענצטער פון האָטעל און געקוקט אין דרויסן אַרויס.

קיקנדיק אַזוי, דערזעט ער צופאָרן צום האָטעל אַ גרויסאַרטיקן אויטאָמאָביל. פון אויטאָמאָביל שפּרינגט אַרויס אַ שוואַרצער מענטש און לאָזט זיך גלייך צום האָטעל. „שוין וואָלט דאָס געווען, ווען דאָס איז צו מיר“, — טראַכט זיך ראַפּאַלעסקאָ גלאַט אַזוי, נישט צו האָבן דערביי קיין זייטיקע מחשבה, און כּד־הוא — ער דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

— קאָם אין!

עס קומט אַריין דער שוואַרצער מענטש. ער האָט אַ לעטער אָפּצוגעבן פּערסענעלי נאָר צום מיסטער ראַפּאַלעסקאָ אין די הענט אַריין:

— איי עם ראַפּאַלעסקאָ.

מיט ציטערנדיקע הענט האָט ראַפּאַלעסקאָ אָפּגענומען פונעם שוואַרצנס הענט אַ שיין קאָנווערטל, פאַרזיגלט מיט אַ פאַרפומענשמעקענדיקער חתימה, פאַרזיכטיק אויפגעעפנט און צום אַלעם ערשטן געכאַפּט אַ קוק אויף דער אונטערשריפט — און עס האָט אים אַזוי שטאַרק אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ, אַז ער האָט זיך געמוזט צוזעצן.

קאַפּיטל איין און זיבעציק

דאָס בריוול

„מיין טייערער בלאָנדזשענדער שטערן!

די געפערלעכסטע פאַנטאַזיע איז נישט אימשטאַנד אַזוי ווילד צו פאַרפלאָנטן און פאַרקייטלען איין געשעעניש מיטן אַנדערן, ווי דאָס האָט געמאַכט דער צופאַל, דאָס לעבן אַליין. איך בין אָבער נאָך אַזוי אויפגערעגט פון דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין די לעצטע צוועלף שטונדן, אַז איך פיל, אַז איך בין נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן אפילו אַ הונדערטסטל פון דעם, וואָס איך האָב דיר צו זאָגן פערזענלעך. אין קורצן מוז איך דיר צו וויסן געבן, אַז נאָר אַ ווילדער צופאַל האָט מיך געבראַכט נעכטן צו דיין בענעפיס אין ניקעל־טעאַטער. אויס

מיין האַרץ איז נישט צעשפּרונגען געוואָרן אויף שטיקלעך, אַז איך בין געוואויר געוואָרן, אַז אוריאל צאַקאָסטאַ דאָס ביסטו, איז אַ סימן, אַז מיין האַרץ איז פון שטאָל. ווי אַ פאַרשטיינערטע בין איך אויסגעזעסן ביזן שלוס פונעם צווייטן אַקט. אָבער מערנישט ווי דעם צווייטן אַקט. דען עס איז פאָרגעקומען אַ שטיקל סקאַנדאַל, וואָס קיינער האָט זיך אויף דעם נישט געקאָנט ריכטן: מע האָט אונדז דערקענט אין דער לאָזשע און אַנטדעקט אונדזער אינקאָגניטאָ אויף אַ מיאוסן אָרט און מע האָט מיך געצווונגען, איך זאָל אַנטלויפן, כאָטש דער הימל איז מיין עדות, וויאַזוי עס האָט מיך געצויגן צוריק, צוריק, נאָך איין מאָל אַ קוק טאָן אויף דיר, נאָך איין מאָל צו הערן דיין קול, וועלכע האָט נישט אויפגעהערט צו קלינגען אין מיינע אויערן אַלע יאָרן פון אונדזער אַרומבלאָנדזשען איבער דער גרויסער ליכטיקער וועלט. נאָר וואַרט אויס — דאָס איז נאָך נישט אינגאַנצן. געקומען אַהיים, האָב איך געטראָפן ביי זיך אויפן טיש אַ גאַנצן פּאַק מיט בריוו, וואָס לויט די פּאָסט־שטעמפּלען זענען עטלעכע פון זיי שוין לאַנג אָנגעקומען, נאָר זיי זענען מיר נישט איבערגעגעבן געוואָרן צו דער צייט איבער דער צענזור, וואָס מיין מענעדזשער — אפילו אַן ענגלענדער און אַ דזשענטלמען — האָט זיך דערלויבט אויף מיר קעגן מיין ווילן און אָן מיין וויסן אַרויפצוואַרפן. דער שפּיץ איז געווען, איך האָב אים היינט געשיקט הינטן און אָן לאַנגע דיבורים און חקירות אים געגעבן צו וויסן, אַז פון היינט אָן בין איך פריי פון מיין אַגרימענט, און ער קאָן אויף מיר דערלאַנגען, מיך מאַנען דעמעדזשעס — דאָס איז זיין זאַך. נאָר נישט דאָס איז דער עיקר. די הויפּטזאַך איז, וואָס אין איינעם פּעקל מיט בריוו איז געווען אויך דיין בריוו, וועלכן איך האָב דורכגעלייענט איך ווייס אַליין נישט וויפל מאָל, און דער גאַנצער גיהנום האָט אויפגעפלאַקערט אין מיין האַרצן. קוקנדיק די אותיות פון דיין טייערן בריוו, האָב איך זיי באַנעצט מיט מיינע טרערן. וואָס עפּעס טרערן, ווייסטו הערצל? דאָס האָב איך באַוויינט אונדזער געשטאָרבענע קינדהייט, אונדזערע גליקלעכע יונגע יאָרן, אונדזער פּריצייטיקע ליבע, וואָס מעגלעך, אַז זי זאָל קאָנען זיין איצט פיל הייסער, פיל פלאַמענדיקער, ווי זי איז געווען דעמאָלט. זי וועט זיכער, מע זאָל מוחל זיין, שוין קיינמאָל נישט זיין אַזוי קרישטאָל־ריין, אַזוי הימל־הויך, אַזוי געפּלעדער־שיין און אַזוי קינדעריש־נאַאיוו, ווי זי איז געווען דעמאָלט אין אונדזער קליינינקן, אָרעמינקן, אויספאַרגעסענעם האָלענעשטי...

אַך, האָלענעשטי! ווייסטו, אַז איך בין דאָרטן געווען און געזוכט מיין לייבלעך. זיך נאָכגעפרעגט אויף מיין „גבירים יינגל“? ליידער האָט מיר קיינער־קיינער נישט געוווּסט וואָס צו דערציילן וועגן דיר! דו ביסט ווי אַ זיסער חלום פאַרשווונדן געוואָרן פון מיין הימל, ווי אַ טרוים, וואָס מע זעט נאָר איין מאָל, נישט קיין צוויי מאָל!...

טייערער מיינער! דו פרעגסט מיך אין דיין בריוו, אויב איך געדענק, וואָס מיר האָט געזאָגט די אַלטע קאָרטנוואַרפערקע אין יענעם שטעטעלע, אין גאַליציע.

אָ! איך געדענק זייער גוט. נאָר ווי אַרום ווייסטו פֿון דעם? איז געדרונגען, אַז דו האָסט זיך נאָכגעפֿרעגט אויך מיר, ווי איך אויף דיר? פֿאַרוואָס זשע האָסטו זיך, שלעכטער מענטש, אַזוי מיאוס געוועזן פֿון מיר, אַז דו האָסט דערלויבט אַן אַנדערע, אויך אַ פּרימאַדאָנע — אפשר אַ שענערע פֿון מיר, נאָר אַ סך אַ נאַרישערע — אַז זי זאָל זיך באַרימען פֿאַר אַלעמען, אַז דו ביסט איר אויסדערווילטער?... נאָר אַך! וואָס רעד איך? ווי טאָר איך דיר זאָגן מוסר אין דער צייט, ווען איך אַליין בין דורך פֿאַרשידענע פֿאַרפּלאָנטערטע אומשטענדן געווען געטריבן אַרויפֿצוהענגען אויף זיך גאָלדענע קייטן?... נאָר לאָמיר נישט רעדן פֿון קיין קייטן, וועלכע מע קאָן יעדע מינוט צערייסן און אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך, *אַבי מיר זאָלן נאָר וועלן*... לאָמיר בעסער רעדן פֿון דעם, ווו מיר קאָנען זיך היינט זען. אונטן געפֿינסטו אַן אַדרעס. צווישן 4 און 5, ווען דו קומסט אַהין, זוכסט מיך גוט, געפֿינסטו מיך דאָרט. מיר זענען דאָרט גאַנץ אַליין און קאָנען זיך גענוג אָנרעדן (און מיר האָבן דאָך אַזויפֿיל צו רעדן!). זיי דאָרט היינט פֿון 4 ביז 5 און זוך מיך. איך הייס דיר, זאָלסטו זיין. ניין, ס'אַ ליגן. — למאַי זאָל איך דיר נישט זאָגן דעם גאַנצן אמת? — נישט איך הייס דיר, נאָר איך בעט דיך, איך חלש פֿאַר דיר, איך פֿאַל דיר צו די פֿיס, און איך קוש דיך! איך קוש דיך! דו הערסט? איך קוש דיך!...

ריזל".

קאַפּיטל צוויי און זיבעציק

ווידער אַמאָל בריינדעלע קאָזאַק

שלום־מאיר מוראַווטשיק איז געקומען צו זיין נייעם פֿריינד ראַפּאַלעסקאָ פּינקטלעך אין דער צייט, וואָס זיי האָבן אָפּגעשמועסט. האָט ער אָבער שוין נישט געטראָפֿן אים אין דער היים. אויפֿן טיש איז געלעגן צוגעגרייט אַן אָפֿן צעטעלע, ווייזט אויס טאַקע פֿון זיינעטוועגן:

„מיין ליבער מוראַווטשיק. איך פֿאָר אָפּ פֿון ניו־יאָרק אויף עטלעכע שעה. ווען איך וועל זיין צוריק — ווייס איך נישט. אונדזער נסיעה לייגן מיר אָפּ אויף אַן אַנדערש מאָל. איך בעט פֿאַרענטפֿערן מיך פֿאַר יענע, וואָס איר ווייסט, און וויאַזוי איר ווייסט — איך וועל דאָס אייך קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן!

אייער ל. ראַפּאַלעסקאָ".

— וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט, און וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט די גאַנצע צייט, הן אויפֿן ים, הן אויף דער יבשה, זאָל פֿאַל־

אויף מיינע שונאימס קעפּ! און אַקטיאָר בלייבט און אַקטיאָר, ער מעג זיך זיין צען מאָל א טאַטנס קינד! א מענטש רעדט אָפּ מיט מיר אויפן זייגער; א מענטש ברענט און פלאַקערט, נעמט איין אָקאָרשט א מיתה משונה — צום סוף...

דאָ האָט אונדזער מוראַווטשיק זיך אויסגעדרייט צוריק, שוין גרייט געווען צו געבן אַ שפּיי אויס, דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר: סטוק־סטוק.

מוראַווטשיק האָט זיך דערפרייט: „ס׳איז אוודאי ער“... — אַריין!

עס הערט זיך ווידעראַמאָל: סטוק־סטוק. „די משמעות, אַז ס׳איז נישט ער“... אויף זיין צווייטן „אַריין“ דערהערט ער א דריטן סטוק־סטוק. ווערט שוין מוראַווטשיק אין כעס און רופט זיך אָן הויך:

— מיטן קאָפּ אין וואַנט!

עפנט זיך אויף פּאַוואָליענקע די טיר און עס קומט אַריין — ברײַנדעלע קאָזאַק.

ווען אויפן אָרט פון ברײַנדעלע קאָזאַק וואָלט אַריינגעקומען, למשל, האָצמאַך פון יענער וועלט, וואָלט אונדזער מוראַווטשיק נישט באַדאַרפט זיין מער א בער־ראַשט, ווי ער איז געווען אין דער מינוט. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך געפונען אין זיך אַזויפיל כוח, אַז ער זאָל נישט מער ווי אין א האַלבער מינוט ארום קומען צו זיך און ווערן דער אייגענער לעבעדיקער, פריילעכער, אויפגעלייגטער מוראַוו־טשיק, וואָס אַלעמאָל. מיט א זעלטענער פריינדלעכקייט, מיט אַן אויסגעשטרעק־טער האַנט און מיט א ברייט הייזעריק געלעכטערל איז ער ארויסגעטראָטן אקעגן דער אַריינגעקומענער:

— ברוך הבא, סקאָצל קומט, א גאַסט! וואָס מאַכט איר עפּעס גוטס, ברײַנ־דעלע — טפו — מיין איך מאַדאַם טשערניאַק?

דערפאַר האָט אָבער די מאַדאַם טשערניאַק נישט געפונען קיין איינציק וואָרט, וואָס אים צו ענטפערן. זי איז געבליבן שטיין ביי דער טיר אין איר רויטער ראָ־טאָנדע, באמת פּאַראַליזירט, נישט צו קאָנען רירן זיך פונעם אָרט.

וואָרעם אויב מוראַווטשיק האָט געהערט זאָגן, אַז ברײַנדעלע קאָזאַק געפינט זיך ערגעץ אין אַמעריקע, האָט ברײַנדעלע קאָזאַק אַפילו נישט געחלומט זיך, אַז זי זאָל זיך באַגעגענען דאָ אין ניו־יאָרק מיט איר אַמאָליקן שונא שלום־מאיר מוראַווטשיק. און ווו? ביי ראַפּאַלעסקאָן! און ווען? בעת זי איז געקומען ראַ־טעווען דעם יונגן סטאַר פון אן אומגליק.

פון איר נייעם גוטן פריינד ניסל שוואַלב האָט זי נאָר וואָס דערהערט א שרעק־לעכע נייעס: אַז ראַפּאַלעסקאָ זאָגט זיך אָפּ פון זיין שוועסטער, פון דער פּרי־מאַדאָנע הענריעטאַ שוואַלב, און אַז ניסל שוואַלב איז אַוועקגעלאָפן צו א לאָיער, וויל איינגעבן אויף אים אין קאָורט אַ קלאַגע פאַר ברעכן דאָס וואָרט („ברײַטש אָף פּראָמיס“); אחוץ וואָס דער חזן מיט דער חזנטע מיטן מייסטער קלאָמער וועלן גיין שווערן, אַז זיי האָבן געזען די פּרימאַדאָנע ביי ראַפּאַלעסקאָן אויף די

הענט נאָך פאַרנדיקן אויפן שיף, שטעלט ער עדות אַ האַלבע שטאָט ניו־יאָרק (און די מאַדאַם טשערניאַק בתוכם), וואָס זענען געווען אויף זייער אָפּיציעלן קנס־מאָל, געבראָכן טעלער, געטרונקען שאַמפּאַניער, געקושט זיך מיט אַלע געסט — מיט איינעם וואָרט, ניסל שוואַלב שווערט מיט כל השבועות, אַז ער וועט אויפהייבן אַזאַ סקאַנדאַל אין ניו־יאָרק, וואָס זינט קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע איז נאָך אַזאַ סקאַנדאַל נישט געווען. נו, ווי קאָן דאָס די מאַדאַם טשערניאַק דערלאָזן אַזאַ זאַך? ערשטנס, איז אַ רחמנות אויף ראַפּאַלעסקאָ. אַ יונגער אַרטיסט, אַ סטאַר, וואָס האַלט ערשט אין אויפגיין, אַ בלום, וואָס האַלט ערשט אין בליען — ער קאָן דאָך, חלילה, פאַרלירן זיין גאַנצע קאַריערע! איז איין מאָל אַוועק. והשנית, האָט די מאַדאַם טשערניאַק געהאַט איר אייגענעם אינטערעס אויך דערביי.

„אונדזער לעזער געדענקט גאַנץ גוט, אַז מיטן אָנקומען קיין ניו־יאָרק פון דער באַרימטער קאָמפּאַניע „קלאַמער, שוואַלב עט קאָמפּ.“, האָט זיך ביי דער מאַדאַם טשערניאַק אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין איר לעבן, אַ נייע סדרה מיטן נאָמען „ניסל שוואַלב“. ניסל שוואַלב — דאָס איז געווען איר לעצטע האָפענונג, די לעצטע סטאַנציע פון איר לאַנגן לעבנסוועג, דער איינציקער שטערן, וואָס האָט נאָך העל געלויכטן אויף איר טונקעלן הימל. זי איז גרייט געווען דעריבער פונדעסטוועגן אויף אַלץ, ווי מע זאָגט, אין פייער און אין וואַסער.

אָרעמע ברייינדעלע קאָזאַק! אין דער האָזיקער צייט איז זי נעבעך געווען פאַרליבט אין איר פריינד ניסל שוואַלב מיטן לעבן פייער, — אויב נישט מער נאָך ווי דאָס ערשטע מאָל אויף איר לעבן. און עס איז גאָר קיין עוולה נישט, כ'לעבן; עס וואָלט שוין לאַנג צייט געווען, אַז די מאַדאַם טשערניאַק זאָל אַמאָל אויך זיין גליקלעך, אַז זי זאָל זיך אַ מאָל אויך צושלאָגן צו אַ ברעג, אַז זי זאָל זיך אַמאָל אויך אַרויסאַרבעטן אויף אַ שטיקל תכלית, אויפהערן זיין נע ונד, קלויבן אַ דאָלאַר צו אַ דאָלאַר און זיך וואַלגערן אויף דער וועלט.

עס איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס די מאַדאַם טשערניאַק איז גרייט געווען זיך מוסר נפש זיין צוליב איר נייעם אידעאַל ניסל שוואַלב. ער האָט איר איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון זיין אינדערפריערדיקן געשפּרעך מיט ראַפּאַלעסקאָ און אויך די מעשה פון דעם געכטיקן וויזיט אין ניקעל־טעאַטער פון ראָזע ספּיוואַק מיט איר גרישאַ סטעלמאַך, האָט ברייינדעלע קאָזאַק גלייך אָנגעשמעקט, וואָס דאָ טוט זיך, און ס'זענען געבוירן געוואָרן ביי איר אין קאָפּ עטלעכע קאָמבינאַציעס מיטאַמאָל: 1) צוליב וועמען האָט ראָזע געקאָנט זיין אין מיטן דרינען אין ניקעל־טעאַטער, אויב נישט צוליב ראַפּאַלעסקאָן? 2) הייסט עס, אַז זיי האָבן זיך אויפגערעדט דורך דער פּאָסט, אַז זי זאָל קומען צו זיין ערשטן אַרויספּריט? 3) אי, די קשיא, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ קאָמעדיע ביים לאַנזשער סאַלאָן מיט צעבראָכענעם טעלער און מיט די מזל־טובס און מיט קושן זיך?

— דאָס איז אַפּנים גאָר געווען אום צו פֿאַרבלענדן די אויגן. [3] וויבאַלד אַזוי, דאַרף מען זיך אַרײַנכאַפּן אויף אַ מינוטקעלע צו דעם פֿײַנעם בחור, ערשטנס, אים אַ קוק טאָן אין די אויגן אַרײַן — זי קאָן מער נישט — און אַגב זיך אײַנקויפֿן צו אים מיט גוטע רייד. טאָמער וועט זי דורך אים קאָנען דערשלאָגן זיך צו איר אַמאָליקער פֿרײַנדין ראָזע, וואָס מע לאָזט זי נישט צו צו איר און מע ענטפֿערט אַפֿילו נישט אויף קיין בריוו. לאָז די מאַדאַם משערניאַק אָקאָרשט זיך אַ ביסל דורכרעדן מיט ראָזען. וועט זי זײַ שוין צערעכט מאַכן דאָס מזל. דער בחור וועט שוין דעמלט שטעלן אַ חופּה מיט הענריעטאַ שוואַלב — און דעמלט... אָ! דעמלט וועט שוין זײַן טאָקע, ווי מע זאָגט אָט דאָ אין דעם לאַנד, „אָלל־רײַט“..

אָט דאָס זענען געווען די אויסזיכטן, מיט וועלכע די מאַדאַם משערניאַק, אַן אויסגעפּוצטע און אַן אָנגעפּודערטע, איז אַרײַנגעקומען צו ראַפּאַלעסקאַן און געטראָפֿן איר אַמאָליקן בימערן שונא, שלום־מאיר מוראַווטשיק.

און שלום־מאיר מוראַווטשיק, דערזען, אַז פֿון ברײַנדעלע קאָזאַק איז געוואָרן דאָס אייגענע, וואָס אַמאָל איז געוואָרן פֿון לוטס ווײַב, האָט ער רחמנות געקריגן אויף איר און איז איר געקומען צוהילף.

— וואָס טויג מיר גרוים — איר האָט זיך קיין עין הרע גוט פֿאַראַוועט אינעם דאָזיקן לאַנד און אַפֿילו נישט אויף אַ האָר פֿאַרענדערט זיך! אַדרבא, איר זענט נאָך געוואָרן יונגער מיט איך ווייס אַליין נישט וויפֿל, ווען נישט אײַער רויטע ראָטאָנדע, אָסור אויב איך וואָלט אײַך דערקענט, גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה!

די מאַדאַם משערניאַק, וואָס איז נישט געווינט געוואָרן צו אַזעלכע קאָמפּלימענטן פֿון די „שאַלקהאַפֿטיקע מאַנצפּאַרשוינען“, איז צעגאַנגען געוואָרן ווי אַ פּוטער און איר קיילעכיק לבנה־פּנים האָט זיך באַלד איבערגעביטן, געוואָרן רויט און אָנגעהויבן שוויצן. אין דער מינוט איז זי גרייט געווען צו פֿאַרגעסן אַלצדינג, אַלע באַליידיקונגען, וואָס זי האָט זיך געהאַט פֿון אָט דעם הייזעריקן שלימזל, און דעם וויטיק, וואָס ער האָט איר אַמאָל פֿאַרשאַפֿן, און אַפֿילו דעם אַלטן חוב, וואָס איז שטיין געבליבן אויף אים, — אַלצדינג איז זי גרייט געווען צו פֿאַרגעסן אים אין דער מינוט. און זי האָט צעשפּיליעט די רויטע ראָטאָנדע, צוגערוקט צו מוראַווטשיקן איר שטול, און צווישן זיי האָט זיך פֿאַרבונדן אַ געשפּרעך, וועלכן מיר גיבן איבער מיט כמעט סטענאָגראַפֿישער פּינקטלעכקייט..

קאַפּיטל דריי און זיבעציק

דער געשפּרעך

אָט דאָס איז געווען דער דיאַלאָג, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן בריינדעלע קאָזאַק און שלום=מאיר מוראַווטשיק:

בריינדעלע קאָזאַק: וועמען=וועמען, נאָר אייך האָט זיך מיר אַפֿילו נישט געחלומט צו באַגעגענען אָט דאָ.

מוראַווטשיק: אַ סימן, אַז איר האָט מיך אין דער ערד, ווערנד איך טראַכט פֿון אייך טאָג ווי נאַכט, אין חלום און אויף דער וואָר.

בריינדעלע קאָזאַק: לעבן זאָלט איר מיר אַזוי.

מוראַווטשיק: אָמן אַלע ווייבער.

בריינדעלע קאָזאַק: איר זענט דער זעלבער משומד, וואָס געווען... זאָגט מיר בעסער, וווּ איז אַצינד אָט דער גאַנאַמניק, אייער באַלעבאָס, פֿאַר=ברענט זאָל ער ווערן?

מוראַווטשיק: ווער? שטשופּאַק? אין אָדעם, די באָליערע זאָל אים דאָרט דערשטיקן אין מיטן ווינטער!

בריינדעלע קאָזאַק: איר קערט וועלן זאָגן די טשומאַ?

מוראַווטשיק: ביי מיר האָט איר געפּועלט גלאַט אַ מיתה=משונה אין מיטן העלן טאָג, אַבי ס'זאָל זיך נישט אַריינציען, חלילה, אין די גרויסע פּרעסט. וואָס זשע טוט איר דאָ, ליובעניו? איר האָפֿט אויך צו אונדזער ראַפּאַלעסקאָן?

בריינדעלע קאָזאַק: צו וועמען דען? מיר איז נאָר אַ וווּנדער: אין דער צייט טרעפֿט מען אים אַלעמאָל אין דער היים.

מוראַווטשיק: נאָך שענער! מיר האָט ער אָפּגעשטעלט אַ שעה, אויסגעלייכט די זייגערס. ווי זשע גייט דאָס אייך, קעצעלע?

בריינדעלע קאָזאַק: גאָר ערגער, אַבי מע מאַכט אַ לעבן... נו, און איר?

מוראַווטשיק: פּאָסטאַראָמו. מע טומשעט זיך און מע מאָרדעוועט זיך, קוים=קוים וואַסער צו דער קאַשע... זאָגט זשע מיר, נשמהניו, וואָס איך האָב אייך געוואָלט פֿרעגן? יאָ. איז וואָס זשע הייסט עס טוט איר דאָ ביי אָט דעם שמייגער? עפּעס אַ ביזנעס?

בריינדעלע קאָזאַק: אך, אונדזערע ביזנעס!... שוין לאַנג זענט איר אין ניו=יאָרק?

מוראַווטשיק: ווערליק די קלעפּ, וואָס איך האָב דאָ געכאַפּט, וואָלט איך געמיינט, אַז איך בין שוין דאָ אין איין צייט מיט קאָלומבוסן. זאָגט זשע

מיר, האַרצעניו, אַשטײגער פֿאַר־עקזאַמפּעל נאַפּשיקלאַר כּדומה למשל נאַפּרימער צום בײַשפּיל, װאָס פֿאַר אַ ביזנעס קאָנט איר האָבן צו מײַן יאַקעמבעמבאַ?

ב ר ײַ נ ד ע ל ע ק אָ ז אַ ק: פֿון װען אָן איז ער דאָס געװאָרן אײַערער?

מ ו ר אַ װ ט ש י ק: פֿון װען אָן? כאַ־כאַ! אַ סבֿרה, אַז איך קען אים נאָך, װען ער איז געװען מיט אַ קאָפּ גרעסער װי אַ קאַץ.

ב ר ײַ נ ד ע ל ע ק אָ ז אַ ק: ס'איז אַלצדינג מעגלעך. װי באַלד אַזױ, קערט איר דאָך קאָנען האָבן אױף אים אַ שטיקל אײַנפֿלוס...

מ ו ר אַ װ ט ש י ק: כאַ־כאַ! אױב איך קאָן האָבן.

ב ר ײַ נ ד ע ל ע ק אָ ז אַ ק: פֿאַרװאָס זשע זעט איר נישט, ס'זאָל שױן זײַן אַ חופּה?

מ ו ר אַ װ ט ש י ק: צו אַ חופּה, ליובעניו, איז נאָך װײַטלעך.

ב ר ײַ נ ד ע ל ע ק אָ ז אַ ק: טאַקע? און װאָס איז דען אײַגנטלעך די מניעה?

מ ו ר אַ װ ט ש י ק: די מניעה איז און אָט אױף פּיצינקעלע נפֿשל!

ב ר ײַ נ ד ע ל ע ק אָ ז אַ ק: פֿון װאָסער נפֿשל רעדט איר דאָס?

מ ו ר אַ װ ט ש י ק: איך רעד פֿונעם „יאַטל“.

ב ר ײַ נ ד ע ל ע ק אָ ז אַ ק: װאָסער „יאַטל“?

מ ו ר אַ װ ט ש י ק: אַזױ? איר פֿרעגט װאָסער „יאַטל“? איז דאָך אַ סימן, אַז איר װײַסט עפּעס מער פֿון אַ טױטן, הײַנט װאָס דרײט איר אַ מוח?

ב ר ײַ נ ד ע ל ע ק אָ ז אַ ק: האָט קײן יסורים נישט. איך װײס גאַנץ גוט, װאָס איך רעד. איך רעד פֿון דער פּרימאַדאָנע, און איר קומט צו גײן מיט אײַער „יאַטל“.

מ ו ר אַ װ ט ש י ק: ערשטנס, איז דאָס „יאַטל“ נישט מײַנס. און צװײטנס, פֿון װאָסער פּרימאַדאָנע רעדט איר?

ב ר ײַ נ ד ע ל ע ק אָ ז אַ ק: פֿון װאָסער פּרימאַדאָנע רעדט איר? איך װײס פֿון צװײ פּרימאַדאָנעס.

מ ו ר אַ װ ט ש י ק: פֿון װאַנען האָבן זיך גענומען צװײ פּרימאַדאָנעס?

ב ר ײַ נ ד ע ל ע ק אָ ז אַ ק: זעט איר שױן, אַז איר װײסט נישט, װער עס האָט אײַך געשלײערט, אַז איר פֿרעגט, פֿון װאַנען האָבן זיך גענומען צװײ פּרי־מאַדאָנעס.

מ ו ר אַ װ ט ש י ק: װײסט איר װאָס? אָט װערט דערװאָרגן מיט אײַערע פּרימאַדאָנעס!

ב ר ײַ נ ד ע ל ע ק אָ ז אַ ק: װערט איר פֿריער, איר זענט עלטער.

מ ו ר אַ װ ט ש י ק: מאָלט אײַך, װער ס'איז עלטער, קאָן מען נישט װיסן... איך זע נאָר, אַז הײַנט איז מיט אײַך גישט צו מאַכן גאָרנישט נישט. איר זענט נאָך אַן ערגערע ניכפּה, װי איר זענט געװען.

בריינדעלע קאָזאַק: און איר זענט געווען א משומד און א משומד וועט איר בלייבן.

מוראַוומשיק: מיט אייער פּנים וואָלט אייך אָנגעשטאַנען זיין א סעדיבע אין מיטן וועלדער, ווילנע איך גימקע טויבעס זאָוולעק.

בריינדעלע קאָזאַק: און אייך שטייט אָן נאָר ארומפאָרן מיט אזא פעזעוועניק ווי שטשופּאַק און האַנדלען מיט ווייבער.

מוראַוומשיק: איר זאָלט אזוי וויסן פון אייערע וואָנצעס, ווי איך וויים פון שטשופאַקן מיט זיינע ווייבער.

בריינדעלע קאָזאַק: און ווער האָט ארויסגענאַרט דעם חזנס מיידל פון האָלענעשטי, נישט איר מיט שטשופּאַקן?

מוראַוומשיק: פון וואַנען ווייסט איר האָלענעשטי? פון וואַנען ווייסט איר דעם חזנס מיידל?

בריינדעלע קאָזאַק: אַהאַ! זעט איר שוין, אז איך וויים מער פון אייך?

מוראַוומשיק: ווייסט איר וואָס? למאי זאָלן מיר זיך קריגן אין אמע־ריקע? אַמעריקע איז אַ לאַנד פון שלום. לאָז זיין אזוי: איך וועל אייך דערציילן די מעשה מיטן „יאַטל“. נאָר איר מיין ערן־וואָרט. און איר דערציילט מיר די מעשה מיט די פּרימאַדאָנעס... איז דאָס געמאַכט?

בריינדעלע קאָזאַק: אייער האַנט תקיעת־כּף.

מוראַוומשיק: אָט האָט איר מיין האַנט תקיעת־כּף.

בריינדעלע קאָזאַק: שווערט זיך.

מוראַוומשיק: איך זאָל אזוי...

בריינדעלע קאָזאַק: אזוי וואָס?

מוראַוומשיק: אזוי האָבן גליק און הצלחה.

בריינדעלע קאָזאַק: און אז נישט?

מוראַוומשיק: זאָל פון מיר ווערן א כאָלעווע...

בריינדעלע קאָזאַק: בלאָטע!

מוראַוומשיק: זאָל אויף מיר איינפאַלן א קאַזאַרמע.

בריינדעלע קאָזאַק: נארישקייטן!

מוראַוומשיק: זאָל מיך קומען וואַרגן קאָלומבוס פון יענער וועלט...

בריינדעלע קאָזאַק: דאָס איז נישט קיין שבועה!

מוראַוומשיק: טפו זאָלט איר ווערן, עס האָט מיך אַזש באשלאָגן א שוויים!

דער סוף איז געווען, אז בריינדעלע קאָזאַק האָט ביסלעכווייז איבערגעגעבן מיראַוומשיקן אלצדינג, וואָס זי האָט געוווּסט וועגן ראַפּאַלעסקאָן און וועגןביידע

פרימאַדאָנעס: הענריעטאַ שוואַלב און ראָזע ספּיוואַק. און אַז ס'איז געקומען צו מוראַוטשיקן, ער זאָל דערציילן זיין געשיכטע מיטן „יאַטל", האָט ברײנדעלע קאָזאַק אַרויסגעזען, אַז ער דרייט מיט דער צונג און אַז ער האַקט אַ טשייניק, האָט זי זיך אויפגעהויבן, אַ רויטע און אַ פאַרשוויצטע, איינגעוויקלט אין דער ראָטאָנדע, און אַרויסגעלאָזט אַזאַ געלעכטער, ווי טויזנט שדים קאָנען אַזוי נישט לאַכן. מוראַווטשיק האָט זיך אָנגעשראָקן פאַר איר:

— וואָס איז מיט אייך? וואָס איז אייך אַזעלכעס צוגעקומען?

— כאַ-כאַ-כאַ! — האָט די מאַדאַם טשערניאַק נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

— אַלצדינג, וואָס איך האָב אייך דערציילט, איז אַ גענציקער טאָג, שקר וכזב, נישט-געשטויגן נישט געפלויגן — כאַ-כאַ-כאַ!

שלום-מאיר מוראַווטשיק האָט אָנגעשטעלט אַזאַ פּנים, גלייך ווי ער איז מיט סכנת-נפשות אויפגעבראַכט איף דער מאַדאַם טשערניאַק, וואָס האָט אים אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט. נאָר אין האַרצן האָט ער זיך געטראַכט: „דאָס וואָלט שוין דערציילן, ברײנדעלע קאָזאַק, דער באָבע דייגער!..." און דאָס אינטערעסאַנטע פּאָרל איז זיך צעגאַנגען, יעדער אין אַן אַנדער שטימונג: ער — זייער צופרידן פונעם באַגעגעניש מיט ברײנדעלע קאָזאַק, וואָס ער האָט פון איר אַרויסבאַקומען דאָס, וואָס ער באַדאַרף; און זי — גוזל אויף דעם הייזעריקן ממזר, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן, און אין כעס אויף זיך אַליין, פאַרוואָס זי האָט זיך געלאָזט ווידער-אַמאָל פירן פאַר דער נאָז פון אָט די „שאַלקהאַפטיקע מאַנצביליך", אַ כאָליערע זאָל אויף זיי קומען אויף אַלעמען, חוץ איינעם!

קאַפּיטל פיר און זיבעציק

ביי שלומען אין רעסטאָראַן

די געשיכטע, וואָס מוראַווטשיק האָט זיך אָנגעהערט פון ברײנדעלע קאָזאַק וועגן דעם בחור (ראַפאַלעסקאָ) מיט דער פרימאַדאָנע הענריעטאַ שוואַלב, און איבערהויפּט דער ראָמאַן מיט דער יפהפיה (ראָזע ספּיוואַק), זענען באמת געווען ביי אים ווייכטיקע ניי'עס, הפלא ופלא. זיי האָבן אים פשוט געעפנט די אויגן. עס זע-נען אים פאַרענטפערט געוואָרן אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט זיי פריער נישט אָנגע-הויבן צו פאַרשטיין. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי די ראָזע האָט אַמאָל געצאַפּלט, זיך נאָכגעפרעגט אַלץ אויף האָצמאַכן בלומרשט, און געמיינט האָט זי גאָר, אפנים, אָט דעם „יאַט", וואָס פלעגט זיך פלאָנטען פאַר די אויגן דעמלט אין דעם ווייסטן האָלענעשטי. — אי, ראָזע! — האָט ער זיך געטראַכט, — און דווקא אַ חזנס אַ מיידל. ביסט ווערט, שלום-מאיר, מע זאָל דיך אוועקלייגן אָט דאָ, אין מיטן

אַמעריקע, און אַריינצימבלען כאָטש אַ שטיקלעך פּופּיק, אַז דו האָסט נישט אויסגענוצט די לאַגע און ביז אַהער נישט אָפּגעלעקט אַ ביינדל נישט פון חתנס צד און נישט פון כלהס צד. און טאָמער האָסטו שוין יאָ דערטאַפּטו אַ פּעקל מיט כתבים פון אָט דער בחורטע ראָזע, גייסטו און פאַרהאַנדלסט זיי פאַר עטלעכע שילינג ביי אָט דעם לאָנדאָנער קראָסאַווטשיק, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן אין מיטן ניו-יאָרק! ער האָט דאָך מיך בדיל-הדל געשטעלט. איך וואָלט געקאָנט איצט ווערן נאָכאַמאָל אַן עושר, ווען איך האָב ביי זיך די פּאַפּירן... איצט קאָן איך מיך אפילו נישט באַווייזן פאַר אירע אויגן, וואָרעם איך בין דאָך ביי איר געבליבן אי אַ פערד, אי אַ ליגנער...

דאָ האָט זיך אונדזער מוראַווטשיק אַ ביסל פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי פונעם שלאָף און ווידער גענומען רעדן צו זיך אַליין:

— מאָלט איך, אַזאַ מכה זאָל זיך זעצן שטשופּאַקן אין אָדעס און מיסטער קלאַמערן אין ניו-יאָרק, ווי איך וועל נאָך אויסנוצן די דאָזיקע געשיכטע, אם-ירצה-השם, מיטן אויבערשטנס הילף. אַנישט ביסטו ווערט, שלום-מאיר, מע זאָל דיר געבן קיין שטרוי, גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה...

און ס'איז פאַרטיק געוואָרן ביי אים אין דער דאָזיקער שעה אַ פּלאַן, אַ גאָלדענער פּלאַן, וואָס ער אַליין האָט זיך געוואָלט געבן אַ קניפּ אין בעקל:

— מוראַווטשיק, ביסט אַ מזרישער קאָפּ!...

דערווייל איז געקומען די צייט פון עסן, האָט ער זיך צוועקגעלאָזט זוכן אַ יידישן רעסטאָראַן. און געטראָפן אַקוראַט צום באַרימטן שלומס רעסטאָראַן, וואָס הערט נישט אויף צו רעקלאַמירן און צו דרוקן זיין פּיקטשור אַלע טאָג אין אַלע ניו-יאָרקער בלעטער:

„פאַרגעסט נישט אייער פריינד שלום, וואָס באַזאָרגט אייך אַלע טאָג מיט די בעסטע רומענישע שפּייזן, כשר און פריש און געשמאַק און אַזוי ווייטער...“

אַריינגעקומען צו שלומען אין רעסטאָראַן, האָט שלום-מאיר מוראַווטשיק געטראָפן שוין כמעט אַלע טישלעך באַזעצט מיט ביזנעסלייט, וואָס האָבן קיין צייט נישט און עסן יעדער זיין מאָלצייט בחפּזון, האָרריאָפּ, ווי אַלצדינג אין אַמעריקע, און ער האָט גענומען אויסקוקן אַ פּלאַץ, וווּ ער זאָל קאָנען בלייבן איינער אַליין מיט זיין מיטאָג און מיט זיינע פּלענער און געדאַנקען.

איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, איז אויסגעוואַקסן אַ זשוואַוער יונג, אַ דזשענטעלמען מיט אַ ווייס טישטעכל, אַ געלער און אַ געגאָלטער ווי אַן אַרטיסט, אַרויסגעכאַפּט ווי אַ קונצנמאַכער אַ פאַנטען-פּען מיט אַ קליין ביכעלע

און אַ וואָרף געגעבן אַ פּאָר קויל=פייערדיקע אויגן אויפן אַרייַנגעקומענעם גאַסט, עמוואָס זיך אָנגעבויגן צו אים, ווי ער וואָלט זאָגן: „מיסטער, באַשטעלט אייער דינער, נאָר באַדערט מיך נישט לאַנג: איר זעט, וויפל קאָסטאָמערס מיר האָבן? האררייאָפּ!“

מוראַווטשיק האָט זיך אָבער פאַר דעם דאָזיקן געלן דזשענטעלמען מיט ווייסן טישטעכל ווינציק וואָס איבערגעשראָקן. ער האָט זיך געזעצט ביים טישל און אַראָפּגעוואָרפן דאָס נייע קאַפּעליושל, וואָס אָט דער ווערגעלעץ, ניסל שוואַלב, האָט דאָס אים געכטן צעקניימשט — „אָפּדאַרן זאָלן אים די ידים!“ נאָכדעם האָט ער אַרויסבאַקומען פון אַ זייט=קעשענע אַ קליין קעמעלע, וואָס ליגט זיך צונויף איינצווייען, גענומען זיך צוקעמען די האָר פון פאָרנט אַרויף און אין איינוועגס באַשטעלן זיך אַ מיטאָג נאָך זיין אייגענעם מעניו, וואָס האָט אים אינטערגעזאָגט זיין צערייצטער אַפּעטיט, בזה הלשון:

— אַ פאַרפרעצירטער גולאַש פון פּיפּעקלעך, לעבערלעך, פליגעלעך — איז נישט איינס. אַ יויך מיט אַן אַנשטענדיק פערטל עוף — איז נישט צוויי. אַן איינגעלייגטס מיט פאַרפעלעך — איז נישט דריי. אַ מערן=צימעסל מיט אַ שטיקל געפילטע קישקע — איז נישט פיר. אַ קליין גלעזעלע קאָניאַק „פון שאַמפּאַן“ מיט אַ שטיקל רעטעך מיט שמאַלץ דערביי און אַ פיינע גלאָז לאַגער=ביר — איז נישט פינף. און היידא מיט דעם רעכטן פוס, און רירעוודיק, און מיטן קוק, און מיטן קנאַק, און אַ רוח אין דיין פאָרנט און מיטן אַריין!

די לעצטע ווערטער האָט מוראַווטשיק אויסגעלאָזט גיך אין איין אָטעם און לעבעדיק, ווי זיין שטייגער איז. דער געלער דזשענטעלמען מיטן ווייסן טישטעכל האָט פאַרשריבן די אַלע אויסגערעכנטע מיניםן מיט אַזאַ גיכקייט, וואָס מע דאַרף נישט קיין סטענאָגראַף. דערנאָך האָט ער געגעבן אַ קוק איבער דאָס גאַנצע צעטל פון אויבן אַראָפּ און אַ פרעג געגעבן ביים גאַסט: — וועל! וואָס איז דאָס איינגעמאַכטער „אַן איינגעלייגטס“?

מוראַווטשיק האָט אויסגעשטעלט זיינע מזרחישע אויגן אויפן געלן חברה=מאַן און האָט זיך אָנגערופן צו אים האַלב ערנסט, האַלב אויף קאַטאָוועס:

— אַן איינגעלייגטס ווייסטו נישט? אַ געדישעכץ. ווייסטו אויך נישט? וואָס זשע ביסטו פאַר אַ משרת אין אַ רעסטאָראַן? פאַרוואָס זאָלסטו בעסער נישט גיין פוצן קיין שטיוול אויף דער סטריט, אָדער ריייניקן די...

מוראַווטשיק האָט נישט געענדיקט, וואָרעם דער געלער דזשענטעלמען מיטן ווייסן טישטעך האָט געגעבן אויף אים אַ וואָרף זיינע קויל=פייערדיקע אויגן, אַרויסגעטראָטן גלייך אויף מוראַווטשיקן, געעפנט אויף אים אַ מויל און גענומען רעדן מיט אים בלשון אַמעריקע, דאָס הייסט העבער האַלב אויף ענגליש:

— סיי, מיסטער, האַלטס מויל! איך בין נישט קיין משרת, איך בין אַ ווייטער אין אַ היזשוּאיש רעסטאָראַן! איך בין אַ מעמבער פון אַ יוניאָן! איך בין אַ...

אַ גליק, וואָס ס'איז אונטערגעקומען שלום דער רעסטאָראַטאָר אַליין און האָט זיך אַריינגעלייגט אין אַ שלום. אַנישט וואָלט איינער פון די צוויי נישט גוט אָפּגעשניטן.

די אויבן באַשריבענע סצענע האָט פונדעסטוועגן גאָר נישט געשאַדט אונדזער מוראַוויטשיקן חלילה צום אַפּעטיט. ער האָט זיך גענומען צו זיין באַשטעלטן מיטאָג גאַנץ געשמאַק, און אין קאָפּ האָט זיך ביי אים בעת־מעשה געוועבט אַזאַ מין פּלאַן:

„דאָס, וואָס דער שפּילפויגל (ראַפּאַלעסקאָ) האָט זיך פאַרקאָכט אין מיין בהורטע (ראָזע ספּיוואַק), איז דווקא אַ מעלה צום שידוך. מען באַדאַרף נאָר זען, אַז דער עסק זאָל חלילה נישט קאַליע ווערן. איך האָב צו זיי אייגנטלעך גאָרנישט נישט. לאָזן זיי זיך עלטערן אין עושר און אין כבוד. אי, וואָס וועט זיין מיט זלאַטקען? דאָס, וואָס מיט אַלע מיידלעך, וואָס גליטשן זיך אויס, גלויבן אויף נאַמנות און גיבן אַוועק דעם גדן פאַר דער התונה. אַוודאי איז דער רחמנות אויף איר גרויס. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? זי וועט אַזוי לאַנג וויינען, ביז זי וועט אויפהערן. איך וועל זי מסתמא נישט לאָזן פאַלן... איך בין נישט שטשופּאַק, איך האָב נישט קיין בינטל ווייבער, איך האָב אַפילו קיין איינע נישט... עס איז שוין, דאַכט מיר, ציינט, איך זאָל שוין אַמאָל אויך האָבן אַן אייגן ווינקל, ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. ביז וואַנעט איז דער שיעור צו זיין נע־ונד, דינען פרעמדע עבודה־זרהס? ובפרט, אַז די זלאַטקע איז אַ גאַנץ פיין מיידל. אַ שטילע, אַן ערלעכע, אַ כשר לעמעלע, און זי איז נעבעך ביי זיך זייער געפאַלן; אַזעלכע, אַז מע נעמט, האָט מען דאָך טאָקע אַ מצווה... ביי מיר שפּילט נישט קיין ראָל מיט אַ „יאַטל“, אָן אַ „יאַטל“ — אַבי אַן ערלעכע... און אַז ביי מיר וועט איר זיין גוט — לאָמיך שוין האָבן אַזאַ יאָר. איך וועל איר נישט אויפמישן קיין אַלטע עבירות... און דאָס שטיקל ברויט וועט זי ביי מיר אויך נישט זשעדנע זיין. איך בין דאָך נישט שטשופּאַק, ימח שמו זאָל ער ווערן! געווייטלעך, וועלן זיי אונדז דאַרפן געבן שטיצע... איך מיין טאַקע, ער און זי... זיי זענען נישט קליין, נישקשה, אָן אַן אומגליק. זיי זענען ביידע גוטע פאַרדינערס, און ווער שמועסט זי — יענע זשעבערעט, זאָגט מען, געלד אין אַמעריקע מיט ביידע הענט... ער דאַרף דאָך אַריינגיין אין מיין פּלאַנשעניע: איך נעם דאָך זי, ווי זי שטייט און גייט, מיט אַ קינד און מיט אַ מאַמען אַ צוגאָב, טאָמער איז קאַרג... איך האָף, אַז ער וועט זיך נישט לאָזן לאַנג דינגען און וועט מסתמא נאָכגעבן, וואָרעם איך האָב אים אין האַנט... לאָז ער מיר נאָר וועלן מאַכן פּוילע תנועות, ברענגט מען אים צו דער חופּה אַ מתּנה אַ „יאַטל“... אָה, מיסטער לאָקשמאַן! צאָלן!

דער לעצטער אויסרוף האָט געהערט, אייגנטלעך, דעם געלן דזשענטעלמען מיטן ווייסן טישטעכל, נאָר ווייל צווישן זיי איז דאָך געהאַט אַרום אַ שטיקל אינצידענט, האָט זיך יענער געמאַכט ווי ער הערט נישט, מוחל געווען אים דאָס טרינקגעלט און געשיקט דעם באַלעבאָס זיך צערעכענען מיטן גרינהאָרן.

זיך צעצאָלט פאַרן מיטאָג און אַ וואָרף געגעבן אויפן טשער פאַרן קעלנער אויך אַ פּאָר סענט, איז מוראַוושיק אויפגעשטאַנען פון טיש מיט אַן אויסגעגלעט בייכל, ווי אַ זאַטער בורזשוי, פאַררויכערט אַ סיגאַר און איז אַרויס מיט אַ טאַנצנדיק גענגל מאַכן אַ שפּאַציר איבער די גאַסן פון ניו-יאָרק...

קאַפּיטל פינף און זיבעציק

אונטער דער ערד

צו פרי האָט זיך אונדזער העלד געכאַפּט גיין אויפן ראַנדעוווּ, וואָס ראָזע האָט אים באַשטימט. ער האָט פאַרגעסן אַפילו אַ קוק טאָן אויפן זייגער. ערשט אַז ער איז געווען אין גאַס און צום צענטן מאָל געלייענט דאָס ליבע זיסע בריוועלע, וואָס ער האָט שוין באַלד געקענט פון אויסנווייניק, און דערזען די ציפערן „פון 4 ביז 5“, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ער האָט נאָך גענוג צייט אויף אַריינצוגיין אין אַ באַרבערשאַפּ נעמען אַ שייוו, פון דאָרט אין אַ גרויסאַרטיקן קאַפּעסאַלאָן איבערכאַפּן דעם הונגער און דעסגלייכן. די וויזערס פונעם זייגער האָבן זיך גערוקט פויל און שלעפּעריק. קיינמאָל איז אים נאָך די צייט נישט געווען אַזוי לאַנג, ווי איצט. ער איז געגאַנגען מיט זייער קורצע לאַנגזאַמע טריט. כמעט ביי יעדן בלאָק האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לייענען די דרייאיילנדיקע אַפּישן מיט די מוראַדיקע פעטע אותיות פון פאַרשידענע מוראַדיקע אַדווערטייזמענטס און שרייענדיקע אַנאָנסן מיט געוואַלדיקע פּיקטשורס און משוגעדיקע פּנימער, וואָס איז צו זען אין ניו-יאָרק אויף יעדן בלאָק. נישט באַמערקטערהייט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין יענער אונטערערדישער וועלט, וואָס ווערט אָנגערופן אין אַמעריקע מיטן נאָמען „סאָבוויי“, אָדער מעטראָפּאָליטען-באַן, וואָס בינדט צונויף אַלע גאַסן פון דער שטאָט ניו-יאָרק אונטער דער ערד. די „סאָבוויי“ — דאָס איז אַ נייע שטאָט מיט נייע גאַסן מיט אַ נייער וועלט, אַ וועלט פון אייזן און עלעקטריע. אַהין קומט נישט אַריין קיין איינציקער שטראַל פון זון, און דאָך איז דאָרט ליכטיק און לעבעדיק פיר און צוואַנציק שעה אין מעת-לעת. דאָרט ווייסט מען נישט פון קיין נאַכט. אַלע פיר און צוואַנציק שעה זעט איר דאָרטן מענטשן לויפן אויף און אַפּ, ווי אין אַ עולם-התוהו, יעדער אין זיין וועג, יעדער מיט זיינע ביזנעס, און שטענדיק געכאַפּט זיך, שטענדיק געיאָגט זיך, שטענדיק האַרריאָפּ! כמעט

דאָס אייגענע לעבן מיטן לויפעניש און מיט יאָגעניש און מיטן גאַנצן טאַרעראַם, וואָס קומט פאַר איינעם פאַרהאַוועטן ניו־יאָרק פון אויבן, איך הייס ערד, קומט דאָרט פאַר אויך אונטער דער ערד.

איר לאָזט זיך אַראָפּ דורך טרעפּ אין דער אונטערערדישער ממשלה און איר דערפילט באַלד, אַז איר זענט אין אַן אַנדער וועלט. אייזן און עלעקטרע נעמען אַרום ווי מיט צוואַנגען אייער גאַנצן „איך“, און עס דאַכט זיך אייך, אַז איר הערט די סודות פון דעם אָפּגרונט, און נישט ווילנדיק פאַרטראַכט איר אייך אויף זאַכן, וואָס אין אַן אַנדער אָרט זענט איר ווייט פון זיי. און נישט ווילנדיק טוט איר אַ קלער פון די אייביק פאַרבאָרגענע כוחות, וואָס זענען איבער אייך און אונטער אייך. לאַנג טראַכטן אָבער לאָזט דאָס אייך נישט. פונדערווייטן נאָך דערהערט איר אַ הילך און אַ הודזשען פון אַ חיה, וואָס טראָגט זיך ערגעץ אין דער פינצטערניש מיט אַ געוואַלדיקן כוח. אָט־אָט שניידט זי זיך אַרויס פון דעם טיפן פינצטערן אָפּגרונט, און אָט זעט איר שוין פאַר זיך אָט די מאָדנע ריזיקע אייזערנע חיה מיט די מוראדיקע גרויסע עלעקטרישע אויגן. אָט ציט זי זיך אויס פאַר אייך, געדרייט ווי אַ שלאַנג, איבער די גלאַנצנדיקע רעלסן. ווי שדים שפּרינגען אויף די קאָנדוקטאָרס און שרייען אויס דעם נאָמען פון דער סטייש און עס הערט זיך אַ קלאַפּ פון טירלעך. און עס טוט זיך אַ שאָט אַרויס הונדערטער און אפשר טויזנטער מענטשן — איין שטראָם אַרויס, דער אַנדער שטראָם אַריין — און דאָס אַלצדינג ווערט אָפּגעטאָן שאַ־שטיל, אָן אַ שום בהלה, און וויניקער ווי אין אַ האַלבער מינוט, וואָרעם ס'איז נישטאָ קיין צייט — האַרריאָפּ!

מיט דעם דאָזיקן שטראָם, וואָס האָט זיך געצויגן אַריין, איז געווען אויך אונדזער העלד ראַפּאַלעסקאָ, וואָס האָט שוין געהאַלטן כמעט מיט איין פוס אין וואַגאָן, נאָר פּלוצים האָט אים אַ בלישטשע געגעבן אין די אויגן צווישן די אַרויס־געשאָטענע פּאַסאַזשירן אַ באַקאַנטע פיגור, אַ נידעריקע, מיט אַ קליין צעקנייטשט קאַפּעלושל. דאַכט זיך, מוראַווטשיק? און ראַפּאַלעסקאָ איז געבליבן פון דער זייט.

אויך מוראַווטשיק, דערזען ראַפּאַלעסקאָן, איז ער געבליבן שטיין איבער־ראַשט. ער האָט זיך נישט געריכט, אַז ער וועט זיך באַגעגענען אָט דאָ מיט ראַפּאַלעסקאָן פונקט אין דער צייט, ווען ער איז דורך ברײנדעלע קאָזאַק געוואָרע געוואָרן פון אַזעלכע זאַכן, וואָס ער האָט זיי פריער נישט געוווסט.

נאָך זיצנדיק ביי שלומען אין רעסטאָראַן, איז ביי אונדזער מוראַווטשיקן פּאַרטיק געוואָרן אַ גאַנצער פּלאַן, וויאַזוי אויסצונוצן אַמבעסטן די ווונדערלעכע לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען זיין נייער פריינד ראַפּאַלעסקאָ מיט זיינע דריי כלות: די פּרימאַדאָנע שוואַלב, ראָזע ספּיוואַק און זלאַטקע האָלצמאַן. מילא, פון די ערשטע צוויי כלות — אַזוי האָט מוראַווטשיק ביי זיך אָפּגעפסקנט — איז קיין ספק נישט, אַז לויט די געשיכטעס, וואָס ברײנדעלע קאָזאַק האָט אים דערציילט, וועט מיט דער פּרימאַדאָנע שוואַלב ראַפּאַלעסקאָ, אם־ירצה־השם,

שלאָגן כפּרות, וואָרעם מע דאַרף זיין אַן אידיאָט און אַן אָקס פונעם באַרג סיני, מע זאָל פאַרבייטן אַזאַ גאָלדן עפּעלע, ווי ראָזע ספּיוואַק, וואָס קלינגט מיט איר די וועלט, אויף עפּעס אַ לעמבערגער מויד, אַ פּרימאַדאָנע פון יידישן טעאַטער. און, וואָס ס'איז געווען צווישן זיי אַ יקום־מאָל? איז רוף מיך קנאַקניסל און לאָד מיך צום ונתנה תוקף. אַן אַרטיסט, און נאָר אַ יידישער דערצו, שרעקט זיך טאַקע אַבער פאַר אַזעלכע זאַכן. קאָרג איז פאַראַן ביי אונדז יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן נישט נאָר דריי כלות, נאָר טאַקע דריי ווייבער: מיינס און דיינס און שותפותדיקס?... וואָס זשע קומט אים אָבער אַרויס דערפון? גאָלע גאַרנישט! עס בלייבט איבער נאָר די כלה נומער דריי: זלאַטקע מיטן יאַטל... און דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן. דאָ דאַרף מען זען אָפּלעקן אַ ביינדל. „זיי נאָר נישט, שלום־מאיר, קיין אָקס פונעם באַרג סיני און ווייס, וואָס דו האָסט צו טאָן מיטן צימבל־גערימפּל, וואָס גאָט האָט דיר צוגעשיקט אין ניו־יאָרק, אַנישט וועט מען דיר דאַרפן געבן קייען שטרוי"...

אַזוי האָט גערעדט מוראַווטשיק צו זיך אַליין, אַז ער האָט זיך באַגעגנט מיט ראַפּאַלעסקאָן פּלוצים אָט דאָ, אונטער דער ערד. נאָר ער האָט באַהאַלטן זיין פרייד ביי זיך אין האַרצן, זיך געמאַכט קאַלטבלוטיק און אַ זאָג געגעבן תמעוואַטע צו ראַפּאַלעסקאָן:

— אַז אַזאַ פויגל, ווי איר, פאָרט אונטער דער ערד, הייסט וואָס זאָלן מיר שוין זאָגן, פּראָסטע בשר־ודמס פון די קאַבצעניוקעס?

קאַפּיטל זעקס און זיבעציק

אי, אמעריטשקע

אויב מוראַווטשיק האָט געפינען פאַר נויטיק צו פאַרבאָרגן פון ראַפּאַלעסקאָן זיין שמחה, האָט ראַפּאַלעסקאָ פאַר מוראַווטשיקן אַרויסגעוויזן גאַנץ אָפּנטלעך זיין צופרידנהייט און זיין פרייד, וואָס ער האָט זיך באַגעגנט מיט זיין נייעם באַקאַנטן.

— האַלאָ! האַו־דאַו־דאַ־או־דאַו! — האָט ראַפּאַלעסקאָ אויסגערופן מיט אַ פרייד אויפן אַמעריקאַנישן שטייגער און האָט אים אויסגעצויגן אַ האַנט. — גיט, וואָס מיר זעען זיך. גאָט אַליין האָט אייך אַהער געבראַכט. איך דאַרף אייך טאַקע האָבן.

— מהכתיתי, הנני — איך בין אָנגעברייט! — האָט אים מוראַווטשיק אַ זאָג געגעבן תמעוואַטע קאַלט. — ווּהין וועלן מיר גיין, כדומה למשל גאַפּרימער?

— אין ערגעץ נישט, — זאָגט ראַפּאַלעסקאָ און זוכט מיט די אויגן אַ פּלאַץ אויף צוצוזעצן זיך. — אָט איז אַ באַנק. דאָ וועלן מיר אַ ביסל שמועסן.

— אָט דאָ טאַקע אונטער דער ערד?

— אָט דאָ טאַקע אונטער דער ערד.

— טאַ! אַז אייך איז ליב, איז מיר ניחא.

און ביידע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק און גיך האָט זיך פֿאַרבונדן בײַ זיי אַ געשפּרעך. גערעדט האָט, אייגנטלעך, ראַפּאַלעסקאָ, און שלום־מאיר מוראַווטשיק האָט אים געקוקט אין די אויגן אַרײַן און געהערט מיט קאָפּ. אַ מאָדנעם כּוח האָט אין זיך אָט דער מוראַווטשיק. מיט קיינעם וועט איר אייך נישט קאָנען אַזוי גיך באַפֿרײַנדן, אַזוי ווי מיט אים, ווערן אַ מחותּן, אַ קנעפּל שבקנעפּל, און פֿאַרטרויען אים, וואָס אויף דער נשמה. ראַפּאַלעסקאָ, ווײַניקסטנס, האָט זיך געפֿילט מיט אים אַ סך נאָענטער, ווי מיט אַ ברודער. הײַנט האָט ער זיך אַ מעלה, אָט דער מוראַווטשיק: מע באַדאַרף מיט אים קיין סך נישט רעדן. ווערטער זענען להלוטין איבעריק. ער קוקט אויף אייך מיט זײַנע ממזרישע אויגן און טרעפֿט, וואָס בײַ אייך אויפֿן האַרץ טוט זיך, און כאַפּט אַרויס בײַ אייך די ווערטער פֿונעם מויל. אַ מחיה, אַ פֿאַרגעניגן מיט אַזאַ מענטשן!

— איר באַדאַרפֿט מיר קיין פֿינגער אין מויל נישט אַרײַנלייגן, — האָט מוראַווטשיק אונטערגעזשומזשעט מיט זײַן מאַנאָטאָנער הייזעריקער, נאָר גלאַטער שטימע צו ראַפּאַלעסקאָן אין אויער אַרײַן. — גלייבט מיר, איך פֿאַרשטיי די זאַך אַרום און אַרום. איך וועל עס אייך זאָגן, אויב איר ווילט, ווי פֿון אַ סידור: מע זאָל באַהיטן און באַשירעמען ווערן פֿון אַ גוט אויג, עס מאַכט זיך אַמאָל מיט נאַשבראַט, אַ זינדיקער מענטש, מע פֿאַלט אַרײַן, אַ מיידל איז אַ יצר־הרע, און אַמאָל איז מען אַליין נישט שולדיק, גאָט די נשמה און דעם רוח אַ גאַנג, גיי זײַ אַ נביא, אַז ס'טו'זיך אויסלאָזן מיט אַ „יאַטל“, ווי זאָגט ער, האַלט זיך מיט דער באָמבע... און אמתן אָבער איז דאָס נישט פֿאַר אייך און נישט פֿאַר איר און נישט פֿאַר אייך ביידן. איר מיינט, זי פֿאַרשטייט דאָס נישט? זי פֿאַרשטייט דאָס אַליין בעסער פֿון אונדז אַלעמען, גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה.

בײַ אונדזער העלד האָט זיך בײַ די ווערטער אַראָפּגעקוליקלט אַ שווערער שטיין פֿונעם האַרצן. ער האָט אַרויסגעזען, אַז אַלע זײַנע רייד מיט אַלע זײַנע הקדמות, התנצלות און פֿאַרענטפֿערעכצן זענען גאָר געווען איבעריק. מוראַווטשיק האָט נישט נאָר באַוויזן אַ ווידערשטאַנד, נישט נאָר אָנגענומען זיך די קריוודע פֿון דער געפֿאַלענער זלאַטקען, נעבעך, נאָר אַדרבא, נאָך זײַנע רייד קומט אויס, אַז זלאַטקע אַליין יאָגט זיך גאָרנישט אַזוי שטאַרק נאָכן שידוך. אום נאָך מער צו באַרויקן אונדזער העלד, זאָגט צו אים מוראַווטשיק:

— פֿון וואַנען, מיינט איר, פֿאַר איך דאָס אַצינד? טאַקע פֿון דאָרטן. געהאַלט איבערגעבן איר אייערע ווערטער, וואָס איר האָט מיר געהייסן. ווײַנט זי:

וואָס בין איך, זאָגט זי, פֿאַר אַ גלייכן מיט אים? ער איז, זאָגט זי, היינט אַזוי אין די פֿעדערן, ווער ווייסט, וווּ ער קאָן זיין מאָרגן, למאַי זאָל זיך מיר דאַכטן, אַז איך בין ביי אים אַן אָנגעהאָנגענע, אַן איינגעבעטענע? — איר הערט ווערטער?

ראַפֿאַלעסקאָ איז גערירט:

— טאַקע באמת?

— וואָס זשע, איך וועל אייך אויסטראַכטן אויפֿן הימל אַ יאַריד?

— ניין. איך מיין נישט דאָס. איך מיין, אָט די ווערטער האָט זי אייך טאַקע געזאָגט?

— איך זאָל אַזוי האָבן גליק און הצלחה. איר ווייסט דען, וואָס פֿאַר אַ כשרע נשמה דאָס איז? אַ כפּרה אַלצן פּרימאַדאָנעס?

אויף ראַפֿאַלעסקאָס אויגן באַווייזן זיך טרערן. נאָר ער פֿאַרשטעלט זיי פֿאַר זיין נייעם פֿריינד. און זיין נייער פֿריינד מוראַוושיק האַקט ווייטער:

— אַהין־אַהער, איך זע, דאָס מיידל רעדט ווי אַ בר־דעת, טראַכט איך מיר: אפֿשר ביסטו גערעכט. און רוף מיך אָן צו איר אַזוי: הער זשע איינס, נשמהניו, זאָג איך, די מעשה דערפֿון איז אַזוי: דער בחור, זאָג איך, האָט געמיינט מער נישט אַז דיין טובה, זאָג איך, און די טובה פֿון דיין קליינעם נפֿשל. נאָר ווייבאַלד, זאָג איך, אַז ביי דיר איז דאָס נישט איי־איי־איי, איז אויך די גאַנצע מעשה. ניין, זאָג איך, וועט מען דיך נישט און מיט גוואַלד וועט מען דיך נישט שלעפּן. איי וואָס? האָס יאַטל? דאַרפֿסטו זיך, זאָג איך, נישט זאָרגן, דאַרפֿסט געדענקען, זאָג איך, אַז ער איז נישט קיין אַבי ווער, קיין בחורל פֿון דער גאַס, און אַ פֿאַרדינער איז ער, קיין עין־הרע, אַ שיינער, וועט ער מסתמא זען, זאָג איך, באַוואָרענען דיך, ווי עס געהער צו זיין, דיך און דאָס קינד, זאָג איך, און אַפֿילו די מאַמע, זאָג איך, וועט אויך נישט דאַרפֿן אָנקומען, חלילה, צו לייטן. ובפֿרט, זאָג איך, די בלייבסט נישט אַליין, איך בין, זאָג איך, נאָך אויך נישט געשטאָרבן. איך בין, זאָג איך, געווען מיט דיר, מיט דיר וועל איך בלייבן. ווער, זאָג איך, האָט דיך אַהער געבראַכט צו פֿירן, אַז נישט מוראַוושיק? ווער, זאָג איך, האָט דיך פֿאַרשריבן אויף זיין נאָמען ביים שיף אַראָפּגיין, אַז נישט מוראַוושיק? לאָז זיך דיר דאַכטן, זאָג איך, עלעהיי דו ביסט שוין מיינע און איך בין דיינער. און וואָס מאַכט דאָס אויס? און טאָמער וועט דאָס האַלטן דערביי, קאָן מען אין אַמעריקע אויך קריגן פֿיר שטעקנס, און שלום־מאיר מוראַוושיק נעמט און זאָגט אָפּ דעם כדת משה וישראל און — אַ גוטן טאָג. און איך אַליין, ווי איר קוקט מיך אָן, בין נישט שטאַרק ווייט דערפֿון. ערשטנס, מצד רחמנות. נעבעך אַ יתומה. און השנית — אַן ערלעך קינד, אַ שטילע טויב. איי, די קשיא, וואָס וועט זיין מיטן פּיסק? איז גאָט אַ פֿאָטער, און ווי געזאָגט, איר וועט מסתמא אויך נישט פֿאַרגעסן...

— פֿאַרגעסן? — ראַפֿאַלעסקאָ האָט אָנגעכאַפּט מוראַוושיקן ביי דער האַנט.

ער זאָל זיך נישט שעמען פאַר זיך אַליין, וואָלט ער אים אַרומגעכאַפּט קושן. — איך קאָן מיך מיט אייך אַפילו צעשרייבן, אויב איר ווילט.

— צו וואָס איז דאָס צעשרייבעניש? איר וועט אונטערשרייבן אַ פּאָר וועקבעלער און אַן עק, טאַקע אויף מיין נאָמען, היינט אויפדערנאַכט. איך וועל ביי אייך זיין, וועל איך אייך שוין ברענגען אַלצדינג. איצטער קערט איר דאָך מסתמא ערגעץ וועלן גיין?

ראַפּאַלעסקאָ איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אינעם שמועס, אַז ער האָט גאָר נישט באַמערקט, וויפל מאָל די שטאָלענע שלאַנג מיט די עלעקטרישע אויגן איז דורכגעלאָפן פאַרביי זיי, אַרויסגעוואָרפן שטראָמען און אַריינגעצויגן שטראָמען. די ווייזערס פונעם זייגער האָבן זיך קוים אָנגעהויבן דערנענטערן צו דריי. אין אַ שעה אַרום דאַרף ער שוין זיין דאָרטן. דאָס וואָרט „דאָרטן" האָט אים אַ ברי געגעבן אין האַרצן. ער האָט זיך זייער פריינדלעך אָפּגעזעגנט מיט מוראַווטשיקן, אַריינגעכאַפּט זיך אין איינע פון די לאַנגע וואַגאָנעס און אין אַ האַלבער מינוט אַרום האָט אים איינגעשלונגען די אונטערערדישע פינצטערניש.

— שלום־מאיר, דו ביסט אָלל־רייט! — האָט מוראַווטשיק אַ זאָג געגעבן צו זיך אַליין און גענומען אַרויסקוקן אויפן אַנדערן טריין. — אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ לאַנד עס איז אָט דאָס אַמעריטשקע. נו, אַמעריטשקע!

קאַפּיטל זיבן און זיבעציק

צווישן חיות

דער אָרט, וואָס ראָזע ספּיוואַק האָט באַשטעלט פאַר איר געליבטן ראַפּאַלעסקאָ, איז געווען דער פּאַרק פונעם זאָאָלאָגישן גאָרטן, וואָס איז ווינטער נישט אַזוי שטאַרק באַזוכט ווי זומער, און מע קאָן דעריבער דאָרט גאָר פריי שפּאַצירן און כמעט מיט קיינעם זיך נישט באַגעגענען, אויסער מיט די חיות, וואָס שטייען איינגעשפּאַרט אין זייערע שטייגן.

געקומען איז אונדזער העלד צום אָפּגעשטעלטן פּלאַץ, נישט קוקנדיק אויף זיינע אָפּהאַלטענישן אינעם דאָזיקן טאָג, דאָך מיט גוטע אַנדערהאַלבן שעה פריער פאַר דער צייט. און וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די אַנדערהאַלבן שעה, שפּאַצירנדיק צווישן די חיות, פון שטייג צו שטייג, האָט ער זיכער נישט איבערגעלעבט אין אַלע זיינע יונגע יאָרן פון זיין נע־ונד זיין אויף דער וועלט. די וויכטיקייט פון דעם מאָמענט, צו וועלכן ער שטרעבט יאָרן מיט יאָרן, איז שוין אַליין גענוג, אַז דאָס האַרץ זאָל אים קלאַפּן ווי אַ האַמער, און אַליין זאָל ער ציטערן ווי אַ לולב. און דערצו זענען אים אַרויפגעקומען אויפן קאָפּ אַלערליי ווילדע מחשבות און משוגעדיקע געדאַנקען, שוואַרצע, טרויעריקע געדאַנקען, איי־

נער טרויעריקער פּנים אַנדערן: ווער ווייסט — האָט ער זיך געטראַכט — אויב זי וועט נאָך קומען? און אַז זי וועט קומען — ווער ווייסט, מיט וואָס זי וועט קומען? ווער ווייסט, וואָס עס טוט זיך ביי איר מיט די „גאָלדענע קייטן“, אויף וועלכע זי האָט אים אָנגעווונקען אין איר בריוו? ווער ווייסט, וואָס ביי איר האָט געקאָנט פאַרקומען אין דער לעצטער מינוט פאַר אַ סצענע מיט גרישאַ סטעלמאַך?... אַלצדינג, ווי נאָר עס איז פאַראַן ערגעץ אַן אומעטיקער געדאַנק, אַ פינצטערע מחשבה, איינגעהילט אין שוואַרץ, איז עס געקראָכן צו אים אין קאָפּ אַריין. און וויפל ער האָט נישט געטריבן פון זיך די ראָזיקע טונקעלע מחשבות, און וויפל ער האָט זיך נישט געפּלייסט בייצוקומען זיך, האָט זיך אים נישט איינגעגעבן, ער זאָל זיין רואיק. ער האָט געפילט, אַז עס טרעט איין אַ ווינטיקער מאָמענט, דער סאַמע ווינטיקסטער אין זיין לעבן, און נישט ווילנדיק האָט ער זיך פאַרטראַכט אויף דעם, וואָס ער האָט נאָר וואָס אָפּגעאַרבעט מיט אָט דעם מוראַוטשיקן — וויאַזוי ער האָט אים נאָר וואָס פאַרקויפט בידים די גאָט=די=נשמה=שילדיקע זלאַטקע, איבערגעגעבן זי פון האַנט צו האַנט, ווי מע גיט איבער אַ זאַך, אַ שקלאַף, אַ קנעכט. און צו וועמען? צו אַ מענטשן, וואָס ער קען אים נישט און ווייס אים נישט. און ווען? נאָכדעם ווי ער איז ערשט היינט אינדערפרי גרייט געווען לויפן צו דער אָרעמער זלאַטקע, פאַלן איר צו די פיס, שווערן איר, אַז ער איז אירער, אירער אויף אייביק?! און עס דאַכט זיך אים אויס, אַז עמעצער שעפּטשעט אים אין אויער אריין שטילערהייט: — קין! — קין! — קין!...

ראַפּאַלעסקאָ פאַרטיפט זיך נאָך ווייטער אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, צווישן די חיות. ער וואָלט וועלן אַנטלויפן פון זיך אַליין — קאָן ער נישט. ער וואָלט וועלן אויסמעקן, אָפּווישן דאָס גאַנצע פאַרגאַנגענע פון זיין לעבן — קאָן ער נישט. אדרבא, עס ליגט אים פאַר די אויגן אַזוי קלאָר און דייטלעך מיט אַלע זיינע גרויסע און קליינע פאַרברעכנס, מיט אַלע זיינע אַרטיסטישע שטרעבונגען און אידעאַלן, און, ווי פון אַן אָפן בוך, לייענט ער דעם סך=הכל, וואָס ער אַליין האָט זיך אונטערגעפירט, און דעם פּסק=דין, וועלכן ער אַליין האָט זיך אַרויסגעגעבן: אַלס מענטש איז ער אַ פאַרברעכער, אַ קין, אַ קין!... אַלס אַרטיסט איז ער קליין און נישטיק, אַרומגערינגלט מיט קליינע מענטשעלעך, איינגעטונקען אין פאַלשע רעקלאַמעס, פון אויבן ביז אַראָפּ בלאָף און בלאָף!... אַ סך וואַסערן וועלן נאָך אַפּלויפן, אַ סך קרבנות וועלן אויפגעבראַכט ווערן, אַ סך מזבחות וועלן חרוב ווערן — און נאָך וועט ער שטיין, ווי איצט, אין דרויסן פון דער זייט טיר פון יענעם הייליקן טעמפּל, וווּהין עס רייסט זיך פון קינדווייז אויף זיין יונגע, נאָר שוין צעווייטיקטע נשמה... נאָר שאַ! ווער גייט עס?... ער דערפילט, ווי דאָס האַרץ האָט זיך אים אָפּגעשטעלט. די אויגן זענען געוואָרן ברייט און קיילעכיק, אָט=אָט שפּרינגען זיי אַרויס: נישט שוין זשע? נישט שוין זשע? ער בוקט זיך איין נאָך שטאַרקער. אקעגן אים שניידט זיך א מיטלמעסיקע פיגור

פון אַ בילד־שיינער פרוי, וואָס נישט זי גייט, נאָר זי שוועבט, טראָגט זיך אין דער לופטן. נישט שוין זשע איז דאָס „זי“?...

יאָ, דאָס איז געווען „זי“.

— — — — — — — — — — — — —

עס האָט זיך גאָר נישט געטראָפן אויף דער וועלט, אַז מיר זאָלן באַגעגענען אין אַ מענטשן דעם, וועלכן מיר האָבן דערוואַרט, און געפינען אין אים דאָס, וואָס מיר האָבן אַרויסגעקוקט צו געפינען. עס איז נישט געווען די, וועלכע ראַבאַלעסקאָ האָט זיך פאָרגעשטעלט אין זיינע חלומות. עס איז נישט געווען נישט די רייזל, וועלכע ער האָט געקענט אין האָלענעשטי, און נישט די ראָזע, וואָס ער האָט זיך געמאָלט אין זיין פאַנטאַזיע. אַ גאַנץ אַנדערע האָט ער פאַר זיך דערזען. זי האָט אים אויסגעוויזן אַ סך גרעסער און אַ סך עלטער און אַנדערש, אַנדערש, אַנדערש, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. צו ערנסט, צו שטרענג און צו קאַלט האָט זי זיך אים אויסגעוויזן אין דער ערשטער מינוט, וואָס ער האָט זי דערזען. נאָר די אויגן זענען געווען די זעלבע מאַט־שוואַרצע פייערדיקע ציגיינער־אויגן.

אויך ער האָט אויסגעזען אין אירע אויגן נישט דער ראַפּאַלעסקאָ, וואָס זי האָט זיך פאָרגעשטעלט אין אירע חלומות, און נישט דער לייבל, דעם גבירס יינגל, וועלכער איז פאַרבליבן ביי איר אין זכרון פונעם חדר. אינגאַנצן, אינגאַנצן פאַרענדערט. נישט פאַרענדערט האָבן זיך נאָר זיינע אויגן, זיינע גוטע בלויע מילדע אויגן. אַ מינוט זענען זיי אַזוי געשטאַנען איינס אַקעגן דאָס אַנדערע, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן און נישט צו רירן מיט אַן אבר. עס האָט אויסגעזען, אַז ביידע לייענען אויף זייערע געזיכטער דאָס גאַנצע פאַרגאַנגענע, אַז ביידע ווילן געפינען אין זייערע אויגן די געשיכטע פון זייער יוגנט, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען פאַר זיי אַזוי נישט פריילעך, אין דער פרעמד, אין זייער גרויסן נע־ונד זיין אויף דער וועלט. דאָס אַלץ האָט אָבער מער נישט גענומען ווי אַ מינוט. איין מינוט. באַלד האָט זיך באַוויזן אויף איר פנים אַ שמייכל, דער ערשטער שמייכל, און ער האָט דערפילט, אַז זיין האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן און עס האָט אים אַ צי געגעבן צו איר ווי אַ מאַגנעט.

* * *

דער טאָג איז שוין לאַנג אויסגעלאָשן. די זון — אונטערגעגאַנגען. אויפן הימל שעמערירן שטערן. די לבנה איז אַרויסגעשוואומען. אונדזערע ביידע יונגע העלדן, לייבל ראַפּאַלעסקאָ און רייזל ספּיוואַק, זיצן נאָך אַלץ און רעדן און רעדן. זיי דערמאָנען האָלענעשטי, דאָס יידישע טעאַטער, „גאָטס גאַס“, די שׂרפה, די בלאָנדזשענדע שטערן...

עפּילאָג

בריוו

I

פון מאיר סטעלמאַך צו זיין גוטן פריינד

„...אָט אַזוי איז דאָס, ברודער, פרעגט נישט קיין קשיות. ס'איז, ווי זאָגט ער, אַ וועלט מיט וועלטעלעך. נאָר גאָרנישט. נעכייבי וואָלטן זיי זיך צעגאַנגען און אַן עק. עס מאַכט זיך, אַ שידוך ווערט אויס שידוך — וואָס זאָל מען טאָן? איז ניין. אי אויס שידוך, אי גוטע פריינד איז מען. נאָר וויאַזוי מיינט איר גוטע פריינד? גוטע פריינד צו גוטע פריינד איז נישט גלייך. מע שרייבט זיך בריוולעך איינס דאָס אַנדערע אַלע וואָך. און נישט נאָר מיט ראָזען אַליין. מיט אים, מיט איר לאַנדסמאַן, שרייבט ער זיך איבער, מיט דעם ראַפּאַלעסקאָן הייסט עס. פון זינט די צוויי האָבן זיך דערקענט, מיין גרישאַ מיט דעם ראַפּאַלעסקאָן, איז מען געוואָרן איינס צום אַנדערן צוגעזאָטן, נפש אַחת, און מע האַלט איינס פונעם אַנדערן אַן עולם ומלואה, אַז מע שמועסט „ליובאָוו" — איז דאָך נישט שייך! נו, וואָס זאָגט איר הערויף? וואָלט נאָר געווען דאָס אַליין, איז אויך גאָרנישט. ווי זאָגט איר, אַז דיר איז ליב, איז מיר ניחא. איז אָבער דער בזיון פאַר לייטן. און ווער איז שולדיק, אַז נישט איך אַליין? וואָרעם איך זאָל זיי נישט געווען ברענגען דעמלט אין ייִדישן טעאַטער אויף דעם ראַפּאַלעסקאָס בענעפיס, וואָלט דאָך גאָרנישט געווען... און נאָך אַלעמען דאַרף מע אָננעמען אַ פולן מויל מיט וואַסער — און פּתח שין שאַ! איר וואָלט הערן, וואָס פאַר אַ פּליאָטקעס עס טראָגן זיך איבער דער וועלט. מע זאָגט, אַז צווישן ראָזען מיט אָט דעם חברהמאַן ראַפּאַלעסקאָ איז אַן אַלטע געשיכטע, אַ פאַרליבעניש פון ווייס איך ווען אָן, נאָך פון די קינדער־יאָרן, און נישט היינט־מאָרגן שטעלט מען חופּה... דערציייל איך דאָס מיין גרישען, לאַכט ער: „נאַרישקייטן, זאָגט ער, ראָזע וועט נישט חתונה האָבן פאַר ראַפּאַלעסקאָן קיינמאָל נישט, איר הערט? קיינמאָל נישט!" היינט דערגיי אַ טאָלק. און דאָ הערט מען זיך אָן אַזעלכע מימרות און דיבורים, וואָס מע קאָן חלשן. געווג ס'איז ביטער אויפן האַרצן, קומען זיי צו

גיין און זאַלצן אויף די ווונדן! הערט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן, ליבער פריינד? יידן זענען אַ קליינע אומה, נאָר אַ פאַסקודנע!... און אַז איר וועט מיר שרייבן, זאָלט איר מיר שרייבן קיין לאָנדאָן, ווי איר האָט מיר געשריבן ביז אַהער, און האָט קיין פאַריבל נישט, וואָס איך האָב אייך אָנגעדולט אַ קאָפּ. מע רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר אַ גוטן פריינד, מיינט מען, ס'וועט ווערן גרינגער.

פון מיר אייער פריינד, וואָס איז צעדרייט אין צעפלאָכטן און אָנגעדרודלט אויף דער גאַנצער וועלט,

מאיר סטעלמאַך".

II

פון שלום-מאיר מוראַווטשיק צו אַלבערט שטשופּאַק

„...אָט דאָ האָסטו דיר דיין פּיפּצעריק עד האָב דעך אין דער ערד מיט די ביינער עד בין באָריך אַשעם אימשטאַנד אַצינדערט אַליין דיר אויסלייען אַ פּיפּצעריק אויב דו באַדאַרפסט האָבן געלט און עד שרייב דיר אַז דיין כאַזנס מיידל איז פון זינען פאַר גרויס ראָשקעס האָט זי זעד באַוואָרנט מיט צוויי כאַסאַנעס און ווייס נישט פאַר וועמען זאָל זי פריער כאַסענע האָבן זי זאָל מעד פאָלגן וואָלט זי באַדאַרפט שטעלן כיפּע מיט ביידע וואָרעם אָט דער גרישאַ סטעלמאַך איז אָנגעשטיפּט מיט געלט און דער צווייטער כאָסן האָב עד דיר שוין געשריבן איז אָט איינער יאַט פון האָלענעשטי ראַפּאַלאָוויטש וואָס אַצינד הייסט ער מיטן הייליקן נאָמען ראַפּאַלעסקע אין איז שטאַרק אין די פעדערן וואָרעם די איינגלענדער האָבן אים איבערכמאַליעט צו זיך אין באַשוטן אים מיט רענדלעך פון קאָפּ ביז פיס און עד שרייב דיר אַז עד האָב נאָך ליסאַטע קיין שום געשעפט עד קוק נאָך אַ טעאַטערל דאָס הייסט נישט קיין טעאַטערל נאָר אַ וואָדעוויל הייזל סזאָל זעד מאַכן אין גלייכן געלט וואָלט עד אָפּדינגען און וואָלט געמאַכט גוטע ביזנעס כאָטש דאָס יידישע טעאַטער דאַרף עד דיר זאָגן גאַנץ אָפּגעלעד איז דאָ אין אַמעריטשקע אַ ביסל קאַלי געוואָרן מע האָט שוין גאָר אָנגעהויבן אַראָפּברענגען פון בערלין די בעסטע דייטשע אַקטיאָרן און מע צאָלט זיי אין טאָג אַריין אַמעריטשקע גאַנעוו אַ קלאָג צו קאָלאָמבעסן נאָר ביז עפּעס וואָס מיין עד אַז מע קאָן נאָך מיט דיין קאָל מעקאַדעש אויסנעמען אין אַמעריטשקע בעכן שרייב עד דיר אַלבערט אויב דו ווילסט טו אַ שפּיי אויף ריסעגלאַנד און קום צו פאָרן וועלן מיר מאַכן שיטפעס און אַז נישט ליג אין דער ערד און באַק בייגל מיט אַכטענקספאָל

שלום מייער מוראַווטשיק",

„איקער שאָקאַכטי אָקערשט בין איך געוואָרגעוואָרן אַ נייִס וואָס אַז דו הערסט עס געמסטע איין די קאַפּורע באַלד אויפֿן אָרט הער אַ מאַנסע געדענקסט דאָך אונדזער האַצמאַכן וואָס עד האָב דיר שוין געשריבן פֿון לאַנדאָן איז ער זיך מעיאַשעוו האַצמאַך הייסט עס און מאַכט אַ שטאַרב באָרעך דיין ציומעס און לאָזט איבער אַ ישוועסטערל זלאַטקע הייסט זי אַ מיידל אַ צאַצקע באָטש מיט אַ כעסאָרן עד האָב זי טאַקע שטאַרק אין זינען געהאַט שירשיך נישט געוואָרן כאָסן קאַלע לאָזט זעך אָבער אויס אַ מאַנסע אַז זי האָט גאָר כאַסענע ווי מע דערהציילט טרעף פֿאַר וועמען זאָלסט זיין מיט צען קעפּ וועסטע אַ מאַקע טרעפֿן טאַקע פֿאַר אָט איענעם כעוורעמאַן האַפּאַלעסקע אימאַך שעמאַי זאָל ער ווערן און ווער מיינסטע לייגט אַזוי איין די וועלט פֿאַר איר אַלץ זי מאַקע רייזל מיין עד דיין כאַזגס מיידל די מעשיגענע גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און האַצלאָכע גיי ריכט זעך גאָר אויף אַזאַ שלאַק נו זאָג אַליין דאַרפֿסטע זעך נישט באַגראָבן דאָרטן ווי קייראַך גיין איילן אין דער ערד ווי עס ווינצשט דיר פֿון טיפֿן הערצן מיט אַכטעניקספּאָל

שאָלעם מייער מוראַווטשיק“.

III

פֿון ברײַנדעלע קאַזאַק צו הענריעטאַ שוואַלב

„...און שרייבט מיר אַדויס, נשמהניו, אַלצדינג, ווי גייט עס אייך דאָרטן אין דעם נייעם אָרט, אין יאָהאַניסבערג? איך האָף, אַז איר זענט אַלל-רייט, וואָרעם וואָס גייט אייך אָפּ, קיין בייז אויג? אַלע זאָגן, אַז ער איז אַ פּילפּאַכער מיליאָנער און אַז ער האָט אייך געקויפֿט אַזוי פֿיל דיימאַנטס מיט בריליאַנטן, אַז נאָר אַ ראָקקעפעלער קאָן זיך פֿאַרגינען אַזוי פֿיל צו קויפֿן. איר קאָנט אייך גאָרנישט פֿאָרשטעלן, וויאַזוי דאָס האָט מיך געפֿרייט. וואָרעם ווער ווייסט נאָך אַזוי פֿיל, ווי איך, וויאַזוי איר האָט זיך, נעבעך, געפּלאָגט דאָס גאַנצע לעבן ביי אייערע ברידער. או אַפּילו די לעצטע צייט, אַז איר האָט שוין אָנגעהויבן פֿאַרדינען שיין געלט און מאַכן אַ לעבן, האָבן זיי אייך אויסגעקאָכט דאָס וואַסער, איינער מיט גוטן, דער אַנדערער מיט בייזן. איך וויל אויף זיי קיין שלעכטס נישט רעדן, זיי זענען דאָך אייערע ברידער. נאָר כ'לעבן, זיי זענען נישט ווערט אייער מינדסט פֿינגערל. איך דאַרף אייך נישט חנפֿענען און וויל זיי נישט שימפֿן, נאָר, כ'לעבן, זיי מעגן ביידע זיין די כפּרה פֿאַר אייער מינדסטן נאָגל. און ווער שמועסט אייער ניסל מיט זיינע זיסע ריידעלעך און מיט זיינע שבועות.

גאָט מעג זיך מיט אים רעכענען, ווי אָרנטלעך און לייטיש ער האָט זיך מיט מיר
באַגאַנגען, אַזאַ יאָר אויף אַלע מאַנסבילן, רבונו של עולם, און אַזאַ מזל אויף
אים אַליין. מאָלט אייך, ער האָט דאָס זייניקע. ס׳איז אַ סברה, אַז ער ווערט
אויסגעריסן אויף זיינע יאָר און טעג, איך מיין טאַקע אייער ברודער ניסל. זינט
די קאָמונע איז זיך צעקראָכן, האָט ער שוין איבערגעדינט אַלע עבודה=זרות,
דורכגעפאַלן מיט אַלע זיינע קאָמבינאַציעס. איצט האָט ער אַ נייע קאָמבינאַציע.
ער האָט דערטאַפּט ערגעץ אַ ייד מיט אַ מאָדעל פון בית=המקדש, געמאַכט פון
פאַפּיר, און קלעפּט אַפּישן איבער גאַנץ ניו=יאָרק, און וועט מסתמא באַגראָבן
ווערן מיט דער קאָמבינאַציע, גלייך ווי מיט אַלע קאָמבינאַציעס. גאָט מעג אים
צאָלן פאַר אייך און פאַר מיר און פאַר כל ישראל. אייער ברודער איזאַק איז
שוין אַ גאָלד אַקעגן אים, אָבוואָל דער רוח האָט אים אויך נישט גענומען. אויך
אַ גוטע נשמה. וואָס דער רעדט אויס אויף אייך, זאָל עס נאָר פאַלן אין ים
אַריין. ער זאָגט, אַז איר האָט אייך אַליין פאַרקויפט פאַר געלט און אַז אייער
מאַן האַנדלט מיט... איך וויל גאָר נישט נאָכזאָגן זיינע ווערטער. און אַלץ איבער
וואָס? איבערן וויסטן דאָלאַר. איך וואָלט אייך געראַטן, איר זאָלט אים פאַר=
שטופּן דאָס מויל מיט אַ פּאָר דאָלאַר. ער מעג זיך אויסציען דאָ אין מיטן גאַס,
וועט אים קיינער נישט העלפן. ווער וועט זיך אויף אים אַרומקוקן? דער „לאָמ=
זשער סאָלאָוויי״? ווי לאַנג קרענקט זי, די חזנטע זיינע מיט אירע רויטע האָר!
זי האָט שוין אַראָפּגעוואָרפן דעם געלן פאַבריק און איז געוואָרן אַ גאַנצע מוסעם.
אַ קלייניקייט! אירע קינדער, זאָגט מען, שאַרן דאָ גאָלד מיט לאָפּעטעס. אַ מדינה
ווי אַ קדחת: וועמען עס כאַפּט אָן. גיי רעכט זיך, אַז אַ לאָמזשער חזן וועט קו=
מען צו פאָרן אַהער מיט אַ כאַליאַסטרע פיקערס, וועט מען אים אָפּגילטן. און
יושר האָט אין זיך אָט דער חזן אַקוראַט אַזוי פיל, וויפל אַ רוסישער קאָזאַק.
אייערע ברידער זאָלן זיך פאַר אים אויסציען, וועט ער זיי אַ סענט נישט געבן.
וואָס דאַרפט איר מער? מיסטער קלאָמער, וואָס האָט זיך אויסגעבראָכט אויף
אים מיט דער משפּחה, ביז ער האָט זיי אַראָפּגעבראַכט און צונויפגעשטעלט די
קאָמונע, איצט האָט ער קוים געקראָגן אויף הוצאות אַוועקצופאָרן צוריק קיין
לאָנדאָן. און ווייסט איר, ווער עס האָט אים אויסגעליען די פּאָר דאָלאַר? אַז איר
וועט זיין מיט אַכצן קעפּ, וועט איר אויך נישט טרעפן. — דווקא אָט דער שלימזל
מוראַווטשיק, וואָס האָט צונויפגעפירט דאָס טייערע פּאָרל, אייער געוועזענעם
חתן מיט דער זינגערין, וואָס האָט אַצינד פאַרריסן די נאָז, אַ שרעק! מיטן ער=
שטן חתן, מיט סטעלמאַכן, איז זי זיך שוין, דאַנקען גאָט, צעגאַנגען, און נאָך
מיט אַ גרויסן סקאַנדאַל דערצו. דער אַלטער סטעלמאַך, זאָגט מען, האָט גע=
וואָלט זיך לאָדן מיט איר, האָט אָבער דער זון נישט דערלאָזט. מיינע צרות
אויף זייער קאָפּ! איך וויפל דאָ איז אמת — ווייס איך נישט. אַזוי האָב איך
געהערט דערציילן. וואָס איך האָב געקויפט — דאָס פאַרקויף איך. צוקאָפּנס

בין איך נישט געשטאַנען... און מיט יענעם, מיט אייערן הייסט עס, איז זי זיך שוין אויך צעגאַנגען, און, ווי מע זאָגט, אויף אייביק. די ביידע האָבן זיך, זאָגט מען, שטאַרק צעווערטלט, און טרעפט איבער וועמען? איבער זלאַטקען טאַקע, איבער האָלצמאַנס שוועסטערל. דעם אמת געזאָגט, האָב איך דאָ נישט ווייניק מיטגעהאָלפן. איך האָב איר אָנגעשריבן אַ בריוו, גאַנץ אָפנטלעך אויסגעלייגט פאַר איר דעם אמת, אַרויסגעשריבן אַלצדינג, וואָס מיר איז געלונגען אַרויסצובאַקומען פון אָט דעם אַפעריסט מוראַוושיק וועגן ראַפאַלעסקאָס ראָמאַן מיט האָצמאַכס שוועסטערל, און כאָטש איך האָב נישט געהאַט די זכיה, זי זאָל מיך צולאָזן צו זיך, פונדעסטוועגן ווייס איך אַלצדינג, וואָס האָרט קאָכט זיך... איך ווייס, צום ביישפּיל, אַז ראָזע אַליין מיט איר אייגענעם כבוד איז געווען מיט אַ באַזוך ביי האָלצמאַנס שוועסטער זלאַטקען און האָט שטאַרק אָנגעקוואָלן פונעם כשרן קינד, וואָס יענע האָט געהאַט פון ראַפאַלעסקאָן... ווייטער ווייס איך, אַז ראַפאַלעסקאָ איז אַריינגעטראָטן אין איינעם פון די גרעסטע היגע אייגנעלשע טעאַטערס, נאָר מיסטער ניקעל, וואָס האָט מיט אים אַ קאָנטראַקט אויפן גאַנצן סעזאָן, האָט געפאָדערט אַזאַ גרויסע סומע, אַז אַפילו ראַפאַלעסקאָ, וואָס פאַרשטייט אַזוי אין געלט, פונקט ווי איך אין בריליאַנטן, האָט שיר דעם שלאַק נישט באַקומען. נאָר דאָ איז ווידער אויסגעוואַקסן ראָזע און האָט געזאָגט, אַז זי נעמט דאָס אויף זיך. ווי געפעלט אייך אַזאַ מעשה? אויף וויפל דאָ איז אמת — ווייס איך נישט. וואָס איך האָב געקויפט — דאָס פאַרקויף איך. צוקאָפנס בין איך נישט געשטאַנען... נאָר איר דאַרפט זיי נישט מקנא זיין, ליובעניו, כ'לעבן, איר האָט זיי אַלעמען אין דער ערד. גאָט האָט אייך געהאָלפן, איר זענט רייכער פון זיי און איר פאַרמאָגט מער שמוק פון איר, און דרעסעס האָט איר אויך שענערע פון איר, און בענקען נאָך דער בינע דאַרפט איר אויך נישט, ס'איז — האָט מיר קיין פאַראיבל נישט — אַ נאַרישקייט פון אייך, וואָס איר בענקט אַזוי נאָך דער סצענע. איר זעט לעבט בעסער אַ גוטן טאָג אין עושר און אין כבוד און טוט אייך אָן וווילטאָג און פאַרגעניגנס און פאַרגעסט נישט, נשמהניו, אייער משפחה, איך מיין טאַקע די ברידער אייערע, אַבוואָל זיי האָבן עס ביי אייך נישט פאַרדינט און ביי מיר אַוודאי נישט, איך זאָל מיך אָננעמען זייער קריוודע. נאָר כאַפט זיי דער גוטער יאָר. איידער זיי זאָלן דאַרפן אָנקומען צו פרעמדע, איז גלייכער, איר זאָלט עס נישט דערלאָזן. און פאַרגעסט נישט, האַרצעניו, אויך אייער פריינדין, וואָס איז אייך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. שרייבט מיר אַריין אַמאָל אַ בריוול, און וואָס איר וועט דאַרפן, וועל איך אייך אויספאָלגן. און טאָמער וועט זיך געפינען ביי אייך עפעס אַ רעכטער דזשאַב פאַר מיר, שרייבט מיר. וועל איך קומען צו פאָרן צו אייך קיין יאָהאַניסבערג, אַבוואָל ס'איז אַזוי ווייט ווי אויף יענער וועלט, וואָרעם עס האָט זיך מיר שוין צוגעגעסן דאָס לאַנד פון קאָלומבוסן מיט די מענטשן און איבער־

הויפּט אונדזערע אַקטיאָרן, ס'זאָל אויף זיי קומען אַ מגפה אויף אַלעמען אין איין טאָג, קיין שריד ופליט זאָל פון זיי נישט בלייבן. אָמן. אָמן. אָמן.

איך שיק אייך איבער 1000 קושן.

אייער איבערגעגעבנסטע פריינדין

בריינע טשערניאַק".

IV

פון לאה די חזנטע צו איר טאָכטער

„...אין זיי וויסן, מיין קינד, אַז איך קוק שוין אַרוים אויף דיר, ווי דו שרייבסט מיר, אַז דו קומסט צו פאָרן קיין האָלענעשטי צוגאַסט. וואָרעם ווען נישט דאָס, וואָלט איך שוין לאַנג פאַרקויפט די דירה. וואָס דאַרף איך, איין מענטש אַליין, אַזאַ דירה מיט קיין עין־הרע אַזוי פיל חדרים? נאָר טאָמער מיינסטו, אַז ס'איז דאָ וועמען צו פאַרקויפן די דירה — האָסטו אַ טעות. ווער באַדאַרף אַזאַ דירה מיט קיין עין־הרע אַזוי פיל חדרים אין האָלענעשטי? אַ שטאָט פון סאַמע, משטיינס געזאָגט, קבצנים, עניים ואביונים, נישטאָ ביי קיינעם קיין געלט. און ווער עס האָט געהאַט אַ ביסל געלט, דער איז אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע. איין שטיקל האָפענונג איז אויף הענעך דעם ווינשענקערס איידעם. אַ נייער נגיד אין האָלענעשטי, ער האָט שטאַרק חשק צו דער דירה, נאָר ער האָט מורא אַרויסצוגעבן זיך פאַר אַ קונה, איך זאָל, חלילה, נישט וועלן צו טייער. און איך וויל נישט אַרויסבאַווייזן, אַז איך פאַרקויף די דירה, ער זאָל נישט וועלן האַנדלען קיין מציאה. הערוויל בין איך געבליבן שטעקן נישט אַהין נישט אַהער, און איך קוק שוין אַרוים אויף דיר, מיין טייערע טאָכטער, דו זאָלסט שוין קומען צו פאָרן און זאָלסט מיך שוין דערפרייען עפּעס מיט אַ רעכטן חתן, אַזאַ וואָס שטייט דיר אָן, נישט ווי יענער, דער קלעזמער, גאָט זאָל מיר נישט שטראָפן פאַר די רייד. איך האָב צו אים, חלילה, גאָרנישט, נאָר פאַר ישראלי דעם חזנס טאָכטער איז ער נישט קיין גלייכן. זאָל אים דער אויבערשטער צושיקן זיין באַשערטע ערגעץ אַנדערש, און דיר וועט ער מסתמא מוחל זיין, נאָכן דו האָסט געבראָכן דאָס וואָרט, כאָטש ביי אונדז איז דאָס פאַררעכנט פאַר אַ גרויסער עבירה. און דאָס, וואָס דו שרייבסט מיר וועגן אונדזער לייבלען, דעם נגיד ראַפאַלאָוויטשעס זון, אַז ער איז גליקלעך און גערימט, איז דאָס ביי מיר אוודאי אָנגעלייגט, וואָרעם די איבעריקע זיינע שוועסטער און ברידער האָבן נעבעך, גאָר קיין גליק נישט. אַ תל געוואָרן פון דער גאַנצער משפחה. קינדער צעזייט און צעשפּרייט אויף אַלע זיבן ימים, מע ווייס גאָרנישט, ווו זייער געביין

איז אַהינגעקומען. איין אַנשל האַלט זיך עפּעס נאָך. ער קומט אַמאָל צו פֿאָרן, איך זאָל אים בייהילפֿיק זיין, האַלט איך אים אונטער ווי ווייט מעגלעך. נאָר אַ לעבעדיקן זאַק איז דען מעגלעך אָנצושטאָפּן? און דערצו איז ער אַן אויסברענגער, זעט אויס, און אַ פּנים האָט ער אַ מגושמדיקס, ווו איך האָב ערגעץ אַ שונא! ביילקע עליה השלום זאָל אויפֿשטיין פֿון קבר און אַ קוק טאָן, וואָס איז געוואָרן פֿון איר שטוב און פֿון אירע קינדער און פֿון איר מאַן, משמיינס געזאָגט! ער איז, נעבעך, גאָר אײַנגאַנצן געדירט און געפֿינט זיך ערגעץ אין אַ הקדש אָדער אין אַ באָלניצע, און קוקט אַרויס, ביז דער געניידעם, „ששון־ושמחה“, וועט אַמאָל קומען צו פֿאָרן מיט אַ פֿונט טיי און מיט אַ הײטל צוקער. אַז אַך און ווי די יאָרן, אויף וואָס בעני ראַפּאַלאָוויטש איז איבערגעקומען, אַז דער קאַסיר איז זיין געניידעם און זיין ברויטגעבער! ער קומט אַמאָל צו פֿאָרן צו מיר אויך, אָט דער „ששון־ושמחה“, זיצט אָפּ אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט און רעדט און רעדט און רעדט. אַ ייד אַ גודניק, גאָט זאָל נישט שטראָפֿן פֿאַר די רייד! און די אַלטע באָבע זייערע די בלינדע, זאָלסטו אָנקוקן, לעבט נאָך אַפּנים, אַז דער רבונו של עולם האָט גאָר פֿאַרגעסן אין איר. משמיינס געזאָגט, ווער עס לעבט אויף דער וועלט! ווי מיר זאָגן אינעם ונתנה תוקף: „ווער עס לעבט און ווער עס ליגט אין דער ערד“. וואָלט דען נישט גלייכער געווען צען טויזנט מאָל, אַז דיין טאַטע עליו השלום זאָל איצט לעבן און זיין מיט מיר, נישט איך זאָל מיך אַרומדרייען איין מענטש אַליין איבער קיין עין־הרע אַזוי פֿיל חדרים? נאָר גיי פֿרעג גאָט אַ קשיא. למאי יחיאל דעם קלעזמער — געדענקסטו? איז ער זיך מיישב ערשט יענע וואָך און נעמט און שטאַרבט אַוועק. נאָך גאָר אַ יונגערמאַן געווען. אָט איז הענעך ווינשענקער אויך אַוועקגעשטאָרבן, איז כאָטש נישט אַזאַ פֿאַרדראָס — אַ ייד אַ זקן און אַ נגיד. ער האָט דאָס געהאַט אַ לוויה, עפּעס טאַקע נאָר ווי אַ גוטער ייד! טאָמער ווייסטו, פֿאַר וואָסערע מעשים טובים? מילא, אַז דיין טאַטע עליו השלום האָט געהאַט אַ שיינע לוויה — פֿאַרשטייט מען נאָך. אָבער הענעך ווינשענקער! וואָס איז מיט אים די גדולה? פֿאַרוואָס קומט דאָס אים? באַשר ער איז אַ נגיד, קומט אויס, מע זאָל אים חנפֿענען נאָכן טויט? נאָר גאָרנישט. איך פֿאַרגין אים דעם כבוד און רעד נישט, חלילה, קיין לשון־הרע. ער האָט, נעבעך, געלאָזט אַן אַלמנה מיט פֿיר קינדער, כאָטש אַפֿילו מיט אַ גוט געשעפֿט און מיט אַ סך געלט, נאָר פֿאָרט יתומים. קיין טאַטן וועלן זיי שוין נישט האָבן. וואָס די ערד דעקט צו, איז פֿאַרפֿאַלן. אַ קלאַפּ מיט דער לאָפּעטע און אַ גוטן טאָג. אַ סך ערגער איז, נעבעך, דער קלעזמערקע. זי איז יאָ געבליבן ווי אויפֿן וואַסער. זי האָט נישט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. מאַכט מען איר פֿון דער שטאָט. איך האָב אויך געגעבן וויפֿל איך האָב געקאָנט, האָבן זיך די גבאים נאָך געקנייטשט. ס'איז ווינציקלעך, זאָגן זיי. איר זענט, זאָגן זיי, ביי אונדז הייַנט קיין עין־הרע אַ גבירנטע. איר האָט,

זאָגן זיי, קיין עין־הרע, אַזאַ טאָכטער און זיצט, זאָגן זיי, אין אַזאַ דירה, מיט קיין עין־הרע אַזוי פיל חדרים. היינט גיי רעד מיט זיי, אַז מיר איז דאָס גאָר אינגאַנצן איבער דער טבע — די דירה מיט די חדרים מיטן טאַרעראַם. דער אויבערשטער זאָל מיר העלפן, איך זאָל שוין דערלעבן, דו זאָלסט טאַקע קומען געזונטערהייט, וואָלט איך מיר אַן עצה געהאַלטן מיט דיר מכוח דער דירה, וצו וואָס דאַרף איך אַזאַ דירה איין מענטש אַליין מיט קיין עין־הרע אַזוי פיל חדרים? דו מיינסט, נאָר איך זאָג עס? אַלע זאָגן עס ביי אונדז. און אַלע קוקן שוין אַרויס אויף דיר, זאָלסט קומען. גאַנץ האָלענעשטי. אַפילו נעכע די אַלמנה מיט אירע שוועסטערלעך (נאָך האָבן זיי נישט חתונה געהאַט אַ מכה זיי!). זיי פרעגן זיך נאָך ביי מיר אַלעמאָל: „זאָלט איר געזונט זיין, לאהגיו, ווען קומט שוין אייער רייזל?“ פאַרשטאָכענע אויגן. זי האָט שוין גאָר פאַרגעסן די בזיונות, וואָס איך האָב דורך איר געהאַט נישט היינט געדאַכט דעמלט, ווען דו ביסט פאַרפאַלן געוואָרן און מע האָט מיך געשלעפט צום פריסטאַוו, ימח שמו וזכרו — ער איז שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ. און זיי מיר געזונט, מיין קינד. און שרייב מיר, צי ס׳איז אמת, אַז דו קלויבסט זיך, אם ירצה השם, נאָכאַמאָל קיין אַמעריקע? מיר געפעלט נישט דער פלאַן. דאָס לאַנד איז טאַקע נישקשה פון אַ לאַנד און די מענטשן זענען טאַקע נישקשהדיקע מענטשן, נאָר דאָס לשון זייערס געפעלט מיר נישט. אַז „טשיקען“ איז אַן עוף און „קיטשען“ איז אַ קעך און „רעווערינט“ איז אַ שוחט“, היינט וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן? נאָר קום צו פאָרן מיט גאָטס הילף פריער קיין האָלענעשטי, וועלן מיר שוין איבעררעדן פון אַלצדינג. דערווייל לאָזט דיך גרוסן גאַנץ האָלענעשטי, און חיים שעיהס זונדל, נחום, דער, וואָס שרייבט דעם דאָזיקן בריוו, שיקט דיר אַ באַזונדערן גרוס.

דיין מאַמע, וואָס בעט גאָט פאַר דיר אַלעמאָל, בייטאָג און ביינאַכט,

לאה ספיוואַק“.

V

פון ראָזע ספיוואַק צו מאַרטשעלאַ עמבריך

„מוטערכעז! ווי איר זעט, בין איך ווידער אין אייראָפּע. די בלאָנדזשענדע שטערן, וואָס האָבן זיך, ווי איר ווייסט, אַזאַ לאַנגע צייט געטראָגן איינס קעגן דאָס אַנדערע און נישט געקאָנט זיך צוזאַמענטרעפן, האָבן זיך ענדלעך באַגע־גנט. דאָס איז געווען אין אַמעריקע. אָבער נאָר *באַגעגנט* זיך — נישט מער! צוזאַמענגעקומען, ווערן איינס — דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין, *קיינמאָל*

ג י ש ט. ווער איז שולדיק אין דעם: איך אָדער ער? — דאָס ווייס איך נישט. מעגלעך, אַז מיר ביידע. ביידע האָבן מיר געמאַכט אין אונדזער לעבן נישט ווייניק פעלערן, כאָטש געלעבט האָבן מיר ווייניק, גאָר ווייניק... שפּעט, צו שפּעט, האָבן זיך באַגעגנט די ב ל אָ נ ד ז ש ע נ ד ע ש ט ע ר ן. ניין, מוטערכען. אַפּנים אַז קיין גליק איז גאָר נישטאָ אויף דער ערד. עס איז גאָר פאַראַן דאָס שטרעבן צום גליק. דאָס גליק אַליין אָבער איז נישט מער ווי אַ חלום, אַ דמיון. נישטאָ אויך קיין ליבע, נאָר אַ פאָרשטעלונג פון איר, אַן אידעאַל, וואָס מיר אַליין שאַפן אים אין אונדזער פאַנטאַזיע. די ליבע איז נישט מער ווי אַ חלום. אָ, מוטערכען. צ ו ש פּ ע ט ה אָ ב ן ז י ך ב אַ ג ע ג נ ט ד י ב ל אָ נ ד ז ש ע נ ד'ע ש ט ע ר ן. און אָט בין איך ווידער איינע אַליין, אָט טראָג איך מיך ווידער אום אין אַ רויך פון רום און דערפאָלג, אָט פיר איך ווידער אַ ציגיינעריש נ ע-וו נ ד-לעבן. און לאַנג, לאַנג נאָך איז מיר, אַפּנים, באַשערט צו פירן דאָס דאָזיקע נע-וונד-לעבן... שרייבט מיר, מוטערכען, נאָר טרייסט מיך נישט, באַדויערט מיך נישט און רעדט מיר נישט איין, איך זאָל אַנדערש ווערן. אַזוי איז געווען ביז יאָהער און אַזוי וועט זיין אויך ווייטער.

אייער אייביק פאַרשייטע נע-וונדנע ציגיינערין

ראָזאַ“.

דער טייטש פון די ענגלישע ווערטער, וואָס געפינען זיך אין בוך

אַגרימענט — קאָנטראַקט
אַדווערטיזמענט — אַנאָנס, רעקלאַמע
אַי בעג יור פּאַרדען — איך בעט איבער אייער כבוד.

אַי עם — איך בין
איוז=קריעם — געפרוירנס, מאָראָזשענע
איסט בראָדוויי — אַ יידישע גאַס אין ניו יאָרק.
אָלל=רייט! — זייער גוט! רעכט!
אַפּאַרטאַמענט — אַ דירה
אַפּוינטמענט — אַ טרעפעניש
אַפּ=טאַון — דער הויכער טייל פון שטאָט ניו=יאָרק.
אַפּלויז — אַפּלאָדיסמענטן, בראַוואָ=פּאַטשערײַ

אַשער — טעאַטער=באַדינער

באַדערן — דולן אַ מוח
באָי — יינגל
באָס — אייגנטימער, באַלעבאָס
באַקס — לאָזשע
באַרבער — שערער, פּאַריקמאַכער
באַרבער=שאַפּ — פּאַריקמאַכערסקע
באַררעל — קעסטל
בוטשער — קצב
ביזי — באַשעפטיקט
ביזנעס — געשעפט
בייסיקעל — וועלאָסיפּעד
בייסמענט — קעלער, קעלערהויז
בלאָף — אַ ליגן
בלאָפן — ליגן

בלאָק — קוואַרטאַל
ברעקפעסט — אָנבייסן, פרישטיק

גוד באָי — אַ וווילער יונג
גוד ביי — אַדיע, אַ גוטן טאָג
גוד מאָרנינג — גוט מאָרגן

דאַון=טאַון — דער נידעריקער טייל שטאָט פון ניו=יאָרק
דאַטס רייט! — דאָס איז ריכטיק!
דזשאַב — אַ באַשעפטיקונג
דזשוּאיזש — יידיש
דזשעקעט — ראָק
דיינינג=רום — עסצימער
דינער — מיטאָג
דעסק — שרייבטיש
דעקאָריישנס — דעקאָראַציעס
דרעסס — פרויען=קלייד

האַו=דאו=יאו=דאו? — וואָס מאַכט איר?
האָלל — זאַל, טעאַטער
האַנד=בעג — אַ קליין פּעקעלע
האַרריאָפּ! — גיך, שנעל
הייד=פּאַרק — אַ גרויסער שטאָט=גאָרטן אין לאָנדאָן

העט — אַ הוט
העלפּ יור סעלף — העלף זיך זעלבסט

וואַקיישאָן — וואַקאַציע, זומער=אָפּרו
ווייטער — לאָקיי אין אַ רעסטאָראַן

ווייטשעפּל — דער יידישער קוואַרטאַל אין לאָנדאָן

וועלל! — יאָ! מילא!

וועסט — מערב=זייט

טאָפּ=פלאָר — אונטער=דאַך=עטאַזש

טיקעט — אַ בילעט

טראָבל — דאַגות, צרות

טשאַריטיעס — צדקה=חברות

טשיקען — אַ הון

טשער — אַ שטול

יונייטעד סטייטס — די פאַראייניקטע שטאַטן

יוניע, יוניאָן — אַרבעטער=פאַראייניקונג, פאַריין

יוראָפּ — אייראָפּע

לאָיער — אַדוואָקאַט

ליידי — אַ דאַמע

לעטער — אַ בריוו

מאָטאָרקאַר — אויטאָמאָביל

מאַטינעע — פרימאָרגן

מאָני — געלט

מופען — אַריבערקלייבן זיך

מיסס — פרײלין

מיסעס — באַלעבאָסטע

מעמבער — מיטגליד

מענעדזשער — אַ פאַרוואַלטער

ניקעל — אַ מטבע פון 5 סענט

סאָבוויי — אונטערערדישע באַן

סאַפּער — וועטשערע

סאָסייעטי — אַ חברה

סוקסעס — דערפאָלג

סטאַר — אַ שטערן, אַ גרויסער אַרטיסט

סטיואַרט — שיפסבאַדינער

סטיישאָן — סטאַנציע

סטריט — אַ גאַס

סיטי — מיטן שטאָט

סטיודזש — סצענע, בינע

סיי! — הער נאָר!

סייווען — אָפּשפּאָרן

סינגעלמען — נישט קיין באַווייבטער

סעטשעל — אַ פעקל

סענדוויטש — פוטערברויט

סענסיישען — סענסאַציע, אַ רעש

ספּיטש — אַ רעדע

ספּיטשען — אַ רעדע האַלטן

עדיטאָריעל — לייט=אַרטיקל

ענגליש ספּאָקען — ענגליש רעדן

עקסקיוז מי — זייט מיר מוחל

פּאָגעס — טומאַנען, נעפּלען

פאַונטען=פען — אויטאָמאַטישע פעדער

פּורסענלי — פּערזענלעך

פּידזשׂ — אַ זייטל, עמוד

פייטען — שלאָגן זיך

פּייפּער — אַ צייטונג

פּיקטשע, פּיקטשור — אַ פאָטאָגראַפיע

פּיקסען — צורעכט מאַכן

פּלענטי — גענוג

פּרעסס — פּרעסע, צייטונגען

קאָורט — געריכט

קאַסטאָמער — קונד, באַזוכער

קאַר — טראַמוויי

קיטשען — קיך

קעבין — שיפס=קאַיוטע

קענדי — צוקערקעס

קערידזש — פאַעטאָן, קאַרעטע

רעווערענד — ראַבינער

שאָפּ — פאַבריק

שאַראַפּ! — אַוועק! שטיל זאָל זיין!

שייווען — ראַזירן, גאָלן.

ווערטער־ביכל און פּאַרטייטשונגען

א.

אָב (אָ ו) — נאָמען פון עלפטן מאָנאַט (יולי־אויגוסט) לויטן יידישן קאַלענדאַר.

אבן־טוב (עווןןן ־ ט אָ ו) — טייערער, קאָסטבאַרער שטיין; בריליאַנט.

אביון (עוויען) — אָרעמאַן. מערצאָל: אביונים (עוויוינים).

אבר (איי ווער) — גליד. מערצאָל: אברים (איי ווערים).

אברהם (אַווראָעם). אברהם אבינו (אַווראָעם אָוויינו) — אונדזער פאָטער אַווראָעם; דער ערשטער ביבלישער פּאַטריאַרך, לויט דער ביבל, אַן אויסערגעוויינלעך גאַסטפריינדלעכער מענטש; גאָט פון אברהם — אַ טפילע, וואָס פרומע פרויען זאָגן שאַבעס אין אָוונט פאַר ליכט־אָנצינדן.

אבשלום (אַוושאָלעם) — ביבל־פּערסאָנאַזש, דער זון פון יידישן קעניג דאָוויד.

אגב (אַגעוו) — צוריק געשמועסט, ביי דער געלעגנהייט, איבעריקנס.

אדון (אָדן) — הער, האַר, באַלעבאָס, פּאָרעץ; רעגירונגס־באַאַמטער (שפּאָטיש). מערצאָל: אדונים (אַדוינים).

אדוני (אדויני) — מיין האַר.

אדיר (אַדער) — זייער רייכער מענטש. מערצאָל: אדירים (אַדירים).

אדמה (אַדאָמע) — ערד.

אדרבא (אַדעראַבע) — פאַרקערט, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, אין קעגנטייל, געוויס, זיכער, ביטע זייער, גערן. אדרבא ואדרבא (אַדעראַבע וועאַדעראַבע) — מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

אוודאי (אַוואַדע) — זיכער, געוויס, וואָרשיינלעך.

אומה (אומע) — נאַציע, פאָלק. מערצאָל: אומות (אומעס); אומות־העולם (אומעס האָאוילעם) — פעלקער פון דער וועלט: אלע פעלקער אויסער דעם יידישן פאָלק.

אופן (אויפן) — שטייגער, אַרט, מאַניר, צושטאַנד, אַזוי־אַרום. מערצאָל אוי־פנים (אויפאַנים).

אוצר (אויצער) — שאַץ, גרויס רייכטום, פאַרמעגן, קאַפּיטאַל, אַ סך געלט; זעלטנקייט. מערצאָל: אוצרות (אויצרעס).

אורח (אוירעך) — גאַסט; פאַרשוין. אַן אורח אויף שבת (שאַבעס) — אַן אָרעמאַן, וועלכן מע פאַרבעט אויף שאַבעס. מערצאָל: אורחים (אָר־כים); דורך אורחים גיט מען אויס קינדער — ווייל די אורחים מאַכן דעם הויז אַ גוטן נאָמען.

אוריאל (אוריעל) — אַ נאָמען; אוריאל אַקאָסטאַ — נאָמען פון אַ קלאַסישער דראַמע.

אות (אָס) — בוכשטאַב. מערצאָל: אותיות (אויסיעס).

אסור־חזיר (אָסער־כאַזער) — פאַרבאָטן, טרייף, ווי כאַזער.

אסיפה (אַסיפע) — פאַרזאַמלונג. מערצאָל: אסיפות (אַסיפעס).

אַ סך (אַ סאַך) — אַ גרויסע צאָל.

אסתר (עסטער).

אפילו (אַפילע) — אויך ווען, אין פאַל ווען, כאָטש, באַדאַי.

אַפּיקורס (אַפּיקוירעס) — פרייִדענקער, נישט־גלייביקער. מערצאָל: אַפּי־קורסים (אַפּיקאָרסים).

אפנים (אַפּאָנעם) — ווייזט אויס, עס זעט אויס, וואָרשיינלעך.

אפשר (עפשער) — מעגלעך, ס׳קען זיין; טאָמער.

ארבע כנפות הארץ (אַרבע קאַנפעס האָרעץ) — אַלע פיר עקן פון דער וועלט, פון דער גאַנצער וועלט.

ארץ־ישראל (ערעץ־יסראָעל) — דאָס יידישע לאַנד, פאַלעסטינע. אַמע־ריקע איז ארץ־ישראל — געמיינט: פילן זיך גוט אין אַמעריקע, ווי ביי זיך אין דער היים.

אָשר (אָשער).

„אתה זוכר" (אַטאָ זויכער) — דו געדענקסט; די ערשטע ווערטער פון אַ טפילע.

אתרוג (עסרעג) — אַ פרוכט, וואָס ווערט געברויכט ביי רעליגיעזע יידן אום סוקעס צו „אתרוג־בענטשן". אַ בלינדער אתרוג — נישט קיין זיכער געשעפט. מערצאָל: אתרוגים (עסרויגים).

ב.

באם (בעאים) — אויב, טאָמער.

באמת (בעעמעס) — פאַקטיש, טאַקע, ווירקלעך.

באשר (באַאשער) — אַזוי ווי, ווייל, וואָס איז.

באשר-בכן (באַאשער-בעכען) — אַזוי ווי, צוליב דעם, ווייל וואָס.

בדיל-הדל (בעדיל-האַדאַל) ווערן — פולשטענדיק פאַראָרעמט ווערן, פאַלן מאַטעריעל.

בהלה (בעהאָלע) — טומל, גערודער, איילעניש, איבעריקערעגיש, אומאָרדע-נונג, שרעק, פּאַניק.

בהמה (בעהיימע) — רינד (קו, אָקס אד"גל.); באַצייכענונג פון אַ גראָבן מענטש. מערצאָל: בהמות (בעהיימעס).

„בואי בשלום" (בויאי בעשאָלעם) — אַ פראַזע, ביי וועלכער דער האַזוע-נער דרייט זיך אויס מיטן פּנים אויף צוריק; בואי-בשלום מאַכן — צוריק-טרעטן; מאַכן אַ רעווערענס, אַ קניקס.

בזה הלשון (בעזע האַלאָשן) — מיט פאָלגנדיקע ווערטער.

בזיון (ביזאָיען) — שאַנדע. מערצאָל: בזיונות (ביזיוינעס) — באַליי-דיקונגען; ס'איז אַ ביזאָיען — ס'פּאַסט נישט; פע.

בזיל-הזול (בעזיל-האַזאָל) — גאָר וואָלוול, זייער ביליק.

בחור (באָכער) — יונגערמאַן, נישט קיין כאַסענע געהאַטער. מערצאָל: בחו-רים (בעכאָרים). ער איז אַ בחור — געמיינט: אַן ענערגישער יונגערמאַן.

בחפזונדיק (בעכיפּאָזנדיק) — איילנדיק, גיך.

„בחצוצרות וקול שופר" (באַכצויצרויס ועקאָל שויפער) — מיט טרומפייטן און בלאָזהאָרנס; אַ זאַץ פון טאַנאַך. דאָ געמיינט: מיט רויש און טומל, רוישנדיק און טומלדיק.

בחרם (בעכיירעם) פרעגן — אַבסאָלוט גאָרנישט ווייסן.

בחשיבות (באַכשיוועס) — אָנגעזען, וויכטיק; זייער אָנגענומען און גע-שעצט.

בטבע (בעטעווע) — פון דער נאַטור, לויטן כאַראַקטער.

בטל (באָטל) ווערן — האָ: אַנולירט ווערן.

בטלן (באַטלען), אויסבטלען — עמעצן אויסזידלען, עמעצן אַריינזאָגן; בטלנדיק חלומות (באַטלענדיק כאַלוימעס) — אויסלאָזן צו עמעצן דעם גאַנצן צאָרן, שעלטנדיק.

ביד (בעיאַד) זיין — אימשטאַנד זיין, האָבן די מעגלעכקייטן

בידים (בעיאָדאַים) — מיט אייגענע הענט.

ביקור־חולים (ביקער־כוילעם) — דאָ: אַלטפּרענקישע באַצייכענונג פון אַ שפּיטאָל.

בית־דין (בעזן) — רעליגיעז געריכט; בית־דין של מעלה (בעזן שעל מאַלע) — אייבערשט געריכט; הימליש, געטלעך געריכט.

בית־המקדש (ביים־האַמיקדעש) — דער אַמאָליקער טעמפּל אין ירושלים (יערושאָלאַים).

בית־המדרש (ביים־האַמעדרעש) — קלויז; אַן אָרט צום דאַווענען און לערנען. מערצאָל: בתי־מדרשים (באָטעמעדראָשים). בית־מדרש־משכּיל (בעסמעדרעש־מאַסקל) — אַ יידישער לערנער, וואָס געפינט זיך נאָך אין דער סוויווע פון קלויז, אָבער איז שוין אויפגעקלערט.

בית־עלמין (בייסאַלמען) — בייסוילעם, גוט אָרט, הייליק אָרט.

בכּבוד (בעקאָוועד) — אָנגעזען, אָנשטענדיק.

בכדי (ביכדיי) — מיטן צוועק, מיטן ציל.

בכּח (בעקויעד) זיין — זיין אימשטאַנד, האָבן די מעגלעכקייט.

בכלל (ביכלאַל) — אין אַלגעמיין, איבערהויפּט.

בלשון (בעלאָשן) אַמעריקע — אויף דער אַמעריקאַנער שפּראַך, ווי מע רעדט אין אַמעריקע.

בלתי (בילטי) — גאָר, בלויז.

במילא (בעמיילע) — סיי־ווי־סיי, אַלציינס.

בן (בען) — זון (אויך איראָניש). מערצאָל: בנים (באָנעם) — קינדער.

בן־בית (בען־באַיעס) — שטוביקער, אָפטער אייגייער, היימישער מענטש.

בן־זכר (בען־זאָכער) — ווערטלעך: אַ ייִנגל. דאָ פאַרגרייזט פון שלום־זכר (שאָלעם־זאָכער) — פייערונג ביי פרומע יידן דעם ערשטן פרייטיקצונאַכטס נאָך דער געבורט פון אַ ייִנגל: וואָס זיצט איר עפּעס, ווי אַ לאָמזשער באַלעבאָס אויף אַ בן־זכר? (2 ב., ז. 200).

בן־יחיד (בען־יאָכעד) — איינאונאיינציקער זון.

בן־יוחאי (בען־יאָכאָאי) — אַ נאָמען.

בן־עקיבא (בען־אַקיווע) — אַ נאָמען.

בן־אדם (בען־אָדעם) — מענטשן־זון, מענטש.

בנאמנות (בענעמאָנעס) — אויפן ערנוואָרט; כ'לעבן.

בסוד (ב ע ס אָ ד) — געהיים. בסוד=סודות (ב ע ס אָ ד = ס ו י ד ע ס) — גאַנץ געהיים.

בסך=הכל (ב ע ס אַ ד = ה אַ ק ל) — אינגאַנצן, אַרום און אַרום.

בעל=אכסניה (ב אַ ל = אַ כ ס אַ נ י ע) — באַזיצער פון אַן איינפאָר=הויז, גאַסט=הויז.

בעל=בתישקייט (ב אַ ל ע ב אַ ט י ש ק יי ט) — ווירטשאַפט, שטובזאַכן.

בעל=הבית (ב אַ ל ע ב אָ ס) — קאָפּ פון שטוב; הויז=אייגנטימער, ווירט; אייגנטימער; אָנשטענדיקער, לייטישער מענטש. מערצאָל: בעלי=בתים (ב אַ ל ע ב אַ ט י ם).

בעל=הביתטע (ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע) — דאָ: ווירטין; פרוי. מערצאָל: בעל=הביתטעס (ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע ס).

בעל=החלומות (ב אַ ל = ה אַ כ ל ו י מ ע ס) — פאַנטאַזיאָר, טרוימער.

בעל=יועץ (ב אַ ל = י ו י ע ץ) — ראָטגעבער, אייצע=געבער.

בעל=יסורים (ב אַ ל = י ע ס ו ר י ם) — ליידנדיקער; דער, וואָס ליידט ווייטיקן.

בעל=מלאכה (ב אַ ל מ ע ל אָ כ ע) — האַנטווערקער, פאַכמאַן. מערצאָל: בעלי=מלאכות (ב אַ ל ע מ ע ל אָ כ ע ס).

בעל=מרה=שחורה (ב אַ ל מ אָ ר ע ש כ ו י ר ע) — מעלאַנכאָליקער, שטאַרק פאַרזאָרגטער מענטש.

בעל=סוד (ב אַ ל ס אָ ד) — א מענטש, וואָס מע פארטרויט אים אלע געהיימענישן.

בעל=עגלה (ב אַ ל ע ג אָ ל ע) — באַזיצער פון אַ פערד און וואָגן, פורמאַן, שמייסער. מערצאָל: בעלי=עגלות (ב אַ ל ע ג אָ ל ע ס).

בעל=עצה (ב אַ ל = א יי צ ע) — דער, וואָס קאָן געבן אַן אייצע, ראָטגעבער.

בעל=תשובה (ב אַ ל = ט ש ו וו ע) — דער, וואָס האָט באַראָטע אויף זיינע זינד; דער, וואָס בעסערט אויס זיין לעבנס=וועג (לויטן רעליגיעזן באַגריף).

בעלן (ב אַ ל ן) — נייגעריקער, טשיקאַווער; אַמאַטאָר, ליבהאָבער. מערצאָל: בעלנים (ב אַ ל אָ נ י ם).

בעת (ב ע א יי ס) — אין דער צייט פון...

בעת=מעשה (ב ע א יי ס = מ אַ נ ס ע, ב ע א יי ס = מ יי ס ע) — דערביי, גלייכצייטיק; אין דער צייט; אין געגעבענעם מאָמענט, גלייך דערביי.

בפירוש (ב ע פ יי ר ע ש) — אויסדריקלעך, קלאָר, דייטלעך, ספּעציעל.

בפרהסיא (ב ע פ ר ע ס י ע) — עפנטלעך, פאַר אַלע אין די אויגן, פראַנק און פריי.

בפּרט (ב י פּ ראַ ט) — ספּעציעל, באַזונדער; ווער שמועסט נאָך.

בקשה (ב אַ ק אָ ש ע) — ביטע, פאַרלאַנג. מערצאָל: בקשות (ב א ק אָ ש ע ס).

בקיצור (ב ע ק י צ ע ר) — קורץ געזאָגט.

ברבורים (ב אַ ר ב ו ר י ם) — פאַרגרייזט פון וואָרט: דבורים (ד י ב ו ר י ם) — רייד, ווערטער.

בר=דעת (ב אַ ר ד אַ אַ ס) — מענטש מיט פאַרשטאַנד.

בריאה (ב ר י ע) — באַשעפעניש, לעבעדיק וועזן; אין באצוג צו מענטשן אָפט באַנוצט אין פאַראַכטלעכן זין.

בר=מינן (ב א ר = מ י נ אָ ן) — געשטאָרבענער, וואָס איז נאָך נישט באַגראָבן געוואָרן.

בר=מצוה=בחורל (ב אַ ר = מ י צ וו ע = ב אָ כ ע ר ל) — רעליגיעזע פּוליאָריקייט פון אַ ייִנגל, ווען ער ווערט אַלט 13 יאָר; בר=מצווה=פייערונג — פייערונג צום 13=טן געבוירן=טאָג פון אַ ייִנגל. אַנטשפּרעכנדיק ביי קריסטן: קאָנפירמאַציע.

ברוך (ב אָ ר ע ך).

ברוך=השם (ב אָ ר ע ך = ה א ש ע ם) — דאַנקען גאָט.

ברוך=הבא (ב אָ ר ע ך = ה אַ ב אָ) — אַלטפּרענקישע באַגריסונג ביים טרעפן זיך מיט אַן אָנגעלייגטן גאַסט; האָבן, מאַכן אַ ברוך=הבא — דאָ: אויפגענומען ווערן שיין, גרויסאַרטיק, ליבלעך.

ברוגז (ב ר ו י ג ע ז) זיין — האָבן פאַרדרוס, זיין צעקריגט, זיין בייז, צאָרנדיק, האָבן פאַריבל; נישט צופרידן; ברוגזן זיך — בייזערן.

ברוך דיין אמת (ב אָ ר ע ך ד א י ע ן ע מ ע ס) — געבענטשט זאָל זיין דער גערעכטער ריכטער. אַ צושפּרוך, וואָס פרומע ייִדן באַנוצן, דערהערנדיק, אַז אַ מענטש איז נאָר=וואָס געשטאָרבן.

בריה (ב ע ר י ע) — פעיקער, פלינקער, גראָטענער, ענערגישער. מערצאָל: בריות (ב ע ר י ע ס).

ברירה (ב ר יי ר ע) — אויסוואַל, אַן אַנדערע מעגלעכקייט, אויסוועג. מערצאָל: ברירות (ב ר יי ר ע ס).

ברית (ב ר י ס) — פייערונג צום אַכטן טאָג נאָכן געבוירן פון אַ ייִנגל, ווען מע ייִדישט אים און מע גיט אים א נאָמען. מערצאָל: בריתן (ב ר י ס ן).

ברכה (ב ר אָ כ ע) — גוטער ווונטש; בענטשונג. מערצאָל: ברכות (ב ר אָ = כ ע ס).

בשורה (ב ס ו ר ע) — אָנזאָג, נייעס. מערצאָל: בשורות (ב ס ו ר ע ס).

בשום=אופן (ב ע ש ו ם = א ו י פ ן) — אין קיין פאַל נישט.

בשלום (בעשאָלעם) — געזונטערהייט; אין אָרדענונג; גליקלעך.

בשמים (בעסאָמים) — שמעקנדיקע געווירצן.

בשעת (בעשאָס) — אין דער צייט, ווען...; בשעת־מעשה (בעשאָס־מאָנסע, בעשאַס־מייסע) — דאָס אייגענע וואָס: בשעת.

בשתיקה (בישטיקע) — געהיים, באַהאַלטענערהייט.

בשר־ודם (באָסער־וועדאָם) — פֿלייש און בלוט, געמיינט: אַ מענטש, אַ שטערבלעכער.

בתולה (בסולע) — דערוואַקסן מיידל. מערצאָל: בתולות (בסולעס).

בתוכם (בעסויכאָם) — צווישן זיי, דערונטער.

ג.

גאון (גאָען) — דאָ: געניע, געניאַלער מענטש.

גבאי (גאַבע) — דאָ: פֿאַרשטייער פֿון אַ פֿילאַנטראָפּישער אינסטיטוציע. מערצאָל: גבאים (גאַבאָים).

גבור (גיבער) — שטאַרקער; העלד. מערצאָל: גבורים (גיבוירים).

גביר (געווירן) — רייכער. מערצאָל: גבירים (געווירים); גבירים אדירים (געווירים אַדירים) — שטאַרק רייכע.

גדול (גאָדל) — גרויסער מענטש, באַרימטע פֿערזענלעכקייט. מערצאָל: גדולים (גדוילים).

גדולה (געדולע) — גליק, פֿרייד.

גדלות (גאַדלעס) — גרויסקייט; שטאָלצקייט; פֿאַררייסנקייט, גרויסהאַלטעריי; זעלבסטערהייבונג.

גואל (גויעל) — דאָ: פֿריינט, אַ קרוב (קאָרעוו).

גוזמא (גוזמע) — זייער אַ סך, אַ גרויסע צאָל; איבערגעטריבענע זאַך. מערצאָל: גוזמאות (גוזמאָעס).

גוי (גוי) — פֿאָלק. שאָוויניסטישע באַצייכענונג פֿון אַ נישט־ייד. מערצאָל: גויים (גאָים); גויע (גויע, גאָיע) — דאָס זעלבע וואָס „גוי" אין באַצוג צו אַ נישט־יידישער פֿרוי.

גולם (גוילעם) — אַ מענטש אָן אייגענעם ווילן, אידיאָט, אומגעלומפּערטער מענטש; ליימענער גולם — אומבאַהאָלפֿענער מענטש. לויט דער לעגענדע האָט דער גרויסער ראָוו פֿון פּראָג באַשאַפֿן אַ גולם פֿון ליים.

גוסשן (גויסעסן) — האַלטן ביים שטאַרבן, זיין אין אַגאָניע.

גוף (גוף) — קערפּער.

גופא (גופּע) — אַליין.

גזירה (גזיירע) — האַרבע פאַראָרדענונג, שטרענגער פאַרבאָט; פאַרפאָלגונגס=געזעץ. מערצאָל: גזירות (גזיירעס).

גזלן (גאַזלען) — רויבער, באַנדיט. איראָניש: צעהיצט. מערצאָל: גזלנים (גאַזלאָנים).

גט (געט) — יידיש=רעליגיעזער צעשיידונגס=דאָקומענט פון מאַן און ווייב. גטן (געטן) זיך — זיך צעשיידן; מעטאַפאָריש: אָפּזאָגן זיך פון מיטאַרבעט.

גיהנום (געהענעם) — דאָס אָרט, וווּ מע פּייניקט זינדיקע נאָכן טויט; אָפּ=קומעניש.

גימל (גימל) — דריטער בוכשטאַב (ג׳) פון יידישן און העברעישן אַלפאַבעט; ציפערדיקער ווערט 3: ג׳ חדשים (כאַדאָשים — מאָנאַטן); ווי אַן אַד=יעקטיוו — גוט: עס וועט זיין גימל (ווייל דאָס וואָרט „גוט" הייבט זיך אָן מיט דעם בוכשטאַב).

גלוח (געלועך) — געגאָלטער, ראַזירטער, א ייד אָן א באָרד.

גלות (גאָלעס) — דיאַספּאָרא; צעשפּרייטונג פון א פאָלק אין דער פרעמד; זיין אין גאָלעס — נישט האָבן קיין היים, אייביק וואַנדערן; זיין פאַרשקלאַפט; ליידן, פּיין, צאָרעס; אָפריכטן גלות=מעאַטער — אַרומוואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד מיט דער טעאַטער=טרופּע.

גמילות=חסד (גמילעס=כעסעד) — דאָ: געלט, וואָס ווערט געליען ווי אַ טויווע, אָן פּראָצענט.

גמרא (געמאָרע) — טאַלמוד; גמרא=ניגון (געמאָרע=ניגן) — דער ניגן, די מעלאָדיע, מיט וועלכער מע לערנט די געמאָרע.

גן=עדן (גאַניידן) — גליקלעך אָרט; פּרעכטיקער גאָרטן, וווּ עס געפינען זיך די פרומע אויף יענער וועלט; אַן אָרט, וווּ ס'איז אַ פאַרגעניגן צו פאַרווײַלן; גן=עדן העליון (גאַניידן האָעליען) — דער הימלישער גן=עדן; גן=עדן התחתון (האַטאַכטן) — געמיינט: דער גן=עדן אויף דער ערד.

גנב (גאַנעוו) — דער, וואָס נעמט צו אַ פרעמדע זאַך; שווינדלער; דורכגעטרי=בענער יונג (איראָניש). מערצאָל: גנבים (גאַנאָווים); גנב=התנצלות (גאַנעוו=הינאַצלעס) — געמיינט: באַקלאָגן זיך פאַלש, כיטרע.

גנבענען (גאַנווענען) — צונעמען פרעמדס; שווינדלען.

גנבה (גנייווע) — דאָס צונעמען פרעמדע זאַכן; די צוגענומענע פרעמדע זאַכן; שווינדל. מערצאָל: גנבות (גנייוועס).

גנביש (גע נ יי וו י ש) — פון אַ געניווע; פון אַ גאַנעוו, ווי אַ גאַנעוו; אומבאַמערקט; דורכגעטריבן; שווינדלעריש.

גרגרת (גאַ ר ג ע ר ע ס) — גאָרגל; אין איבערגעטראָגענעם זין, ווי: אָננעמען פאַרן גרגרת — שטיקן, צווינגען; אַריינקריכן אין דער גרגרת — טאָן אין טויט אַריין, זיך שטאַרק מישן אין צווייטנס עניאָנים; זיך רייסן אויף דער גרגרת — שרייען הויך אויף אַ קאָל; שטופן אין גרגרת — פרעסן; ביי אים ווערט אַלץ פאַרלוירן אין גרגרת — אַלץ, וואָס ער פאַרדינט, גיט ער אויף עסן.

ד.

דאגה (ד יי ג ע) — זאָרג. מערצאָל: **דאגות** (ד יי ג ע ס).

דבור (ד י ב ע ר). מערצאָל: **דבורים** (ד י ב ו ר י ם) — רייד, ווערטער, ריידעלער.

דבר־אחר (ד אָ וו ע ר ־ אַ כ אַ ר) — כאַזער, שוויין. אין איבערגעטראָגענעם זין: קאַרגער. מערצאָל: **דברים־אחרים** (ד וו אָ ר י ם ־ אַ כ יי ר י ם).

דהיינו (ד ע ה יי נ ע) — צום ביישפּיל; דאָס הייסט; אַשטייגער, ווי, נעמלעך.

דווקא (ד אַ וו ק ע) — גראָד; דורכויס; גאָר.

דופק (ד ו י פ ע ק) — פולס.

דין (ד י ן) — רעליגיעז געזעץ. מערצאָל: **דינים** (ד י נ י ם). **דין־תורה** (ד י ן ־ ט ו י ר ע) **האָבן** — זיך לאָדן פאַר אַ געריכט פון ראַבאָנים.

דין־וחשבון (ד י ן ־ וו ע כ ע ש ב ן) — רעכענונג, באַריכט.

דירה (ד י ר ע) — הויז, שטוב, וווינונג. מערצאָל: **דירות** (ד י ר ע ס).

דלות (ד אַ ל ע ס) — אָרעמקייט, נויט.

דלפן (ד אַ ל פ ן) — גרויסער אָרעמאַן, אין זיבן פאָלעס. מערצאָל: **דלפנים** (ד אַ ל פ אָ נ י ם).

דמיון (ד י מ י ע ן) — פאַנטאַזיע, פאָרשטעלונג. מערצאָל: **דמיונות** (ד י מ י ו נ ע ס).

דעה (ד יי ע) — מיינונג; דעציידירנדיק וואָרט; באַשלוס; מאַכט; געדאַנק. מערצאָל: **דעות** (ד יי ע ס).

דרך (ד ע ר ע ד) — וועג; מעטאָד; שטייגער; אַרט. מערצאָל: **דרכים** (ד ר אָ כ י ם).

דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — אַכטונג, רעספּעקט, אָנשטענדיקייט; העפלעכקייט; לערנען דרך־ארץ — באַשטראָפן, אָפּלערנען.

דרשה (דראָשע) — רעדע; רעליגיעזער פאָרטראָג. מערצאָל: **דרשות** (דראָשעס).

ה.

הגדה (האַגאָדע) — זאַמלונג פון לעגענדעס, הימנען און טפילעס, וואָס יידן זאָגן פייסעך צום סיידער; נעמען פון דער הגדה — געמיינט: אויסגעטראַכטע נעמען; נישט מיינען די הגדה, נאָר די קניידלעך — האָבן אין זינען דעם פּראַקטישן צוועק.

הדרת־פּנים (האַדרעס־פּאָנים) — פּרעכטיק געזיכט, גרויסאַרטיק אויסזען.

הוצאה (הויצאָע) — אויסגאַבע, קאָסטן. מערצאָל: **הוצאות** (הויצאָעס).

היוצא לנו מן הזה (האַיויצע לאָנו מין האַזע) — פון דאַנען איז געדרונגען, דער אויספיר איז.

היזק (העזעק) — שאָדן, פאַרלוסט. מערצאָל: **היזקות** (העזייקעס).

היפוך (הייפעך) — דאָס פאַרקערטע, קעגנזעצלעכע.

הכלל (האַקלאַל) — מיט איין וואָרט; קורץ און שאַרף; קורץ גערעדט, בעקיצער; נו, וואָס.

הכל תלוי במזל (האַקל טאָלוי בעמאַזל) — אַלץ איז אָפּהענגיק פון שיקזאַל, גורל.

הכנסת־אורחים (האַכנאָסעס־אָרכים) — דאָ: גאַסטפריינטלעכקייט.

הכנות (האַכאָנעס) — צוגרייטונגען, פאָרבאַרייטונגען.

הלוואי (האַלעווײַ) — זאָל נאָר אַזוי זײַן! לאָז זײַן! (ווונטש־אויסדרוק).

הלך משה מרדכי (האָלעך מוישע מאָרדכע) — מוישע מאָרדכע איז געגאַנגען. דאָ געמיינט: ווײַטער געוואַנדערט; געגאַנגען זאָל ווערן; געמאָן זאָל ווערן שנעל.

הלוויה (האַלװיאָ) — דאָ: אַ לויב־געזאַנג, קאָמפּלימענטן.

המוציא (אַ מויצע) — דאָ: באַצייכענונג פון אַ שטיקל ברויט; מאַכן המוציא מיט האָניק — געמיינט: מאַכן אַ גוט געשעפט, פאַרדינען אַ סאַך געלט.

המן (האָמען). ער האָט געוואָלט אומברענגען די יידן אין פּערסיע; זידל־נאָמען, באַצייכענונג פון אַ שלעכטן, בייזן מענטש; **המנס מפּלה** (האָמענס מאַפּאָלע) — אַ גרויסער דורכפאַל, ווי האָמען האָט געהאַט.

הנאהבים והנאימים (האַנעהאָווים וועהאַנאַימים) — דאָ: דאָס ליבע פּאָרל.

הנותן יד לפושעים (האַנויסיין יאַד לאַפּאָשאים) — אַ פּראַזע פון אַ שפּילע: דער, וואָס שטרעקט אויס אַ האַנט צו די זינדיקע, שלעכטע. דאָ געמיינט: אַ האַנט.

הנני (היגני) — איך בין גרייט, אָנגעברייט.

הועיות (האַוואַיעס) — מינעס, אָנשטעלן.

הפקר (העפּקער) — צעלאָזט; אָן קאָנטראָל; וואָס געהערט נישט צו קיינעם;
הפקרות (העפּקיירעס) — געזעצלאָזיקייט; **הפקר־יונג** — אויסגעלאַסענער, אונטערוועלטניק.

הפלא־ופלא (האַפּלע־וועפּעלע) — וואונדער איבער וואונדער, וואונדערבאַר, אויסטערליש.

הצלחה (האַצלאָכע) — גליק, דערפאָלג.

הקדמה (האַקדאָמע) — אַריינפיר, אַריינפיר־וואָרט, פאָרוואָרט, פאָררעדע; פאָרשפּיל. מערצאָל: **הקדמות** (האַקדאָמעס).

הקדש (העקדעש) — אַמאָליקער שפּיטאָל פאַר אָרעמע, קראַנקע יידן. באַצייכענונג פון אַן אָרט, וווּ ס'איז שמוציק און אַן אומאָרדענונג.

הקיצור (האַקיצער) — קורץ, קורץ גערעדט, מיט איין וואָרט.

הרגענען (האַרגענען) — דערמאָרדן, מערדעריש שלאָגן.

הרים וגבעות (האָרים וגוואָעס) **צוזאָגן** — צוזאָגן גאָלדענע בערג.

הרי את מקודשת לי בטבעת זו (האַריי אַט מעקודעשעס לי בעטאַבאַס זו) — דער אָנהייב פון דער פראַזע, וואָס דער כאָסן זאָגט צו דער קאַלע אונטער דער כופּע.

השגה (האַסאָגע) — שטרעבונג, באַגער, פאַרלאַנג, אַספּיראַציע; באַגריף, באַנעם. מערצאָל: **השגות** (האַסאָגעס).

השיבנו (האַשיווייגו) — לאָמיר זיך צוריק אומקערן.

התלהבות (היסלאַוועס) — באַגייסטערונג, פּאַטאָס.

התנצלות (היסנאַצלעס) — פאַרענטפערונג; אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן פאַר עמעצן.

התפעלות (היספּאַלעס) — באַגייסטערונג, שטוינונג, פאַרוווּנדערונג, אַנטציקונג.

ו.

ואהבתם את הגר (ווע אָ האַ וו ט עם עס ה א ג ע ר) — איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן.

ובפרט (א ו ב י פ ר א ט) — און ספּעציעל, און באַזונדער, און ווער שמועסט נאָך.

ובכלל (א ו ב י כ ל א ל) — און אין אַלגעמיין.

והשנית (וו ע ה אַ ש יי נ י ס) — און צווייטנס.

וחלקלקות (וו א כ ל א ק ל א ק ע ס) — ראָ: גליטשיק.

ויאמר אל משה לאמור (וו א י ו ימ ע ר ע ל מ ו י ש ע ל יי מ ו י ר).

ויברח (וו א י ו ו ר א ד) **מאַכן** — אַנטלויפן, מאַכן פּיס.

ויבא המן! (וו א י אָ וו ו י ה אָ מ ע ן) — און המן איז אַריינגעקומען. מעטאַפאָריש: אָט איז ער דאָ, דער פּאַרשוין. ווערט באַנוצט, ווען עס קומט פּלוצעם אַריין אַן אומגעווונטשענער גאַסט.

וכדומה (א ו כ ד ו י מ ע) — און דאָס גלייכן.

וכוח (וו י ק ו ע ך) — דיספּוט.

„ונאמרם" (וו ע נ ו י מ ע ר ס) — רעפריין פון געוויסע טפילעס.

„ומפני חטאנו" (א ו מ י פ נ יי כ אַ ט אָ א יי נ ו) — און צוליב אונדזערע זינד. — די ערשטע ווערטער פון אַ טפילע.

„ונתנה תוקף" (א ו נ ס אַ נ ע ט ו י ק ע ף) — אַ געבעט צו זאָגן ראָשעשאָנע און יאָנקיפּער; לאָד מיך צום ונתנה תוקף — לאָד מיך צו גאָט, רעד צום לאָמפּ.

ועל כולם (וו ע אַ ל ק ו ל אָ ם) — און מער פון אַלץ, און איבער אַלץ.

ז.

זוגתי היקרה (ז ו ג אָ ס י ה אַ י ע ק אָ ר ע) — מיין טייער ווייב.

זוכה (ז ו י כ ע) זיין — ווערט זיין, פאַרדינען זיך, האָבן אַ פּריווילעגיע.

זיווג (ז י וו ע ג) — אַ באַשערטע פּאָר.

זכות (ז כ ו ס) — פאַרדינסט אין מאָראַלישן און גייסטיקן זין; ווערט, גליק, פּריווילעגיע. **זכות־אבות** (ז כ ו ס = אָ וו ע ס) — אין זכות פון די עלטערן, צוליב די עלטערן; פּראָטעקציע, עמעצן צוליב.

זכיה (ז כ י ע) — ערע; גליק; פּריווילעגיע.

זכר (ז יי כ ע ר) — אָנדענק, שפּור, סימען, צייכן.

זכרון (ז י ק אָ ר ן) — די פעיקייט פון געדענקען, געדעכעניש.

זקן (ז אָ ק ן) — אַלט אין יאָרן (אַ זאַך צי אַ מענטש). מערצאָל: **זקנים** (ז ק יי-נ י ם).

ח.

חבוט-הקבר (כ י ב ע ט-ה אַ ק יי ווע ר) — דאָס פּייניקן זיך נאָכן טויט אין קייווער (לויט אַ מיסטישער פאָרשטעלונג); אָפּקומען חבוט-הקבר — אָנפּיי-ניקן זיך, אָנליידן זיך ביים לעבן.

חבר (כ אַ ווע ר) — פריינד, קאָלעגע; חבר ווערן — באַפריינדעט, היימיש ווערן.

חברה (כ ע ווּ ר ע) — יאַטן; אוילעם; קאָמפּאַניע, געזעלשאַפט; אינסטיטוציע, פאַריין; גרופּע. מערצאָל: **חברות** (כ ע ווּ ר ע ס).

חברה-לצים (כ ע ווּ ר ע-ל יי צ י ם) — קאַטאָוועס-טרייבער, וויצלער, לוסטיקע געזעלשאַפט; **חברה-מאַן** — שטיפער; קלוגער; ווילער יונג; בעריע. איינער, וואָס געהער צו וועלכער חברה. מערצאָל: **חברה-לייט** — אַ פריילעכע קאָמ-פּאַניע; מענטשן, וואָס געהערן צו וועלכער חברה; וויסע חברהניקעס — שטי-פער; קליינע שטיפער, לאָבוזעס.

חגא (כ אָ ג ע) — קריסטלעכער יאָנטעוו (שאָוויניסטישע באַצייכענונג). מערצאָל: **חגאות** (כ אַ ג אָ ע ס).

חד-גדיא (כ אַ ד-ג אַ ד י אָ) — דאָ: אַרעסט, קאָזע, טורמע.

חדוש (כ י ד ע ש) — וווּנדער; נייס. מערצאָל **חדושים** (כי ד ו ש י ם) — נייעסן, וווּנדער, סענסאַציעס.

חדושים ונפלאות (כ י ד ו ש י ם ווע נ י פ ל אָ ע ס) — וווּנדער איבער וווּנדער.

חדר (כ יי ד ע ר) — צימער; רעליגיעזע שול פאַר קינדער; צווייפּשטעלן אַ חדר — דאָ: צווייפּשטעלן אַ טרופּע; קום צו פאָרן מיטן גאַנצן חדר — געמיינט: מיטן גאַנצן טעאַטער; בעמען אין חדר אַריין — געמיינט: באַשטראָפן.

חוב (כ ו יי ו) — געבאָרגט געלט; פליכט. מערצאָל: **חובות** (כ ו יי ווע ס).

חודש (כ ו יי ד ע ש) — מאָנאַט. מערצאָל: **חדשים** (כ אַ ד אָ ש י ם).

„**חוה**“ (כ אַ ווע) — נאָמען פון אַ פאָלקס-לידל.

חוזק (כ ו יי ז ע ק) — שפּאָט, געלעכטער; חוזק מאַכן — אָפּשפּאָטן, אויסלאַכן.

חוטא (כ ו יי ט ע) — זינדיקער.

חוטא-בעגל (כ ו יי ט ע-ב ע א יי ג ל) זיין — זינדיקן מיטן גאָלדענעם קאַלב. געמיינט איראָניש: זינדיקן.

חומש (כ ו מ ע ש) — די פינף ביכער פון דער טוירע.

חונף (כ ו י נ ע ף) — צושמייכלער, אונטערלעקער, פאַלשער מענטש, דער, וואָס לויבט יענעם אין אַן איבערגעטריבענער מאָס. מערצאָל: **חונפים** (כ אָ נ פ י ם).

חופה (כ ו פ ע) — באַלדאַכין, אונטער וועלכן מע פירט דורך די כאַסענע=צערעמאָניע; שטעלן אַ חופה — כאַסענע האָבן. מערצאָל: **חופות** (כ ו פ ע ס), **חופה וקידושין** (כ ו פ ע וו ע ק י ד ו ש ן) — כאַסענע האָבן געזעצלעך, דורכפירן די צערעמאָניע אונטער דער כופע; **חופה כדת משה וישראל** (כ ו פ ע ק ע ד אַ ס מ ו י ש ע וו ע י י ס ר אָ ע ל) — אַ כופע לויטן רעליגיעזן געזעץ.

חוץ (כ ו ץ) — אויסער.

חוצפה (כ ו צ פ ע) — אומפאַרשעמטקייט; פאַרשייטקייט; דרייסטקייט.

חורבה (כ ו ר וו ע) — רואינע; איינגעפאַלן הויז.

חורבן (כ ו ר ב ן) — צעשטערונג, פאַרוויסטונג, רואינירונג.

חושימדיקער (כ ו ש ע מ ד י ק ע ר) — צעטומלטער, מעשוגענער; אידיאָט, נאַר.

חוש=הריח (כ ו ש = ה אָ ר י י ע ד) — שמעק=עמפינדונג. דאָ: די פעיקייט צו דערשמעקן, צו דערוויסן זיך.

חושד (כ ו י ש ע ד) **זיין** — האָבן אַ פאַרדאַכט, פאַרדעכטיקן.

חושך (כ ו י ש ע ך) — פינצטערניש; געפילדער, טומל; וויסט, איבעריקערעניש; עס טוט זיך חושך — ס׳הודערט זיך, ס׳קערט זיך די וועלט.

חזיר (כ אַ ז ע ר) — שוויין. באַצייכענונג פון זייער אַ קאַרגן מענטש. מערצאָל: **חזירים** (כ אַ ז י י ר י ם).

חזן (כ אַ ז ן) — פאָרדאַוונער, זינגער אין די יידישע געבעט=הייזער; דרייט זיך, ווי אַ חזן אויף „גערינצד" (גאַריצאָך — אַזאַ טפילע) — ביי דער דאָזיקער טפילע מאַכט דער חזן פאַרשידענע טרעלן און דרייעלעך. מערצאָל: **חזנים** (כ אַ ז אָ נ י ם).

חזקה (כ אַ ז אָ ק ע) — אַלט באַזיץ=רעכט; חזקה=טעאַטער — דאָס באַזיץ=רעכט אויפן טעאַטער פון לאַנג אָן.

חטא (כ ע ט) — זינד, פאַרברעכן. מערצאָל: **חטאים** (כ אַ ט אָ י ם).

חטאתי, כפרתי, חליפתי (כ אַ ט אָ ס י, ק אַ פ אָ ר אָ ס י, כ אַ ל י פ אָ ס י) — אַ פראַזע פון אַ געבעט, וואָס יידן זאָגן ערעוו יאָנקיפער ביי דער צערעמאָניע פון דרייען אַ האָן איבערן קאָפ. דאָ געמיינט (איראָניש): איך גיי אויס נאָך דיר.

חי (כ יי) געלעבט — פריילעך; אַ טענצל חי=חי — אַ פרייל עכער טאַנץ.

חי=וקים (כ יי = וו ע ק אַ י אָ ם) — לעבעדיק וועזן, מענטש; באַצייכענונג פון גאָט;
אַ פראָסטער חי=וקים — אַן איינפאַכער, גרויער מענטש; כאָטש שריי חי=
וקים — שריי צו גאָט.

חייב (כ אַ י ע וו) געוועזן — שולדיק געווען, שולדיקער.

חיה (כ יי ע). מערצאָל: חיות (כ יי ע ס).

חיות (כ יי ע ס) — דאָס לעבן, די נעשאָמע.

חיות (כ י ע ס) — לעבן, דערקוויקונג, פאַרגעניגן.

חילוק (כ י ל ע ק) — אונטערשיד.

חכם (כ אָ כ ע ם) — קלוגער, געלערנטער. מערצאָל: חכמים (כ אַ כ אָ מ י ם).

חכמות (כ אָ כ מ ע ס) — דאָ: אויפטוען.

חכמענען (כ אָ כ מ ע נ ע ן) זיך — זיך וויצלען, שפּאַס טרייבן.

חכמי (כ אַ כ מ יי) הלעזשאַנקע אין בית=המדרש (ב ע ס = ה אַ מ ע ד ר ע ש)
— די קלוגע (איראָניש) פון הינטערן אויוון אין בעסמעדרעש; חכמי האַקי=
בעצאַרניע — דאָס אייגענע אין באַצוג צו די, וואָס קיבעצן אין די רעסטאָ=
ראַנען און קאַפע=הייזער.

חלום (כ אָ ל ע ם) — זעונג אין שלאָף; אילוזיע; פאָרשטעלונג; טרוים אויף דער
וואָר; געחלומט זיך — עס האָט זיך געדאַכט. מערצאָל: חלומות (כ אַ ל וי=
מ ע ס). אויסבטלן (אוי ס ב אַ ט ל ע ן) אַלע חלומות — אויף עמעצן
אויסגיסן דעם גאַנצן צאָרן. אַזאַ שעלטונג.

חלילה (כ אָ ל י ל ע) — באַהיט זאָל מען ווערן; חלילה וחס (כ אָ ל י ל ע וו ע=
כ אַ ס) — אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן.

חליצה (כ אַ ל י צ ע) — צערעמאָניע, וואָס באַפרייט דעם ברודער פון אַ פאַר=
שטאָרבענעם (וואָס האָט נישט איבערגעלאָזט קיין קינד) פון דער פליכט
כאַסענע צו האָבן מיט דער שוועגערין.

חלירע (כ אָ ל י ע ר ע) — כאָליערע; אַ קראַנקהייט; אַ שלאַק.

חלק (כ יי ל ע ק) — טייל; פּאָרציע; אָנטייל. מעריצאָל: חלקים (כ אַ ל אָ ק י ם);
חלק כחלק (כ יי ל ע ק ק ע כ יי ל ע) — גלייך אויף גלייך.

חלשות (כ אַ ל אָ ש ע ס) — נישט=גוטקייט, אָנמאַכט, שוואַכקייט; עקלדיק;
חלשות פאַלן — אַריינפאַלן אין אַ צושטאַנד פון אָנמאַכט.

חלשן (כ אַ ל ע ש ן) — אַריינפאַלן אין אַ צושטאַנד פון כאַלאָשעס; שטאַרק וועלן,
אויסגיין נאָך עפּעס.

חן (כ יי ן) — שיינקייט, רייץ; סימפּאַטיע.

חנוכת־הבית (כ אַ נ ו ק אַ ס ־ ה אַ ב אַ י ס) — פֿייערונג פֿון באַנייען אַ הויז.

חניפֿה (כ אַ נ י פֿ ע) — אונטערלעקעריי, זיסע פֿאַלשע רייד.

חנפֿהנען (כ אַ נ פֿ ע נ ע ן) — אונטערלעקן זיך, שמעצן פֿאַלש לויבן.

חס־וחלילה (כ אַ ס ־ ו ו ע כ אָ ל י ל ע) — אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן, נישט געשען זאָל עס. דאָס אייגענע: חס־ושלום (כ אַ ס ־ ו ו ע ש אָ ל ע ם).

חסיד (כ אָ ס י ד) — פֿרומער; דער, וואָס גלייבט אין אַ גוטן־יידן; אָנהענגער. מערצאָל: חסידים (כ ס י ד י ם).

„חסידל" (כ אָ ס י ד ל) — אַ יידישער פֿאָלקס־טאַנץ.

חסר־דעה (כ אָ ס ע ר ־ ד יי ע) — אָן פֿאַרשטאַנד; אויסן זינען, מעשוגע.

חסרון (כ ע ס אָ ר ן) — פֿעלער, בלויז, מינוס. מערצאָל: חסרונות (כ ע ס ר ו י ־ נ ע ס).

חצופֿה (כ צ ו פֿ ע) — פֿרעכע, אומפֿאַרשעמטע, פֿאַרשייטע, אויסגעלאַסענע. מערצאָל: חצופֿעס (כ צ ו פֿ ע ס).

חצי (כ אָ צ י) — העלפֿט; חצי שלי וחצי שלך (כ אָ צ י ש ע ל י ו ו ע כ אָ צ י ש ע ל אָ ך) — העלפֿט אויף העלפֿט, גלייכע טיילן.

חציפֿות (כ צ י פֿ ע ס) — פֿאַרשייטקייט, אויסגעלאַסנקייט. קאָנטראַסט פֿון צני־עות (צ נ י ע ס — באַשיידנקייט).

חקירות (כ ק י ר ע ס) — גריבלערייען, דאָס טיפֿע אַריינטראַכטן זיך.

חרוב (כ אָ ר ע ו ו) זיין — זיין פֿאַרביי, זייער קראַנק.

חרטה (כ אַ ר אָ ט ע) האָבן — האָבן פֿאַרדרוס אויף פֿעלערן, וואָס מ'איז באַ־גאַנגען, באַנג טאָן, באַדויערן.

חרם (כ יי ר ע ם) — אויסראָטונג, פֿאַרשעלטונג; רעליגיעזע פּראָצעדור אין מיטל־אַלטער פֿון אויסשליסן דעם „זינדיקן" פֿון דער קעהילע.

חרפּה (כ אַ ר פּ ע) — שאַנד. מערצאָל: חרפּות (כ אַ ר פּ ע ס).

חשבון (כ ע ש ב ן) — רעכענונג, דאָס רעכענען. מערצאָל: חשבונות (כ ע ש ־ ב ו י נ ע ס).

חשק (כ יי ש ע ק) — באַגער, לוסט, גלוסטעניש, ווילן; פֿליים.

חתונה (כ אַ ס ע נ ע) — די געזעצלעכע פֿאַרבינדונג פֿון מאַן און פֿרוי; דאָס שטעלן אַ כופּע. אין איבערגעטראָגענעם זין: סצענע; גערודער; אומאָנגענעמלעכקייט; אומגליק. מערצאָל: חתונות (כ אַ ס ע נ ע ס).

חתוך־הדבור (כ י ט ע ך ־ ה אַ ד י ב ע ר) — אויסשפּראַך; דיקציע.

חתימה (כ ס י מ ע) — אונטערשריפֿט. מערצאָל: חתימות (כ ס י מ ע ס).

חתמענען (כ אַ ס מ ע נ ע ן) — אונטערשרייבן.

חתן (כ אָ ס ן) — אַ באָכער, וואָס האָט אַ קאַלע; אַ פאַרקנאַסטער; **חתן־כלה** (כ אָ ס ן ־ ק אַ ל ע) — באָכער און מיידל נאָך די תנאָים.

ט.

טבע (ט ע וו ע) — נאַטור; געוווינהייט; כאַראַקטער.

טובה (ט וי וו ע) — געפעליקייט. מערצאָל: **טובות** (ט וי וו ע ס).

טובלען (ט וי וו ל ע ן) — אונטערטונקען זיך אין וואַסער (לויטן רעליגיעזן געזעץ). דאָ געמיינט: אָפּגעשפּריצט.

טלית־קטן (ט אַ ל ע ס ־ ק אָ ט ן) — לייבצודעקל. אַ מאַלבעש מיט וואָלענע פעדעם ביי די ברעגן.

טלית־תפילין (ט אַ ל ע ס ־ ט פ י ל ן) **זעקעלע** — דאָס טאָרבעלע, אין וועלכן עס ליגט דער טאַלעס און טפילן.

טלית (ט אַ ל ע ס) — אַ וואָלן אָדער זיידן טוך מיט וואָלענע פעדעם ביי די עקן, וואָס רעליגיעזע באַווייבטע יידן טראָגן ביים דאַווענען. מערצאָל: **טליתים** (ט אַ ל יי ס י ם).

טעות (ט אָ ע ס) — פעלער, גרייז; נישט קיין ריכטיקער מיין; אַ פאַלשע פאָרשטעלונג. מערצאָל: **טעותים** (ט אָ י ס י ם).

טעם (ט אַ אַ ם) — דאָ: געשמאַק.

טענה (ט יי נ ע) — פאָדערונג, פּרעטענזיע, דערווידערונג; רייד, שמועס. מערצאָל: **טענות** (ט יי נ ע ס).

טפשות (ט י פ ש ע ס) — נאַרישקייט.

טרחה (ט ע ר כ ע) — מי.

טריפה (ט ר יי פ ע) — דאָ: אומריין, שמוציק, מיאוס.

י.

יבשה (י אַ ב אָ ש ע) — טרוקעניש; קאָנטינענט.

יד ((י אַ ד) — האַנט (אין פאַראכטלעכן זין און אויך אַ פאַרגרעסערונגס־פאָרם). מערצאָל: **ידים** (י אָ ד אַ י ם).

ידיעה (י ע ד י ע) — מעלדונג, מיטטיילונג, וויסן, געניטקייט, באַהאַוונטקייט. מערצאָל: **ידיעות** (י ע ד י עס).

יהודי בלא (י ע ה ו ד י ב ע ל ו י) — געמיינט: ייד, שווייג.

יהודית (יודעס).

יובל (יויוול) — געדענק־פייערונג; יובילײ; איין מאָל אין אַ יובל — זייער זעלטן.

יודע־ספר (יוידייע־סייפער) — לערנער; דער, וואָס קען לערנען.

יון (יאָוון) — שאָוויניסטישע באַצייכענונג פון אַ נישט־יידישן זעלנער, באַאַמטן, פּאָליציאַנט. מערצאָל: יוונים (יעוואָגים).

יום־טוב (יאָנטעוו) — פייערטאָג; פייערונג; פרייליכער טאָג. מערצאָל: יום־טובים (יאָנטויווים).

יום־כיפור (יאָנקיפּער) — טאָג פון פאַרגעבונג. גרעסטער יידישער רעליגיעזער יום־טוב, פאַסט־טאָג. לויטן גלויבן, מישפּעט גאָט די וועלט אין דעם דאָזיקן טאָג.

יוסף (יאָסעף).

יוצא (יויצע) זיין — דערפילן די פליכט; אויספּיינען זיך פאַר מענטשן; פון יוצא וועגן — נישט מיטן גאַנצן האַרץ; לעפּאָנעם.

יושר (יוישער) — גערעכטיקייט; גלייך; ריכטיק; רעכט.

יחדיו (יאַכדאָוו) — צוזאַמען, אינאיינעם; באַשוטפעסדיק.

יחוס (ייכעס) — אָפּשטאַם; פיינע, הויכע אָפּשטאַמונג; פאַמיליע־שטאָלץ; אַריסטאָקראַטישקייט.

יחיאל (יעכיעל).

ים (יאַם). מעטאַפאָריש: גרויסע מאָס, צאָל, אַז אַ שיעור.

ימח־שמו (יימאַך שעמוי) — אָפּגעמעקט זאָל ווערן זיין נאָמען; ימח שמו וזכרו (יימאַך שעמוי וועזיכרוי) — אָפּגעמעקט זאָל ווערן זיין נאָמען און זיין אָנדענק; ימח שמם וזכרם (יימאַך שעמאָם וועזיכראָם) — דאָס אייגענע אין באַצוג צו מער ווי איין פערזאָן.

ימים־נוראים (יאָמים־נויראָים) — פאָרכטיקע טעג. די צען טעג פון ראָשעשאָנע ביז יאָנקיפּער.

יסורים (יעסורים) — ערגערניש, זאָרגן, ווייטיקן, שמערצן.

יפהפיה (יעפייפיע) — גאָר אַ שיינע, שיינהייט. איראָניש: נישט קיין שיינע, העסלעכע.

יציאת־מצרים (יעציאַס־מיצראַים) — דאָס אַרויסגיין פון די יידן פון עגיפּטן. מעטאַפאָריש: וווּנדער.

יצר־הרע (יעצער־האָרע) — פאַרפירער, פאַרפירערישער גייסט, וואָס רעדט אָן צו שלעכטס; שלעכטער ווילן; שלעכטע לײדנשאַפט; דער יעצער־האָרע האָט אַן אייזערנעם פּיסק — ער איז גוווּער.

ירגזון (יי ר ג אָ ז ן) — צאָרן; שטרענג, בייזלער.

ירוחם הקטן (י ע ר ו כ ע ם ה אַ ק אָ ט ן) — ירוחם דער קליינער. דאָ: אַ נאָמען פון אַ באַרימטן חזן.

ירושה (י ע ר ו ש ע) — פאַרמעגן, וואָס בלייבט נאָך אַ געשטאָרבענעם; פאַרמעגן און אויך גייסטיקע פעיקייטן, וואָס מע נעמט פון עמעצן איבער. מערצאָל: ירושות (י ע ר ו ש עס).

ירושלים (י ע ר ו ש אָ ל אַ י ם).

יריד (י אַ ר י ד) — מאַרק־טאָג; גרויסער טומל, גערודער; אויפן הימל אַ יריד — אַן אויסגעטראַכטע זאַך.

יש (י ע ש) — געמיינט: ווערטפולער מענטש; ווערטפולע זאַך; וויכטיקע פערזאָן.

ישׂראל (יי ס ר אָ ע ל).

יתום (י אָ ס ע ם) — אַ יינגל, וואָס זיין פאָטער אָדער מוטער זענען געשטאָרבן. מערצאָל: יתומים (י ע ס ו י מ י ם). יתומה (י ע ס ו י מ ע) — דאָס אייגענע וואָס „יתום“ אין באַצוג צו אַ מיידל. מערצאָל: יתומות (י ע ס ו י מ ע ס).

כ.

כבוד (ק אָ וו ע ד) — אַכטונג, ערע, רעספּעקט; רום; איראָניש: פּאַראַד.

כּדאי (ק ע ד א י) — ס'לוינט זיך, ס'איז ווערט.

כּדומה־למשל (ק ע ד ו י מ ע ־ ל ע מ אָ ש ל) — צום ביישפּיל, אשטייגער.

כדרך התגרים (ק ע ד ע ר ע ך ה אַ ט אַ ג ר י ם) — אויפן פּראַקטישן, סאָכרעשן וועג.

כדת משה וישׂראל (ק ע ד אַ ס מ ו י ש ע וו ע יי ס ר אָ ע ל) — לויטן יידישן רעליגיעזן געזעץ; אַ פּראַזע, וואָס דער כאָסן זאָגט צו דער קאַלע אונטער דער כופּע.

כטוב לב המלך ביין (ק אַ ט ו י וו ל יי וו ה אַ מ ע ל ע ך ב אַ י אָ י ן) — אַ זאַץ פון דער מגילה, וואָס דער טייטש איז: ווען דעם קיניגס הארץ איז געווען פריילעך פון וויין. דאָ: ווען ער איז געווען אויפגעלייגט נאָך אַ שנעפּסל.

כהרף־עין (ק ע ה ע ר ע ף ־ אַ י ן) — אין איין אויגנבליק.

כוס, כוסה (קאָס, קויסע) — בעכער, גלעזעלע, קעלישעק, באָקאַל. מערצאָל: כוסות (ק ו י ס ע ס); נעמען אַ כוסה — מאַכן אַ שנאַפּס.

כח (ק ו י ע ך) — קראַפט, שטאַרקייט; מי; מאַכט; אָנשטרענגונג. מערצאָל: כחות (ק ו י כ ע ס); זיך אָנטון אַ כח — צולייגן מי.

כח־הדמיון (ק ו י ע ד ־ ה א ד י מ י ע ן) — פֿאַנטאַזיע; אילוזיע; פֿאָרשטע־לונגס־קראַפֿט.

כּיבוד (ק י ב ע ד) — דאָ: אויפֿנאַמע.

כּיבוד־אָב (ק י ב ע ד ־ אָ װ) — דאָס געבאָט פֿון ערלעך האַלטן דעם פֿאָטער.

כּיוון (ק י װ ן) — ספּעציעלער מיין.

כּך הווה (ק אַ ד ־ ה אַ װ ע) — אַזוי איז געווען, געשען.

כּך־וכך (ק א ד ־ װ ע ק א ד) —אַזוי און אַזוי.

כּל דכפֿין ייתי ווייכול (ק אָ ל ד י כ פּ י ן י ס י װ ע י כ ל) — ווער עס איז הונגעריק, זאָל אַריינקומען עסן.

כּל־המינים (ק אָ ל ־ ה א מ י נ י ם) — אַלערליי סאָרטן.

כּל־השבועות (ק אָ ל ־ ה א ש װ ו ע ס) — אַלערליי שווערעכצן.

כּל־זמן (ק אָ ל ־ ז מ א ן) — ווי לאַנג; אַזוי לאַנג ווי...

כּל־ימיו (ק אָ ל ־ י אָ מ אָ װ) — אַלע זיינע יאָרן; זיין גאַנץ לעבן.

כּל־ישׂראל (ק אָ ל ־ י ס ר אָ ע ל) — אַלע יידן, דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק.

כּל מאמינים שהוא (ק אָ ל מ א מ י נ י ם ש ע ה ו) — פֿאַרגרייזט פֿון וואָרט „כּל־המינים“ און געמיינט: פֿון אַלערליי מינים, סאָרטן.

כּל־נדרי (ק אָ ל ־ נ י ד ר ע) — א טפֿילע ערעוו יאָנקיפּער פֿאַרנאַכט.

כּלה (ק א ל ע) — פֿאַרקנאַסטע; א מיידל, וואָס האָט אַ כאָסן. מערצאָל: כּלות (ק א ל ע ס).

כּלומרשט (ק ל ו י מ ע ר ש ט) — קלאָמפּערשט; אַזוי צו זאָגן; גלייך ווי; מיט אַן אָנשטעל; אָפּנאַרנדיק.

כּלי־זמר (ק ל ע ז מ ע ר) — שפּילער, מוזיקאַנטן אויף יידישע כאַסענעס. מערצאָל: כּלי־זמרים (ק ל ע ז מ אָ ר י ם).

כּלי (ק יי ל ע) — געשיר, אינסטרומענט. מערצאָל: כּלים (ק יי ל י ם) — מאַכשירים; אַרבעטן מיט אַלע כּלים — אַרבעטן אָנגעשטרענגט, ענערגיש; אַרויס פֿון די כּלים — אַרויס פֿון געדולד, זיין אויפֿגערעגט, איבערראַשט; אָנשטעלן די כּלים — דאָ: די העלדזער, די שטימעס. די שמשים (ש א ־ מ אָ ס י ם — ב אַ ד י נ ע ר) מיט די כּלים — דאָ: די באַדינער פֿון דער כעווורע־קדווישע (זע: ח ב ר ה ־ ק ד י ש א) מיט דעם געצייג, וואָס מע באַנוצט ביים מעקאַבער זיין א טויטן.

כּלי־זין (ק ל יי ־ ז א י ע ן) —וואָפֿן, געווער. דאָ: די שפּיל־אינסטרומענטן.

כּלל (ק ל א ל) — איגנאַנצן, איבערהויפּט; פּרינציפּ.

כלל=ישראל (ק ל א ל = יי ס ר אָ ע ל) — די גאַנצע יידישע געזעלשאפט; דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

כמעט (ק י מ א ט) — שיר, נאָענט צו דער פולקאָמער צאָל.

כסדר (ק ע ס יי ד ע ר) — אָן אויפהער, נאָכאַנאַנד.

כעס (ק א א ס) — צאָרן, פארדרוס, אויפרעגונג.

כף=הקלע (ק אַ ף = ה אַ ק ע ל ע) — לויטן אבערגלויבן, אַ שטראָף פאַר די זינדיקע אויף יענער וועלט.

כפול=שמונהדיק (ק אָ פ ל = ש מ ו י נ ע ד י ק) — אכטפאַכיק. געמיינט: שטאַרק און גוט.

כפרה (ק א פ אָ ר ע) — פארגעבונג, אויסלייזונג. געמיינט: דאָס אַלץ, וואָס ווערט ביי רעליגיעזע יידן געקוילעט ערעוו יאָנקיפער אלס אויסלייזונג פאר זייערע זינד; כפרות (ק א פ אָ ר ע ס) שלאָגן — אוועקווארפן, זיך אָפזאָגן פון עפעס אָדער עמעצן; די כפרה זאָלסטו ווערן — אזא שעלטונג; ווערן די כפרה נאָך עמעצן — אויסגיין, כאַלעשן נאָך עמעצן; טויגן אויף כפרות — נישט טויגן צו גאָרנישט.

כקריעת ים=סוף (ק ע ק ר י ע ס י א ם = ס ו ף) שווער — זייער שווער, שווער ווי דאָס שפאלטן דעם רויטן יאם (לויט דער ביבל).

כרך=גדול (ק ר א ד = ג אָ ד ל) — גרויסע שטאָט.

כישוף (ק י ש ע ף) — צויבער; כישופמאכער — דער וואָס טוט אָפ כישוף.

כשר (ק אָ ש ע ר) — ריטואל דערלויבט; ריכטיק, גוט; ריין, ערלעך; א כשרער טאָפ מיט א כשרן לעפל — געמיינט: ווען אלץ גייט גאנץ גלאט און ס'איז נישטאָ קיין שאַלעם צו מאַכן; כשר=לעמעלע — אומשולדיק שעפעלע (איראָניש).

כתבים (ק ס אָ וו י ם) — דאָ: מאַנוסקריפטן.

ל.

לא (ל ו י) — ניין, נישט; „לא מיט אַן אלף“ (א ל ע ף) — ניין; אזוי זאָגט מען, ווען מע וויל א זאך שטאַרק פארניינען, צום אונטערשיד פון „לו“ (ל ו י) מיט א ו (וו אָ ו), וואָס האָט א צווייטן טייטש.

לא=דאי (ל ו י = ד א י) — נישט גענוג, נאָך ווייניק וואָס...

לאה (ל יי ע).

לבנה (ל ע וו אָ נ ע). לבנה=פנים (פ אָ נ ע ם) — א קיילעכדיק, בלאַס געזיכט.

לבתי היקרה החשובה החכמה מרת רייזל שתחי' (ל ע ב י ט י ה א י ע־ ק אָ ר ע ה א כ א ש ו וו ע ה א כ א כ אָ מ ע מ אָ ר א ס ר יי ז ל ש ע ט י כ י ע) — צו מיין טייערער, געשעצטער, קלוגער טאָכטער, די הארנטע רייזל זאָל לעבן.

להבדיל (ל ע ה א וו ד ל) — נישט צום פארגלייכן. צושפרוך, ווען מע רעדט גלייכצייטיק וועגן א הייליקער און נישט הייליקער זאך; ווערט אָפט באַנוצט, ווען מע דערמאָנט ביינאַנד צוויי זאַכן, וואָס מע טאָר זיי נישט פאַרגלייכן.

להוט (ל אָ ה ע ט) — גיריק, גייציק.

לוויה (ל ע וו א י ע) — טרויער־צוג; דאָס באַגלייטן א געשטאָרבענעם צו זיין אייביקער רו.

לוט (ל אָ ט) — א ביבלישע געשטאַלט; ווערסט ווערן ווי לוטס ווייב — געמיינט: אומקומען. לויט דער ביבל איז לוטס ווייב פארוואַנדלט געוואָרן אין א שטיק זאַלץ, ווען זי האָט זיך אומגעקוקט אויף איר געבוירן־שטאָט סדום (ס ד אָ ם).

לויתן (ל י וו י אָ ס ן) — וואלפיש; לעגענדארער פיש, וואָס איז צוגעגרייט פאר די פרומע אויף יענער וועלט; העכט, וואזשנער פאַרשוין.

לולב (ל ו ל ע וו) — פאלמען־צווייג, וואָס ווערט גענוצט סוקעס צום עסרעג־ בענטשן צו שאָקלען מיט איר. פון דעם אויסדרוק: ציטערן ווי א לולב. מערצאָל: לולבים (ל ו ל ע וו י ם).

לאמרן (ל יי מ ע ר ן) — אויסרעדן זיך, אָפּרעדן זיך פון האַרץ, ארייַנלאמרן (א ר יי נ ל יי מ ע ר ן) — ארייַנזאָגן.

לזכרון (ל ע ז י ק אָ ר ן) — צום אָנדענק.

„לחיים“ (ל ע כ א י ם) — צום לעבן, צום געזונט. ווונטש ביים טרינקען וויין, בראָנפן; מאַכן אַ לחיים — אַ שנאַפּס מאַכן.

לחלוטין (ל א כ ל ו ט י ן) — אינגאַנצן, אבסאָלוט.

ליהודים (ל יי ה ו ד י ם) — געמיינט: לוסטיק און פריילעך. לויטן פּאָסעק אין דער פּורים־מעגילע: „ליהודים היתה אורה וששון“ (ל יי ה ו ד י ם ה אָ י ס ע א ו י ר ע וו ע ס אָ ס ן) — די יידן איז געוואָרן ליכטיק און פריילעך.

ליצנות (ל ע צ אָ נ ע ס) — ווויצלעריי, אָפּשפּאַסעריי.

לכבוד (ל ע ק אָ וו ע ד, ל י כ וו ו י ד) — צוליב; צום ערן עמעצן אָדער עפּעס.

לכתחילה (ל ע כ אַ ט כ י ל ע) — צוערשט, אין אָנהייב, פון פאָרויס.

למאי (ל ע מ א י) — פארוואָס, צו וואָס, נאָך וואָס.

למדן (ל א מ ד ן) — קענער, קענער פון דער אלטער יידישער רעליגיעזער ליטע־ ראַטור. מערצאָל: למדנים ((ל א מ ד אָ נ י ם).

למזל (לעמאזל) — מיט גליק.

למען־השם (לעמאן־האשעם) — פון גאָטס וועגן. געמיינט: אומבאדינגט.

למשל (לעמאָשל) — צום ביישפּיל.

לעזאזל (לאזאָזל) גיין — גיין צו אלדי טייוול; זיך אָפּטראָגן.

לעת־עתה (לעסאטע) — דערווייל, פּאָרלויפיק.

לסוף (לעסאָף) — צום לעצט; ענדלעך.

לץ (לעץ) — וויצלער, קאטאָוועס־טרייבער; טייוול, וואָס טוט אָפּ פּארשידענע שפּיצלעך. מערצאָל: לצים (לייצים); לצעווען (לעצעוועז) — טרייבן שפּאס; אָפּשפּאָסן.

לרוב (לעראָוו) — איבערגענוג, א סאך.

לשון (לאָשן) — צונג; שפּראך.

לשון־הרע (לאָשן־האָרע) — שלעכטע רייד, בארעדעריי.

לשון־קודש (לאָשן־קוידעש) — די העברעישע שפּראך.

לשם (לעשעם) — צוליב.

לשנה־טובה (לעשאָנע־טויווע)־קארטן — יידישע ניי־יאָר־ווונטש־קארטן.

מ.

מאיר (מייער).

מאכל (מאכל) — שפּייז; עסנוואַרג; געריכטס. מערצאָל: מאכלים (מא־כאָלים).

מאנשי־שלומנו (מעאנשיי־שלוימיינו) — אייגענע מענטשן, אונדזעריקע.

מאריך (מארעד) זיין — אויספירלעך רעדן; לאנג ברייען; מאריך־ימים (מארעד־יאָמים) זיין — האָבן לאנגע יאָרן, א לאנג לעבן.

מבולבל (מעוווּלבל) ווערן — צעמישט ווערן.

מבטיח (מאַוטיעד) זיין — צוזאָגן, פארזיכערן.

מבטל (מעוואַטל) זיין — צונישט מאכן, אנולירן, אָפּשאפן; איגנאָרירן, באגאטעליזירן.

מבין (מייוון) — דער, וואָס פארשטייט, זאך־קענער. מערצאָל: מבינים (מעווינים).

מבינות (מ ע ו ו י נ ע ס) — זאַך־קענטשאַפט; מבינות זאָגן — אָפּשאַצן, זאָגן אַ מיינונג.

מבקר־חולה (מ ע וו א ק ע ר כ ו י ל ע) זיין — באַזוכן א קראַנקן.

מגדל (מ ע ג אַ ד ל) זיין — אויפהאָדעווען, דערציען.

מגושם (מ ע ג ו ש ע ם) — פאַרגרעבטער; פּראָסטער; וווּלגאַרער; באַלייבטער; מגושמדיק — פאַרגרעבט.

מגזם (מ ע ג א ז ע ם) זיין — איבערטרייבן.

מגע־ומשא (מ א ג ע ־ א ו מ א ס ע) האָבן — האָבן געשעפטן מיט עמעצן; קאָנטאַקט; קומען אין באַרירונג, באַציונג.

מגפה (מ אַ ג ײ פּ ע) — עפּידעמיע, אַ ווייסטע בראָך. מערצאָל: מגפות (מ אַ ג ײ ־ פּ ע ם).

מדבר (מ י ד ב ע ר) — דאָ: אַ העק, אַ פאַרוואָרפן ווינקל, אָרט.

מדינה (מ ע ד י נ ע) — לאַנד, מעלוכע. מערצאָל: מדינות (מ ע ד י נ ע ס).

מה־דאָך (מ א ד אָ ד) — אויב שוין, איז דאָך... אַוואַדע.

מה־נשתנה (מ א ־ נ י ש ט אַ נ ע) — מיט וואָס איז אַנדערש. ערשטע ווערטער פון די פיר קשיות (ק א ש ע ם) אין דער האַגאָדע; חכם (כ אָ כ ע ם) פון דער מה־נשתנה — איראָניש איבער א נארישן מענטש, וואָס ער האַלט זיך פאַר אַ קלוגן (אין דער „מה־נשתנה“ פיגורירט א חכם).

מה דקאמרי רביצין (מאַ דעקאָאמרע רעביצן) ווייסט ער נישט — געמיינט: פאַרשטייט גאָרנישט.

מה־שמכם (מ א ש מ ײ כ ע ם) — ווי רופט מען אייך? ווי הייסט איר?

מהאי־טעמא (מ ע ה א י ־ ט א מ ע) — צוליב דעם דאָזיקן מאָטיוו, צוליב דעם טאַקע.

מהיכא־תיתי (מ א כ ט ײ ס ע) — זאָל זיין אזוי; עס איז רעכט; פאַרוואָס דען נישט! מיט פאַרגעניגן.

מודה (מ ו י ד ע) זיין — אָנערקענען, זאָגן דעם עמעס.

מודיע (מ ו י ד י ע) זיין — צו וויסן טון, מעלדן, באַקאַנט מאַכן.

מוהל (מ ו י ע ל) — באַשניידער. דער, וואָס פירט דורך דאָס מאַלע זיין.

מוחל (מ ו י כ ל) זיין — אַנטשולדיקן; נישט פאַריבל נעמען; פאַרגעבן; פאַרצייכטן.

מוכר־ספרים (מ ו י כ ע ר ־ ס פ אָ ר י ם) — פאַקן־טרעגער, ארומפאָרנדיקער ביכער־פאַרקויפער, וואָס האָט זיין גאַנצע סכוירע געטראָגן אין א פּאַק אויף די פּלייצעס.

מוסר (מ ו ס ע ר) — שטראָף־רייד, מאָראַל; **מוסר אַראָפּנעמען** — זיך אָפּלער־נען, זיך נעמען אַ ביישפּיל.

מוסר־נפש (מ ו י ס ע ר ־ נ ע פ ע ש) זיך זיין — אַוועקברענגען זיך; זיך איבערגעבן מיט לייב און לעבן; איינשטעלן דאָס לעבן פאַר עמעצן, פאַר אַן אידעאַל.

מוצלח (מ ו צ ל ע ד) — דער, וואָס דאָס גליק שפּילט אים צו.

מורא (מ ו י ר ע) — שרעק; געוואַלדיק.

מזבח (מ י ז ב יי ע ד) — אַלטאַר. מערצאָל: **מזבחות** (מ י ז ב יי כ ע ס).

מזג־טוב (מ ע ז ע ג ־ ט אָ ו) — גוטער, מילדער, גוטמוטיקער כאַראַקטער.

מזומן, מזומנים (מ ע ז ו מ ע ן, מ ע ז ו מ אָ נ י ם) — באַר־געלט, קאַסע־געלט.

מזכה (מ ע ז א ק ע) זיין — באַערן, באַשענקען, באַגליקן.

מזכיר־נשמות (מ א ז ק י ר ־ נ ע ש אָ מ ע ס) זיין — דערמאָנען געשטאָרבענע.

מזל (מ אַ ז ל) — שיקזאַל; באַשערטקייט; גליק; מאַראָכע.

מזל־טוב (מ אַ ז ל ־ ט אָ ו) — גרויס גליק. אַ ווונטש־פאָרמולע. דאָס אייגענע: **מזל־ברכה** (מ א ז ל ־ ב ר אָ כ ע).

מח, מוח (מ ו י ע ד) — קאָפּ, געהירן. מערצאָל: **מוחות** (מ ו י כ ע ס).

מחויב (מ ע כ ו י ע ו) זיין — פאַרפליכטעט זיין.

מחותן (מ ע כ ו ט ן) — פאָטער אָדער מאָנטער קאָרעוו פון כאָסן־קאַלע; באַפריינדעטער, אייגענער, נאָענטער; קנאַפּער מחותן — געהער זיך נישט אָן, האָט נישט קיין געמיינזאַמס. מערצאָל: **מחותנים** (מ ע כ ו ט אָ נ י ם).

מחיה (מ ע כ א י ע) זיין — דערקוויקן; **זיך מחיה זיין** — זיך פרייען, פאַר־געניגן האָבן.

מחילה (מ ע כ י ל ע) — האָט נישט פאַריבל, אַנטשולדיקט.

מחמת (מ אַ כ מ ע ס) — ווייל.

מחנה (מ א כ נ ע) — אַ גרויסע גרופּע, מענגע, מאַסע.

מחשבה (מ א כ ש אָ ו ע) — געדאַנק, מיין. מערצאָל: **מחשבות** (מ א כ ־ ש אָ ו ע ס).

מטבע (מ א ט ב יי ע) — געלטשטיק. מערצאָל: **מטבעות** (מ א ט ב יי ע ס).

מטה (מ י ט ע) — טראָג־בעטל פאַר אַ טויטן.

מטופל (מ ע ט ו פ ל) — באַלאַסטעט, באַלאָדן מיט אַ גרויסער פאַמיליע, געזינדל.

מטושטש (מ ע ט ו ש ט ע ש) ווערן — פאַרנעפּלט, פאַרמישט, צעמישט ווערן.

מטריח (מ אַ ט ר י ע ד) זײַן — זיך באַמיִען, באַלעסטיקן.

מי־יודע (מ י ־ י ו י ד יי ע) — ווער ווייסט.

מיאוס (מ י ע ס) — גישט שיין; העסלעך.

מיאש (מ ע י א ע ש) זיך זײַן — פֿאַרצווייפֿלען; רעזיגנירן.

מיוחס (מ ע י ו כ ע ס) — דער, וואָס שטאַמט פֿון אַן אָנגעזעענער פֿאַמיליע; אַ פּריווילעגירטער; פֿאָררייסענער. מערצאָל: מיוחסים (מ ע י ו כ אָ ס י ם).

מילא (מ יי ל ע) — נו, זאָל זײַן.

מימרא (מ ע מ ר ע) — סענטענץ; זאָגעכץ; נאָכזאָגעכץ; ווערסיע. מערצאָל: מימרות (מ ע מ ר ע ס).

מין (מ י ן) — סאָרט; אַרט. מערצאָל: מינים (מ י נ י ם).

מישב (מ ע י א ש ע וו) זײַן זיך — זיך באַטראַכטן, באַרעכענען, באַקלערן, זיך איבערלייגן.

מיתה־משונה (מ י ס ע ־ מ ע ש ו נ ע) — אויסטערלישער, אומנאַטירלעכער טויט.

מכבד (מ ע כ א ב ע ד) זײַן — באַערן, אויפֿנעמען אַ גאַסט מיט קיבעד; דער־לאַנגען.

מכה (מ א ק ע) — בלאָטער, געשוויר; פּלאָג, אומגליק, בראָך. מערצאָל: מכות (מ אַ ק ע ס); עסט אַליין מכות — ער עסט גאָרנישט; האָט געהאַט מכות — קרענק און ווייטיק האָט ער געהאַט.

מכוערדיקע (מ ע ק ו ע ר ד י ק ע) — די העסלעכע, מיאוסע.

מכח (מ י ק ו י ע ד) — וועגן; מכח תכלית (מ י ק ו י ע ד ט א כ ל ע ס) — וועגן אַ צוועק; וועגן פּראַקטישע זאַכן.

מכשף (מ ע כ א ש ע ף) — קישעפֿמאַכער. מערצאָל: מכשפֿים (מ ע כ א ש ־ פֿ י ם).

מכשפה (מ א כ ש יי פֿ ע) — דאָס אייגענע וואָס „מכשף“ אין באַצוג צו אַ פֿרוי; באַצייכענונג פֿון אַ בייזער, שלעכטער פֿרוי.

מלא־חן (מ אָ ל ע ־ כ יי ן) — פֿול מיט רייץ, זייער שיין, גראַציעז.

מלא־רציחה (מ אָ ל ע ־ ר ע צ י כ ע) — שטאַרק אויפֿגערעגט, אויפֿגעבראַכט.

מלא־שמחה (מ אָ ל ע ־ ס י מ כ ע) — זייער פֿריילעך.

מלאך (מ א ל ע ך). מערצאָל: מלאכים (מ א ל אָ כ י ם); מלאך־המות (מ א ל ע ך ־ ה אַ מ אָ וו ע ס) —מלאך פֿון טויט.

מלאכה (מ ע ל אָ כ ע) — אַרבעט, פֿאַך, באַשעפֿטיקונג, פּראָפֿעסיע, האַנטווער־קעריי. מערצאָל: מלאכות (מ ע ל אָ כ ע ס).

מלאכי־חבלה (מ א ל א כ ע ־ כ א ב אָ ל ע) — צעשטערער, בייזע מלאכים.

מלבוש (מ א ל ב ע ש) — קלייד. מערצאָל: מלבושים (מ א ל ב ו ש י ם) — אָנטועכץ, באַקליידונג.

מלחמה (מ י ל כ אָ מ ע) — קאַמף; קריג. מערצאָל: מלחמות (מ י ל כ אָ ־ מ ע ס).

מליץ (מ יי ל י ץ) — פאַרטיידיקער, גוט־זאָגער, פאַרענטפערער; מליץ־יושר (מ יי ל י ץ ־ י ו י ש ע ר) — דאָס אייגענע, וואָס „מליץ“ — דער, וואָס נעמט זיך אָן פאַר אַ גערעכטער זאַך.

מליצה (מ ע ל י צ ע) — קלינגענדיקע פראַזע, געקינצלטע שפּראַך; מליצה־ווער־טער, מליצה־בריוו — ווערטער און בריוו, וואָס באַשטייען פון הויכע פראַזן.

מלך (מ ע ל ע ך) — קעניג. מערצאָל: מלכים (מ ע ל אָ כ י ם).

מלכה (מ אַ ל ק ע) — קעניגין. מערצאָל: מלכות (מ אַ ל ק ע ס).

מלמד (מ ע ל אַ מ ע ד) — לערער פון יידישע רעליגיעזע לימודים. מערצאָל: מלמדים (מ ע ל אַ מ ד י ם).

ממה־נפשך (מ י מ אָ נ ע פ ש ע ך) — אָדער־אָדער, איינס פון די ביידע; סיווי; אונטער יעדן פאַל.

ממזר (מ אַ מ ז ע ר) — אומגעזעצלעך קינד. מעטאַפאָריש: כיטרער, דורכגעטרי־בענער מענטש; קלוגער, געשיקטער; כעוורע־מאַן; מינדערווערטיקער; ממזר־קלוג — זייער קלוג; אַ דאָלאַר איז ביי אים אַ ממזר — שפּילט נישט ביי אים קיין ראָל; ממזרישע אויגן — שעלמישע, קלוגע, פייערדיקע אויגן. מער־צאָל: ממזרים (מ אַ מ ז יי ר י ם).

ממש (מ אַ מ ע ש) — פאַקטיש, ווירקלעך, טאַקע, בוכשטעבלעך; קאָנקרעט; אינדעראמתן; מתנות (מ אַ ט אָ נ ע ס) ממש — ווערטפולע מתנות.

ממשלה (מ ע מ ש אָ ל ע) — מאַכט, הערשאַפט, דאָס געוועלטיקן; קעניגרייך.

מן־השמים (מ י ן ־ ה אַ ש אָ מ אַ י ם) — באַשערט פון הימל, פון גאָט אַליין.

מנהג (מ י נ ע ג) — איינפיר, שטייגער, טראַדיציע. מערצאָל: מנהגים (מ י נ אָ ־ ג י ם).

„מנורה“ (מ ע נ ו י ר ע) — דאָ: אַ נאָמען פון אַ יידישער שונד־פּיעסע.

מנחה (מ י נ כ ע) — דאָס פאַרנאַכטיקע דאַווענען; מנחה־צייט — פאַרנאַכט.

מנין (מ י נ י ע ן) — די צאָל פון וויי‌ניקסטנס צען דערוואַקסענע יידן, וואָס דאַווענען צוזאַמען. מערצאָל: מנינים (מ י נ י אָ נ י ם).

מניעה (מ ע נ י ע) — שטערונג, אָפּהאַלט. מערצאָל: מניעות (מ ע נ י ע ס).

מנשה (מ ע נ א ש ע).

מסוכן (מ ע ס ו כ ן) — געפערלעך.

מסירת־נפש (מ ע ס י ר ע ס ־ נ ע פ ע ש) — טריישאַפט, איבערגעגעבנקייט; זעלבסט־אויפאָפּפערונג; דאָס שטעלן דאָס לעבן אין געפאַר פאַר עמעצן, פאַר עפּעס.

מסכים (מ אַ ס כּ י ם) זיין — איינשטימיק זיין, באַשטיין, נאָכגעבן.

מסתמא (מ י ס ט אָ מ ע) — וואָרשיינלעך, געוויס.

מעוברת (מ ע אַ ו ב ע ר ע ס) — שוואַנגער, טראָגנדיקע.

מעות־מזומנים (מ אָ ע ס ־ מ ע ז ו מ אָ נ י ם) — באַר־געלט, קאַסע־געלט.

מעלה (מ יי ל ע) — גוטע אייגנשאַפט; פאָרצוג. מערצאָל: **מעלות** (מ יי ל ע ס, מ אַ אַ ל ע ס).

מעמד (מ יי מ ע ד) — באַשטאַנד; פּאָזיציע; שטעל.

מענה־לשון (מ אַ נ ע ־ ל אָ ש ן) — גרויס מויל, געשליפן צינגל; באַרעדעוודי־קייט; ארויס מיט א מענה־לשון — ארויס מיט דער עמעסער שפּראַך (איראָניש).

מעריב (מ יי ר ע וו) — די אָוונט־טפילע; צוויש: **מנחה** (מ י נ כ ע) און **מעריב** — דעמערונג; אָוונט־צייט; שפּעט אין אָוונט.

מעשה (מ יי ס ע, מ אַ נ ס ע) — פּאַסירונג, געשיכטע, דערציילעכץ; געשעע־ניש. מערצאָל: **מעשות** (מ אַ נ ס ע ס, מ יי ס ע ס); **מעשה** — פונקט ווי... **מעשה־מענטש** — לייטיש; **מעשה־סקאָבעליאָוו** — אזוי ווי, מיטן זעלבן שטעל, שטייגער, ווי דער מיניסטער סקאָבעליאָוו; **אָנטון זיך א מעשה** — נעמען זיך דאָס לעבן.

מעשים (מ יי נ ס י ם, מ אַ נ ס י ם) — טאַטן, טואונגען; **מעשים ארבעטן** — טון אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, מאַכן אלע אָנשטרענגונגען, קערן וועלטן; **מעשים טובים** (מ אַ נ ס י ם ט ו י וו י ם) — גוטע, איידעלע טאַטן.

מעת־לעת (מ ע ס ל ע ס) — א טאָג מיט א נאכט; 24 שטונדן נאָכאַנאַנד.

מפורסם (מ ע פ ו ר ס ע ם) **ווערן** — באַרימט, פּאָפּולער ווערן.

מפטיר (מ אַ פ ט י ר) — דאָס אויפרופן צו דער טוירע צום שלוס פון לייענען די טוירע. דאָס דאָזיקע אויפרופעכץ איז יאכסאָניש; זיך מיט איר אָנגעפּרעגט מפטיר — אריינגעפאַלן מיט איר אין א שלעכטן אייסעק.

מפלה (מ אַ פּ אָ ל ע) — דורכפאַל. מערצאָל: **מפלות** (מ אַ פּ אָ ל ע ס).

מפקיר (מ אַ פ ק ע ר) **זיין** — אוועקוואַרפן, איבערלאָזן אויף הפקר, אויף גאָטס באַראָט; **מפקיר זיין זיך** — איינשטעלן דאָס לעבן.

מצווה (מ י צ וו ע) — רעליגיעז געבאָט; ווילטאַט, גוטע טאַט; אַ מצווה! — גוט אזוי! גאַנץ גלייך! מערצאָל: מצוות (מ י צ וו ע ם).

מציאה (מ ע צ י ע) — געפונענע זאַך; ביליק געקויפטע זאַך; אַ טייערע מציאה — איראָניש: עס האָט נישט קיין גרויסן ווערט. מערצאָל: מציאות (מ ע צ י ע ס)

מצליח (מ א צ ל י ע ד) זיין — האָבן דערפאָלג.

מצער (מ ע צ א א ר) זיין — פארשאפן ליידן, קרענקונג.

מצרים (מ י צ ר א י ם) — עגיפטן.

מקבל (מ ע ק א ב ל) זיין — דערהאלטן, באקומען; אָננעמען.

מקבל־פנים (מ ע ק א ב ל ־ פ אָ נ ע ם) זיין — אויפנעמען, באגעגענען א גאסט.

מקבל־קנין (מ ע ק א ב ל ־ ק נ י ע ן) זיין — שווערן דורך אָננעמען ביים עק טיכל (לויט דער ראבאָנישער פראָצעדור).

מקוים (מ ע ק ו י ע ם) ווערן — דערפילט, רעאליזירט ווערן, זיך פארווירקלעכן.

מקום (מ אָ ק ע ם) — אָרט; געגנט; פראָווינץ. מערצאָל: מקומות (מ ע ־ ק ו י מ ע ס).

מקנא (מ ע ק אַ נ ע) זיין — נישט פארגינען; ווען זיין אין יענעמס לאגע.

מרהשחורהדיקער (מ אָ ר ע ־ ש כ ו י ר ע ד י ק ע ר) — מעלאנכאָליקער; פארזאָרגטער; פארטרויערטער; אומעטיקער.

מרעיש עולם (מ אַ ר י ש ־ א ו י ל ע ם) זיין — אויפרודערן אַ וועלט; איבער־קערן וועלטן.

מרת (מ אָ ר א ס) — פרוי; האַרנטע.

משא־ומתן (מ א ס ע ־ א ו מ א ט ן) — געשעפט; פארהאנדלונג; קאָנטאַקט.

משה (מ ו י ש ע) — נאָמען פון באפרייער און געזעצגעבער פונעם יידישן פאָלק. משה רבינו (מ ו י ש ע ר א ב יי נ ו) — אונדזער לערער מ ש ה; משה־נח (מ ו י ש ע ־ נ ו י ע ד). „משה“ — א נאָמען פון אן אלט יידיש שונד־לידל.

משוגע (מ ע ש ו ג ע) — צעמישט, דול. מערצאָל: משוגעים (מ ע ש ו ג אָ י ם).

משוגעת (מ ע ש ו ג א ס) — צעמישטקייט, נישט־קלאָרקייט, גרויסע נארישקייט.

משומד (מ ע ש ו מ ע ד) — דאָ: דורכגעטריבענער יונג, כעוורעמאן.

משונה (מ ע ש ו נ ע) — מאָדנע.

משיח (מ אָ ש י ע ד) — דער געזאלבטער; דער דערלייזער, וואָס וועט, לויט דער רעליגיע, אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק פון גאָלעס; וואַרטן ביז משיח וועט קומען — ווארטן אייביק, זיך נישט דערווארטן.

משכון (מ א ש ק ן) — פאַרזעצטע זאַך. מערצאָל: משכונות, משכנות (מ א ש ק אָ נ ע ס).

משך (מ ע ש ע ך)־צייט — געמיינט: צייט; אין משך — אין פאַרלויף, אין דער צייט.

משל (מאָשל) — פאַרגלייך; ביישפּיל.

משלח (מ ע ש א ל י י ע ך) זיין — געבן דעם וועג, אוועקשיקן.

משלשל (מ ע ש א ל ש ל) זיין — איינלייגן אין א באנק אָדער ביי א דריטער פּערזאָן.

משמח (מ ע ס א מ י י ע ך) זיין — פריילעך מאכן; זיך משמח זיין — זיך ווילן.

משמעות (מ א ש מ אָ ע ס) — וויזט אויס, ס'זעט אויס, געדרונגען.

משפּט (מ י ש פּ ע ט) — דאָ: אורטייל; משפּטן (מ י ש פּ ע ט ן) — אורטיילן.

משער (מ ע ש י י ע ר) זיין זיך — זיך אָנשטויסן; זיך פאָרשטעלן.

משפּחה (מ י ש פּ אָ כ ע) — פאַמיליע. מערצאָל: משפּחות (מ י ש פּ אָ כ ע ס).

משרת (מ ע ש אָ ר ע ס) — באַדינער; שיק־יינגל. מערצאָל: משרתים (מ ע ש אָ ר ס י ם).

מת (מ ע ס) — טויטער. מערצאָל: מתים (מ יי ס י ם).

מתודה (מ י ס ו ו א ד ע) זיך זיין — זיך אָנערקענען צו דער שולד; אויסרע־כענען די אָפּגעטוענע זינד.

מתנה (מ אַ ט אָ נ ע) — געשאַנק, פּרעזענט. מערצאָל: מתנות (מ א ט אָ־נ עס).

נ.

נאמנות (נ ע מ אָ נ ע ס) — באַגלויבטקייט; אויף נאמנות — אויפן וואָרט, אויפן ערנוואָרט.

נביא (נ אָ וו י) — דאָ: פּאָרויסזעער.

נגיד (נ אָ ג י ד) — רייכער מענטש; פאַרמעגלעכער. מערצאָל: נגידים (נ ע ג י ד י ם).

נגינה (נ ע ג י נ ע) — געזאַנג, מוזיק.

נדן (נ א ד ן) — דאָס געלט, וואָס־דער כּאָסן באַקומט פון דער קאַלע; כּאַסענע־אויסשטייער (אין געלט און אין זאכן), וואָס די עלטערן גיבן זייערע קינדער. מערצאָל: נדנם (נ א ד ע נ ס).

נוהג (נ ו י ע ג) זיך זיין — זיך פירן.

נוקם (נ ו י ק ע ם) זיין זיך — זיך אָפּרעכענען, אָפּצאָלן יענעם מיט שלעכטס פאַר שלעכטס.

נושא-חן (נ ו י ס ע - כ י ן) זיין — געפעלן ווערן, אויסנעמען ביי עמעצן.

נח (נ ו י ע ך) — אַ נאָמען; ביבל-פּערסאָנאַזש.

נחום (נ אָ כ ע ם).

נחלה (נ א כ ל ע) — אייגענע ווירטשאַפט; אייגענע שטוב; אייגנטום.

נחמה (נ ע כ אָ מ ע) — טרייסט. מערצאָל: נחמות (נ ע כ אָ מ ע ס).

נחת (נ א כ ע ס) — פאַרגעניגן, האַנאָע; פרייד.

נ"י — פאַרקירצונג פון די ווערטער: נרו יאיר (נ י ר ו י י אָ י ר) — זיין ליכט זאָל לייכטן. ביי אַלטפרענקישע יידן ווערט דאָס וואָרט אָפט באַנוצט אין בריוו ביים טיטל.

ניגון (נ י ג ן) — מעלאָדיע. מערצאָל: ניגונים (נ י ג ו נ י ם).

ניזוק ונהרג (נ י ז ע ק ו ע נ ע ר ע ג) ווערן — געשעדיקט און געהאַרגעט ווערן; אַרויס מיט צעבראָכענע ביינער.

ניחא (נ י כ ע) זיין — זיין אָנגענליינגט, אָנגענעם, צום האַרצן; רעכט.

נישקשה (נ י ש ק אָ ש ע) — נישט שלעכט, נישט צומערגסטן; נישט געזאָרגט; ס'מאַכט נישט אויס.

נכפה (נ ע כ פ ע) — קרענק; גרימצאָרן; אַזאַ שעלטונג; קאַאָס.

נמאס (נ י מ ע ס) ווערן — דערעסן, פאַרמיאוסט ווערן; נמאס ומאוס (נ י - מ ע ס א ו מ אָ ע ס) — שטאַרק פאַרהאַסט, עקלדיק.

נס (נ ע ס) — וווּנדער; נס מן השמים (נ ע ס מ י ן ה א ש אָ מ א י ם) — אַ וווּנדער פון הימל. מערצאָל: נסים (נ י ס ע ם); נסים ונפלאות (נ י - ס ע ם ו ע נ י פ ל אָ ע ס) — וווּנדער איבער וווּנדער.

נסיון (נ י ס אָ י ע ן) — פּרווו, אויספּרוווונג, שוועריקייט. מערצאָל: נסיונות (נ י ס י ו י נ ע ס).

נסיעה (נ ע ס י ע) — רייזע. מערצאָל: נסיעות (נ ע ס י ע ס).

נע-ונד (נ אַ ו ע נ אַ ד) זיין — וואָגלען, אַרומוואַנדערן, נישט האָבן קיין באַ- שטענדיק אָרט; נע-ונדניק (נ אַ ו ע נ אַ ד נ י ק) — וואָגלער, וואַנדערער.

נעלם (נ ע ל ע ם) ווערן — פאַרשווונדן, פאַרפאַלן ווערן.

נפקא-מינה (נ אַ פ ק ע - מ י נ ע) — אונטערשיד.

נפש (נ ע פ ע ש) — מענטשלעך באַשעפעניש; לעבן; פאַרשוינדל (אין פאַראַכט- לעכן זין); נפש-אחת (נ ע פ ע ש - אַ כ אַ ס) — איין וועזן, איין נעשאָמע. מערצאָל: נפשות (נ ע פ א ש ע ס).

נצחון (נ י צ אָ כ ן) — זיג. מערצאָל: **נצחונות** (נ י צ כ ו י נ ע ס).

נצרך (נ י צ ר עד) — נויטבאַדערפטיקער; אָרעמאַן.

נקבה (נ ע ק יי ו ע) — פרוי; אויסגעלאַסענע פרוי. מערצאָל: **נקבות** (נ ע ק יי־ו ע ס).

נקמה (נ ע ק אָ מ ע) — אָפּצאָלונג פאַר שלעכטס, ראַכע.

נשמה (נ ע ש אָ מ ע) — לעבן: געם מיין נשמה; אָטעם: ער פאָכעט מיט דער נשמה; געמיט: אַ פאַרביטערטע נשמה; האַרץ: גרינגער אויף דער נשמה.

נתן מעות, לקח קמח (נ אָ ס ן מ אָ ע ס, ל אָ ק אַ ח ק ע מ אַ ד) — געגעבן געלט, גענומען מעל. געמיינט: נאַט אייך דעם כויוו, און גיט מיר צוריק דעם מאַשקן.

נתפעל (נ י ס פ אָ ע ל) ווערן — איבערראַשט ווערן; אַנטציקט ווערן.

ס.

סביבה (ס ו י ו ע) — דאָ: אומגעגנט.

סברה (ס ו אָ ר ע) — מיינונג, געדאַנק, האַשאָרע, היפּאָטעזע. מערצאָל: **סברות** (ס ו אָ ר ע ס).

סגולה (ס ג ו ל ע) — מיטל; היילונג. מערצאָל: **סגולות** (ס ג ו ל ע ס).

סדום (ס ד אָ ם) — נאָמען פון אַ שטאָט, וואָס איז איינגעזונקען געוואָרן, לויט דער ביבל, צוליב דער פאַרדאָרבנקייט און שלעכטסקייט פון די דאָרטיקע מענטשן. פון דעם דער אויסדרוק: איינגעזונקען ווערן ווי סדום.

סדר (ס יי ד ע ר) — אָרדענונג.

סדרה (ס ע ד ר ע) — דאָ: קאַפּיטל, אַ גאַנג; אַ קעסיידערדיק רעדן וועגן...

סוד (ס אָ ד) — געהיימעניש, סעקרעט. מערצאָל: **סודות** (ס ו י ד ע ס); **סודן** (ס ו י ד ן) זיך — שושקען, רעדן אויפן אויער שטיל, פאַרטרויליך.

סוחר (ס ו י כ ע ר) — הענדלער, קרעמער. מערצאָל: **סוחרים** (ס אָ כ ר י ם)

סוכה (ס ו ק ע) — אַ מיןביידל, אין וועלכן פרומע יידן עסן אום סוקעס. מערצאָל: **סוכות** (ס ו ק ע ס).

סוף (ס אָ ף) — שלוס, ענדע, אַן עק; **סוף־כל־סוף** (ס אָ ף ק אָ ל ס אָ ף) — ענדלעך, צום סאַמע שלוס.

סחורה (ס כ ו י ר ע) — שטאָף; האַנדלס־קעגנשטאַנד. מערצאָל: **סחורות** (ס כ ו י ר ע ס); **סחורה בחצי חינם** (ב אַ כ אָ צ ע כ י נ ע ם) — סחורה פאַר האַלב־אומזיסט.

סיבה (ס י ב ע) — אורזאַך; צופֿאַל. מערצאָל: סיבות (ס י ב ע ס).

סידור (ס י ד ע ר) — ייִדיש געבעטבוך; דאָ אויך געמיינט: שטודיום.

סיום (ס י ע ם) — שלוס, אָפּשלוס, פֿאַרענדיקונג; סיום־התורה (ס י ע ם האַ־ט ו י ר ע) — די פֿייערונג ביים פֿאַרענדיקן אַלע טיילן פֿון דער טוירע.

סימן (ס י מ ע ן) — צייכן. מערצאָל: סימנים (ס י מ אָ נ ע ם).

סך (ס אַ ך) — אַ צאָל; אַ סך (אַ ס אַ ך) — אַ גרעסערע צאָל.

סך־הכל (ס אַ כ אַ ק ל) — סומע, רעזומע, אונטערשטע שורה; בילאַנס; אַרום און אַרום, איינגאַנצן גענומען.

סכך (ס כ אַ ך) — צודעק פֿון צווייגן איבער אַ סוכע.

סכנה (ס אַ ק אָ נ ע) — געפֿאַר, לעבנס־געפֿאַר. מערצאָל: סכנות (ס אַ ק אָ נ ע ס)

סכנות (ס ק אָ נ ע ס) — שרעקלעך; סכנות־נפֿשות (ס ק אָ נ ע ס ־ נ ע פֿ אָ־ ש ע ס) — גאָר שרעקלעך, גאָר געפֿערלעך.

סמיכת־הפּרשה (ס מ י כ אַ ס ־ ה אַ פּ אַ ר ש ע) — אָנגעהעריקייט, צוזאַמענהאַנג, שייכעס.

סעודה (ס ו ד ע) — פֿייערלעכער מאָלצייט. מערצאָל: סעודות (ס ו ד ע ס).

ספק (ס אָ פּ ע ק) — צווייפֿל. מערצאָל: ספקות (ס פּ י ק ע ס).

ספר (ס י פֿ ע ר) — בוך; ייִדיש־רעליגיעז בוך; טוירע. מערצאָל: ספרים (ס פֿ אָ־ ר י ם); ספר־תורה (ס י פֿ ע ר ־ ט ו י ר ע) — די טוירע געשריבן אויף פּאַר־מעט. מערצאָל: ספרי־תורות (ס י פֿ ר י ־ ט ו י ר ע ס).

סתם (ס ט אַ ם) — גלאַט אַזוי; אַזוי זיך; אומבאַשטימט.

ע.

עבֿודה־זרה (אַ וו ו י ד ע ־ ז אָ ר ע) — אָפּגאָט; דינסט צו פֿרעמדע געטער. מערצאָל: עבֿודה־זרהס (אַ וו ו י ד ע ־ ז אָ ר ע ס).

עבֿירה (אַ וו יי ר ע) — זינד, פֿאַרברעכן; אַ שאָד. מערצאָל: עבֿירות (אַ וו יי־ר ע ס).

עגמת־נפֿש (אַ ג מ אַ ס ־ נ ע פֿ ע ש) — קרענקונג, האַרצווייטיק, פֿאַרדרוס.

עד היום הזה (אַ ד ה אַ י אָ ם ה אַ ז ע) — ביזן היינטיקן טאָג.

עד חצי המלכות (אַ ד כ אַ צ י ה אַ מ אַ ל כ ו ס) — ביז אַ העלפֿט פֿון דעם קעניגרייך. געמיינט: זייער א סאַך, דאָס טעלערל פֿון הימל.

עד חרמה (אַ ד כ אָ ר מ ע) — ביז צו פֿאַרניכטונג.

עדות (א יי ד ע ס) — דער, וואָס באַשטעטיקט פאַרן געריכט עמעצנס שולד אָדער אומשולד; **עדות זאָגן** — באַשטעטיקן פאַקטן.

עובדא (א ו ו ד ע) — באַשטעטיקונג, טועכץ; פאַקט.

עובר־בטל (א ו י וו ע ר ־ ב אָ ט ל) — אָפּגעפּאָרענער, אויסגעוועפּטער, שוין נישט ביי די געדאַנקען צוליב עלטקייט.

עוג מלך הבשן (אָ ג מ ע ל ע ד ה אַ ב אָ ש ן) — עוג, דער קעניג פון בשן (ביבלישער פּערסאָנאַזש), באַצייכענונג פון זייער א הויך־וואַקסיקן מענטש, אַ ריז.

עוולה (א וו ל ע) — אומרעכט, אומגערעכטיקייט, קריוודע. מערצאָל: **עוולות** (א וו ל ע ס).

עולם (א ו י ל ע ם) — געזעלשאַפט, פּובליקום, פאַרזאַמלטע מענטשן, א געזעמל פון מענטשן.

עולם־התוהו (א ו י ל ע ם ־ ה א ט ו י ה ו) — כאַאָס. כאַאָטישע וועלט.

עולם ומלואו (א ו י ל ע ם א ו מ ל ו י ע) — די וועלט, און אלץ, וואָס פילט זי אָן. געמיינט: א וועלט מיט וועלטעלעך; האַלט פון אים **עולם ומלואו** — האַלט פון אים גאָר און גאָר, א וועלט.

עוף (אָ ף) — געפליגל; א האָן אָדער א הון. מערצאָל: **עופות** (א ו י פ ע ס).

עופהלע (א ו י פ ע ל ע) — דאָ: אַ פּיצל קינד.

עושר (א ו י ש ע ר) — רייכער; רייכקייט. מערצאָל: **עשירים** (א ש י ר י ם).

עזות (אַ ז ע ס) — געוואַגטקייט; אומפאַרשעמטקייט, פרעכקייט; **עזות־פנימצע** (אַ ז ע ס ־ פּ אָ נ ע מ צ ע, אַ ז ע ס ־ פּ אָ נ ע מ נ י צ ע) — פרעכע, אומפאַרשעמטע פרוי.

עין־הרע (א י ע נ ה אָ ר ע) — בייז, שלעכט אויג; „גוט־אויג“; **קיין עין־הרע** — עס זאָל קיין שלעכטס נישט געשען, עס זאָל נישט פאַרשאַטן.

עיקר (א י ק ע ר) — הויפּט־זאַך, דאָס וויכטיקסטע; **עיקר־שכחתי** (א י ־ ק ע ר ־ ש אָ כ אַ כ ט י) — דאָס וויכטיקסטע האָב איך פאַרגעסן; פּאָסט־סקריפּטום.

על־חטא (אַ ל ־ כ ע ט) — נאָמען פון א טפילע, ביי וועלכער מע שלאָגט זיך אין האַרץ; **שלאָגן זיך על־חטא** — באַרויערן, באַנג טאָן, כאַראָטע האָבן.

על־כן (א ל ק יי ן) — דעריבער.

על־פּי (א ל ־ פּ י) — לויט, דורך.

על־פּי טעות (א ל ־ פּ י ט אָ ע ס) — דורך א פאַרזען.

על־פּי נס (א ל ־ פּ י נ ע ס) — דורך א וווּנדער.

על־פי סדר (אַ ל = פּ י ס יי ד ע ר) — לויט דער ריי.

עליו־השלום (אָ ל אָ וו־ה אַ ש אָ ל ע ם) — פֿרידן צו אים. א צושפּרוך, וואָס ייִדן באַנוצן, ווען מע רעדט וועגן א פֿאַרשטאָרבענעם מאַנצביל.

עליה־השלום (אָ ל ע אָ = ה א ש אָ ל ע ם) — דאָס אייגענע וואָס „עליו־השלום“ אין באַצוג צו א פֿרוי.

עמוד (אָ מ ע ד) — שטענדער, ביי וועלכן עס דאַוונט דער חזן.

עני ואביון (אָ נ י וו ע וו י ע ן) — גרויסער אָרעמאַן, בעטלער.

ענין (א י נ י ע ן) — אָנגעלעגנהייט; זאַך; פּראָבלעם; פֿראַגע; אינטערעס.

עסק (א יי ס ע ק) — ווען; געשעפֿט; אונטערנעמונג. מערצאָל: **עסקים** (אַ ס אָ ק י ם).

עצה (א יי צ ע) — ראַט; אויסוועג; איינפֿאַל. מערצאָל: **עצות** (א יי צ ע ס).

עצם (ע צ ע ם) — קערן, דאָס וועזנטלעכע; **דאָס עצם רעדן** — דאָס רעדן גופֿא.

עקשן (א ק ש ן) — איינגעשפּאַרטער. מערצאָל: **עקשנים** (אַ ק ש אָ נ י ם).

עקשנות (א ק ש אָ נ ע ס) — איינגעשפּאַרטקייט.

ערב (ע ר ע וו) — אַ טאָג פֿריער, האַרט פֿאַר.

ערב (אָ ר ע וו) **זיין** — גאַראַנטירן, פֿאַרזיכערן.

ערב־רב (א יי ר ע וו = ר א וו) — געמיש; מיש־מאַש; מענטשן־געמיש. באַצייכענונג פֿון פּינצטערע מאַסן, פּונעם המון.

ערד (ע ר ע ד) — האָ: פֿאַרגלייך; גאָרנישט דער ערד.

פּ.

פּאה (פּ יי ע) — דאָס האָר־קרייזל, וואָס פֿרומע ייִדן לאָזן וואַקסן לעבן אויער אויף דער באַק. מערצאָל: **פּאות** (פּ יי ע ס).

פּגר (פּ יי ג ע ר) — טויטער קערפּער אין פּאַראַכטלעכן זין; שאָוויניסטישער אויסדרוק וועגן א נישט־ייִדישער לעוואיע; **א פּעטער פּגר** — דאָ געמיינט: אַ גוט געשעפֿט.

פּדיון־הבן (פּ י ד י ע ן =ה א ב ע ן) — רעליגיעזע פֿייערונג אויפֿן דרייסיקסטן טאָג פֿון אַן ערשט־געבוירענעם ייִנגל, בכאָר. מערצאָל: **פּדיון־הבנם** (פּ י = ד י ע ן = ה א ב ע נ ס).

פּה־קדוש (פּ ע = ק אָ ד ע ש) — הייליק מויל; **מיט א פּה־קדוש** — געמיינט: אַרויס מיט דער „עמעסער“ שפּראַך; א גרויס מויל, א צעלאָזט מויל, באַרעדעוודיקייט; א מויל אויף שרויפֿן.

פועלן (פּ ו י ע ל ן) — אויספירן, דערגרייכן, אויסווירקן.

פורים־ (פּ ו ר י ם) **שפיל** — קליינע דראמאטישע אויפפירונג אויף א ביבלישער טעמע, וואָס פלעגט געשפּילט ווערן פּורים, ווי: „מכירת־יוסף“ (מ ע כ י־ ר א ס־ י אָ ס ע ף), „אחשורש“ (א כ א ש ו ו ײ ר ע ש) אד״גל; עס איז א פּורים־שפּיל — עס איז א קאָמעדיע, א שפּאַס.

פּותיקא (פּ ו י ט י ק ע) — גרויסע סומע געלט.

פחד (פּ א כ ע ד) — שרעק. מערצאָל: **פּחדים** (פּ כ אָ ד י ם).

פּטור (פּ אָ ט ע ר) **ווערן** — פריי ווערן, זיך אָפּטשעפּן; **פּטרן, צעפּטרן** (פּ אַ ט ע ר ן) — איבערפירן, קאליע מאכן, צעטרענצלען.

פירוש (פּ ײ ר ע ש) — טייטש, אויסטייטשונג, דערקלערונג, קאָמענטאַר. מערצאָל: **פּירושים** (פּ ע ר ו ש י ם).

„פּיתום מיט רעמסס“ (פּ י ס ע ם מ י ט ר א מ ס ע ס) — צוויי פעסטונגס־שטעט, וואָס יידן האָבן געבויט אין עגיפּטן (לויט דער ביבל); בויען **פּיתום מיט רעמסס** — מאַכן פאַנטאַסטישע פּלענער.

פלונית (פּ ל ו י נ י ס) — א פרוי, וואָס ווערט נישט דערמאָנט מיטן נאָמען; ווייב.

פניה (פּ נ י ע) — הינטער־געדאנק, זייטיקער מיין. מערצאָל: **פּניות** (פּ נ י ע ס).

פּנים (פּ אָ נ ע ם) — געזיכט; אויסזען. מערצאָל: **פּנימער** (פּ ע נ ע מ ע ר).

פסוק (פּ אָ ס ע ק) — ביבל־זאַץ; שפּרוך; זאַץ; דאָס מיינט דער פּסוק — אָט אזוי דארף מען עס פארשטיין; נישט צוגעלאָזט צום פּסוק, — נישט צוגע־לאָזט צום געשעפט, אונטערנעמונג. מערצאָל: **פּסוקים** (פּ ס ו ק י ם).

פסח (פּ ײ ס ע ך) — א יאָנטעוו צום אָנדענק פון דער באַפרייונג פון די יידן פון דער שקלאַפעריי אין עגיפּטן.

פּסק (פּ ס א ק) — אורטייל; שטראָף; אָפּשניט; **פּסק־דין** (פּ ס א ק ־ ד י ן) — געזעצלעכער אורטייל.

פּסקענען (פּ א ס ק ע נ ע ן) — ארויסטראָגן אן אורטייל.

„פּרה־אדומה“ (פּ אָ ר ע ־ א ד ו מ ע) — רויטע קו, וועלכע מע פלעגט פאַר־צייטנס צוליב ריטועלע צוועקן פארברענען און מיט איר אש רייניקן די אומריינע. דאָ געמיינט: די רויטע מויד.

פּרוטה (פּ ר ו ט ע) — גראָשן, קלענסטע מאַטבייע. מערצאָל: **פּרוטות** (פּ ר ו ט ע ס).

פּרט (פּ ר א ט) — איינצלנער, איינצלהייט; הינזיכט. מערצאָל: **פּרטים** (פּ ר אָ ט י ם).

פּריץ (פּאָרעץ) — גוטבאַזיצער; האַר; באַלעבאָס; אַ גאַנצער קנאַקער; מעיוחעס. מערצאָל: פּריצים (פּ ר י צ י ם).

פּריצה (פּ ר י צ ע) — ווייבלעכע פאָרם פון פּריץ. מערצאָל: פּריצות (פּ ר י = צ ע ס).

פּרנסה (פּ א ר נ אָ ס ע) — דער פאַרדינסט אויף אויסצוהאַלטן זיך; אויסהאַל= טונג; פּרנסה בכבוד (פּ א ר נ אָ ס ע ב ע ק אָ װ ע ד) — פולע פּאַרנאָסע, שיינע פּאַרנאָסע.

פּרצוף (פּ א ר צ ע ף) — געזיכט; פּאָנעם; אויסזען; טריפהנער פּרצוף (ט ר יי פ ע נ ע ר פּ א ר צ ע ף) — העסלעך, וואולגאַר פּאָנעם.

פּשוט (פּ אָ ש ע ט) — איינפאַך, פּראָסט, געוויינלעך.

פּשט (פּ ש א ט) — טייטש, קלאָרע אויסטייטשונג; זין.

פּשרה (פּ ש אָ ר ע) — אויסגלייך, קאָמפּראָמיס. מערצאָל: פּשרות (פּ ש אָ = ר ע ס).

פּתח (פּ א ס ע ד) — שריפט=צייכן (—) אין העברעיש, וואָס באַצייכנט דעם וואָקאַל „א“; פּתח שין („שׁ“) — שא — געמיינט: שאַ=שטיל, שווייגן, נישט רעדן.

צ.

צד (צ א ד) — זייט, איינער פון צוויי פּערזאָן אָדער איינע פון צוויי גרופּן. מערצאָל: צדדים (צ ד אָ ד י ם).

צד שכנגדו (צ א ד ש ע ק ע נ ע ג ד ו י) — קעגנערישע זייט.

צדיק (צ א ד י ק) — גערעכטער; ערלעכער, פרומער ייד. מערצאָל: צדיקים (צ א ד י ק י ם).

צדיקים גמורים (צ א ד י ק י ם ג מ ו ר י ם) — עמעסע, הונדערט=פּראָצענ= טיקע צדיקים.

צדקה=חברות (צ ד אָ ק ע = כ ע װ ר ע ס) — פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן.

צולהכעים (צ ו ל א כ ע ס) — צום פאַרדרוס; קעגן.

צורר היהודים (צ ו י ר ע ר ה א י ע ה ו ד י ם) — יידן=פיינט; אַנטיסעמיט.

צורת=מטבע (צ ו ר א ס = מ א ט ב יי ע) — ווערטלעך: דאָס אויסזען פון געלט; ווייסט נישט פון קיין צורת=מטבע — נישט קיין פּראַקטישער, אַ באַטלען.

ציוניסט (צ י אָ נ י ס ט) — אָנהענגער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. מער= צאָל: ציוניסטן (צ י אָ נ י ס ט ן).

ציצה (צ י צ ע) — דאָס פרענדזל פונעם טאַלעס און לייבצודעקל. מערצאָל: **ציצות** (צ י צ ע ס).

צלם־אלקים (צ יי ל ע ם ־ ע ל ו י ק י ם) — געמלער אויסזען. דאָ געמיינט: אויסזען, געשטאַלט; יידיש פּאָנעם. נישט אָנגעווירן קיין טראָפּן פונעם צלם־אלקים — זיך גאָרנישט פאַרענדערט; דער צלם־אלקים ליגט אים אויפן **פּנים** ((פּ אָ נ ע ם) — מע דערקענט אים באַלד אויפן פּנים, אַז ער איז אַ ייִד.

צניעות (צ נ י ע ס) — באַשיידנקייט; שעמעוודיקייט.

צער (צ א א ר) — ווייטיק; ליידן; האַרץ־קלעמעניש; קרענקונג; **צער בעלי־חיים** (צ א א ר ב א ל ע ־ כ א י ם) — ראַכמאָנעס אויף אַ לעבעדיק באַשעפעניש; נעבעך, אַ ראַכמאָנעס.

צרה (צ אָ ר ע) — אומגליק; ליידן; שלאַק; זאָרג; מאַטערניש; געווען אויף **צרות** — האָט זיך שטאַרק געמאַטערט; **על כל צרה שלא תבא** (אַ ל קאָל צאָ ר ע ש ע ל ו י ט אָ וו ו י) — וואָס פאַר אַ צאָרע, אַ שלאַק, עס זאָל גאָר נישט קומען. מערצאָל: **צרות** (צ אָ ר ע ס); **צרות־צרורות** (צ אָ ר ע ס ־ צ ע ר ו ר ע ס) — גרויסע, שווערע ליידן; אומגליקן.

ק.

קבר (ק יי ו ע ר).

קבלת־פּנים (ק אַ ב אָ ל ע ס ־ פּ אָ נ ע ם) — פייערלעכע באַגעגעניש.

קבצן (ק אַ ב צ ן) — בעטלער, גרויסער אָרעמאַן. מערצאָל: **קבצנים** (ק אַ ב צ אָ נ י ם).

קדחת (ק א ד אָ כ ע ס) — פיבער; אַ קרענק.

קדיש (ק א ד י ש) — אַ תפילע נאָך געשטאָרבענע, וואָס פרומע ייִדן זאָגן נאָכן טויט פון טאַטע־מאַמע און גאָר נאָענטע; באַשטעלן אַ **קדיש** — דינגען אַ מענטשן, וואָס זאָל זאָגן קדיש; זון, זונדל.

קדמונים (ק א ד מ ו י נ י ם) — גאָר אַלטע צייטן.

קדשי־קדשים (ק אָ ד ש יי ־ ק אָ ד אָ ש י ם) — דאָס טאַמע הייליקסטע אָרט אַמאָל אין **בית־המקדש** (ב יי ס ־ ה א מ י ק ד ע ש). דאָ געמיינט: דאָס אינערלעך־אינטימסטע, דאָס אַלערהייליקסטע.

קהילה (ק ע ה י ל ע) — ייִדישע געמיינדע־פאַרוואַלטונג.

קהל (ק אָ ה ע ל) — ייִדישע געמיינדע, ייִדישע געזעלשאַפט; קאָהעלשע גע־

שעפטן — געזעלשאפטלעכע אינטערעסן; קהלס=מאן — דער, וואָס פארנעמט
זיך מיט קאָהעלשער ארבעט, מיט שטאָטישע זאכן.

קודם (ק ו י ד ע ם) — צוערשט, פריער פון אלץ, צום אלעם ערשטן, פאר
אלעמען.

קול (ק אָ ל) — שטים. מערצאָל: קולות (ק ו י ל ע ם) — שטימען, קלאנגען;
געשרייען, געוואלדן; קולי=קולות (ק ו י ל ע = ק ו י ל ע ם) — גרויסע גע=
וואלדן, גרויסע געשרייען.

קול=נגינה (ק אָ ל = נ ע ג י נ ע) — א שטימע צום זינגען.

קול חתן וקול כלה (ק אָ ל כ אָ ס ן ו ו ע ק אָ ל ק א ל ע) — די שטים פונעם
כאָסן און די שטים פון דער קאלע. די דאָזיקע פראזע פלעגט באנוצט ווערן
אויף די ספּעציעל אָפּגעדרוקטע איינלאדונגען צו דער כאסענע.

קונדם (ק ו נ ד ע ם) — שטיפער. מערצאָל: קונדסים (ק ו נ ד יי ס י ם).

קונה (ק ו י נ ע) — קליענט, קויפער. מערצאָל: קונים (ק ו י נ י ם).

קידוש=לבנה (ק י ד ע ש = ל ע וו אָ נ ע) — טפילע צו דער לבנה=באנייונג, וואָס
פרומע יידן זאָגן אין דרויסן; קידוש=לבנה=אותיות (ק י ד ע ש = ל ע וו אָ =
נ ע = א ו י ס י ע ם) — גאָר גרויסע בוכשטאבן, מיט וועלכע עס פלעגט אמאָל
געדרוקט ווערן די טפילע פון קידוש=לבנה.

קין! (ק א י ן!) — ביבלישער פערסאָנאזש. (קאין האָט דערהארגעט זיין ברו=
דער). באצייכענונג פון א מערדער.

קל=וחומר (ק א ל = וו ע כ ו י מ ע ר) — פון גרינג צו שווער; מעטאָד פון דער=
קלערן א שווערע זאך אויפן גרונט פון א גרינגער זאך; לאָגישער אויספיר;
קאָנקלוזיע.

קללה (ק ל אָ ל ע) — שעלט=וואָרט; שעלטונג. מערצאָל: קללות (ק ל אָ ל ע ם).

קמצן (ק א מ צ ן) — קארגער. מערצאָל: קמצנים (ק א מ צ אָ נ י ם).

קנאה (ק י נ ע) — נישט=פארגינעריי, צאָרן; אייפערזוכט.

קנם (ק נ א ס) = מאָל — פייערלעכער מאָלצייט ביים שרייבן טנאָים; פארקנסן
— ווערן כאָסן=קאלע, טנאָים שרייבן.

קצב (ק א צ ע וו) — פליישהענדלער, פליישהעקער.

קרבן (ק אָ ר ב ן) — אָפּפער. מערצאָל: קרבנות (ק אָ ר ב אָ נ ע ם).

קרבן=מנחה (ק אָ ר ב ן = מ י נ כ ע) — דאָ: א ווייבערישער סידער.

קרוב (ק אָ ר ע וו) — נאָענט, ביי, אומגעפער, ארום; פריינט; אייגענער, א פא=
מיליע=מיטגליד. מערצאָל: קרובים (ק ר ו י וו י ם).

קשיא (ק א ש ע) — פראגע. מערצאָל: קשיות (ק א ש ע ם).

ר.

ראש־השנה (ר אָ ש ע ש אָ נ ע) — דער יאָנטעוו, פון וועלכן רעליגיעזע יידן רעכענען ניי־יאָר.

רב (ר אָ וו) — רעליגיעזער פירער פון א יידישער געמיינדע, אָדער קאָנגרעגאַ־ציע. מערצאָל: רבנים (ר א ב אָ נ י ם).

רב (ר ע ב, ר א ב) — אַ טיטל, וואָס מע פלעגט ביי יידן צוגעבן צום נאָמען; הער; פארקירצט — ר'; „רבי משה (מ ו י ש ע) מעג, — מאָשקע טאָר נישט“ — וואָס א שיינער באַלעבאָס, א מעיוכעס מעג זיך דערלויבן צו טאָן, דאָס טאָר נישט טאָן קיין פראָסטער מענטש.

רבי (ר ע ב ע) — לערער, גייסטיקער פירער, וועגווייזער; מעלאמעד פון א כיידער; גוטער־ייד, כסידישער רעבע.

רבונו של עולם (ר י ב ו י נ ע ש ע ל א ו י ל ע ם) — האר פון דער וועלט, גאָט.

רגלים (ר אַ ג ל אַ י ם) — פיס (פאַרגרעסערונגס־אויסדרוק).

רגע (ר ע ג ע) — ווייל; סעקונדע; מינוט. מערצאָל: רגעס (ר ע ג ע ס).

רוב (ר אָ וו) — מערהייט; דאָס רוב — מערסטנס, מייסטנס.

רודפֿן (ר ו י ד ע פֿ ן) — פאַרפאָלגן; גערודפֿטער — פאַרפאָלגטער, געיאָגטער.

ריווח (ר יי וו ע ד) — פאַרדינסט.

רוח (ר ו ע ד) — שעד. מערצאָל: רוחות (ר ו כ ע ס).

רוצח (ר ו י צ יי ע ד) — באַנדיט, מערדער; בייזער, שלעכטער מענטש. מערצאָל: רוצחים (ר אָ צ כ י ם).

רחמנות (ר אַ כ מ אָ נ ע ס) — באַרעמהאַרציקייט, דערבאַרעמקייט, מיטלייד; רחמנות־פּנים (ר אַ כ מ אָ נ ע ס ־ פּ אָ נ ע ם) — נעבעכדיק אויסזען; פּנים, מינע, וואָס דערוועקט מיטלייד.

ריח (ר יי ע ד) — גערוך, אַראָמאַט; ריח־ניחוח (ר יי ע ד ־ נ י כ ו י ע ך) — שמעקנדיקער גערוך. מערצאָל: ריחות (ר יי כ ע ס).

רכילות (ר ע כ י ל ע ס) — באַרעדעריי, פאַרשוואַרצונג; פּליאָטקע.

רעש (ר אַ אַ ש) — גערודער, טומל, אויפרודערונג; רעשן (ר אַ אַ ש ן) — רוישן, טומלען.

רפואה (ר ע פ ו ע) — מיטל; הייל־מיטל; רעצעפּט; היילונג, אויסהיילונג; רפואה־שלימה (ר ע פ ו ע ־ ש ל יי מ ע) — פולשטענדיקע אויסהיילונג, היילונג. מער־צאָל: רפואות (ר פ ו ע ס).

רשות (ר ע ש ו ם) — באַוויז; אויפֿזיכט; מאַכט; קאָמפּעטענץ; פֿולמאַכט; דערלויבעניש.

רק (ר אַ ק) — נאָר.

רש"י (ר אַ ש ע) — איניציאַלן פֿון: רבי שלמה יצחקי (ר ע ב ש ל ו י מ ע י י צ כ אָ ק י) — גרויסער געלערנטער, וואָס האָט געמאַכט קאָמענטאַרן צום טאַנאַך און טאַלמוד; אַזוי רופֿט זיך אויך זיין קאָמענטאַר; רש"י מאַכט — רש"י דערקלערט, פֿאַרטייטשט.

רשע (ר אָ ש ע) — שלעכטער, בייזוויליקער מענטש. מערצאָל: רשעים (ר ע ש אָ י ם).

ש.

שאול=תחתיה (ש אָ ל = ט אַ כ ט י ע) — דאָ: גיהענעם.

שאלה (ש יי ל ע) — פֿראַגע. מערצאָל: שאלות (ש יי ל ע ס).

שבועה (ש ו ו ע) — דאָס שווערן; פֿייערלעכער צוזאָג. מערצאָל: שבועות (ש ו ו ע ס).

שבח (ש ו ו אַ ד) — לויב, לויב=געזאַנג; קאָמפּלימענט. מערצאָל: שבחים (ש ו ו אָ כ י ם).

שבעה (ש י ו ו ע) זיצן — דאָס זיצן זיבן טרויער=טעג אויף נידעריקע בענקלעך נאָך אַ פֿאַרשטאָרבענעם.

שבעה מדורי גיהנום (ש י ו ו ע מ ע ד ו ר יי ג ע ה ע נ ע ם) — זיבן אָפּטיילונגען פֿון גיהענעם. געמיינט: שווערע ליידן, פּיין.

שבת (ש אַ ב ע ס). שבת=קודש (ש אַ ב ע ס = ק ו י ד ע ש) — הייליקער שאַבעס, דערהויבענער טאָג; „שבת מאַכן" — אַן אַלט יידיש פֿאָלקס=לידל; שבת=צונאַכטס — נאַכט נאָך שבת.

שד (ש ע ד) — טייוול; באַצייכענונג פֿון אַ ווילד קינד. מערצאָל: שדים (ש יי ד י ם).

שדכן (ש אַ ד כ ן) — פֿאַרמיטלער; דער, וואָס פֿירט אוים שידוכים. מערצאָל: שדכנים (ש אַ ד כ אָ נ י ם).

שהיות (ש י ע ס) מאַכן — זיך פֿאַרזוימען, אָפּשלעפּן.

שוה=בשוה (ש אָ ו ו ע = ב ע ש אָ ו ו ע) זיין — זיין פֿאַרגלייכט; נישט קריגן זיך; זיין אין פֿריינדלעכע באַציונגען.

שוחט (ש ו י כ ע ט) — דער, וואָס קוילעט בהמות און אויפֿעם לויטן יידישן ריטואַל. מערצאָל: שוחטים (ש אָ כ ט י ם).

שוטה (ש ו י ט ע) —נאַר. מערצאָל: **שוטים** (ש ו י ט י ם).

שולמית (ש ו ל אַ מ י ס) — די הויפּט=העלדין פון דער ביבלישער ליבע=פּאָעמע „שיר=השירים“ (ש י ר = ה אַ ש י ר י ם).

שום (ש ו ם) — קיין; וועלכן ס'איז.

שומר ומציל (ש ו י מ ע ר א ו מ אַ צ י ל) זיין — אָפּהיטן און באַשיצן, באַשירמען, ראַטעווען.

שומר=חינם (ש ו י מ ע ר = כ י נ ע ם) — אן אומזיסטער היטער.

שומר=ישראל (ש ו י מ ע ר = יי ס ר אָ ע ל) — דאָ: גאָט.

שומר ישראל, שמור שארית ישראל, ואל יאבד ישראל, האומרים: שמע ישראל (ש ו י מ ע ר יי ס ר אָ ע ל, ש מ ו י ר ש יי ר ע ס יי ס ר אָ = ע ל, וו ע א ל י ו י וו ע ד יי ס ר אָ ע ל, ה א א ו י מ ר י ם: ש מ אַ יי ס ר אָ ע ל) — א פראזע פון א טפילע, וואָס דער טייטש איז: גאָט, היט אָפּ דאָס ביסל איבערגעבליבענע יידן, וואָס זאָגן: שמע ישראל, וואָס גלייבן אין דער איינציקייט פון גאָט.

שונא (ס ו י נ ע) — פיינט. מערצאָל: **שונאים** (ס אָ נ י ם); **שונאת=ציון** (ס אָ נ ע = צ י ע ן) — געמיינט: די יידישע פיינט, אויף זיי געזאָגט.

שופר (ש ו י פ ע ר) — בלאָזהאָרן, מיט וועלכן מע בלאָזט ראָשעשאָנע ביים דאַווענען. מערצאָל: **שופרות** (ש אָ פ ר ע ס).

שור=הבר (ש אָ ר = ה אַ ב אָ ר) — לעגענדארער גרויסער אָקס, צוגעגרייט אויף שפּייז פאר די צאַדיקים אין גאַניידן; באַצייכענונג פון א גראָבן, נארישן מענטש.

שורה (ש ו ר ע) — ריי, צייל; פערז. מערצאָל: **שורות** (ש ו ר ע ס).

שושן=הבירה (ש ו ש ן = ה א ב י ר אָ) — שושן, די רעזידענץ=שטאָט פון פערסיע אין אלטערטום; פארשוינען פון שושן=הבירה — געמיינט: פארשוינען פון דער פורים=מעגילע, אויסגעטראכטע נעמען פון פערזאָנען, וואָס עקזיסטירן נישט.

שותף (ש ו ט ע ף) — מיטבאַטייליקטער, מיטבאזיצער. מערצאָל: **שותפים** (ש ו ט פ י ם).

שותפות (ש ו ט פ ע ס) — מיטבאַטייליקונג, מיטבאזיץ.

שחיטה (ש כ י ט ע) — דאָס אָפּקוילענען; א מאָרד, אן אומגליק: וואָס פאר „יוראָפּ“ איז גוט, איז עס פאר אַמעריקע א שחיטה.

שטות (ש ט ו ס) — נאַרישקייט. מערצאָל: **שטותים** (ש ט ו ס י ם).

שטן (ס אָ ט ן) — טייוול, פארפירער.

שידוך (ש י ד ע ד) — פאַרבינדונג; פאַרבינדונג פון כאָסן־קאַלע. מערצאָל: שידוכים (ש י ד וכ י ם).

שייך (ש יי ע ך) — באַלאַנגט, געהערט; באַציט זיך; וואָס איז דאָ שייך? — געמיינט: וואָס איז דאָ צו רעדן.

שייכות (ש יי כ ע ס) — צוזאַמענהאַנג; באַציונג; פאַרהעלטעניש; אָנגעהערי־קייט; געמיינזאַמס.

שי״ן (ש י ן) — דאָס 21־טע אות (אָ ס) פון העברעישן און יידישן אַלפאַבעט.

שיעור (ש י ע ר) — מאָס, צאָל.

שכל (ס יי כ ל) — פאַרשטאַנד, קאָפּ, געדאַנק, לאָגיק.

שכן (ש אָ כ ן) — מיטוווינער; דער, וואָס וווינט נאָענט; לאָקאַטאָר. מערצאָל: שכנים (ש כ יי נ י ם).

שכנה (ש כ יי נ ע) — דאָס אייגענע וואָס שכן אין באַצוג צו א פרוי. מערצאָל: שכנות (ש כ יי נ ע ס).

שלום־מאיר (ש אָ ל ע ם ־ מ יי ע ר).

שלום (ש אָ ל ע ם) — פרידן. געוואָרן צוריק שלום — זיך איבערגעבעטן.

שלום ושלווה (שאָ ל ע ם ו ע ש אַ ל ו ע) — פרידן און רו, שטיל און רואיק.

שלום־עליכם (ש אָ ל ע ם ־ אַ ל יי כ ע ם) — אַן אַלטע יידישע באַגריסונגס־פאָרמולע ביים באַגעגענען און געבן זיך די האַנט; אַריינרוקן אַ שלום־עליכם — באַגריסן מיט אַ האַנט־דרוק.

שלום בבית, משכון בקעשענע (ש אָ ל ע ם ב א ב א י ם, מ א ש ק ן ב ע ק ע ש ע נ ע) — פאַרגרייזט, פאַרדרייט פונעם שפּריכוואָרט: משכון בבית — שלום בקעשענע. געמיינט: אַז דער מאַשקן איז אין שטוב, איז וויל צו דער קעשענע.

שלושים, שלשים (ש ל ו י ש י ם) — די דרייסיק טרויער־טעג נאָך אַ פאַר־שטאָרבענעם.

שליח (ש ל י ע ך) — קוריער; געשיקטער; דעלעגירטער. מערצאָל: שליחים, שלוחים (ש ל י כ י ם, ש ל ו כ י ם).

שליחות (ש ל י כ ע ס) — גענג; מיסיע, אויפגאַבע.

שלימזל (ש ל י מ א ז ל) — אומגליק; נישט־געראָטענער; נישט־טויגלעכער.

שלל (ש ל אַ ל) — אַ סאַך; אַ גרויסע סומע; אַ הויפן.

שלמה (ש ל ו י מ ע).

שלמה־המלך (ש ל ו י מ ע ־ה א מ ע ל ע ך) — ביבל־פערסאָנאַזש, דער יידי־שער קעניג שלמה, וואָס איז געווען באַרימט מיט זיין גרויס קלוגשאַפט; ער איז אַ שלמה־המלך — ער איז זייער אַ קלוגער מענטש.

שם (ש ע ם) — נאָמען; **שמן** (ש ע מ ע ן) — האָבן א נאָמען, זיין באַרימט.

שמדן (ש מ א ד ן) — איבערפירן יידן אויף אן אנדערן גלויבן. מעטאפאָריש: פּויזשן און איבערצייגונג, מיינונג, בייטן איגטערעסן.

שמונה־עשרה (ש מ ע נ ע ס ר ע) — אזא טפילע, וואָס ווערט געזאָגט שטיל און שטייענדיקערהייט.

שמחה (ס י מ כ ע) — פרייד.

שמעון־דוד (ש י מ ע ן ־ ד אָ ו י ד).

שמש (ש א מ ע ס) — באַדינער אין בעסמעדרעש, שול, ביים ראָוו, ביי דער יידישער רעליגיעזער געמיינדע; **שאַלאַטן־שמש** — מעשאָרעסל, אומזיסטער שעליעד, שיק־ייִנגל.

שנאה (ס י נ ע) — פיינטשאַפט.

שעה (ש אָ) — שטונדע; צייט; אויף דער הייסער **שעה** — אויף דער הייסער מינוט, ווי לאַנג ס'איז פאַראַן א געלעגנהייט.

שעטנז (ש א ט נ ע ז) — שטאָף, געמישט פון וואָל און פלאַקס, וואָס איז לויט דער יידישער רעליגיע פאַרבאָטן צו באַנוצן. דאָ: א שטערונג; איין שטיקל שעטנז איז דאָ יאָ פאַראַן; איך בין פאַר אייך א שעטנז — א שטערונג, אומטויגלעך.

שפיכת־דמים (ש פ י כ ע ס ־ ד אָ מ י ם) — בלוט־פאַרגיסונג; שווערע באַליי־דיקונג; האַרצווייטיק.

שקר (ש ע ק ע ר) — ליגן; **שקר וכזב** (ש ע ק ע ר ו ע ק אָ ז ע ו) — פאַלש און ליגן. מערצאָל: **שקרים** (ש ק אָ ר י ם).

שרה־ברכה (ס אָ ר ע ־ ב ר אָ כ ע).

שריד־ופליט (ס אָ ר י ד ־ א ו פ אָ ל ע ט) — אן איבערבלייבעניש, א רעשט, אַ צייכן, א שפּור.

שריפה (ס ר יי פ ע). מערצאָל: **שריפות** (ס ר יי פ ע ס).

שררה (ס ר אָ ר ע) — מאַגנאַט, פּאָריץ; הויכגעשטעלטע פערזענלעכקייט. מערצאָל: **שררות** (ס ר אָ ר ע ס).

ששון־ושמחה (ס אָ ס ן ־ ו ע ס י מ כ ע) — גרויסע פרייד; לוסטיק און פריילעך.

ת.

תהילים (ט י ל ע ם) — בוך פון רעליגיעזע דיכטונגען; קליין־תהילים — געמיינט: קאָרטן.

תוכחה (ט ו י כ ע כ ע) — א קאַפּיטל אין כומעש, וואָס באַשטייט דורכויס פון קלאָלעס; עס זאָל אויף אים קומען די **תוכחה** — עס זאָל אויף אים קומען אַלע שווערע פאַרשעלטונגען, שטראָפן, וואָס זענען אויסגערעכנט אין דער תוכחה.

תורה (ט ו י ר ע) — לערע; **תורת=משה** (ט ו י ר ע ס = מ ו י ש ע) — די לערע פון משהן; די באַצייכענונג פון א זאַך, וואָס קאָן נישט ווערן אָפּגע=פרעגט.

תושב (ט ו י ש ע וו) — שטענדיקער, איינגעזעסענער איינוווינער; היימישער. מערצאָל: **תושבים** (ט אָ ש וו י ם).

תחילת (ט כ י ל ע ס) — פון אָנהייב.

תחית=המתים (ט כ י ע ס = ה א מ יי ס י ם) — ווידערגעבורט, אויפלעבונג; דאָס ווידעראויפלעבן פון די טויטע.

תחנון (ט א כ נ ע ן) — געבעט; א טפילע צו זאָגן ביים דאַווענען בלויז אין די וואָכעדיקע טעג; **תחנון זאָגן** — דאָ: שטאַרק בעטן עמעצן.

תחנונים (ט א כ נ ו נ י ם) **רעדן** — רעדן געבעטעריק, בעטנדיק.

תחתונים (ט א כ ט ו י נ י ם) — הויזן.

תיכף (ט יי ק ע ף) — גלייך, באַלד; שוין; **תיכף ומיד** (ט יי ק ע ף א ו = מ י א ד) — גלייך, די מינוט; אָן אָפּהאַלט.

תירוץ (ט ע ר ע ץ) — אויסרייד, פּרעטעקסט; פאַרענטפערונג. מערצאָל: **תירוצים** (ט ע ר ו צ י ם).

תכלית (ט א כ ל ע ס) — זין; צוועק; רעזולטאַט; לעבנס=ציל.

תל (ט ע ל) **מאַכן** — פאַרוויסטן, פאַרניכטן; **תל ווערן** (צ ע ש ט ע ר ט ווערן).

תליה (ט ל י ע) — הענקער=קלאָץ, סלופּ צו הענגען פאַרברעכער.

תלמודיסט (ט א ל מ ו ד י ס ט) — קענער פון טאַלמוד.

תלמיד (ט א ל מ ע ד) — שילער; כיידער=ייִנגל. מערצאָל: **תלמידים** (ט אַ ל = מ י ד י ם).

תמוז (ט א מ ו ז) — צענטער מאָנאַט אין יאָר (יוני — יולי), דער הייסעסטער מאָנאַט.

תמיד (ט אָ מ י ד) — שטענדיק; אייביק.

תמעוואַטע (ט א מ ע וו א ט ע) — נאַריש; **ער מאַכט זיך תמעוואַטע** — ער מאַכט זיך נאַיוו, גלייך ווי ער פאַרשטייט גאָרנישט.

תנאי (ט נ א י) — פונקט, באדינג. מערצאָל: תנאים (ט נ אָ י ם).

תנאים (ט נ אָ י ם) — שריפטלעכער אָפּמאַך צווישן כאָסן־קאַלע.

תנועה (ט נ ו ע) — זשעסט, אָנשטעל, שטיק. מערצאָל: תנועות (ט נ ו ע ס).

תענוג (ט א נ ו ג) — פאַרגעניגן, געַנוס. מערצאָל: תענוגים (ט א נ ו ג י ם).

תענית (ט א נ ע ס) — פאַסט־טאָג. מערצאָל: תעניתים (ט אַ נ יי ס י ם).

תפילה (ט פ י ל ע) — געבעט; דאָס דאַווענען.

תפילין (ט פ י ל ן) — לעדערנע שיידלעך, אין זיי — געוויסע פראַגמענטן פון דער ביבל אויף פאַרמעט; לייגן תפילין — רעליגיעזער ריטואַל פאַר מאַנצבילן פון 13 יאָר אָן, אָנצוטון ביים דאַווענען טפילן.

תקיעת־כף (ט ק י ע ס ־ ק א ף) — פייערלעכער צוזאָג דורך געבן די האַנט.

תשובה (ע נ ט פ ע ר.

אינהאלט:

	זייט
נע־וגד	5
פארטייטשונגען פון די ענגלישע ווערטער	282
ווערטער־ביכל און פארטייטשונגען	284